STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06849

DI VELT FUN AVRAHAM

Hyman Grushkin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



דר. חיים גרושקין

די וועלט פון אברהם

אַרכעאָלאָגיע
געשיכטע
לעגענדע

בדפוס ובהוצאת
האחים שולזינגר נו-יורק

תשכ״ו — 1966

DIE VELT FUN AVROHOM

(The World of Abraham)

By Dr. Hyman Grushkin

Copyright 1966 by
DR. HYMAN GRUSHKIN
1355 Grand Concourse
Bronx, N. Y. 10452

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

Printed in U.S.A. by
SHULSINGER BROS., INC.
21 East 4th Street, New York, N. Y. 10003

253

אין אָנדענק פון
מיין פאָטער

ר׳ אהרן־דוד, ז״ל



אברהמ'ס וואַנדערונגען
חיתים (בני־חת)
כרכמיש
פדן־ארם
חרן
בעליכ׳
חלב
נינוה
כלח
נוזי
ארם־נהרים
חדקל (טיגריס)
תדמר
קאפרים
ים הגדול
מיטללענדישער ים
מארי
פרת (אופראט)
עילם
דמשק
שושן
סירישער
מדבר
בבל
שכם
בית־אל
ניפור
סומער (שנער)
חברון
באר־שבע
גושן
אור־(כשדים)
ערידו
מצרים
נגב
נילוס
סיני
פערסישער ים־בוכטע

אינהאלט

1. אברהם אבינו — לעגענדע אדער געשיכטע? 9

(אריינפיר)

2. די וועלט אין וועלכער אברהם האט געלעבט 47

(ביאגראפישע דערציילונג)

א) דאס לאנד פון די סומעריער, וואו אברהם איז געבוירן געווארן. — ב) די „בני־שם" פון וועלכע אברהם האט גע־שטאמט. — ג) די תקופה אין וועלכער אברהם איז געבוירן און דערצויגן געווארן. — ד) „בני־עבר" — דער שטאם־שבט פון עברים־פאלק. — ה) אברהם צעברעכט די סומערישע גע־טער. — ו) אברהם און זיין „אחד"־מחנה רעוואלטירן קעגן נמרוד'ן. — ז) דער בבל־טורעם, אקאדישע ציוויליזאציע און קולטור. — ח) אברהם אין פדן־ארם — אין לאנד פון די „בני־עבר". — ט) אברהם דערהערט א רוף פאר א געטלעכער שלי־חות. — י) אברהם פארלאזט זיין פאטערלאנד און פאטער'ס הויז. — יא) די „בני־עבר" פון יקטן־צווייג. — יב) אברהם אין מלחמה מיט פיר גרויסע מלכים. — יג) די ציוויליזאציע און קולטור פון מצרים אין די טעג פון אברהם. — יד) אברהם שליסט קעגנזייטיקע אפמאכן מיט די אמורים, חיתים, פלשתים און מיצרים. — טו) דאס עברים־פאלק באזעצט זיך אין דעם לאנד פון דעם נגב. — טז) אברהם און יצחק אין דעם עקדה־געראנגל. — יז) דער כורת ברית צווישן דעם עברים־פאלק און זיין גאט יהוה.

3. ארכעאלאגישע אויפקלערונגען און ביבליאגראפיע . . 299

4. ארכעאלאגישע בילדער

5. מאפע פון אברהמ'ס וואנדערונגען 6

שִׁמְעוּ אֵלַי רֹדְפֵי צֶדֶק מְבַקְשֵׁי יְהוָה הַבִּיטוּ אֶל־צוּר
חֻצַּבְתֶּם וְאֶל־מַקֶּבֶת בּוֹר נֻקַּרְתֶּם׃ הַבִּיטוּ אֶל־אַבְרָהָם
אֲבִיכֶם וְאֶל־שָׂרָה תְּחוֹלֶלְכֶם כִּי־אֶחָד קְרָאתִיו וַאֲבָרְכֵהוּ
וְאַרְבֵּהוּ׃

הערט מיר צו, איר וואָס יאָגט זיך נאָך גערעכטיקייט, איר וואָס זוכט גאָט. קוקט אויף דעם פעלז פון וואַנען איר זייט אויסגעהאַקט, און אויף דעם ברונעמגרוב פון וואַנען איר זייט אויסגעגראָבן; קוקט אויף אַברהם אייער פאָטער, און אויף שרה וואָס האָט אייך געבאָרן; הגם איינער, האָב איך אים גערופן, כדי איך זאָל אים בענטשן און זאָל אים מערן.

(ישעיה, נ״א, א׳)

אַברהם אָבינו — לעגענדע אָדער געשיכטע?

(אַריינפיר)

ווען און וואו האָט זיך אָנגעהויבן די געשיכטע פון אידישן פאָלק? האָט זיך די פאַקטישע אידישע געשיכטע אָנגעהויבן אין אור־כשדים מיט אַברהם אָבינו? אין מצרים מיט משה רבנו? אין כנען מיט שאול המלך? אָדער גאָר אין יהודה מיט עזרא און נחמיה? איז דער חומש נאָר אַ זאַמלונג פון כתבי־קודש, הייליקע שריפטן, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן צו משה׳ן אויפן באַרג סיני, אָדער אויך אַן אַנזאַמלונג פון היסטאָרישע דאָקומענטן וועגן דעם געבורט און אַנטוויקלונג פון אידישן פאָלק? זיינען די אָבות־מעשיות בכלל טעאָלאָגישע לעגענדעס, אָדער פאַר־צייכענונגען פון אמת׳ע געשיכטלעכע פּאַסירונגען? איז די דערציילונג וועגן אַברהמ׳ען בלויז אַ לעגענדע, אָדער אַ רעאַלע באַשרייבונג וועגן דעם לעבן פון ערשטן עברי, דער פאָטער פון אַלע עברים? [1]

וועגן אָט די פראַגן זיינען שוין אָנגעשריבן געוואָרן אַ שלל מיט ספרים, ביכער און אָפּהאַנדלונגען. רעליגיעזע דענקער, מפרשים און דרשנים, ביבל־פאָרשער, ביבל־קריטיקער און היסטאָריקער האָבן אויפגעשטעלט אַן אַ צאָל שיטות, טעאָריעס און סיסטעמען פאַר און קעגן דער היסטאָרישקייט פון חומש בכלל און וועגן דיווירקלעכע געשעענישן פון די אָבות־מעשיות בפרט.

צוליב דעם פּאָעטישן סטיל פון תנ״ך און צוליב דעם צמצום׳דיקן אופן ווי די אָבות־מעשיות ווערן דערציילט, זיינען אַ סך שטעלן אין בראשית געוואָרן אומפאַרשטענדלעך און די געניאַלע מפרשים האָבן געזוכט קלאָר צו

מאַכן זייער פּשט; צוליב די מאַגערע היסטאָרישע ידיעות וועגן דער תקופה אין וועלכער אַברהם האָט געלעבט, האָבן אויך היסטאָריקער פּרובירט אויפ־שטעלן טעאָריעס און שיטות, וואָס האָבן געזאָלט קלאָר מאַכן די געשעענישן פון יענע אור־אַלטע צייטן. דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען נישט מער ווי אַב־סטראַקטע השערות, אָן וועלכער ס'איז היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכער באַזע, אויף וועלכער זיי זאָלן זיך קאָנען אָנשפּאַרן.

ביז נישט לאַנג צוריק האָבן היסטאָריקער און ביבל־פאָרשער געהאַט אַ רעכט צו מיינען, אַז די מעשיות וועגן אַברהמ'ען זיינען בלויז לעגענדעס. ווען מ'האָט נישט געוואוסט וואו און ווען אַברהם איז געבוירן און דער־צויגן געוואָרן; צווישן וועלכע פעלקער און אונטער וועלכע קולטורן אַברהם האָט געלעבט, האָבן דעמאָלט אַלערליי „ביבל־פּאַרטייטשער" געהאַט אַ פרייע האַנט אויסצוטייטשן די אָבות־מעשיות ווי אַזוי ס'איז זיי געפעלן. געוויינלעך האָבן זיי אויסגעטראַכט נייע לעגענדעס קלאָר צו מאַכן די אַלטע און אָפט נאָך מער פאַרפּלאָנטערט דעם פּשוט'ן פּשט און מער פאַרטונקלט די חומש־שילדערונגען וועגן דעם לעבן פון אַברהם אָבינו און וועגן דעם געבורט פון עברים־פאָלק.

ערשט מיט דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער אַרכע־אָלאָגישער וויסנשאַפט [2]) אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר האָט זיך לגמרי געענדערט דער צוגאַנג צו דער פאָרשונג און אָפּשאַצונג פון די אָבות־מעשיות אין תנ"ך. די גרויסע צאָל וויכטיקע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען וואָס זיינען שוין ביז איצט געמאַכט געוואָרן אין מעסאָפּאָטאַמיע (אַרם־נהרים), מצרים (עגיפּטן) און ישראל און די טויזנטער דאָקומענטן, מאָנומענטן, ליימענע טאָוולען און שערבלעך מיט שריפטלעכע פאַרצייכענונגען, וואָס זיינען אַנט־דעקט געוואָרן אין די טיפענישן פון דער ערד, האָבן פולשטענדיק רעוואָלו־ציאָניזירט די מעטאָדן פון ביבל־פאָרשונג. די אַרכעאָלאָגישע וויסנשאַפט וואַרפט אַ גאַנץ נייַ ליכט אויף דער היסטאָרישקייט פון די אָבות־מעשיות און וועיזט־אָן געניי ווען און וואו, די צייט און דאָס אָרט, וואו די געשעענישן זיינען פאָרגעקומען.

פון די אַרכעאָלאָגישע געפינסן הויבן זיך אָן ביסלעכווייז אויסצושיילן אַלץ מער און מער ממשות'דיקע באַווייזן, אַז די מעשיות אין חומש זיינען נישט קיין אויסגעטראַכטע לעגענדעס, ווי אַ סך היסטאָריקער האָבן ביז איצט גע־מיינט, נאָר אַז דאָס זיינען אמת'ע געשיכטלעכע געשעענישן. די געשטאַלטן פון אַברהם, יצחק און יעקב הויבן־אָן צו דערשיינען פאַר אונז ווי לעבעדיקע, היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן. מיט יעדער נייער אַרכעאָלאָגישער אויסגראָ־בונג ווערט אַלץ גרעסער די צאָל דאָקומענטן, וואָס ווייזן, אַז די געשיכטע פון

אידישן פאָלק הויבט זיך נישט אָן אין מצרים און נישט אין כנען, נאָר אויף די פרייע וואַנדער־וועגן צווישן דעם ים־הגדול (מיטללענדישער ים) און די טייכן פרת און חדקל, און עס הויבט אָן קלאָר ווערן, אַז אַברהם איז אַ ממשותדיקע היסטאָרישע געשטאַלט, וועלכער האָט געלעבט אין אַ באַשטימטער תקופה אין דער וועלט־געשיכטע און איז פאַקטיש געווען דער ערשטער עברי, דער פאָטער פון אַלע עברים.

פון די ניי־געפונענע אַרכעאָלאָגישע דאָקומענטן דערוויסן מיר זיך, אַז די געשיכטע פון אַ סך אוראַלטע פעלקער האָט זיך אָנגעהויבן אַרום אַ קולט פון אַ גאָט, אָדער אַ פּאַנטעאָן פון אַ סך געטער. דאָס איז געווען די געשיכטע פון סומער (שנער), באַבילאָניע (בבל), אַסיריע (אַשור), מצרים און אַ סך אַנדערע פעלקער פון אַברהמ׳ס צייטן. אַ שבט אָדער אַ צאָל שבטים האָבן זיך פאַראייניקט אַרום אַ גאָט, אַרום אַ טעמפּל, אַרום דער שטאָט וואו זיי האָבן זייער טעמפּל אויפגעשטעלט, און האָבן זיך אַנטוויקלט אין אַן אייגנאַרטיק פאָלק, וואָס האָט געלעבט אַנדערש ווי אַלע אַנדערע אַרומיקע פעלקער. דאָס נייע פאָלק האָט ביסלעכווייז אַנטוויקלט אַ לעבנס־שטייגער, וואָס איז געווען אין איינקלאַנג מיטן גייסט פון זיין גאָט אָדער געטער, און איז כסדר באַווירקט געוואָרן פון דער קולטור און מאָראַל, וואָס זיין טעמפּל און זיינע פּריסטערס האָבן פאַרהייליקט. אַזוי האָט זיך אויסגעפורעמט אַ ניי פאָלק.

מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אַרכעאָלאָגישער וויסנשאַפט הויבט־אָן קלאָר ווערן, אַז אויף אַן ענלעכן אופן איז אויך אַנטשטאַנען און זיך אַנטוויקלט דאָס עברים־פאָלק. פון די אויסגעגראָבענע אַרכעאָלאָגישע דאָקומענטן דערוויסן מיר זיך, אַז שוין אין אַ צייט, וואָס איז אַ סך עלטער ווי די אַברהם־תקופה, האָבן אַרומגעוואַנדערט צווישן ים־הגדול (מיטללענדישער ים) און די טייכן פרת (אופראַט) און חדקל (טיגריס) שעמיטישע שבטים. צווישן זיי האָבן זיך שטאַרק אָנגעזען די „בני־עבר״־שבטים, די אָפּשטאַמער פון עבר, אור־אייניקל פון שם. צוליב זייער אויסערגעוויינלעכער העלדישקייט און שטענדיקער גרייטקייט זיך קעגנצושטעלן יעדן מין אונטערדריקונג, האָבן די איינגעזעסענע פעלקער גערופן די „בני־עבר״ מיטן נאָמען, אָדער צונאָמען, „האַבירו״, „עפּירו״ און „אמורי״ [3]). פריער האָט מען געמיינט, אַז דאָס זיינען געווען וואַנדערנדיקע „עברים״־שבטים. וואָס מער מען באַקאָנט זיך אָבער מיט די געשעענישן פון יענער תקופה, אַלץ מער ווייזט זיך אַרויס, אַז די ערשטע עברים האָבן טאַקע געשטאַמט פון די „בני־עבר״, אָבער די „בני־עבר״ זיינען נאָך קיין עברים נישט געווען. דאָס אויפקומען פון עברים־פאָלק („עם עברי״) האָט זיך ערשט אָנגעהויבן מיט אַברהמ׳ס דערקענטעניש פון דעם גאָט יהוה. אַרום אָט דעם גאָט און אַרום אַברהמ׳ס געטלעכע אידייען פון אַ ניי לאַנד און אַ

יהוה־טעמפּל, וואָס זאָל זיין אַ „אור לגויים“ (אַ לייכט־טורעם פאַר אַלע פעלקער), האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אַ נײַ פאָלק מיט אַן אייגנאַרטיקער מאָראַל און קולטור [4]).

ווען דער באַרימטער בריטישער אַרכעאָלאָג סער טשאַרלס לעאָנאַרד וואולי האָט אין 1927 אויסגעגראָבן אַברהמ׳ס געבורט־שטאָט אור־(כשדים [5]) מיט אירע גאַסן, הייזער און טעמפּלען, האָט ער מיט פרייד און גרויס באַגייסטערונג אויסגערופן:

„מיר וועלן איצט מוזן ענדערן אויף אַ ראַדיקאַלן אופן אונזער בליק אויף דער געשיכטע פון דעם עברים־פּאַטריאַרך אַברהם. דאָס געפינען די שטאָט אור וואַרפט אַ נײַ ליכט אויף דער אידישער טראַדיציאָנעלער געשיכטע וועגן אַברהמ׳ען און צווינגט אונז צו ענדערן אונזער ביז־איצטיקע מיינונג וועגן די אָבות־מעשיות פון תנ״ך. עס איז איצט לכל־הפּחות פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אַזאַ שטאָט האָט עקזיסטירט.

„אַברהם דערשיינט פאַר אונז איצט נישט ווי אַן אַראַבישער שעיך, ווי ער ווערט געשילדערט אין חומש, נאָר פון אונטער זיין בעדואינישן מאַנטל דערזעען מיר אַברהמ׳ען ווי אַן אַנטוויקלטן מענטשן, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַ גרויסער ציוויליזירטער שטאָט. ער איז געווען אַ בירגער פון אַ קעניגלעכער הויפּט־שטאָט און האָט זיך דערצויגן מיט טראַדיציעס פון אַן אַלטער און הויך־אַנטוויקלטער ציוויליזאַציע. מיר האָבן געפונען גענוג באַווייזן וואָס שטעלן־פעסט, אַז די מאַגערע שילדערונגען אין תנ״ך וועגן אַברהמ׳ס לעבן איז אַ פאַרצייכענונג וועגן אַן אמת־היסטאָרישער געשעעניש. להיפּוך צו דער אומקלאָרער דערציילונג אין תנ״ך, וואָס גיט אונז נישט קיין שום ידיעות וועגן דער פענאָמענאַלער פערזענלעכקייט, וואָס האָט אויפגעשטעלט אַ נײַ פאָלק, און דערציילט אונז כמעט גאָרנישט פון זיין אייגענער פערזענלעכער פאַרגאַנגענהייט, דערוויסן מיר זיך איצט וועגן אַברהמ׳ס פּלאַץ אין אַ ראַציאָנעלן פּראָצעס פון עוואָלוציע. מיר קאָנען איצט אָפּשאַצן זיין כאַראַקטער און זיינע דערגרייכונגען לויט דעם איינפלוס, וואָס עס האָט אויף אים געהאַט זיין דערציאונג אין אור־(כשדים“ [6])

דער אָנערקענטסטער אַרכעאָלאָגישער געלערנטער און היסטאָריקער, וויליאַם פאַקסוועל אָ ל ב ר אַ י ט, זאָגט אין זיין באַרימט ווערק: „פון דעם שטיין־פּעריאָד ביזן קריסטנטום“:

„די אַרכעאָלאָגישע אַנטדעקונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן ווען מ׳האָט אויסגעגראָבן די אוראַלטע שטאָט מאַרי ביי די ברעגן פונעם טייך פּרת (אויפראַט), האָבן אויף אַן איבעראַשנדיקן אופן באַשטעטיקט די אידישע טראַדיציאָנעלע געשיכטע, לויט וועלכער די אָבות פון די עברים זיינען געקומען

קיין ארץ־ישראל פון חרן, אין צפון־מזרח׳דיקן טייל פון מעסאָפּאָטאַמיע... דאָס איבערוואַנדערן פון אור־כשדים קיין חרן, ווען די סומערישע הויפּט־שטאָט אור איז צעשטערט געוואָרן דורך די עילם־שבטים, אַרום 1950 פאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג, ווייזט־אויס צו שטימען מיט דער אידישער טראַדיציע... לויט די אויסגראָבונגען איז חרן געווען אַ בליענדיקע שטאָט אין ניינצנטן און אַכצנטן יאָרהונדערט פאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג.

„די שטאָט נחור (נאַקירי) ווערט אָפט דערמאָנט אין די מאַרי־אויסגראָבונגען ווי אין די שפּעטערדיקע „מיטל־אַסירישע" דאָקומענטן. עס זעט אויס, אַז די שטאָט איז געשטאַנען נישט ווייט פון חרן אין דעם בעליקי־טאָל. אויסער די פּאַטריאַרכאַלישע שטעט חרן און נחור אין צפון־מערב פון ארם־נהרים (מעסאָפּאָטאַמיע), האָבן מיר איצט נישט קיין סך קלענערע באַווייזן אין נעמען פון שטעט אין דער געגנט פון חרן, וואָס דערמאָנען נעמען פון אברהמ׳ס אור־עלטערן, ווי שרג (סאַרוגי, סערוג); תרח (תל־תאַרוכי) פלג און רעו, וואָס זיינען שפּעטער געווען שטעט אין מיטל־פרת טאָל.

„אויסער די זיכערע, און וואַרשיינלעכע, געאָגראַפישע פאַרבינדונגען צווישן די עברים־אָבות און זייער טראַדיציאָנעלער היים אין פּדן־אַרם (פלעין פון אַרם) האָבן מיר אויך אַ שלל פון אַנדערע דאָקומענטן, וואָס ווייזן, אַז די אָריגינעלע היים פון עברים־פאָלק איז געווען צפון־מעסאָפּאָטאַמיע"[ז]).

דער באַרימטער אַרכעאָלאָג סיירוס ה. גאָרדאָן זאָגט, אַז:

„אין דעם היסטאָרישן קערנדל פון די פּאַטריאַרכאַלישע דערציילונגען קאָן מען מער נישט צווייפלען, פונקט ווי מען קאָן מער נישט צווייפלען אין דער היסטאָרישקייט פון דער טראָיאַנער מלחמה פון האָמער׳ס „איליאַד". צו שרייבן געשיכטע אין אַן עפּישער פאָרם איז דעמאָלט געווען אַ מנהג... ווען אַברהם איז אַרויס פון אור אויפן וועג קיין כנען איז ער געווען אַ טייל פון אַ מאַסן־אימיגראַנטישער באַוועגונג. אַברהם איז מער היסטאָריש ווי וועלכער ס׳איז איינציקער מענטש קאָן זיין, ווייל ער שטעלט מיט זיך פאַר אַ גרויסע היסטאָרישע געשעעניש"[זא]).

די אידיש־רעליגיעזע פילאָזאָפן האָבן מיטן כח פון זייער שטאַרקער אמונה אַלע מאָל געגלויבט, אַז אַלץ וואָס ס׳איז פאַרשריבן אין דער תורה איז אמת, און מיטן כח פון „היסטאָרישן רוח־הקודש" האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז די מעשיות אין בראשית וועגן אַברהמ׳ס וואַנדערונגען, רעוואָלוציעס און מלחמות זיינען אמת׳ע היסטאָרישע פאַרצייכענונגען.

וועגן דער תקופה אין וועלכער אַברהם האָט געלעבט זאָגט דער רמב״ם:

„... צווישן די מענטשן זיינען אויפגעשטאַנען פאַלשע נביאים און זיי איינגערעדט צו דינען צו די שטערן און צו די פאַרשידענע בילדער, אויסגעשניצט

פון האָלץ און אויסגעהאַקט פון שטיין... די פּריסטערס פון די פאַלשע געטער האָבן איבערגערעדט די מענטשן, זיי זאָלן זיך בוקן און מקריב זיין קרבנות צו זייערע געטער. ס'איז נישט געווען קיין איין מענטש, וואָס זאָל דערקענען דעם באַשעפער פון אַלע וועלטן... ביז ס'איז געבוירן געוואָרן דער זייל פון דער וועלט — און דאָס איז אַברהם אָבינו... ער האָט געשטודירט, געפאָרשט און אויסגעפונען, אַז ס'איז דאָ נאָר איין גאָט, וואָס האָט אַלץ באַשאַפן, און ס'איז נישטאָ קיין אַנדער גאָט חוץ אים... אַברהם איז אַלט געווען פערציק יאָר, ווען ער האָט דערקענט זיין באַשעפער. ער האָט גערופן די איינוואוינער פון אור־כשדים, זיי זאָלן צעברעכן די פאַלשע געטער און דינען נאָר דעם אמת'ן און איינציקן גאָט... ווען אַברהמ'ס רייד האָבן אָנגעהויבן ווירקן אויף אַ סך איינוואוינער אין אור־כשדים, האָט דער מלך אים געוואָלט הרג'ענען. אַברהם איז אַוועק קיין חרן און פון דאָרטן גערופן צו דער גאַנצער וועלט און געזאָגט: אַז ס'איז דאָ נאָר איין גאָט, וועלכן אַלע מענטשן דאַרפן דינען.

„אַברהם איז געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד און גערופן די מענטשן צו דינען דעם איין־און־איינציקן גאָט... אַרום אים האָבן זיך אַרומגעקליבן טויזנטער און צענדליקער טויזנטער, וואָס האָבן אויפגעשטעלט אַברהמ'ס הויז, וואו אַברהם האָט אין זיי איינגעפלאַנצט די עיקרים וועגן גאָט און זיינע געבאָטן. אַברהם האָט דאָס פאַרשריבן אין ספרים און זיי איבערגעגעבן צו זיין זון יצחק, און יצחק האָט זיי איבערגעגעבן צו זיין זון יעקב, און יעקב האָט אויסדערוויילט דעם שבט לוי[6], אַז ער זאָל לערנען דעם פאָלק גאָטס וועגן און די געבאָטן פון אַברהמ'ען. אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן איין פאָלק, וואָס האָט זיך באַהאַפטן מיטן איינציקן גאָט... צוליב גאָטס ליבשאַפט צו זיין פאָלק ישראל און צוליב זיין ווילן אָפּצוהיטן די שבועה, וואָס ער האָט געגעבן צו אַברהם אָבינו, האָט ער געמאַכט משה'ן פאַר דעם רבי'ן פון אַלע נביאים און פאַר זיין שליח..."[6]

דער רמב"ם באַהאַנדלט דעם ענין אַברהם אויך פון אַ ריין־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט און זוכט צו באַווייזן, אַז אַברהם איז אַ היסטאָרישע פּערזענלעכקייט. ער ברענגט פאַר דעם אויסצוגן פון אַלטע געשיכטע־ספרים:

„ס'איז באַקאַנט, אַז אַברהם איז געבוירן געוואָרן צווישן דעם צאַבה־פאָלק. מיר האָבן זייערע ספרים און אויך אַן אַלטע געשיכטע פון זייער לאַנד, וואָס זיינען איבערזעצט אין אַראַביש. דאָרט ווערט בפירוש געזאָגט, אַז זיי גלויבן, אַז די זון פירט דעם גאַנצן אוניווערז, אַלץ וואָס איז אויבן און אַלץ וואָס איז אונטן. אַברהם איז געבוירן געוואָרן אין כותא. ווען אַברהם איז עלטער געוואָרן איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן דעם גלויבן אין די שטערן און האָט דערקלערט, אַז ס'איז דאָ אַ גרויסער גאָט, וואָס פירט די זון. די פּריס־

טערס פון כותא האָבן אָנגעוויזן אויף דעם גרויסן כח, מיט וועלכן די זון באַווירקט דעם אוניווערז. אויף דעם האָט אַברהם געענטפערט, אַז די זון איז געליכן צו אַ האַק אין די הענט פון אַ האָלץ־העקער.

„אַברהמ׳ס געדאַנקען זיינען געווען געפערלעך פאַר דעם הערשער פון לאַנד, און ער האָט אַריינגעזעצט אַברהמ׳ען אין תפיסה. אַברהם האָט אָבער נישט געשוויגן און אויך פון דער תפיסה האָט ער פאַרשפּרייט זיינע גאָט־אידייען און זיין אַפּיקורסות אין די שטערן־געטער. דער קעניג האָט מורא געהאַט, אַז אַברהם וועט אַראָפּפירן פון וועג זיינע גלויביקע און געהאַרכזאַמע אונטערטאַנער און וועט אומברענגען זיין קעניגרייך; האָט ער באַפוילן אַרויס־צוטרייבן אַברהמ׳ען פון לאַנד. מ׳האָט ביי אַברהמ׳ען צוגענומען זיין גאַנץ פאַרמעגן און אים פאַרטריבן קיין כנען״.

דער רמב״ם גיט־צו: „דער גאַנצער ענין איז אויך פאַרשריבן אין דעם ספר ׳עבודת האכזרים המצרים׳, און ס׳איז ביי מיר נישטאָ קיין צווייפל, אַז ווען אַברהם האָט אַטאַקירט די רעליגיעס פון אַלע מענטשן אין זיין צייט, האָבן די פעלקער אים געהאַסט און פאַראַכטעט. ער האָט אָבער עקשנות׳דיק אָנגעהאַלטן דאָס פאַרשפּרייטן דעם נאָמען פון אייביקן גאָט״ [10]).

דער אידישער פילאָזאָף און היסטאָריקער פילאָן פון אַלעקסאַנדריע, וואָס האָט געלעבט נאָך אין דער צייט פון צווייטן בית־המקדש, האָט בכלל געהאַלטן, אַז אַלע מעשיות אין תנ״ך זיינען מער אַלעגאָריע ווי געשיכטע, אָבער וועגן אַברהמ׳ס לעבן זאָגט ער, אַז:

„צו די פילצאָליקע און דערהויבענע לויב־געזאַנגען, וואָס גאָט האָט געזאָגט וועגן דעם קלוגן אַברהמ׳ען, האָט ער צוגעגעבן איין זאַך, וואָס דאַרף דינען ווי די קרוין פון אַלע אַברהמ׳ס מעלות: דאָס וואָס ער האָט זיך צוגעהערט צו די געטלעכע געזעצן און אָפּגעהיט די געבאָטן און אָנזאָגן פון גאָט׳ס תורה. נישט האָבנדיק דאָס געלערנט פון געשריבענע ביכער, האָט אַברהם זיך צוגעהערט צו נישט־פאַרשריבענע, געטלעכע געבאָטן... אויספאָל־גנדיק אַן אינערלעכן, אומבאַגרענעצטן דורשט צום דענקען פריי, האָט ער, אַזוי גיך ווי ער האָט געקאָנט, פאַרלאָזט דאָס לאַנד פון די כאַלדייער, אַ לאַנד וואָס האָט אין זיין צייט זיך צעבליט און געווען רייך. ער איז אַוועק קיין חרן און פון דאָרט אין ווייטע לענדער... אָט־דער פרידלעכער מענטש, וואָס האָט אַלעמאָל געזוכט שלום און גערעכטיקייט, איז אָבער אויך געווען מוטיק און קאַמפּס־פעאיק. ער איז נישט געווען קיין טראַציקער אָדער קריגעריִשער כאַראַקטער, אָבער ער איז געווען גרייט אַלעמאָל צו קעמפן פאַר אַן אייביקן שלום אויף דער וועלט... דאָס איז געווען דאָס לעבן פון דעם גרינדער און בוי־מייסטער פון אידישן פאָלק, אַ מענטש וואָס זיין פּערזענלעך לעבן איז געווען דער אויסדרוק פון די דעמאָלט נאָך־נישט־פאַרשריבענע געטלעכע גע־זעצן וועגן יושר און גערעכטיקייט״ [11]).

דער אידישער פילאָזאָף און דיכטער ר׳ יהודה הלוי זאָגט אין „כוזרי״:

„ווען עס וואָלט נישט געווען קיין פאָלק ישראל וואָלט נישט געווען קיין תורה. גאָט האָט אויסדערוויילט דאָס אידישע פאָלק נישט צוליב משה׳ן, נאָר פאַרקערט, גאָט האָט געמאַכט משה׳ן פאַר זיין נביא צוליב זיין ליבע צום פאָלק ישראל — די געטלעכע ליבע, וואָס האָט באַגלייט די קינדער פון אַברהם, יצחק און יעקב... דאָס אידישע פאָלק רופט מען נישט ׳דאָס פאָלק פון משה׳ן׳, נאָר דאָס פאָלק פון גאָט — דאָס פאָלק פון דעם גאָט פון אַברהם״[11]). (עם אלהי אברהם — תהלים מ״ז).

דער אידישער געלערנטער און דיכטער שמואל־דוד לוצאַטו (שד״ל) האָט מיט זיין פּאַטעטישן חוש באַנומען, אַז אַברהם איז אַ היסטאָרישע פּערזענלעכקייט און מיט אים הויבט זיך אָן די אידישע געשיכטע. אין זיין ספר „יסודי התורה״ זאָגט ער: „זייער גלויבן האָבן אידן גע׳ירש׳נט פון זייערע עלטערן, אַברהם, יצחק און יעקב, און אים ניט געלערנט פון משה׳ן. ווען משה איז געקומען צו די אידן, האָט ער זיי געזאָגט: ׳דער גאָט פון אייערע עלטערן, דער גאָט פון אַברהם, יצחק און יעקב האָט מיך געשיקט צו אייך׳. וואָס דאָס איז פאַר אַ גלויבן האָבן די אידן שוין געוואוסט פון פריער. ער האָט נאָר פאַרשריבן די געשעענישן פון די אָבות פאַר די קומענדיקע דורות, זיי זאָלן זען, אַז די אָבות האָבן געגלויבט אין איין גאָט, וואָס האָט באַשאַפן הימל און ערד... דער געטלעכער וועג וועלכן אַברהם האָט געוויזן זיינע קינדער און קינדס־קינדער, איז געווען צו טאָן רעכט און גערעכטיקייט... משה איז נישט גע־שיקט געוואָרן צו לערנען די אידן אַ נייעם גלויבן, נייערט צו באַשטעטיקן די אמת׳ן, וואָס האָט צו זיי שוין דערגרייכט פון אַברהם׳ען, און אויפצושטעלן געזעצן און אַנשטאַלטן וואָס זאָלן איינשטעלן אַ סדר אין די מנהגים וואָס זאָל ביי זיי אויסהיטן די געזונטע געדאַנקען פון אַברהמ׳ס גלויבן״[12]א).

אין דער גמרא געפינען מיר, אַז אַברהם אָבינו האָט שוין מקיים געווען די גאַנצע תורה נאָך איידער זי איז געגעבן געוואָרן (צו משה׳ן), ווייל אין דער תורה שטייט, אַז גאָט האָט אויסדערוויילט אַברהמ׳ען „דערפאַר וואָס ער האָט זיך צוגעהערט צו מיין קול און האָט אָפּגעהיט מיין היטונג, מיין געבאָט, מיינע געזעצן און מיין תורה״[13]).

ביז נישט לאַנג צוריק זיינען געווען „היסטאָריקער״ און „ביבל־פאַרשער״, וואָס האָבן באַוויזן מיט „אותות ומופתים״, אַז אין אַ גרויסן טייל פון די אָבות־מעשיות זעט מען באַשיינפּערלעך, אַז די נעמען שטעלן מיט זיך נישט פאַר קיין פּערזאָנען, נאָר פעלקער און שבטים. זיי האָבן דערקלערט די געשיכטעס וועגן די אָבות ווי בלויז אַ פּראַכטפולע זאַמלונג פון אידישן פאָלקלאָר.

עס זיינען אויך געווען „ביבל־געלערנטע״, וואָס האָבן אויפגעשטעלט אַ מין „מיטאָלאָגישע טעאָריע״ און זיי האָבן פּרובירט באַווייזן, אַז די אָבות — אַברהם, יצחק און יעקב — זיינען געווען לאָקאַלע געטער ביי די כנענים, און

זיינען אַ סך יאָרן שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן ביי די אידן אין מעשיות וועגן אידישע אָבות אין די אור־אַלטע צייטן.

וועגן אָט־די צוויי טעאָריעס האָט דער באַרימטער דייטשישער היסטאָריקער ר. קיטעל געזאָגט בקיצור אַזוי:

„די געטער־טעאָריע ליידט פון אינעווייניקסטער אומוואַרשיינלעכקייט. ביי אידן טרעפן מיר אין ערגעץ נישט אַפילו דעם קלענסטן רמז דערויף, אַז אַברהם, יצחק און יעקב זיינען אַמאָל וועןּ־עס־איז פאַרערט געוואָרן ווי געטער; אַז זיי האָבן אַמאָל געהאַט זייערע טעמפּלען און הייליקטימער; אַז זיי האָבן אַמאָל געטאָן געטלעכע מעשים, באַוויזן וואונדער אד״ג.

„נישט בעסער איז די השערה, וועלכע דערקלערט די אָבות פאַר שבטים... וועגן אַברהמ׳ען קאָנען מיר מיט זיכערקייט באַהויפּטן, אַז זיין נאָמען קומט קיינמאָל און אין ערגעץ נישט פאַר ווי אַ נאָמען פון אַ שבט. פאַרקערט, מיר קענען באַווייזן, אַז דער נאָמען אַברהם אָדער אַבירם ווערט סיי ביי אידן, סיי אין אַשור זייער אָפט באַנוצט ווי אַ נאָמען פון אַן איינצלנער פּערזאָן... בלויז פון אויספאָרשן די נעמען פון די אָבות אַליין, קומט מען צו דער איבערצייגונג, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט ווירקלעכע פּערזאָנען... און מיר קאָנען מיט זיכערקייט אָננעמען, אַז די ביבלישע מעשיות וועגן די אָבות, נישט קוקנדיק דערויף וואָס אין פּרטים זיינען זיי פרייע דיכטונג, זיינען זיי דאָך, אין זייערע גרויסע שטריכן, גוטע געשיכטלעכע דאָקומענטן און גיבן אונז איבער ריכטיקע דערינערונגען... מיר האָבן אַלע סיבות אָנצונעמען די איינציק־מעגלעכע מיינונג, אַז די אָבות דאַרפן אויפגעפאַסט ווערן ווי ווירקלעכע פּערזאָנען, וואָס האָבן אַמאָל געלעבט און געווירקט״ [1]).

די מאָדערנע אידישע היסטאָריקער האָבן לכתחילה אויך געמיינט, אַז די אָבות־דערציילונגען אין תנ״ך זיינען בלויז לעגענדעס, וואָס זיינען „פאַראייביקט געוואָרן אין דעם זכרון פון שפּעטערדיקע דורות״ און אַז די „עלטסטע פאָלקס־אַגדות זיינען צו אונז דערגאַנגען שוין אין אַ באַאַרבעטער ליטעראַרישער פאָרם״.

דער היסטאָריקער היינריך (צבי) גרעץ אין זיין „געשיכטע פון אידן״ גיט איבער בקיצור די מעשי־אָבות ווי זיי ווערן דערציילט אין תנ״ך און הויבט־אָן די אידישע געשיכטע אין דעם לאַנד פון גושן ביים גרענעץ פון מצרים און ער זאָגט, אַז:

„דאָס לעבן פון די אָבות, ווי ס׳איז פאַראייביקט געוואָרן אין דעם זכרון פון די שפּעטערדיקע דורות, האָט געדינט ווי אַביישפּיל פון אַ גערעכטן און יושר׳דיקן לעבן. אַברהם איז ספּעציעל אַרויסגעשטעלט געוואָרן ווי אַ מוסטער פון מענטשלעכער שלימות. אַנדערש ווי אַלע אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבן פאַרהייליקט זייערע אור־עלטערן ווי געטער, האָבן די אָפּשטאַמער פון אַברהמ׳ען אים ניט פאַרערט פאַר וויכטיקע דערגרייכונגען און האָבן אים נישט דערהויבן צו דער הויך פון אַ גאָט אָדער האַלבן גאָט. זיי האָבן אים

אויך נישט געדענקט ווי אַ מלחמה־העלד, נאָר ווי אַ צוריקגעצויגענעם, גאָטס־פאַרכטיקן מענטשן, וואָס האָט פּראַקטיצירט אמת׳ע פּשטות און אמונה מיט דערהויבנקייט פון געדאַנק און פון מעשים.

דאָס אַנטוויקלען זיך פון די אידן ווי אַ באַזונדערע ראַסע האָט זיך אָנגעהויבן אונטער אויסערגעוויינלעכע אומשטענדן. די אַנטשטייאונג פון דעם אידישן פאָלק האָט געהאַט נאָר אַ לייכטע ענלעכקייט צו דער אַנטשטייאונג פון אַנדערע פעלקער. אידן ווי אַ פאָלק זיינען אויפגעקומען אונטער אויסערגעוויינלעכע אומשטענדן אין דעם לאַנד פון גושן, אַן עגיפּטישע טעריטאָריע ביים גרענעץ פון פּאַלעסטינע. די אידן זיינען נישט מיטאַמאָל געוואָרן אַ פאָלק, זיי זיינען אין אָנהויב באַשטאַנען פון צוועלף לויז־פאַרבינדעטע פּאַסטוכער־שבטים״ [15]).

דער אידישער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו האָט אויך לכתחילה געהאַלטן, אַז די אָבות־מעשיות אין חומש זיינען בכלל לעגענדעס. אין זיין „אידישע געשיכטע״ דערציילט ער וועגן די אָבות לויט דער טראַדיציאָנעלער אויסטייטשונג פון תנ״ך, און ער זאָגט:

„די עלטסטע פאָלקס־אַגדות זיינען צו אונז דערגאַנגען שוין אין אַ באַאַרבעטער ליטעראַרישער פאָרם, אין וועלכער עס שפּיגלען זיך אָפּ נישט נאָר די פּריסטע, נאָר אויך די שפּעטערדיקע היסטאָרישע געשעענישן. אין חומש איז די אַנטשטייאונג פון פעלקער און מלוכות פאַרגעשטעלט אין אַ פּערזאָניפיצירטער פאָרם; דער כאַראַקטער און גורל פון אַ באַרימטן שבט ווערט סימבאָליזירט אין די געשעענישן פון לעגענדאַרן שטאַם־פאָטער׳ס פּערזענלעכן און פאַמיליען־לעבן״.

דער גרויסער היסטאָריקער האָט אָבער שפּעטער אָנגעהויבן דערפילן, אַז אין די אָבות־מעשיות מוז דאָך זיין עפּעס היסטאָרישעס און ער זאָגט:

„די שעמיטישע שבטים־גרופּע ׳עברים׳, אָדער העברייער, ווערט צום ערשטן מאָל דערמאָנט אין דער ביבל אין שייכות מיט איר שטאַם־פאָטער אַברהם („אַברהם העברי״). דאָס לעבן פון דאָזיקן אור־פאָטער ווערט דאָ געשילדערט אין אַ לעגענדאַרישער פאָרם, וואָס פאַרבאַרגט אָבער אין זיך אַ קערן פון היסטאָרישן אמת...״

כדי צו געפינען אָט־דעם „קערן פון היסטאָרישן אמת״, זאָגט דובנאָוו:

„קודם־כל איז נויטיק איינצופּאַסן די לעגענדאַרע געשיכטע פון די אָבות פון העברעאישן פאָלק אין די אַלגעמיינע געשיכטע־ראַמען פון אַלטן אָריענט און פאַרגלייכן די ביבלישע לעגענדעס מיטן מאַטעריאַל, וואָס עס גיבן אונז די אַלגעמיין־אָריענטאַלישע דענקמעלער. ביים ליכט פון די דאָזיקע, מערסטנטייל נישט־לאַנג אַנטדעקטע דענקמעלער, נעמען־אָן די לעגענדאַרע געשטאַלטן פון אַברהם און די אַנדערע אָבות פונעם פאָלק ישראל רעאַלע פאָרמען, און קאָנען אין אַ געוויסער מאָס ווערן געשיכטלעכע געשטאַלטן, אַלס פּערזאָניפיצירונגען פון באַשטימטע געשיכטלעכע געשעענישן...״ [16]).

דער אידישער היסטאָריקער יאָזעפוס פלאַוויוס (יוסף בן מתתיהו), וועלכער האָט געלעבט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, האַלט אַז די חומש־מעשה וועגן אַברהמ׳ען איז אַ היסטאָרישע געשעעניש. ער ציטירט געשיכטע־שרייבערס, וואָס האָבן געלעבט מיט עטלעכע הונדערט יאָר פאַר אים, און ער דערציילט, אַז:

„דער היסטאָריקער בעראָסוס רעדט וועגן אַברהמ׳ען, נישט דערמאָנענדיק זיין נאָמען, ווען ער זאָגט: ׳אין צענטן דור נאָכן מבול האָט געלעבט צווישן די כאַלדייער אַ מאַן, וואָס איז געווען באַרימט מיט זיינע מידות פון יושר, גערעכטיקייט און ערלעכקייט. ער האָט גע׳שמ׳ט אַלס גרויסער געלערנטער אין חכמה פון אַסטראָלאָגיע׳. דער היסטאָריקער העקאַטעוס האָט שוין יאָ דערמאָנט אַברהמ׳ען ביים נאָמען און אָנגעשריבן וועגן אים אַ גאַנץ בוך. דער היסטאָריקער ניקאָלאַס פון דמשק האָט אין זיין פערטן בוך וועגן געשיכטע געשריבן, אַז אַברהם איז געקומען קיין דמשק מיט אַן אַרמיי פון אַ לאַנד אויף יענער זייט פון באַבילאָניע, וואָס מ׳האָט גערופן: ׳דאָס לאַנד פון די כאַלדייער׳ און איז געוואָרן דער קעניג פון דמשק. נאָך אַ לענגערער צייט איז ער און זיין אַרמיי פון דאָרט פאַרטריבן געוואָרן ווי פרעמדע. אַברהם איז דעמאָלט אַוועק מיט זיין אַרמיי קיין כנען. איצט איז דער נאָמען אַברהם נאָך אַלץ באַליבט אין לאַנד. פאַראַן דאָרט אַ דאָרף, וואָס רופט זיך אויף זיין נאָמען: ׳דאָס וואוין־אָרט פון אַברהם׳ ״[17]).

אין די אַפּאָקריפן (כתובים אחרונים) ווערט אויך דערציילט וועגן אַברהמ׳ס וואַנדערונגען פון אור־כשדים קיין פדן־אַרם, נישט דערמאָנענדיק זיין נאָמען.

אין דעם ספר „יהודית״ ווערט דערציילט וועגן דער צייט, ווען דער אַסירישער (אַשור) גענעראַל הלופרנש איז געקומען מיט אַ גרויסער אַרמיי צו פאַרנעמען ירושלים, האָט זיך די אידישע אַרמיי באַפעסטיקט אויף די בערג און האָט אים נישט געלאָזט דורכגיין. האָט הלופרנש געפרעגט ביי די כנענים: ווער איז דאָס דאָזיקע פאָלק, וואָס האָט זיך באַזעצט אין די בערג און ווי שטאַרק איז זיין אַרמיי? האָט אים אַכיור, דער גענעראַל פון די בני־עמון, געזאָגט: איך וועל דיר געבן די געשיכטע פון דעם פאָלק, קיין ליגן וועל איך נים אַרויסלאָזן פון מיין מויל. דאָס דאָזיקע פאָלק איז אַרויס פון לאַנד פון די כאַלדייער און איז אַוועק וואוינען אין פדן־אַרם, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט דינען די געטער פון די כאַלדייער און האָבן ניט געוואָלט אָפּהיטן זייערע געזעצן. זיי האָבן אָנגעהויבן דינען דעם גאָט יהוה, דעם גאָט אין הימל, וועלכן זיי האָבן דערקענט. נאָכדעם ווי מ׳האָט זיי אַרויסגעטריבן פון ארץ־כשדים, זיינען זיי אַוועק קיין פדן־אַרם און האָבן דאָרט געוואוינט אַ סך יאָרן [18]).

דער פראַנצויזישער פילאָזאָף, קריטיקער און היסטאָריקער, ערנסט מ. רענאַן, זאָגט: „ווען מיר באַטראַכטן די אַנטוויקלונג פון אידישן פאָלק אין אַלגעמיין, ווערן מיר דערשטוינט פונעם הויכן כאַראַקטער און פון דער

אַבסאָלוטער שלימות פון אידישע גייסטיקע שאַפונגען, וואָס גיט זיי דאָס רעכט באַטראַכט צו ווערן ווי קלאַסישע ווערק. די ליטעראַטורן פון אַנדערע אַלטע פעלקער ווערן געלייענט נאָר פון געלערנטע, אָבער דער תנ״ך, דאָס בוך ׳פאַר עקסעלאַנס׳, דאָס אוניווערסאַלע לייען־בוך, איז די איינציקע פּאָעטישע שאַפונג, מיט וועלכער מיליאָנען מענטשן זיינען באַקאַנט...

„די היסטאָריקער דאַרפן בלי־ספק, שענקען זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט צו דער תקופה פון אַרום צוויי טויזנט יאָר פאַר אונזער צייט־רעכענונג, זיי וועלן זיך דאָרט באַקענען מיטן אורשפרונג פון אַט־דעם גורל׳פולן שבט. אין יענער צייט האָט זיך אַ וואַנדערנדיקע שעמיטישע משפחה, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן נאָמען תרח אָדער טעראַ, אַרונטערגעלאָזט פון די בערג אין אַרמעניע און זיך געלאָזט וואַנדערן צו דרום... דער פירער פון דער משפחה איז געווען אַברהם, וועלכער איז אָן שום ספק אַ היסטאָרישע און רעאַלע פּערזענלעכקייט און ער האָט זיי געפירט קיין כנען״ [19]).

דער אַמעריקאַנער היסטאָריקער, וויל דיוראַנט, זעט אויך דעם תנ״ך ווי אַ היסטאָרישן מקור פון אידישער געשיכטע, אויסער זיין רעליגיעזן און ליטעראַרישן ווערט. ער זאָגט: „דער תנ״ך איז נישט נאָר אַ בוך פון געזעץ, נאָר אויך אַ זאַמלונג פון היסטאָרישע געשעענישן, פּאָעזיע און פילאָזאָפיע פון ערשטן ראַנג... מיר געפינען דאָרט נישט נאָר די עלטסטע היסטאָרישע באַשרייבונגען, נאָר אויך די בעסטע... אַפילו די מעשיות אין בראשית, אויב מיר לייענען זיי מיט פאַרשטענדעניש פאַר דער באַדייטונג פון דער לעגענדע, זעען מיר אין זיי העכסטע געשיכטע, דערציילט אָן באַפּוצונגען, פּשוט און קרעפטיק. אין אַ געוויסן זין האָבן מיר דאָ נישט בלויז געשיכטע, נאָר אויך די פילאָזאָפיע פון געשיכטע. דאָ האָט דער מענטש געמאַכט זיינע ערשטע פּרואוון צו רעדוצירן די פאַרשיידענע געשעענישן פון דער פאַרגאַנגענהייט צו אַ האַרמאָנישער איינהייט, דורכן זוכן אין זיי אַ תכלית׳דיקן אינהאַלט און אַ באַדייטונג; דאָס געזעץ פון אורזאַך און רעזולטאַט, און אַ באַלויכטונג פאַר דער קעגנוואַרט און צוקונפט... קיינער וואָלט נישט דערוואַרט, אַז אַזאַ קליין לאַנד ווי פּאַלעסטינע זאָל שפּילן אַזאַ גרויסע ראָליע אין דער געשיכטע פון דער וועלט און זאָל האָבן אַ גרעסערע ווירקונג אויפן גאַנג פון דער געשיכטע, ווי עס האָבן געהאַט באַביליאָניע, אַסיריע און אפשר אַ גרעסערע ווי עגיפּטן, אָדער גריכנלאַנד״ [20]).

דער באַרימטער פילאָזאָף, בערטראַנד ראַסעל, און דער באַרימטער היסטאָריאָגראַף ר. ג. קאָלינגוואָוד מיינען, אַז די אָבות־מעשיות זיינען נישט מער ווי לעגענדע, אָדער מיטאָלאָגיע.

בערטראַנד ראַסל זאָגט אין זיין „היסטאָרי אָװ וועסטערן פילאָסאָפי״, אַז:

„ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער מקור פעסטצושטעלן די אור־אַלטע געשיכטע פון אידישן פאָלק, ווי דער תנ״ך, און ס׳איז אוממעגלעך צו באַשטימען ווען די מעשיות פון תנ״ך הערן אויף צו זיין לעגענדעס״.

דאָס זעלבע מיינט דער היסטאָריאָגראַף ר. ג. קאָלינגוואוד, אין זיין בוך „די אידיע אָוו היסטאָרי". ער זאָגט, אַז: „דער גאַנצער היסטאָרישער מאַטעריאַל אין דער ביבל איז נישט מער ווי רעליגיעזע געשיכטע און מיטאָלאָגיע".

דער אידישער געלערנטער און תנ"ך־איבערזעצער, הערי ס. אָרלינסקי, רעאַגירט אויף די מיינונגען פון די צוויי באַרימטע געלערנטע אין זיין וואָגיקן ווערק „ענשענט איזראַעל" (אוראַלטע ישראל), און ער זאָגט:

„ס'איז צום באַדויערן, וואָס אָט־די צוויי גרויסע געלערנטע — און זיי זיינען נישט די איינציקע — האָבן זיך נישט פאַראינטערעסירט מיט די גאָר לעצטע אַנטדעקונגען און מיטן אַנאַליטישן צוגאַנג צו דער געשיכטע פונעם אור־אַלטן נאָענטן מזרח, ווייל איצט האָט, אין אַ היפּשער מאָס, דער וועגווייזער פון געשיכטע זיך אָנגעהויבן באַוועגן אין אַן אַנדער ריכטונג. ס'איז אמת, אַז די מאָדערנע היסטאָריקער נעמען נישט אָן אַלץ, וואָס איז פאַרשריבן אין תנ"ך, ווי היסטאָרישע פאַקטן, אָבער זיי זיינען מסכים אָנצונעמען אַ גרויסן טייל פון די ביבלישע פאַרצייכענונגען ווי אויסערגעוויינלעך־פאַרלעסלעכע היסטאָרישע דאָקומענטן, וואָס נעמען־אָן איצט איינגאַנצן אַ נייעם באַדייט און פאַסן זיך מער אַריין אין דער אמת'ער געשיכטע, ווען זיי ווערן אַנאַליזירט אינעם ליכט פון ניי־אַנטדעקטע, נישט ביבלישע קוואַלן" [21]).

בערטראַנד ראַסעל און קאָלינגוואוד זיינען נישט געווען די איינציקע, וואָס האָבן געמיינט, אַז די אָבות־מעשיות זיינען לעגענדעס. עס זיינען געווען אַ סך ביבל־פאַרשער, וואָס האָבן אָנגענומען די פּאַטריאַרכאַלע געשיכטעס אין בראשית, ווי סתם־לעגענדעס, אָדער פּאָעטישע פאַנטאַזיעס פון דעם לעבן פון די אַמאָליקע שעמיטישע וואַנדער־שבטים.

דעם גרעסטן פאַרמעסט צו דערקלערן אַלע מעשיות אין חומש און בפרט די געשיכטעס פון די אָבות, פאַר בלויז לעגענדעס, האָט געמאַכט די באַרימטע „וועלהאַוזען ביבל־קריטיקער־שולע" אין דייטשלאַנד, אין מיטן פון נייינצנטן יאָרהונדערט.

די דאָזיקע דייטשישע „ביבל־פאַרשער" האָבן מיט דער געוויינלעכער דייטשישער פּרעציזקייט, אָבער מיט ווייניק יראַת־הכבוד צו דעם ספר „פאַר עקסעלאַנס", און מיט נאָך ווייניקער ליבע צום אידישן פאָלק, זיך אונטערגענומען צו „אַנאַליזירן", „פאַרשן" און רעוואָלוציאָניזירן אַלע באַגריפן, וואָס האָבן ביז דעמאָלט עקזיסטירט וועגן דעם מקור, היסטאָריע און היסטאָרישקייט פון תנ"ך.

דער רבי פון דער דאָזיקער „ביבל־קריטיק־שולע" איז געווען דער טעאָלאָג און היסטאָריקער יוליוס וועלהאַוזען. ער האָט פּרובירט אויפקלערן זיין אייגענע „תורה־קריטיק" אין זיין באַרימט בוך: „פּראָלעגאָמענאַ אָוו דהי היסטאָרי אָוו איזראַעל".

ס'איז נישט אַזוי גרינג דורכצוגיין דעם לאַבירינט פון די האָר־שפּאַלטנ־

דיקע „טעאָריעס" און ספעקולאַציעס, וואָס וועלהאַוזען האָט אויפגעבויט אין זיין „פּראָלעגאָמענאַ". דעם תמצית קאָן מען אפשר סומירן אומגעפער אויפן פאָלגנדיקן אופן:

1) דער ספר יהושע איז אַ באַשטאַנד־טייל פון חומש און איז זיין זעקסטער טייל. די תורה ענדיקט זיך נישט מיט משה'ס טויט, נאָר מיט יהושע'ס איינגעמען כנען;

2) דער גאַנצער מאַטעריאַל, וואָס געפינט זיך אין די זעקס ספרים, איז נישט קיין איינהייטלעכער דאָקומענט, נאָר אַ קאָלעקציע פון פאַרשיידענע שריפטן, וואָס יעדער פון זיי איז געשאַפן געוואָרן אין אַ גאַנץ אַנדערער עפּאָכע אין דער אידישער געשיכטע;

3) דעם גאַנצן מאַטעריאַל פון די אַלע זעקס ספרים האָבן די „ביבל־קריטיקער" צעשניטן, איבערגעטיישט און איבערגעשטעלט לויט זייער אַ צוגעטראַכטער פאָרמולע און אים איינגעטיילט אין פינף גאַנץ פאַרשיידענע דאָקומענטן לויט דעם פאָלגנדיקן סדר:

א) ספר יהוה (ס"י—J) — דאָס זיינען יענע טיילן פון דער תורה, וואו גאָט ווערט באַצייכנט מיטן נאָמען יהוה;

ב) ספר אלהים (ס"א—E) — די טיילן פון דער תורה, וואו גאָט ווערט באַצייכנט מיטן נאָמען אלהים, שפּעטער זיינען די דאָקומענטן פון J און E פאַראייניקט געוואָרן אין איין ספר J E — יהוה־אלהים;

ג) ספר יהוה־אלהים (ס"א—J E) איז צוזאַמענגעשטעלט און רעדאַגירט געוואָרן אַרום דעם אַכטן אָדער ניינטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסט־לעכער צייט־רעכענונג;

ד) ספר דברים (ס"ד—D) און אַלע אַנדערע טיילן פון תנ"ך, וואָס האָבן צו טאָן מיט געזעצן, איז אַ צווייטע שריפט, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן ערשט אין דער צייט פון יאשיהו, אַרום 621 פק"ר.

ה) ספר הכהנים — (ס"כ־P). דאָס איז דער טייל פון דער תורה וואו עס האַנדלט זיך וועגן בית־המקדש, כהנים און לויים (ויקרא און טיילן פון שמות און במדבר). אָט די שריפט איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין די טעג פון גלות־בבל און אין אָנהויב פון בית־שני.

4) אין די טעג פון עזרא און נחמיה זיינען די אַלע טיילן קאַנאָניזירט געוואָרן אין איין ספר, אין דער איצטיקער פאָרם, און איז געוואָרן דער יסוד פון דער אידישער רעליגיע (קירכע) — נישט פון אידישן פאָלק.

נאָך אַזאַ אָפּעראַציע האָבן שוין די ביבל־קריטיקער געקענט זייער גרינג קומען צו אַנדערע „וויסנשאַפטלעכע" אויספירן:

5) אַז דער גלות־בבל האָט צעשניטן די אידישע געשיכטע אין צוויי טיילן: דער טייל פאַרן חורבן איז די געשיכטע פון אידישן פאָלק, און דער טייל פון נאָכן חורבן איז די געשיכטע פון דער אידישער רעליגיע;

6) אַז דער מאָנאָטעאיזם, דער גלויבן אין אַן איינציקן, אוניווערסאַלן

גאָט, האָבן די אידן ערשט אָנגענומען אין דער צייט פון די נביאים. דאָס הייסט, אַז ביז דעמאָלט האָבן אידן געדינט פאַרשיידענע אָפּגעטער, און נאָך אַ לאַנגער אַנטוויקלונג זיינען זיי שפּעטער צוגעקומען צום גלויבן אין איין גאָט;

7) אַז די אָבות־מעשיות אין חומש זיינען נישט מער ווי פאַנטאַסטישע לעגענדעס. און וועלהאַוזען זאָגט: אַז:

„...מיר האָבן נישט קיין שום אינפאָרמאַציע פון דער צייט, ווען און וואו די אָבות האָבן געלעבט, אָבער דערפאַר זעען מיר אין זיי די געשיכטע פון אַ סך אַ שפּעטערדיקער צייט, ווען די אידן האָבן שוין געלעבט אין ארץ־ישראל. אין יענע צייטן זיינען די אָבות־געשיכטעס געשאַפן און פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן פאָלק. אין אָט־דער שפּעטערדיקער צייט האָבן די אידן אומ־באַוואוסטזיניק געוואָרפן שטראַלן ליכט צוריק צום אַלטערטום און דאָרט געזען זייער אייגענע צייט אין אַ גלאָריפיצירטן מיראַזש“.

8) די מאָראַל־דערהויבענע קאַפּיטלען אין חומש, נביאים און כתובים זיינען לויט אָט־די „ביבל־פאַרשער“ געשאַפן געוואָרן אין אַ שפּעטערדיקער צייט און זיינען כלומרשט נאָר אַ צוגרייטונג צו דער לערע פון ישו און פּאָולוס.

דער גרעסטער פאַרדינסט פון די נביאים — זאָגט וועלהאַוזען — איז דאָס, וואָס זיי האָבן צעשטערט דאָס אַלטע ישראל און האָבן צוגעגרייט אַ באָדן פאַר אַ נייער רעליגיע פון וועלכער עס האָט זיך אַנטוויקלט דער עוואַנ־גאַליזם (ברית־חדשה) ווי אַ פאָרזעצונג“ [22]).

די דאָזיקע „ביבל־פאַרשונג“ האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין איר צייט, נישט נאָר אויף נישט־אידישע טעאָלאָגן און היסטאָריקער, נאָר אַפילו אידישע געלערנטע און „תורה־פאַרשער“ זיינען שטאַרק באַאיינפלוסט גע־וואָרן פון וועלהאַוזען׳ס „ביבל־קריטיק“. ס׳זיינען נאָך איצט דאָ ערנסטע ביבל־פאַרשער, וואָס האַלטן זיך ביי די גרונט־געדאַנקען פון וועלהאַוזען׳ס „צעטיילונג־טעאָריע“.

דער היסטאָריקער, פּראָפעסאָר טעאָפיל דזשעימס מ י ק, אין זיין בוך „היברו אָרידזשין“, איז מסכים מיט דער צעטיילונג־טעאָריע פון די ביבל־קריטיקער, אַז די תורה באַשטייט פון באַזונדערע טיילן, וועלכע זיינען פאַרשריבן געוואָרן אין פאַרשיידענע צייטן. „דאָס מיינט אָבער נישט, אַז יעדער באַזונדערער טייל איז געשאַפן געוואָרן פון איין מענטשן און אין איין באַשטימטער צייט. אויך די באַזונדערע טיילן זיינען צוזאַמענגע־שטעלט פון מאַטעריאַלן, וואָס האָבן זיך אַנגעקליבן אין פאַרלויף פון דורות. פון אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען ווייסט מען שוין איצט, אַז אפילו דער ׳האַמוראַבי־קאָדעקס׳ (געזעץ־בוך) איז נישט קיין אָריגינעלע שאַפונג פון דעם מלך פון באַבילאָניע, וועלכער האָט געלעבט אַרום 1728—1686 פק״ר, ווייל מ׳האָט שוין געפונען קאָדעקסן, וואָס זיינען אַ סך עלטער ווי האַמוראַבי׳ס.

דער ׳בילאַלאַמאַ־קאָדעקס׳ פון דעם עשנונאַ־קעניג איז געשאַפן געוואָרן אין 1930 פק״ר (אַברהמ׳ס צייט). אַ סך פון האַמוראַבי׳ס געזעצן זיינען נישט מער ווי איבערזעצונגען און איבעראַרבעטונגען פון דעם עשנונא און אַנדערע קאָדעקסן. אַלץ וואָס האַמוראַבי האָט געטאָן איז געווען צונויפזאַמלען די פאַרשידענע געזעצן פון די לענדער פון זיין אימפעריע, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט פאַרשידענע קולטורן און זיי פאַרשריבן אין אַ געמיינשאַפט־לעכער שפּראַך. אַלע אַלטע געזעץ־ביכער זיינען נישט קיין פּראָדוקטן פון באַשטימטע צייטן, נאָר אָנגעזאַמלטע דאָקומענטן פון משפטים, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין לויף פון די געשעענישן און זיינען פון צייט צו צייט גע־ענדערט געוואָרן לויט די נייע אומשטענדן״.

נאָכדעם ווי פּראָפעסאָר מיק פאַרגלייכט אַ סך שטעלן אין דער תורה מיט ענלעכע שטעלן אין די פאַרשידענע אור־אַלטע געזעץ־ביכער, זאָגט ער:

„נאָכדעם ווי מיר האָבן אויספירלעך פאַרגליכן די פאַרשיידענע קאָ־דעקסן און געזעצן, זיינען מיר איצט איבערצייגט, אַז די עברים האָבן פון די אַלע געזעץ־ביכער גענומען זייער ווייניק. זיי האָבן עטוואָס געבאָרגט פון די חורים־ און כנענים־געזעצן און אומדירעקט פון די באַבילאָנישע געזעצן. דער גרעסטער טייל פון די תורה־געזעצן זיינען אָבער זיכער אָרי־גינעלע עברים־געזעצן. זיי זיינען אַ פּראָדוקט פון זייער דערפאַרונג אויף זייערע נאָמאַדישע וואַנדערונגען און אין ארץ־ישראל; און אַפילו דאָס ביסל וואָס זיי האָבן געבאָרגט ביי אַנדערע, האָבן זיי איבערגעגאָסן אין אַן עברים־גייסט, לויט די נויטן פון די עברים״ [23]).

ס׳לאָזט זיך דערפון דרינגען, אַז אַברהם, ווי דער פּאַטריאַרך פון אַ גרויסן שבט און דער מלך פון אַ ניי פאָלק, האָט אויך געזאַמלט די געזעצן פון די שוין־עקזיסטירנדיקע קאָדעקסן, געשאַפן נייע געזעצן און זיי אַלע פאַרצייכנט אין געזעץ־ספרים. האַמוראַבי, וועלכער האָט געלעבט אַרום 300 יאָר נאָך אַברהמ׳ען, האָט גאַנץ וואַרשיינלעך אויך געשעפּט פון אַברהמ׳ס געזעץ־זאַמלונגען. דאָס איז, זעט אויס, די אמת׳ע סיבה פאַרוואָס מיר געפי־נען אין דער תורה אַזויפיל געזעצן, וואָס זיינען ענלעך צו די האַמוראַבי־געזעצן. דאָס מיינט, אַז נישט משה האָט די געזעצן גענומען ביי האַמוראַבי׳ן, ווי פיל „היסטאָריקער״ האָבן אונז געוואָלט איינרעדן, נאָר אַז משה האָט איבערגענומען פון שבט לוי די דינים, די געשיכטעס און לעגענדעס, וועלכע אַברהם האָט אָנגעהויבן זאַמלען.

ווילי‍אַם אַ ל ב ר אַ י ט וו‍ייזט־אָן, אַז די טעאָריעס פון די ביבל־קריטי־קער זיינען „פאַרפירעריש״, און ער זאָגט:

„איצט האָט זיך די לאַגע אינגאַנצן געענדערט, און ענדערט זיך אַלץ מער און מער מיט דער אַנטוויקלונג פון אַרכעאָלאָגיע און די כסדר׳דיקע נייע אויסגראָבונגען, וואָס באַווייזן אַלץ זיכערער, אַז די מעשיות וועגן די

אָבות, ווי אַ סך אַנדערע באַשרייבונגען אין תנ״ך, זיינען, אָן צווייפל, היסטאָ־רישע פּאַסירונגען.

„אַזוי פיל באַשטעטיקנדיקע איינצלהייטן זיינען אַנטדעקט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן, אַז די מערסטע קאָמפּעטענטע געלערנטע האָבן אויפגעגעבן די אַלטע ׳קריטיק־טעאָריע׳, לויט וועלכער די געשיכטעס פון די אָבות זיי־נען געשעעניש, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אַ סך שפּעטערדיקער צייט און זיי זיינען באַנוצט געוואָרן צו וואַרפן אַן אָפּשיין אויף אַן עלטערער לע־גענדאַרישער צייט״ [24]).

דער באַרימטער אַרכעאָלאָג און פּראָפעסאָר פון תנ״ך־ליטעראַטור, דזשעימס ב. פּ ר י ט ש אַ ר ד, דערקלערט אין זיין וויכטיקן ווערק „אַרכע־אָלאָגיע און דער אַלטער טעסטאַמענט״:

„אַרכעאָלאָגיע איז אַ וויסנשאַפט, מיט וועלכער מען קען מעסטן דעם פּראָגרעס פון דער וועלט לויט דעם פאַרשריט, וואָס ווערט געמאַכט אויף צוריק אין דער פאָרשונג פון דער פאַרגאַנגענהייט. אין די לעצטע הונדערט יאָר האָט אַרכעאָלאָגיע צוגעגעבן אַ טויזנט יאָר צו דער געשיכטע פון אונ־זער רעליגיעזער און קולטור־ירושה, אַדאַנק דעם וואָס מען האָט אַנטדעקט אין די זאַמדן און אין די היילן פון נאָענטן מזרח אַ ניי־אַלטע וועלט, וועגן וועלכער מ׳האָט פריער גאָרנישט געוואוסט.

„ס׳איז קיין שום ספק נישט, אַז די ניי־אַנטדעקטע וועלט האָט געמאַכט אַ פולשטענדיקע רעוואָלוציע אין פאַרשטיין דעם תנ״ך, די פעלקער וואָס ווערן דאָרט דערמאָנט און זייער געשיכטע.

„איינע פון די איבעררעשונגען פון די מאָדערנע אַרכעאָלאָגישע אַנט־דעקונגען איז דאָס, וואָס די לענדער אַרום ישראל, ווי: מעסאָפּאָטאַמיע, עגיפּטן, סיריע און אַנאַטאָליע האָבן אַ סך בייגעטראָגן צו פאַרשטיין די ביבל. אין יעדן פון אָט־די שכנות׳דיקע לענדער האָט מען געפונען געשרי־בענע דאָקומענטן און מאָנומענטן, וואָס זיינען אויסערגעוויינלעך וויכטיק צו פאַרשטיין דאָס לעבן, די ליטעראַטור און די געשיכטע פון אידישן פאָלק. יעדע גענויע אָפּשאַצונג פון דעם בייטראָג, וואָס אַרכעאָלאָגיע האָט צוגע־טראָגן צו פאַרשטיין די ביבל, מוז נעמען אין באַטראַכט די אַנטדעקונגען, וואָס זיינען לעצטנס געמאַכט געוואָרן אין די לענדער אַרום ארץ־ישראל״ [25]).

נאָכדעם ווי סער טשאַרלס לעאָנאַרד וו א ו ל י האָט אויסגעפאָרשט אַלץ וואָס ער האָט אויסגעגראָבן אין דער שטאָט אור־כשדים, האָט ער אויך לחלוטין פאַרוואָרפן די „וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס פון וועלהאַוזען׳ס „ביבל־קריטיק״. אין זיין בוך „אַברהם״ זאָגט ער:

„היינט האָט זיך די לאַגע אינגאַנצן געענדערט. ס׳איז טאַקע אמת, אַז אין פּאַלעסטינע האָט מען ביז איצט געפונען זייער ווייניק אויפשריפטן פון די גאָר־אַלטע צייטן, אָבער די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, באַווייזן, אַז ס׳איז

נישט געווען קיין איין פעריאָד אין דער אידישער געשיכטע, אין וועלכן מ׳זאָל נישט קענען פאַרשרייבן די געשעעענישן פון יענער צייט. אויב מ׳זאָל אַפילו אָננעמען, אַז דער חומש אין זיין איצטיקער פאָרם איז רעדאַקטירט געוואָרן נאָכן גלות־בבל, וואָס דאָס מיינט אַזוי שפּעט ווי אין זעקסטן אָדער אַפילו אין פינפטן יאָרהונדערט פאַר אונזער צייט־רעכענונג, איז נישטאָ קיין סיבה נישט צו דערלאָזן די וואַרשיינלעכקייט, אַז די רעדאַקטאָרן האָבן גע־האַט אין זייער רשות די אַלטע דאָקומענטן, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין דער צייט ווען די געשעענישן זיינען פאָרגעקומען. ס׳איז אויך מעגלעך, אַז די מחברים פון אַט־די אַלטע דאָקומענטן זאָלן זיך האָבן באַנוצט מיט מאַטעריאַלן, וואָס זיינען פאַרצייכנט געוואָרן אין אַ סך אַ פריערדיקער צייט.

„די מעשיות וועגן אַברהמ׳ען, וועלכע דאָס אידישע פאָלק האָט פון דור צו דור איבערגעגעבן מיט אַזאַ הייליקן יראת־הכבוד, זיינען עטוואָס מער ווי נאַציאָנאַלער פאָלקלאָר, אָדער קינדער־מעשיות. דאָס איז אין תוך אַ משפּחה־כראָניק (פּנקס), וואָס איז אויפגעהאַלטן געוואָרן אין פאָלק און וואו ס׳איז פאַרצייכנט, אַז דער ערשטער פון דער משפּחה איז געווען אַברהם אָבינו.

„אויב די אָבות־מעשיות וואָלטן געווען לעגענדעס, וואָס זיינען צוזאַמענ־געשטעלט און רעדאַקטירט געוואָרן ערשט נאָכדעם, ווי די עברים האָבן זיך שוין געהאַט באַזעצט אין ארץ־ישראל (ווי די „ביבל־קריטיקער״ ווילן האָבן), וואָלט עס געווען אוממעגלעך פאַר די מחברים זיי צו באַשרייבן מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט, אַז עס זאָל שטימען מיט די איצטיקע אויסגראָבונגען״ [26].

אויך ש. דובנאָוו האָט שפּעטער איינגעזען די טעות׳ן פון וועלהאַוזענ׳ס „ביבל־קריטיק״. אין די „הוספות״ צום ערשטן באַנד פון זיין „וועלט־געשיכטע״ פון אידישן פאָלק צוויפלט דובנאָוו אין דער אויסגעהאַלטנקייט פון דער „ביבל־קריטיק־וויסנשאַפט״. ער זאָגט דאָרט:

„אין זייער אַ סך מסורות זיינען אונטער דעם לעגענדאַרישן אָדער סימבאָ־לישן שלייער באַהאַלטן עלעמענטן פוןווירקלעכע געשעענישן, וואָס זיינען בלויז דעפאָרמירט געוואָרן דורך דעם לויף פון יאָרהונדערטער.

„דער הויפּט־טעות פון דער ביבל־קריטיק־שולע באַשטייט אין איר איינ־זייטיקייט... דער פולער אמת וועגן דער פאַרגאַנגענהייט קאָן נישט דער־גרייכט ווערן דורך אַן אינערלעכן אַנאַליז פון די דאָקומענטן בלויז פון איין־איינציקן מקור, אויף וועלכן מען בויט דאָן פאַרשיידענע השערות. די באַ־גלויבטקייט פון אַ היסטאָרישן דאָקומענט קען נישט פעסטגעשטעלט ווערן בלויז דורכן פאַרהער פון איין־איינציקן עדות, אָדער פון אַן איינהייטלעכער גרופּע עדות, נאָר מען מוז קאָנפראָנטירן זייער עדות־זאָגן מיטן עדות־זאָגן פון נאָך אַנדערע קוועלן פון דער זעלבער תקופה. אויב אַזעלכע לאָזן זיך אָפּזוכן. אין די לעצטע יאָרצענדליקער האָט זיך טאַקע אַרויסגעשטעלט, אַז

אזעלכע פאַראַלעלע קאָנטראָל־עדות זײַנען טײלװײַז שוין פאַראַנען, און טײל־װײַז קאָן מען זײ נאָך אױפזוכן.

„שטײנער האָבן געגנומען רעדן. די צאָלרײַכע לײמענע טאָװ־לען און צילינדערס פון ׳אַשורבאַניפּאַל׳ס ביבליאָטעק׳, אין די חורבות פון דער אַלטער נינוה, האָבן שױן לאַנג גענומען נאָכזאָגן די רעליגיעזע מיטאָסן פון ספר בראשית און אַ סך דערצײלונגען פון מלכים. אין די לעצטע יאָר־צענדליקער האָבן די אױסגראָבונגען אין עגיפּטן, מעסאָפּאָטאַמיע און ארץ־ישראל געעפנט פאַר אונז פאַראַלעלן צו די געשעענישן פון די סאַמע אַלטע תקופות פון ישראל׳ס געשיכטע, װעלכע די ביבל־קריטיקער האָבן געהאַלטן פאַר לעגענדאַריש" [27]).

דובנאָװ איז געװען גערעכט. שטײנער האָבן טאַקע גענומען רעדן, און נישט נאָר שטײנער, נאָר אױך אוראַלטע דענקמעלער, טעמפּלען, פּאַלאַצן, פאַרצײכנטע דאָקומענטן און פּשוט׳ע שערבלעך, װאָס אַרכעאָלאָגן האָבן אױסגעגראָבן אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר אין איראַק, עבר־הירדן, ארץ־ישראל און עגיפּטן, האָבן גענומען דערצײלן מעשיות פון אַמאָל און אױפדעקן די היסטאָרישקײט פון תנ"ך.

דער אידישער געלערנטער און תנ"ך־פאָרשער, יחזקאל קױפמאַן, מאַכט אַ גרינטלעכן אַנאַליז פון די טעאָריעס פון די ביבל־קריטיקער אין זײַן ריזיקן װערק „תולדות האמונה הישראלית" און קומט צו דער מסקנה, אַז:

„ס׳טרעפט גאַנץ אָפט אין דער גײסטיקער װעלט, אַז אַ געװיסע טעאָריע אָדער געדאַנק, װאָס האָט זיך לכתחילה געשטיצט אױף באַשטימטע יסודות, זאָל זיך קלאַמערן אין איר עקזיסטענץ אַפילו נאָכדעם, װי די יסודות זײַנען צעפאַלן געװאָרן. די ביבל־קריטיקער האָבן געבױט זײער שיטה װעגן דער אַנטשטײאונג פון אידישן פאָלק און דער אַנטװיקלונג פון דער אידישער תורה אױף אַ גאַנצער קײט פון אײגנאַרטיקע באַװײַזן. אױבנאױף האָבן די באַװײַזן אױסגעזען צו זײַן ׳װיסנשאַפטלעך׳ און האָבן זיך אַזױ פּינקטלעך געקײטלט אײנע אין די אַנדערע, אַז ס׳האָט אױסגעזען, אַז זײ האָבן אַ סאָלידן פונדאַמענט. אַ גענױע פאָרשונג האָט שױן אָבער לאַנג פעסטגעשטעלט, אַז די ׳באַװײַזן׳ פון די ביבל־קריטיקער קאָנען נישט װידערשטײן װעלכער ס׳איז קריטיק, און זײערע ׳טעאָריעס׳ האָבן נישט אױף װאָס זיך אָנצו־שפּאַרן".

יחזקאל קױפמאַן האָט געשריבן זײַנע ספרים אין אַ צײַט, װען די „װעלהאַוזען־תורה" האָט נאָך געהאַט אַ גרױסע װירקונג אױף אַ סך ביבל־פאָרשער און די מאָדערנע אַרכעאָלאָגישע װיסנשאַפט האָט זיך נאָר־װאָס געהאַט פאַנאַנדערגעבליט. ער האָט דערפאַר אָנגענומען װעלהאַוזענ׳ס טעאָריע, װאָס צעטײלט די תורה אין דרײַ פאַרשײדענע דאָקומענטן (ס"ד, ס"כ און סא"י), װעלכע זײַנען געשאַפן געװאָרן אין דרײַ באַזונדערע פּעריאָדן. „אָט־די פאַנאַנדערטײלונג — זאָגט קױפמאַן — איז בײַגעשטאַנען

יעדער קריטיק און קאָן אָנגענומען ווערן ווי אַ פאַקט". ער איז נאָר נישט מסכים מיט דער צייט ווען יעדער דאָקומענט איז געשאַפן געוואָרן און מיט די מסקנות צו וועלכע די „ביבל־קריטיקער" זיינען צוליב דעם געקומען. ער האָט דערפאַר אויך געהאַלטן, אַז „די אַרכעאָלאָגישע געפינסן האָבן אַ באַגרעניצטן ווערט צו באַלייכטן דעם געדאַנקען־גאַנג פון דעם ביבלישן פעריאָד. נאָר אין דער ביבל אַליין קאָן מען געפינען באַווייזן, וואָס שטראָמען־אַרויס פון יענע צייטן".

נאָך אַ גאַנצער ריי גרינטלעכע און אויספירלעכע אָפּהאַנדלונגען וועגן דער געשיכטע פון אידישן פאָלק, פון דער אידישער אמונה אין אַן איין־איינציקן גאָט, קומט יחזקאל קויפמאַן צום אויספיר, אַז:

„פון דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן דאָ אויפגעקלערט, שטראָמט־אַרויס דער אומבאַשטרייטבאַרער באַווייז, אַז אין די ערשטע טיילן פון די הייליקע שריפטן — פון דער תורה — איז אונז איבערגעגעבן געוואָרן אַן אַלטע ליטעראַטור, וואָס האָט עקזיסטירט אַ סך פריער ווי די נביאישע ליטעראַטור. די מקורות פון דער תורה אין אַלע זייערע ניואַנסן שטאַמען פון די גאָר ערשטע טעג פון דער אַנטשטייאונג פון דער אידישער רעליגיע. די תורה איז דערפאַר אַ היסטאָרישער דאָקומענט וועגן דער ערשטער תקופה פון די נביאים. פון דעם ווערט קלאָר, אַז פון סאַמע אָנהויב פון דער אידישער געשיכטע איז ביי אונז אָפּגעהיט געוואָרן אַ ליטעראַטור, אין וועלכער עס איז אַריינגעוועבט געוואָרן די אידייע פון דעם אַבסאָלוטן מאָנאָטעאיזם, דער גלויבן אין אַן איין־איינציקן אוניווערסאַלן גאָט" [28]).

קויפמאַן שטיצט זיך אינגאַנצן אויף באַווייזן, וואָס ער האָט געפונען אין תנ"ך גופא. במילא איז ביי אים „די ערשטע תקופה אין דער געשיכטע פון מאָנאָטעאיזם" די צייט פון יציאת־מצרים און מתן־תורה. די מאָדערנע אַרכעאָלאָגישע היסטאָריקער האָבן אָבער שוין אָנגעקליבן גענוג דאָקומענטן, פון וועלכע עס הויבט־אָן קלאָר ווערן, אַז „די ערשטע תקופה" איז געווען אין נאָך אַ סך אַ פריערדיקער צייט, אין דער צייט פון אַברהם אָבינו און די ערשטע עברים, פון ווען עס איז אָפּגעהיט געוואָרן „אַ ליטעראַטור, אין וועלכער עס איז אַריינגעוועבט געוואָרן די אידייע פון דעם אַבסאָלוטן מאָנאָטעאיזם".

אָלבראַיט זאָגט אין דער נייער אויסגאַבע פון זיין ווערק „פון דעם שטיין־פעריאָד ביזן קריסטנטום":

„בנוגע ישראל פאַרטיידיק איך נאָך אַלץ די וועזנטלעכע היסטאָרישקייט פון דער פאַטריאַרכאַלער טראַדיציע. איך באַשטיי אויך איצט, אַז די מינד־לעכע טראַדיציע איבערשטייגט געשריבענע ליטעראַטור. איך האָב אויך נישט געענדערט מיין מיינונג וועגן דעם עלטער פון אידישן מאָנאָטעאיזם; פאַרקערט, איך האַלט איצט די אידישע טראַדיציע נאָך מער פאַרלעסלעך ווי איך האָב פריער געמיינט... איך בין איבערצייגט, אַז די אידישע גע־

זעץ־ביכער און רעליגיעזע אינסטיטוציעס זענען אויס צו זיין אַ סך עלטער, און עקזיסטירן אַן איבערררייס אַ סך לענגער, ווי איך האָב פריער געמיינט... איך אָנערקען, אַז דער בונד פון גאָט יהוה מיט זיין פאָלק איז נישט נאָר אַזוי אַלט, ווי איך האָב ביז איצט געמיינט, נאָר איז געווען אַ סך מער דורכ־דרינגענדיק אין זיין ווירקונג אויפן רעליגיעזן און פּאָליטישן לעבן פון אידישן פאָלק... דער היסטאָרישער פונדאַמענט פון דער אַלטער אידישער טראַדיציע ווערט אַלץ מער און מער באַפעסטיקט אַדאַנק דעם פאָרשריט פון „אַרכעאָלאָגישע אַנטדעקונגען" [28]א).

דער אַרכעאָלאָג און באַרימטער היסטאָריקער סעמועל נח קרעימער רעדט אין זיין בוך „דהי סומעריאַנס" וועגן דער השפעה פון דער סומערי־שער ליטעראַטור אויף דעם תנ"ך און ער זאָגט:

„עס איז גאַנץ וואַרשיינלעך, אַז אַברהם און זיינע אָבות האָבן געהאַט אַ גוטע באַקאַנטשאַפט מיט דער סומערישער ליטעראַטור און וויסנשאַפט. ס'איז דערפאַר נישט אויסגעשלאָסן, אַז ער אָדער איינער פון זיין משפחה זאָל האָבן מיטגעבראַכט קיין ארץ־ישראל סומערישע ספרים, וואָס זיינען ביס־לעכווייז געוואָרן אַ טייל פון די עברים־טראַדיציעס, און שפּעטער אַ קוואַל, פון וועלכן עס האָבן געשעפּט די אידישע געלערנטע אין צוזאַמענשטעלן און רעדאַקטירן דעם תנ"ך... דער אמת איז, אַז ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז די השפעה איז געווען אַ מער־דירעקטע. זי איז געקומען פון אַברהמ'ען אַליין. מערסטע געלערנטע זיינען איצט מסכים, אַז כאָטש די מעשיות וועגן אַברהמ'ען, ווי זיי זיינען דערציילט אין תנ"ך, אַנטהאַלטן אַ סך איינצלהייטן, וואָס קלינגען לעגענדאַריש און פאַנטאַסטיש, האָבן זיי אָבער אין זיך אַ וויכטיק קערנדל פון אמת, אַריינגערעכנט די דערציילונג וועגן אַברהמ'ס געבורט אין אור־כשדים... און זיין יונג לעבן דאָרט מיט זיין פאַמיליע" [29]).

דער אידישער געלערנטער און היסטאָריקער, מ. ד. קאַסוטו ז"ל, רעדט אויך וועגן די „ביבל־קריטיקער" אין זיין „פירוש על ספר בראשית", צווייטער באַנד, „מנח עד אברהם".

קאַסוטו אַנאַליזירט די אַרגומענטן פון די „ביבל־קריטיקער" און ווייזט־אָן אויף זייערע ערנסטע טעות'ן. איינער פון די מאָטיוון, וואָס האָבן געפירט די ביבל־קריטיקער צו צעטיילן דעם חומש אין באַזונדערע אומאָיינהייטלעכע דאָקומענטן, איז דערפאַר וואָס אין אייניקע ערטער אין תנ"ך ווערט גענוצט דער נאָמען „אלהים" פאַר גאָט, און אין אַנדערע דער נאָמען „יהוה". זיי האָבן דערפון געדרונגען, אַז דאָס זיינען פאַרשיידענע שאַפונגען פון „אלהימ'יסטן" אין איין צייט, און פון „יהוה'יסטן" אין אַ גאַנץ אַנדער צייט. אויף דעם זאָגט קאַסוטו, אַז:

„דאָס באַנוצן די צוויי נעמען 'יהוה' און 'אלהים' גייט לויט אַ באַ־שטימטער שיטה אין דער אַלטער אידישער ליטעראַטור, גלייך ווי אין דער אַלטער ליטעראַטור פון אַלע אַנדערע מזרח־פעלקער. יהוה איז אַן אייגנ־

נאָמען (שם עצם פרטי) פון דעם אידישן גאָט און ווייזט־אָן אויף זיינע אייגנ־שאַפטן, לויט דעם אידישן באַנעם. אלהים איז אין זיין עיקר אַן אַלגעמיינער נאָמען (שם עצם כללי), וואָס ווייזט־אָן אויפן באַגריף גאָט ווי ער ווערט פאַרשטאַנען פון אַלע פעלקער. די פרשה פון מבול, למשל, באַציט זיך צו דער גאַנצער מענטשהייט; דאָרט ווערט דערפאַר באַנוצט דאָס וואָרט אלהים פאַר גאָט, אויסער אין יענע פלעצער, וואָס האָבן אַ שייכות נאָר צום אידישן גאָט; נאָר אין יענע שטעלן, וואו עס רעדט זיך וועגן קרבנות, אָדער ווען גאָט רעדט צו נח׳ן מיט אַ ספּעציעלער ליבע ווי פון אַ פאָטער צו אַ זון, ווערט באַנוצט דאָס וואָרט יהוה.

„לויט דער מיינונג פון דעם רוב פאַרשער פון אונזער צייט (ביבל־קריטיקער), קומט אויס, אַז די חומש־דערציילונגען פון מבול זיינען אַ רע־זולטאַט פון אַ פאַרפּלאָנטערטן פּראָצעס פון צונויפקלייבן פראַגמענטן פון פאַרשיידענע אַלטע קוואַלן און זיי איבערדערציילן אין אַן אָריגינעלער אָדער כמעט־אָריגינעלער פאָרם. אויב מען זאָל אָבער באַהאַנדלען די פרשה פון מבול אַן וועלכע ס׳איז פריערדיקע פאָראורטיילן, קאָן מען בשום אופן נישט זאָגן, אַז די מבול־מעשה, ווי מיר האָבן זי איצט, איז אַ צוזאַמענשטעל פון פאַרשיידענע פראַגמענטן, וואָס זיינען גענומען פון פאַרשיידענע קוואַלן. פון אַזאַ צוזאַמענקלייב וואָלט נישט געקענט אַרויסקומען אַזאַ קונסט־ווערק, וואָס איז אַזוי פּראַכטפול און אַזוי האַרמאָניש אין אַלע הינזיכטן און אין אַלע אירע פּרטים. אויב מ׳וועט זאָגן, אַז די קינסטלערישע פאָרם פון דער מבול־מעשה איז די פּרוכט פון אַ רעדאַקטאָר, קאָן מען אויף דעם לייכט ענטפערן, אַז אויב אַזוי, איז דאָך דער רעדאַקטאָר נישט געווען קיין סתם־צונויפזאַמלער, וואָס האָט טעכניש צוגעטשעפּעט אַ פראַגמענט צו אַ פראַגמענט. ער האָט געדאַרפט זיין אַ זעלבסטשטענדיקער קינסטלער, וואָס האָט פון דעם צוזאַמענגעקליבע־נעם מאַטעריאַל געשאַפן אַן אייגענע קינסטלערישע דערציילונג.

בכלל זיינען שוין אָט די אַלע טעאָריעס פון די „ביבל־קריטיקער" פאַר־עלטערט. די דאָקומענטן, וואָס זיינען געבליבן פון די אור־אַלטע צייטן, וועלכע מען האָט אויסגעגראָבן אין די לעצטע יאָרן, העלפן אונז זיך צו באַקענען נישט נאָר מיט דעם אַלגעמיינעם געאָגראַפישן און היסטאָרישן הינ־טערגרונט פון די תנ״כ׳ישע דערציילונגען וועגן אברהמ׳ען און זיין משפחה, נאָר מיר באַקענען זיך אויך מיט דער ס ב י ב ה, אין וועלכער די דאָזיקע דערציילונגען פירן אונז אַריין. אַזוי, למשל, האָבן די גרויסע צאָל דאָקומענטן, וואָס די אַרכעאָלאָגן האָבן אויסגעגראָבן אין מעסאָפּאָטאַמיע, ספּע־ציעל אין מאַרי און נוזי, אונז געגעבן אַ קלאָרפולע און דעטאַליזירטע באַ־שרייבונג וועגן דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין מעסאָפּאָטאַמיע, דאָס ערשטע לאַנד וואו די אבות האָבן אַרומגעוואַנדערט, און דווקא פון דער ערשטער העלפט פון צווייטן יאָרטויזנט פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג, די תקופה פון די אבות. דער גאַנצער קולטורעלער, געזעלשאַפטלעכער, עטנאָ־

גראַפֿישער און שפּראַך־אונטערגרונט פון תנ״ך שטימט מיט די געפֿונענע דאָקומענטן. אין אַ שפּעטערדיקער צייט וואָלט נישט מעגלעך געווען אַזוי פּינקטלעך צו שילדערן די אור־אַלטע געשעענישן״[30].

***

אַזוי לאַנג ווי מ׳האָט נישט געוואוסט וואו אור־כשדים געפֿינט זיך; וואו ס׳איז געשטאַנען די שטאָט חרן, און צי ס׳זיינען בכלל געווען אַזעלכע שטעט, האָבן די „ביבל־קריטיקער״ אויך געהאַט אַ רעכט נישט צו גלויבן אין דער היסטאָרישקייט פֿון די אָבות־מעשׂיות. און ס׳איז פֿאַר זיי געווען זייער גרינג צו דערקלערן אַלע אָבות־דערציילונגען פֿאַר אַ „מיראַזש״, און די אָבות אַליין פֿאַר לעגענדאַרישע העלדן.

דער דאָזיקער „מיראַזש״ פֿון תנ״ך מיט אַזעלכע נעמען ווי שנער, אור־כשדים, ארך, נינוה, אַשור, נחור, חרן אד״ג, האָט אָבער נישט געלאָזט רוען די אַרכעאָלאָגישע בעלי־חלומות. זיי האָבן „געפֿילט״, אַז דאָס מוזן זיין נעמען פֿון פֿערזאָנען און ערטער, וואָס האָבן אַמאָל געלעבט און עקזיסטירט. אָבער וואו? ווען? זיי האָבן פּשוט נאָכגעפֿאָלגט די אָנווייזונגען פֿון תנ״ך און זיך אַוועקגעלאָזט קיין אַרם־נהרים, אַסיריע, סיריע, עגיפּטן און ארץ־ישׂראל און גענומען זוכן. זיי האָבן צוערשט באַמערקט דאָ־און־דאָרט קליינע בערגלעך ערד און ברוכוואַרג, און די פֿאַרשנדיקע אויגן פֿון די אַרכעאָלאָגן האָבן אָנגעהויבן חושד־זיין, אַז אונטער אָט־די קליינע בערגלעך מוזן ליגן באַהאַלטן אוצרות פֿון וויכטיקע היסטאָרישע מאָנומענטן. דורך פֿאַרשיידענע צופֿאַלן האָבן זיך גענומען באַווייזן סימנים, אַז די אַרכעאָלאָגישע טרוימער האָבן געהאַט אַ גרעסערן חוש פֿאַר רעאַלער ווירקלעכקייט, ווי די „וויסנשאַפֿטסלייט״ פֿון דער „ביבל־קריטיק־שולע״. פֿון אונטער די „פֿאַרדעכטיקע״ בערגלעך האָט מען אויסגעגראָבן הייזער, פּאַלאַצן, טעמפּלען און גאַנצע „אימפּעריעס״, וועגן וועלכן מ׳האָט פֿריער גאָרנישט געוואוסט.

ווען דער באַרימטער פֿראַנצויזישער געלערנטער און אַרכעאָלאָג פּראָפֿ. פּ אַ ר אָ ט און אַ שטאַב פֿון וויסנשאַפֿטסלייט האָבן, אין 1934, אָנגעהויבן אויסגראָבן דאָס בערגל תל־האַרירי, אין שטעטל אַבו־קאַמאַל, צפֿון־מעסאָפּאָטאַמיע, האָבן זיי גלייך אין אָנהויב, צווישן פֿאַרשיידענע ברוך־שטיקער, געפֿונען אַ קליינע סטאַטוע, וואָס האָט געהאַט אַן אויפֿשריפֿט אויפֿן רעכטן אַקסל. ווען זיי האָבן די אויפֿשריפֿט דעשיפֿרירט, האָבן זיי געלייענט:

„איך בין לאַמגי־מאַרי... קעניג... פֿון מאַרי... דער גרויסער... איסאַקאַוו... וואָס האָט תּפֿילה־געטאָן צו אָט־דער סטאַטוע... פֿון אישטאַר...״

מען האָט שוין פֿון אַנדערע שריפֿטן געוואוסט, אַז ס׳איז געווען אַ שטאָט און אַ קעניגרייך מיטן נאָמען מאַרי, אָבער וואו מאַרי איז געשטאַנען האָט מען נישט געוואוסט. אָט־די קליינע סטאַטוע האָט אין נאָמען פֿון דעם קעניג לאַמגי־מאַרי געלאָזט וויסן דער וועלט, אַז דאָ, אונטערן בערגל תל־האַרירי,

ווען מען געפינען די שטאָט מאַרי. מ׳האָט אָנגעהויבן גראָבן און מ׳האָט דאָרט געפונען נישט נאָר די שטאָט מאַרי, נאָר אַ גאַנצע ציוויליזאַציע, וועגן וועלכער מ׳האָט פריער גאָרנישט געוואוסט.

ענלעכעס איז פאָרגעקומען מיט אור־כשדים. מ׳האָט געוואוסט פון תנ״ך, אַז ס׳האָט געדאַרפט זיין אַזאַ שטאָט און אַז דאָרטן איז געבוירן געוואָרן אַברהם אָבינו. די אַרכעאָלאָגן האָבן נאָכגעפאָלגט די אָנווייזונגען פון תנ״ך און זיך אַוועקגעלאָזט זוכן די שטאָט. דורך אַ צופאַל האָט מען געפונען אויף אַ בערגל, וואָס הייסט תל־אַל־מוקאַיאַר, נישט ווייט פון דעם דריי־עק־ווינקל, וואו די טייכן פרת און חדקל גיסן זיך אַריין אין פערסישן ים־אויסגוס, קליינע צילינדערס, אויף וועלכע ס׳זיינען געווען אויפשריפטן מיט אומבאַקאַנטע בוכשטאַבן און אין אַן אומבאַוואוסטער שפּראַך. ווען מען האָט די אויפשריפטן דעשיפרירט, האָט מען אויף זיי געפונען דעם נאָמען אור־נאַמו, דער קעניג פון דער שטאָט אור און דער בויער פון איר פּראַכטפולן זיגוראַט־טעמפּל. די קליינע צילינדערס זיינען געווען די אַנזאַגערס, אַז אונטערן בערגל תל־אַל־מוקאַיאַר ליגט אַ גאַנצע פאַרצייטישע ציוויליזאַציע.

אַ צילינדער און די אויפשריפט אויף אים מיט וועלכע פּריוואַטע פּראָדוצירער האָבן גע׳חתמ׳עט זייער סחורה.

לעאָנאַרד וואולי האָט דאָרט דערנאָך אויסגעגראָבן די שטאָט אור, טעמפּלען און פּאַלאַצן און אויך דאָקומענטן, וואָס ווייזן, אַז די שטאָט אור־כשדים איז געווען די הויפּט־שטאָט פון סומער, דאָס לאַנד פון אַן אַלט פאָלק, וועלכן מיר רופן איצט סומעריער, וועגן וועלכן מ׳האָט פריער גאָרנישט געוואוסט. שוין מיט פיר טויזנט יאָר צוריק איז דאָס געווען אַ ציוויליזירט לאַנד, אין וועלכן עס האָט געלעבט אַן אַנטוויקלט, קולטורעל פאָלק. דאָס איז טאַקע די זעלבע אור־כשדים, דאָס „לאַנד פון די כאַלדייער״, וואו אַברהם אָבינו איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן.

אַט־דער נייער צוגאַנג צו דער ביבל־פאָרשונג איז אַ רעזולטאַט פון דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון דער אַרכעאָלאָגיע ווי אַן עקזאַקטע וויסנשאַפט. אַרכעאָלאָגיע איז די וויסנשאַפט, וואָס לערנט אונז די געשיכטע פון די אור־אַלטע צייטן דורך אויספאָרשן די איבערבלייבענישן פון יענע

תקופות. ווען צוליב אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע אָדער מלחמה איז אַ ישוב אין אַ געגעבענעם פעריאָד אונטערגעגאַנגען און מיט דער צייט פאַרדעקט גע־וואָרן מיט אַ שיכט ערד, האָט דער פרימיטיווער מענטש, צוליב פאַרשיידענע טעמים, אויפגעבויט אַ נייעם ישוב אויף דעם זעלבן אָרט, איבער דעם אַלטן ישוב. אויף דעם אופן איז געשען, אַז אין איין אָרט האָט זיך אָנגעקליבן אַ ריי פון ערד־שיכטן, איינע איבער דער אַנדערער, אין וועלכע עס זיינען געלעגן שטעט און טעמפּלען פון פאַרשיידענע תקופות.

די מענטשלעכע געשיכטע ווערט איינגעטיילט אין פאַרשיידענע פּע־ריאָדן: דער פרימיטיווער מענטש האָט צוערשט געלעבט פון יאַגד און האָט זיך באַנוצט מיט געצייג און כלים, וואָס ער האָט אויסגעהאַקט פון שטיין. יענע צייט רופט מען „דער שטיין־פּעריאָד".

שפּעטער האָט דער מענטש אויסגעפונען דעם מעטאַל קופּער און האָט באַאַרבעט די ערד מיט אַן אַקער־אייזן, געמאַכט פון קופּער און אויסגעגאָסן כלים און שפּיזן פון קופּער. יענע צייט רופט מען „דער קופּער־פּעריאָד".

נאָך שפּעטער האָט ער אויסגעפונען, אַז ווען ער גיסט צונויף צין מיט קופּער, באַקומט זיך אַ מעטאַל־בראָנז, און ער מאַכט שוין זיינע שפּיזן, שווערדן, הויז־כלים, צירונג, אָרנאַמענטן און אַנדערע מכשירים פון בראָנז. יענע צייט רופט מען „דער בראָנז־פּעריאָד".

די געשיכטע פון דער מענטשהייט ווערט אַזוי אַרום איינגעטיילט אין תקופות, לויט דעם שטאַפּל פון אַנטוויקלונג (ציוויליזאַציע), וואָס זי האָט דערגרייכט אין אַ באַשטימטער תקופה. דאָס הייסט, מיט וועלכע מעטאַלן דער מענטש האָט זיך דעמאָלט באַנוצט, מיט וועלכע שפּייזן ער האָט זיך דערנערט און וואָס פאַר אַ קולטור ער האָט אַנטוויקלט. די מאַטעריאַלן, וואָס דער אַרכעאָלאָג געפינט אין אַ געוויסן שיכט ערד, דערציילן אים, צו וועלכער קולטור־תקופה די מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אין יענער צייט, האָבן באַ־לאַנגט.

די מאָדערנע אַרכעאָלאָגיע באַנוצט זיך מיט פּרעציזע, עכט־וויסנשאַפט־לעכע מעטאָדן אין די אויסגראָבונגען און פאַנאַנדערטיילן די ערד־שיכטן, דאָס סאָרטירן די געפונענע מאַטעריאַלן, דאָס שטודירן די אַלטערטימלעכע דאָקומענטן און דאָס דעשיפרירן די אור־אַלטע פאַרגעסענע שפּראַכן. אויסער דעם געלערנטן און געניטן אַרכעאָלאָג, וואָס פירט־אָן מיט דער אַרבעט, נעמען אָנטייל אין די אויסגראָבונגען אַרכיטעקטן, אינזשענירן, כעמיקער, פאָטאָגראַפער, עקספּערטן וואָס וויסן ווי אַזוי צו פּרעזערווירן הייזער, ביינער, מעטאַלן און אַנדערע קעגנשטאַנדן, וואָס מען געפינט אין די טיפענישן פון דער ערד.

אין די אור־אַלטע צייטן זיינען לענדער און קולטורן אויסגעוואָקסן און אונטערגעגאַנגען. די צייט האָט פאַרשאָטן און אָפּגעווישט יעדן שפּור פון זייער עקזיסטענץ. מיט דער צייט זיינען זיי אינגאַנצן פאַרשאָטן און אָפּ־

געווישט געוואָרן. עס זיינען אָבער דאָ־און־דאָרט געבליבן סימנים, וואָס האָבן געגעבן אַן אָנדייט, אַז ערגעץ־וואו ליגן פאַרשאָטן רעשטלעך פון אַמאָ־ליקע רייכע שטעט, שטאַרקע קעניגרייכן און בליענדיקע קולטורן. די אַרכעאָלאָגן לאָזן זיך אַוועק צו די „פאַרדעכטיקטע“ בערגלעך, גראָבן־אויס איין שיכט ערד נאָכן אַנדערן און געפינען טאַקע דאָרטן הייזער, פּאַלאַצן און אַמאָל אַפילו אַ גאַנצע שטאָט. אין דעם אויבערשטן שיכט געפינען זיי כלים, וואָפן און אַנדערע מכשירים, געמאכט פון אייזן. זיי דרינגען דערפון, אַז די מענטשן וואָס האָבן אַמאָל געלעבט אויף דעם פּלאַץ, האָבן געלעבט אין דעם אייזן־פּעריאָד און מיט דער קולטור פון יענער תקופה.

אין דעם צווייטן שיכט געפינען די אַרכעאָלאָגן כלים, וואָפן, צירונג, רייט־וועגענער, וואָס זיינען געמאַכט פון בראָנז, פאַרשטייען זיי, אַז דאָ האָבן געלעבט מענטשן פון דעם בראָנז־פּעריאָד; זיי האָבן נאָך, אַפּנים, נישט גע־וואוסט ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיט אייזן.

די אַרכעאָלאָגן זיינען אָבער על־פּי־טבע קיינמאָל ניט צופרידן. זיי ווייסן, אַז ווען אַ שטאָט אין די אור־אַלטע צייטן איז פאַרניכטעט און פאַרשאָטן גע־וואָרן, זיינען געקומען מענטשן אין אַ שפּעטערדיקער תקופה און אויפגעבויט אַ נייע שטאָט אויף די חורבות פון דער אַלטער. זיי גראָבן־אויס נאָך אַ שיכט און געפינען אַלטע כלים, אַקער־אייזנס, העק און שפּיזן אויסגעאַרבעט פון שטיין. זיי דרינגען דערפון, אַז די מענטשן, וואָס האָבן דאָ געלעבט, האָבן נאָך ניט געוואוסט פון קיין שום מעטאַלן און האָבן זיך באַנוצט מיט שטיין, וואָס זיי האָבן געפונען פריי אין פעלד. זיי האָבן, הייסט עס, געלעבט אין דעם שטיין־פּעריאָד.

אין אַלע אויסגראָבונגען געפינט מען כלים פון פאַרשידענע שטופן פון אַנטוויקלונג: ערדענע כלים, געפּאַרבטע קריגן, געגלייזטע טעפּ און וואַזעס, אָרנאַמענטירטע כלים מיט זילבער און גאָלד און טייערע שטיינער. יעדער מין באַלאַנגט צו אַן אַנדער תקופה.

אין די העכערע שיכטן האָט מען געפונען טאָוולען, געמאַכט פון ליים און געבאַקן אונטער דער זון. אויף זיי זיינען געווען אויסגעקריצט אַלטע שריפטן, וואָס קיינער איז מיט זיי נישט געווען באַקאַנט. ווען מ׳האָט די מאָדנע אותיות דעשיפרירט, האָט מען אין זיי געלייענט געשיכטעס פון אַלטע לענדער און פעלקער, וואָס האָבן שוין מער נישט עקזיסטירט.

אַזעלכע שיכטן פון דער בראָנז־עפּאָכע האָט מען אויסגעגראָבן אין מע־סאָפּאָטאַמיע, עגיפּטן, סיריע און ארץ־ישראל. מען האָט דאָרט געפונען שטעט, טעמפּלען, פּאַלאַצן און ליימענע טאָוולען, וואָס האָבן דערציילט וועגן לענדער און פעלקער, קולטורן פון דער עפּאָכע, אין וועלכער עס האָט געלעבט אַברהם אָבינו. ביז נישט לאַנג צוריק האָבן היסטאָריקער אַפילו נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן זייער עקזיסטענץ. במילא האָבן די ביבל־פאַרטייטשער, ביבל־פאָרשער און „ביבל־קריטיקער“ ביז איצט זיך געקענט דערלויבן אויסצו־

פשט׳לען ספעקולאַטיווע מעשיות וועגן דער צייט, אין וועלכער דער תנ״ך איז געשאַפן געוואָרן, און משונה׳דיקע השערות וועגן דער געשיכטע פון אי־דישן פאָלק.

די אַרכעאָלאָגן דערציילן נישט סתם קיין באָבע־מעשיות. זיי לאָזן זיך אַרונטער אין די גריבער, שטודירן איין שיכט ערד נאָכן צווייטן און גראָבן־אַרויס בפועל ממש פ א ק ט י ש ע ה י ס ט א ר י ש ע באַווייזן. און וואָס מער זיי גראָבן, אַלץ מער ווערט באַשטעטיקט, אַז די מעשיות אין תנ״ך זיינען נישט קיין אויסגעטראַכטע לעגענדעס, נאָר ה י ס ט א ר י ש ע דאָקומענטן.

מיטן פאָרשריט פון אַרכעאָלאָגישער וויסנשאַפט ווערט אַלץ קלאָרער די אומגעהויער־גרויסע פאַרבינדונג צווישן אמת׳ער תנ״ך־פאָרשונג און אַרכעאָ־לאָגישע אויסגראָבונגען. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער גרעסטער קוואַל, פונוואַנען די אַרכעאָלאָגן שעפּן זייערע אָנווייזונגען, וואו זיי זוכן און געפינען היסטאָרישע אַלטערטימלעכקייטן, איז דער ת נ ״ ך, און די וויכטיקסטע אַר־כעאָלאָגישע אַנטדעקונגען האָבן אומצווייפלהאַפט באַשטעטיקט, אַז די מערסטע מעשיות אין תנ״ך זיינען נישט קיין סתם לעגענדעס, נאָר ריכטיקע היסטאָ־רישע פאַרצייכענונגען.

דער באַרימטער אידישער געלערנטער, ד״ר נעלסאָן ג ל י ק, איינער פון די אָנגעזעענסטע אַרכעאָלאָגן, דערקלערט:

„ס׳איז אַ קאַטעגאָרישער פאַקט, אַז קיין שום אַרכעאָלאָגישע אַנטדעקונג האָט נאָך ביז איצט נישט אָפּגעפרעגט קיין תנ״כ׳ישן אָנווייז אויף היסטאָרישע פלעצער. די גרויסע צאָל אויסגראָבונגען, וואָס זיינען ביז איצט געמאַכט געוואָרן, האָט מיט פּינקטלעכע איינצלהייטן באַשטעטיקט, אַז די פאַרצייכע־נונגען אין תנ״ך זיינען רעאַל. פון דער אַנדערער זייט האָבן ריכטיקע אָפּשאַ־צונגען פון ביבלישע באַשרייבונגען געפירט צו איבערראַשנדיקע אַרכעאָלאָ־גישע געפינסן״.

ד״ר גליק איז אַליין אַוועק אין נגב און אויסגעפּרובירט די אויטענטיש־קייט פון די תנ״כ׳ישע באַשרייבונגען און תמיד אויסגעפונען, אַז דאָס זיינען היסטאָרישע דאָקומענטן, אויף וועלכע מען קאָן זיך פאַרלאָזן.

אין תנ״ך איז, למשל, פאַרשריבן, אַז:

„אויך שיפן האָט געמאַכט דער מלך שלמה אין עציון־גבר, וואָס ביי אלות אויפן ברעג פון ים־סוף, אין לאנד אדום. און חירם האָט געשיקט מיט די שיפן זיינע קנעכט, שיפלייט, וואָס קאָנען דעם ים, מיט שלמה׳ס קנעכט. זיי זיינען געקומען קיין אופיר און האָבן געקראָגן פון דאָרט גאָלד און גע־בראַכט צום מלך שלמה״ (מלכים׳ א׳, כ״ו).

די צייט האָט אָבער פאַרשאָטן די שטאָט עציון־גבר און דעם פאָרט, פונ־וואַנען שלמה המלך׳ס שיפן זיינען אָפּגעשוואומען, און ס׳איז נישט געבליבן אַפילו קיין שפור, וואו די ערטער געפינען זיך.

„ביבל־קריטיקער" האָבן דעמאָלט „מיט רעכט" געקאָנט זאָגן, אַז די גאַנצע מעשה איז נישט מער ווי אַ „טעאָלאָגישע לעגענדע".

ד"ר גליק האָט אָבער געפילט, אַז די אָנווייזונגען אין תנ"ך זיינען ריכ־טיקע. ער איז אַוועק אין נגב, צו דער שטאָט אילת ביים ים־סוף, און ער האָט דאָרט אַזוי לאַנג געגראָבן און געזוכט, ביז ער האָט געפונען די איי־בערבלייבעכצן פון דער שטאָט עציון־גבר און דעם פּאָרט גאַנץ גענוי אויף דעם פּלאַץ, ווי דאָס איז פאַרשריבן אין תנ"ך.

וועלכער ביבל־קריטיקער וואָלט אָנגענומען פאַר אַ פאַקט די תנ"כ'ישע שילדערונג פון ארץ־ישראל, אַז דאָס איז „אַ לאַנד פון ווייץ און גערשטן, פון וויינשטאָקן און מילגרוימען... אַ לאַנד, וואָס זיינע שטיינער זיינען אייזן, און פון זיינע בערג וועסטו האַקן קופּער"? (דברים, ח׳, ט׳).

ד"ר נעלסאָן גליק איז אַוועק אין נגב און האָט געזוכט לויט די אָנוויי־זונגען פון חומש און געפונען דעם נגב רייך אין אַלערליי מינעראַלן, און אַנט־דעקט שלמה המלכ'ס קופּערנע בערג און אייזן־מינעס.

דר. גליק האָט עטלעכע יאָר געגראָבן און געזוכט און געפאָרשט דעם נגב. ער האָט געפונען גענוג דאָקומענטן, וואָס האָבן אים דערציילט די מעשה פון אַברהמ'ס צייטן. פון די אַלע אַנטדעקטע באַווייזן האָט ער אַרויס־געלייענט, אַז אַברהם האָט זיך באַזעצט אין נגב אין צוואַנציקסטן יאָרהונ־דערט פאַר דער נייער צייט־רעכענונג, און אַז נאָך פאַר אַברהמ'ען איז דער נגב געווען אַ פרוכטבאַר און אַנטוויקלט לאַנד. ער זאָגט, אַז:

„דער נגב האָט נישט געקענט זיין אינגאַנצן חרוב אין דער צייט ווען אַברהם און זיין גרויסע מחנה עברים האָבן זיך דאָרט באַזעצט. מיר שיינט, אַז דאָס איז אָנגענומען פאַר זעלבסטפאַרשטענדלעך אין דער תנ"כ'ישער דער־ציילונג וועגן אַברהמ'ס לעבן אין נגב, אויסער ווען מיר זאָלן זיין וויליק צוצוגעבן, אַז די גאַנצע אַברהם־געשיכטע איז בלויז אַ פאַנטאַזיע פון אַ דער־ציילער. מיר זיינען אָבער בשום אופן נישט גרייט דאָס צוצוגעבן. פאַרקערט, מיר מיינען, אַז דער נגב, ווי אַ הינטערגרונט פאַר אַברהמ'ס וואַנדערונגען, איז אַ זיכערע געשעעניש. דאָרט האָט אַברהם און זיין פאָלק זיך געקאָנט אויפהאַלטן אַ לענגערע צייט; דאָרט האָבן זיינע סטאַדעס געקאָנט געפינען פאַשע און וואַסער און זיך דאָרט איינלעבן. צו דער איבערצייגונג זיינען מיר געקומען אַדאַנק אונזערע אַרכעאָלאָגישע אַנטדעקונגען אין נגב. ס'איז פעסט־געשטעלט געוואָרן, אַז די נאַטירלעכע באַדינגונגען אין נגב און די היסטאָרישע פאַקטן, וואָס מ'האָט דאָרט געפונען, זיינען אין פולשטענדיקער האַרמאָניע מיט דער ביבלישער דערציילונג...

„דער לעבעדיקער אַברהם, 'אין בלוט און פלייש', אויב ער האָט באמת געלעבט — און וואָס מיר האָבן נישט קיין שום אורזאַך צו צווייפלען — האָט נישט געקאָנט לעבן שפּעטער ווי אין ניינצענטן יאָרהונדערט פק"ר, צום סוף פון דער מעטאַל־בראָנז־תקופה, ווייל אַנדערש וואָלט נישט געווען קיין היס־

טאַרישע ראַם אין וועלכער זיין לעבן וואָלט זיך געקאָנט אַריינפּאַסן״ [31]).

אַרכעאָלאָגיע האָט אויך באַוויזן פעסטצושטעלן אַן אַנדער געשעעניש אין דער אידישער געשיכטע:

דער גרויסער היסטאָריקער יוסף בן־מתתיהו (יאָזעפוס פלאוויוס), וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פון חורבן בית־שני, דערציילט אין זיין „די מלחמות פון די אידן״, אַז אין חודש ניסן, אין יאָר 73 לויט דער איצטיקער צייטרעכענונג, האָבן 960 אידישע קריגער פאַרטיידיקט די לעצטע פּאָזיציעס אין דער פעסטונג מסדה, וועלכע איז געווען אַרומגערינגלט פון אַ גרויסער רוימישער אַרמיי. ווען די פאַרטיידיקער האָבן געזען, אַז זייער לאַגע איז האָפנונגסלאָז, האָבן זיי באַשלאָסן זיך בעסער אומצוברענגען איידער אַריינ־צופאַלן אין די הענט פון די אַכזריות׳דיקע רוימער. זיי האָבן אויסגעקליבן צען, וואָס האָבן אומגעבראַכט אַלע וואָס זיינען געווען אין פעסטונג, און די לעצטע צען האָבן דערנאָך געוואָרפן גורל און באַשטימט איינעם וואָס זאָל טויטן די אַנדערע 9 און דערנאָך זיך אַליין אומברענגען.

היסטאָריקער האָבן געצווייפלט אין דער אויטענטישקייט פון דער העל־דישער און מורא׳דיקער געשיכטע. ס׳האָבן זיך אויך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ פאַנטאַזיע פאַרטראַכט פון דעם היסטאָריקער פלאַוויוס. דער באַרימטער אַרכעאָלאָג יגאל יאַדין, פּראָפ. פון ירושלים׳ער אוניווערזיטעט, האָט ערשט נישט לאַנג צוריק אויסגעגראָבן די מסדה־פעסטונג און דאָרט געפונען דאָקומענטן, וואָס באַשטעטיקן גאַנץ גענוי די געשיכטע ווי זי ווערט דערציילט פון יאָזעפוס פלאַוויוס [32]).

די גאַנצע תנ״כ׳ישע געשיכטע וועגן אַברהמ׳ען פּאַסט זיך וואונדערלעך אַריין אין דעם היסטאָרישן הינטערגרונט פון דער תקופה, אין וועלכער אַברהם האָט געלעבט. מיר ווייסן איצט גענוי דעם שטייגער לעבן, די קול־טורן און רעליגיעס פון יענער אַלטערטימלעכער צייט, אין וועלכער אַברהם האָט געלעבט. מיר ווייסן וועגן די פאַרשיידענע פאָרמען פון געצנדינעריי, וועגן די בלוטיקע מלחמות צווישן אכזריות׳דיקע הערשער אין נאָמען פון זייערע געטער און אויך וועגן דער שוידערלעכער שקלאַפעריי, אונטער וועלכער די דאָזיקע פעלקער האָבן געלעבט.

ס׳איז נישט מער ווי נאַטירלעך, אַז אין אַזאַ צייט זאָל אויפשטיין אַ געטלעכער נביא, וואָס זאָל ברענגען טרייסט און האָפענונג צו אַ ליידנדיקער מענטשהייט און זאָל וועקן און רופן די פעלקער צו רעוואָלטירן קעגן זייערע פאַלשע געטער, זיך באַפרייען פון זייערע אַכזריות׳דיקע אונטערדריקער און אָנערקענען אַ גערעכטן גאָט, וועמענס געבאָטן זיינען יושר און גערעכטיקייט צו אַלע מענטשן.

אַזוי איז געווען אין לויף פון דער גאַנצער מענטשהייט. ווען אַ פאָלק איז שוין געשטאַנען ביים אָפּגרונט, איז אויפגעקומען אַ דערלייזער און האָט מציל־געווען דאָס פאָלק פון אונטערגאַנג. ווען מיר זעען די רעוואָלוציאָניזירנ־

דיקע פאָלגן, וואָס אַברהמ׳ס גאָט־אידייען האָבן געבראַכט צווישן אַלע פעל־קער אין זיין אייגענער תקופה, ווי אויך צווישן אַלע פעלקער און אַלע דורות נאָך אים, איז גרינג צו פאַרשטיין, אַז אַברהם איז אַ היסטאָרישע פערזענ־לעכקייט, וואָס האָט געענדערט דעם גאַנג פון דער וועלט אין אַ באַשטימטן פעריאָד אין דער מענטשלעכער געשיכטע. ער איז דער באַשאַפער פון אַ געטלעכער אידייע, דער גרינדער פון אַן עטישער באַוועגונג און דער פאָטער פון אַן אויסדערוויילטן פאָלק.

וועגן דער תקופה פון די אָבות און דעם אָנהויב פון דער אידישער גע־שיכטע זאָגט פראָפ. ר. קיטעל:

„...אומעטום אויף דער גרויסער בינע פון דער וועלט־געשיכטע איז עס אַ דערהויבענע דראַמע צו זען, ווי עס אַרבעט זיך אַרויס אַ נייע קולטור־וועלט אויפן פלאַץ פון אַן אַנדערער, אונטערגייענדיקער, אָדער אינמיטן פון מערערע זינקענדיקע קולטורן. אַרום דעם מיטן פון צווייטן יאָרטויזנט פק״ר זיינען די עגיפּטישע ווי די באַבילאָנישע קולטורן שוין לאַנג אַריבערגעטראָטן זייער העכסטן שטאַפּל. אין כנען קומען זיי ביידע אין באַרירונג. אָט־דאָ ברענגען זיי אַרויס ביי דער דאָרטיקער באַפעלקערונג, אין פילפאַכיקער פאַר־בינדונג מיט פרעמדע עלעמענטן, אַ מישמאַש־קולטור... אַלס צוגאָב דערצו האָט מען אין כנען גאַנץ פרי איבערגענומען די וויין־קולטור און די ווילדע אָרגיעס פון דעם קולט...

„אינמיטן פון אָט־די זינקענדיקע כוחות איז אויפגעשטאַנען אַ נייע קול־טור, וואָס האָט נישט געלייגט איר הויפט־געוויכט אויף ציוויליזאַציע, אָדער אויף פאַרשענערן און באַרייכערן דאָס אויסערלעכע לעבן, נאָר אויף אַזאַ וויכטיקן עלעמענט פון גייסטיקן לעבן, ווי רעליגיע. אָט־די נייע קולטור האָט אויפגענומען אַ קאַמף מיט די עקזיסטירנדיקע קולטורן און רעליגיעס, און געשאַפן אַ נייע גייסטיקע וועלט, וואָס כאָטש זי האָט געלערנט פון זיי אַלעמען, האָט זי זיך דאָך אָפּגעשיידט פון זיי אַלעמען דורך איר אָריגינעלקייט.

„אויף קיינער פון די פאַרשיידענע שיכטן, וואָס זיינען אין לויף פון דער צייט אַריינגעדרונגען אין פאַלעסטינע, איז עס נישט מקויים געוואָרן אין אַ העכערער מאָס, ווי אויף יענע שיכטן, פון וועלכע עס איז שפּעטער אַרויסגע־קומען דאָס פאָלק ישראל. ס׳איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס זיינע ערשטע התחלות ליגן אין דער טונקלקייט. ווען ס׳זאָל זיך אונז איינגעבן אויפצוכאַפּן אייניקע שטראַלן פונעם ערשטן מאָרגן־ליכט, וואָס האָט אָנגעהויבן צו באַשיינען יענע טונקלקייט, און צו דערקענען דורך זיי די סאַמע ערשטע קאָנטורן פון היסטאָ־רישע געשעענישן און געשטאַלטן, וואָלטן מיר דעמאָלט האָבן אויפגעטאָן אַלץ וואָס מ׳קאָן בכלל דערוואַרטן צו וויסן וועגן דעם ענין...״ [33]).

די מאָדערנע אַרכעאָלאָגיע האָט נישט נאָר „אויפגעכאַפּט אייניקע שטראַלן פונעם ערשטן מאָרגן־ליכט״, נאָר האָט שוין באַוויזן צו געפינען „לעבעדיקע

פאַקטן" וועגן די „סאַמע ערשטע קאָנטורן פון היסטאָרישע געשעענישן און געשטאַלטן".

***

אָט־די אַלע „לעבעדיקע פאַקטן", וואָס די אַרכעאָלאָגן האָבן אויסגעגראָבן, באַווייזן אויף דעם געזונטן אינסטינקט פון אידישן פאָלק בנוגע דער רעאַלער עקזיסטענץ פון זיינע אָבות. ס'האָט זיך נישט געלייגט אויפן שכל, אַז בלויז אַ לעגענדאַרישע דערציילונג זאָל זיך אַזוי טיף איינקריצן אין זכרון פון אַ פאָלק. ס'קאָן דאָך נישט זיין קיין צופאַל, וואָס אין לויף פון דער לאַנגער אידישער געשיכטע פאַררופט זיך דאָס אידישע פאָלק אַלעמאָל — אין פריידן און אין ליידן — אויף זיין פאָטער אַברהם, דער ערשטער עברי, דער פאָטער פון אַלע עברים.

ווען גאָט דערהערט דעם פּיין פון זיין פאָלק אין מצרים, דערמאָנט ער זיך אין אַברהמ'ען: „און עס איז געוועזן אין יענער צייט, ווען די קינדער פון ישראל האָבן געזיפצט פון דער קנעכטשאַפט פון די מיצרים און זיי האָבן געשריגן, האָט גאָט דערהערט זייער קרעכצן, און ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין בונד מיט אַברהמ'ען, מיט יצחק'ן און מיט יעקב'ן..." (שמות, ב', כ"ד).

ווען גאָט באַווייזט זיך דאָס ערשטע מאָל צו משה'ן אין דעם ברענענדיקן דאָרן (סנה), זאָגט ער אים:

„איך בין דער גאָט פון דיין פאָטער, דער גאָט פון אַברהמ'ען, דער גאָט פון יצחק'ן און דער גאָט פון יעקב'ן... (שמות ג', ו').

ווען דער דור־המדבר קערט זיך אָפּ פון זיין גאָט יהוה און דינט צו אַ גאָלדענעם קאַלב און גאָט וויל דעם דור אומברענגען, זאָגט משה צו גאָט: „קער זיך אָפּ פון דיין גרימצאָרן און האָב חרטה אויף דעם בייז פון דיין פאָלק, דערמאָן זיך אין אַברהמ'ען, אין יצחק'ן און יעקב'ן (ישראל), דיינע קנעכט, וואָס דו האָסט זיי געשוואָרן ביי זיך... און גאָט האָט חרטה אויף דעם בייז, וואָס ער האָט געזאָגט צו טאָן צו זיין פאָלק" (שמות, ל"ב, י"ג־י"ד).

דער נביא מיכה וויל ברענגען צום פאָלק נייע האָפענונגען, זאָגט ער:

„ווער איז, אַ גאָט, ווי דו, וואָס פאַרגיט זינד... ער האַלט נישט אויף אייביק זיין צאָרן, ווארום ער האָט ליב געגנאָד... וועסט ווייזן טריישאַפט צו יעקב'ן, חסד צו אַברהמ'ען, ווי דו האָסט געשוואוירן צו אונזערע עלטערן אין די טעג פון פאַרצייטן" (מיכה, ז', כ').

און ווען יהושפט, דער מלך פון יהודה, איז געווען אין געפאַר, האָט ער גערופן צו גאָט יהוה און געזאָגט: „דו, אונזער גאָט, האָסט דאָך דאָס דאָזיקע לאַנד אָוועקגעגעבן צו די קינדער פון אַברהם, דיין ליבהאָבער אויף אייביק" (דברי הימים, ב', כ', ז').

ווען די אידן זיינען צוריקגעקומען פון גלות־בבל, אין דער צייט פון עזרא און נחמיה, האָבן די לויים געלויבט גאָט און צו אים גע'טענה'ט: „אָ,

דו ביסט יהוה, דער יהוה וואָס האָט אויסדערוויילט אַברהמ׳ען און אים אַרויסגעצויגן פון אור־כשדים, און האָסט געפונען זיין האַרץ געטריי פאַר דיר, און האָסט געשלאָסן מיט אַ בונד צו געבן דאָס לאַנד פון דעם כנעני צו זיינע קינדער און קינדס־קינדער״ (נחמיה, ט׳, ז׳).

די גמרא דערציילט, אַז די „אסיים״־סעקטע (אין דער צייט פון בית־שני), וועלכע האָט שטרענג אָפּגעהיט די געזעצן פון קערפּערלעכער ריינקייט, האָט באַטראַכט אַברהמ׳ען פאַר דעם גרינדער פון איר באַוועגונג, און זיי האָבן געהאַט אַ צייגעניש, אַז אַברהם האָט געגעסן אַפילו פּשוט׳ע שפּייז מיט דער זעלבער ריינקייט און אָפּגעהיטקייט ווי די כהנים האָבן געגעסן די שפּייז פון תרומה (ב״מ, פ״ז [34]).

ר׳ שמעון בן יוחאי זאָגט: „אַברהם אָבינו האָט געהאַט אַ טייערן שטיין, וואָס איז געהאַנגען אויף זיין האַלז. יעדער חולה, וואָס פלעגט אַ קוק־טאָן אויף דעם שטיין איז גלייך אויסגעהיילט געוואָרן. ווען אַברהם אָבינו איז אַוועק פון דער וועלט, האָט גאָט גענומען דעם שטיין און אים אויפגעהאַנגען אויף דער זון״ (בבא בתרא, נ״ז).

די חז״ל זאָגן, אַז „פינף פאַרמעגנס האָט הקב״ה זיך דערוואָרבן אין זיין וועלט: 1) תורה, 2) הימל און ערד, 3) אַ ב ר ה ם, 4) דאָס אידישע פאָלק, 5) דאָס בית־המקדש״ (אָבות, ו׳).

דער מדרש זאָגט, אַז: „גאָט האָט געהאַלטן די תורה פאַרבאַהאַלטן ביז ס׳איז געקומען אַברהם און האָט זי מקיים געווען״ (מדרש תנחומא, לך־לך, י״א).

אידן האָבן געלערנט גוטע מידות פון זייער פאָטער אַברהם. די חז״ל זאָגן, אַז „יעדער איינער וואָס פאַרמאָגט די דריי זאַכן: אַ גוט אויג, אַ געלאַסן געמיט און האַלט זיך קליין, איז פון די תלמידים פון אַברהם אָבינו״ (אָבות, ח׳).

„ווער ס׳האָט נישט קיין רחמנות אויף מענטשן איז ער נישט פון די קינדער פון אַברהם אָבינו״ (ביצה, ל״ב).

וועגן גרים ווערט געזאָגט, אַז: „אַברהם איז דער פאָטער פון אַלע גרים, און אַ גר ווערט פאַררעכנט ווי איינער פון אַברהמ׳ס קינדער און על־פּי רוב רופט מען אים אַברהם בן אַברהם״ (מדרש תנחומא, לך־לך [35]).

די בעלי־קבלה האָבן צוגעשריבן דעם „ספר יצירה״ (אַ מיסטישע אָפּהאַנדלונג וועגן באַשאַף און גאָט־באַנעם) צו אַברהמ׳ען. ר׳ סעדיה גאון, אין זיין פּירוש אויפן „ספר יצירה״ און יהודה הלוי, אין „כוזרי״, האָבן אויך צוגעשריבן דעם „ספר יצירה״ צו אַברהמ׳ען [36]).

אין אַלע צייטן האָבן אידן געקוקט אויף זייער פאָטער אַברהם ווי אויף זייער שליח, מאָנער, בעטער און פאַרטיידיקער פאַר דעם גאָט פון אַברהם. מיט אַברהמ׳ס נאָמען ווערט אַ איד געהייליקט ביי זיין ברית מיט דער ברכה: „געבענטשט זאָלסטו זיין, אונזער האַר, אונזער גאָט, דער קעניג פון אַלע וועלטן, וואָס האָט אונז געהייליקט מיט זיינע מצוות און אונז געבאָטן אַריינ־

צובערענגען אונזער זון אין דעם געטלעכן בונד פון אונזער פאָטער אַברהם״ (ברכת מילה). און ווען אַ איד פאַרלאָזט די וועלט ווערט ער דערמאָנט מיט דעם געבאָט: „מעג זיין נשמה זיין פאַרבונדן מיטן אייביקן לעבן, מיט די נשמות פון אַברהם, יצחק און יעקב״ (יזכור).

דריי מאָל יעדן טאָג זאָגן אידן אין דער הייליקסטער תפילה פון „שמונה־עשרה״: „געבענטשט ביסטו, אָ, גאָט, דער באַשיצער פון אַברהם״.

נאָך יעדן עסן זאָגן אידן די ברכה: „ברוך שאָכלנו משלו״ (געלויבט איז גאָט, וואָס מיר עסן פון זיין באַשאַף). די לעגענדע דערציילט, אַז אַזוי האָט אַברהם געזאָגט צו זיינע אורחים, וואָס האָבן אים געדאַנקט פאַר די שפּייזן, מיט וואָס ער האָט זיי מכבד געווען: „איר דאַרפט נישט דאַנקען מיר, נאָר לויבן גאָט, וואָס האָט די שפּייזן באַשאַפן״ (סוטה, י׳).

אין דעם פייערלעכן און פרייהייטלעכן יום־טוב פסח, ווען אידן פייערן זייער באַפרייאונג פון שקלאַפעריי און זייער האָפענונג אויף פולשטענדיקער אידישער און מענטשלעכער באַפרייאונג, זאָגן זיי: „געלויבט איז ער, וואָס היט־אָפּ זיין צוזאָג צו ישראל; געלויבט איז דער אויבערשטער, וואָס האָט אויסגערעכנט דעם סוף פון גלות, ווי ער האָט דאָס צוגעזאָגט אונזער פאָטער אַברהם, ווען ער האָט מיט אים געשלאָסן אַן אייביקן בונד״ (הגדה של פסח).

אויך אין אַלע אַנדערע יום־טובים בעטן אידן צום „גאָט פון אַברהם, יצחק און יעקב״.

אידישע מאַמעס האָבן אין דעם שטימונגספולן בין־השמשות פון דעם אַוועקגייענדיקן שבת־קודש און דעם אָנקומענדיקן שווערן אינדערוואָכן, געוואַשן די פינגער אין דעם פייכטן גלאָז פון די שויבן, און קוקנדיק אויף די שטערן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צעפינקלען אויף די פינצטערע הימלען, האָבן זיי שטילערהייט געשעפּטשעט די תפילה:

„גאָט פון אַברהם, פון יצחק און פון יעקב, באַהיט דאָס פאָלק ישראל צוליב דיין לויב... די וואָך זאָל אונז קומען צו געזונט און צו לעבן, צו מזל און צו ברכה... צו דיר און צו דיין ליבן נאָמען טוען מיר האָפן... אַז דער מלך־המשיח זאָל קומען דאָס יאָר...״ (תחינה).

די אידישע פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט אויף אַ וואונדערלעכן אופן אויפגעזאַמלט, אָנגעקליבן און צוזאַמענגעבונדן אַלע פאַרהייליקטע מעשה׳לעך אין תנ״ך, אַלע אַגדות אין תלמוד, אַלע דיכטעריש־אויסגעזונגענע מדרש־לעגענדעס און אַלע פאָלקלאָרישע געשיכטעס, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל, פון דור צו דור און פון דעם אַלעם אויסגעגאָסן די ליכטיקע געשטאַלט פון אַברהם אָבינו.

איז דאָס אייביקע קלאַמערן זיך אינעם אָנדענק פון אַברהמ׳ען אַ פאַר־הייליקונג פון אַ לעגענדע אָדער אַ באַווייז, אַז דאָס עברים־פאָלק האָט אין זיין זכרון פאַרצייכנט די געשטאַלט און די מעשים פון זייער פאָטער אַברהם און זיי איבערגעגעבן פון דור צו דור?

אויך אין די אַגדות וועגן אַברהמ׳ען הערט מען אַן אָפּקלאַנג פון אַן אמת׳ער געשיכטע פון אַ לעבעדיקן פאָלקס־העלד. דער אידישער פאָלקס־מענטש האָט אין אַברהמ׳ען געזען נישט נאָר דעם פאָטער פון זיין אמונה, נישט נאָר דעם הערֹאָאישן קעמפער פאַר אַ גרויסער אוניווערסאַלער אידייע פון איין גאָט, איין וועלט און איין משפט פאַר אַלע מענטשן, נאָר ער האָט אויך געזען אין אַברהמ׳ען דעם פאַרגייער אויפן מאַרטירער־וועג פון זיינע קינדער אין אַן אייביקן קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט; אַ לאַנג, שווער לעבן פון שטענדיקע וואַנדערונגען, אַן אויסערגעוויינלעכע גבורה בייצושטיין די גרויזאַמע פאַרפאָלגונגען און אַן אומבויגזאַמען בטחון אין דעם ענדגילטיקן נצחון אויסצולייזן די וועלט.

אַן אַגדה דערציילט, אַז:

ווען משה איז אַרויף אויפן הימל מקבל־צו־זיין די תורה, האָבן זיך מלאָכים צעבייזערט און זיינען געקומען מיט טענות צו גאָט: „די תורה, וואָס דו האָסט באַשאַפן נאָך איידער דו האָסט באַשאַפן די וועלט, ווילסטו זי אַוועקגעבן צו די מענטשן אויף דער ערד? די תורה דאַרפסטו איבערלאָזן אין הימל!"

גאָט האָט מורא געהאַט, אַז די מלאָכים וועלן באַליידיקן משה׳ן, האָט ער פאַרביטן דעם אויסזען פון משה׳ס פּנים אויפן אויסזען פון אַברהמ׳ען. ער האָט דערנאָך געזאָגט צו די מלאָכים, אַז זיי דאַרפן זיך שעמען: „איר האָט פאַרבראַכט ביי אים און געגעסן אין זיין הויז, און איר זייט גאָרנישט דאַנק־באַר". גאָט האָט דערנאָך געזאָגט צו משה׳ן, אַז ער האָט אים געגעבן די תורה נאָר אין זכות פון אַברהם אָבינו (מדרש רבה, פּ׳ יתרו).

נאָך אַן אַגדה דערציילט, אַז:

ווען דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, האָט גאָט דערזען אַברהמ׳ען ביים בית־המקדש. האָט ער אים געפרעגט: וואָס טוט איצט מיין פריינט אין מיין הויז? האָט אַברהם געענטפערט: צוליב מיינע קינדער־וועגן בין איך געקומען. האָט גאָט געזאָגט: דיינע קינדער האָבן געזינדיקט און זיינען פאַרטריבן געוואָרן. האָט אַברהם געפרעגט: אפשר האָבן זיי געזינדיקט אומ־שולדיקערהייט? האָט גאָט געענטפערט: זיי זיינען באַגאַנגען אומווירדיקייטן. האָט אַברהם ווידער געפרעגט: אפשר האָט נאָר אַ קליינער טייל פון זיי גע־זינדיקט? האָט גאָט געזאָגט: די מערהייט. האָט אַברהם געפרעגט: אפשר, ווען דו וואָלסט געהאַט געדולד, וואָלטן זיי תשובה־געטאָן? האָט גאָט געזאָגט: זיי האָבן זיך געפרייט נאָכדעם, ווי זיי האָבן געזינדיקט. האָט אַברהם אַרויפ־געלייגט זיינע הענט אויפן קאָפּ און האָט געיאָמערט: גאָט! הייסט עס, חס־וחלילה, אַז ס׳איז מער קיין האָפענונג נישטאָ פאַר מיינע קינדער? איז אַרויס אַ בת־קול, וואָס האָט אַברהמ׳ען געזאָגט: דאָס אידישע פאָלק איז געגליכן צו אַ פאַרצוויגטן איילבירט־בוים, וואָס ווערט דערהויבן צום סוף צוליב דעם גוטן אויל, וואָס ער גיט פון זיך אַרויס, און אַזוי וועט דאָס אידישע פאָלק סוף־כל־סוף דערהויבן ווערן (מנחות, נ״ג).

אַברהמ׳ס געטלעכע אידייע האָט באַגלייט דאָס אידישע פאָלק אויף זיין לאַנגן גלות־וועג און אים געגעבן כח בייצוקומען אַלע שוועריקייטן.

דער מאָדערנער אידישער פילאָזאָף משה העס (1875—1812) האָט אויף אַ וואונדערלעכן אופן אויסגעדריקט דעם חוב פון אידישן פאָלק צו ברענגען זיין געטלעכע אידייע צו דער וועלט:

„די גרויסע לערער פון דער דערקענטעניש פון גאָט, פון דעת־יהוה, זיינען תמיד געווען אידן. אונזער פאָלק האָט נישט נאָר אין אַלטערטום באַשאַפן די דערהויבנסטע רעליגיע פון דער גאַנצער וועלט, נאָר האָט זי אויך אַנט־וויקלט ווייטער לויט דעם פאָרשריט פון דער מענטשהייט. די דאָזיקע מיסיע וועט פאַרבלייבן מיטן אידישן פאָלק ביז צו אַחרית־הימים, ווען עס וועלן מקויים ווערן די רייד פון די נביאים: ומלאה הארץ דעת, ווען די וועלט וועט זיין פול מיט געטלעכן וויסן. מחמת דער אַחרית־הימים, וועגן וועלכן די נביאים האָבן גערעדט, האָט נישט געמיינט דער סוף פון דער וועלט, ווי אַנ־דערע פעלקער האָבן עס פאַלש פאַרשטאַנען, נאָר עס מיינט דער סוף פון דער אַנטוויקלונג און די העכסטע דערציאונג פון דער מענטשהייט.

„קיין שום וואָרט פון אונזערע הייליקע שריפטן ווערט נישט פאַרשטאַנען ריכטיק כל־זמן מען ווייסט נישט דעם שטאַנדפונקט, פון וועלכן דער אידישער געניוס האָט זיי באַשאַפן. די עגאָאיסטישע דערלייזונג פון דער נשמה פון דעם איזאָלירטן יחיד איז פרעמד דעם אידישן גייסט. אידישקייט טיילט נישט אָפּ דעם יחיד פון דער פאַמיליע; די פאַמיליע פון דער נאַציע; די נאַציע פון דער מענטשהייט; די מענטשהייט פון דער יצירה (באַשאַף) פון דעם שעפער. דאָס אידנטום האָט נישט קיין אַנדערע דאָגמע, ווי די לערע פון דער איינ־הייט (אחד), אָבער די דאָזיקע דאָגמע איז נישט קיין פאַרשטיינערטער טויטער גלויבן, נאָר אַ לעבעדיקע שעפערישע אידייע. זי וואָרצלט אין דער פאַמיליע־ליבע, זי בליט אין דער פאָלקס־אַחדות און וועט ברענגען רייפע פרוכטן אין דער צוקונפטיקער באַנייטער מענטשלעכער געזעלשאַפט. דאָס אידנטום וואָלט אָפּגעשטאָרבן אין דאָגמעס, גלייך ווי די רעליגיעס, וואָס זיינען פון אים אַרויסגעקומען, ווען זיין רעליגיע וואָלט נישט געווען דער פּראָדוקט פון זיין לעבן. דאָס אידנטום איז נישט קיין פּאַסיווע רעליגיע, נאָר אַן אַקטיווע דער־קענטעניש, וואָס איז צונויפגעוואַקסן מיט דער אידישער נאַציאָנאַליטעט. איר געשיכטע גייט האַנט־אין־האַנט מיט דער געשיכטע פון דער מענטשהייט“ [87]).

אָט־די אַלע לויב־געזאַנגען וועגן אַברהמ׳ען אין תנ״ך, אין די מדרשים, אין די אַגדות, מפרשים און פאָלקלאָר, ווען מען לייענט זיי באַזונדער, קלינ־גען ווי שיינע לעגענדעס, ווי פּרעכטיקע פּאָעטישע שאַפונגען, וואָס דריקן־אויס די געפילן פון אַ פאָלק צו זיין פאַנטאַסטישן העלד. דאָס זיינען געזאַנגען פון ליבע און פאַרערונג צו זייער פאָטער אַברהם און דעם „גאָט פון אַברהם“.

פאַרבינדט מען אָבער אַלע מעשיות וועגן אַברהמ׳ען מיט די היסטאָרישע געשעענישן פון אַנדערע פעלקער אין יענע אַלטע צייטן פון אַברהמ׳ס עפּאָכע,

באַהעפט מען זיי מיט די לעבעדיקע פאַקטן, וואָס די מאָדערנע אַרכעאָלאָגיע האָלט אין איין אויפדעקן, הויבט מען אָן הערן אין די לעגענדעס אָפּקלאַנגען פון ווירקלעכע געשעענישן, און מען דערזעט אין זיי אָפּשיינונגען פון לעבעדיקע געשטאַלטן. מען דערזעט דעמאָלט אַ לעבעדיקן אַברהם מיט זיין העלדישער מחנה פון אַ ניי עברים־פאָלק, ווי זיי פירן אַ העראָאישן קאַמף פאַר זייער גאָט קעגן אַ בייזער געצנדינערישער וועלט.

די סודות פון יענע אַלטע צייטן זיינען געלעגן פיר טויזנט יאָר באַגראָבן אין די בערגלעך, וואָס זיינען צעוואָרפן איבערן גאַנצן וועג, וואו אַברהם האָט געוואַנדערט. מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק האָט מען בכלל נישט גע־וואוסט וועגן די צוויי גרויסע ציוויליזאַציעס, די סומערישע און אַקאַדישע, וואו אַברהם האָט פאַרבראַכט זיין יוגנט, און אויך נישט וועגן דער געשיכטע פון די פעלקער, מיט וועלכע אַברהם האָט געפירט זיינע ערשטע מלחמות פאַר זיין גאָט און זיין קולט פון רעכט און גערעכטיקייט.

ווען מען האָט גענומען פאָרשן די תנ״כישע אַגדות מיט אַ היסטאָריש־אַרכעאָלאָגישן מעטאָד, האָבן פון טיפע גריבער גענומען אויפגיין היסטאָרישע געשטאַלטן, און אויף ליימענע טאָוולען האָט מען דערזען לעבעדיקע מענטשן, און פון דער ערד זיינען אַרויסגעקומען דערפער, שטעט, פעלקער און קולטורן, וועגן וועלכע מ׳האָט פריער גאָרנישט געוואוסט.

דער אַרכעאָלאָג־היסטאָריקער קלייבט־צונויף שערבלעך, שטיקלעך פון געבאַקענעם ליים; רעשטלעך פון צעבראָכענע סטאַטועס, וואָס וואַלגערן זיך אַרום אַ היסטאָרישן פּלאַץ. יעדעס שערבל, אָדער שטיקל מאַרמאָר (מירמל־שטיין) באַזונדער מיינט גאָרנישט. ווען מ׳שטעלט זיי אָבער אויס לויט אַ באַשטימטן סדר; מען ברענגט־צוזאַמען שטיקער מאַרמאָר און מ׳פאַראייניקט זיי לויט אַ ריכטיקן פּלאַן, דערזעט מען דעמאָלט: טעפּ, קרוגן, וואַזעס און סטאַטועס, וואָס האָבן אַ גרויסן היסטאָרישן ווערט. זיי דערציילן סודות פון אַמאָליקע פעלקער און קולטורן; זיי אַנטפּלעקן פאַר אונז דאָס לעבן פון די אוראַלטע מענטשן און זייערע ציוויליזאַציעס [38].

מיט אַזאַ אַרכעאָלאָגישן מעטאָד פּרובירן מיר זיך באַנוצן ביים צוזאַמענ־שטעלן „די וועלט פון אַברהם״. אויף אַ קאַנווע פון דער אַברהם־געשיכטע אין תנ״ך, שטעלן מיר אויס די היסטאָרישע ידיעות, אַרכעאָלאָגישע דאָקומענטן און מאָנומענטן וועגן דער תקופה אין וועלכער אַברהם האָט געלעבט; מיר פּילן־אויס די בלויזן מיט אַגדות, לעגענדעס און פאָלקס־מעשיות וועגן אַברהמ׳ס גאָט־אידייען, און פאַר אונז וואַקסט אויס די לעבעדיקע געשטאַלט פון אַברהם אָבינו אין אַ באַשטימטער צייט אין דער וועלט־געשיכטע.

2

די וועלט אין וועלכער אַברהם האָט געלעבט

וַיַּרְא יְהוָה כִּי רַבָּה רָעַת הָאָדָם בָּאָרֶץ וְכָל־יֵצֶר
מַחְשְׁבֹת לִבּוֹ רַק רַע כָּל־הַיּוֹם׃ וַיִּנָּחֶם יְהוָה כִּי־עָשָׂה
אֶת־הָאָדָם בָּאָרֶץ וַיִּתְעַצֵּב אֶל־לִבּוֹ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶמְחֶה
אֶת־הָאָדָם אֲשֶׁר־בָּרָאתִי מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה׃

און גאָט האָט געזען, אַז דאָס בייז פון דעם מענטשן איז גרויס אויף דער ערד, און די גאַנצע טראַכטונג פון די מחשבות פון זיין האַרצן איז רק צום בייזן אַ גאַנצן טאָג, און גאָט האָט חרטה געהאַט וואָס ער האָט געמאַכט דעם מענטשן אויף דער ערד. און גאָט האָט געזאָגט איך וועל אָפּמעקן דעם מענטשן, וואָס איך האָב באַשאַפן, פון אויבערפלאַך פון דער ערד.

(בראשית, ו׳, ח׳)

א

דאָס לאַנד פון די סומעריער, וואו אַברהם איז געבוירן געוואָרן

דאָס איז געווען אין די טעג ווען אַמאַר־סין, דער דריטער לוגאַל (קעניג) פון דער „דריטער דינאַסטיע פון אור", האָט געהערשט איבער דער גרויסער סומערישער אימפּעריע, וואָס האָט אַרומגענומען עילם אין מזרח, נינוה אין צפון און חרן אין צפון־מערב, אומגעפער אין די יאָרן 1994 ביז 1985 פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג.[1]

די פּריסטער־לערער פון זיגוראַט־טעמפּל אין אור־כשדים, אין לאַנד פון די סומעריער, האָבן שוין אַ לענגערע צייט געקוקט מיט חשד און געהאַלטן אַן אויג אויף דעם פעאיקן און פלייסיקן אָבער אומרואיקן פּריסטער־תּלמיד אַברהם.[2] צווישן זיינע שול־חברים איז אַברהם שוין לאַנג באַטראַכט געוואָרן ווי אַ בעל־חלומות, אַ צווייפלער אָבער גלייכצייטיק אַן ערנסטער פאָרשער. אַ טייל פון זיינע שול־חברים האָבן אים אויסגעמיטן און גערעדט צווישן זיך אין דער שטיל, אַז אַברהם איז נישט קיין אמת׳ער סומעריער, אַז ער שטאַמט פון אַ שעמיטישן שבט, און דערצו פון דעם באַרימטן קעמפערישן „בני־עבר"־שבט; זיין פאָטער תּרח איז אַהער געבראַכט געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט פון אַ ווייט לאַנד; אַברהם איז אַ פרעמדער און אים איז בכלל פרעמד דער גייסט און די קולטור פון סומערישן פאָלק.

עס זיינען אָבער אויך געווען שול־חברים, וואָס האָבן אַברהמ׳ען פאַרערט, נאָכגעפאָלגט און זיך ערנסט צוגעהערט צו זיינע אויסטערלישע אָבער אינטערעסאַנטע געדאַנקען וועגן איין גאָט און איין וועלט. זיי איז נאָך נישט אינגאַנצן געווען קלאָר וואָס אַברהם וויל, אָבער נאָך ווייניקער האָבן זיי פאַרשטאַנען דעם פלאַנטער פון אַלערליי געטער אין דעם סומערישן פאַנטעאָן און די בלוטיקע מלחמות, וואָס די פעלקער פירן־אָן אין נאָמען פון זייערע געטער.

אַברהם האָט בכלל קיין רו נישט געגעבן זיינע לערערס. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער זיי פאַרוואָרפן מיט פראַגן, וואָס האָבן געפאָדערט אַ סך שכל זיי צו פרעגן און אַ סך וויסן זיי צו פאַרענטפערן. ער האָט איינמאָל פלוצלונג געפרעגט איינעם פון זיינע לערער: „ווער האָט באַשאַפן די וועלט און ווי אַזוי איז זי באַשאַפן געוואָרן?"

דער לערער האָט פּרובירט אים דערקלערן, אַז:

„בראשית, אין אָנהויב, איז געווען אַן אורשפּרינגלעכער ים, וואָס איז געווען די ערשטע סיבה פון גאַנצן וועלט־באַשאַף. דער ים האָט געבאָרן דעם 'ענקי' (אוניווערז). דער 'ענקי' איז באַשטאַנען פון 'ען' (הימל) און 'קי' (ערד). די ערד איז געווען אַ פלאַכע, רונדע פּלאַטע, וואָס איז געווען צוגע־דעקט מיט אַ האַלב־קיילעכדיקן, אויסגעהוילטן צודעק (הימל), און איז אַרום־און־אַרום די ברעגן געווען פאַרבונדן מיט דער ערד.

„צווישן הימל און ערד איז געווען דער סובסטאַנץ 'ליל' (ווינט, לופט, אָטעם, גייסט, רוח), וואָס האָט געהאַט די אייגנשאַפט פון באַוועגונג און אויס־שפּרייטונג (אַטמאָספער). די זון, די לבנה, די פּלאַנעטן און די שטערן זיינען באַשאַפן געוואָרן פון דעם 'ליל' מיט אַ צוגאָב אייגנשאַפט פון ליכט. נאָכ־דעם ווי די ערד האָט זיך אָפּגעטיילט פון הימל, זיינען באַשאַפן געוואָרן פלאַנצן, די חיות און דער מענטש.

„אַן אומענדלעכער ים רינגלט אַרום דעם 'ען־קי' (הימל און ערד, אוני־ווערז) פון אַלע זייטן, און פון אויבן און פון אונטן, און האַלט אים איינגע־קלאַמערט און אומבאַוועגלעך אויף איין פּלאַץ".

— ווער פירט־אָן מיט די געשעענישן אין אוניווערז? — האָט אַברהם איבערגעשלאָגן.

דער לערער האָט אים רואיק געענטפערט:

„דער אוניווערז ווערט געפירט פון אַ פּאַנטעאָן פון געטער. די געטער זעען־אויס און האַנדלען פּונקט ווי מענטשן. זיי זיינען אָבער ריזן, זיי האָבן איבערמענטשלעכע אייגנשאַפטן און זיינען אומשטערבלעך. מ'קאָן זיי נישט זען, אָבער זיי פירן און קאָנטראָלירן דעם אוניווערז לויט אַ גוט־אויסגע־לייגטן פּלאַן און לויט באַשטימטע געזעצן. יעדער קעגנשטאַנד אין דער נאַטור ווערט געפירט פון זיין אייגענעם גאָט (דינגיר). די גרויסע שטערן, ווי די זון, לבנה און פּלאַנעטן ווערן געפירט פון איין גאָט; די אַטמאָספערישע כוחות, ווי ווינט, שטורעם און רעגן — פון אַן אַנדער גאָט; די נאַטירלעכע וועזנס, ווי טייכן, בערג און טאָלן — פון אַ דריטן גאָט; די קולטור־דערגריי־כונגען, ווי שטעט, דערפער, קאַנאַלן און וואַסער־דאַמבעס — פון אַן אַנדער גאָט, און אַפילו אַזעלכע כלים, ווי דער אַקער־אייזן, מעסער, שפּיז און דער ציגל־פורעם שטייען אונטער דער אויפזיכט פון איינעם אָדער אַ צווייטן פון די געטער. פאַרשטייט זיך, אַז עס זיינען דאָ גרעסערע און קלענערע געטער. דער גאָט, וואָס גיט אַכטונג אויפן אַקער־אייזן, קאָן נישט זיין אַזוי וויכטיק,

ווי דער גאָט פון דער זון. פונקט ווי ביי מענטשן, אַזוי איז אויך ביי די געטער דאָ איינער, וואָס איז דער גרעסטער פון זיי, און ער איז זייער קעניג.

„די וויכטיקסטע מיטגלידער פון פּאַנטעאָן זיינען זיבן געטער, וואָס גיבן־אַרויס באַפעלן, און פופציק ׳גרויסע געטער׳, וואָס פירן־דורך די באַ־פעלן. עס זיינען דאָ שאַפנדיקע געטער, און נישט־שאַפנדיקע געטער. די גרונט־טיילן פונעם אוניווערז זיינען הימל, ערד, ים און אַטמאָספער, און זייערע געטער זיינען די באַשאַפער פון אַלע קעגנשטאַנדן, וואָס ווערן געפירט דורך די נישט־שאַפנדיגע געטער".

אַברהם האָט אַ לייכטן שמייכל־געטאָן און ווידער געפרעגט:

— און וואו געפינען זיך אָט־די אַלע געטער?

דער לערער האָט באַמערקט אַברהמ׳ס שמייכל, ער האָט אָבער ערנסט ווייטער געזאָגט:

„די געטער געפינען זיך ׳אויפן באַרג פון הימל און ערד, דאָרט וואו די זון גייט־אויף׳. אין טעמפּל שטייען סטאַטועס, וואָס פאַרטרעטן די געטער. די געטער זיינען ענלעך צום מענטשן אין אויסזען, אין דענקען און אין זייערע מעשים. זיי פּלאַנירן, האַנדלען, עסן און טרינקען, פּאָרן זיך און האָבן קינדער. זיי זיינען אונטערוואָרפן אַלע מענטשלעכע ליידנשאַפטן און שוואַכקייטן. דער גרעסטער גאָט אין פּאַנטעאָן פון אונזערע געטער איז דער לופט־גאָט ענליל. ער איז ׳דער פאָטער פון די געטער׳, ׳דער מלך פון הימל און ערד׳. יעדער קעניג מוז קריגן די גוטהייסונג און די ברכה פון דעם גאָט ענליל, וועלכער גיט דעם מלך זיין סצעפּטער, זיין קעניגלעכע מאַכט און זיין געטלעכן אויסזען".[3]

בעת דעם לימוד פון אַסטראָלאָגיע, ווען דער לערער האָט געזאָגט, אַז די שטערן אין הימל האָבן דעם כח צו באַשטימען דעם מזל פון מענטשן און פעלקער, האָט אַברהם אים איבערגעריסן און געפרעגט: פונוואַנען ווייסט איר, אַז די שטערן האָבן אַזאַ כח? און ווער האָט זיי דעם כח געגעבן?

דער לערער האָט קאָנטראָלירט זיין כעס און אים ניט געענטפערט דיר־רעקט, נאָר פּרובירט נאָכאַמאָל אויפקלערן פאַר אַלע תלמידים די חכמה פון אַסטראָלאָגיע:

„די סומערישע געלערנטע האָבן געפאָרשט און אויסגעפונען, אַז אַלע געשעענישן אויף דער ערד, ווי דער גורל פון פעלקער און פון מענטשן, ווערן אין פאָראויס באַשטימט דורך דעם גאַנג פון די שטערן, און מ׳קאָן דערפאַר, אָבסערווירנדיק דעם הימל, פאָראויסזאָגן די צוקונפט און פעסט־שטעלן דעם מזל פון מענטשן.

„דאָס לעבן פונעם מענטשן, האָבן זיי אויסגעע׳חשבונ׳ט, ווערט באַאיינ־פלוסט פון די נאַטור־כוחות אין זיין סביבה, באַזונדערס פון אַזעלכע כוחות, ווי היץ, רעגן, פאַרפלייצונג, וועלכע קומען פון הימל. זיי האָבן דעריבער אידענטיפיצירט די זיבן פּלאַנעטן[4] מיט זיבן געטער פונעם סומערישן געטער־

פּאַנטעאָן: די זון מיטן גאָט פון ליכט — שמש; די לבנה מיטן גאָט פון פּרוכטבאַרקייט — סין; מאַרס מיטן גאָט פון אומרו — נערגאַל; מערקיור מיטן גאָט פון חכמה — נעבאָ; סאַטורן מיטן גאָט פון רשעות — נינורטאַ; ווענוס מיט דער געטין פון מוטערשאַפט — אישטאַר; און יופּיטער מיטן גאָט מאַרדוק, דער הערשער איבער געטער און מענטשן.

„אַ ווירקונג אויף די געשעענישן פון דער ערד האָבן, ראשית, די פּלאַ־נעטן, וועלכע האָבן זייער אייגענעם וועג אויפן הימל און טיילן זיך דערמיט אָפּ פון די קלענערע שטערן. צווייטנס, האָבן די געלערנטע געפונען צוועלף שטערן־גרופּעס (מזלות, צייכנס) אין דעם זאָדיאַק, הימלס־וועג (עקליפּטיק) אין וועלכן די זון גייט דורך אין משך פון יאָר. כדי צו באַשטימען דעם גורל, אָדער דעם כאַראַקטער פון אַ מענטשן, מוז מען צוערשט פעסטשטעלן זיין „האָראָסקאָפּ“, דאָס הייסט, אין וועלכן ׳צייכן׳ (אין וועלכער צייט פון יאָר) דער באַטרעפנדער מענטש איז געבוירן געוואָרן.

„יעדער שטערן האָט זיין באַזונדערע פונקציע. עס זיינען פאַראַן גליק־שטערן (יופּיטער, ווענוס) און אומגליק־שטערן (סאַטורן, מאַרס). וויכטיק איז די ׳קאָנסטעלאַציע׳ פון די שטערן, דאָס הייסט, די פאַרהעלטעניש פון די שטערן איינע צו די אַנדערע“.

אַברהם האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צום פּלאַנטער פון געדאַנקען, דורך וועלכן זיין לערער האָט געפּרואווט דורכגיין. ווען דער לערער האָט געענדיקט, האָט אַברהם מיט גרויס ערנסט געפרעגט:

— אויב די אַסטראָלאָגן זיינען גערעכט, מיינט עס, אַז דער מענטש האָט מער נישט קיין אויסוואַל, ווי אַזוי זיך אויפצופירן. ער מוז זיין גוט אָדער שלעכט, לויט ווי די שטערן־קאָנסטעלאַציע האָט פאַר אים לכתחילה אָנגע־צייכנט. פאַרוואָס־זשע באַשטראָפט מען די מענטשן, וואָס פאָלגן נישט אויס די קעניגלעכע באַפעלן? פאַרוואָס באַשטראָפן די געטער די זינדיקע?

מער האָט אַברהם נישט געפרעגט. ער האָט באַשיינפערלעך געזען, ווי זיין לערער ווערט בייזער און דערצאָרנטער נאָך יעדער פראַגע. דער לערער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַברהם איז אומצופרידן פון זיינע ענטפערס, און ער האָט עס באַטראַכט ווי אַ גאָט־לעסטערונג. אַברהם האָט אָבער אָפּגעשטעלט דעם וויכוח אין צייט, איידער דער לערער האָט פאַרלוירן זיין געדולד.

אַברהם האָט זיך נישט באַנוגנט מיט סתם־וויכוחים. גאַנץ אָפט האָט אַברהם בפירוש אויסגעדריקט אַ צווייפל אין דער הייליקייט פון די סומע־רישע געטער און אַ ווידערגעפיל צו די ריטואַלן אין די סומערישע טעמפּלען. צוליב זיינע אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן אין אַלע אַנדערע לימודים, האָבן אַברהמס לערערס פון רעליגיע געדולדעט זיינע „פאַנטאַסטישע געדאַנקען“.

בשעת די פייערונגען פון דעם הייליקן „ענליל“־יום־טוב, איז אָבער אַברהם באַגאַנגען אַן אַקט פון גאָט־לעסטערונג, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם פון צאָרן צווישן די פּריסטערס, אַן אויפרעגונג אין דעם קעניגלעכן

הויף פון אַמאַר־סין און אַ דערשיטערנדיקן פּחד צווישן זיינע שול־חברים.
דאָס איז געווען דער יום־טוב פאַר דעם סומערישן הויפּט־גאָט „ענליל".
אַ גרויסער המון פון עולי־רגל איז געקומען פון איבערן גאַנצן לאַנד און אָנגעפילט דעם הייליקן שטח, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם זיגוראַט־טעמפּל. אַ פּראָצעסיע פון פּריסטערס, פּריסטער־תּלמידים און אַנדערע כּלי־קודש האָט זיך געצויגן, דורך דריי לאַנגע שורות טרעפּ, אַרויף צו די די העכערע טעראַסן פון טעמפּל. אויף דער העכסטער טעראַסע איז געשטאַנען דער „קדשי־קדשים", וואוהין נאָר דער כהן־גדול האָט געקאָנט אַרויפגיין. דער הויפּט־פּריסט האָט אָנגעהויבן די פייערונג מיט אַ תּפילה־געזאַנג צום הויפּט־גאָט „ענליל", צו זיין הייליקן טעמפּל „עקור" און צו זיין הייליקער שטאָט ניפּור. דאָס גאַנצע פאָלק האָט אים שטיל נאָכגעזאָגט:

ענליל, וועמענס באַפעל איז וויטגייענד, וועמענס וואָרט ס'איז הייליק,
דער האַר וועמענס געבאָטן מ'קאָן נישט ענדערן, ער באַשטימט אויף
אייביק דעם גורל,
ענליל, וועמענס אויפגעהויבענע אויגן דרינגען־דורך לענדער,
וועמענס אויסשטראַלנדיק ליכט זוכט דאָס האַרץ פון יעדן לאַנד,
ענליל זיצט שטאָלץ אויף זיין וויסן טראָן, אויף זיין מאַיעסטעטישן שטול,
ער פאַרפולקאָמט דעם כּח פון מאַכט, פון קעניג און פירשט,
די ערד־געטער בוקן זיך מיט מורא פאַר אים,
די הימל־געטער בייגן זיך אונטערטעניק פאַר אים...

ניפּור — דאָס געהייליקטע הויז, וואו עס וואוינט דער פאָטער,
דער „גרויסער באַרג",
דער שפּייכלער פון שפע, עקור, וואָס איז דערהויבן...
זיין פּרינץ, דער „הויכער באַרג", פאָטער ענליל,
האָט אויפגעשטעלט זיין טראָן אויבנאָן, אין עקור, דאָס געהייליקטע הויז;
דער טעמפּל — זיינע געבאָטן, ווי דעם הימל, קאָן מען נישט ענדערן,
זיינע רייכע ריטואַלן, ווי די ערד, קאָן מען נישט צעשטערן,
זיינע געטלעכע געבאָטן, ווי די געזעצן פון תּהום, מ'קאָן זיי נישט זען,
זיין „האַרץ", ווי אַ געהייליקט הויז אין אַ וויטן לאַנד, אומבאַקאַנט
ווי דער הויכפּונקט אין הימל,
זיינע ווערטער זיינען תּפילות,
זיינע רייד — הכנעה'דיקער געבעט...
זיינע ריטואַלן זיינען וואונדערלעך,
זיינע יום־טובים, אַן איבערפלוס פון פעטס און מילך, אַלץ איבערגענוג,
זיינע שפּייכלער ברענגען גליק און פרייד...
ענליל'ס הויז אַ באַרג פון רייכטום...

עקור, דאָס הויז פון לאַפּיס־לאַזולי־שטיינער, דאָס געאַכטעטע הויז,
פילט־אָן מיט יראת־הכּבוד,
זיין ערפורכט און שרעק זיינען נאָענט צום הימל,
זיין שאָטן שפּרייט זיך איבער אַלע לענדער,
זיין פּראַכט דערגייט צום האַרץ פון הימל,

אַלע הערשער און פירשטן ברענגען אַהער זייערע געטלעכע מתנות, קרבנות, זאָגן דאָ זייערע תפילות, זייערע בקשות, זייערע פאַרלאַנגען.

ענליל — דער פאַסטעך, אויף וועמען דו קוקסט גוטמוטיק,
האָסט צו אים גערופן און אים באַרימט געמאַכט אין לאַנד,
ער האָט צעשטערט פרעמדע לענדער, וואו נאָר ער האָט געשטעלט אַ פוס,
געשמאַקע געטראַנק־אָפּפער פון אומעטום,
קרבנות פון שווערן מלחמה־רויב,
האָט ער אַריינגעבראַכט אין די שפּייכלער,
אין די ברייטע איינזאַמלונגס־פונקטן האָט ער געשיקט זיינע קרבנות;

אָן ענליל, דער הויכער באַרג,
וואָלט מען קיין שטעט נישט געבויט, קיין ישובים נישט אויפגעשטעלט,
קיין שטאַלן נישט געבויט, קיין שאָף־אַרומצאַמונגען נישט געמאַכט,
קיין מלכים וואָלט מען נישט דערצויגן, הויפּט־פּריסטערס וואָלטן
זיך נישט אַנטוויקלט [5].

די תפילה האָט דערשיטערט אַברהמ׳ס געמיט. פון די אַלע לויב־געזאַנגען, וואָס דער מזמור האָט דערמאָנט וועגן דעם גאָט ענליל, האָבן אין זיינע אויערן געקלונגען די ווערטער: „ער האָט פאַרניכטעט פרעמדע לענדער״, „קרבנות פון מלחמה־רויב״, „אַלע הערשער און פירשטן ברענגען אַהער זייערע געטלעכע קרבנות״. ניין — האָט אַברהם צו זיך אין דער שטיל געזאָגט — ענליל איז נישט קיין גאָט און די פּריסטערס אין זיגוראַט־טעמפּל זיינען נישט זיינע הייליקע פאַרטרעטער. זיי נאַרן־אָפּ דאָס אָרעמע פאָלק און פרעסן פון זיי אַרויס קרבנות און מעשר פון אַלץ וואָס זיי שאַפן.

ווען דער כהן־גדול האָט געענדיקט די תפילה האָבן אַלע מתפללים זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די קני און מיט גרויס יראת־הכבוד זיך געבוקט צום גאָט ענליל. פּלוצלונג האָט זיך עטוואָס ווי אַ שטורעם־ווינט דורכגעטראָגן איבערן טעמפּל. אַלע פּנימ׳ער האָבן מיט דערשטוינונג זיך אויסגעדרייט צו אַ פונקט, וואו ס׳איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן, וואָס האָט, ווי צו־להכעיס, נישט געוואָלט קניען און זיך בוקן צום הייליקן גאָט ענליל. די פּריסטערס און די פּריסטער־תלמידים זיינען נאָך מער פאַרוואונדערט געוואָרן, ווען זיי האָבן אין דעם יונגנמאַן דערקענט זייער שול־חבר אַברהם, דער זון פון דעם קריגס־שר, תרח.

די „פּאַטעסי״ (היערארכיע) פון טעמפּל האָט אומגעדולדיק געוואַרט אויף אַ פּאַסיקער געלעגנהייט צו משפּט׳ן אַברהמ׳ען פאַר זיינע גאָט־לעסטערונגען. די שול־חברים, וואָס האָבן אים אַלעמאָל אויסגעמיטן, האָבן איצט געהאַט אַ גוטע סיבה פאַר זייער שנאה. דערפאַר אָבער האָט אַברהמ׳ס האַנדלונג אין טעמפּל אַרויסגערופן באַוואונדערונג און דרך־ארץ צווישן די מוטיקע און ערנסטע שול־תלמידים. זיין טראַציקייט האָט ביי זיי אַרויסגערופן נאָך אַ גרעסערן באַגער זיך צו באַקענען מיט זיינע פאַרשונגען און אידייען.

אַברהם האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט. ער האָט זיינע געדאַנקען און

אידייען צוערשט פּאַנאַנדערגעוויקלט פאַר זיינע נאָענטע און איבערגעגעבענע שול־חברים און ביסלעכווייז איז אויסגעוואַקסן אַ גרעסערער דיסקוסיע־קרייז פון אַברהמ׳ס געטרייע פאַרערער, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דער פאָרשונג פון רעליגיע און געשיכטע.

די „כלי־קודש״ פון טעמפּל האָבן גוט געוואוסט, אַז אַברהם באַנוגנט זיך נישט מיט די לימודים אין שול, נאָר אין זיין פרייער צייט פאַרברענגט ער אין דער טעמפּל־ביבליאָטעק, וואו ער לייענט און פאָרשט די טויזנטער ליימענע לוחות, אויף וועלכע עס איז אויסגעקריצט אַ שלל מיט ידיעות וועגן רעליגיעזע, היסטאָרישע און וויסנשאַפטלעכע קעגנשטאַנדן.

די סומעריער האָבן נישט געשריבן קיין געשיכטע־ביכער, האָט אַברהם געלייענט און געפאָרשט די סומערישע און אַקאַדישע פאָלקס־לעגענדעס, פאָלקס־לידער, דערציילונגען און רעליגיעזע תפילות און אין זיי געפונען אָפּקלאַנגען פון אמת׳ע געשעענישן אין דער געשיכטע פון די סומעריער, וועגן זייער ציוויליזאַציע און קולטור.

אַברהם האָט זיינע פאָרשונגען און איינדרוקן פאַרצייכנט אויף ליימענע טאָוולען[6] און זיי שפּעטער פאָרגעלייענט פאַר דעם קרייז פון זיינע שול־חברים. די קורצע געשיכטע פון די סומעריער, וואָס אַברהם האָט צונויפגעקליבן, האָט זיך אומגעפער געלייענט אַזוי:

אַמאָל, גאָר אַמאָל, איז די וועלט, פון וועלכער דאָס לאַנד סומער איז געווען אַ טייל, געלעגן אין און אַרום דעם גרויסן פלאַך־לאַנד, דורך וועלכן עס שטראָמען די טייכן פּרת און חדקל. די טייכן גיסן זיך אַרונטער פון די בערג אין צפון און לויפן אַרום טויזנט מייל ביז צום פּערסישן ים־אויסגוס אין דרום. די קוואַלן, פון וועלכע די טייכן פליסן, זיינען ווייט איינע פון די אַנדערע, נאָר אין זייער לויף דערווייטערן זיך די טייכן, פאַראייניקן זיך און פאַלן צוזאַמען אַריין אין פּערסישן ים.

אין דעם ווינקל צווישן די צוויי טייכן און דעם ים איז געלעגן אַ רייך און פרוכטבאַר שטיק לאַנד. „דער גאָרטן פון עדן״ — האָט מען דאָס לאַנד גערופן. די מענטשן וואָס האָבן דאָרט געלעבט זיינען געווען גליקלעך. זיי האָבן געלעבט אין פעלד און אין וואַלד און האָבן געשעפּט פון געטלעכן פאַרטיקן באַשאַף. אַ געפיל פון פריינטשאַפט און שלום האָט זיי באַהערשט און זיי האָבן נישט געוואוסט פון קיין שווערד און מלחמה.

שפּעטער האָבן זיי געוואָלט אויסבעסערן גאָט׳ס באַשאַף און האָבן גענומען באַאַרבעטן די ערד, אויסאַרבעטן אייגענע פּראָדוקטן, בויען שטעט, און די וועלט און די מענטשן האָבן זיך צעטיילט. „די קעניגלעכע מאַכט איז אַרונטערגעקומען פון הימל״, און יעדע שטאָט האָט געהאַט איר אייגענעם קעניג, און די הערשער האָבן געפירט שטענדיקע מלחמות פאַר מאַכט און רייכטום.

אין טעמפּל־ביבליאָטעק האָט אַברהם געפונען אַ „קעניג־צעטל“ מיט נעמען פון אַ צאָל מלכים, וואָס האָבן געהערשט איבער די סומערישע שטעט אין די אוראַלטע צייטן[ז]:

דער ערשטער קעניג פון סומעריע איז געווען דער הערשער פון דער שטאָט ערידו. זיין נאָמען איז געווען אלולים און ער האָט געלעבט 28,000 יאָר. נאָך אים האָט געקיניגט דער מלך אַלאַגאַר, וועלכער האָט געלעבט 36,000 יאָר. ערידו איז באַזיגט געוואָרן פון דער שטאָט באַרטיבירא און דאָרט האָבן געהערשט דריי מלכים: עמענלואַנאַ 43,000 יאָר, עמענגאַלאַנאַ 28,000 יאָר און דער פּאַסטוך דומוזי 36,000 יאָר. דומוזי איז באַזיגט געוואָרן פון מלך פון לאַראַק, ענסיפּאַזיאַנאַ, וועלכער האָט געלעבט 28,000 יאָר. די שטאָט לאַראַק איז באַזיגט געוואָרן פון ענמונדאַראַנאַ, דער מלך פון סיפּאַר, און ער האָט געהערשט 21,000 יאָר. סיפּאַר איז חרוב געוואָרן אין אַ מלחמה מיט דעם קעניג אורבאַטיטו פון שורופּאַק, וועלכער האָט געלעבט 18,000 יאָר.

אַברהם איז שוין געווען באַקאַנט מיט דער רייכער פאַנטאַזיע פון די סומערישע דיכטער און ס'האָט אים נישט געוואונדערט זייערע איבערטרייבונגען וועגן דער הויכער עלטער פון זייערע מלכים. די נעמען פון די שטעט, פון די הערשער און פון די געשעענישן אַרום זיי, האָבן אָבער אויסגעזען צו זיין ריכטיק פאַרצייכנט.

די בלוטיקע מלחמות און אכזריות'דיקע מעשים פון די הערשער, האָט אַברהם ווייטער געלייענט, האָבן דערצאָרנט די געטער און זיי האָבן באַשלאָסן חרוב צו מאַכן די וועלט און באַשאַפן אַ נייע, אַ בעסערע וועלט.

דאָס איז געשען אַרום צוויי טויזנט יאָר פאַר אַברהמ'ס צייט (פיר טויזנט יאָר פאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג), ווען בייזע ווינטן האָבן זיך געטראָגן איבער דעם לאַנד פון די סומעריער און צעשטורעמט די וואַסערן פון פרת און חדקל. די טייכן האָבן זיך איבערגעגאָסן און פאַרשווענקט די גאַנצע ערד און אומגעבראַכט אַלץ וואָס האָט געלעבט און געוואַקסן. בלויז אַ קליינע צאָל מענטשן און אייניקע מינים בהמות, חיות און פייגל האָבן זיך געראַטעוועט אויף די הויכן פון די זאַגראָס־בערג אין מזרח, און איין משפחה מיט אַ צאָל בהמות, חיות און עופות האָבן זיך געראַטעוועט אויף אַ שיף, אַרום די אַררט־בערג אין צפון.

זעקס טעג און זעקס נעכט האָט אַנגעהאַלטן אַ שטורעם־ווינט און אַ שלאַקס־רעגן, וואָס האָבן חרוב געמאַכט די וועלט. און די ערד איז געווען וויסט און ליידיק, און פינצטערניש איז געווען אויפן געזיכט פון תהום.

ווען דער שטורעם האָט זיך באַרואיקט, די וואַסערן האָבן זיך אָפּגעזעצט און דער שווערער נעפּל האָט גענומען פאַנאַנדערגיין, האָט אַ געטלעכער גייסט אָנגעפילט דעם חלל און פון תהו־ובהו איז אַ נייע וועלט אויפגעגאַנגען.

בראשית, אין אָנהויב, האָבן די זון־שטראַלן דורכגעריסן דעם געדיכטן נעפּל און מ'האָט ווידער געקאָנט אונטערשיידן צווישן טאָג און נאַכט, ליכט

און פינצטערניש. די פייכטע ערד האָט זיך צעגרינט און ס׳האָבן זיך צעבליט גראָזן און גרינסן,ביימער און פרוכטן. די טייכן זיינען ווידער רואיק גע־פלאָסן אויף זייער וועג צו די ימ׳ען; די פייגל האָבן זיך צעזונגען אין די הימלען; די חיות האָבן זיך צעברומט אין די בערג, און די קליינע באַשע־פענישן האָבן זיך צעזשומעט איבער דעם פלאַך פון דער ערד.

ווען די וועלט האָט אויפגעלעבט און זיך צעבליט, זיינען די געראַטעוועטע מענטשן און חיות אַרונטערגעקומען פון די בערג, האָבן זיך געמערט און זיך גענומען אויסשפרייטן איבער דער ערד.

אין אָנהויב האָבן זיי אַרומגעוואַנדערט, געלעבט אין דער נאַטור און זיך דערנערט מיט דעם אַלעם גוטן, וואָס איז פאַר זיי געווען צוגעגרייט אין דער נאַטור. זיי האָבן געהערט אַ געטלעכע שטימע זיי זאָגן: „זעט, איך האָב אייך געגעבן אַלערליי געוויקסן, וואָס גיבן־אַרויס זאָמען און זיי געפינען זיך אויף דער פלאַך פון דער גאַנצער ערד, און אַלערליי ביימער מיט פרוכט, וואָס גיבן־אַרויס זאָמען. פאַר אייך זאָל דאָס זיין צום עסן״. זיי זיינען געווען פאַס־טעכער און האָבן געפּאַשעט שאָף און רינדער, וואָס האָבן זיי געגעבן מילך צום טרינקען, וואָל זיך צום קליידן און פעל זיך צוצודעקן. וואו נאָר זיי האָבן געפונען וואַסער און פּאַשע האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און דערנאָך וויי־טער געוואַנדערט.

ווען די באַפעלקערונג איז זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן, צוערשט אין משפחות און דערנאָך אין שבטים, און ס׳איז נישט געווען גענוג פּאַשע פאַר אַלע סטאַ־דעס, האָבן זיך די שבטים צעטיילט. זיי זיינען זיך צעגאַנגען אויף פאַרשיי־דענע וועגן, געוואַנדערט און געזוכט פרוכטבאַרן באָדן, און זיך ווידער אָפּגעשטעלט.

ביסלעכווייז האָבן זיך די וואַנדערער באַקענט מיט די אייגנשאַפטן פון דער ערד. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט אַקערן, זייען, שניידן און פלאַנצן גרינס און ביימער. זיי האָבן זיך דערנערט פון ערד־אַרבעט, פי־האָדעוואַניע, פיש־פאַנג און שפעטער אויסגעוועבט געצייג פון וואָל און אויסגעקנאָטן כלים פון ליים. מיט דעם שוויס פון פנים האָבן זיי געגעסן זייער שפייז. זיי האָבן אויפגעגעבן דאָס וואַנדערן און אויפגעשטעלט ישובים, שטעט און דערפער.

אין טייל פון די אַרונטערגעקומענע פון די בערג האָבן זיך סוף־כל־סוף אָפּגעשטעלט אויף אַן אָרט וואו זיי האָבן געפונען פרוכטבאַרן באָדן און וואַסער און האָבן זיך געפרייט מיט זייער נייער היים און עס גערופן סוסאַ (שושן, פרייד).[8] אַרום דעם ישוב איז אויסגעוואַקסן אַ גרויס און רייך לאַנד און די תושבים האָבן זייער לאַנד גערופן עילם.

אַברהם האָט אויסגעפונען, אַז שוין פינף הונדערט יאָר פאַר זיין צייט (אַרום 2,500 פאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג) איז עילם שוין געווען אַן אַנטוויקלט און קולטורעל לאַנד. עילם איז געווען דאָס ערשטע לאַנד, וואו מ׳האָט אַנטדעקט דעם מעטאַל קופער, און וואו ס׳זיינען פאַבריצירט געוואָרן

קופערנע וואָפן און הויז־כלים. די „עילאַמיטן" האָבן שוין דעמאָלט אויסגע־אַרבעט כל׳ערליי צירונגען און אָרנאַמענטן פון גאָלד, זילבער און קופער. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט צו כאַוון הויז־חיות און עופות. שפּעטער האָבן די עילאַמיטן אַנטוויקלט אַ גרויסן האַנדל־פאַרקער מיט אַלע טיילן פון דער נייער וועלט. זייערע קאַראַוואַנען האָבן דערגרייכט אַזש ביז אַשור אין צפון, און מצרים אין מערב.

אַ צווייטער טייל פון די אַרונטערגעקומענע פון די זאַגראָס־בערג, נאָך דער גרויסער פאַרפליצונג, איז אַוועק ווייטער צו מערב, איז אַריבער דעם טייך חדקל און זיך אָפּגעשטעלט אין דעם דרייעק, וואו די טייכן פּרת און חדקל פאַלן צוזאַמען אַריין אין דעם פערסישן ים־אויסגוס. זיי האָבן געזען, אַז דאָס לאַנד איז גוט, האָבן זיי דאָרטן אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן און גערופן דאָס אָרט שנער (סומער).

דערדאָזיקער דרייעק איז געווען דער ערשטער פּלאַץ פאַרגאָסן צו ווערן פון דער פאַרפלייצונג. דער גאַנצער שטח איז שנעל פאַרשוועמט געוואָרן דורך די וואַסערן פון אַלע טייכן. דערפאַר אָבער איז דאָס אָרט אויך געווען דאָס ער׳שטע אויסגעטריקנט צו ווערן און זיך צו צעבליען. ווען די פאַר־פלייצונג האָט זיך אויסגעשפּרייט און פאַרניכטעט אַלץ, וואָס איז איר געווען אין וועג, האָבן די וואַסערן אין דער זעלבער צייט מיטגעשלעפּט פון די טיפענישן פון די טייכן וואַסער־געוויקסן און פּעטן שליים און זיי פאַרשפּרייט איבער דער ערד. ווען די פאַרפלייצונג האָט אָפּגעלאָזן, זיינען ברייטע שטרע־קעס לאַנד אַרום און צווישן די טייכן געווען פעט און פּרוכטבאַר. דער גאַנצער שטח האָט זיך שנעל צעבליט. „און עס איז געווען, אַז זיי האָבן געצויגן פון מזרח, האָבן זיי געפונען אַ פליין אין לאַנד שנער (סומער), און זיי האָבן זיך דאָרט באַזעצט".

פונקט ווי די עילאַמיטן, אַזוי זיינען אויך די סומעריער דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן פּראָצעס פון אַנטוויקלונג. לכתחילה האָבן זיי אויך אַ לענגערע צייט אַרומגעוואַנדערט, זיינען געווען פאַסטעכער און זיך דערנערט פון יאַגד און פי־צוכט. ווען די ערד האָט זיך אויסגעטריקנט און צעגרינט, האָבן די סומעריער זיך ביסלעכווייז באַזעצט אויפן לאַנד. זיי האָבן געאַקערט און געזייט, און די ערד איז באַדעקט געוואָרן מיט גראָזן און גרינסן, מיטביימער און פּרוכט, מיט זאַנגען און תבואה, מיט פעלדער און וועלדער. „און גאָט האָט געפלאַנצט אַ גאָרטן אין עדן, אין מזרח. ער האָט דאָרטן אַריינגעזעצט דעם מענטשן, וואָס ער האָט באַשאַפן. און גאָט האָט געמאַכט שפּראָצן פון דער ערד אַלע מינים ביימער, עס זאָל זיך גלוסטן זיי אָנצוקוקן און זאָלן אויך גוט זיין צום עסן. צווישן אַנדערע אויך דעם בוים פון לעבן — אין מיטן גאָרטן — און דעם בוים פון וויסן: גוטס און שלעכטס" [9].

די סומעריער האָבן ליב געהאַט זייער ניי לאַנד, האָבן עס אַנטוויקלט און אויפגעשטעלט דערפער און שטעט. די ערשטע שטאָט האָבן זיי גערופן:

ניפור. ניפור איז געלעגן האַלב־וועגס צווישן די טייכן פרת און חדקל. אין דער זעלבער צייט איז אויסגעוואָקסן אַ צווייטע גרויסע שטאָט מיטן נאָמען אור (אורים) אויפן מזרח־־ברעג [10] פון פרת־טייך, דאָרט וואו דער טייך איז אַריינגעפאַלן אין פערסישן ים־אויסגוס. אור האָט זיך שנעל אַנטוויקלט און איז געוואָרן די הויפּט־שטאָט פון סומער. שפּעטער האָבן די סומעריער זיך אויסגעשפּרייט לענג־אויס דעם טייך פרת, צו צפון, און אויפגעבויט די שטעט: ערך, ערידו, לאַרסאַ, לאַגאַש, קיש, איסין, שורפּאַק און אַנדערע.

די סומעריער זיינען געווען די ערשטע אין דער נייער וועלט צו אַנטוויקלען אַ ציוויליזאַציע, אַ קולטור, און צו דערפיגדן נייע וויסנשאַפטן. כדי צו פאַרזיכערן זיך קעגן נייע פאַרפלייצונגען, האָבן זיי זיך דערטראַכט צום געדאַנק פון אויפהויבן די ברעגעס פון די טייכן, אויסבויען אַ נעץ פון דאַמבעס און אויסגעגראָבן אַ ריי קאַנאַלן צווישן די טייכן פרת און חדקל. דאָס האָט זיי אויך געהאָלפן צו באַוואַסערן און אַנטוויקלען גרויסע שטחים לאַנד.

סומער האָט אָנגעקניפּט ברייטע האַנדלס־פאַרבינדונגען מיט ווייטע לענדער און איינגעשטעלט מיט זיי אַ שטענדיקן פאַרקער פון שיפן און אייזל־קאַראַוואַנען [11].

כדי דורכצופירן אָט־די אַלע זאַכן, זיינען געווען נויטיק געגוגנדע ידיעות אין אַ גאַנצער ריי וויסנשאַפטן, און די הויפּט־קעגנשטאַנדן אין די סומעריער הויך־שולן זיינען שוין דעמאָלט געווען: מאַטעמאַטיק, אינזשענירונג און מעטאַלורגיע.

די סומעריער האָבן זיך שוין אין די גאָר אַלטע צייטן באַנוצט מיט קופּער פאַר כלים און מלחמה־מכשירים. שפּעטער האָבן זיי אַנטדעקט דעם מעטאַל צין, און דערנאָך אויסגעפונען, אַז פון אַ צונויפמיש פון קופּער מיט צין, אין אַ באַשטימטער פּראָפּאָרץ, באַקומט זיך אַ נייער מעטאַל, וואָס זיי האָבן גערופן: בראָנז [12].

פון דעמאָלט־אָן האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין דער וועלט־געשיכטע, וועלכע ווערט באַצייכנט ווי די „בראָנז־עפּאָכע". פון בראָנז האָט מען אויסגעגאָסן און אויסגעשמידט מלחמה כלי־זין, וואָס זיינען געווען אַ סך שטאַרקער ווי די שטיינערנע און קופּערנע מכשירים, מיט וועלכע די אַנדערע פעלקער האָבן זיך באַנוצט. דאָס האָט געגעבן די סומערישע אַרמייען די אויבערהאַנט איבער די אַרמייען פון אַנדערע לענדער.

פאַר פּראָדוקציע, האַנדל און מלחמות האָבן די סומעריער פריער געמוזט האָבן אַ שפּראַך זיי זאָלן זיך קענען צונויפרעדן און אַ שריפט זיך דורכצושרייבן און פאַרצייכענען אַלע האַנדל־ און מלחמה־טראַנזאַקציעס.

די סומעריער זיינען געווען די ערשטע צו אַנטוויקלען זייער שפּראַך און איינצושטעלן אַ גראַמאַטיק און אַנדערע רעגלען וועגן רעדן און שרייבן.[13]

די סומעריער זיינען אויך געווען די ערשטע צו אַנטוויקלען אַ שריפט צו פאַרצייכענען (פאַרשרייבן) זייערע געדאַנקען און קאָמוניקירן מיט ווייטע

ערטער וועגן אַלע זייערע אונטערנעמונגען. צוערשט זיינען דאָס געווען נאָר בילדער־צייכנס, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ געדאַנק אָדער אידייע (אידעאָגראַם). פון דעם בילד־צייכן האָט זיך דער לייענער „אָנגעשטויסן״ וואָס דער שרייבער האָט געוואָלט זאָגן. שפּעטער האָבן די סומעריער פאַרביטן די בילדער מיט צייכנס, וואָס האָבן שוין מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן איינצלנע זילבע און איינע אָדער עטלעכע אַזעלכע זילבן האָבן צונויפגעשטעלט אַ וואָרט. דער עלעמענטאַרישער צייכן פון דער סומערישער שריפט איז אַ לענגלעך דריי־עקיק „שטעקעלע״ אין דער פאָרם פון אַ קלין (▼). דורך קאָמבינירן צוויי, דריי אָדער מער פון אַזעלכע קלין־צייכנס אין פאַרשידענע ריכטונגען, האָבן די סומעריער אויפגעשטעלט זייער קלינפאָרם [14] (קוניפאָרם)־שריפט, וואָס איז באַשטאַנען פון איבער זעקס הונדערט בוכשטאַבן.

די סומעריער האָבן געשריבן (געצייכנט) זייער שריפט אויף טאָוולען פון ווייכן ליים, מיט אַ מעטאַלענעם אָדער הילצערנעם שטיפט, וואָס איין ברעג האָט געהאַט די פאָרעם פון אַ קלין. דער טאָוול איז דערנאָך געבאַקן געוואָרן אויף דער זון און איז אַזוי שטאַרק פאַרהאַרטעוועט געוואָרן, אַז ער האָט זיך אויפגעהאַלטן טויזנטער יאָרן.



די אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון דער סומערישער שפּראַך, וואָס איז אין אָנהויב געווען אַ בילדער־שריפט.

אויף פאַרצייכנטע ליימענע טאָוולען האָבן די סומעריער צוזאַמענגע־שטעלט זייערע לערן־ביכער, רעליגיעזע תפילות, וויסנשאַפטלעכע ווערק און אַ רייכע ליטעראַטור. מיט ליימענע טאָוולען האָבן זיי זיך אויך באַנוצט אין אַלע געשעפטלעכע טראַנסאַקציעס, ווען נאָר מ׳האָט געדאַרפט וואָס עס איז פאַרצייכענען אָדער „אונטערשרייבן".

ס׳איז געווען די סומערישע שפּראַך און די סומערישע שריפט, וואָס האָבן זיך די ערשטע פאַרשפּרייט איבער גאַנץ אַרם־נהרים (מעסאָפּאָטאַמיע), אין וועלכע די מלוכות און האַנדלס־געשעפטן האָבן פאַרצייכנט אַלע זייערע אָפיציעלע דאָקומענטן.

אין אָנהויב האָט מען אין די שולן געלערנט הויפּטזעכלעך די חכמה פון שרייבן פאַר געשעפט־פירונג. די גראַדואירטע האָבן געדאַרפט וויסן אַלץ וואָס ס׳איז געווען נויטיק צו פירן און פאַרצייכענען די אַדמיניסטראַטיווע און עקאָנאָמישע טראַנסאַקציעס פון טעמפּל, מלוכה און פּריוואַטע אונטער־נעמונגען.

מיט דער צייט זיינען די סומעריער שולן אויסגעוואָקסן און געוואָרן צענטערן פון וויסנשאַפט און קולטור. אין אַברהמ׳ס צייטן האָט מען שוין אין די הויך־שולן פון סומער געלערנט אַסטראָלאָגיע, מעדיצין, באָטאַניק, זאָלאָגיע, מינעראַלאָגיע, געאָגראַפיע, מאַטעמאַטיק און אינזשעניערונג, און געלערנטע האָבן געשאַפן וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַרישע ווערק.

אַברהמ׳ס פאָרשונגען וועגן דער געשיכטע פון סומעריע האָבן פאַר אים געשאַפן גרויס אַנזען צווישן די סומערישע געלערנטע און אַ סך כבוד צווישן זיינע שול־חברים, אָבער נאָך מער קנאה־שנאה צווישן די טעמפּל־פּריסטערס און שרעק אין קעניגלעכן פּאַלאַץ.

אַברהם האָט אויסגעפונען, אַז שוין טויזנט יאָר פאַר זיין צייט (3,000 פּק״ר) איז דאָס גאַנצע אַרם־נהרים לאַנד געווען צעטיילט אין צוואַנציק שטעט; יעדע שטאָט איז געווען אַ מלוכה פאַר זיך, האָט געהאַט איר אייגענעם קעניג אָדער פירשט, איר אייגענעם גאָט און אַ טעמפּל; אירע ספּעציעלע עקאָנאָמישע באַדינגונגען און איר אייגנאַרטיקן קולטור־מצב.

די וויכטיקסטע אינסטיטוציע אין יעדער שטאָט איז געווען דער טעמפּל, וואָס האָט גלייכצייטיק געדינט פאַר איר גאָט ווי אַ געבעט־הויז און פאַר דעם קעניג ווי אַ מלוכה־צענטער. שטענדיקע מלחמות זיינען אָנגעגאַנגען צווישן די שטעט, און די אַמביציע פון יעדן שטאָט־הערשער איז געווען צו פאַרכאַפּן די אַרומיקע שטעט און ווערן דער מלך איבער אַלע מלכים, און זיין גאָט זאָל ווערן דער גאָט איבער אַלע געטער.

אַרום 500 יאָר פאַר אַברהמ׳ס צייט (2,500 יאָר פּק״ר) איז אור־כשדים געווען די גרעסטע און רייכסטע שטאָט אין אַרם־נהרים און איר „ענסי" (שטאָט־הערשער) איז געווען דער העלדישער מעסאַנעפּאַדאַ.

קעניג מעסאַנעפּאַדאַ און דערנאָך זיין זון מעסקיאַגנונאַ זיינען געווען

פעאיקע קריגער. זיי האָבן אויפגעשטעלט אַ גוט־אָרגאַניזירטע און שטאַרקע אַרמיי, וואָס איז באַשטאַנען פון פאַרשיידענע אָפּטיילונגען: לייכטע פוס־גייער, באַוואָפנט מיט קורצע שפּיזן, קליינע העקלעך און שמאָלע מעסערס; אָפּטיילונגען פון שווער־באַוואָפנטע פוס־גייער מיט קופּערנע העלמעטס, פייל־און־בויגן און לאַנגע שפּיזן און שווערדן; אייזל־אָפּטיילונגען, וואָס זיינען געווען באַלאָדן מיט אַלע אַנדערע מלחמה־מכשירים, און שפּייז פאַר דער אַרמיי.

מעסאַנעפּאַדאַ האָט באַזיגט און פאַרכאַפּט אַ צאָל גרעסערע שטעט, אומגעבראַכט זייערע הערשער, צעשטערט זייערע טעמפּלען און צעבראָכן זייערע געטער. מעסאַנעפּאַדאַ איז געוואָרן דער ערשטער „לוגאַל" (קעניג) פון גאַנץ סומער און זיין דינאַסטיע האָט שפּעטער געהערשט איבער אַ גרויסער אימפּעריע, וואָס האָט זיך געצויגן פון אור ביז באַבילאָניע (בבל), ביז סיריע, ביז מצרים. דער סומערישער גאָט ענליל איז געוואָרן דער „גאָט איבער אַלע געטער" אין דעם הייליקן זיגוראַט־טעמפּל אין אור...

***

דער קרייז פון שול־תלמידים, וואָס איז געקומען הערן אַברהמ׳ס אויספאָרשונגען פון דער סומערישער געשיכטע, איז זיך צעוואַקסן און געוואָרן גרעסער און גרעסער. אַברהם און זיינע חברים האָבן זיך פאַרזאַמלט אין שטרענגער געהיימניש. די טעמפּל־מנהיגים האָבן שוין געוואוסט וועגן זייער טעטיקייט און האָבן נאָר געוואַרט אויף אַ פּאַסיקער געלעגנהייט צו פאַרניכטן דעם שורש, דעם איניציאַטאָר פון דער גאָט־לעסטערנדיקער אונטערנעמונג.

אַברהם האָט מיט זיינע שול־חברים אויך געשמועסט וועגן דעם מצב פון סומעריע אין זייער אייגענער צייט [15]).

אין אַברהמ׳ס טעג, אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט פק"ר, איז שוין אור־כשדים געווען די גרעסטע, רייכסטע און קולטורעלסטע שטאָט אין דער וועלט פון יענער צייט. אירע טעמפּלען, פאַבריקן, האַנדלס־הייזער און לערן־אַנשטאַלטן זיינען באַרימט געווען צווישן אַלע פעלקער.

דער צענטער פון דער שטאָט איז געשטאַנען אויף אַ באַרג, צוואַנציק פוס איבער דער פלאַך פון טייך פרת. צוזאַמען מיט אירע פאָרשטעט האָט אור פאַרנומען איבער פיר סקווער־מייל. אור איז געווען געדיכט באַפעלקערט, און אין אַברהמ׳ס צייט האָבן דאָרט געוואוינט אַרום אַ פערטל מיליאָן מענטשן.

אַרום דער שטאָט זיינען געווען צעוואָרפן קליינע אָרעמע געגנטן, וואָס האָבן זיך געצויגן אַזוי ווייט ווי צוויי און דריי מייל פון שטאָט. די רייכע האָבן געוואוינט אין הייזער, געבויט פון זון־געבאַקענע ציגל; די אָרעמע — אין איינגעפאַלענע שטיבלעך, וואָס זיי האָבן געמאַכט פון וואַסער־ריטלעך און בלאָטע.

אַדאַנק די צוויי גרויסע טייכן פרת און חדקל, דעם פערסישן ים און

די קאַנאַלן, וואָס האָבן פאַרבונדן די טייכן, האָט די שטאָט אור געפירט איר האַנדל מיט אַ גרויסן טייל פון דער וועלט, דורך אַ גרויסן שיפן־פּאַרקער צווישן די שטעט, וואָס זיינען געלעגן אַרום די טייכן. אויף דער יבשה האָבן אייזל־קאַראַוואַנען זיך געצויגן פון אור צו פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט.

אור האָט אויפגעבויט פאַבריקן, וואו מ׳האָט פון רויע מאַטעריאַלן אויס־געאַרבעט טעקסטיל־אַרטיקלען (וועב־שטאָפן), ערדענע און מעטאַלענע כלים, פעל־אַרטיקלען, צירונג, מלחמה־מכשירים און פּערפיומען. די אַלע זאַכן האָבן די סומעריער צעפירט איבער דער גאָרער וועלט און זיי דאָרט אויסגעביטן אויף געהילץ, גרינשטיין אויף אויסצוהאַקן געטער־סטאַטוען, מירמלשטיין, עלפאַנטביין, גאָלד און זילבער, און אַנדערע טייערע שטיינער און מעטאַלן.

אַזאַ וועלט־האַנדל איז געווען פאַרבונדן מיט אַ סך שוועריקייטן: מען האָט געדאַרפט האָבן נישט נאָר פאַרטרויענסווערטע אַגענטן, נאָר אויך אַגענ־טורן אויף די ערטער, וואוהין די פּראָדוקטן זיינען צעשיקט געוואָרן. די טראַנספּאָרטאַציע דורך די שיפן און דורך קאַראַוואַנען האָט געמוזט באַשיצט ווערן פון אָנפאַלן און רויבערייען.

עס איז געווען נויטיק צו שליסן געהעריקע אָפּמאַכן מיט הערשער פון די לענדער, וואוהין די פּראָדוקטן זיינען צעשיקט געוואָרן. ס׳איז געווען נויטיק אַ געוויסע פּאָסט־סיסטעם, קוריערן פאַנאַנדערצוטראָגן אָפיציעלע פּאַ־פּירן און קאָנטראַקטן, און צוריקברענגען באַשטעלונגען און צאָלונגען פאַר די סחורות.

ווען אַברהם איז צוגעקומען צו דעם פּונקט איז ער געוואָרן זייער ערנסט און אַנגעוויזן, אַז אַזאַ קאָלאָסאַלער האַנדל דאַרף במילא אויך האָבן אַ גרויסע אַרמיי פון אייגענע און געדונגענע מלחמה־לייט. מיט דער אויסשפּרייטונג פון האַנדל, מיט דער וואַקסנדיקער מאַכט פון טעמפּל און מיט דער פאַר־שטאַרקונג פון דער אַרמיי האָט זיך צעוואַקסן דער אַפּעטיט פאַר מלחמות, פאַר רויב און פאַרשקלאַפונג. דער צענטער פון אָט־די אַלע אומווירדיקייטן איז דער טעמפּל. די גרעסטע פאַבריקן און האַנדלס־אונטערנעמונגען ווערן אָנגעפירט פון די פּריסטערס. די הייליקע כהנים פון דעם זיגוראַט־טעמפּל שפּילן אַ טאָפּלטע ראָל, זיי זיינען גלייכצייטיק די געטלעכע שליחים צו די קלענערע טעמפּלען איבערן לאַנד אין די פאַרשיידענע טיילן פון דער אימ־פּעריע, און זיי זיינען די האַנדלס־פאַרטרעטער פון די גרויסע געשעפטן, וואָס די טעמפּל־פאַבריקן פירן־אָן אין לאַנד און איבער דער גאַנצער וועלט...

***

אַברהמ׳ס שול־חברים האָבן גוט אָפּגעשאַצט די קאָלאָסאַלע אַרבעט פון זיינע געשיכטע־פאָרשונגען און די מסקנות, צו וועלכע ער איז געקומען. זיי האָבן אויך איינגעזען, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג מיט דעם סדר פון

דער וועלט. זיי האָבן אָבער נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי און מיט וועלכע כוחות אַברהם מיינט צו ענדערן די פירונגען פון דער וועלט.

אַברהם האָט זיי אויפגעקלערט, אַז ס'איז דאָ אַ גרויסע געפאַר, אַז די מענטשן זאָלן מיט זייערע זינדיקע מעשים אַליין ברענגען דערצו, אַז די וועלט זאָל נאָכאַמאָל חרוב ווערן, ווי ס'איז חרוב געוואָרן די אַלטע וועלט דורך דער שרעקלעכער פאַרפלייצונג. אין דער ביבליאָטעק פון דעם זיגוראַט־טעמפּל האָט ער געפונען אַ גרויסע פּאָעמע וועגן דעם לעגענדאַרישן מלך־גאָט גילגאַמעש[16]. דאָרט ווערט דערציילט די מעשה פון דער גרויסער פאַר־פלייצונג (מבול), וואָס האָט חרוב געמאַכט די אַלטע וועלט. דער סיפּור־המעשה פון דער פּאָעמע לייענט זיך בקיצור אַזוי:

ווען דער מלך גילגאַמעש האָט פאַרלוירן זיין בעסטן פריינט ענקידו און ער איז אַליין אַלט און שוואַך געוואָרן, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה. ס'האָט אים געמאַטערט זיין פאַרלוירענע יוגנט און ער האָט זיך גע־שראָקן פאַר זיין אומפאַרמיידלעכן סוף.

נישט קענענדיק זיך אַליין אַן עצה־געבן מיט דער טראַגישער פראַגע פון לעבן און טויט, האָט גילגאַמעש באַשלאָסן זיך אַרויסצולאָזן אין עק וועלט און אויסזוכן זיין עלטער־זיידן אוט־נאַפּישטים, דעם זון פון אובאַ־ראַטוטו,[17] און ביי אים דערגיין דעם סוד פון אומשטערבלעכקייט. גילגאַמעש איז געווען זיכער, אַז אוט־נאַפּישטים ווייסט דעם סוד, ווייל ער איז דער־הויבן געוואָרן צום שטאַנד פון די געטער און לעבט ווייט, ווייט אַוועק, אין דעם געבענטשטן לאַנד פון אומשטערבלעכקייט.

צו דערגרייכן זיין ציל האָט גילגאַמעש געמוזט דורכוואַנדערן לאַנגע וועגן און גרויסע מדבריות ביז ער איז צוגעקומען צו אַ ריי הויכע בערג. אויף די בערג האָט ער דערזען סטאַדעס לייבן, וואָס שפּילן זיך אין דער נאַטור. ער האָט זיך דערשראָקן און אויפגעהויבן זיינע אויגן צו דער לבנה און תפילה־געטאָן צום לבנה־גאָט סין ער זאָל אים ראַטעווען פון זייערע נעגל. די לייבן האָבן אים אַרומגערינגלט און גרייט געווען אים צו באַפאַלן. ער האָט גיך אַ כאַפּ־געטאָן זיין האַק און געצויגן זיין שווערד פון זיין גאַרטל און געטויט אַ טייל פון די לייבן און די איבעריקע פאַרטריבן.

דערנאָך איז גילגאַמעש צוגעקומען צום באַרג מאַשו, דער באַרג, וואָס היט־אָפּ דאָס אויפגיין און פאַרגיין פון דער זון. דער באַרג האָט געהאַט צוויי שפּיצן, וואָס האָבן דערגרייכט די ווענט פון הימל און זיינע וואָרצלען האָבן זיך געצויגן אַרונטער ביזן תהום. דער דורכגאַנג פון באַרג איז געהיט געוואָרן פון עקדישן און קראָקאָדילס, וואָס האָבן אויסגעזען האַלב־מענטש און האַלב־עקדיש. בלויז זייערע בליקן האָבן געקאָנט טויטן אַ מענטשן. גילגאַמעש האָט זיי דערציילט צוליב וואָס ער מוז דורכגיין דעם באַרג און דער עלטסטער פון די עקדישן האָט רחמנות געהאַט אויף גילגאַמעש'ן און צו אים געזאָגט: קיין לעבעדיקער מענטש איז נאָך קיינמאָל דעם באַרג נישט דורכגעגאַנגען.

גיי, גילגאַמעש, שפּרייז דורך דעם באַרג מאַשו, דער וועג איז פּאַר דיר אָפן, זאָל ער דיך פירן צו דיין ציל.

גילגאַמעש האָט נאָכדעם נאָך געמוזט דורכפּאָרן אַ שטורעמדיקן ים און דורכגיין אַ געפערלעכן בריק, אונטער וועלכן ס׳האָט געפלאָסן וואַסערן פון טויט, ביז ער איז סוף־כל־סוף דערגאַנגען צום אָרט וואו ס׳האָט געלעבט זיין עלטער־זיידע נאַפּישטים.

אוט־נאַפּישטים האָט געפרעגט גילגאַמעש׳ן צוליב וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אַזאַ געפערלעכן וועג, האָט גילגאַמעש אים געזאָגט: אָ, פאָטער, איך ראַנגל זיך מיט דער טראַגעדיע פון לעבן און טויט. דו ביסט געוואָרן איינער פון געטער־שטאַם און דו ביסט אומשטערבלעך. איך בין געקומען אויסצוגעפינען פון דיר דעם סוד פון אייביקן לעבן.

אוט־נאַפּישטים האָט געזאָגט גילגאַמעש׳ן, אַז ס׳איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי אייביקייט. אַלץ וואָס ווערט באַשאַפן מוז אונטערגיין. אייביקייט איז געגעבן געוואָרן נאָר פּאַר די געטער, נישט פּאַר דעם מענטשן.

גילגאַמעש האָט מיט שטוינונג געקוקט אויף זיין זיידן אוט־נאַפּישטים און אים געזאָגט: דיין אויסזען איז נישט אַנדערש ווי מיינער, ס׳איז נישטאָ קיין שום אויסטערלישס אין דיינע אברים; זאָג מיר דעם סוד, ווי אַזוי ביסטו געוואָרן איינער פון די געטער און געוואונען אומשטערבלעכקייט?

אוט־נאַפּישטים האָט אים געענטפערט: כדי דו זאָלסט פאַרשטיין ווי אַזוי דאָס איז געשען, מוז איך פריער פּאַר דיר אַנטדעקן אַ סוד פון די געטער און דיר דערציילן די געשיכטע פון מבול:

— די שטאָט שורופּאַק, ווי דו ווייסט, ליגט אויף די ברעגן פון טייך פּרת. ווען די שטאָט איז געוואָרן זייער אַלט, האָבן אירע געטער געבעטן ביי זייערע הויפּט־געטער, אַז זיי זאָלן ברענגען אַ מבול און חרוב מאַכן די שטאָט.

צווישן די הויפּט־געטער זיינען געווען: דער האַר פון די הימלען אַנו, דער פאָטער פון די געטער ענליל, דער באַגלייטער נינורטאַ, דער שומר פון די קאַנאַלן ענוגי און דער גאָט פון חכמה עאַ.

אין יענע טעג האָט זיך די וועלט געפרוכפּערט און די מענטשן האָבן זיך געמערט. די וועלט האָט געשטורעמט ווי אַ צעווילדעוועטער אָקס און די געטער האָבן קיין רו נישט געהאַט. האָט ענליל איינגעלאַדן די געטער פּאַר אַ באַראַטונג און צו זיי געזאָגט: דער געפּילדער פון די מענטשן איז שוין מער נישט איבערצוטראָגן און ס׳איז אוממעגלעך צו שלאָפן. די געטער האָבן מסכים געווען, אַז דער בעסטער מיטל איז צו ברענגען אַ מבול אויף דער וועלט און זי חרוב מאַכן.

דעמאָלט — האָט אוט־נאַפּישטים ווייטער דערקלערט — איז מיין גאָט עאַ געקומען צו מיר און אַזוי געזאָגט:

אָ! מענטש פון שורופּאַק, זון פון אובאַראַטוטו, רייס אַרונטער דיין הויז און בוי אַ שיף; לאָז איבער דיין פאַרמעגן און ראַטעווע דיין לעבן;

לאָז איבער די געטער און נעם מיט זיך זוימען פאַר אַלע לעבעדיקע באַשע־פענישן אויף דער שיף. די שיף מוז זיין אויסגעמאָסטן פון אַלע זייטן. די לענג מוז זיין אין פראָפּאָרץ צו איר ברייט.

איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט צו מיין האַר עאַ: דעם באַפעל וואָס דו האָסט מיר געגעבן וועל איך אויספאָלגן, אָבער וואָס זאָל איך זאָגן דער שטאָט, דעם פאָלק און די עלטסטע פון דער שטאָט, ווען זיי וועלן מיך פרעגן צוליב וואָס איך בוי די שיף?

עאַ האָט מיר געהייסן זיי זאָגן אַזוי: צוליב דעם וואָס דער גאָט ענליל איז געפערלעך קעגן מיר, קאָן איך מער נישט לעבן אין זיין לאַנד, וואוינען אין זיין שטאָט און לייגן מיין קאָפּ אויף זיין ערד. איך מוז גיין אין די טיפע אָפּגרונטן צו מיין האַר עאַ, דאָרט מיט אים צו זיין.

איך האָב געפאָלגט דעם גאָט עאַ. איך האָב צוזאַמענגענומען דאָס געהילץ און אַלע נויטיקע מאַטעריאַלן צו בויען די שיף. די שיף האָב איך געבויט נידעריק און אויפן דעק האָב איך אויסגעבויט אַ הויז, הונדערט און צוואַנציק „קוביסט" די הויך. דאָס הויז האָב איך צעטיילט אין זעקס גאָרן און יעדער גאָרן האָט געהאַט ניין אָפּטיילונגען.

ווען די שיף איז פאַרטיק געוואָרן האָב איך זי אָנגעפילט מיט אַלץ וואָס איך האָב געהאַט: גאָלד, מיין פאַמיליע און משפחה, מיט הויז־חיות און וואַלד־חיות. איך האָב אָנגעפילט די כלים מיט אַלערליי וויינען און געמאַכט אַ גרויסע סעודה און אַלע האָבן געטרונקען גענוג וויין.

ווען ס'איז געוואָרן נאַכט האָבן די רייטער פון שטורעם אַרונטערגע־שיקט אַ שטורעם־רעגן. איך האָב אַרויסגעקוקט פון דער שיף און ס'איז געוואָרן שרעקלעך פינצטער.

מיט די ערשטע שטראַלן פון פרימאָרגן איז אָנגעקומען אַ שוואַרצער וואָלקן פון האָריזאָנט. ס'האָט אָנגעהויבן דונערן פון דאָרטן וואו אַדאַד, דער שטורעם־גאָט, האָט געריטן און וואו זיינע באַגלייטער שולאַט און אַניש האָבן געריטן פאַראויס. נאָכדעם זיינען אויפגעשטאַנען די געטער פון אָפּגרונט. נערגאַל האָט אַרויסגעשלעפּט די דאַמבעס פון די טיפע וואַסערן; נינורטאַ, דער מלחמה־גאָט, האָט אומגעוואָרפן אַלע וואַסער־אָפּצאַמונגען און זיבן ריכ־טער פון גיהנום, די אַנונאַקי׳ס, האָבן אויפגעהויבן זייערע פאַקלען און באַ־לויכטן דאָס לאַנד מיט זייערע געל־טויטלעכע פלאַמען.

אויפרודערונג און פאַרצווייפלונג האָבן דערגרייכט די הימלען ווען דער גאָט פון שטורעם האָט פאַרוואַנדלט דעם ליכטיקן טאָג אין אַ פינצטערער נאַכט. אַ גאַנצן טאָג האָט דער שטורעם געזידט און איז שטאַרקער געוואָרן אין זיין געלויף. אַ מענטש האָט נישט געקאָנט זען זיין ברודער און אַפילו די געטער זיינען צעטומלט געוואָרן פון מבול. זיי זיינען אַנטלאָפן אין די ווייטע הימלען, אין דער וואוינונג פון אַנו. זיי האָבן זיך געשאַרט ביי די ווענט ווי צעלאָזענע און צעשראָקענע יונגען.

די קעניגין אישטאַר, די געטין מיט איר זיסן קול, האָט זיך צעוויינט ווי אַ פרוי בעת געבורט־ווייען: ווי, ווי, די וועלט ווערט פאַרוואַנדלט אין שטויב דערפאַר וואָס איך געוועלטיק איבער זינד. דאָס זיינען אָבער מיינע קינדער, איך האָב זיי געבאָרן. איצט שווימען זיי אַרום אין ים ווי די רויגן פון די פיש. די גרויסע געטער האָבן זיך צעוויינט און פאַרשטעלט זייערע אויגן.

אַ גאַנצן טאָג האָט געשטורעמט און גערעגנט, ביז די וואַסערן האָבן דערגרייכט די הויכן פון די בערג. קיין מענטש האָט זיך נישט געקענט ראַטעווען אויף דער ערד, און אין די הימלען האָבן זיך די געטער דער־שראָקן פאַרן מבול און זיינען אַרויף העכער צום הימל פון אַנו. די געטער זיינען געווען צעשראָקן און האָבן געוויינט, ווען זיי האָבן דערזען, וואָס עס איז געוואָרן פון דער וועלט. זעקס טעג און זעקס נעכט האָט אָנגעהאַלטן דער שטורעם־ווינט און דער שלאַקס־רעגן, וואָס האָט פאַרניכטעט די ערד.

אויפן זיבעטן טאָג האָט דער שטורעם אָפּגעלאָזן, די וואַסערן האָבן זיך איינגעשטילט און זיך גענומען אַרונטערזעצן.

איך האָב אַרויסגעקוקט — האָט פאַרגעזעצט אוט־נאַפּישטים — און גע־זען, אַז אומעטום הערשט אַ טויטע שטילקייט. די מענטשן זיינען ווידער פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין ליים. איך האָב געעפנט אַ פענצטער און ליכט האָט אַ שיין־געטאָן אויף מיין נאַקן. איך האָב זיך אַרונטערגעלאָזט אויף מיינע קני און זיך צעוויינט. אויף מיינע באַקן האָבן זיך געגאָסן טרערן. איך האָב געקוקט אויף דער וועלט און ווי — איין גרויסער ים.

נאָך צוועלף טעג האָב איך דערזען אַן אינזל. די שיף איז צוגעקומען נאָענט צום לאַנד ניסיר און איז אַרויף אויף אַ באַרג און האָט זיך נישט געקענט באַפרייען. נאָך זיבן טעג האָב איך אַרויסגעשיקט אַ טויב. די טויב האָט זיך אַרומגעדרייט הין־און־צוריק און האָט נישט געקענט געפינען קיין פלאַץ וואו זיך אָפּצושטעלן. האָב איך אַרויסגעשיקט אַ שוואַלב. די שוואַלב איז אויך אַרומגעפלויגן און נישט געפונען קיין טרוקענעם פלאַץ זיך אָפּצושטעלן. האָב איך אַרויסגעשיקט אַ קראָ אויסצוגעפינען דעם צושטאַנד פון דער וועלט. די קראָ איז אַרומגעפלויגן און איז נישט צוריק־געקומען.

איך האָב מקריב געווען קרבנות און געדעמפּט זייער פלייש. די געטער האָבן דערשמעקט דעם ריח און זיינען געקומען און באַפרייט די שיף...

ווען גאָט ענליל האָט דערזען די שיף, און אַז דער מענטש האָט זיך אין איר געראַטעוועט פון אונטערגאַנג, איז ער שטאַרק בייז געוואָרן אויף די געטער און געזאָגט, אַז דער מבול איז געקומען אומצוברענגען דעם מין מענטש. קיין מענטש האָט נישט געטאָרט בלייבן לעבן נאָכן מבול. אוט־נאַפּישטים האָט זיך געראַטעוועט. ביז אַהער איז ער געווען אַ מענטש, אָבער פון היינט און ווייטער וועט ער און זיין ווייב לעבן ווי געטער...

ענליל האָט אָווּעקגעשיקט אונזער שיף ווייט, ווייט אַוועק, צו דעם מויל פון די טייכן. אָט אַזוי זיינען מיר געוואָרן אומשטערבלעך...

אַברהם האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט, און ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין, האָט ער געפרעגט: זיינען דאָס געטער? צוליב איין אַלטער שטאָט איז ביי זיי געווען רעכט אומצוברענגען אַ גאַנצע וועלט! פאַרוואָס איז דער העכסטער גאָט ענליל געווען אַזוי שרעקלעך אויפגעבראַכט, ווען ער האָט געזען דעם מענטש זיך ראַטעווען פון אונטערגאַנג און דורכדעם געראַטעוועט די וועלט?

די מבול־געשיכטע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף אַברהמ׳ס שול־חברים און זיין אָנזען איז געוואַקסן אין די אויגן פון זיינע פאַרערער. זיי האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף אים, נישט נאָר ווי אויף אַ שול־חבר, נאָר ווי אויף אַ לערער פון אַ געטלעכער אידייע. דער קרייז האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרמערן אין צאָל, און אַברהמ׳ס איינפלוס אויף זיינע חברים איז געשטיגן פון טאָג־צו־טאָג. פון דעם איין קרייז זיינען שפּעטער אויסגעוואַקסן עטלעכע קרייזן, וואו אַברהם האָט זיך מיט זיינע חברים געטיילט מיט אַלץ וואָס ער האָט געפונען אויף די טאָוולען אין דער טעמפּל־ביבליאָטעק.

צוזאַמען מיט אַברהמ׳ס פּאָפּולאַריטעט צווישן זיינע שול־חברים איז געוואַקסן דער צאָרן אין קעניגלעכן פּאַלאַץ אין אור קעגן דעם „צעלאָזענעם״, „פרעמדן״ לעסטערער, וואָס נישט געגוג וואָס ער אַליין גלויבט נישט אין אַלע זייערע הייליקייטן, פירט ער אַרונטער פון וועג די סומערישע יוגנט; נישט גענוג וואָס ער גלויבט נישט אין די הייליקע געטער, וויל ער נאָך איבערקערן דעם סדר פון דער וועלט אין נאָמען פון אַן אומבאַקאַנטן גאָט.



זיגוראַט־טעמפּל, וואָס די אַרכעאָלאָגן האָבן אויסגעגראָבן אין אור־כשדים

נִמְרֹד הוּא הֵחֵל לִהְיוֹת גִּבֹּר בָּאָרֶץ׃ הוּא־הָיָה גִבֹּר־צַיִד לִפְנֵי יְהוָה עַל־כֵּן יֵאָמַר כְּנִמְרֹד גִּבּוֹר צַיִד לִפְנֵי יְהוָה׃ וַתְּהִי רֵאשִׁית מַמְלַכְתּוֹ בָּבֶל וְאֶרֶךְ וְאַכַּד וְכַלְנֵה בְּאֶרֶץ שִׁנְעָר׃ מִן־הָאָרֶץ הַהִוא יָצָא אַשּׁוּר וַיִּבֶן אֶת־נִינְוֵה׃

נמרוד, ער איז גע־ וועז דער ערשטער מעכטיקער אויף דער ערד. ער איז געווען אַ מעכטי־ קער יעגער פאַר גאָט; דרום ווערט געזאָגט: אַזוי ווי נמרוד, אַ מעכטיקער יעגער פון גאָט. און דער אָנהויב פון זיין קעניגרייך איז געווען בבל, און ארך, און אכד, און כלנה, אין לאַנד שנער. פון יענעם לאַנד איז ער אַרויסגעגאַנגען קיין אַשור, און האָט געבויט נינוה.

(בראשית, י׳, י׳)

ב

די „בני־שם״ פון וועלכע אַברהם האָט געשטאַמט

נישט קוקנדיק אויף דעם פראָמינענטן אָרט, וואָס תרח האָט פאַרנומען צווישן די קעניגלעכע יועצים, און אָפּגעזען פון דעם גרויסן צוטרוי, וואָס דער קעניג האָט אַרויסגעוויזן צו זיין מיליטע־רישן שר, איז ער אין די אויגן פון זיינע קאָלעגן אין קעניגלעכן הויף אַלץ באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אַמורי,[1] אַ פרעמדער. אַלע האָבן געוואוסט, אַז ער איז קיין סומער געבראַכט געוואָרן ווי אַ געפאַנגענער פון ווייטע מקומות. אַברהם האָט אויך געוואוסט, און אויב ער האָט אַמאָל פאַרגעסן, האָבן זיך געפונען געוויסע שול־חברים, וואָס האָבן אים דערמאָנט, אַז זיין פאָטער שטאַמט פון וואַנדערנדיקע שעמיטישע שבטים, וואָס האָבן זיך באַזעצט ערגעץ צו צפון־זייט פון טייך פרת. גענוי אָבער ווער די שבטים זיינען, פונוואַנען זיי זיינען געקומען, וואָס איז זייער קולטור־מצב, אונטער וועלכע אומשטענדן און אין וועלכער מלחמה תרח איז געפאַנגען געוואָרן — דאָס האָט אַברהם נאָך נישט געוואוסט. ער האָט טיילן פון דער געשיכטע געפונען אויף די ליימענע לוחות אין זיגוראַט־טעמפל און דאָס איבעריקע האָט אים דערציילט זיין פאָטער תרח, וועלכער איז געווען אַ סופר („סקראַיב״)[2] און האָט ביי זיך פאַרצייכנט מעשהלעך פון זיין שטאַם.

די געשיכטע פון די בני־שם (שעמיטישע)[3] פעלקער איז געגאַנגען פאַ־ראַלעל און איז געווען ענלעך צו דער געשיכטע פון די סומעריער. ביידע האָבן אָנגעהויבן זייער געשיכטע־אַנטוויקלונג אין דערזעלבער צייט, נאָר אין אַנ־דערע טיילן פון דער וועלט.

אין דער זעלבער צייט ווען די אָבות פון די סומעריער האָבן זיך געראַ־טעוועט פון דער גרויסער פאַרפלייצונג אויף די זאַגראָס־בערג אין מזרח, האָבן די אָבות פון די שעמיטישע[3] שבטים זיך געראַטעוועט אויף אַ שיף, וואָס האָט

זיך אָפּגעזעצט אויף איינעם פון די אַררט־בערג, אין צפון. ווען די וואַסערן זיינען אָפּגעגאַנגען, און די ערד האָט זיך אויסגעטריקנט, איז פון דעם באַרג אַרונטערגעקומען איין משפחה, וואָס איז באַשטאַנען פון דעם פּאַטער נח און זיינע דריי זין: שם, חם און יפת, צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און קינדער.

אויך זיי האָבן אַ לאַנגע צייט אַרומגעוואַנדערט און זיך דערנערט פון זייערע געמיינזאַמע סטאַדעס. אויך אויף די צפון־ברעגן פון די צוויי גרויסע טייכן האָט דער מבול פּיכט געמאַכט די ערד און פון די טיפענישן פון די טייכן אַרויסגעצויגן כלערליי כעמישע שטאָפן און מינעראַלן, וואָס האָבן באַפרוכפּערט און רייך געמאַכט די ערד. „און גאָט, דער האַר, האָט געמאַכט שפּראָצן פון דער ערד אַלערליי ביימער, וואָס זיינען געווען אָנגענעם אויף זיי צו קוקן און גוט צום עסן". פּאַשע איז געווען געוווּנג און די „בני־נח" האָבן געלעבט ווי ברידער. שפּעטער האָבן זיי זיך באַזעצט אויף לאַנד און אָנגעהויבן בויען דערפער און שטעט. די ברידער האָבן אָנגעהויבן קאָנקורירן צווישן זיך און צווישן די ברידער האָבן אויסגעבראָכן קריגערייען איבער די גרענעצן, אייגנטום און וואַסער־קוואַלן.

„און די ‚בני־נח' האָבן אָנגעהויבן פירן מלחמות צווישן זיך. זיי האָבן געטויט איינער דעם אַנדערן און גענומען געפאַנגענע איינער פונעם אַנדערן. זיי האָבן פאַרגאָסן מענטשלעך בלוט אויף דער ערד און האָבן געגעסן בלוט. זיי האָבן געבויט גרויסע שטעט און געמויערטע ווענט אַרום די שטעט. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן שטאַרקע, וואָס האָבן פאַרשקלאַפט זייערע אייגענע פעלקער און דערנאָך געגאַנגען אין קריג, איין שטאָט קעגן דער צווייטער, און אַלע האָבן אָנגעהויבן טאָן שלעכטס, זיך איינשאַפן געווער און לערנען זייערע קינדער די חכמה פון פירן קריג. זיי האָבן פאַרכאַפּט שטעט און פאַרקויפט מענער און פרויען ווי שקלאַפן".

האָט נח גערופן זיינע קינדער און צו זיי אַזוי געזאָגט:

„זעט, מיינע זין, די אַלטע וועלט איז חרוב געוואָרן, ווייל די מענטשן האָבן געזינדיקט קעגן זייערע געטער און זייערע מיטמענטשן. די וועלט איז פול געווען מיט זינד און פאַרדאָרבנקייט. די מענטשן האָבן אויך געזינדיקט קעגן די חיות און אַלע אַנדערע באַשעפענישן. אַ סך אומשולדיק בלוט האָבן זיי פאַרגאָסן אויף דער ערד. דעם מענטשנס תאוות און צעלאָזנקייט האָבן אים געמאַכט לייכטזיניק, און די וועלט איז פאַרדאָרבן געוואָרן. גאָט'ס צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דער ערד און ער האָט חרוב געמאַכט אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער פלאַך פון דער ערד. מיר זיינען די איינציקע וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון אונטערגאַנג.

„איצט האָט איר זיך ווידער פאַרנומען אויף די וועגן פון אומקום. איר האָט זיך ווידער אָפּגעקערט פון רעכט און גערעכטיקייט. איר טיילט זיך אָפּ איינער פון דעם אַנדערן, איר זייט מקנא איינער דעם צווייטן און איר לעבט מער נישט בשלום. איך זע, אַז דער שטן האָט ווידער אָנגעהויבן זיין

אַרבעט קעגן אייך און קעגן אייערע קינדער. איך שרעק זיך פון אייערטוועגן, אַז נאָך מיין טויט וועט איר ווידער פאַרגיסן מענטשלעך בלוט אויף דער ערד, און דער סוף וועט זיין, אַז איר וועט דערנאָך אַליין פאַרניכטעט ווערן, ווייל ווער עס פאַרגיסט מענטשלעך בלוט, אָדער בלוט פון וועלכער־ס׳איז לעבעדיקער באַשעפעניש, מוז אומקומען.

„קיין שום בלוט זאָל אויף אייך נישט געזען ווערן, אַפילו נישט דאָס בלוט פון חיות, בהמות און פון אַלץ וואָס פליט. די ערד וועט נישט זיין ריין פון דעם בלוט, וואָס וועט אויף איר פאַרגאָסן ווערן. הערט־זשע און געדענקט, פירט זיך אויף מיט יושר, פאַרשפּרייט גערעכטיקייט אויף דער גאַנצער ערד, און אייער כבוד וועט דערהויבן ווערן פאַר מיין גאָט, וועלכער האָט מיך געראַטעוועט פון די וואַסערן פון מבול״ [4].

נח האָט גע׳שמ׳ט ווי אַ גאָטפאַרכטיקער מענטש מיט אַלע גוטע מידות. מ׳האָט אים גערופן „נח דער צדיק״. ער האָט זיך נישט געבוקט צו קיין געצן און געדינט נאָר צו דעם גאָט פון זיין שבט. ער האָט אַלעמאָל באַהאַנדלט זיינע מיטמענטשן מיט גערעכטיקייט און ליבשאַפט. ער האָט צוזאַמענגעשטעלט זיבן גרונט־געזעצן און אַ סך אַנדערע דינים ווי אַ וועגווייזער פאַר דער אויפפירונג פון זיינע קינדער לדור־דורות. די גרונט־געזעצן האָט ער אויסגעקריצט אויף ליימענע לוחות:

א. — זאָלסט נישט לעסטערן דיין גאָט.

ב. — זאָלסט נישט דינען קיין פרעמדע געטער.

ג. — זאָלסט לעבן לויט גערעכטע געזעצן.

ד. — זאָלסט נישט מזנה זיין.

ה. — זאָלסט נישט פאַרגיסן קיין מענטשלעך בלוט.

ו. — זאָלסט נישט גזל׳ענען.

ז. — זאָלסט נישט עסן קיין אבר פון אַ חיה, נישט אָפּשניידן קיין פלייש פון אַ לעבעדיקער חיה [5].

אַ קורצע צייט האָבן די „בני־נח״ זיך צוגעהערט צו זייער פאָטער׳ס וואָרענונג און אָפּגעהיט זיינע געבאָטן. ביסלעכווייז האָבן אָבער די קינדער פון חם און די קינדער פון יפת זיך אָפּגעקערט פון נח׳ס וועגן, האָבן געדינט פרעמדע געטער און איבערגענומען פרעמדע זינדיקע מנהגים. נח׳ס גייסטיקע יורשים זיינען געוועזן נאָר די „בני־שם״. זיי האָבן געטריי אָפּגעהיט נח׳ס תורה און גוטע מידות פון שלום און גערעכטיקייט.

ווען נח האָט געזען, אַז זיינע יורשים קאָנען זיך נישט איינלעבן, האָט ער זיי גע׳עצה׳ט, זיי זאָלן זיך פאַנאַנדערגיין אין פאַרשיידענע ריכטונגען און יעדערער פון זיי זאָל לעבן זעלבסטשטענדיק לויט זיין ווילן און לויט זיין גייסט. האָבן זיך די דריי ברידער געוומען קריגן ווער עס זאָל גיין וואוהין. האָט נח זיי געזאָגט, אַז אַ גורל זאָל באַשליסן די ריכטונגען, אין וועלכע זיי זאָלן גיין. ער האָט אויסגעקריצט די נעמען פון זיינע דריי זין אויף שערבלעך,

זיי אַריינגעלייגט צו זיך אין בוזים און געצויגן אַ גורל פאַר יעדן זון, אין וועלכער ריכטונג ער זאָל גיין. די „בני־חם" זיינען געגאַנגען לינקס צו דרום־מערב, אין דער ריכטונג פון נילוס (מצרים און אַפריקע); די „בני־יפת" זיינען אַוועק רעכטס צו צפון־מערב (גריכנלאַנד, איראָפּע); און פאַר די „בני־שם" איז אויסגעפאַלן דער גורל צו גיין אינמיטן, צו מערב, אין דער ריכטונג פון ים־הגדול (מיטללענדישער ים).

די „בני־חם" און די „בני־יפת" זיינען אַוועק צו זייערע באַשטימטע ערטער און זיך דאָרט באַזעצט. די „בני־שם" האָבן אויפן וועג געפונען פּאַשע און וואַסער אַרום די אָאַזיסן פונעם גרויסן סירישן מדבר. זיי האָבן דאָרטן אַרומגעוואַנדערט אַ סך יאָרן און האָבן זיך געמערט. דער מדבר האָט אָבער נישט געהאַט גענוג נאַרונג פאַר אַלעמען, און אויך די „בני־שם" (שעמיטן) האָבן זיך צעטיילט אין באַזונדערע שבטים, און זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין פאַרשיידענע ריכטונגען. אייניקע פון זיי האָבן פאַרגעזעצט זייערע וואַנדערונגען אַרום מדבר, און שפּעטער צו מערב, צום ים־הגדול. דער צווייטער טייל פון די „בני־שם"־שבטים האָט זיך געלאָזט גיין צוריק צו צפון־מזרח אויפן וועג צו די טייכן פרת און חדקל.

די ברייטע שטרעקעס פון פרוכטבאַרן באָדן, וואָס האָבן זיך צעגרינט און צעבליט אויפן גאַנצן שטח צווישן די צוויי גרויסע טייכן, האָבן געלאָקט צו זיך וואַנדערנדיקע שבטים פון אַלע עקן וועלט. צווישן די „בני־שם"־שבטים האָט מען זיך אויך דערוואוסט וועגן דער גרויסער פרוכטבאַרקייט פון דער ערד אין דעם „צוויי־טייכן־לאַנד" (אַרם־נהרים). ס'האָט זיך אַנט־וויקלט אַ גרויסע אויסוואַנדערונג פון מדבר, און כוואַליעס נאָך כוואַליעס פון שעמיטישע שבטים האָבן אָנגעהויבן אַריינשטראָמען אין די ברייטע פלאַכן, צופוסנס פון די אַראַמעאישע בערג, פונוואַנען די צוויי טייכן גיסן זיך אַרונטער.

אַ לענגערע צייט האָבן די שעמיטישע שבטים אָנגעהאַלטן זייער בעדוי־אינישן וואַנדערונג־לעבן אַרום די ברעגן פון פרת און חדקל. ביסלעכווייז האָבן זיי זיך באַזעצט אויף לאַנד און אויפגעשטעלט אַ גאַנצע ריי ישובים, און האָבן זיך אויסגעשפּרייט צו דרום. אין דער צייט ווען די סומעריער האָבן פאַרנומען לאַנד לענגאויס די טייכן פון דרום צו צפון, האָבן זיך די שעמיטישע שבטים אויסגעשפּרייט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג — פון צפון צו דרום, און שפּעטער האָבן זיי זיך האַלב־וועגס באַגעגנט מיט די סומעריער.

אין אָנהויב איז די באַגעגעניש נישט געווען קיין זייער פריינטלעכע. די סומעריער האָבן נישט געוואוסט, ווער די פרעמדע שכנים זיינען, פון וואַנען זיי קומען און האָבן נישט פאַרשטאַנען זייער שפּראַך. זיי האָבן געקוקט אויף די „אַמורים" (פרעמדע), ווי אויף אַריינדרינגער און שונאים.

נאָך לאַנגע מלחמות און אַ סך בלוט־פאַרגיסונגען האָבן זיך די צוויי פרעמדע פעלקער סוף־כל־סוף דערנענטערט, געשלאָסן שלום, זיך איינגע־

לעבט און אפילו געהאַלפן איינע די אַנדערע. הגםביידע צדדים זיינען גע־בליבן זעלבסטשטענדיק און אַנטוויקלט זייער אייגנאַרטיקן לעבנסשטייגער, האָבן זיי דאָך אין אַ סך פּרטים באַווירקט איינע די אַנדערע, געלערנט איינע פון די צווייטע און געלעבט זייט־ביי־זייט ווי גוטע שכנים. יעדער צד האָט אַנטוויקלט זיין אייגענע ציוויליזאַציע און זיין אייגענע קולטור, אָבער זיי האָבן גענומען איינער פונעם אַנדערן און דעראַגנצט איינער דעם צווייטן.

אין דער צייט ווען די סומעריער האָבן זיך אויסגעשפּרייט און אויסגע־בויט אַזעלכע גרויסע שטעט, ווי: אַרידו, אור, ארך, לוגאַש, לאַרסאַ, שורופּאַק א. אַנד. לענגאויס די טייכן פון דרום צו צפון, האָבן די שעמיטישע שבטים אויסגעבויט אַזעלכע שטעט, ווי: כוש, עשנונאַ, בבל, אַשור, נינוה, חרן, נחור און תרח אויף די ברעגן פון די זעלבע צוויי טייכן, פון צפון צו דרום.

כל־זמן די טראַדיציע פון נאַמאַדן־לעבן האָט זיי נאָך באַהערשט, האָבן די בני־שם זיך געקלאַמערט אין זייער אייגענעם שטייגער לעבן, צו זייערע געטער און צו זייער שפּראַך. אין די קליינע צעוואָרפענע ישובים האָבן זיי זיך געהאַלטן פריינטלעך מיט זייערע סומערישע שכנים, אָבער געלעבט אָפּ־געזונדערט. מיט דער אַנטוויקלונג פון גרעסערע שטעט, פון האַנדל און פּראָ־דוציר־אונטערנעמונגען, האָבן זיך די צוויי פעלקער דערנענטערט און באַ־איינפלוסט איינע די אַנדערע עקאָנאָמיש און קולטורעל. די שעמיטן זיינען אָבער מער באַווירקט געוואָרן פון דער עלטערער און רייכערער סומעריער קולטור. די שעמיטישע יוגנט האָט געלערנט אין די סומערישע טעמפּל־שולן, האָט זיך באַנוצט הויפּטזעכלעך מיט דער סומערישער שפּראַך און זיך ביס־לעכווייז אַסימילירט.

די גרויסע און כסדר'דיקע איינוואַנדערונג פון פרישע כוואַליעס פון שעמיטישע נאָמאַדן האָט געשטערט די פולשטענדיקע אַסימילאַציע און האָט נאָך געשטאַרקט די אומאָפּהענגיקייט און זעלבסטשטענדיקייט פון די שטעט, וואו די שעמיטן זיינען געווען אין דער מערהייט. אין פיל שטעט האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, וואו די פאָלקס־כוחות האָבן זיך באַלאַנסירט. קיין צד האָט מער נישט געקאָנט לעבן זעלבסטשטענדיק און אויך נישט איינשלינגען דעם צווייטן צד. האָבן זיך ביידע פעלקער ביסלעכווייז אויסגעמישט און צוזאַמענ־געגאַסן און ס'איז פון דעם אַרויסגעוואַקסן אַ גאַנץ ניי פאָלק, וואָס איז געווען אַ געמיש פון די אייגנשאַפטן, מנהגים און שפּראַכן פון ביידע פעלקער.

דער צענטער פון דער פעלקער־פאַראייניקונג איז געווען די שטאָט אַגאַד אָדער אַקאַד,[6] און מען האָט דאָס נייע פאָלק גערופן אַקאַדיער, און די נייע שפּראַך אַקאַדיש.

די סומערישע קולטור איז אָבער נאָך אַלץ געווען דער שטאַרקערער כח אין דער פאַראייניקונג און די שעמיטן זיינען גאַנץ אָפט געקריוודעט געוואָרן. דאָרטן וואו די שעמיטן האָבן נאָכגעלאָזט און זיך געבויגן פאַר דער סומע־רישער אויבערהערשאַפט, האָבן די סומעריער זיי געדולדעט און אַפילו נישט

געשטערט דאָס איינגאַרטיקע לעבן פון אַ צאָל שעמיטישע שבטים. די שע־מיטישע שטעט, וואָס האָבן געוואָלט זיין אינגאַנצן זעלבסטשטענדיק, זיינען אָבער אונטערדריקט געוואָרן דורך די הערשער אין אור.

מיט דער גרויסער שעמיטישער אימיגראַציע איז געוואָקסן די באַפעל־קערונג אין די שטעט און געמאַכט זיכער און באַפעסטיקט דעם מצב פון די „בני־שם״ צווישן די סומעריער. די שעמיטן זיינען געוואָרן שטאַרקער און זיכערער ביי זיך צו לאָזן פילן זייער זעלבסטשטענדיקייט.

עטלעכע הונדערט יאָר איז אַזוי אָנגעגאַנגען די אַסימילאַציע פון אַ טייל פון די שעמיטישע שבטים, פון איין זייט, און די סומערישע אונטער־דריקונג פון זעלבסטשטענדיקע שעמיטישע שטעט, פון דער אַנדערער זייט. מיט דער גאַנצער אכזריות פון זיגער איבער באַזיגטע, האָבן די סומערישע הערשער באַשטראָפט די שטעט, וואָס זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער זייער מאַכט.

די שעמיטישע שטעט האָבן געמוזט צאָלן צינזן צום קעניג אין אור, און די שעמיטישע פויערים זיינען געווען געצוואונגען אָפּצוגעבן אַ טייל פון זייערע געוויקסן און פי צום זיגוראַט־טעמפל, אַלס קרבנות צום סומערישן לבנה־גאָט נאַנאַר.

פון צייט צו צייט האָבן זיך שעמיטישע שבטים פאַראייניקט און זיך קעגנגעשטעלט דער סומערישער אונטערדריקונג. דאָס איז אָבער נישט אַלעמאָל געלונגען. די סומעריער האָבן שוין געהאַט שטאַרק־באַוואָפנטע אַרמייען און אַ גוט־אָרגאַניזירטע און פאַרצווייגטע נעץ פון פריסטער־אַגענטן, וואָס האָבן גערעדט אין נאָמען פון זייערע הייליקע געטער און גלייכצייטיק דורכגעפירט די האַנדלס־געשעפטן פאַר די פאַבריקאַנטן אין אור; זיי האָבן פאַרטראָטן דעם טעמפל און אין דער זעלבער צייט שפּיאָנירט לטובת דעם קעניג און זיינע וואַסאַלן אין אַלע הויפּט־שטעט פון דער סומע־רישער אימפּעריע.

דאָס איז געווען אַרום דעם יאָר א׳ת נאָך בריאת־העולם (2,360 פק״ר). אויפן טראָן אין אור־כשדים איז געזעסן דער שטרענגער און ברוטאַלער הערשער לוגאַלזאַגיסי [7], דער לעצטער פון אַ לאַנגער דינאַסטיע פון סו־מערישער מלכים. זיינע טיראַנישע האַנדלונגען האָבן דערפירט סומעריע צו איינער פון אירע גרעסטע מפּלות. אין אַ ביטערן צוזאַמענשטויס מיט די וואַקסנדיקע כוחות פון די רעוואָלטירנדיקע שעמיטישע שבטים האָט ער נישט נאָר פאַרלוירן זיין קרוין, נאָר גורם געווען, אַז די סומערישע אימפּעריע זאָל זיך צעפאַלן, און דאָס סומערישע פאָלק זאָל אויף אַ לאַנגער צייט באַ־הערשט ווערן דורך פרעמדע מלכים.

דעם לעצטן קלאַפּ האָט לוגאַלזאַגיסי געקראָגן פון דער שטאָט כוש. אין כוש האָט דעמאָלט געהערשט דער פּחדנ׳ישער קעניג אור־זאַבאַבאַ. די שטאָט איז געלעגן אונטערן יאָך פון די סומעריער. לוגאַלזאַגיסי האָט אונטערדריקט

דאָס פאָלק פון כוש און אויף אים אַרויפגעלייגט שווערע צינזן. אור־זאַבאַבאַ האָט נישט געהאַט דעם מוט און דעם ווילן זיך קעגנצושטעלן. ער אַליין האָט געלעבט אַ צעלאָזן און זינדיק לעבן אין זיין קעניגלעכן פּאַלאַץ.

צווישן אור־זאַבאַבאַ׳ס דינער האָט זיך געפונען אַ העלדישער שעמיטי־שער גענעראַל מיטן נאָמען סאַרגאָן[8]. ער האָט נישט געקענט צוזען דאָס ליידן פון אָרעמען פאָלק, און ווען דער קעניג איז געווען אַנגעטרונקען מיט וויין, האָט ער רעוואָלטירט, באַזיגט די פּאַלאַץ־שומרים און איבערגענומען די הערשאַפט איבער כוש.

נאָכדעם ווי סאַרגאָן האָט פאַרשטאַרקט זיין פּאָזיציע אין כוש, האָט ער צוזאַמענגענומען אַלע שעמיטישע העלדישע יונגעלייט, זיי אָרגאַניזירט אין אַ פרייהייטס־לעגיאָן, אַטאַקירט די סומערישע אַרמיי און זי צעשמעטערט. דערנאָך האָט ער פאַרכאַפּט די שטאָט אור און שפּעטער די גאַנצע סומערישע אימפּעריע.

סאַרגאָן האָט גענומען לוגאַלזאַגיסי׳ן אין געפענגעניש, אים אַריינגע־זעצט אין אַ שטייג און אַוועקגעשטעלט ביים טויער פון זיין טעמפּל פאַר דעם גאָט ענליל, אין דער שטאָט ניפּור, אַזוי אַז אַלע מענטשן און אַלע געטער זאָלן לויבן און גלאָריפיצירן די העלדישקייט און מאַכט פונעם קעניג סאַרגאָן. פאַר זיין הויפּט־שטאָט האָט סאַרגאָן געמאַכט די שטאָט אַגאַד (אַקאַד) און גערופן זיין לאַנד אַקאַדיע.

סאַרגאָן האָט זיך אויסגעצייכנט נישט נאָר ווי אַ קריגס־פירער, נאָר אויך ווי אַ פּעאיקער אָרגאַניזאַטאָר. ער האָט געפירט זיין קעניגרייך מיט דיסציפּלין און אָרדענונג, און אין דער זעלבער צייט מיט גרויס פאַרשטענ־דעניש פאַר עקאָנאָמישן און קולטורעלן פאָרשריט אין די באַזיגטע לענדער. ער האָט געבויט גרויסע טעמפּלען אין אַלע גרויסע שטעט, וואָס ער האָט פאַרנומען, און דורך זיי קאָנטראָלירט דאָס עקאָנאָמישע און רעליגיעזע לעבן פון זיינע אונטערטאַנען.

די נייע אַקאַדישע מלוכה האָט אַנטוויקלט אַ גרויסן וועלט־האַנדל. פון אַקאַד האָבן זיך געצויגן קאַראַוואַנען מיט כלערליי סחורות קיין שושן, אין לאַנד פון די עלימיטן אין וויטן מזרח, און צוריק קיין סיריע און מצרים אין וויטן מערב.

מיט צען יאָר שפּעטער איז שוין סאַרגאָן געווען דער הערשער פון אַ סומעריש־אַקאַדישער אימפּעריע, וואָס האָט זיך געצויגן פונעם פּערסישן ים־אויסגוס, איבער אַלע שטעט לענגאויס די טייכן פּרת און חדקל, און וייטער ביזן ים־הגדול און מצרים.

און סאַרגאָן איז געווען אַזוי ווי נמרוד אַ מעכטיקער יעגער. „און דער אָנהויב פון זיין קעניגרייך איז געווען בבל, און ארך, און אכד, און כלנה, אין לאַנד פון שנער (סומער). פון יענעם לאַנד איז ער אַרויסגעגאַנגען קיין אַשור, און געבויט נינוה, און רחובות־עיר, און כלח,[9] און רסן, צווישן נינוה

און כלה. דאָס איז געווען די גרעסטע שטאָט״. שפּעטער האָט סאַרגאָן גע־מאַכט בבל פאַר דער הויפּט־שטאָט פון דער סומער־אַקאַדישער אימפּעריע.

די האַנדלס־קאַראַוואַנען, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף אַזאַ לאַנגן שטח און אַזוי פיל לענדער, האָבן זיך געניטיקט אין אַ שטאַרקער שמירה פון אַ גוט־באַוואָפנטער אַרמיי קעגן פשוטע רויבער און קעגן גאַנצע רויבערישע שבטים וואָס האָבן געלויערט אויף אַלע וואַנדער־וועגן. ס׳האָבן אויך געדאַרפט מיטגיין „סקראַיבס״ (שרייבער) צו האַלטן חשבון וועגן דעם אויסטויש פון סחורות מיט די פאַרשיידענע האַנדלס־געשעפטן אין די וויטע לענדער.

אַזעלכע עקספּעדיציעס האָבן געמוזט האָבן באַשטימטע געזעצן, אונ־טער וועלכע דער האַנדל זאָל געפירט ווערן. סאַרגאָן האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ גאַנצע ריי געזעצן לויט וועלכע האַנדלס־טראַנסאַקציעס האָבן געדאַרפט געפירט ווערן.

אונטער דער סאַרגאָן־דינאַסטיע האָבן זיך אַלע שעמיטישע שבטים גע־פילט זיכערער און שטאַרקער. די שעמיטישע שפּראַך, דיאַלעקטן, קולטור און מנהגים האָבן געהאַט אַן אומגעהויער גרויסע השפּעה אויפן לעבן פון די סומעריער. די סומעריער זיינען אָבער געווען אַן אַלט און מער אָנט־וויקלט פאָלק, און זיי האָבן זיך בשום אופן נישט געלאָזט פאַרשלינגען. דאָס האָט אין אַ געוויסער מאָס באַלאַנסירט די כוחות פון ביידע פעלקער, און אַ לאַנגע צייט האָט עס אויסגעזען, אַז סאַרגאָן האָט געבראַכט אַ צושטאַנד פון אַ זיכערן שלום אין דער גאַנצער אימפּעריע.

סאַרגאָן איז פאַרערט און באַליבט געוואָרן נישט נאָר ביי די שעמיטישע פעלקער, נאָר זיינע דערגרייכונגען האָבן אים באַרימט געמאַכט איבער דער גאַנצער וועלט. נישט נאָר זיין אייגענער דור האָט אויף אים געקוקט, ווי אויף אַ פענאָמענאַלן פאָלקס־העלד, נאָר די דורות נאָך אים האָבן וועגן אים גערעדט ווי וועגן אַ פאַנטאַסטישער, לעגענדאַרישער פּערזענלעכקייט. אין הייליקן שטאָט־טייל אין בבל, וואו עס זיינען געשטאַנען דער „הייליקער בבל־טורעם״ און דער פּרעכטיקער עסאַגילאַ־טעמפּל, האָט סאַרגאָן אויך אַוועק־געשטעלט אַ דענקמאָל לכבוד זיין אייגענעם נאָמען און דער אויפשריפט האָט זיך אַזוי געלייענט:

„סאַרגאָן, דער מעכטיקער קעניג פון אַקאַד בין איך,
מיין מוטער איז געווען פון נידעריקן שטאַנד,
מיין פאָטער האָב איך נישט געקענט,
מיין פאָטער׳ס ברידער האָבן געוואוינט אין די בערג.
מיין שטאָט איז אַזופּיראַנו, וואָס ליגט אויפן ברעג פון טייך פּרת,
מיין פאַרשייטע מוטער האָט מיך פאַרשוועגערט, אין אַ באַהעלטעניש
האָט זי מיך געהאַט.
זי האָט מיך אַריינגעוואָרפן אין טייך וואָס האָט זיך נישט
אויפגעהויבן איבער מיר.

דער טייך האָט מיך אויפגעהאָלטן, צו אַקי, דעם באַוואַסערער,
האָט ער מיך פאַרטראָגן,
אַקי, דער באַוואַסערער, האָט מיך אַרויסגעצויגן,
אַקי, דער באַוואַסערער, האָט מיך געמאַכט פאַר זיין גערטנער.
ווען איך בין געווען זיין גערטנער, האָט מיך די געטין אישטאַר ליב געהאַט,
און פיר־און־פופציק יאָר בין איך געווען דער הערשער פון מיין קעניגרייך,
איבער די שוואַרץ־קעפּיקע מענטשן האָב איך געהערשט און געקיניגט.
די מעכטיקע בערג האָב איך מיט בראָנזענע העק צעשמעטערט״ [10].

***

דער כהן־גדול פון זיגוראַט־טעמפּל האָט געקראָגן ידיעות וועגן אַברהמ׳ס פאַרלעזונגען אין די לייען־קרייזן. ער האָט געהערט וועגן אַברהמ׳ס לויב־געזאַנגען פאַר דעם שעמיטישן קעניג סאַרגאָן און זיינע קריטישע רייד וועגן די סומערישע מלכים. עס זיינען געווען אַזעלכע תלמידים, וואָס זיינען געקומען צו די לייען־קרייזן נישט צו לערנען געשיכטע, נאָר אויסצופירן אַ „הייליקע שליחות״ פאַרן טעמפּל און פאַרן קעניג. פאַר די פּריסטער־לערער איז שוין געווען קלאָר וואוהין אַברהם צילט מיט זיינע געשיכטע־פאַרשונ־גען. זיי האָבן שוין געזען, אַז אַברהמ׳ס וועגן וועלן אים נישט דערפירן צום פּריסטערטום, און וועלן אַ סך אַנדערע תלמידים אַראָפּפירן פון דרך־הישר. ס׳איז שוין געווען כמעט באַשלאָסן, אַז אַברהם זאָל באַזייטיקט ווערן פון די טעמפּל־שולן און אַרויסגעשיקט ווערן פון אור. צוליב דעם טרויעריקן מצב אין לאַנד און דער עיקר צוליב דער גרויסער פאַרערונג וואָס פיל טעמפּל־תלמידים האָבן אַרויסגעוויזן צו זייער חבר אַברהם, האָבן די פּריס־טערס מורא געהאַט צו פאַרערגערן די לאַגע פון טעמפּל אין אַזאַ קריטישער צייט. זיי האָבן באַשלאָסן איבערצוגעבן דעם גאַנצן ענין צום קעניג, ער זאָל אָפּשטעלן אַברהמ׳ס געפערלעכע מעשים צווישן דער סומעריער יוגנט אײדער ס׳איז צו־שפּעט. אַברהם האָט נישט געשענקט קיין אויפמערקזאַמ־קייט צו די פאַרשיידענע רעדערייען און פאַרגעזעצט לייענען זיין געשיכטע:

אין די צייטן פון דער סאַרגאָן־דינאַסטיע איז די שטאָט בבל געלעגן אויסגעשפּרייט אויף ביידע זייטן פונעם טייך פּרת און איז געווען אַרומ־גענומען מיט אַ מאַסיווער שוץ־וואַנט, ווענענס ברעגן, אויף יעדער זייט, האָבן זיך געטונקען אין די כוואַליעס פונעם טייך. אין דער שטאָט האָט מען געקאָנט אַריינקומען נאָר דורך אַ צאָל באַפעסטיקטע טויערן. דער הויפּט־אַריינגאַנג איז געווען דער טויער פון דער געטין אישטאַר (עשתורת). אין צענטער פון שטאָט, אויף ביידע זייטן פון טייך, זיינען געשטאַנען די פּעס־טונגען. איינע פון זיי איז געווען דער „בבל־טורעם״, וואָס האָט זיך געצויגן צו די הימלען און זיינע שפּיצן האָבן דערגרייכט ווייט אַריבער די וואָלקנס. פון דער צווייטער זייט האָט אַרויסגעשיינט דער פּרעכטיקער עסאַגילאַ־טעמפּל. דעם וואונדערלעך־שיינעם טעמפּל האָט נאָך אָנגעהויבן בויען דער

מלך סאַרגאָן. פאַרענדיקט האָט אים זיין זון מאַנישטוסו פאַר זייער הויפּט־גאָט, מאַראַדוק. דער טעמפּל האָט אויסערלעך געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קאָ־לאָסאַל־גרויסן באַרג. אַרום־און־אַרום האָבן זיך געשפּרייט ברייטע טעראַסן, איינע איבער דער אַנדערער, און האָבן זיך געצויגן הויך און העכער, ווי זיי וואָלטן זיך געריסן צו די הימלען. די טעראַסן זיינען געווען פאַרפּוצט מיט באַבלומטע גערטנער אין פאַרשיידענע שימערירנדיקע קאָלירן. יעדע טע־ראַסע אין אַנדערע קאָלירן.

מיט סאַרגאָנ׳ס טויט האָט זיך די לאַגע אין בבל געענדערט. זיין יורש רימוש האָט געהאַט זיין פאָטער׳ס אַמביציעס, אָבער נישט זיין חכמה און נישט זיין גבורה. ער האָט געהערשט ווי אַ טיראַן און ס׳האָט נישט גענומען לאַנג, ווען פיל פון זיינע אונטערטעניקע שטעט האָבן רעוואָלטירט קעגן אים. ס׳האָט אים דערנאָך גענומען אַ לענגערע צייט, און אַ מאָביליזאַציע פון גרויסע אַרמייען, צו דערשטיקן די צאָרנדיקע אויפבּרויזן אין אור, אומאַ, לוגאַס, שושן און באַראַשי. רימוש האָט לאַנג נישט געקאָנט אַנהאַלטן זיין מאַכט. נאָך ניין יאָר איז די קרוין אַריבער צו זיין ברודער מאַנישטוסו.

מאַנישטוסו איז געווען אַ העלדישער קריגער. ער האָט געפירט זיינע אַרמייען פון איין זיג צו אַ צווייטן, און שנעל אויסגעברייטערט זיין אימפּעריע. ער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין פּראַכטפולן טעמפּל, וואָס ער האָט אויסגעבויט אין נינוה. ער האָט אָבער אויסגעמאַטערט זיין פאָלק מיט די שטענדיקע מלחמה־אַוואַנטורעס, און פאַרמאַטערט דאָס לאַנד. ער האָט גע־קיניגט בלויז פופצן יאָר, און די סאַרגאָן־דינאַסטיע איז אַריבער צו זיין זון נאַראַם־סין.

נאַראַם־סין איז געגאַנגען אין זיין פאָטער׳ס וועגן. זיינע אונטערנעמונ־גען זיינען אַלעמאָל געווען גרויסע און ריזיקאַלישע. אַ שטיקל צייט האָט ער געהאַט גרויס דערפאָלג, אָבער סוף־כל־סוף האָט ער זיין אימפּעריע דער־פירט צו אַ פולשטענדיקן חורבן. ער איז אַוועק מיט זיינע אַרמייען אַזוי ווייט, ווי סיריע און מצרים אין מערב, און פאַרוואַנדלט עילם אין אַ וואַסאַל־שטאָט, אין מזרח. דערנאָך איז ער באַפאַלן און צעשטערט די שטאָט ניפּור און פאַרשוועכט אַלע הייליקטימער אין דעם טעמפּל פון איר הויפּט־גאָט ענליל. „און ענליל האָט זיך געווענדעט צו די געטינס און זיי אַרונטער־געבראַכט פון די בערג חרוב צו מאַכן אַקאַד און נקמה־נעמען פאַר זיין באַ־ליבטן טעמפּל״.

צו די אינערלעכע שונאים פון די אונטערדריקטע שטעט זיינען צוגע־שטאַנען די גוטיאַנער, באַרבאַרישע שבטים פון די זאַגראָס־בערג, און בבל איז אַטאַקירט געוואָרן פון אַלע זייטן. נאָך הונדערט יאָר פון אַ גלאָררייכער סאַרגאָן־דינאַסטיע איז אין א׳תק״פ (2,180 פק״ר) די אַקאַדישע אימפּעריע פאַרניכטעט געוואָרן.

— די גרויסע שטאָט בבל איז איצט אונטעריאָכט צו אונזערע סומע־רישע הערשער — האָט אַברהם מיט זאָרג געזאָגט צו זיינע שעמיטישע שול־חברים — אָבער פון די דורכרייזנדיקע האַנדלס־קאַראַוואַנען האָבן מיר געהערט, אַז סאַרגאָן און זיינע יורשים האָבן איבערגעלאָזט אַזויפיל ציווילי־זירטן פאַרשריט און אַזאַ קולטור־רייכטום, אַז די באַבילאָניער זיינען נאָך אַלץ שטאָלץ מיט זייער שיינער שטאָט און שטאָלצירן מיטן רום פון דער אַמאָליקער סאַרגאָן־אימפּעריע.

איבער הונדערט יאָר איז שוין פאַרביי זינט נאַראַם־סין, דער לעצטער מלך פון דער סאַרגאָן־דינאַסטיע, איז אומגעקומען און די שטאָט בבל מאַכט נאָך אַלץ אַ שטאַרקן איינדרוק מיט אירע ריזיקע טעמפּלען, פּרעכטיקע פּאַ־לאַצן און היסטאָרישע דענקמעלער.

די סאַרגאָן־דינאַסטיע איז זיך צעפאַלן, אָבער אַ צאָל סומערישע, אַקאַ־דישע און שעמיטישע שטעט האָבן אַ לענגערע צייט אָנגעהאַלטן זייער זעלבסטשטענדיקייט און געמאַכט פאָרשריט אין זייער אַנטוויקלונג. אָן דער אויפזיכט פון אַ צענטראַלער מאַכט האָט אָבער דער שלום צווישן די קאָנקו־רירנדיקע שטעט לאַנג נישט געקאָנט אָנהאַלטן. ס׳האָבן זיך ווידער אָנגע־הויבן מלחמות צווישן די אַמביציעזע לאָקאַלע הערשער אין נאָמען פון זייערע געטער און טעמפּלען. הונדערט און צוואַנציק יאָר האָט אָנגעהאַלטן אַ כאַאָטישער צושטאַנד אין אַלע לענדער צווישן די צוויי גרויסע טייכן.

דעם מורא׳דיקן כאַאָס פון יענע טעג האָט אַברהם געהערט אָפּקלינגען אין אַ געזאַנג צום גאָט איראַ, דער גאָט פון פאַרניכטונג, און צו זיין שטענ־דיקן באַגלייטער, אישום, דער גאָט פון פייער.

דער מזמור הויבט זיך אָן מיט אַן אַרויסרוף פון גאָט אישום צו זיין האַר איראַ:

„שטיי־אויף און מאַרשיר פאָראויס, איראַ,
ווי אַ בלייכער אַלטער מאַן בלאָנקעסטו זיך אַרום אין שטאָט,
ווי אַ צעפּיעשטשעטע קינד דרייסטו זיך אַרום אין הויז,
ווי איינער, וואָס האָט די וועלט נישט געזען, עסט פרויען־שפּייז . . .
ווי איינער, וואָס האָט קיינמאָל קיין שלאַכט נישט געזען, שרעקט דיך מלחמה.
שטיי־אויף, העלד, לאָז זיך אַרויס אויף דער וועלט,
ברענג־אום דעם מענטשן און די חיה.
די געטער וועלן הערן און אַנטמוטיקט ווערן,
מלכים וועלן הערן און זיך דערשרעקן.
שדים וועלן הערן און זיי וועט באַפאַלן אַ פּחד,
גבורים וועלן הערן און דערפילן אַ מורא,
די הויכע בערג וועלן דערהערן און ציטערן,
די שטורמישע כוואַליעס וועלן דערהערן און זיך איינשטילן.

איראַ, הער, איך האָב געזאָגט מיין וואָרט,
אָנגעצויגן איז דער גוטער בויגן, שפּיציק — די שאַרפע פייל,
די שווערד איז געצויגן פאַר דער שלאַכט״.

אירא ענטפערט אישומ׳ען און זאָגט:

„עפן דעם טויער, איך וועל זיך לאָזן אין וועג,
סיבי, דער אומבאַשטרייטבאַרער העלד, וועט גיין ביי מיין זייט,
און דו, מיין וועגווייזער, וועסט גיין נאָך מיר״.

אישום קריגט רחמנות אויפן מענטש און זאָגט:

„האַר, האָסט געפּלאַנט שלעכטס קעגן גאָט און קעניג,
האָסט געגרייט רשעות אומצוברענגען די וועלט,
האָסטו נישט קיין חרטה?״

אירא ענטפערט אישומ׳ען שאַרף:

„שוויג, אישום, הער מיינע רייד,
לאָמיך דיר זאָגן וועגן מענטש און זיין סוף,
וועגווייזער פון געטער, קלוגער אישום, הער מיין וואָרט:
אין די הימלען בין איך אַ ווילדער בוהאַי,
אויף דער ערד בין איך אַ לייב,
אין לאַנד בין איך אַ קעניג,
צווישן די געטער בין איך מעכטיק,
צווישן די איגיגי (הימל־געטער) בין איך מוטיק,
צווישן די אַנונאַקי (אָפּגרונט־געטער) בין איך ריזיק.
ווייל די מענטשן האָבן זיך נישט צוגעהערט צו מיינע רייד,
און האָבן זיך אויפגעפירט לויט זייער געפיל,
וועל איך אויפוועקן מאַרדוק, דעם קעניגלעכן,
כ׳וועל אים אַרויסרופן פון זיין וואוין־אָרט,
ער וועט פאַרניכטן דעם מענטשן״ [11].

***

דאָס איינציקע פאָלק, וואָס איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך און האָט אויפגעלעבט זיינע פאָלקס־כוחות, זיינען ווידער געווען די סומעריער.

אין יאָר א׳ ת״ש נאָך בריאת־העולם (2060 פק״ר) איז אין סומער אויפגעשטאַנען דער העלדישער נאַציאָנאַלער פירער אור־נאַמו. ער האָט אויפגעזאַמלט די רעשטלעך פונעם אַמאָליקן סומערישן רייכן קולטור־אוצר, האָט צוזאַמענגענומען די בעסטע פון דער סומערישער יוגנט, האָט אין זיי אַריינגעבלאָזן אַ רוח־חיים, און האָט אין זיי אויפגעוועקט דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ פון זייער אַמאָליקער גרויסער, רומפולער אימפעריע. ער האָט מאָביליזירט און אויסגעשטאַט אַ קרעפטיקע און קאָמפּסלוסטיקע אַרמיי און אין אַ קורצער צייט האָט ער באַזיגט און פאַרנומען אַ גאַנצע ריי גרעסערע שטעט לענגאויס די טייכן פרת און חדקל. ער איז דעמאָלט געקרוינט געוואָרן ווי דער ערשטער מלך פון אַ באַנייטן סומערישן קעניגרייך, אונטערן נאָמען „די דריטע דינאַסטיע פון אור״.

אור־נאַמו האָט אַרויסגעוויזן געניאַלע פעאיקייטן סיי אַלס קריגס־פירער,

סיי אַלס דיסציפּלינירטער אַדמיניסטראַטאָר. דאָס סומערישע פאָלק האָט אים פאַרערט און ליב געהאַט.

אַ דאַנק זייער פאָרגעשריטענער ציוויליזאַציע און הויכער קולטור האָבן די סומעריער זיך שנעל באַפרייט פון פרעמדע איינפלוסן, און האָבן ווידער איינגעשטעלט אַן אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער. דער סומערישער גייסט האָט אויפגעוואַכט און דורכגעגאַנגען אַ גלאָררייכן רענעסאַנס־פּעריאָד.

אור־נאַמו האָט געשלאָסן שלום מיט אַלע אונטערטעניקע מלוכה־שטעט און דאָס האָט אים געהאָלפן אָפּצושטעלן דעם אומאויפהערלעכן דראַנג פון דער שעמיטישער איינוואַנדערונג. ביסלעכווייז איז ער געוואָרן דער הערשער פון אַ באַנייטער „סומער־אַקאַדישער אימפּעריע", און אור־כשדים איז ווי־דער געוואָרן איר הויפּט־שטאָט.

בכלל איז אור־נאַמו געווען אַ דינאַמישע פיגור. ער האָט זיך באַנוצט מיט מאַכט דאָרט וואו ס'איז געווען נויטיק און גענוצט קולטור־מיטלען דאָרט וואו ער האָט געקענט. קודם־כל האָט ער צוזאַמענגעשטעלט אַ געזעץ־קאָדעקס און די ערשטע דינים האָבן געהאַט צו טאָן מיט אַ געוויסער מאָס פון סאָ־ציאַלער גערעכטיקייט פאַר די נידעריקערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג און פאַר די שקלאַפן. ער האָט אויך געגעבן די באַזיגטע פּראָווינצן הנחות פאַר זעלבסטשטענדיקייט און זעלבסטפאַרוואַלטונג. ער האָט זיך באַמיט אויס־צומיידן סכסוכים מיט זיינע שכנים און ווען נאָר מעגלעך אויסמיידן מלחמות. ער האָט אָנגעהויבן בויען דעם זיגוראַט־טעמפּל פאַר דעם לבנה־גאָט נאַנאַר און קלענערע טעמפּלען פאַר דעם גאָט אַנו און זיין געליבטער נין־גאַל.

אור־נאַמו האָט געקיניגט נישט מער ווי זעכצן יאָר. נאָך זיין טויט האָט דעם טראָן פון „דער דריטער דינאַסטיע פון אור" פאַרנומען זיין יורש שולגי (דונגי). שולגי האָט זיך אָפּגעקערט פון זיין פאָטער'ס גוטע מעשים און האָט זיך אויפגעפירט ווי אַ דעספּאָטישער מלך. ער האָט אונטערדריקט זיין אייגן פאָלק און אומגעבראַכט אַ סך סומעריער אין די מלחמות מיט אַנדערע מלכים.

וְאַבְרָהָם הָיוֹ יִהְיֶה לְגוֹי גָּדוֹל וְעָצוּם וְנִבְרְכוּ־בוֹ כֹּל גּוֹיֵי
הָאָרֶץ׃ כִּי יְדַעְתִּיו לְמַעַן אֲשֶׁר יְצַוֶּה אֶת־בָּנָיו וְאֶת־בֵּיתוֹ
אַחֲרָיו וְשָׁמְרוּ דֶּרֶךְ יְהוָה לַעֲשׂוֹת צְדָקָה וּמִשְׁפָּט לְמַעַן
הָבִיא יְהוָה עַל־אַבְרָהָם אֵת אֲשֶׁר־דִּבֶּר עָלָיו׃

און אַברהם וועט ווערן אַ גרויס און מעכטיק פֿאָלק און אַלע פֿעלקער פֿון דער ערד וועלן זיך בענטשן מיט אים, וואָרום איך האָב אים דערקענט, אַז ער וועט באַפֿעלן זײַנע קינדער און זײַן הויזגעזינט נאָך אים, אַז זיי זאָלן היטן דעם וועג פֿון גאָט, צו טאָן רעכט און גערעכטיקייט, כדי גאָט זאָל ברענגען אויף אַברהמ׳ען, וואָס ער האָט גערעדט וועגן אים.

(בראשית, י״ח, י״ח)

ג

ווען און וואו אַברהם איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן

אין די טעג פֿון מלך שולגי, דער צווייטער הערשער פֿון דער „דריטער דינאַסטיע פֿון אור“, האָט זיך אַ נײַער שטראָם פֿון שעמיטישע וואַנדערער־שבטים גענומען שפּאַרן און פּאַרפּלייצן דעם צפֿון פֿון אַרם־נהרים. די מערסטע פֿון די נאָמאַדן־שבטים זײַנען געקומען פֿון זייערע וואַנדערונג־היימען אַרום סירישן מדבר[1]. שולגי האָט געפּרוּווט אויפֿבויען הויכע און שטאַרקע ווענט צו פֿאַרצאַמען דעם וועג פֿאַר די „באַרבאַרישע אַמוריטן“ (פֿרעמדע), אָבער אָן דערפֿאָלג. דער וואַנדערונגס־שטראָם איז געגאַנגען מיט אַזאַ אימפּעט, אַז קיין שום שוץ־וואַנט האָט אים נישט געקענט אָפּשטעלן.

שולגי האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט זײַן הויכער בילדונג. ער איזווירקלעך געווען איינער פֿון די געלערנטסטע מלכים פֿון זײַן צײַט. אין דער יוגנט האָט ער געלערנט אין די טעמפּל־שולן אין אור און זיך אויסגעצייכנט אין פֿיל וויסנשאַפֿטן. ער האָט ליב געהאַט די סומערישע ליטעראַטור און איז אַליין געווען אַ סופֿר (האָט געקענט די חכמה פֿון שרײַבן), וואָס איז אין זײַן צײַט באַטראַכט געוואָרן ווי איינע פֿון די וויכטיקסטע וויסנשאַפֿטן. פֿון זײַן פֿאָטער האָט ער נאָר גע׳ירשנ׳ט די ברענענדיקע אַמביציע צוריק אויפֿצושטעלן די אַמאָליקע גרויסע סומערישע אימפּעריע. ער האָט שטאַרק באַוואָפֿנט אַ גרויסע אַרמיי און האָט שנעל פֿאַרנומען איינע נאָך די אַנדערע אַלע גרויסע שטעט לענגאויס די טײַכן אַזש ביז אַשור, און צוריקוועגס האָט ער באַזיגט און פֿאַרנומען שושן און דאָס גאַנצע עילם־קעניגרײַך. דאָס איז אים אָבער נישט אָנגעקומען אַזוי לײַכט.

ווען שולגי האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַ גרויסער סומער־אַקאַדישער אַרמיי אונטערטעניג צו מאַכן אַ צאָל רעוואָלטירנדיקע שטעט, איז ער גע־גאַנגען פון זיג צו זיג, ביז ער איז צוגעקומען צו די מויערן פון פדן־אַרם. דאָ האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין אַן אומגעריכט שטאַרקן ווידערשטאַנד מצד אַ קליינער, אָבער העלדישער אַרמיי, וואָס איז אים אַנטקעגנגעקומען אין בע־ליקי־טאָל, אויף דער מזרח־זייט פון דעם בעליקי־טייך.[2]

דער פּאַטריאַרך אָדער פירשט אין פדן־אַרם איז דעמאָלט געווען אַברהמ׳ס זיידע נחור, דער זון פון שרג, און אַן אור־אייניקל פון דעם באַ־רימטן פּאַטריאַרך עבר, מיט וועמענס נאָמען אַלע שעמיטישע שבטים האָבן זיך געגרויסט. נחור האָט אויפגענומען די נייע בני־עבר איינוואַנדערער ווי ברידער און זיי געהאָלפן זיך באַזעצן אויף לאַנד. שולגי האָט גע׳חלומ׳ט וועגן פאַרניכטן אָט־די פעסטונג פון די שעמיטישע איינוואַנדערער.

שולגי האָט געשיקט אַ גרויסע אַרמיי און אַטאַקירט פדן־אַרם מיט גרויס קראַפט.

נחור האָט אַרויסגעשיקט קעגן די סומעריער אַ קליינע, אָבער אַ גוט־געשולטע אַרמיי פון יונגע און מוטיקע „בני־עבר״־קריגער, אונטער דער פירערשאַפט פון זיין יונגן און העלדישן פרינץ תרח. די „בני־עבר״, וועלכע האָבן נאָך נישט פאַרגעסן זייער מדבר־לעבן און ליב געהאַט פרייהייט, האָבן זיך געשלאָגן, ווי לייבן, און פאַרטיידיקט זייער הויפּט־שטאָט חרן. תרח האָט אין יענער שלאַכט באַוויזן גרויס העלדישקייט און האָט צוריקגעשטויסן שולגי׳ס חיילות. ביים סוף פון דער שלאַכט איז אָבער תרח פאַרוואונדעט געוואָרן, און איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די סומעריער.

געוויינלעך האָבן די סומעריער, ווי אַלע פעלקער אין יענע צייטן, גע־טויט זייערע געפאַנגענע, און אין בעסטן פאַל זיי פאַרקויפט ווי שקלאַפן. זיי האָבן מיט זיך מיטגענומען נאָר אַזעלכע, וואָס האָבן געקאָנט ברענגען נוצן זייער לאַנד. תרח איז געווען אַ פּרינץ, אַ געלערנטער מענטש, אַ פעאיקער גענעראַל און אַ מוטיקער קריגער. די סומערישע גענעראַלן האָבן תרח׳ן רעספּעקטירט און מיט כבוד אים אַוועקגעפירט קיין אור און געבראַכט אין קעניגלעכן פּאַלאַץ.

תרח האָט געפונען חן אין די אויגן פון שולגי׳ן און ער איז אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס לערער אין דער סומערישער אַרמיי־שול. אַדאַנק זיינע אויסער־געוויינלעכע פעאיקייטן איז תרח געשטיגן פון מדרגה צו מדרגה, ביז ער האָט דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל אין פּאַלאַץ, און איז באַשטימט געוואָרן ווי דער שר־החייל פון דער סומערישער אַרמיי.[3] בכלל האָט תרח פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט צווישן דער אַריסטאָקראַטיע אין קעניגלעכן הויף. ער האָט אָבער געבענקט נאָך זיין לאַנד, שבט און משפּחה. מיט דער צייט האָט ער שלום־געמאַכט מיט זיין גורל און סביבה, און פּרובירט זיך איינלעבן מיט דעם סומערישן פאָלק און זיינע מידות. טיף אין האַרצן אָבער האָט

ער אַלעמאָל געהאָפט, אַז ס׳וועט קומען דער טאָג, ווען ער וועט זיך קאָנען באַפרייען און זיך אומקערן צוריק קיין פּדן־אַרם, צום לאַנד פון זיין געבורט, און צום הויז פון זיין פאָטער נחור.

אין דער סביבה פון פּאַלאַץ האָט תרח זיך אויפגעפירט ווי אַן אמת׳ער סומעריער. אין זיין פּריוואַטן לעבן האָט אָבער תרח פאַרקערט מיט משפחות, וואָס האָבן געשטאַמט פון די „בני־עבר“. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער שיינער און קלוגער אַמתלאי, די טאָכטער פון כר־נבו,[4] אַן אַנגעזעענע בירגערין אין אור, פון „בני־עבר“־אָפּשטאַם. אמתלאי האָט אים געבוירן אַ זון און תרח האָט אים גערופן אַברהם, ווייל ער האָט געהאָפט, אַז זיין זון וועט אַמאָל ווערן דער „אַב־אַרם“,[5] דער פּאַטריאַרך פון זיין געבורט־אָרט „פּדן־אַרם“. תרח און אַמתלאי זיינען געווען גליקלעך מיט זייער ניי־געבוירענעם זון, און אמתלאי האָט אָפּט איבערדערציילט, אַז אין דעם מאָמענט ווען אַברהם איז געבוירן געוואָרן איז די וועלט ליכטיקער געוואָרן.[6]

דאָס איז געווען אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט פק״ר, אין אַ צייט ווען בייזע ווינטן האָבן זיך צעשטורעמט איבער די הימלען פון דער „דריטער דינאַסטיע פון אור“. לוגאַל שולגי האָט פאַרענדיקט אַ גלאָררייכן פּעריאָד פון וויכטיקע דערגרייכונגען. אונטער זיין הערשאַפט איז סומעריע ווידער אויסגעוואָקסן ווי די רייכסטע און גרעסטע אימפּעריע אין דער וועלט. ער האָט געקיניגט 48 יאָר, און ווען ער איז געשטאָרבן, איז זיין טראָן־נאָכפאָלגער געוואָרן דער אַמביציעזער און העלדישער פּרינץ אַמאַר־סין (בור־סין). ער איז געקרוינט געוואָרן ווי דער „הערשער פון דער סומעריש־אַקאַדישער אימפּעריע“.

אַמאַר־סינ׳ען האָט דאָס פאָלק אויך גערופן „נמרד“ צוליב זיינע אייגנשאַפטן, וואָס זיינען געווען ענלעך צו די מידות פונעם לעגענדאַרישן מלך „נמרד“.[7] אַמאַר־סין איז, ווי נמרוד, געווען אַ ריזיק־געבויטער מאַן, אַ ליידנשאַפטלעכער יעגער און אַ געוואַגטער קריגער. אויפן שלאַכטפעלד איז ער אַלעמאָל געגאַנגען פאַראויס זיין אַרמיי און איז אַנטקעגנגעקומען יעדער מין סכנה. ער האָט בכלל באַוואונדערט בראַווקייט, פאַרגעטערט קערפּערלעכע גבורה און האָט געגלויבט, אַז מוט און ענערגיע ברענגען דעם מענטשן נענטער צו געטלעכער שלימות.

אַמאַר־סין האָט מיט אַ שטאַרקער האַנט געהאַלטן פאַרשקלאַפט זיין אייגן פאָלק און גרויזאַם באַהאַנדלט זיינע אונטעריאַכטע לענדער. ער האָט אויסגעשפּרייט זיין מאַכט אַזוי ווייט צו צפון ווי אַשור, נינוה און חרן, און אַזוי ווייט צו מערב ווי שכעמאַ (שכם) און מצרים. צוזאַמען מיט דער סומערישער ציוויליזאַציע און קולטור האָט ער אומעטום מיטגעבראַכט ליידן און פּיין פאַר די פעלקער.

מיט אַמאַר־סינ׳ס דערפאָלגן זיינען אויך געוואָקסן זיינע אַמביציעס. צוערשט האָט ער אָנגעהויבן גלויבן, אַז ער איז אומבאַזיגבאַר; דערנאָך אַז

ער איז אומשטערבלעך און שפּעטער האָט ער געקוקט אויף זיך ווי ער וואָלט געווען דער מלך איבער אַלע מלכים און דער גאָט איבער אַלע געטער. ווי נמרוד, האָט ער געצוואונגען אַלע זיינע אונטערטאַנען צו בוקן זיך פאַר אים ווי פאַר אַ קעניג, און אים ברענגען קרבנות ווי פאַר אַ גאָט.

לכבוד דעם יאָר־טאָג פון זיין קרוינונג האָט אַמאַר־סין געמאַכט אַ גרויסן יום־טוב און איינגעלאַדן אַלע זיינע מלוכה־שׂרים, טעמפּל־פּריסטערס, קעניגלעכע סופרים („סקראַיבס") און זיינע שטערנזעערס (אַסטראָלאָגן) צו אַ פייערלעכער סעודה. דער יום־טוב איז געווען געגרייט מיט קעניגלעכער פּראַכט און גלאַנץ. די זאַלן זיינען געווען געפּלאַסטערט מיט אַלאַבאַסטער און פּערלמוטער, און דעקאָרירט מיט טעפּיכער פון אַלע רעגנבויגן־קאָלירן; די שווערע מירמלשטיין־זיילן, וואָס האָבן אַרומגענומען די ווענט, האָבן גע־פינקלט מיט גאָלדענע און זילבערנע באַצירונגען. די שפּייזן און געטראַנקען זיינען געווען כיד־המלך. דינער זיינען געלאָפן הין־און־צוריק און אין זיל־בערנע טאַצן געבראַכט כלערליי געבראָטענע פליישן, און אין גאָלדענע בעכער כל־המינים וויינען. האַלב־נאַקעטע טענצערינס האָבן געבויגן זייערע יונגע רייצנדיקע קערפּערס צום טאַקט פון מאַרפן, פליימן און פּויקן. די קע־ניגלעכע געסט האָבן געגעסן, געטרונקען און משמח־געווען זייער קעניג.

און ווען דעם מלכ׳ס האַרץ איז פריילעך געוואָרן פון וויין, האָט ער זיך גענומען באַרימען מיט זיינע העלדישע זיגן איבער גרויסע מלכים אויפן שלאַכטפעלד און איבער די הויפּט־געטער אין די טעמפּלען. ווען ער איז מיד געוואָרן, האָט זיך אויפגעשטעלט איינער פון די שטערנזעערס, זיך גע־בויגן צו נמרוד׳ן, ווי פאַר אַ קעניג, און געקניט ווי פאַר אַ גאָט, און געבעטן דערלויבעניש צו דערציילן וועגן אַ געשעעניש, וואָס האָט געטראָפן מיט אים און מיט נאָך דריי פון זיינע חברים־שטערנזעערס אַ נאַכט פריער.

דער מלך האָט אַ לייכטן בויג־געטאָן מיטן קאָפּ, און דער שטערנזעער האָט אַזוי דערציילט:

„תרח, דער זון פון נחור, דער שׂר איבער דעם קעניג׳ס חייל, איז איצט אויך אַ בעל־שמחה. זיין ווייב אמתלאי האָט אים געבוירן אַ זון און ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן אַברהם".

דער קעניג האָט אויפגעהויבן דעם בעכער מיט וויין און איז געווען גרייט צו באַגריסן זיין פאַרטרוילעכן קריגס־מיניסטער און אים ווינטשן מזל־טוב. דער שטערנזעער האָט אָבער העפלעך אָנגעוויזן, אַז ער האָט נאָך זיין דערציילונג נישט פאַרענדיקט. ער האָט ווייטער אַזוי דערציילט:

„אין דער נאַכט ווען דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, האָט תרח מיך און מיינע חברים איינגעלאַדן צו זיך אין הויז. מיר האָבן דאָרט געגעסן, געטרונקען און זיך משמח־געווען. ווען מיר זיינען געגאַנגען צוריק אַהיים, האָבן מיר אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און פּלוצלונג דערזען גאָר אַ

גרויסן שטערן אָנקומען פון מזרח. דער שטערן איז געלאָפן קווער איבערן הימל און האָט איינגעשלונגען פיר שטערן, וואָס זיינען געשטאַנען אין פיר עקן פון דער וועלט. זיינען מיר געוואָרן זייער פאַרוואונדערט, אָבער מיר האָבן באַלד פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַדייט און האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: דאָס ווייזט, אַז דאָס קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן ביי תרח׳ן, וועט אויסוואַקסן און אומברענגען אַלע מלכים און באַזיגן די וועלט״.

נמרוד האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און געפרעגט זיינע שטערנזעערס, וואָס ער זאָל טאָן. זיי האָבן אים געזאָגט, אַז דאָס איינציקע וואָס ער קאָן טאָן איז פאַרגיטיקן תרח׳ן פאַרן קינד און עס טויטן.

אַמאַר־סין האָט גערופן תרח׳ן און צו אים געזאָגט: מ׳האָט מיר דער־ציילט, אַז ביי דיר איז געבוירן געוואָרן אַ זון, און ווען ער איז געבוירן גע־וואָרן האָט זיך אַ וואונדערלעכער צייכן באַוויזן אין הימל, וואָס האָט אָנגע־זאָגט, אַז אַן אומגליק רוקט זיך אויף אונז. אונזער וועלט און אונזערע גע־טער זיינען אין סכנה. איך וועל אָנשיטן דיין הויז מיט גאָלד און זילבער, נאָר דו גיב מיר דאָס קינד און איך וועל עס טויטן.

תרח האָט אַ דערשראָקענער זיך פאַרנויגט פאַר נמרוד׳ן און געזאָגט:

— אַדוני קעניג, דאָס וואָס דו זאָגסט וועגן פאַרגיטיקן מיך פאַר דעם לעבן פון מיין קינד, דערמאָנט מיך אין דעם פאָלקס־מעשה׳לע, וואָס דער־ציילט, אַז אַ מאַן האָט געזאָגט צו זיין אייזל, אַז ער וועט אים געבן אַ פולן שפייכלער מיט גערשטן, אויב ער וועט זיך לאָזן אָפּהאַקן דעם קאָפּ. דער אייזל האָט אים געענטפערט: וואָס טויג מיר דיין גערשטן, אַז איך וועל נישט האָבן מיט וואָס אים צו עסן... וואָס וועל איך טאָן מיטן גאָלד און זילבער, אַז איך וועל נישט האָבן ווער עס זאָל מיך ירשנ׳ען?

אַמאַר־סין איז אָבער געווען איינגעשפּאַרט און געפאָדערט, אַז תרח זאָל אים פאַרקויפן זיין ניי־געבוירן קינד.

תרח האָט זיך מודה געווען, אַז עטלעכע טעג פריער איז ביי אים גע־בוירן געוואָרן אַ זון, ער איז אָבער באַלד נאָכדעם געשטאָרבן. דער קעניג און זיינע יועצים האָבן געגלויבט תרח׳ן און האָבן זיך באַרואיקט, אָננעמענ־דיק אַז דאָס אינגל איז טויט...

תרח האָט גענומען זיין קינד אַברהם און האָט אים צוזאַמען מיט זיין מוטער אמתלאי אַרויסגעפירט פון שטאָט און זיי באַזעצט אין אַ הייל, צו־פוסנס פון אַ באַרג, ביז דעם מלכ׳ס צאָרן וועט זיך איינשטילן.

אַברהמ׳ס מוטער אמתלאי האָט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער ליבע גע־כאָוועט און דערצויגן איר קינד. בייטאָג איז זי געזעסן מיט אים אין דער הייל און אים געשפּייזט מיט דער מילך פון איר ברוסט. אין אָוונט האָט זי אים אַרומגעפירט איבער די פרוכטבאַרע פעלדער צווישן די בערג און אויף די ברעגן פון טייך פּרת. זיי האָבן זיך ביידע געזעטיקט מיט דער זאַפט

פון אַראָפּגעפאַלענע פּרוכטן, מיט די גרינסן פון די פעלדער און געשטילט זייער דורשט ביי די וואַסער־קוואַלן.

אַברהם האָט זיך דערצויגן אין דער נאַטור און מיט דער נאַטור. אים האָט פאַרוויגט דאָס פינקלען פון די שטערן, די שטראַלן פון דער לבנה, דאָס פלאַטערן פון די בלעטער; אים האָבן איינגעזונגען די טענער פון פייגל, דער געגרויש פון די טייך־כוואַליעס, דאָס וואָיען פון ווינט און עס האָבן אים פאַרשלעפערט דאָס מורמלען און זשומען פון גאָט'ס באַשעפענישן צווישן די גראָזן; אים האָבן אויפגעוועקט די מאָרגן־געזאַנגען פון די פעלד־זינגער, די ליבע־רופן פון די בערג־חיות און ס'האָבן אים געוואַרעמט די זון־שטראַלן, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין הייל.

דריי יאָר האָט אַברהם אַזוי געלעבט אין און אַרום דער הייל[8]. אמתלאי'ס צאַרטע מוטער־ליבע און די שיינקייט פון דער אַרומיקער נאַטור האָט געליב־דערט אַברהמ'ס לעבן. ווען ער איז אַלט געוואָרן פיר יאָר איז די הייל געוואָרן צו ענג פאַר זיין רייכער, קינדערשער פאַנטאַזיע. אין אים איז רייף געוואָרן דער נאַטירלעכער אינגלשער באַגער צו זען די ברייטע וועלט, צו וואַנדערן און באַאָבאַכטן. ער האָט מער נישט געוואָלט לעבן אין דער הייל. אמתלאי האָט געמוזט פאַרלאָזן איר באַהעלטעניש און האָט זיך מיט איר זון אַוועקגעלאָזט וואַנדערן איבער בערג און טאָלן, פעלד און וואַלד, אַרום אָזיערעס און טייכן. דאָס אינגל איז געוואַקסן און האָט זיך אַנטוויקלט קערפּערלעך — הויך און קרעפטיק און גייסטיק־קלוג און שאַרף. ער האָט געפאָרשט און באַוואונדערט אַלץ וואָס ער האָט געזען.

אַברהם האָט געפרעגט זיין מוטער: ווער מאַכט דאָס אַלץ? ווער ברענגט די שטראַלנדיקע ליכטיקייט און ווער שאַפט די פאַר'חלומ'טע שטילקייט ביינאַכט? ווער וואַרפט אַרונטער די זאַפטיקע פּרוכט פון אויבן, און ווער ברענגט אַרויס די זיסע גרינסן פון אונטן? פונוואַנען בלאָזן די ווינטן, און וואוהין לויפן די טייכן?

אמתלאי האָט געפּרואווט איינשטילן אַברהמ'ען מיט קינדערשע מעשה־לעך, אָבער וואָס עלטער ער איז געוואָרן, אַלץ גרעסער איז געוואָרן זיין נייגיר, זיין חידוש'ן זיך, און אַלץ מער האָט ער געוואָלט וויסן:

פונוואַנען דערשיינט און וואוהין פאַרשווינדט דער גרויסער פייערדיקער רינג, וואָס באַשטראַלט די וועלט בייטאָג, און וואוהין לויפט דער שיינענ־דיקער קיילעך, וואָס פאַרוויגט די וועלט ביינאַכט? ווער צינדט־אָן אַזויפיל פייערלעך אין הימל ביינאַכט, און ווער לעשט זיי אויס אינדערפרי?

אמתלאי האָט פּרובירט אויפקלערן אַברהמ'ען, אַז די ליכטיקייט וואָס ער זעט בייטאָג, קומט פון דער זון — דעם גאָט שמש, און די ליכטיקייט, וואָס ער זעט ביינאַכט, קומט פון דער לבנה — דעם גאָט נאַנאַ־סין, און די שטערן זיינען זיינע באַגלייטער.

אַברהמ׳ס רייכע פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט, און זיינע פראַגן זיינען געוואָרן אַלץ ערנסטער און דרינגענדיקער:

— ווער האָט באַשאַפן די גרויסע חיות, וואָס לויפן אַרום אויף די בערג? און ווער האָט באַשאַפן די קליינע באַשעפענישן, וואָס קריכן אַרום אויף דער ערד? פונוואַנען קומען די פיש, וואָס שווימען אין ים? און וואוהין ציען די פייגל, וואָס פליען אין דער לופט? ווער צעשטורעמט דעם הימל, און ווער צעגיסט דעם רעגן אויף דער ערד?

אמתלאי האָט אים פּרובירט דערקלערן, אַז אויסער די גרויסע געטער, וואָס באַשיינען דעם הימל, זיינען נאָך פאַראַן קליינע געטער, וואָס זייערע געשטאַלטן ווערן אויסגעהאַקט פון שטיין און מעטאַל. זי האָט אים אויך דערציילט, אַז אין שטאָט זיינען דאָ גרויסע טעמפּלען, וואוהין זיין פאָטער און אַלע מענטשן קומען און ברענגען קרבנות און זאָגן תפילות און בוקן זיך צו די גרויסע געטער, בעת אין דער היים בוקן זיי זיך צו די קליינע געטער. די אַלע געטער האָבן אַלץ באַשאַפן און פירן די וועלט.

דאָס האָט דעם יונגן אַברהמ׳ען נאָך מער באַאומרואיקט. מיט זיין קינדערשער נייגעריקייט האָט ער אַ שאָט־געטאָן איין פראַגע נאָך דער אַנדערער.

דער עיקר האָט ער געוואָלט וויסן, פאַרוואָס וואַנדערן זיי אַרום צווישן די בערג; פאַרוואָס נעמט אים די מוטער נישט אין שטאָט צו זיין פאָטער און צו די טעמפּלען, וואו עס געפינען זיך די געטער?

ווען אַברהם איז שוין רייף געוואָרן צו באַנעמען און פאַרשטיין דעם צוזאַמענהאַנג צווישן זאַכן, האָט אמתלאי אים אויפגעקלערט וועגן די סיבות פון זייער וואַנדערן און לעבן אין אַ הייל. זי האָט פאַר אים געשילדערט דעם שלעכטן מלך נמרוד, וואָס האָט אים, אַברהמ׳ען, געוואָלט אומברענגען. זי האָט אים אויך דערציילט די מעשה פון די שטערנזעערס, וועלכע האָבן געזען אין די הימלען, אַז ער, אַברהם, איז באַרופן צו זיין דער פאָטער פון אַ גרויס פאָלק, וואָס וועט אומברענגען אַלע פאַלשע געטער און אויך נמרוד׳ן, וועלכער האָט זיך דערקלערט פאַרן גאָט איבער אַלע געטער. נמרוד האָט זיך דערשראָקן און האָט אים, אַברהמ׳ען, געוואָלט הרג׳ענען און צוליב דעם טאַקע האָבן זיי זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן אין אַ הייל.

אַברהם האָט נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען די מעשה, וואָס זיין מוטער האָט אים דערציילט. לכתחילה האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז איינע פון די קינדער־מעשה׳לעך, מיט וועלכע זיין מוטער פלעגט אים איינוויגן. עס האָט זיך אָבער אין אים צעשפּילט די יוגנטלעכע דרייסטקייט, און ער האָט גענומען טראַכטן וויפל אמת עס קאָן זיין אין דער דאָזיקער שטערנזעעריי אין פאַרבינדונג מיט זיין צוקונפט. ס׳האָט אים באַהערשט אַ האָפענונג און אַ ווילן טאַקע אויפצוואַקסן שטאַרק און העלדיש און זיך קעגנשטעלן אַט־דעם בייזן קעניג.

אַברהם האָט שטאַרק געוואָלט גיין אין שטאָט און זען אָט־דעם מענטש־גאָט. די מוטער האָט אים אָבער אויפגעקלערט, אַז ס'איז נאָך נישט געקומען די צייט דערפאַר, זיי מוזן נאָך וואַרטן.

דער ענין וועגן די געטער האָט אַברהמ'ען נישט געלאָזט רוען. ער האָט כסדר געטראַכט און איבערגעטראַכט.

אין איין פרימאָרגן איז ער אַרויף אויף אַ הויכן באַרג און נאָכגעפאָלגט מיט די אויגן די באַוועגונג פון דער זון. ער האָט געזען, ווי די זון גייט־אויף אין מזרח־זייט, ווי זי צעשטראַלט איר ליכט און וואַרעמקייט איבער אַלע ווינקלען פון דער וועלט. ער האָט באַמערקט, ווי אַלץ אַרום וואַכט־אויף צום לעבן, ער האָט געטראַכט, אַז ס'קאָן טאַקע זיין, אַז די זון איז דער גאָט, וואָס באַשאַפט אַלץ, די וועלט און דעם מענטשן.

אַ גאַנצן טאָג האָט ער נאָכגעפאָלגט די זון, און זיך צו איר געבוקט. ער האָט געזען, ווי די זון גייט־אויף אין מזרח, שפּרייזט־דורך דעם גאַנצן הימל, אָבער פאַרנאַכט ווערט זי אָפּגעקילט, גייט אַרונטער און אַרונטער, ווערט אײַנגאַנצן אויסגעלאָשן און פאַרשווינדט אין מערב.

— דאָס איז נישט קיין גאָט — האָט אַברהם באַשלאָסן. ער האָט דערנאָך באַמערקט, אַז אין דערזעלבער צייט, וואָס די זון איז פאַרגאַנגען אויף מערב־זייט, האָט די לבנה אויפגעשיינט אויף מזרח־זייט, און באַלד נאָכדעם האָט זיך אין הימל אָנגעצונדן אַ ים מיט קליינע ליכטעלעך.

— אפשר איז די לבנה דער אמת'ער גאָט? — האָט אַברהם געטראַכט — און די שטערן זיינען די געטלעכע היטער און באַגלייטער.

אַ גאַנצע נאַכט האָט אַברהם נאָכגעפאָלגט דעם מאַיעסטעטישן גאַנג פון דער לבנה, און זיך צו איר געבוקט. ער האָט געזען, ווי די לבנה האָט אין פאַרלויף פון דער נאַכט אַריבערגעשפּרייזט דעם גאַנצן האָריזאָנט, און איז ביסלעכווייז געוואָרן בלאַסער און טונקעלער, און נאָענט פון פרימאָרגן האָט זי זיך צוזאַמען מיט אירע באַגלייטנדיקע שטערן אויסגעלאָשן און פאַרשוואונדן. אין דערזעלבער צייט האָט ווידער אויפגעלויכטן די זון אין מזרח.

אַברהם האָט איצט פאַרשטאַנען, אַז אויך די לבנה איז נישט קיין גאָט. עס מוז זיין אַ גרויסער כח, וואָס פירט די זון און די לבנה אין אָט־דעם פאַר'כישופ'טן קרייז.

אַברהם האָט ווידער געפרעגט זיין מוטער, ווער ס'איז דער גרויסער כח, וואָס האָט געשאַפן אַלץ אַרום און וואו איז ער?

אמתלאי האָט אים דערציילט, אַז ס'איז נאָך דאָ אַ גאַנצע ריי געטער, וואָס האָבן דאָס אַלץ באַשאַפן: עס זיינען דאָ הימל־געטער, ערד־געטער, וואַסער־געטער, פייער־געטער, באַרג־געטער און טאָלן־געטער. יעדערער פון זיי האָט באַשאַפן אַן אַנדער טייל פון דער וועלט, און יעדער גאָט פירט זיין באַשאַף.

אַברהם האָט ווייטער געפּאָרשט און באַמערקט אַ וואונדערלעכע האַר־מאָנישע פּאַרבינדונג צווישן די אַלע נאַטור־דערשיינונגען: די פּינקטלעכע ענדערונג פון טאָג און נאַכט, די פּאַרבינדונג צווישן הימל און ערד; היץ און קעלט; בליץ און דונער; באַרג און טאָל, און ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן, אַז די אַלע זאַכן זיינען באַשאַפן און ווערן געטריבן פון אַן איין־איינציקן קאָלאָסאַלן כח, פון איין באַשעפער. ווער איז דער וואונדערלעכער באַשעפער? וואו געפינט ער זיך? וואָס איז זיין נאָמען? — דאָס האָט אַברהמ׳ען נישט געלאָזט רוען, ער האָט דאָס נאָך נישט געוואוסט. זיין יונגער געניאַלער מוח און זיין סענסיטיווע נשמה האָבן דערפילט, אַז ער איז צוגעקומען נאָענט צו אַ גרויסער דערקענטעניש, נאָר געענוי וואָס דאָס איז האָט נאָך זיין יונגער שכל נישט געקאָנט באַגרייפן.

אַלע שיינע מעשה׳לעך, וואָס אמתלאי האָט דערציילט אַברהמ׳ען וועגן גרויסע און קליינע געטער, וועגן פּאַנטעאָנען פון געטער; וועגן אַ גראַנ־דיעזן טעמפּל־טורעם און וועגן קליינע, פון ליים־אויסגעבאַקענע טעמפּלען, האָבן נישט צופרידנגעשטעלט און נישט באַרואיקט אַברהמ׳ס איינגעבוי־רענעם דראַנג צו זוכן די סיבות פון אַלע געשעענישן. ער איז קוים אַלט געווען צען יאָר, ווען ער האָט אין זיינע אַרומוואַנדערונגען צווישן בערג און טאָלן געזוכט און געפּאָרשט דעם אמת וועגן דעם באַשאַפער פון הימל און ערד.

סוף־כל־סוף איז אַברהם מיד געוואָרן פון זיין אַרומוואַנדערן און באַ־העלטעניש, און געפאָדערט פון זיין מוטער, זי זאָל אים צוריקברענגען צו זיין פאָטער, צו זיין משפחה און צו דער פרייער וועלט.

אמתלאי האָט מורא געהאַט, אַז אַמאַר־סין האָט נאָך נישט פאַרגעסן יענע געשעעניש מיט די שטערנזעערס אין דער נאַכט, ווען אַברהם איז געבוירן געוואָרן, און האָט זיך נישט געאיילט אים צוריקצוברענגען אין שטאָט. אַברהם איז אָבער געוואָרן אומרואיק און געזאָגט זיין מוטער, אַז ער איז אַנטשלאָסן זיך צו באַפרייען פון זיין וואָגלעניש, און זיך אומקערן צו זייער היים אין אור.

אין די צען יאָר, וואָס אַברהם האָט געלעבט אין דער הייל, איז די „דריטע דינאַסטיע פון אור" אויסגעוואָקסן און די סומערישע אימפּעריע האָט זיך אויסגעשפּרייט. אַמאַר־סין האָט אָבער געהערשט בלויז ניין יאָר און איז געשטאָרבן. דעם טראָן האָט פאַרנומען זיין ברודער שו־סין. שו־סין איז געווען רואיקער און איינגעהאַלטענער, ווי זיין ברודער.

תרח האָט געהאָפט, אַז דער נייער קעניג וועט נישט געדענקען וואָס די שטערנזעערס האָבן געזען אין די הימלען אין דער נאַכט פון אַברהמ׳ס געבורט, און אויב אַפילו יאָ, וועט ער נישט זיין אַזוי שטרענג. ער האָט באַשלאָסן צו ריזיקירן, און ווען אַברהם איז אַלט געוואָרן עלף יאָר האָט

ער אים מיט זיין מוטער צוריקגעבראַכט אין זיין היים — דאָס הויז, וואו אַברהם איז געבוירן געוואָרן.

אַברהם האָט מיט אַ סך פרייד און צעשטראַלטער האָפענונג פאַרלאָזן זיין וואַנדער־לעבן און איז געגאַנגען צום גרויסן ישוב, וואוהין זיין קינדערשע נשמה האָט אַזוי לאַנג געבענקט.

נאָך איידער אַברהם איז צוגעקומען נאָענט צו דער שטאָט אור, האָט אים שוין פון וויטן געבלענדט די שטראַלנדיקע אָפּשפּיגלונג פון די גע־גלייזטע ציגל, וואָס האָבן באַצירט די ווענט פון דעם זיגוראַט־טעמפּל־טורעם.

ווען ער איז אַריינגעקומען אין שטאָט, האָבן זיך אים געוואָרפן אין די אויגן די רייכע פּאַלאַצן און גרויסע הייזער אין איין טייל פון שטאָט, און די איינגעפאַלענע ליים־געצעלטן אין אַן אַנדער טייל שטאָט. ס׳האָט אים אויפגערעגט דער טומל פון די פרעמדע מענטשן אין גאַס, און ס׳האָבן אים געקלעמט די מנהגים פון זיין משפחה אין הויז. ס׳איז אים געווען שווער צו פאַרבייטן זיין פריי און פרידיק לעבן אין פעלד אויפן שטרענגן לעבן צווישן די ענגע ווענט פון זיין חדר.

אַברהם האָט אויך נישט געפונען קיין רו אין זיין פאָטער׳ס הויז. ווי אַלע אַנדערע געבײַדעס פון דעם פאַרמעגלעכן קלאַס, איז תרח׳ס הויז געשטאַנען אין אַ געגנט נישט ווייט פון טעמפּל און איז געווען געבויט פון ליים־ציגל. דאָס הויז איז באַשטאַנען פון אַ גרויסן הויף, אין וועלכן עס איז געשטאַנען אַ צוויי־גאָרנדיקע געביידע, געבויט אין דער פאָרעם פון אַ „ח״. איבערן צווייטן גאָרן איז געווען אַן אָפענער באַלקאָן, אַרום־און־אַרום דער געביידע. אַריינגעגאַנגען אין דעם הויז איז מען דורך אַ שווערער טיר, וואָס האָט געפירט צו אַ וואַש־צימער. אַלע איינוואוינער און געסט האָבן געמוזט וואַשן הענט און פיס איידער זיי זיינען אַריינגעקומען אין הויז. פון וואַש־צימער איז מען אַריינגעגאַנגען אין אַ געפּלאַסטערטן, אָפענעם הויף, וואו ס׳איז גע־שטאַנען די הויפּט־געביידע. אויפן אונטערשטן שטאָק האָט זיך געפונען דער קיך־צימער, וואו ס׳זיינען געווען מילשטיינער צו מאָלן די קערנער און אַ פייער־פּלאַץ צו קאָכן און באַקן. דערביי איז געווען אַ צימער פאַר די דינער און אַ גאַסט־צימער. אין הויף רעכטס האָבן שטיגן געפירט צום אויבערשטן גאָרן. דאָרט זיינען געווען די פאַמיליע־צימערן.

אין איינעם פון די אונטערשטע צימערן איז געווען דער משפחה׳ס געבעט־הויז. אין אַ ווינקל פון צימער איז געשטאַנען אַ בימה און אויף דער בימה — אַ מזבח מיט געטער־סטאַטוען, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די פאַרשטאָרבענע עלטערן פון דער פאַמיליע. אונטער דעם דאָזיקן צימער זיינען געלעגן די פאַרשטאָרבענע אין איינגעמויערטע קברים. אַזוי אַרום זיינען אויך די פאַרשטאָרבענע געבליבן נאָענטע מיטגלידער פון דער משפחה. דער עלטסטער פון די טויטע איז פאַרהייליקט געוואָרן, ווי דער גאָט פון

דעם הויזגעזינט, און צו אים האָט מען געבראַכט קרבנות און תפילה־געטאָן נאָך הילף.

דאָס אַלץ האָט אַברהמ׳ען אַביסל צעטומלט: אַזויפיל געטער — האָט אַברהם געטראַכט — אָבער אַלע טויטע און הילפלאָזע. נישטאָ קיין איינציקער גאָט, וואָס זאָל שטילן זיין געמיט, וועקן אין אים אַ גלויבן, דערהויבן זיין נשמה, אים דערציילן וועגן וועלט־באַשאַף.

אַברהם איז אַרויס אין די גאַסן פון אור, כדי זיך צו באַקענען מיט דער שטאָט, מיט איר באַפעלקערונג, מיט אירע טעמפלען און זייערע געטער.

ער האָט נישט געדאַרפט לאַנג זוכן אויסצוגעפינען דעם דעספּאָטיזם און אכזריות פון דער קעניגלעכער קאַסטע; די פאַרשווענדערישע צעלאָזנקייט אין די רייכע פּאַלאַצן, און אַז די גרויסע טעמפּלען זיינען אויסער געבעט־הייזער אויך נעסטן פון זינד און אויסגעלאַסנקייט. ער האָט געזען ווי די הערשער לעבן אין באַקוועמלעכקייט און לוקסוס און דאָס ברייטע פאָלק מאַטערט זיך אין אָרעמקייט און נויט.

די באַפעלקערונג אין סומעריע איז געווען צעטיילט אין דריי קלאַסן: אַן אַריסטאָקראַטישער שיכט („אַמעלו״); אַ מיטלקלאַס־שיכט („מושקינו״), און דער דריטער קלאַס פון פשוט׳ע שקלאַפן.

צו דעם אַריסטאָקראַטישן „אַמעלו״ האָבן באַלאַנגט די פּריסטערס און באַאַמטע פון די טעמפלען, די קעניגלעכע משפחה און די הויכע מלוכה־באַאַמטע, די גענעראַלן און הויכע אָפיצירן פון דער אַרמיי און די גרויסע פאַבריקאַנטן און האַנדל־מאַגנאַטן. אַ סך פון דער אַריסטאָקראַטיע האָבן געהאַט גרויסע שטרעקעס לאַנד, וואָס זיינען באַאַרבעט געוואָרן פון די שקלאַפן.

די „מושקינו׳ס״ זיינען געווען די הענדלער, האַנטווערקער און באַצאָלטע אַרבעטער. דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון קנעכט — די מערסטע פון זיי מלחמה־געפאַנגענע און אויך געקויפטע אויפן שקלאַפן־מאַרק.

דאָס קאָכיקע לעבן אין שטאָט און באַזונדערס די באַציאונגען פון מענטש צו מענטש האָבן אויף דעם יונגן אָבער אָבסערווירנדיקן אַברהם געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. אַלץ וואָס ער האָט דאָרט געזען איז געווען אין קעגנזאַץ צו דעם שטילן און האַרמאָנישן לעבן אויפן פעלד, וואו ער האָט פאַרבראַכט זיינע קינדער־יאָרן. דאָרט איז ער געוואוינט געוואָרן צו דער וואונדערבאַרער האַרמאָניע פון אַלע נאַטור־דערשיינונגען. די פּינקטלעכע אומוואַנדלונג פון טאָג און נאַכט, דאָס רעגלמעסיקע אויפגיין און פאַרגיין פון די שטערן; דאָס ריטמישע זשומען פון וואַסער־שטראָם, דאָס פרייע און שפּילעוודיקע אַרומפליען פון די פייגל און די קלאַנגען פון די קליינע ערד־באַשעפענישן, פלעגן אָנפילן זיין האַרץ מיט פרייד און דערהויבן זיין געמיט. דאָ, אין שטאָט, הערשט אַ תהו־ובהו. ער בלאָנדזשעט אַרום אַ צעשראָקענער, אַ פאַרלוירענער. ער זעט אַזויפיל געטער, אָבער קיין סימן פון געטלעכקייט; אַזאַ גרויסע

וועלט און אַזוי ווייניק פרייד; אַזויפיל מענטשן אין אַ ים פון צער און פּיין.

אין אַזעלכע דריקנדיקע מאָמענטן האָט אַברהם פאַרלאָזט די שטאָט מיט איר טומל, און אַוועק אין וואַלד און פעלד דאָרט צו פאַרברענגען לאַנגע שעה׳ן אין דער שטילקייט פון דער נאַטור און טראַכטן און פאָרשן וועגן די פאַרבינדונגען פון גאָט צום מענטשן און פון מענטש צו גאָט.

ווען אַברהם האָט זיך אומגעקערט אין שטאָט, איז ער געקומען צו זיין פאָטער תרח אַן אָנגעלאָדענער מיט כל׳ערליי ספיקות, וואָס האָבן געמאַטערט זיין יונג האַרץ. תרח איז געווען אַ גרויסער געלערנטער. אויסער דער חכמה פון מלחמה־פירונג, איז ער אויך געווען באַהאַוונט אין אַסטראָלאָגיע, מאַטעמאַטיק און אַנדערע וויסנשאַפטן פון יענער צייט. ער האָט אָבער נישט געקאָנט זעטיקן אַברהמ׳ס הונגער צו פאָרשן און פאַרשטיין דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון נאַטור־דערשיינונגען, וואָס ער באַאָבאַכטעט אין זיינע טעג פון אַרומוואַנדערן.

תרח האָט שטאַרק ליב געהאַט זיין בכור אַברהם. ער האָט נאָך אים געבענקט, ווען ער איז געווען אין הייל, און האָט זיך זייער געפרייט ווען ער איז צוריקגעקומען אַהיים. זיין פאָטערלעכע אַמביציע איז געווען, אַז זיין געראָטענער זון אַברהם זאָל לערנען אין די טעמפּל־שולן און אויסוואַקסן אַ גייסטיקער פירער פון סומערישן פאָלק. ער האָט זיך אָבער תמיד אַרומגעטראָגן מיט אַ מורא, אַז זיינע שונאים זאָלן זיך נישט דערמאָנען און אויפמישן די מעשה פון אַברהמ׳ס געבורט און דאָס פאַראויסזאָגן פון די שטערנזעערס וועגן זיין צוקונפט.

תרח האָט באַמערקט אַברהמ׳ס אומרואיקייט און האָט אים איינגעלאַדן צו באַזוכן דעם הייליקן זיגוראַט־טעמפּל. תרח האָט געהאָפט, אַז אין דער סביבה פון די גרויסע געטער, פייערלעכע ריטואַלן, פריילעכע פּריסטערס און פּריסטערינס וועט אַברהמ׳ס שטורעמדיק געמיט זיך באַרואיקן.

דער זיגוראַט־טעמפּל איז געשטאַנען אין דער פאַרהייליקטער „טעמענאָס"־געגנט. דאָרטן זיינען אויך געשטאַנען אַ סך קליינע טעמפּלען פאַר די קלענערע געטער, דער קעניגלעכער פּאַלאַץ און אַלע אַנדערע מלוכה־בנינים.

דער וואונדערשיינער זיגוראַט־טעמפּל איז אויך געבויט געוואָרן פון ליים־געבאַקענע ציגל. אָבער אינערלעך און אויסערלעך זיינען די ווענט געווען באַדעקט מיט טייערע שטיינער און געגלייזטע ציגל פון אַלערליי קאָלירן. די באַגלייזטע ווענט האָבן צעלויכטן די זון־שטראַלן און זיי צעשאָטן אין אַלע רעגנבויגן־קאָלירן ווייט אַרום.

די סומעריער האָבן פאַרהייליקט די בערג, וועמענס שפּיצן עס ציען זיך הויך צו די געטער, און זיי האָבן געבויט זייערע טעמפּלען אין דער פאָרעם פון אַ באַרג. דער זיגוראַט־טעמפּל איז געשטאַנען אויף אַ ברייטן און מאַסיוון פונדאַמענט, און וואָס העכער אַלץ שמעלער איז ער געווען, ביז

ער האָט דערגרייכט אַ שמאָלן פונקט גאָר אין דער הויך, „נאָענט צום הימל". אויפן באַרגיקן בנין זיינען געווען טעראַסן און אויף זיי זיינען געהאָנגען פאַרשידנפאַרביקע בלומען־גערטנער. פונדערווייטנס האָט דער טעמפּל אויסגעזען ווי אַ קינסטלעך־געמאַכטער בלומען־באַרג. אויף דער העכסטער טעראַסע איז געשטאַנען דער „קדשי־קדשים", וואו ס'איז געשטאַנען די סטאַטוע פון דעם לבנה־גאָט נאַנאַר. אין אַ דערבייאיקן צימער האָט געוואוינט „גאָט'ס פרוי", וואָס איז „געהייליקט" געוואָרן פון העכסטן פּריסטער. דאָס איז געווען די גרעסטע זכיה פאַר אַ סומערישער פרוי און איז אַלעמאָל צוגעטיילט געוואָרן צום קעניג'ס טאָכטער, אָדער צו איינער פון אַן אַנדער אַדעליקער משפחה. אין זייטיקע צימערן האָבן געלעבט די „קדושות", די הייליקע זונות.

דער כהן־גדול פון טעמפּל איז געווען גאָט'ס פאָרשטייער אויף דער ערד. אַ גרויסער טייל פון אַלע לענדערייען אין סומער האָט „באַלאַנגט צו גאָט", און דער העכסטער פּריסטער איז געווען דער אַרענדאַר, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ פאַרמיטלער צווישן גאָט און זיין פאָלק. ער האָט פאַרוואַלטעט מיט גאָט'ס לענדערייען און זיי פאַרדונגען צו די אָרעמע פּויערים, וועלכע האָבן געדאַרפט צוריקצאָלן מיטן גרעסטן חלק פון זייערע ערד־פּראָדוקטן. ער איז אויך געווען דער הערשער איבער אַ גרויסער מחנה פון עטלעכע קלאַסן קלענערע פּריסטערס: 1) די קאַלו־פּריסטערס, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיטן מוזיקאַלישן טייל פון טעמפּל. זייער הויפּט־אויפגאַבע איז געווען „ווייך צו מאַכן די הערצער פון די גרויסע געטער" מיט תּפילות־געזאַנגען, הייליקע לידער אין דער באַגלייטונג פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, ווי האַרפן, פּויקן און טאַצן. 2) מאַושמאַשו־און־אַשיפּו־פּריסטערס, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען צו פאַרטרייבן בייזע רוחות דורך זאָגן פאַרשיידענע שפּרוכן. 3) באַרו־פּריסטערס, וואָס האָבן פאָראויסגעזען געשעענישן און האָבן באַשיידן חלומות (פּותר־חלום געווען). אָט־די פּריסטערס האָבן אַלעמאָל באַגלייט דעם קעניג אין די מלחמות און אים פאָראויסגעזאָגט אַ זיג אָדער מפּלה. 4) און די קאַדישטו־פּריסטערינס (קדושות), וואָס האָבן דורכגעפירט אין טעמפּל די „געהייליקטע ריטואַלן".

די פייערלעכקייטן אין נאַנאַר־טעמפּל, די הייליקע פּראָצעסיעס, די קרבנות־פלאַמען און די תּפילות־געזאַנגען האָבן, באַגלייט פון האַרפן, פּויקן און פלייטן, אָפּט אַריינגעוואָרפן דעם ברייטן עולם אין אַ ווילדן עקסטאַז. מענער, פרויען און קינדער האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין אויסטערלישע טענץ, אויפרייצנדיקע באַוועגונגען און האַרצרייסנדיקע קולות.

אַברהם איז געבליבן גלייכגילטיק צו דער צעטומלטער התלהבות. אַברהמ'ס געניאַלער מוח און אומרואיקער גייסט האָבן נישט געקאָנט שלום־מאַכן מיט די אומווירדיקייטן, וואָס ער האָט געזען צווישן די געטער אין „גאָט'ס הויז", און די ליידן, וואָס ער האָט געזען צווישן די מענטשן אין גאַס. ער האָט אין טעמפּל געזען קעניגלעכע משרתים, רייכע מאַגנאַטן און

צעלאָזענע פּריסטערס, און אין גאַס האָט ער באַגעגנט אַן אונטערדריקט פאָלק, פאַרפּייניקטע שקלאַפן און בלינד־גלויביקע קנעכט.

בכלל האָט אַברהם געהאַט אַלע אורזאַכן צו זיין צופרידן מיט זיין אייגענעם מזל. ער איז געווען אַ זון פון דער הויכער אַריסטאָקראַטיע פון זיין לאַנד. ער איז געגאַנגען אין אַ טעמפּל־שול און געלערנט צוזאַמען מיט אַלע רייכע קינדער פון שטאָט; ער האָט געהאַט אַלע באַקוועמלעכקייטן אין זיין פאָטער׳ס רייכן הויז; געלעבט אין אַ לאַנד מיט אַ הויכער קולטור און אַ הויך־אַנטוויקלטער ציוויליזאַציע. ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין זיינע לימודים, זיינע עלטערן און די גאַנצע משפחה האָבן אים ליב געהאַט. אַלע האָבן געהאָפט, אַז ער וועט דערגרייכן אַ הויכע פּאָזיציע אין דער סומערישער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט. ער וועט זיין אַ גייסטלעכער אין איינעם פון די טעמפּלען, אָדער אַ גרויסער מיליטערישער פירער, גלייך ווי זיין פאָטער.

אַברהם איז אָבער אַלעמאָל אַרומגעגאַנגען אַן אומרואיקער, אַ דערצאָרנטער. אומעטום האָט ער געזען די געפאַלנקייט פון מענטשן, די ליידן פון די אונטערדריקטע און די רשעות פון די אונטערדריקער.

אַברהם האָט געזען דעם זיגוראַט־טעמפּל, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן טויער, און אינעווייניק, אין טעמפּל־הויף, זיינען געשטאַנען גרויסע סקלאַדן אָנגעפילט מיט כלערליי מלחמה־מכשירים. דער גאָט ענליל איז נישט נאָר געווען דער גאָט פון די סומעריער, נאָר אויך דער פאַקטישער הערשער איבער אַ גרויסער אימפּעריע, און ער האָט דערפאַר געדאַרפט אויסהאַלטן אַ שטענדיקע אַרמיי. דאָ זיינען אויך געווען שפּייכלערס מיט שפּייז פאַר דער טעמפּל־אַרמיי און פאַר אַ גרויסער צאָל פּריסטערס און פּריסטערינס, וואָס דער טעמפּל האָט באַשעפטיקט.

אין דעם טעמפּל־הויף זיינען אויך געשטאַנען לאַנגע רייען געביידעס, וואו ס׳זיינען געזאַמלט געוואָרן אַלע צינזן־אָפּצאָלונגען און סתם־מתנות, וואָס דאָס פאָלק האָט געבראַכט פאַר זיינע געטער און פאַר זייער קעניג.

דער טעמפּל האָט גלייכצייטיק געדינט סיי ווי אַ מקום־קדוש פאַר די געטער, און סיי ווי אַ פאַרצווייגטער פאַבריק־צענטער פאַר דער מלוכה. אין די לאַנגע געביידעס זיינען געזעסן טויזנטער אַרבעטער און שקלאַפן און האָבן פון רויען מאַטעריאַל אויסגעאַרבעט פאַרשיידענע סחורות. די פּראָדוקטן זיינען צעשיקט און פאַרקויפט געוואָרן איבער ווייטע לענדער.

אין צפון־מזרח פון טעמפּל האָט זיך געצויגן אַ בריק איבער אַ קאַנאַל, און איז געגאַנגען אַרויף־צו ביז צום טויער, וואָס האָט געפירט צו די אינערלעכע אָפּטיילונגען פון די טעמפּל־שפּייכלערס.

אַברהם האָט זיך אָפט אָפּגעשטעלט נישט ווייט פון בריק און צוגעזען ווי לאַנגע פּראָצעסיעס פון אָרעמע פויערים זיינען געקומען פון נאָענט און פון ווייט און געפירט אייזלען, אָנגעלאָדענע מיט אַלערליי מתנות פאַרן טעמפּל און פאַר די פּריסטערס: רינדער, שעפּסן, ציגן און אַנדערע בהמות

מקריב צו זיין צום גאָט נאַנאַר. זיי האָבן אויך געטראָגן פאַרשיידענע פּראָ־דוקטן.

די אָרעמע ערד־אַרבעטער האָבן געבראַכט זעק מיט גערשטן, קרוגן מיט מילך, פּעקלעך מיט קעז און אַנדערע שפּייזן. די פאַרמעגלעכע פּויערים און הענדלער האָבן געבראַכט זילבער, קופּער, וואָל און לייוונט. עס זיינען גע־קומען שיפן מיט געהילץ און עלפאַנטביין פון ווייטע לענדער צו באַצאָלן צינזן און אויסדריקן אונטערטעניקייט צום קעניג פון דער אימפּעריע.

ביים טויער זיינען אויף ביידע זייטן געשטאַנען סעקרעטאַרן, וואָס האָבן געוואויגן און געמאָסטן אַלע מתנות און אַלץ פאַרצייכנט אויף די ליים־טאָוולען. יעדער באַזוכער האָט באַקומען אַ ליים־טאָוול, אויף וועלכן ס׳איז געווען אויפ־געצייכנט אַ קבלה פאַר זיין מתנה.

אַברהם פלעגט אָוועקגיין פון בריק אַ דערשלאָגענער מיט אַ געפיל פון דערנידערונג. די פּריסטערס רעדן־איין דעם פאָלק, אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן צו ברענגען מתנות, קרבנות צו גאָט, צו זיין אונטערטעניק דעם קעניג און צו זיין אַ שקלאַף ביי זיין אונטערדריקער. זיי דערציילן מיט אַ טאָן פון זיכערקייט, אַז די געטער אין הימל פירן זיך אויפן זעלבן שטייגער, ווי די מענטשן אויף דער ערד. יעדע שטאָט האָט איר אייגענעם גאָט אין הימל, און יעדער גאָט האָט זיין פאַרטרעטער, וואָס פאַרוואַלטעט מיט זיין פאַרמעגן אויף דער ערד. אייניקע שטעט האָבן עטלעכע געטער, וואָס דינען לאָקאַלע טיילן פון שטאָט, אָבער דער שטאָט־גאָט איז דער הערשער איבער אַלע קלענערע געטער. דער גאָט פון דער גרעסטער שטאָט איז דער העכסטער גאָט פון לאַנד, און זיין „ענסי" איז דער הויפּט־פאַרוואַלטער איבערן גאַנצן מענטשלעכן פאַרמעגן איבערן לאַנד. דער „ענסי" האָט אויך אויפזעערס, וואָס גיבן אַכטונג, אַז ער זאָל אומעטום קריגן זיין חלק פונעם פאָלקס שווע־רער אַרבעט. דער אויפזעער איבער די פישער־לייט נעמט ביי זיי צו אַ גרויסן טייל פון די אַרויסגעצויגענע פיש; דער אויפזעער איבער די פאַס־טעכער פאַרנעמט אַ גרויסן טייל שעפסן, און דער אויפזעער איבער די האַנט־ווערקער נעמט ביי זיי צו זייער געצייג און לאָזט זיי ברויטלאָז. יעדער גאָט האָט זיין אייגענעם טעמפּל, אַרומגערינגלט מיט גרויסע שטרעקעס לאַנד. יעדער טעמפּל האָט זיינע אייגענע שקלאַפן, וואָס אַרבעטן פאַרן שטיקל ברויט, און וואַסאַלן, וואָס באַאַרבעטן די גרויסע שטרעקעס לאַנד, וואָס באַלאַנגען צום טעמפּל.

אַברהם האָט דערציילט זיינע חברים, אַז ס׳זיינען דאָ הערשער, וואָס מאַכן בלינד זייערע מלחמה־געפאַנגענע שקלאַפן, זיי זאָלן נישט קאָנען אַנט־לויפן און שטעלן זיי אָוועק אין פעלד, ווי חיות צו באַוואַסערן די פעלדער. זיי גיבן די בלינדע שקלאַפן נאָר אַזויפיל שפּייז, וויפל ס׳איז נויטיק זיי צו דער־האַלטן ביים לעבן. אַברהם האָט געזען, ווי אַלע מענטשן פון מאַכט און אייג־פלוס פייניקן דעם געפאַלענעם, דעם אָרעמאַן, דעם יתום, די אלמנה, און

נעמען ביי זיי צו, אויף איין אופן אָדער אַן אַנדערן, דאָס ביסל וואָס ס׳איז זיי פאַרבליבן.

אָט דער טרויעריקער מצב פון סומערישן פאָלק האָט אויפגעוועקט ביי אַברהמ׳ס צוהערער צוערשט אַ געפיל פון מיטלייד פאַר די ליידנדיקע און דערנאָך אַ רעגונג פון פּראָטעסט און רעוואָלט. זיי האָבן אייגנטלעך אַלץ פריער אַליין געזען, אָבער זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט פאַרטראַכט וועגן דעם. דער גרויסער אונטערשייד אין דעם לעבן פון די הויכע שיכטן און דעם ברייטן פאָלק האָט אויסגעזען אַזוי געוויינלעך און נאַטירלעך ביז ס׳איז גע־קומען אַברהם און אין בולט׳ע קאָלירן פאַר זיי געמאָלן דעם כאַאָטישן צו־שטאַנד צווישן זייערע געטער און דער אומ׳יושר׳דיקער צעטיילונג צווישן מענטש און מענטש.

אַברהם איז שוין ביז דעמאָלט געהאַט דורכגעאַנגען מיט זיינע חברים די געשיכטע פון די סומעריער, די געשעענישן מיט די „בני־נח" און די וואַנדערונגען פון די „בני־שם", אָבער זיי האָבן נאָך ווייניק געוואוסט וועגן די „בני־עבר"־שבטים פון וועלכע זיי האָבן געשטאַמט. דאָ איז אַברהמ׳ען געקומען צו־הילף זיין פאָטער תרח, וועלכער האָט פון זיינע קינדער־יאָרן נאָך געדענקט די מעשה׳לעך וואָס זיין פאָטער נחור האָט אים דערציילט וועגן זייער שטאַם־פאָטער עבר און וועגן זיינע קינדער — די „בני־עבר".



דער זיגוראַט־טעמפּל אין אור־כשדים (רעקאָנסטרואירט)

וּלְשֵׁ֥ם יֻלַּ֖ד גַּם־ה֑וּא אֲבִי֙ כָּל־בְּנֵי־עֵ֔בֶר אֲחִ֖י יֶ֥פֶת הַגָּדֽוֹל׃
בְּנֵ֥י שֵׁ֖ם עֵילָ֣ם וְאַשּׁ֑וּר וְאַרְפַּכְשַׁ֖ד וְל֥וּד וַאֲרָֽם׃ וּבְנֵ֖י אֲרָ֑ם
ע֥וּץ וְח֖וּל וְגֶ֥תֶר וָמַֽשׁ׃ וְאַרְפַּכְשַׁ֖ד יָלַ֣ד אֶת־שָׁ֑לַח וְשֶׁ֖לַח
יָלַ֥ד אֶת־עֵֽבֶר׃ וּלְעֵ֥בֶר יֻלַּ֖ד שְׁנֵ֣י בָנִ֑ים שֵׁ֣ם הָֽאֶחָ֞ד פֶּ֗לֶג
כִּ֤י בְיָמָיו֙ נִפְלְגָ֣ה הָאָ֔רֶץ וְשֵׁ֥ם אָחִ֖יו יָקְטָֽן׃

און ביי שם, דעם פאָטער פון אַלע קינדער פון עבר, דעם עלטערן ברו־דער פון יפת׳ן, אויך ביי אים זיי־נען געבאָרן געוואָרן קינדער. די זין פון שמ׳ען זיינען געווען: עילם, און אשור, און ארפכשד, און לוד, און ארם. און די זין פון ארמ׳ען: עוץ, און חול, און גתר, און מש. און ארפכשד האָט געבאָרן שלח׳ן, און שלח האָט געבאָרן עבר׳ן, און ביי עבר׳ן זיינען געבאָרן געוואָרן צוויי זין: דער נאָמען פון איינעם איז געווען פלג, ווייל אין זיינע טעג איז צעטיילט געוואָרן די ערד, און דער נאָמען פון זיין ברודער איז געווען יקטן.

(בראשית, י׳, כ״א)

ד

„בני־עבר" — דער שטאַם־שבט פון עברים־פאָלק

דער איבערוואַנדערונגס־שטראָם פון די שעמיטישע שבטים איבער דער גאַנצער לענג פון „פרוכטבאַרן האַלב־קרייז"[1] האָט דערגרייכט זיין העכסטן פונקט אין די צוויי הונדערט יאָר פאַר אַברהמ׳ס צייטן (22טן און 21טן יאָרהונדערט פק״ר).

צווישן דער גרויסער מאַסע פון שעמיטישע שבטים, וואָס זיינען געקו־מען פון די מדבריות און זיך באַזעצט אין אַרם־נהרים, זיינען אויך געווען די „בני־עבר"־שבטים, וועלכע זיינען געווען באַרימט מיט זייער העלדיש־קייט און מיט זייערע מאָראַלישע מידות. בעת אַנדערע שעמיטישע שבטים האָבן זיך מיט דער צייט איינגעלעבט און אויסגעמישט מיט זייערע שכנים און געדינט אַלערליי פרעמדע געטער, זיינען די בני־עבר אַלעמאָל געבליבן זעלבסטשטענדיק, טריי צו זייערע טראַדיציעס און צו זייערע אייגנאַרטיקע מנהגים. זיי האָבן מיט זיך אומעטום מיטגעטראָגן דעם גלויבן אין אַן „אל עליון", דער העכסטער שבט־גאָט פון זייערע אָבות, און האָבן זיך אויך געקלאַמערט צום „עבר־דיאַלעקט" פון זייערע עלטערן.

תרח האָט דערציילט אַברהמ׳ען אַז דער „שלשלת־היוחסין" פון די „בני־עבר" איז געווען גוט באַוואוסט צווישן די עלטסטע פון זיין משפחה אין חרן און איז אַזוי געגאַנגען:

די „בני־עבר", ווי אַלע אַנדערע שעמיטישע שבטים, שטאַמען פון שמ׳ען, דער זון פון נח[2]. ווען נח׳ס דריי זין האָבן זיך צעטיילט און צעשיידט, איז שם אַוועק אויפן וועג, וואָס דער „גורל" האָט פאַר אים באַשטימט. ער אַליין

האָט שטאַרק אָפּגעהיט נח׳ס זיבן גרונט־געבאָטן און אַלע אַנדערע מצוות, וואָס זיינען מיט זיי פאַרבונדן. שמ׳ס זון ארפכשד און זיין אייניקל שלח האָבן זיך אָבער אָפּגעקערט פון זייערע טראַדיציעס, פאַרגעסן אָן נח׳ס געבאָטן, און געדינט פרעמדע געטער.

דער אמת׳ער יורש פון שמ׳ס געטלעכע מידות האָט זיך ערשט ווידער באַוויזן אין פערטן דור. עבר, דער זון פון שלח, האָט צוריקגעבראַכט צו זיין שבט און איינגעוואָרצלט אין זיינע קינדער די הויכע מאָראַלישע גע־באָטן און מנהגים פון זיינע אור־עלטערן און פון זייער שבט־גאָט.

עבר האָט גע׳ירש׳נט אַלע גייסטיקע אייגנשאַפטן פון זיינע אָבות נח און שם, איז געגאַנגען אין זייערע דרכים, אָפּגעהיט זייערע שיינע מידות און נאָכגעפאָלגט זייערע גוטע מעשים. ער האָט גע׳שמ׳ט צו זיין אַ קלוגער און גאָטפאָרכטיקער פאַטריאַרך. מלכים און פירשטן זיינען צו אים געקומען צו שעפּן פון זיין חכמה און וויסן. ער האָט אויפגעשטעלט ישיבות (שולן), וואו ער האָט מיט זיינע תלמידים געלערנט געטלעכקייט, גערעכטע געזעצן און מאָראַלישע מידות, און זיי צוגעגרייט צו זיין כהנים אין די טעמפּלען פון די „בני־שם״. די פאַטריאַרכן פון אַנדערע שבטים האָבן געשיקט זייערע קינדער אין עבר׳ס הויך־שולן זיך אָנצוזאַפּן מיט זיין פילזייטיקן וויסן.

אויסער דער גייסטיקער ירושה, וואָס איז אים געבליבן פון זיינע אָבות, האָט עבר אַליין מתקן־געווען וויכטיקע תקנות וועגן עטישע אויפפירונגען צווישן מענטש און מענטש און וועגן הייליקע מנהגים, וואָס פאַרבינדן דעם מענטשן מיט זיין גאָט. ער האָט זיין תורה פאַרשריבן אויף ליימענע טאָוולען און זיי זיינען דערנאָך איבערגעגאַנגען פון דור צו דור. עבר׳ס תלמידים האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט גרויס יראַת־הכבוד, און האָבן אים פּשוט פאַרגעטערט. זיין נאָמען, זיינע מידות און זיין לערע זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן אַ סך אַנדערע שעמיטישע שבטים, און זיין רום איז אַזוי אויסגעוואָקסן, אַז אייניקע פרעמדע שבטים האָבן אים באַטראַכט פאַר אַ גאָט און האָבן אויפגעשטעלט טעמפּלען און געדינט צום גאָט „עבר״ [3]. ביי זיינע אייגענע קינדער און קינדס־קינדער איז ער אָבער אַלעמאָל געדענקט געוואָרן ווי דער פאָטער און גרויסער לערער פון די „בני־עבר״־שבטים.

עבר און זיינע קינדער האָבן, ווי אַלע אַנדערע שעמיטישע שבטים, אַרומ־געוואַנדערט אַ לאַנגע צייט צווישן די „אָאַזיסן״ אין מדבר און די לענדער אַרום די מדבריות. וואו נאָר זיי האָבן געפונען פּאַשע צו פיטערן זייערע סטאַדעס, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און געלעבט אַ רואיק און פרידלעך לעבן. ווען די ערד אַרום זיי איז מאָגער געוואָרן, האָבן זיי צונויפגעלייגט זייערע געצעלטן און ווייטער געוואַנדערט. זייערע באַציאונגען מיט די שכניש׳ע שבטים זיינען אַלעמאָל געווען פרידלעכע. זיי האָבן קיינמאָל נישט פאַרכאַפּט קיין פרעמדע לענדערייען און קיינמאָל נישט געראַבעוועט קיין פרעמדן פאַרמעגן.

ביי עבר'ן זיינען געבוירן געוואָרן צוויי זין. איינעם האָט ער גערופן פלג (צעטיילן), ווייל אין יענע טעג האָבן זיך אַ סך שבטים אין מדבר צעטיילט און פאַנאַנדערגעגאַנגען. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען די מדבר־פעלקער האָבן אויפגעוואַקסט. זיי זיינען מיד געוואָרן פון אייביקן וואַנדערן און פון אָרעמען מדבר־לעבן. צו זיי זיינען דערגאַנגען קלאַנגען וועגן פרוכטבאַרן באָדן צווישן די טייכן פרת און חדקל, אין מזרח, און אַרום דעם ים־הגדול, אין מערב [4]. דעם צווייטן זון האָט עבר גערופן יקטן (קליין), ווייל ער איז געבוירן געוואָרן אַ שוואַכער און מיט ווייניק אונטערנעמונגס־גייסט.

אַלע עבר'ס קינדער האָבן טייער געהאַלטן די ירושה פון זייערע אָבות, שם און עבר. זיי זיינען באַוואונדערט געוואָרן פון די אַנדערע שעמיטישע שבטים פאַר זייער אָרנטלעכער אויפפירונג, אייגנאַרטיקע מנהגים, ברידער־לעכע ליבע פון איינעם צום צווייטן און פריינטלעכע באַציאונגען מיט זייערע שכנים. נאָך אין די טעג פון זייערע וואַנדערונגען האָבן זיי אויפגעשטעלט „שם־ועבר"־שולן, וואו זיי האָבן מיט זייערע קינדער געלערנט די „זיבן נח'ס געבאָטן" און אַלע אַנדערע עטישע געזעצן, וואָס שם און עבר האָבן צוזאַ־מענגעקליבן און זיי פאַרצייכנט אויף לוחות.

די „בני־עבר" זיינען אין דערזעלבער צייט געווען באַוואוסט ווי רודפי־שלום, וואו נאָר ס'איז מעגלעך געווען, און ווי העלדישע קריגער, ווען זיי האָבן זיך געמוזט פאַרטיידיקן.

די צוויי ברידער, פלג און יקטן, זיינען עלטער געוואָרן און אויפגעשטעלט זייערע אייגענע משפחות און זיך איינגעשאַפט אייגענע סטאַדעס פון שאָף און רינדער. דעמאָלט האָט זיך איבערגע'חזר'ט די אַלטע געשיכטע. ס'איז געוואָרן ווייניק פאַשע פאַר אַלע סטאַדעס, האָבן די ברידער זיך געמוזט צעטיילן און פאַנאַנדערגיין אין פאַרשיידענע ריכטונגען.

האָט יקטן געזאָגט צו פלג'ן: — לאָמיר אַלע צוזאַמען אַוועקוואַנדערן צו די ברעגן פון ים־הגדול, אַ לאַנד פון אייביקן זון־שיין. דאָרט, זאָגט מען, איז די ערד פרוכטבאַר, וואַסער איז דאָ גענוג. דאָרט קאָנען מיר אַלע זיך איינאָרדענען אויפן לאַנד, בויען דערפער און שטעט און געפינען נייע מיטלען צו שפייזן אונזערע משפחות און פיטערן אונזערע סטאַדעס.

פלג האָט גע'טענה'ט צו זיין ברודער: — מיר זיינען דערצויגן געוואָרן, ווי אַ פריי וואַנדער־פאָלק, און מיר וועלן זיך נישט קאָנען איינלעבן מיט די שטאָטישע מנהגים; מיר וועלן זיך נישט קאָנען אונטערוואַרפן די שטרענגע געזעצן פון די שטאָטישע הערשער. מיר האָבן אונזערע אייגענע טראַדיציעס און מידות. זיי זיינען אַ ירושה פון אונזער עלטער־זיידן, שם, און פון אונזער פאָטער עבר. מיר האָבן געהערט, אַז אין לאַנד פון די צוויי טייכן, אין אַרם־נהרים, איז די ערד זייער פרוכטבאַר. דאָס איז אַ לאַנד, וואָס איז איבערגע־שניטן מיט לאַנגע און רוישיקע טייכן, מיט לאַנגע און ברייטע שטרעקעס, פלאַכע פליינען, וואו די ערד איז פעט און רייך מיט אַ סך פאַשע. דורכוואַנ־

דערער, וואָס זיינען געקומען פון יענע מקומות, דערציילן וועגן אַ סך פּעל־קער, וואָס האָבן אַהין איינגעוואַנדערט פון ווייטע מזרח־לענדער און דאָרט געפונען אַ מקום־מנוחה. אַ סך פון אונזערע אייגענע שבטים זיינען אַוועק צום מזרח און דאָרט געפונען פריי לאַנד. אַ צייט האָבן זיי אַרומגעוואַנדערט און שפּעטער זיך דאָרט באַזעצט און אַנטוויקלט. אונזער וועג דאַרף אויך זיין צו מזרח.

יקטן האָט זיך אָבער געהאַלטן ביים זייניקן. ער האָט גע׳טענה׳ט:

— אונזערע טראַדיציעס און לעבן־שטייגער וועלן מיר קאָנען בעסער אָנ־האַלטן, אויב מיר וועלן ציען צוריק צום מערב, צום אָרט, וואָס איז אונזערס לויט דער צעטיילונג, וואָס אונזער עלטער־זיידע נח האָט געמאַכט אין נאָמען פון זיין גאָט. אין מערב איז דאָס לאַנד, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן צו די בני־שם, דאָרט איז דאָס לאַנד, וואו אַ סך פון אונזערע שבטים לעבן, און דאָרט איז די ערד אויך רייך און פעט, און אונזערע קינדער וועלן זיך באַזעצן און אויפבויען אַ שטענדיקע היים.

אַזוי לאַנג ווי עבר האָט געלעבט, האָט ער מיט זיין פּאַטערלעכער אוי־טאָריטעט און מיט זיין קלוגער האַנדלונג צוזאַמענגעהאַלטן די גאַנצע משפחה. ווען עבר איז געשטאָרבן, זיינען זיך זיינע צוויי זין צעגאַנגען.

דער יקטן־צוויג פון עבר־שבט איז אַוועק צו מערב, אויפן וועג צום ים־הגדול, און דער פלג־צוויג פון עבר־שבט האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו מזרח, אויפן וועג צו די טייכן פרת און חדקל.

אַזוי זיינען די קינדער פון עבר צעטיילט געוואָרן אין צוויי באַזונדערע מחנות.ביידע ברידער האָבן אָבער זייער אַ לאַנגע צייט אָנגעהאַלטן גייס־טיקע פאַרבינדונגען איינער מיטן צווייטן. סיי דער יקטן־צוויג, סיי די פלג־מחנה האָבן געצויגן זייער שלשלת־היוחסין פון זייערע באַרימטע אָבות: נח, שם און עבר. ביידע מחנות האָבן זיך גערופן „בני־עבר", און זיינען געווען שטאָלץ מיט זייער אָפּשטאַם. ביידע שבטים האָבן גערעדט דעמזעלבן עבר־דיאַלעקט, האָבן געדינט צום זעלבן שבט־גאָט, און האָבן בכלל אָנגע־האַלטן אַלע שיינע טראַדיציעס, וואָס האָבן געגעבן אַזויפיל כבוד דער „שם־ועבר"־דינאַסטיע. אַלע „בני־עבר" זיינען געבליבן שטאָלצע, העלדישע, פרייע מענטשן, האָבן זיך נישט געלאָזט באַאיינפלוסן פון פרעמדע קולטורן, און האָבן צוריקגעשטויסן יעדן מין אונטערדריקונג מצד פרעמדע הערשער.

וועגן דעם פלג־צוויג פון די „בני־עבר"־שבטים האָט אַברהם שוין גע־פונען פאַרצייכענונגען אויף טאָוולען (לוחות) אין דער טעמפּל־ביבליאָטעק פון אור. דאָרט איז דערציילט געוואָרן, אַז שוין אין די אַלטע צייט האָבן שעמיטישע שבטים אַרומגעוואַנדערט אויף די פליינען, צווישן די טייכן פרת און חדקל. אין דער צייט פון דער סאַרגאָן־דינאַסטיע האָבן אַהין איינגעוואַנדערט אַ צאָל שעמיטישע שבטים, וואָס זיינען אין פיל פּרטים גע־ווען אינגאַנצן אַנדערש ווי די אַנדערע שעמיטן. זיי זיינען געווען העכער

און קרעפטיקער אין זייער אויסזען, און אידעלער און צוריקגעהאַלטענער אין זייער אויפפירונג.

אונטער דער פירערשאַפט פון זייער קלוגן פּאַטריאַרך פּלג, האָבן זיי באַלד ביי זייער אָנקומען באַוויזן, אַז זיי זיינען שטאָלצע און העלדישע קריגסלייט און גלייכצייטיק אַרבעטזאַמע מענטשן, וואָס זוכן שלום. זיי זיינען געווען געשולטע פאַך־לייט: שמידן, סטאָליאַרעס און מוזיקער. שפּעטער זיינען זיי אויך געוואָרן גוטע ערד־אַרבעטער.

די יורשים פון דער סאַרגאָן־דינאַסטיע זיינען געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פון דער סומערישער קולטור, און האָבן בכלל נישט געהאַלטן זייערע שעמיטישע ברידער, זיי זאָלן קאָנען אָנהאַלטן דעם שעמיטישן לעבנס־שטייגער. להיפוך, זיי האָבן די נייע איינוואַנדערער געטריבן זיך אויסצומישן און צוזאַמענגיסן מיט דער נייער סומער־אַקאַדישער קולטור, דינען די סומערישע געטער און רעדן די סומערישע שפּראַך. דאָס איז די סאַרגאָן־הערשער נישט אָנגעקומען אַזוי גרינג מיט די „בני־עבר"־שבטים. באַלד ביי זייער אָנקומען האָבן זיי געשטעלט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד צו די סאַרגאָן־משרתים. זיי האָבן זיך בשום־אופן נישט געלאָזט אונטערדריקן. דער גאַנצער כאַראַקטער פון די „בני־עבר" און זייערע אייגנאַרטיקע מנהגים זיינען געווען אין קעגנזאַץ צו דער מאַראַל און צו די פירונגען פון די סומעריער און אַקאַדיער. די הערשער האָבן פאַר זיך דערזען אַ נייעם און „געפערלעכן" מין איינוואַנדערער. די „בני־עבר", וועלכע זיי האָבן גערופן „האַבירו", זיינען געווען בראַווע, פרייהייט־ליבנדיקע נאַמאַדן און האָבן פיינט געהאַט קנעכטשאַפט אין וועלכער עס איז פאַרעם.

אַלס ביישפּיל פון זייער אויסגעהאַלטענעם מוט האָט געדינט די געשיכטע וועגן דעם „בני־עבר"־שבט מיטן נאָמען בנימין (בעניאַמין). דער מלך פון לאַנד האָט געשיקט אַ שליח צום פּאַטריאַרך פון שבט בנימין און אים פאַר־אָרדנט, ער זאָל צושיקן צו דער מלוכה אַ פאָלק־ציילונג (צענזוס) פון אַלע מיטגלידער פון שבט. דער שליח האָט אויפגעקלערט דעם פּאַטריאַרך, אַז דער קעניג וויל האָבן אַזאַ ציילונג, ערשטנס כדי צו באַשטימען וויפל חיילות דער שבט איז מחויב צו שיקן אין דער קעניגלעכער אַרמיי, און, צווייטנס, כדי אָפּצושאַצן וויפל צינזן דער בנימין־שבט דאַרף צאָלן צו דער רעגירונג.

דער עלטסטער פון בנימין־שבט האָט געלאָזט וויסן דעם קעניג, אַז זיין שבט האָט בכלל נישט בדעה צו שיקן זיינע מענטשן אין דער קעניגלעכער אַרמיי, ווייל מלחמות זיינען בלוטיק און אכזריות'דיק; און אַז זיין שבט זאָגט זיך אָפּ צו צאָלן צינזן, ווייל ער איז קעגן יעדער פאָרעם פון אונטערדריקונג פון איין פאָלק איבער אַ צווייטן, און זיין שבט וועט בכלל נישט אויספאָלגן דעם קעניגלעכן באַפעל, ווייל ער אָנערקענט נישט דעם מלכ'ס אויבערהערשאַפט.

דער קעניג איז אַריינגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן, אָבער זיינע יועצים

האָבן אים געראָטן זיך נישט אָנצוהויבן מיט אָט־דעם שבט פון מוטיקע קריגער.[5]

די סומעריער הערשער זיינען דערפאַר נישט געווען צו־שטאַרק פאַרליבט אין זייערע נייע שכנים. זיי האָבן געטריבן די „בני־עבר" פון איין אָרט צו אַ צווייטן, און אומעטום האָט מען זיי באַטראַכט ווי „אַמוריטן" (מערב־מענטשן, אַריינדרינגער). די „בני־עבר" שבטים האָבן זיך פאַרטיידיקט קעגן זייערע פאַרפאָלגער מיט יעדן מעגלעכן מיטל. ווען זיי האָבן געקאָנט, האָבן זיי זיך פאַרטיידיקט מיט אייגענע כוחות און אַמאָל זיינען זיי געווען גע־צוואונגען זיך צו פאַרטיידיקן מיט אַנדערע שעמיטישע שבטים. בכלל האָבן אַלע „בני־עבר"־שבטים זיך געהאַלטן צוזאַמען, זיך פאַרטיידיקט צוזאַמען און געהאָלפן איינע די אַנדערע זיך צו באַזעצן און געפינען אַ מקום־מנוחה.

די סומערישע מלכים האָבן פיינט געהאַט די „בני־עבר" און פאַר זיי גלייכצייטיק מורא געהאַט. אויסער די צונעמען „האַבירו", „עפירו" און „אַמורי", האָבן זיי אויך באַשולדיקט די „בני־עבר", אַז זיי זיינען „גזלנים", רויבער, און אַז זיי פאַרקויפן זיך צו דינען אין פרעמדע אַרמייען. אַלע האָבן געוואוסט, אַז דאָס זיינען אַלץ אויסדרוקן פון קנאה־שנאה קעגן די שטאָלצע און פרייהייט־ליבנדע „בני־עבר", וואָס לאָזן זיך נישט אונטער־דריקן.[6]

פלג און זיין „בני־עבר"־שבט האָבן זיך סוף־כל־סוף באַזעצט אויף לאַנד. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין צפון פון אַרם־נהרים, ביים בעליקי־טייך און אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן אין בעליקי־טאָל. דאָס איז געווען ווייט פון סומעריש־אַקאַדישן צענטער, ווייט פון די גרויסע שטעט, דאָס לאַנד איז גע־ווען פריי, און פלג האָט דאָ געמאַכט די שטענדיקע היים פאַר זיינע קינדער.

ביי פלג'ן איז געבוירן געוואָרן אַ זון און ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן רעו, ווייל ער האָט אויף דעם אָרט געפונען גוטע פאַשע פאַר זיינע סטאַדעס (רעו — פאַסטעך, פאַשע־פעלד).

רעו איז אויסגעוואַקסן אַ קלוגער און העלדישער מענטש און איז גע־גאַנגען אין די גוטע וועגן פון זיין פאָטער פלג, און געלעבט אין גייסט פון זיינע עלטער־זיידעס, שם און עבר. אונטער זיין פירערשאַפט האָבן די „בני־עבר" אין אַ קורצער צייט אויפגעשטעלט גרויסע ישובים אין אַלע טיילן פון בעליקי־טאָל, און אויפגעבויט אַ מקום־מקלט, אַ שטענדיקע היים פאַר אַלע „בני־עבר"־וואַנדערער. ער האָט זיין נייע היים אַ נאָמען געגעבן „פדן־אַרם".

ווען תרח האָט געהאַלטן אין דערציילן אַברהמ'ען וועגן זיין עלטער־זיידן רעו, האָט זיך אויף זיין פנים אויסגעגאָסן אַן אָנגענעמער שמייכל. תרח האָט זיך דערמאָנט, וואָס זיין זיידע רעו האָט אים דערציילט: ס'איז געווען אַ צייט, ווען רעו'ס קינדער האָבן אָנגעהויבן גיין אויף זינדיקע וועגן, דינען פרעמדע געטער, זיך אויסמישן מיט געצנדינערישע פעלקער, און ס'איז געווען אַ געפאַר, אַז זיין שבט זאָל אונטערגיין. רעו האָט געבעטן ביי גאָט,

ער זאָל ראַטעווען דעם „שם־ועבר"־שבט פון אונטערגאַנג. האָט רעו געהערט אין חלום אַ געטלעכע שטימע אים זאָגן: „האָב נישט מורא, רעו! אין פערטן דור וועט געבוירן ווערן איינער, וואָס וועט זיין הויז שטעלן העכער פון די העכסטע הייזער. ער וועט זיין אַ גרויסער געלערנטער, ערלעך און זויבער־ריין אין זיינע מעשים. פון אים וועלן אַרויסקומען אַ סך פעלקער, און זיין בונד מיט גאָט וועט קיינמאָל נישט געבראָכן ווערן. זיינע קינדער און קינדס־קינדער וועלן זיך מערן און ווערן אַ געטלעך פאָלק". תרח האָט צוגעלייגט: „זעט אויס, אַז נמרוד׳ס שטערנזעערס זיינען געווען גערעכט".

אַברהם האָט אַ שמייכל־געטאָן און געבעטן זיין פאָטער פאַרצווזעצן די געשיכטע פון די „בני־עבר"־שבטים.

תרח האָט דערציילט:

„רעו׳ס עלטסטער זון האָט געהייסן שרוג, און ביי שרוג׳ן איז געבוירן געוואָרן דיין זיידע נחור. דיין זיידע איז געווען אַ פעאיקער און געלערנטער מענטש, ער האָט גוט געוואוסט די חכמה פון ערד־אַרבעט און אַנטוויקלט נייע מיטלען ווי צו פאַרגרעסערן די פרוכטבאַרקייט פון דער ערד. אַ סך מענטשן האָבן נאָך באַאַרבעט די ערד אויף אַ גאָר פרימיטיוון אופן. זיי פלעגן אויס־שיטן די קערנער אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד און דערוואַרט, אַז זיי זאָלן זיך צעוואַקסן. די קראָען זיינען אָבער געקומען אין טונקעלן בין־השמשות און אויפגעגעסן די קערנער און ס׳איז גאָרנישט געוואַקסן. נחור האָט געלערנט די נייע ערד־אַרבעטער וויאַזוי צו צעאַקערן די ערד, אויס־שיטן די קערנער אין די פאַלדן פון באָדן און דערנאָך זיי צוריק צודעקן מיט ערד.

„אונטער דיין זיידנס קלוגער און פראַקטישער פירערשאַפט האָט זיך פדן־אַרם אַנטוויקלט און אויסגעשפרייט. עס זיינען דאָרט אויסגעבויט גע־וואָרן עטלעכע גרויסע שטעט: נהור, חרן, רעו, שרוג און תרח. פדן־אַרם איז געוואָרן אַ צענטער און אָפרו־אָרט פאַר אַלע קאַראַוואַנען, וואָס האָבן זיך געצויגן פון סומער ביז מצרים און צוריק. נחור האָט דערצויגן זיינע קינדער און געפירט זיין שבט אין דעם גייסט פון זיינע אָבות, שם און עבר".

תרח האָט דערציילט אַברהמ׳ען, אַז אין פדן־אַרם לעבן אַ סך שעמי־טישע שבטים, אָבער די גרויסע מערהייט איז פון דעם „בני־עבר"־אָפשטאַם. זיי לעבן דאָרט ווי אַ פריי פאָלק, רעדן זייער אייגענעם עבר־דיאַלעקט און דינען זייער אייגענעם שבט־גאָט.

תרח האָט פאַרזיכטיק געזאָגט אַברהמ׳ען, אַז אַזוי לאַנג ווי אויפן סו־מערישן טראָן איז געזעסן שולגי, דער צווייטער מלך פון דער „דריטער די־נאַסטיע", איז פדן־אַרם געבליבן טיילווייז פריי, אָבער מיטן אויפשטייג פון אַמאַר־סין איז די לאַגע דאָרט געוואָרן ערגער. אַמאַר־סין האָט פאַרשקלאַפט זיינע אונטעריאָכטע לענדער.

אַמאַר־סין האָט געקיניגט נאָר ניין יאָר און אים האָט גע׳ירש׳נט זיין

ברודער שו־סין (גימל־סין). שו־סין איז געגאַנגען אין זיין ברודער׳ס דרכים. ער האָט פאַרפאָלגט די אַמוריטן (שעמיטישע איינוואָנדערער) און האָט אויפ־געבויט שטאַרקע ווענט זיי ניט אַריינצולאָזן. שו־סין האָט אויך געהערשט נאָר ניין יאָר און אין א׳תשפ״ו נאָך בריאַת־העולם (1974 פק״ר) האָט דעם סומערישן טראָן פאַרנומען איבי־סין, דער פינפטער און לעצטער קעניג פון דער „דריטער דינאַסטיע פון אור״. איבי־סין איז געווען אַ פעאיקער מענטש און געשולטער קריגער, ער איז אָבער געווען יונג, צעלאָזן, פאַר׳שיכור׳ט פון אַלע עולם־הזה׳דיקע פאַרגעניגנס און האָט געהאַט ווייניק געדולד פאַר זיינע קעניגלעכע פליכטן. אָנגעהויבן האָט איבי־סין פירן זיין מלוכה מיט גרויס רעש. ער האָט פאַרשטאַרקט זיינע מיליטערישע כוחות און זיי געשיקט צו פאַרכאַפּן נייע שטעט. ער האָט אויך אויפגעבויט ווענט און פעסטונגען אַרום די שטעט אור און ניפור צו פאַרשפּאַרן דעם וועג פאַר די „אַמוריטן״ (אַמורים), וואָס דאָס האָט געמיינט פאַר דעם כסדר׳דיקן שטראָם פון אייג־וואַנדערנדיקע שעמיטישע שבטים. איבי־סין אַליין איז אָבער געבליבן זיצן אין קעניגלעכן פּאַלאַץ אין אור. ער האָט פאַרבראַכט די טעג און נעכט אין וואוילטאָג און צעלאָזנקייט.

די פאַרדאָרבענע מידות פון קעניגלעכן הויף האָבן געהאַט אַ צעשטערנ־דיקע ווירקונג אויף דער מאָראַל פונעם גאַנצן סומערישן פאָלק. דאָס רייכע און קאָכיקע לעבן פון דער הויפּט־שטאָט אור האָט זיך האַסטיק גענומען קייקלען באַרג־אַראָפּ, און די זיילן פון דער אימפעריע האָבן זיך גענומען טרייסלען. נאָך ערגער איז געוואָרן דער מצב פונעם אָרעמען פאָלק, וואָס האָט געליטן הונגער און נויט. דאָס פאָלק האָט ביסלעכווייז גענומען פאַר־לירן זיין געדולד מיט קעניג׳ס נאַכלעסיקייט, האָט אָבער נישט געהאַט דעם מוט און דעם כח זיך קעגנצושטעלן דער שטאַרקער האַנט פונעם הערשנדיקן קלאַס.

אַברהם איז געווען גוט באַקאַנט מיט די ווילדע ריטואַלן אין די סומע־רישע טעמפּלען, אָבער אַ גאַר צעטרייסלענדיקן רושם האָט אויף אַברהמ׳ען געמאַכט אַ ריטואַל, מיט וועלכן די פּריסטערס פירן זייערע מלכים צו זייער אייביקער רו. וועגן די איינצלהייטן פון אַזאַ קעניגלעכער לוויה האָט ער געהערט פון אַן עלטערן סומערישן פּריסטער, וואָס האָט צוגעזען די לוויה פון דער קעניגין־געטין שוב־אַד.

ווען די יונגע, צויבער־שיינע קעניגין שוב־אַד איז געשטאָרבן, האָט דער טעמפּל פאַר איר איינגעאָרדנט אַן איינדרוקספולע לוויה, ווי עס פּאַסט פאַר אַ קעניגין־געטין. מען האָט די קעניגין אַריינגעלייגט אין אַן אָרון, געמאַכט פון טייערן צעדער־האָלץ. דער אָרון איז געווען באַצירט מיט קינסטלערישע אויסשניצונגען און באַדעקט מיט גאָלד און זילבער און טייערע שטיינער. דער אָרון איז געלעגן אויף אַ גאָלדענעם וואָגן, געשפּאַנט אין ווייסע אייזלען, וואָס זיינען אויך געווען באַפּוצט מיט גאָלדענע דעקעס.

די קעניגין שוב־אַד איז געווען באַצירט מיט טייערע שטיינער, באַזעצט אין גאָלד און זילבער. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ קרוין פון פיינסטן גאָלד מיט אָרנאַמענטן, אויסגעשניצט ווי בלומען פון גאָלד, זילבער און פּערל. פון אירע אויערן זיינען געהאָנגען גרויסע האַלבע רינגען, אויסגעטאָקט פון אַ זעלטענעם, שיינענדיקן גאָלד. איר האַלזבאַנד האָט געפינקלט מיט אַלערליי קאָלירן פון די שיינענדיקסטע שטיינער: לאַזור־שטיין, קארניליען־שטיין, קאַלך־שטיין, פּערלמוטער און געשליפן אַגאַד־גלאָז. דאָס איז אַלץ געווען די אַרבעט פון מייסטער־גאָלדשמידן.

דער אָרון איז געווען אַרומגערינגלט פון דער קעניגינס לייב־דינער, וועלכע זיינען אויך געווען באַפּוצט מיט גאָלד און זילבער און פּערל. נאָכן אָרון איז געגאַנגען דער קעניגינס האַרף־שפּילערין מיט אַ פּערלמוטער־באַצירטער האַרפּע. דערנאָך זיינען געגאַנגען די דינסטן און צום סוף — פינף שטאַרקע שומרים, באַוואָפנט מיט קופּערנע שווערדן.

פינף־און־צוואַנציק דינער און דינסטן זיינען מיטגעגאַנגען מיט דער קעניגין צו באַדינען זי אויך אויף יענער וועלט...

ביים אָפענעם קבר האָבן די פּריסטערס דורכגעפירט אַ סעריע ריטואַלן. דעם אָרון האָט מען אַריינגעפירט אין אַ גרויסער, אויסגעבויטער הייל. די דינער און דינסטן זיינען נאָכגעגאַנגען און זיך אויסגעשטעלט אַרום דער קעניגין אויף זייערע געוויינלעכע פּלעצער, ווי זיי האָבן עס תמיד געטאָן אין פּאַלאַץ, ווען די קעניגין האָט געלעבט.

די האַרף־שפּילערין האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער קעניגין צו שפּילן אירע באַליבטע ניגונים.

די פינף באַוואָפנטע וועכטער האָבן זיך אויסגעשטעלט ביים קבר־אַריינגאַנג, אָפּצוהיטן די קעניגין פון נישט געווינטשטע געסט.

דער עולם האָט געקניט. דער הויפּט־גייסטלעכער האָט אויך געקניט און געזונגען אַ תפילה:[7]

„צום לאַנד פונוואַנען מ'קומט נישט צוריק, צום ערעשקיגאַל־רייך,
האָט אישטאַר, די טאָכטער פון סין, זיך פאַרנומען.
יאָ, די טאָכטער פון סין האָט אַזוי באַשלאָסן —
צום פינצטערן הויז, וואו מ'גייט אַריין און נישט אַרויס;
צום פינצטערן הויז, וואו ס'וואוינט אירקאַלאַ.
צום וועג, פונוואַנען ס'איז נישטאָ קיין שטעג צוריק;
צום הויז, וואו אַריינגייער פאַרלירן דאָס ליכט,
וואו שטויב איז זייער וועג און ליים זייער שפּייז;
וואו זיי זעען נישט קיין ליכט, וואוינען אין פינצטערניש;
וואו איבער טיר און שלאָס איז אויסגעשפּרייט שטויב...“ [8]

נאָך דער תפילה האָט מען פאַרמאַכט די טירן פון קבר. די פינף־און־צוואַנציק באַדינער און דינסטן, און אויך די האַרף־שפּילערין, זיינען אַלע לעבעדיקערהייט באַגראָבן געוואָרן צוזאַמען מיט זייער טויטער קעניגין. זיי

האָבן זי געדאַרפט באַגלייטן און באַדינען אויף יענער וועלט, ווי זיי האָבן עס געטאָן אויף דער וועלט!

ווען אַברהם האָט איבערדערציילט זיינע שול־חברים די געשיכטע וועגן דער „קעניגלעכער לוויה", האָט ער זיך פאַרטראַכט און דערנאָך צו זיי געזאָגט:

— נישט צוליב אַזעלכע פאַרדאַרבענע מעשים האָט גאָט באַשאַפן די וועלט. אין אָנהויב, ווען גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן, האָט ער פאַר אים, ווי פאַר אַלע אַנדערע באַשעפענישן, צוגעגרייט די נויטיקע באַדינגונגען פאַר זיין עקזיסטענץ: ער האָט באַשאַפן די גרינסן און פרוכטן פון גאָט'ס גאָרטן צו עסן; די קוואַלן און טייכן, פון זיי דאָס וואַסער צו טרינקען. די מענטשן האָבן אַרומגעוואַנדערט און געלעבט פון גאָט'ס באַשאַף. זיי האָבן געפיטערט זייערע שאָף און פון זיי געקראָגן מילך פאַר שפייז, וואָל און פעל זיך צו קליידן און צודעקן. די מענטשן האָבן גאָרנישט געדאַרפט פראָדוצירן, זיי האָבן געפונען אַלץ גרייט אין דער נאַטור. קיינער האָט נישט געהאַט קיין פריוואַטע נחלה, קיין אייגן פאַרמעגן. אַלץ האָט באַלאַנגט צו יעדן און צו אַלעמען.

כל־זמן זיי האָבן געלעבט ווי נאָמאַדן, האָבן זיי זיך געהאַלטן צוזאַמען, געלעבט ברידערלעך. די שרעק פאַר די פאַרשיידענע נאַטור־דערשיינונגען, ווי ווינטער און טויט, האָט אין זיי איינגעפלאַנצט אַ געפיל פון אַחדות, פון צוזאַמענלעבן. דאָס פרייע לעבן אויף גאָט'ס ערד האָט זיי געהאַלטן פאַראייניקט, און זיי האָבן געלעבט ווי איין משפחה, אַלע האָבן געזאָרגט פאַר אַלעמען.

מיט דער אַנטוויקלונג פון גרויסע שטעט, פאַרצווייגטן האַנדל, איז אויך געוואָקסן די תאווה פאַר פערזענלעכן רייכטום. מיטן אויפקומען פון פריוואַטע אונטערנעמונגען איז דאָס שותפות'דיקע לעבן פון שבט צעבראָכן געוואָרן און מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו לעבן יעדערער פאַר זיך. די באַפעלקערונג איז צעטיילט געוואָרן אין פאַרשיידענע שיכטן. דער רייכערער טייל באַשטייט פון קעניגלעכע פרינצן, פריסטערס, פאַבריקאַנטן און הענדלער, און דער גרעסטער טייל פון פאָלק באַשטייט פון פרייע פויערים, פישערלייט, שווערע אַרבעטער און שקלאַפן. די סומעריער האָבן אַנטוויקלט אַ הויכע קולטור, אָבער אין דערזעלבער צייט האָט זייער קולטור געבראַכט אַ שאַרפע צעטיילונג אין דער שבט־משפחה: הערשער און אונטערדריקטע, שטאַרקע און שוואַכע, רייכע און אָרעמע, פרייע און שקלאַפן.

אויך די סומערישע געטער האָבן זיך צעטיילט. די רייכע האָבן אויפגעבויט הויכע און רייכע טעמפלען און פאַר זיי אויסגעגאָסן גאָלדענע געטער, און די אָרעמע באַפעלקערונג מוז זיך באַנוגענען מיט אָרעמע געבעט־הייזער, וואו די געטער זיינען אויסגעהאַקט פון שטיין, אָדער אויסגעשניצט פון האָלץ.

די רייכע געטער לעבן צווישן זיך אַליין אויך נישט בשלום. יעדע שטאָט האָט איר אייגענעם הויפּט־גאָט און די מענטשן פירן בלוטיקע מלחמות אין

נאָמען פון זייערע געטער, פאַר מאַכט, הערשאַפט און רייכטום, און ברידער פאַרגיסן בלוט פון זייערע ברידער.

אַברהם האָט פאַר זיינע חברים געלייענט אַ טאַוול, וואָס ער האָט געפונען אין זיין פאָטער׳ס זאַמלונג: „און הבל איז געווען אַ פּאַסטעך פון שאָף און געפאַשעט זיין סטאַדע אין שותפות מיט די סטאַדעס פון זיינע ברידער־פּאַס־טעכער. אַלע האָבן זיך דערנערט פון גאָט׳ס פּאַרטיקן באַשאַף. און קין איז געווען אַן ערד־אייגנטימער און באַאַרבעט זיין לאַנד פאַר זיך אַליין... האָט קין געבראַכט פון די פרוכט פון דער ערד אַ קרבן צו גאָט. און הבל האָט געבראַכט פון די ערשטלינגע פון זיינע שאָף. גאָט האָט זיך געקערט צו הבל׳ן און צו זיין קרבן, און צו קין׳ען און צו זיין קרבן האָט ער זיך נישט געקערט... און עס איז געשען ווען קין און הבל זיינען געווען אין פעלד, איז קין אויפגעשטאַנען קעגן זיין ברודער הבל׳ן און האָט אים דער׳הרג׳עט. האָט גאָט געזאָגט צו קין׳ען: — וואָס האָסטו געטאָן? דאָס קול פון דיין ברודער׳ס בלוט שרייט צו מיר פון דער ערד, וואָס האָט אויפגעמאַכט איר מויל צוצונעמען דיין ברודער׳ס בלוט פון דיין האַנט״*.

***

די פּיין און די נויט פון אָרעמען פאָלק האָבן צעברויזט דעם געטלעכן גייסט אין אַברהמ׳ס נשמה. די זינדיקע הערשער, די פאַלשע געטער, די משונה׳דיקע ריטואַלן און די פאַרדאַרבענע פּריסטערס האָבן אין אַברהמ׳ען צעעפנט אַלע קוואַלן פון צער און צאַרן. די פונקען פון ווידערשטאַנד און רעוואָלט, וואָס האָבן שוין לאַנג געטליט אין אַברהמ׳ס האַרץ, האָבן זיך איצט צעפלאַקערט און צעפלאַמט. ס׳איז פאַר אַברהמ׳ען קלאָר געוואָרן, אַז די פיל־געטעריי איז נישט נאָר דער מקור פון זינד און פאַרדאָרבנקייט, נאָר אויך די אמת׳ע סיבה פון אַלע בלוטיקע מלחמות צווישן די פעלקער. די מענטשן זיינען מקריב פאַר זייערע געטער און טעמפלען. די קנאה צווישן די געטער וועקט אומזיסטיקע שנאה צווישן מענטשן, און רופט ביי זיי אַרויס אַ פאַרערונג פאַר קאַמף, זיג, מאָרד, בלוט און פאַרניכטונג. די געטער האָבן די וועלט נישט באַשאַפן, אָבער זיי קאָנען זי חרוב מאַכן. די וועלט איז אויפן ראַנד פון תהום און אונטערגאַנג.

אַברהם האָט אויך געהערט דעם צער־און־צאַרן פון פאָלק אין דעם געזאַנג, וואָס אַ סומערישער פאָלקס־דיכטער האָט אויסגעווייטיקט אין זיין תפילה „ווי לאַנג?״:

„ווי לאַנג, מיין גאָט,
ווי לאַנג, מיין געטין, ביז דו וועסט
אומקערן דיין פּנים צו מיר?
ווי לאַנג, דערקענטער און אומבאַקאַנטער גאָט, ביז דער צאָרן
אין דיין האַרץ וועט זיך באַרואיקן?

די מענטשהייט איז צעטומלט און הילפלאָז:
זיי וויסן נישט וואָס ס׳איז גוט און וואָס ס׳איז שלעכט;
אָ, גאָט, פאַרשטויס נישט דיין קנעכט,
ער זינקט אין אַ זומפּ. שטרעק אים אויס דיין האַנט.
די זינד, וואָס איך האָב געזינדיקט, פאַרוואַנדל אין רחמנות.
די אומגערעכטיקייטן, וואָס איך בין באַגאַנגען, זאָל דער ווינט פאַרטראָגן;
די עבירות, וואָס איך טראָג אויף זיך, רייס אַרונטער, ווי אַ קלייד;
מיין גאָט, מיינע זינד זיינען זיבן מאָל זיבן, פאַרגיב מיר מיינע זינד;
פאַרגיב מיר מיינע זינד, און איך וועל זיך בייגן און קניען פאַר דיר.
מעג דיין האַרץ, ווי דאָס האַרץ פון אַ מוטער, וואָס האָט געבוירן
אַ קינד, זיין מזל מיט פרייד;
ווי אַ מוטער, וואָס האָט געבוירן קינדער און, ווי אַ פאָטער,
וואָס האָט זיי באַפרוכפּערט, זאָל דיין
האַרץ זיין פול מיט פרייד.
מיין געטין, מיינע זינד זיינען זיבן מאָל זיבן, פאַרגיב מיר מיינע זינד״ [10].

***

פון זיין פריסטער יוגנט האָט אַברהם געזוכט און געפאָרשט דעם יסוד פון וועלט־באַשאַף, צו באַנעמען און דערקענען דעם אמת׳ן גאָט, זיך צו דער־גרונטעוון אין דער נשמה פון מענטשן און פאַרשטיין די שייכות צווישן גאָט און מענטש.

אַברהם האָט זיך באַקאַנט און געפאָרשט די גלויבנס און ריטואַלן פון די טעמפּלען אין סומער, אַקאַדיע, אַסיריע און מצרים; מיט אַלע קאָמפּליצירטע געטער־פּאַנטעאָנען פון גרויסע און קליינע פעלקער. ער האָט געוואוסט, אַז די געצנדינער פאַרגעטערן כלערליי קעגנשטאַנדן: חיות, בהמות, פייגל און געוויקסן. ער האָט אין רייכע טעמפּלען געזען געטער אויסגעגאָסן פון גאָלד, זילבער, קופּער און בראָנז, און אין די אָרעמע געבעט־הייזער האָט ער געזען ווי מענטשן קניען און בעטן צו געטער, אויסגעהאַקט פון שטיין, אויסגעשניצט פון האָלץ און אויסגעקנאָטן פון ליים.

אַברהם האָט אַרומגעבלאָנדזשעט ביי די ברעגן פון טייך פרת און געזוכט גאָט אין די הימלען, אין די שטערן, אויף די הויכע בערג און אין די טיפע טאָלן. ער האָט געזוכט און געפאָרשט, געגאַנגען פון גערדאַנק צו געדאַנק, פון שטאַפּל צו שטאַפּל, און אין זיין מוח האָט זיך סוף־כל־סוף צעלויכטן אַ שטראַ־לנדיק ליכט, וואָס האָט אים געוויזן דעם וועג צו דער דערקענטעניש פון אַן איינציקן אַלמעכטיקן גאָט, וואָס האָט באַשאַפן הימל און ערד און אַלץ וואָס איז אין זיי. ער האָט דערזען דעם אומזעבאַרן גאָט און באַגריפן זיינע אומ־באַקאַנטע אייגנשאַפטן. זיין באַרוף מוז זיין „אחד״ — איין גאָט, איין וועלט און איין מענטשהייט.

די „אחד״־אידייע האָט צעשטראַלט אַברהמ׳ס געמיט. מיט דעם איינ־

ציקן וואָרט „אחד" וועט ער באַקאַנט מאַכן צווישן די פעלקער די איינציקייט פון גאָט, די איינזיקייט פון אוניווערז און די פאַראייניקונג פון אַלע מענטשן...

די „אחד"־אידייע האָט אויך אָנגעצונדן די הערצער פון אַברהמ׳ס שול־חברים. יעדער צוזאַמענטרעף מיט אַברהמ׳ען איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טיפער און ערנסטער פאָרשונג וועגן גאָט און געטער, מענטש און וועלט. די צופעליקע צוזאַמענטרעפן האָבן זיך ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין אַ ריי „אחד"־קרייזן, פאַר וועלכע אַברהם האָט אַנטוויקלט זיינע גאָט־אידייען און זיינע אידייען וועגן געטלעכן צוזאַמענלעבן פון אַלע מענטשן.

נאָך זיין דערפאָלג מיט די „אחד"־קרייזן צווישן די שול־תלמידים פון „בני־עבר"־אָפּשטאַם, האָט ער אויך אויפגעשטעלט קרייזן פון שול־חברים, וואָס האָבן געשטאַמט פון אַנדערע שעמיטישע שבטים, און דערנאָך האָט ער גענומען אויסשפּרייטן זיין אויפקלערונג־טעטיקייט אויך צווישן זיינע עכט־סומערישע חברים. ער האָט לכתחילה גערעדט מיט איינצלנע, דערנאָך מיט גרופּן, און שפּעטער זיי אָרגאַניזירט אין „אחד"־קרייזן. ער האָט פאַר די סומערישע שול־חברים צוערשט פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס בילד פון טרויעריקן מצב פון סומערישן פאָלק. ער האָט זיי אָנגעוויזן ווי דער טעמפּל און דער קעניג האַלטן דאָס פאָלק אין אומוויסנקייט און שקלאַפעריי. די פּריסטערס גיסן־אויס גאָלדענע און זילבערנע געטער, און צווינגען דאָס פאָלק זיך צו בוקן צו זיי און פאַר זיי מקריב־זיין אָן אַ שיעור קרבנות. דאָס אָרעמע פאָלק ליידט און זיפצט, און האָט נישט דעם מוט זיך קעגנצושטעלן. ער האָט זיי אויך באַוויזן, אַז די גרויסע צאָל געטער האָט אַ צעשטערנדיקע ווירקונג אויף דער גאַנצער וועלט. זיי ברענגען כאַאָס צווישן פאָלק און פאָלק און קנאה־שנאה צווישן מענטש און מענטש. דער קעניג איבי־סין האָט זיך איצט אַליין געקרוינט פאַר דעם גאָט איבער אַלע געטער און וועט מער נישט האָבן פאַר וועמען זיך מתוודה צו זיין פאַר זיינע פאַרברעכנס קעגן זיין אייגן פאָלק. נישט אומזיסט רופט אים דאָס פאָלק — נמרוד. ער איז אַזוי טיראַניש און אַכזריות׳דיק, ווי דער אַמאָליקער נמרוד. ער פאַרגעטערט זיין גבורה, פאַר־שקלאַפט זיין אייגן פאָלק און אונטערדריקט און באַ׳גזל׳ט אַלע שטעט און לענדער, וואָס ליגן אונטער זיין יאָך. אין אַלע טיילן פון דער סומערישער אימפּעריע הערשט אַ גרויסע אומרואיקייט און פריער אָדער שפּעטער דער־וואַרטן אונז אויפטרייסלענדיקע געשעענישן.

„מיר זיינען אַלע מיטשולדיקע אין די פאַרברעכנס, וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן אָרעמען פאָלק" — האָט אַברהם מיט ברען געזאָגט צו זיינע שול־חברים — „מיט אונזער שווייגן גיבן מיר אונזער הסכמה צו די זינדיקע מעשים פון קעניג און פּריסטערס. ס׳איז אונזער חוב צו גיין צו די אונ־טערדריקטע און פאַרשקלאַפטע, און זיי אויפהויבן פון זייער שפּל׳דיקן מצב, און זיי אויפקלערן וועגן דעם קאָלעקטיוון כח, וואָס זיי פאַרמאָגן, ווען זיי זאָלן אויפשטיין צוזאַמען און אַרונטערוואַרפן פון זיך דעם עול פון פּאַלאַץ

און פון טעמפל, און ווערן פרייע מענטשן. אונזער קליינע צאָל „אחד״-קרייזן אין די שולן מוז זיך אויסברייטערן און פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן „אחד״-פאָלקס-באַוועגונג, וואָס זאָל באַפרייען דאָס סומערישע פאָלק און ראַטעווען די סומערישע אימפּעריע פון אונטערגאַנג״.

די פּחדנים צווישן די שול-תּלמידים האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און איינציקווייז פאַרלאָזן די פאַרזאַמלונג. די מוטיקע און ערנסטע האָבן אַרומגערינגלט אַברהמ׳ען מיט ליבשאַפט און מיט אַ ליכטיקן שיין אין זייערע אויגן, געקוקט אויף אים ווי אויף אַ הייליקן נביא, וואָס רעדט אין נאָמען פון אַ גרויסן גאָט.



אין אַזאַ הויז (רעקאָנסטרואירט), וואָס סיר לעאָנאַרד וואולי האָט אויסגעגראָבן אין אור-כשדים, האָט וואַרשיינלעך געלעבט אַברהם אָבינו.

...וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי־אֵל שַׁדַּי הִתְהַלֵּךְ לְפָנַי וֶהְיֵה תָמִים׃ וְאֶתְּנָה בְרִיתִי בֵּינִי וּבֵינֶךָ וְאַרְבֶּה אוֹתְךָ בִּמְאֹד מְאֹד׃ וַיִּפֹּל אַבְרָם עַל־פָּנָיו וַיְדַבֵּר אִתּוֹ אֱלֹהִים לֵאמֹר׃ אֲנִי הִנֵּה בְרִיתִי אִתָּךְ וְהָיִיתָ לְאַב הֲמוֹן גּוֹיִם׃

און גאָט האָט צו אים געזאָגט: איך בין גאָט שדי, גיי פאַר מיר און זיי פערפעקט, און איך וועל מאַכן מיין בונד צווישן מיר און דיר און איך וועל דיך מערן זייער און זייער. איז אַברהם געפאַלן אויף זיין פנים און גאָט האָט מיט אים גערעדט, אַזוי צו זאָגן: איך זע, מיין בונד וועט זיין מיט דיר, און וועסט זיין דער פאָטער פון אַ סך פעלקער.

(בראשית, י״ז, א׳—ד׳)

ה

אַברהם צעברעכט די סומערישע געטער[1]

דעכער צוויי הונדערט יאָר (פון 2160 ביז 1950 פק״ר) האָט עקזיסטירט די „דריטע דינאַסטיע פון אור״. דורך דער צייט איז סומער געוואָרן אַ גרויס און רייך לאַנד. די סומערישע אימ־פעריע האָט אויסגעשפרייט איר מאַכט איבער ווייטע לענדער און איז געוואָרן דער מעכטיקסטער און איינפלוסרייכסטער כח צווישן די פעלקער. דער פרעס־טיזש פון די סומערישע הערשער איז אָבער געפאַלן, די מאָראַל פון טעמפּל איז געזונקען, און די פּריסטערס זיינען געוואָרן פאַרשייטער און צעלאָזענער. אין די טעג פון לוגאַל איבי־סין האָט דער רוב פון סומערישן פאָלק געליטן הונגער און נויט. די חשיבות פונעם פשוט׳ן מענטשן איז געזונקען, און דאָס לאַנד האָט אָנגעהויבן קייקלען זיך צום תהום פון זינד, פאַרדאָרבנקייט און חורבן.

די געזעלשאַפטלעכע און מאָראַלישע געפאַלנקייט אין דער הויפּט־שטאָט אור האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין לעבן פון אַלע טיילן פון דער אימפעריע, און אַרויסגערופן אומצופרידנקייט און שטימונגען פון רעוואָלט. אומעטום האָט מען שוין אין דער לופט געשפירט דעם אָנקום פון אַ שטורעם; אונטער דער ערד האָט זיך שוין געהערט אַ „געברום״, אַן אָנזאָג פון אַן ערדציטערניש.

די וויכטיקסטע סיבות, וואָס האָבן גורם־געווען די אויפטרייסלונגען אין לאַנד און סוף־כל־סוף דערפירט צום אונטערגאַנג פון דער סומערישער אימ־פעריע, זיינען געווען:

1) מיט דער רייכקייט פון לאַנד איז געוואַקסן אַ שאַרפער קאָנטראַסט אין לעבנס־שטייגער פון דער באַפעלקערונג: לוקסוס און אַ צעלאָזן לעבן אין קעניגלעכן הויף, אין די רייכע פּאַלאַצן און אין טעמפּל, פון איין זייט, און אַ שפּל׳דיקער מצב, פיין און נויט צווישן דעם אָרעמען פאָלק, פון דער צווייטער זייט.

2) דער דעספּאָטישער איבי־סין האָט גרויזאַם באַהאַנדלט זיינע אונ־טערטעניקע פּראָווינצן, האָט פון זיי געשונדן אומגעהייער־גרויסע צינזן פאַר זיין מלוכה, און האָט זיי געצוואונגען ברענגען אַלערליי קרבנות פאַר זיין גאָט.

3) איבי־סין האָט געהערשט מיט אַ שטאַרקער האַנט איבער זיין אייגן פאָלק, און האָט דערשטיקט יעדן אויסדרוק פון אומצופרידנקייט צווישן די פעלקער פון דער אימפּעריע.

ס'איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס אַנשטאָט צו שאַפן רו און אָרדענונג, האָט דער קעניג געשאַפן דעם באָדן פאַר ווידערשפעניקונג און אויפשטאַנד.

די פאַרביטערונג קעגן קעניג און טעמפּל איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג אין סומער און איבער דער גאַנצער אימפּעריע. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן קלאַנגען וועגן בונט און רעוואָלט פון נאָענטע און ווייטע שטעט. עס זיינען אָנגעקומען באַריכטן וועגן אַ שטאַרקער אויפשטאַנד־באַוועגונג אין שושן, אין לאַנד פון די עילאַמיטן, צו מזרח פון טייך חדקל. די באַפעלקערונג איז שוין איצט דאָרט געווען אין איר גרויסער מערהייט אַ שעמיטישע, און זי האָט מער נישט געוואָלט ליידן פון סומערישער אונטערדריקונג.[2]

פון דער אַנדערער זייט, פון צפון־מערב־ברעג פון טייך פּרת, זיינען אָנגעקומען ידיעות וועגן אומרוען אין דער מאַרי־פּראָווינץ. די באַפעלקערונג איז דאָרט געווען אין איר גרויסער מערהייט אַן אַמוריטישע (איינגעוואַנדער־טע שעמיטישע שבטים). מאַרי האָט זיך קיינמאָל נישט געלאָזט אונטערוואַרפן דער סומערישער הערשאַפט. מאַרי האָט טאַקע געצאָלט צינזן, אָבער איז אַלעמאָל געבליבן אינערלעך פריי. די טאָפּלטע שטייערן, וואָס דער קעניג און דער טעמפּל האָבן אַרויפגעלייגט אויף דער באַפעלקערונג, האָבן אין מאַרי געשאַפן אַ שטימונג פון רעוואָלט.

דערצו זיינען פון מצרים (עגיפּטן) אָנגעקומען באַריכטן, אַז פּרעה אַמענ־העמעט, דער ערשטער קעניג פון דער צוועלפטער דינאַסטיע, נוצט־אויס די אָפּגעשוואַכטע כוחות פון סומער און זוכט צו פאַרשטאַרקן זיין איינפלוס אויף אַלע לענדער, וואָס ליגן נאָענט פון זיינע גרענעצן, און קלייבט זיך אויסצושפּרייטן זיין מאַכט איבער אַ גרויסן טייל פון די לענדער, וואָס זיינען אונטערטעניק צו סומער.

די לאַגע אין דער הויפּט־שטאָט אור איז אויך געוואָרן ערגער פון טאָג־צו־טאָג. טיראַנען זיינען די לעצטע צו באַנעמען דעם פאָלקס צאָרן, און נאָר טויבע האָבן נישט געקאָנט דערהערן דעם שטורעם פון רעוואָלט, וואָס האָט זיך געטראָגן מיט אַ שטאַרקן אימפּעט צו די טויערן פון קעניגלעכן פּאַלאַץ.

די הערשער פון סומער האָבן אָבער שוין יאָ געהערט וועגן אַברהם'ס טעטיקייטן אין די טעמפּל־שולן; מ'האָט שוין דאָרט געוואוסט וועגן אַברהם'ס גרויסן איינפלוס אויף זיינע שול־חברים און אויף דער יוגנט בכלל. די קעניגלעכע משפּחה און די הויכע פּריסטערס זיינען געווען דערשטוינט פון

דעם גרויסן דרך־ארץ און ליבע, וואָס דער פּשוט׳ער המון ווייזט אַרויס צו אַברהמ׳ען וואו נאָר ער באַווייזט זיך. זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז אַברהם לעסטערט די הייליקע געטער און רופט דאָס פאָלק צו גלויבן נאָר אין אַ נייעם און איין־איינציקן גאָט, וועמענס געבאָטן זיינען יושר און גערעכטי־קייט פאַר אַלע מענטשן. דער קעניג האָט געזוכט מיטלען וויאַזוי אָפּצושטעלן אַברהמ׳ס „צעשטערנדיקע״ מעשים. ער האָט אָבער גוט באַנומען, אַז ס׳וועט מער נישט זיין אַזוי גרינג איינצושטילן אַברהמ׳ס ברויזנדיקן גייסט און אָפּ־שוואַכן זיין אַרומכאַפּנדיקן איינפלוס אויף די טעמפּל־תלמידים און די פאָלקס־מענטשן.

אַברהם האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ גרויסע געפאַר לויערט איבער אים. אים זיינען געווען גוט באַקאַנט די שטראָף־מיטלען, וואָס דער קעניג און די פּריסטערס באַנוצן קעגן אַ פאַרזינדיקטן. ער האָט אָבער קיין מורא נישט געהאַט. פאַרקערט, ער האָט באַשלאָסן אויפצוגעבן זיין באַהעלטעניש און אַרויסברענגען זיינע גאָט־אידייען אין דער עפנטלעכקייט. ער האָט אָנגע־הויבן פירן שאַרפע וויכוחים מיט זיינע שול־לערערס אין דער צייט פון די לימודים, און מיט זיינע שול־חברים נאָך די לימודים. ביי יעדער געלעגנ־הייט, ווען עמיצער פון זיי האָט גערעדט וועגן דער הייליקייט און דערהויבנ־קייט פון די סומעריש׳ע געטער, איז אַברהם געווען גרייט מיט אַלערליי פראַגן, ענטפערס און ראיות צו באַווייזן, אַז דאָס זיינען בכלל נישט קיין געטער און אַז ס׳איז אַ זינד פון פּריסטערס אַרויסצופּרעסן אַלערליי קרבנות פונעם אָרע־מען פאָלק פאַר געטער, וואָס קאָנען דעם פאָלק גאָרנישט העלפן.

נאָך זיינע שטורמישע וויכוחים מיט די טעמפּל־לערערס פלעגט אַברהם אַלעמאָל קומען אַהיים אַן אומרואיקער, אַ צעקלעמטער, און לאַנג אַרומגיין איבערן הויז אַ פאַרקלערטער, טיף פאַרזונקען אין מחשבות וועגן גאָט און געטער, מענטש און וועלט. ווען ער האָט זיך שוין אַמאָל באַרואיקט, האָט עס לאַנג נישט געדויערט. די געטער און געטשקעס, וואָס זיינען געווען אויס־געשטעלט איבער אַלע צימערן פון זיין אייגענער היים, האָבן ווידער צעשטו־רעמט זיין געמיט.

גרויס איז געווען אַברהמ׳ס עגמת־נפש, ווען ער האָט געזען זיין פאָטער און זיינע צוויי אינגערע ברידער, נחור און הרן, אַרומטערגיין אין זייער הויז־טעמפּל און זיך דאָרט בוקן און קניען צו אויסגעשניצטע און אויסגעגאָסענע געטער.

— אונטער דעם אַלטאַר ליגן אייניקע פון אונזערע אָבות,[3] — האָט תרח געזאָגט, ווען ער האָט באַמערקט אַברהמ׳ס גלייכגילט צום טעמפּל־ריטואַל. ער האָט אָבער אַ לאַנגע צייט זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק, און מיט אַברהמ׳ען וועגן דעם נישט גערעדט. ער האָט געטראַכט, אַז דער יוגנט־שטורעם וועט זיך מיט דער צייט איינשטילן. ער האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט נאָכגע־פאָלגט אַברהמ׳ס לימוד און געלייגט גרויסע האָפענונגען, אַז אַברהם וועט

אויסוואַקסן און פאַרנעמען אַ חשובן פּלאַץ צווישן די פּריסטערס אין דעם זיגוראַט־טעמפּל.

אַברהם האָט אויך באַהאַנדלט זיין פאָטער מיט גרויס כבוד און ליבע. חוץ כיבוד־אָב, האָט אַברהם אויך געקוקט אויף זיין פאָטער ווי אויף אַ גרויסן געלערנטן און זיין לערער. תרח איז געווען אַ פּעאיקער גענעראַל, אַ שר אין קעניגלעכן פּאַלאַץ און איז אויך געווען אַ געלערנטער אין אַסטראָ־לאָגיע, אַ געשולטער סופר (סקראַיב), באַהאַוונט אין דער סומערישער שפּראַך און ליטעראַטור, און האָט גוט געקאָנט דעם שעמיטישן עברי־דיאַלעקט פון זיין שבט.

גאַנץ אָפט האָט אַברהם געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס מיט זיין פאָטער וועגן די אַלע פראַגן, וואָס האָבן געמאַטערט זיין מוח. ער האָט אָבער געשוינט זיין פאָטער׳ס געפילן. ער האָט געזוכט אַ פּאַסיקע געלעגנהייט צו ברענגען זיין גאָט־אידייע צו זיין אייגענער משפחה. ער איז אינדערהיים געווען אַן איינזאַמער און האָט נישט געהאַט מיט וועמען זיך צו טיילן מיט זיינע אידייען און פּלענער, פאַר וועמען אויסצוגיסן זיין ביטער האַרץ וועגן דער זינדיקער און פאַרדאָרבענער וועלט, וועגן זיינע ספיקות אין דער געטלעכקייט פון די טעמפּל־געטער און אין דער ערלעכקייט פון די טעמפּל־פּריסטערס.

אַברהמ׳ס ברודער, נחור, איז געגאַנגען אין זיין פאָטער׳ס וועגן און איז געווען שטאָלץ, וואָס ער איז אַ געבוירענער סומעריער. ער האָט געקוקט אויף אַברהמ׳ען פון אויבן־אַראָפּ און אים באַטראַכט ווי אַ טרוימער, וואָס האָט זיך „דערצויגן אין אַ הייל״. הרן, דער אינגסטער פון די ברידער, איז געווען אַזוי אומרואיק און פאַרטיפט, ווי זיין ברודער אַברהם. ער איז געווען בטבע אַ שטילער און צוריקגעהאַלטענער, אָבער אויך אים האָבן נישט געלאָזט רוען די נישט־פאַרשטענדלעכע נאַטור־דערשיינונגען. ער האָט זיך געפילט מער צוגעבונדן צו אַברהמ׳ען, און האָט פאַרערט זיין געלערנזאַמקייט און מוט.

אַברהם האָט באַמערקט, אַז הרן בוקט זיך נישט אַזוי אָפט און גערן צו די הויז־געטער. פון הרנ׳ס אייניקע באַמערקונגען האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אויך הרן גייט אַרום מיט צווייפלען וועגן דער געטלעכקייט פון די טויטע היל־צערנע און מעטאַלענע פיגורן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז הרן בוקט זיך מער אויס דרך־ארץ צו זייער פאָטער, ווי אויס אמת׳ן גלויבן אין די געטער.

ווען אַברהם איז איינמאָל געבליבן מיט הרנ׳ען אַליין אין הויז, האָט ער אין אַ לייכטן טאָן אים אַ פרעג־געטאָן: — וועלכער פון די אַלע געטער איז דער גרעסטער, און וועלכער איז דיין באַליבטער גאָט?

הרן האָט זיך אַביסל פאַרטראַכט און געענטפערט: אַלע געטער, וואָס דו זעסט דאָ, זיינען מיינע. איך און אונזער ברודער נחור שניצן זיי אויס און מיר פאַרקויפן זיי אויפן מאַרק.

אַברהם איז אָבער צוגעשטאַנען און אים ווידעראַמאָל געפרעגט: — צו וועלכן גאָט טוסטו תפילה, און וועלכער העלפט דיר אין אַ נויט?

הרן האָט גוט פאַרשטאַנען אַברהמ׳ס פראַגן, און ער האָט מיט אַ שמייכל, אָבער זייער ערנסט, געזאָגט:

— אַברהם, דו האָסט זיך דערצויגן אין אַ הייל, אויף דער פרייער נאַטור, און דיין אופן פון דענקען איז אַ פרייער, אַ זעלבסטשטענדיקער. דיר איז שווער צו באַנעמען די סומערישע געטער און די סומערישע מנהגים. דו דאַרפסט אָבער נישט פאַרגעסן, אַז מיר זיינען דאָ בירגער פון לאַנד און מיר מוזן זיך צופּאַסן צום לעבנס־שטייגער פון אונזערע שכנים און זייער אמונה. די סומעריער זיינען איצט שטאַרק און קריגעריש, זיי באַזיגן און פאַרנעמען איין שעמיטישע שטאָט נאָך דער אַנדערער. מיר זיינען איצט נישט בכח זיך זיי קעגנצושטעלן. מיר מוזן בכן שלום־מאַכן מיט אונזער לאַגע און לעבן אין סומעריע ווי סומעריער.

אַברהם האָט מיט העפלעכקייט, אָבער אַביסל זיכערער, געפרעגט הרנ׳ען:

— צי ווייסטו, אַז מיר שטאַמען פון די „בני־עבר"־שבטים? זיי האָבן אין זייערע לאַנגע וואַנדערונגען זיך אויסגעלערנט צו לעבן ווי איין משפחה; צו לעבן אין איינקייט, קיינמאָל זיך נישט אונטערגעבן צו זייערע פאַרפאָל־גער. זיי האָבן אַלעמאָל געדינט זייער אייגענעם שבט־גאָט. פונוואַנען האָבן זיך צו אייך גענומען אַזויפיל געטער? וויאַזוי קאָנט איר גלויבן, אַז אָט־די אַלע הילצערנע, זילבערנע און גאָלדענע פיגורן זיינען געטער? איר האָט דאָך זיי אַליין באַשאַפן, און איר קאָנט זיי אומברענגען.

הרן האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און לאַנגזאַם גערעדט: — איך אַליין טראַכט וועגן דעם אַ לאַנגע צייט; מיר קאָנען אָבער גאָרנישט טאָן. דאָס גאַנצע סומערישע פאָלק גלויבט, אַז דאָס זיינען געטער. מיר ווייסן, אַז מיר זיינען פרעמדע. מיר האָבן זיך אָבער איינגעלעבט מיט אונזערע שכנים, ביס־לעכווייז אָנגענומען זייער גלויבן און זיך צוגעוואוינט צו זייערע מנהגים.

אַברהם האָט אָנגעהויבן רעדן ערנסטער. ווי ער וואָלט אַפּעלירט צו הרנ׳ען, האָט ער אים געפרעגט: — זעסטו נישט, אַז דער קעניג, די רייכע און די פּריסטערס באַנוצן זיך מיט די פאַלשע געטער, כדי אָפּצונאַרן און באַרויבן דאָס אָרעמע פאָלק? ווי אָרנטלעכע מענטשן, מוזן מיר גיין צום פאָלק און אים אויפקלערן. ס׳איז אונזער חוב אים צו ווייזן, ווי ער ווערט אָפּגענאַרט און פאַרפירט.

הרן האָט זיך דערשראָקן פאַר אַברהמ׳ס געוואָגטע רייד. ער האָט אים געוואָרנט, אַז ער פאַרנעמט זיך אויף וועגן פון סכנה. די טעמפּל־לייט — האָט ער אים געזאָגט — זיינען שטרענגע און בייזע דינער פון זייערע געטער. זיי פאַרגיבן נישט קיין זינד און פאַרניכטן די אַלע, וואָס לעסטערן זייער אמונה.

אַברהם האָט געביטן זיין טאָן און מיט ברידערלעכער וואַרעמקייט דער־מאָנט הרנ׳ען, אַז עס וואָלט געווען אַ גרויסע זינד צוצוזען אָט־די אַלע פאַלשקייטן און שווייגן. די געטער קריגן זיך, און די מענטשן פירן פאַר זיי

בלוטיקע מלחמות, און וועלן סוף־כל־סוף אומברענגען די וועלט. „מיר מוזן וואָרענען דעם מענטשן, אַז ער גייט אויפן וועג פון אומקום. קיין שום געפאַרן טאָרן אונז נישט אָפּהאַלטן פון ראַטעווען די וועלט".

הרן האָט נאָכאַמאָל געוואָלט וואָרענען זיין ברודער וועגן די סכנות, וואָס שטייען אים פאָר, אָבער אין דעם מאָמענט איז אַריינגעקומען זייער פאָטער תרח מיט זייער ברודער נחור. יענע האָבן אויפגעכאַפּט אַברהמ׳ס לעצטע ווערטער וועגן געפאַרן און וועגן ראַטעווען די וועלט. נחור האָט צו די רייד נישט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט; ער איז שוין געווען אַ פולשטענדיק־אַסימילירטער סומעריער: גערעדט זייער שפּראַך, זיך געפירט לויט זייערע מנהגים און געדינט זייערע געטער. ער האָט געקוקט אויף זיין ברודער אַברהמ׳ען ווי אויף אַ פאַרבלאָנדזשעטן בעל־חלומות, וואָס חלומ׳ט וועגן דער צוקונפט און פאַרלירט די קעגנוואַרט.

תרח האָט אָבער אויפגענומען אַברהמ׳ס לעצטע באַמערקונגען מיט שרעק. ער האָט דערפילט, אַז אַ גרויסע סכנה לויערט אויף אַברהמ׳ען. ער האָט זיך אָבער געמאַכט נישט הערנדיק, און איינגעלאַדן זיינע זין אַרונטערצוגיין מיט אים אין הויז־טעמפּל פאַר די פאַרנאַכטיקע תפילות. ווען נחור און הרן האָבן שטיל נאָכגעזאָגט זייער פאָטער אַלע לויב־געזאַנגען צו די משפחה־געטער, האָט אַברהם ביי זיך באַשלאָסן, אַז ס׳איז געקומען די צייט, ווען ער מוז אַנטפּלעקן פאַר זיין אייגענער משפחה זיינע גאָט־אידייען און די פּלענער, מיט וועלכע ער טראָגט זיך אַרום צו פאַרשפּרייטן זיין נייעם גלויבן איבער דער גאַנצער וועלט.

נאָך די תפילות האָט אַברהם אַרויפגעבראַכט פון הויז־טעמפּל אַ צאָל גרעסערע און קלענערע געטער־פיגורן. ווען די גאַנצע משפחה איז געזעסן ביים אָוונט־מאָלצייט, האָט ער אַוועקגעשטעלט שפּייז און געטראַנקען לעבן די געטער און זיי געזאָגט:

— הייליקע האַרן, עסט און טרינקט, און זייט גוט צו אונז.

ווען די געטער האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט, האָט ער געזאָגט: „איר זעט? אָט־די הילצערנע און מעטאַלענע פיגורן האָבן מיילער, אָבער זיי עסן נישט; האָבן אויערן און הערן נישט; האָבן נעזער און קאָנען נישט שמעקן; האָבן הענט און קאָנען נישט טאַפּן; האָבן פיס און קאָנען נישט גיין. וויאַזוי קאָנט איר גלויבן, אַז דאָס זיינען געטער?"

תרח איז שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן פון אַברהמ׳ס לעסטערונגען. ער האָט אָבער איינגעהאַלטן זיין כעס און געשוויגן. טיף אין האַרצן האָט ער באַוואונדערט זיין זונ׳ס געוואַגטקייט און זיין חכמה. ער האָט דערנאָך גוט־מוטיק גענומען אייַנ׳טענה׳ן מיט אַברהמ׳ען און אים געזאָגט:

„איך ווייס, אַז אַלץ וואָס דו טוסט איז צוליב אמת און גערעכטיקייט, און מיט ליבשאַפט צו מענטשן און צו דער וועלט. דו דאַרפסט אָבער געדענקען, אַז מיר זיינען דאָ פרעמדע (אַמוריטן). דער פריערדיקער קעניג שו־סין האָט

אויסגעבויט ריזיקע פעסטונג־ווענט ביי די גרענעצן, כדי צוריקצוהאַלטן דעם גרויסן שטראָם פון פרעמדע איינוואַנדערער, און דער נייער קעניג איבי־סין האָט נאָר־וואָס פאַרענדיקט דאָס אויפשטעלן גרויסע שוץ־מויערן אַרום אונ־זער שטאָט אור, און אַרום דער הייליקער שטאָט ניפור, כדי נישט אַריינצולאָזן די פרעמדע איינוואוינער. איבי־סין קוקט אויף אַלע פרעמדע מיט פאַראַכט און באַזונדערס אויף די אָפּשטאַמער פון די „בני־עבר"־שבטים. דו דאַרפסט אויך נישט פאַרגעסן, אַז אין קעניגלעכן פּאַלאַץ זיינען נאָך דאָ שׂרים, וואָס געדענקען נאָך די געשיכטע פון דיין געבורט, און ווילן דאָס אויסנוצן קעגן דיר ביי דער ערשטער געלעגנהייט. מיט דיינע רייד וועגן אַן אַלמעכטיקן גאָט און וועגן געבאָטן פון רעכט און גערעכטיקייט ווערסטו די סומעריער נישט ענדערן. זיי האָבן זייערע געטער און זייערע מנהגים. דו ציסט אָבער אַרויף אויף אונז דעם צאָרן פון קעניג און די פריסטערס. דיין לעבן איז אין געפאַר, און מיר אַלע ווילן פריער אָדער שפּעטער טייער באַצאָלן פאַר דיינע מעשים".

— דו ביסט גערעכט — האָט אַברהם מיט גרויס דרך־ארץ געענטפערט זיין פאָטער און געזאָגט: — איך ווייס, אַז מיט מיינע רייד וועל איך אַרויס־רופן דעם צאָרן פון די טעמפּל־פריסטערס, און איך שטעל אַפילו מיין לעבן אין געפאַר. איך האָב וועגן דעם אַ סך געטראַכט, אָבער איך קאָן נישט גיין קעגן מיינע איבערצייגונגען. נאָך אין מיין פריסטער יוגנט, ווען איך האָב געלעבט אין הייל און אַרומגעוואַנדערט אויף די בערג און טאָלן, האָב איך נאָכגעפאָרשט דעם גאַנג פון די שטערן אין הימל, דאָס לעבן פון די באַשע־פענישן אויף דער ערד, און איך האָב דערזען אַ וואונדערלעכע האַרמאָניע אין דעם גאַנצן באַשאַף. איך האָב שוין דעמאָלט אָנגעהויבן באַגרייפן, אַז ס'מוז זיין אַן איין־איינציקער גרויסער כח, וואָס האָט אַלץ באַשאַפן און דאָס גע־בראַכט אין אַן אייביקער באַוועגונג. ווען איך בין אַריינגעקומען אין שטאָט און דערזען דעם גרויסן תהו־ובהו, וואָס הערשט דאָ, די בלוטיקע מלחמות צווישן פאָלק און פאָלק, די רשעות'דיקע באַציאונג צווישן מענטש און מענטש, און די שנאה צווישן די טעמפּלען און צווישן די געטער, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז די מענטשן האָבן זיך אָפּגעקערט פון דעם אמת'ן גאָט און פון זיינע גערעכטע געבאָטן און דינען צו טויטע פיגורן, צו פאַלשע געטער, און שאַפן אַ כאָאָס אין דער וועלט. איך הער אין מיר אַ שטענדיקע מאָנונג, איך זאָל גיין אין נאָמען פון דעם אמת'ן גאָט און ברענגען זיין וואָרט פון גערעכטיקייט צו דער וועלט. איך ווייס די געפאַרן. אָבער איך וואָלט געווען אַ שוואַכלינג און אַ פּחדן, ווען איך זאָל נישט ברענגען דאָס וואָרט פון דעם אַלמעכטיקן גאָט צום זינדיקן מענטשן.

תרח האָט אַביסל צעשראָקן געפרעגט אַברהמ'ען, וואָס ער האָט אינזינען צו טאָן, וויאַזוי ער דענקט אויסצופירן זיין גאָט'ס מאָנונג.

אַברהם האָט מיט שטאָלץ און זיכערקייט געזאָגט זיין פאָטער: מיין גאָט האָט זיך צו מיר באַוויזן אין חלום און מיר באַפוילן, איך זאָל צונויפזאַמלען

די קינדער פון אונזער שטאַם, די „בני־עבר", וואָס שמאַכטן דאָ אונטערן יאָך פונעם גרויזאַמען „נמרוד" און אונטער דער לאַסט פון די אכזריות'דיקע פּריסטערס, איך זאָל זיי באַפרייען פון דער שקלאַפעריי, זיי אַרויספירן צוריק אויף די פרייע וואַנדער־וועגן פון אונזערע אָבות.

תרח האָט אין האַרצן געפילט, אַז זיין זון איז אַ נביא[5] פון אַ גרויסער געטלעכער אידייע. ער האָט זיך נאָר געשראָקן פאַר דער גרויסער סכנה, וואָס לויערט איבער אים.

אַברהם האָט נישט גערוט. ער האָט אַלעמאָל צוגעטראַכט נייע המצאות וויאַזוי איבערצוציינגן זיין אייגענער משפּחה, אַז די הילצערנע און מעטאַלענע פיגורן, וואָס שטייען אויפן אַלטאַר פון הויז־טעמפּל, זיינען נישט קיין געטער.

איינמאָל איז אין הויז אַריינגעקומען אַ שכנה מיט זעמל־מעל און געבעטן, מען זאָל איר לאָזן אַריינגיין אין דעם הויז־טעמפּל, כדי מקריב־צו־זיין דאָס מעל צו די געטער.

אַברהם האָט זי אַהין אַריינגעפירט און איר געלאָזט דאָס מקריב־זיין. ווען די פרוי איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ער גענומען אַ האַק און צעבראָכן אַלע געטער, אויסער דעם גרעסטן. ער האָט דערנאָך אַריינגעשטעקט אַ שטעקן אין האַנט פונעם גרעסטן גאָט. ווען תרח איז אַריין אין טעמפּל און דערזען די צעבראָכענע געטער, האָט ער געפרעגט, ווער ס'האָט דאָס געטאָן. אברהם האָט אים דערציילט, אַז אַ שכנה איז געקומען מקריב־זיין זעמל־מעל, האָבן זיך די געטער גענומען קריגן, ווער ס'זאָל עסן פריער. האָט גענומען אָט־דער גרויסער גאָט דעם שטעקן און צעבראָכן אַלע קלענערע געטער.

תרח איז אויפגעבראַכט געוואָרן און געזאָגט צו אַברהמ'ען: „דו ווילסט דאָך מיך נישט אָפּנאַרן. מיר ווייסן דאָך, אַז די געטער קאָנען נישט עסן".

אַברהם האָט אַ קוק־געטאָן מיט שטוינונג אויף זיין פאָטער און אים געפרעגט:

„צי הערן דיינע אויערן, וואָס דיין מויל רעדט? דו גלויבסט דאָך, אַז זיי זיינען אמת'ע געטער, צו וועלכע דו ביסט מתפּלל, זיי זאָלן דיר העלפן. וויאַזוי קאָנען זיי וועמען־עס־איז העלפן, אויב זיי קאָנען זיך אַליין נישט העלפן?"

תרח איז געבליבן זיצן אומבאַהאָלפן. ער האָט פּשוט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן אַברהמ'ען. ער האָט נאָר מיט זיין בליק אויסגעדריקט מיטלייד צו זיין זון, וואָס האָט זיך פאַרנומען אויף געפערלעכע וועגן. ער האָט געוואָלט ענדערן דעם געשפּרעך און איינשטילן די אָנגעצויגענע שטימונג. האָט ער געבעטן אַברהמ'ען צונויפצוזאַמלען די שפּענער פונעם דעמבענעם האָלץ, פון וועלכן זיינע ברידער שניצן־אויס געטער, זיי אָנצינדן אויפן פייער־פּלאַץ און אָנוואַרעמען פאַר אים שפּייז.

אַברהם האָט אים געפאָלגט און צוזאַמענגענומען די שפּענער. ער האָט צווישן זיי געפונען אַ פּאַרטיקע פיגור מיטן נאָמען „גאָט באַריסאַס", אויס־

קריצט אויף זיין שטערן. אַברהם האָט אָנגעצונדן די שפּענער, אַוועקגעשטעלט דערביי דעם גאָט „באַריסאָס" און צו אים געזאָגט, ער זאָל אַכטונג־געבן, אַז דאָס פייער זאָל נישט אויסגיין, ביז ער וועט קומען צוריק.

ווען אַברהם איז צוריקגעקומען, האָט ער געפונען דעם גאָט „באַריסאָס" אָן אויסגעצויגענעם אויפן דיל, שרעקלעך צעברענט. אַברהם האָט אַ שמייכל־געטאָן און געזאָגט: — באמת, „באַריסאָס", דו האָסט גרויסע מעגלעכקייטן, דו קאָנסט אויפהאַלטן אַ פייער און צוגרייטן אַ מאָלצייט.

בעת ער האָט אַזוי גערעדט, האָט דאָס פייער זיך צעפלאַקערט און פון באַריסאָס'ן איז געוואָרן אַ בערגל אַש.

אַברהם האָט געבראַכט דאָס געקעכטס צו זיין פאָטער. תרח האָט געגעסן און געטרונקען, און דערנאָך געבענטשט דעם גאָט מחורמת.

האָט אַברהם געזאָגט צו זיין פאָטער: — דו בענטשסט מחורמת'ן, בעת דו דאַרפסט גאָר בענטשן באַריסאָס'ן, ווייל ער האָט דאָך, צוליב זיין גרויסער ליבע צו דיר, זיך אַריינגעוואָרפן אין פייער און געהאָלפן צוגרייטן דיין שפּיז.

— וואו איז באַריסאָס? — האָט תרח געפרעגט.

ס'איז פון אים געבליבן אַ בערגל אַש אין די פלאַמען — האָט אַברהם געענטפערט.

— גרויס איז דער כח פון דעם גאָט באַריסאָס — האָט תרח געזאָגט — איך וועל מאַכן היינט אַן אַנדערן, און מאָרגן וועט ער ווידער קאָנען גרייטן מיין שפּיז.

אַברהם האָט אין געדאַנק אַ שמייכל־געטאָן, אָבער ס'האָט אים געערגערט זיין פאָטער'ס גלייכגילטיקייט און עקשנות, און ער האָט בייזלעך אַ זאָג־געטאָן:

— זעסטו דען נישט, פאָטער, אַז ס'איז באמת נישט קיין חילוק, וועלכן פון די צוויי געטער דו בענטשסט, ווייל ביידע הערן נישט און פאַרשטייען נישט דיין ברכה. אַפילו מיין ברודער'ס גאָלדענעם גאָט זוכעאוס וועט מען סוף־כל־סוף איבערגיסן, און ער וועט מער נישט זיין אַפילו קיין סימבאָל פון אַ גאָט. דיין אייגענעם גאָט באַריסאָס האָסטו מיט אַ האַק אויסגעשניצט פון אַ דעמבענעם בוים. פריער איז דער בוים געווען פאַרוואָרצלט אין דער ערד, און איז געשטאַנען מאַיעסטעטיש מיט זיינע צווייגן און געבליט. איצט איז ער טרוקן, אַן זאַפט. ער איז אַרונטערגעפאַלן פון דער הויך צו דער ערד, פון גרויסקייט איז ער אַרונטערגעפאַלן צו נישטיקייט. צי זיינען דאָס געטער, צו וועלכע מען דאַרף זיך בוקן?

תרח האָט דערזען, אַז אַברהם וועט אַזוי גרינג זיך נישט אונטערגעבן. ער האָט דאָך פּרובירט נאָך איינמאָל צו בעטן אים, ער זאָל זיך באַדענקען און באַגרייפן אויף וואָס פאַר אַ געפערלעכן וועג ער גייט.

— זע, די סומעריער זיינען אַ גרויס און פאַרגעשריטן פאָלק. זייער לעבנס־שטייגער איז העכער, ווי ביי וועלכן־עס־איז פאָלק אין דער וועלט.

דאָ ווערן געשאַפן זאַכן, פון וועלכע קיין אַנדער פאָלק ווייסט אַפילו נישט. מיר לעבן דאָ רואיק, מיר האָבן דאָ אַלע געלעגנהייטן זיך איינצולעבן און אויסצולעבן ווי גוטע בירגער. מיר דאַרפן נאָר לעבן בשלום מיט די סומריער.

אַברהם האָט אים מיט אַ לייכטער אויפרעגונג דערויף געענטפערט:

— אמת, זיי האָבן זאַכן, וואָס גיבן זיי אַ מעגלעכקייט צו לעבן רייכער און באַקוועמער, אָבער בלויז אַ קלענער טייל פון פאָלק געניסט פון די אַלע זאַכן. דער גרעסטער טייל פון פאָלק לעבט נאָך אין אַ שוידערלעכער אָרעמ־קייט און אין אַן אַכזריות׳דיקער שקלאַפעריי.

די גאַנצע משפחה איז געווען נשתומם פון אַברהמ׳ס דרייסטן און שטאַרקן טאָן. אמתלאי׳ס האַרץ האָט זיך געצאַפּלט פון ליבע צו איר אויסגעצערטלטן זון און אויך פון שרעק פאַר דער סכנה, וואָס דראָט אים. הרן האָט אין האַרצן מסכים געווען מיט זיין ברודער אַברהם, אָבער האָט נישט געוואָגט דאָס צו זאָגן אָפן. נחור האָט זיך געשטעלט אויף זיין פאָטער׳ס צד. ער האָט פאַרגעוואָרפן אַברהמ׳ען זיין נישט־אָפּהיטן דעם כיבוד־אָב.

ווען אַברהם האָט שפּעטער זיך באַגעגנט מיט זיין פאָטער אויג־אויף־אויג, האָט תרח צו אים געזאָגט:

— איך ווייס, מיין זון, אַז דו ביסט נישט אינגאַנצן אומגערעכט, אָבער וואָס זאָלן מיר טאָן? אונזער גאַנצע משפחה גלויבט אין די הויז־געטער, און איז זיי איבערגעגעבן מיט לייב־און־לעבן. זאָל איך זיי זאָגן, אַז איך גלויב נישט, וועלן זיי מיך פאַרשטיינען. מיין עצה צו דיר, מיין זון, איז, אַז דו זאָלסט זיך צוריקציען פון דיינע פאַנטאַסטיש׳ע חלומות, מחמת דו ברענגסט אויף זיך אַ גרויסע סכנה. גיי אַוועק אין אַן אַנדער לאַנד בשלום, דיין גאָט זאָל היטן דיינע טריט און ער זאָל זיין מיט דיר און זאָל דיך באַשיצן פון שלעכטס. ער זאָל דיר געבן כבוד אין די אויגן פון די, וואָס דו וועסט באַ־געגענען. קיין מענטש זאָל נישט הערשן איבער דיר, און דיר נישט טאָן קיין שלעכטס. גיי אין פרידן...

— גוטער פאָטער — האָט אַברהם געזאָגט מיט יראת־הכבוד — איך וועל דיך פאָלגן און גיין, אָבער נישט אַליין און נישט אַזוי גיך. מיר מוזן באַפרייען און אַרויספירן פונדאַנען די קינדער פון אונזער שטאַם. זיי זיינען דאָ אונטעריאָכט און וואַרטן אויף אַ דערלייזער.

די וויכוחים, וואָס אַברהם האָט געפירט מיט זיין פאָטער, זיין יראת־הכבוד׳יקער טאָן, זיינע קלוגע רייד, האָבן אַלעמאָל איבערגעלאָזט אַ באַ־וואונדערונג ביי די מיטגלידער פון זיין משפחה. ביסלעכווייז האָט זיך די שטימונג צו אים געביטן צום גוטן. דאָס גאַנצע הויזגעזינט האָט זיך צו אים באַצויגן מיט דרך־ארץ און ליבשאַפט.

אַברהמ׳ס ברודער הרן איז אַלעמאָל געווען אַ שוואַכער גלויביקער אין די געטלעכע כוחות פון די אויסגעגאָסענע געצן. אַברהמ׳ס מוטיקע האַלטונג און שכל׳דיקע געדאַנקען וועגן גאָט און וועלט האָבן הרנ׳ען נאָך מער דער־

נענטערט צו אים און צו זיינע גאָט־אידייען. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין אַברהמ׳ס טעטיקייטן און אים געהאָלפן אין אַלע זיינע אונטערנעמונגען.

זיין ברודער נחור איז שוין, ווי געזאָגט, געווען אַן אַסימילירטער סו־מעריער און איז געווען באַגייסטערט פאַר דער סומערישער קולטור. ער האָט נישט פאַרשטאַנען געגנוי, וואָס אַברהם וויל, ער האָט אָבער באַוואונדערט אַברהמ׳ס פעאיקייטן און זיין אָפּפערווייליקייט פאַר זיין אידייע. עפּנטלעך האָט נחור נישט מסכים געווען מיט אַברהמ׳ס האַנדלונגען, אָבער אין האַרצן האָט נחור געפילט, אַז אַברהם איז אַ געניאַלער און געטלעכער מענטש, און אַז אים דערוואַרט אַ גלאַררייכע צוקונפט.

אַברהמ׳ס העלדישער אויסזען און זיין ווירדיקע און איידעלע האַלטונג, האָט אויך געהאַט אַ צויבער־ווירקונג אויף הרנ׳ס דריי יונגע קינדער: לוט, יסכה (שרה) און מלכה. זיי האָבן פון זייער פריסטער יוגנט זיך צוגעהערט צו אַברהמ׳ס רייד און צוגעזען זיינע ראַנגלענישן, און האָבן אים ממש פאַר־געטערט.

בעת זיינע שטורמישע וויכוחים מיט זיין פאָטער, איז אַברהם אַלעמאָל געשטאַרקט געוואָרן דורך די מיטפילנדיקע און דערמוטיקנדיקע בליקן פון דער יונגער יסכה׳ן. אירע שיינע פאַר׳חלומ׳טע אויגן האָבן זיך דעמאָלט צעבליצט, איר פּנים האָט זיך פאַררויטלט, און איר גאַנצער קערפּער האָט זיך צעוויגט פון סימפּאַטיע און התלהבות. זי האָט גאַנץ פרי אויפגעכאַפּט אַברהמ׳ס אידייע און איז געוואָרן זיין איבערגעגעבענע פאַרערערין. אין אַברהמ׳ס האַרץ האָט אָפּגעשטראַלט איר קינדערשע ליבע, און ער האָט זי מיט צערטלעכקייט גערופן „שרה" (פּרינצעסין). אין די יונגע יאָרן איז אים שרה געווען ליב ווי אַ שוועסטער. וואָס עלטער און רייפער זי איז געוואָרן, אַלץ ליבער און נענטער איז זי אים געוואָרן. זי האָט אים פאַרגעטערט און איז געוואָרן זיין שטענדיקע באַגלייטערין אויף אַלע זיינע דרכים.

מלכה איז געווען מער געגנויגט צו די אַריסטאָקראַטישע און אַסימילאַ־טאָרישע אַנשויאונגען פון איר פאָטער׳ס ברודער נחור, און זי האָט זיך דער־צויגן אונטער זיין איינפלוס. זי האָט אָבער אויך באַוואונדערט אַברהמ׳ס פּרינצלעכן אויסזען און זיינע שיינע מידות. הגם זי איז נישט געווען באַגייס־טערט פאַר אַברהמ׳ס אידייען, האָט זי אים דאָך געהאָלפן מיט וואָס זי האָט נאָר געקאָנט.

תרח האָט אין זיין הויז אויך געהאַט דינער און שקלאַפן. דער עלטסטער פון זיי איז געווען אליעזר, וועלכער איז צוזאַמען מיט אַנדערע שקלאַפן געבראַכט געוואָרן פון דמשק קיין אור. אליעזר איז געווען אַברהמ׳ס פער־זענלעכער באַדינער. אליעזר האָט אויך גוט באַנומען אַברהמ׳ס אידייען און האָט מיט מסירת־נפש אַרויסגעהאָלפן אַברהמ׳ען אין אַלע זיינע טעטיקייטן.

אין תרח׳ס הויזגעזינט זיינען אויך געווען צוויי יונגע שקלאַפן־מיידלעך:

הגר און קטורה, וועלכע זיינען צוזאַמען מיט זייערע עלטערן געבראַכט געוואָרן קיין אור, ווי מלחמה־געפאַנגענע, ווען זיי זיינען נאָך געווען קינדער.

הגר האָט געשטאַמט פון מצרים און איר שוואַרץ־חנ׳עוודיק פּנים האָט עדות געזאָגט, אַז זי איז אַ מיצרית; קטורה האָט געשטאַמט פון די חיתים, אירע בלאָנדע לאָקן און בלויע אויגן האָבן דערציילט, אַז זי שטאַמט פון די חיתים[1]. ביידע מיידלעך האָבן זיך, פון זייער פּריסטער יוגנט, דערצויגן אין תרח׳ס הויז, און זיך דאָרט געפילט ווי אַ טייל פון דער משפּחה.

ווען אַברהם האָט אָנגעהויבן פאַנאַנדערוויקלען פאַר זיין פאָטער און זיינע ברידער די אידייען וועגן אַן איין־איינציקן גאָט פאַר אַלע מענטשן און וועגן אַ וועלט אָן הערן און אָן שקלאַפן, האָבן אַלע דינער פון הויז אָנגעשטעלט די אויערן און געשלונגען אַברהמ׳ס האַרציקע און האָפענונגספולע רייד. דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָבן זיינע רייד געמאַכט אויף די צוויי שקלאַפן־מיידלעך, וועלכע האָבן נאָך בכלל נישט פאַרשטאַנען גענוי וועגן וואָס אַברהם שטורעמט אַזוי, זיי האָבן אָבער באַנומען, אַז דאָס איז פאַר זייער טובה־וועגן.

הרן האָט שטילערהייט צוזאַמענגערופן אַלע יוגנטלעכע פון דער משפּחה און געשאַפן אַן „אחד"־קרייז אין דער אייגענער היים. דער קרייז האָט זיך שנעל אַנטוויקלט, און איז שפּעטער געוואָרן דער צענטער פון אַלע אַברהמ׳ס טעטיקייטן. דאָ זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן אַלע פּלענער פאַר דער אויס־שפּרייטונג פון נייע „אחד"־קרייזן, און פונדאַנען זיינען אַרויסגעגאַנגען אַלע אויפרופן צום אָרעמען פאָלק, אַז זייער איינציקע האָפענונג ליגט אין דער אידייע פון אַן איין־איינציקן גאָט. דער קאָפּ פון אַלע „אחד"־קרייזן איז געווען שרה. מיט איר צויבער־שיינקייט, מיט אירע פיינע מאַניערן און ראַפינירטן טאַקט האָט זי געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף אַלע יוגנטלעכע.

אַברהם האָט אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן עפנטלעך אין די גאַסן פון אור און פאַרשפּרייטן זיינע „אחד"־אידייען. ער האָט פּרובירט אויפקלערן די פאָלקס־מענטשן, אַז זיי ווערן אָפּגענאַרט פון די פּריסטערס און פון קעניג. ער האָט זיי באַוויזן, אַז זייערע געטער זיינען נישט מער ווי טויטע פיגורן, אַלצאיינס צי זיי זיינען אויסגעהאַקט פון שטיין, אויסגעשניצט פון האָלץ, אויסגעפורעמט פון קופּער אָדער בראָנז; צי אַפילו אויסגעגאָסן פון גאָלד אָדער זילבער, ווי אין די רייכע טעמפּלען. אַלע זיינען זיי נישט מער ווי טויטע פיגורן, וואָס קאָנען קיינעם נישט העלפן.

אַברהם האָט זיך באַנוצט מיט אַלערליי מעטאָדן צו ברענגען זיין גאָט־אידייע צום פּשוט׳ן פאָלק. ער האָט גוט געוואוסט, אַז ס׳וועט נישט זיין אַזוי גרינג אויפצוקלערן אַ דערשלאָגענעם און מוטלאָזן מענטשן אַן אַבסטראַקטע אידייע פון אַן אומזעבאַרן גאָט, און נישט אַזוי לייכט אויפצוואַוועקן דאָס פאָלק צו ווידערשטאַנד און רעוואָלט. ער האָט זיך דערפאַר אין אָנהויב באַנוצט מיט לייכטע מיטלען פאַנאַנדערצוּוויקלען זיינע געדאַנקען פאַרן ברייטן עולם:

אַברהם האָט גענומען אַ קוישל מיט קליינע געטשקעס און איז אַרויס צוזאַמען מיט זיין ברודער הרן אין מאַרק צו פאַרקויפן די געטער.

דעם ערשטן קויפער האָט אַברהם געפרעגט, וואָס פאַר אַ גאָט ער וויל האָבן. דער קויפער האָט געזאָגט, אַז ער אַליין איז אַ שטאַרקער מענש, אַ גיבור, וויל ער האָבן אַ גאָט אַ גיבור.

האָט אַברהם גענומען דעם אָפּגאָט, וואָס איז געווען העכער פון אַלע אַנדערע, און געזאָגט: — אָט איז אַ גאָט, וואָס דו ווילסט.

— איז ער אַזאַ גיבור ווי איך? — האָט דער קויפער געפרעגט.

— נאַרישער מענטש, דו זעסט נאָך אַלץ נישט, אַז דער וואָס שטייט העכער פון אַלע איז דער שטאַרקסטער פון אַלע?

ווען דער קויפער האָט שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין מיטן געקויפטן געץ, האָט אַברהם אים געפרעגט, ווי אַלט ער איז. האָט דער קויפער גע־ענטפערט, אַז ער איז 70 יאָר אַלט. האָט אים אַברהם געזאָגט:

— ווי איז צו אַ מענטשן, וואָס איז 70 יאָר אַלט און בוקט זיך צו אַ גאָט, וואָס מ׳האָט ערשט נעכטן געמאַכט.

דער קויפער האָט זיך פאַרטראַכט, איינגעזען, אַז אַברהם איז גערעכט, און האָט די געצקע אַריינגעוואָרפן אין קויש.

אַן אָרעמע אַלמנה איז צוגעקומען צו אַברהמ׳ען און פאַרלאַנגט אַ גאָט, וואָס איז אַזוי אָרעם ווי זי איז.

האָט אַברהם גענומען אַ געץ, וואָס איז געשטאַנען נידעריקער ווי די אַנדערע, און האָט אים איר געגעבן. דערנאָך האָט ער זי געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג, וויאַזוי אַ פרוי אין איר עלטער קאָן גלויבן אין אַ גאָט, וואָס איז נאָר איין טאָג אַלט.

די פרוי האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז אַברהם איז גערעכט, און האָט אויך צוריק אַריינגעוואָרפן די הילצערנע געטשקע אין אַברהמ׳ס קויש.

אַברהם האָט דאַן געפרעגט די פרוי, וואָס זי האָט געטאָן מיטן גאָט, וואָס זי האָט אַנומלט געקויפט ביי זיין ברודער נחור.

— גנבים — האָט זי מיט אַנטריסטונג געענטפערט — זיי זיינען געקו־מען ביינאַכט און אַרויסגעגנב׳עט ביי מיר דעם גאָט.

אַברהם האָט זי אין אַ פריינטלעכן טאָן געפרעגט, וויאַזוי זי קאָן דינען אַ גאָט, וואָס האָט זיך אַליין נישט געקאָנט פאַרטיידיקן.

נאָך עטלעכע אַזעלכע באַגעגענישן מיט געטער־הענדלער, האָט אברהם איינגעזען, אַז גיין אין די גאַסן און אויפקלערן איינצלנע מענטשן זיינע גאָט־אידייען וועט נישט ברענגען די געווינטשטע רעזולטאַטן. ער מוז רעדן צו גרויסע פאָלקס־מאַסן מיטאַמאָל. דיליידן פון אָרעמע מענטשן ווערן וואָס ווייטער אַלץ שווערער, און ער מוז פאַרשטאַרקן דעם טעמפּאָ פון זיינע טע־טיקייטן און ברענגען צום פאָלק די „אחד״־אידייע פון אויסלייזונג.

אַברהמ׳ס ברייטע אויפקלערונגס־אַרבעט האָט געפונען אַ וואַרעמען אָפּ־

קלאַנג צווישן די אָרעמע שיכטן און אַרויסגערופן אומרו און צאָרן אין קע־ניגלעכן פּאַלאַץ און צווישן די טעמפּל־משרתים. אַברהם האָט געלעבט אין אַ כסדר׳דיקער געפאַר.

אַברהם האָט שוין געהאַט באַנומען גאָט׳ס איינציקייט און פאַרשטאַנען זיין אַלמעכטיקייט. ער האָט אָבער נאָך נישט געוואוסט זיין נאָמען. אַברהם האָט באַטראַכט גאָט׳ס באַשאַף און באַמערקט ווי דער הימל איז געפורעמט ווי אַ באַרג, די זון און די לבנה קומען פון הינטער די בערג, די דונערן און די בליצן קייקלען זיך אַרונטער פון די בערג און ער האָט פאַרבונדן גאָט׳ס נאָמען מיט דעם נאָמען פון די בערג (שדי) [8].

אַברהם האָט איינגעדרימלט און אין חלום האָט ער געהערט אַ שאַלנדיקע שטימע אים זאָגן:

„איך בין גאָט ש ד י. גיי פאַר מיר צו די פעלקער פון דער וועלט און ברענג צו זיי מיין נאָמען און מיינע געבאָטן פון ערלעכקייט און גערעכ־טיקייט. מיין באַשאַף איז נישט פולקאָם, ביז דער מענטש קומט און איז אים מתקן. איך האָב דעם מענטשן געגעבן די בחירה צו גיין אויף גוטע אָדער שלעכטע וועגן. דער מענטש האָט אָבער פאַרבלאָנדזשעט. גיי פאַר מיר און ברענג די וועלט צו שלימות. ברענג צוריק צום מענטשן דעם צלם־אלהים, אין וועלכן איך האָב אים באַשאַפן. וויַז אים דעם וועג צוריק צו געטלעכקייט. דאָס איז מיין בונד מיט דיר, מיט דיינע קינדער און קינדס־קינדער לדור־דורות״ [9].

אַברהם האָט זיך אויפגעכאַפּט און פאַרשטאַנען, אַז אַ געטלעך קול האָט צו אים גערעדט. ער האָט דערפילט, ווי אַ שטראָם פון איבערנאַטירלעכער ענערגיע האָט אָנגעפילט זיין גוף און שפּאַרט זיך צוריק פון אים, ווי פון אַן אויפוואַכנדיקן וואולקאַן. זיינע בלוטן זיינען צעוואָרעמט און זיין מוח צע־לויכטן, און ער הערט אַ קלאָרע שטימע אים רופן צו גיין צו די פעלקער, ווי דער נביא פון זיין גאָט, און צעשאַלן דעם נאָמען שדי איבער דער וועלט. ער מוז אויפהויבן דעם געמיט פון די געפאַלענע, אַריינבלאָזן אַ רוח־חיים אין די דערשלאָגענע און אָנצינדן אַ הייליק ליכט פאַר די פאַרבלאָנדזשעטע, ביז זיי וועלן דערהערן דאָס קול פון דעם גערעכטן גאָט און דערזען אַ וועלט פון רעכט און גערעכטיקייט.

וּמְלָכִים מִמְּךָ יֵצֵאוּ׃ וַהֲקִמֹתִי אֶת־בְּרִיתִי בֵּינִי וּבֵינְךָ
וּבֵין זַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ לְדֹרֹתָם לִבְרִית עוֹלָם לִהְיוֹת לְךָ
לֵאלֹהִים וּלְזַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ׃ וְנָתַתִּי לְךָ וּלְזַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ
אֵת ׀ אֶרֶץ מְגֻרֶיךָ אֵת כָּל־אֶרֶץ כְּנַעַן לַאֲחֻזַּת עוֹלָם׃

און מלכים וועלן פון דיר אַרויסקומען, און איך וועל אויפֿשטעלן מיין בונד צווישן מיר און צווישן דיר, און צווישן דיינע קינדער נאָך דיר, אויף דור־דורות, פֿאַר אַן אייביקן בונד, צו זיין פֿאַר דיר אַ גאָט און צו דיינע קינדער נאָך דיר. און איך וועל געבן דיר און דיינע קינדער נאָך דיר דאָס לאַנד וואו דו וואוינסט, דאָס גאַנצע לאַנד כנען פֿאַר אַן אייביק אייגנטום.

(בראשית, י״ז, ז׳)

ו

אַברהם און זיין מחנה רעוואָלטירן קעגן נמרוד׳ן

דער אָרעמסטער שטאָט־טייל פֿון אור־כשדים איז געווען דער וואַסער־ברעג, וואו ס׳האָבן געוואוינט אין אָרעמקייט און אין דחקות די שיף־אַרבעטער און די משא־טרעגער.

ווען אַברהם איז געקומען אין דעם קוואַרטאַל פֿון די שיף־אַרבעטער אין אור, לענגאויס דעם ברעג פֿון טייך פּרת, איז ער דערשטוינט געוואָרן פֿונעם שפּל׳דיקן מצב, אין וועלכן ער האָט דערזען גאָט׳ס קינדער. ער האָט דערהערט זייער זיפֿצן אונטערן שווערן יאָך פֿון זייערע פּייניקער; ער האָט דערזען, ווי גאָט׳ס שענסטער באַשאַף וואַלגערט זיך אין אָרעמקייט און נויט. דאָ האָבן געוואוינט די האַפֿן־אַרבעטער און שיף־טרעגער, וואָס האָבן געבראַכט גאָלד און זילבער, טייערע שטיינער און פּערלמוטער פֿון ווייטע לענדער; קופּער פֿון די בערג אַרום ירדן־טייך און צעדער־געהילץ פֿון די לבנון־וועלדער. אַליין האָבן זיי געוואוינט אין קליינע איינגעפֿאַלענע שטיבלעך, געמאַכט פֿון בלאָטע און קליינע וואַסער־ריטלעך [1], מיט לעכער אין דאַך פֿאַר לופֿט און ליכט. די שטיבלעך האָבן מער אויסגעזען ווי קברים, איידער הייזער פֿאַר לעבעדיקע מענטשן.

אויף די שיפֿן האָט אַברהם צוגעזען ווי גאָט׳ס קינדער זיינען צוגעבונדן צו די רודערס און ווערן געשמיסן מיט שאַרפֿע ריטער אויף זייערע נאַקעטע לייבער. ער האָט געזען, ווי יונגע מענטשן זיינען איינגעשפּאַנט ווי אייזלען אין שלעפּ־פֿליטן, אָנגעלאָדן מיט דער שווערער משא, וואָס זיי האָבן אויף זייערע רוקנס אַרונטערגענומען פֿון די שיפֿן, און ווערן געטריבן באַרג־אַרויף דורך אַ משופּע׳דיקן וועג צו די טעמפּל־סקלאַדן. די טרייבער זיינען געווען די פּריסטערס פֿונעם לבנה־גאָט נאַנאַר.

אַברהם איז לאַנג געזעסן ביים ברעג פון טייך אַן אויפגערעגטער און דערשלאָגענער. ער האָט געקוקט אין די ווייטע ווייטן און געזוכט אַן ענטפער, אַ רעטונג און אויסלייזונג פאַר דעם הילפלאָזן מענטשן.

ביים וואַסער־ברעג זיינען אויך געווען טעמפּל־געצעלטן, וואָס האָבן געדינט ווי געבעט־הייזער, וואוהין דאָס אָרעמע פאָלק האָט געבראַכט קרבנות פאַר די געטער און ציגזן פאַרן קעניג.

אַברהם איז אַריינגעגאַנגען אין איינעם פון די טעמפּלען. דאָס איז געווען אַ לאַנגער געצעלט, צונויפגעשטעלט פון הויכע שטאַנגען און באַדעקט מיט אַ טונקל־רויטער ציגן־פעל. ביים אַריינגאַנג זיינען אויף ביידע זייטן געשטאַנען צוויי גרויסע ליימענע פיגורן. זייער אויסזען איז געווען האַלב־מענטש, האַלב־אָקס, און יעדע פיגור האָט געהאַלטן אַ שפּיז אין האַנט. זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון שומרים, וואָס היטן, אַז דאָס געצעלט זאָל זיך נישט פאַנאַנדערפאַלן און די געטער זאָלן זיך נישט צעלויפן.

אינמיטן טעמפּל איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש, אויף וועלכן עס זיינען געווען אויסגעשטעלט פיל פיגורן פון גרויסע און קליינע געטער און געטינס. יעדער באַזוכער האָט געדאַרפט אַרויפלייגן אויפן טיש אַ מתנה פאַר דעם גאָט, צו וועלכן ער האָט געוואָלט מתפלל זיין. אין טעמפּל האָט זיך אַרומגעדרייט אַ פּריסטער, וואָס האָט געבענטשט די באַזוכער, אַכטונג געגעבן אויף די געטער און צוזאַמענגענומען די מתנות.

ווען אַברהם איז אַריינגעקומען אין טעמפּל, האָט דער פּריסטער גע־האַלטן אינמיטן אַ תפילה. אין טאָן פון אַ שטילן געבעט האָט ער געזונגען אַ טרויער־ליד פון פּאַסטעך דומוזי:

„זיין האַרץ איז געווען פול מיט טרערן,
איז ער אַוועק צו די פעלדער,
דער פּאַסטעך — זיין האַרץ פול מיט טרערן,
איז געגאַנגען צו די פעלדער,
דומוזי — זיין האַרץ פול מיט טרערן,
איז געגאַנגען צו די פעלדער,
ער האָט פאַרבונדן זיין פלייט אַרום האַלז,
האָט אויסגעשפּילט אַ ליד פון טרויער:

זינג־אויס אַ טרויער, שפּיל־אויס אַ יאָמער,
אָ, פעלד, זינג־אויס אַ טרויער.
אָ, פעלד, זינג־אויס אַ טרויער, שפּיל־אויס אַ יאָמער!
צווישן די זשאַבעס אין טייך זינג־אויס דיין טרויער,
צווישן די ראַקעס אין טייך זינג־אויס דיין יאָמער.
זאָל מיין מאַמע רעדן רייד פון טרויער,
זאָל מיין מאַמע סירטור מורמלען ווערטער פון יאָמער,
זאָל מיין מאַמע, וואָס האָט נישט קיין פינף ברויטן,
רעדן רייד פון טרויער.
אין טאָג, ווען איך וועל שטאַרבן, ווער וועט זאָרגן פאַר איר?

אין פעלד, ווי מיין מוטער, זאָלן מיינע אויגן פאַרגיסן טרערן,
אין פעלד, ווי מיינע קליינע שוועסטער, זאָלן מיינע אויגן פאַרגיסן טרערן״ [5].

דער פריסטער וואָלט נאָך, מסתמא, לאַנג געזונגען דאָס טרויער־ליד פונעם אומגליקלעכן פאַסטעך דומוזי, ווען ער וואָלט נישט דערזען, אַז אַ פרעמדער איז אַריינגעקומען אין טעמפּל. ער האָט אויפגענומען אַברהמ׳ען מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל און אים געפרעגט, צו וועלכן גאָט ער וויל זיך בוקן און מתפלל־זיין. באַמערקנדיק אַברהמ׳ס וואַקלען זיך, האָט ער אים אויפגעקלערט, אַז אויפן שטערן פון יעדן גאָט איז אויסגעקריצט זיין נאָמען און זיין באַרוף: פאַראַן געטער פון פרוכטבאַרקייט, פון וואַסער, פון פייער, פון שפייז, פון ים, פון טריקעניש. עס ווענדט זיך, וואָס איינער וויל פאַר זיך אויסבעטן.

אַברהם האָט אויפגעהויבן אַן ערדענעם געץ און אים געלאָזן זיך דורכ־גליטשן דורך זיינע פינגער. דער גאָט איז אַרונטערגעפאַלן אויף דער ערד און איז צעבראָכן געוואָרן אויף שטיק־שטיקלעך. ער האָט דערנאָך געפרעגט דעם פריסטער, וואָס דאָס איז פאַר אַ גאָט, וואָס קאָן זיך אַליין נישט העלפן, און וויאַזוי קאָן אַזאַ גאָט העלפן אַנדערע?

דער פריסטער האָט מיט אַן איינגעהאַלטענעם כעס געזאָגט אַברהמ׳ען, אַז ער לעסטערט די געטער פון טעמפּל און פון לאַנד. פאַר אַזאַ עבירה איז די שטראָף פאַרברענט צו ווערן אין אַ קאַלך־אויוון.

האָט אַברהם געזאָגט: „וויז מיר דעם גאָט איבער אַלע געטער, דעם שטאַרקסטן גאָט, וואָס קאָן נישט צעבראָכן ווערן, וועל איך צו אים מתפלל־זיין״.

דער גאָט איבער אַלע געטער — האָט דער פריסטער געזאָגט — איז דער לבנה־גאָט נאַנאַר. אַן אָפּבילד פון אים געפינט זיך אין הייליקן זיגור־ראַט־טעמפּל. ער איז געמאַכט פון ריינעם גאָלד און קאָן קיינמאָל נישט צעבראָכן ווערן. אָט־די אָרעמע מענטשן — האָט דער פריסטער אָנגעוויזן מיט זיין פינגער צום טייך — קאָנען אין נאַנאַר־טעמפּל נישט אַריינקומען, און קענען צו אים נישט מתפלל־זיין.

מיט מיטלייד האָט אַברהם געקוקט אויפן פריסטער׳ס אויסגעמאָרעטן פּנים, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעבליקט צוויי צעשראָקענע אויגן, און געזאָגט:

„וואָס זיינען דאָס פאַראַ געטער, וואָס העלפן נאָר די רייכע און די העכערע? פאַרוואָס קומט נאַנאַר נישט אַרונטער אַהער, צום ברעג טייך, וואו עס טרינקען זיך אין נויט די באַשאַפער פון זיין רייכטום און גדלות? פאַר־וואָס קומט ער נישט העלפן אָט־די אומגליקלעכע וואַסער־מענטשן, וואָס דאַרפן אַזוי שטאַרק האָבן זיין הילף? ביסטו זיכער, אַז נאַנאַר איז אַ גאָט? גלויבסטו באמת, אַז אָט־די אַלע טויטע פיגורן זיינען געטער?״

דער פריסטער האָט גוט באַטראַכט אַברהמ׳ען, פאַרביסן די ליפּן און

געשוויגן. ווען אַברהם האָט אים געפרעגט וועגן זיין נאָמען, האָט ער אים, נישט זייער גערן, געזאָגט, אַז זיין נאָמען איז ארפכשד.[3] דערנאָך האָט ער אַביסל אומרואיק געפרעגט אַברהמ׳ען, צוליב וואָס ער דאַרף דאָס וויסן.

אַברהם האָט פריינטלעך פרובירט באַרואיקן דעם פריסטער און צו אים געזאָגט: לויט דיין נאָמען און דיין האַלטונג מאַכסטו דעם איינדרוק פון אַ געבוירענעם סומעריער, אָבער לויט דיין אויסזען און אויסשפּראַך שטאַמסטו, גלייך ווי איך, פון אַן איינגעוואַנדערטן, אָדער געפאַנגענעם שעמיטישן שבט. די ליידן פון אונזערע שטאַם-ברידער זיינען אומדערטרעגלעך. אונזערע ברידער ווערן פאַרפאָלגט און אונטערדריקט דורך דעם קעניג און די הויכע פריסטערס אין זיגוראַט-טעמפּל. דאָ, אין דיין טעמפּל, האָב איך באַמערקט, קומען נאָר די מענטשן, וואָס אַרבעטן אַרום די שיפן. זיי זעען אויס צו זיין דערשלאָגן, אויסגעמאַטערט, האָפנונגסלאָז. צוליב וואָס קומען זיי אַהער? ווער קאָן זיי דען העלפן?

— זיי ווילן זיך ראַטעווען פון אונטערגאַנג. דאָס זיינען מיינע שטאַם-ברידער און איך פאַרגרינגער זייער פּיין. איך גיב זיי טרייסט און האָפענונג, אַז זיי וועלן סוף-כל-סוף אויסגעלייזט ווערן — האָט ארפכשד געזאָגט.

אַרומקוקנדיק זיך אויף אַלע זייטן, האָט ער שטיל געזאָגט: זיי וואַרטן אויף אַ דערלייזער און קלאַמערן זיך צו דעם אינערלעכן גלויבן, אַז כאָטש ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט, וועט ער דאָך קומען און זיי באַפרייען פון זייער נויט.

אַברהם האָט מיט אַן איינגעהאַלטענעם כעס געזאָגט: זיי טרינקען זיך דאָך דאָ אין אַ ים פון ליידן און טרערן. אויף ווען וואַרטן זיי און וואָס קאָנען זיי דערוואַרטן פון אָט-די הילצערנע, ליימענע און שטיינערנע פיגורן? דאָס זיינען טויטע געצן, וואָס האָבן ניט קיין מאַכט אָדער ווילן וועמען-עס-איז צו באַפרייען. אייערע קליינע געטער, ווי די גרויסע געטער אין די רייכע טעמפּלען, זיינען אַלע אויסגעשניצט און אויסגעגאָסן פון מענטשלעכע הענט. אין זייער נאָמען פירן די הערשער מלחמות, פאַרשקלאַפן פרעמדע פעלקער, ברענגען-אום גאַנצע לענדער און פירן צום חורבן פון דער וועלט.

ארפכשד האָט דערפילט, אַז פאַר אים שטייט אַ געטלעכער מענטש, אַ פריינט פון אָרעמען פאָלק. אַברהם איז אים געוואָרן נאָענט און ליב. שטיל, נאָר דרייסטער, האָט ער געזאָגט: איך אַליין בין ניט זיכער, צי דאָס זיינען אמת׳ע געטער. דאָס אָרעמע פאָלק קומט אָבער אַהער אויסצוגיסן זייער ביי-טער האַרץ און געפינען דאָ אַ טרייסט און אַ האָפענונג. וואו זיינען די גע-טער פון רחמנות, וואָס זאָלן אויסלייזן מיינע שטאַם-ברידער פון זייערע פּייניקער?

אַברהם האָט אָנגענומען אַרפכשד׳ן ביי דער האַנט, און מיט וואַרעמקייט און מיטגעפיל צו אים געזאָגט: נישטאָ קיין געטער. ס׳איז נאָר דאָ אַן איינ-איינציקער לעבעדיקער גאָט, דער אַלמעכטיקער גאָט שדי, דער גאָט וואָס

האָט באַשאַפן הימל און ערד און דעם מענטשן. ער איז דער גאָט פון רעכט און גערעכטיקייט, און ער וועט אויסלייזן זיינע קינדער און ברענגען שלום אויף דער וועלט.

אַרפכשד האָט ניט פאַרשטאַנען גענוי, וועגן וועלכן גאָט אַברהם רעדט. ער האָט אָבער דערפילט, אַז ער הערט נביא׳ישע רייד פון אַ געטלעכן נביא וועגן אַ גרויסער גאולה־אידייע. ער האָט געבעטן אַברהמ׳ען צו קומען אָפטער אין דער געגנט און באַזוכן זיין טעמפּל. דאָ ביים טייך טראָגט זיך אַרום געַנוג צער און צאָרן, וואָס קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מעכטיקן שטורעם.

ווען אַברהם איז צום צווייטן מאָל געקומען צו אַרפכשד׳ן אין טעמפּל, האָט ער דאָרט געטראָפן אַ קליינעם קרייז פּריסטערס פון די אַנדערע אָרעמע טעמפּלען און אַ צאָל שיף־אַרבעטער. זיי האָבן שוין אַלע געהערט פון אַרפכשד׳ן וועגן אַברהמ׳ען און זיינע גאָט־אידייען. זיי זיינען נייגעריק צו באַגעגענען אָט־דעם געטלעכן מענטשן, און פון זיין מויל הערן רייד פון האָפענונג און דערלייזונג. זיי האָבן אויפגענומען אַברהמ׳ען מיט יראַת־הכבוד און אויך מיט שרעק.

אַברהם האָט מיט זיינע בליקן זיך אַריינגעשניטן טיף אין די נשמות פון די בלאַסע, פאַרמאַטערטע שיף־מענטשן. ער האָט דאָרט דערזען פלעמלעך פון אויפברויזנדיקן צאָרן און רעוואָלט, וואָס רייסן זיך צו צעפלאַמען אין אַ העלישן פייער. ער האָט פריינטלעך באַגריסט אַלע פאַרזאַמלטע און רואיק, מיט ישוב־הדעת, ביסלעכווייז פאַר זיי פאַנאַנדערגעוויקלט זיינע געדאַנקען פון גאָט און אויסלייזונג:

„אייער פּיין און ליידן — האָט ער אָנגעהויבן — און די פּיין פונעם אָרעמען מענטשן איבער דער גאַרער וועלט, קומען פון דער קאָנקורענץ, וואָס ס׳פירן צווישן זיך די גרויסע געטער פון די רייכע טעמפּלען. יעדער הערשער גיסט פאַר זיך אויס זיין אייגענעם גאָט, און אין זיין נאָמען פירט ער מלחמות מיט די געטער פון אַנדערע לענדער, פאַרגיסט דאָס בלוט פון זיין אייגן פאָלק און פאַרשקלאַפט פרעמדע פעלקער״.

אַרפכשד האָט איבערגעריסן אַברהמ׳ס רייד און אים געפרעגט: „וויאַזוי קאָנען מיר ענדערן דעם סדר פון דער וועלט? די געטער וועלן דאָך אונז אומברענגען?״

אַברהם האָט מיט אַביסל מער אַנטשלאָסנקייט געזאָגט: „איך האָב געזוכט, געפאָרשט און געקומען צו דער דערקענטעניש, אַז אָט־די אַלע פיגורן זיינען בכלל קיין געטער. די הויכע פּריסטערס באַנוצן זיך מיט זיי צו נאַרן דאָס פאָלק און אים האַלטן אונטערטעניק. ס׳איז דאָ נאָר איין־איינציקער, לעבעדיקער גאָט, דער גאָט פון רעכט און גערעכטיקייט. מ׳קאָן אים מיט די אויגן ניט זען, מ׳קאָן אים אָבער פילן מיטן האַרצן. מ׳ווייסט ניט גענוי, וואו ער געפינט זיך, אָבער אין דער הימלשער פּראַכט דערקענט מען זיין

עקזיסטענץ, און אין דער שיינקייט פון דער נאַטור זעט מען זיין באַשאַף. ער איז דער גאָט ׳אחד׳ — דער גאָט פון אייניקייט צווישן אים און דער וועלט, צווישן דער וועלט און דעם מענטשן, און צווישן מענטש און מענטש״.

איינער פון די שיף־אַרבעטער מיטן נאָמען אַרם האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט צער געפרעגט אַברהמ׳ען: „פונוואַנען אַזויפיל רשעות און אַכזריות אויף דער וועלט?״

אַ ב ר ה ם: דער מענטש איז אַראָפּ פון זיין נאַטירלעך־געטלעכן וועג און האָט פאַרבלאָנדזשעט. דער אַלמעכטיקער גאָט האָט דעם מענטשן באַשאַפן אין זיין אייגענער געשטאַלט, מיט זיינע געטלעכע מידות פון ליבע, יושר און רחמנות. דער מענטש האָט זיך אָבער פאַרלוירן און פאַרגעסן זיין אָפּ־שטאַם. ער דינט פאַלשע געטער, וואָס שפּרייטן־קנאה־שנאה צווישן די געטער אַליין, צווישן פאָלק און פאָלק און צווישן מענטש און מענטש.

אַ ר ם: קנאה־שנאה זעט־אויס צו זיין אַ טייל פונעם מענטשנס נאַטור.

אַ ב ר ה ם: דער מענטש איז אין עצם אַ געטלעכע באַשעפעניש, מען דאַרף נאָר אויפוועקן אין אים זיינע געטלעכע אייגנשאַפטן, מ׳מוז אים אַרויס־פירן פון זיין פאַרלוירנקייט און אים אָנווייזן אויף דער וואונדערבאַרער האַר־מאָניע און שלימות, מיט וועלכע גאָט האָט באַשאַפן די וועלט און דעם מענטשן. דער מענטש דאַרף צוריק אַרויפגעפירט ווערן אויף זיין נאַטירלעכן וועג פון שלום און אחדות.

אַ ר ם: פאַר די הערשער, פאַר די רייכע טעמפּלען און פאַר די הויכע פּריסטערס איז אַזאַ גאָט געפערלעך. זיי וועלן אים בשום אופן נישט אָנער־קענען, און דאָס אָרעמע פאָלק און די געפאַנגענע שקלאַפן וועלן נישט פאַר־שטיין דיינע רייד וועגן אַן אומזעבאַרן גאָט. זיי זיינען דערשלאָגן און גלייכ־גילטיק. זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן צו זייער גורל. זיי וועלן נישט אויפ־נעמען דיינע אַבסטראַקטע אידייען.

אַ ב ר ה ם: אָט־דאָס טאַקע איז די הייליקע אַרבעט, וואָס מיר מוזן טאָן צוזאַמען: וועקן און אויפוועקן אין מענטשן זיין געטלעך געפיל; אים אויפ־הויבן פון זיין געפאַלנקייט און אונטערטעניקייט, און אין אים אַרויסרופן זיין נאַטירלעכן געפיל פון חשיבות פאַר זיך און פאַר זיינע מיטמענטשן. מיר דאַרפן אַלע מענטשן ברענגען אונטער די פליגל פונעם איינציקן און אַלמעכטיקן גאָט, וועמענס באַרוף ס׳איז „אחד״ — איין גאָט, איין וועלט און איין מענטשהייט.

אַ ר פ כ ש ד: דער קעניג איבי־סין איז שטרענג און אַכזריות׳דיק צו זיינע קעגנער. די סומערישע אַרמיי איז איצט שטאַרק און באַוואָפנט מיט די נייעסטע קופערנע שפּיזן, בראָנזענע שווערדן און שנעל־לויפנדיקע פייל־און־בויגן. זיי וועלן אונז פאַרפאָלגן און פאַרניכטן.

אַ ב ר ה ם: מיר וועלן באַוואָפענען דעם אונטערדריקטן מענטשן מיט אַ נייעם גלויבן פון אַן איין־איינציקן גאָט, מיט געטלעכע געבאָטן פון צדק און יושר; מיט אַ הייליקן געפיל פאַר מענטש און וועלט, און מיט אַ האָפע־

נוגע אויף טעג פון באַפרייאונג און גליק. דאָס זיינען וואָפן, וואָס קיין מאַכט אין דער וועלט וועט נישט קאָנען בייקומען.

אַ ר ם: דאָס איז אַ גרויסער געדאַנק, אָבער ער איז פרעמד דעם גייסט און דעם לעבן־שטייגער פון סומערישן פאָלק. די הערשער און רייכע וועלן בלוטיק קעמפן קעגן אַזעלכע געבאָטן, און דאָס הילפלאָזע פאָלק האָט נישט קיין פיזישע און גייסטיקע כוחות פאַר זיי זיך איינצושטעלן.

אַ ב ר ה ם: דאָסליידנדיקע פאָלק איז שוין מיד פון זיינע ליידן און האָט נאָר איין ברירה: גיין מיט אונז, און מיר וועלן אים ווייזן דעם וועג צו באַפרייאונג.

אַרפכשד האָט זיך פאַרטראַכט. זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן. ער האָט זיך אַ הויב־געטאָן פון זיין פּלאַץ און מיט אַנטשלאָסנקייט אַרויסגעברומט: נישטאָ קיין אַנדער ברירה: די ליידן ווערן אומדערטרעגלעך. די געפאַר פון אומקום לויערט איבער אונז. מיר מוזן זיך קעגנשטעלן. לענגאויס דעם טייך, אין אַלע אָרעמע טעמפּלען, קומט דאָס פאָלק מיט זיינע ליידן און זיפצן, וויינען און בעטן, און קיינער הערט נישט זיין געבעט.

***

די אָרעמע און פאַרלאָזענע טעמפּלען ביים וואַסער־ברעג פון אור־כשדים האָבן ביסלעכוויז אויפגעלעבט. די תמיד־ליידיקע און אָפּגעלאָזענע טעמפּלען האָבן געגומען ברויזן מיט באַוועגונג און מונטערקייט. די אָרעמע, איינגע־בויגענע פּריסטערס האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן זיך אויסגעגלייכט און אויפגעלעבט. אין די שטענדיק־מוטלאָזע, פאַר׳חושכ׳טע פּנים׳ער פון די שיף־אַרבעטער און טרעגער אַרום די שיפן אויפן טייך פרת האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן סימנים פון מוט, פונקען פון קאַמפס־לוסטיקייט, בליקן פול מיט האָפענונג.

ביים וואַסער־ברעג האָבן זיך באַוויזן געשטאַלטן, וועלכע מ׳האָט פריער קיינמאָל נישט געזען אין יענער געגנט. עס זיינען פון דעם רייכן קוואַרטאַל אָפּט געקומען תלמידים פון נאַנאַר־טעמפּל און קינדער פון הויכע קעניגלעכע באַאַמטע. מיט פרייד האָט מען באַמערקט די אָפטע באַזוכן פון דער יונגער, שיינער שרה. מיט איר גוטמוטיקן, חנ׳עוודיקן שמייכל האָט זי לעבעדיק געמאַכט די געגנט און דערמוטיקט דערשלאָגענע געמיטער.

אַ גאַנצע נעץ פון קליינע, אָבער גוט־אָרגאַניזירטע, שטרענג־דיסציפּלי־נירטע „אחד״־קרייזן האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אינדערשטיל און געזאַמלט כוחות פאַר דער שעה פון באַפרייאונג. אין יעדן טעמפּל, אויף יעדער שיף, אין יעדן געצעלט, צווישן די טרעגער פון יעדן האַפן אין און אַרום אור־כשדים, וואו נאָר עס האָבן געלעבט פאַרשקלאַפטע מענטשן, האָט זיך צעטראָגן אַ שטימונג פון אומרו און ווידערשטאַנד. די ווערטער „אחד״, „גאָט שדי״,

„בני־עבר" און דער נאָמען „אַברהם" האָבן זיך געטראָגן אומעטום, וואו נאָר מענטשן האָבן געקרעכצט פון פּיין.

די אָרעמע טעמפּלען זיינען יעדן אָוונט אָנגעפּילט געוואָרן מיט מתפּללים. די איינגעבויגענע און דערשלאָגענע האָבן זיך אין טעמפּל אויסגעגלייכט, און זייערע אויגן האָבן זיך צעפינקלט. זיי האָבן אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז דאָס בעטן ביי די געטער וועט זיי גאָרנישט העלפן; זיי מוזן זיך פאַראייניקן מיט אַלע אַנדערע ליידנדיקע און פאָדערן זייערע מענטשלעכע רעכט; זיי מוזן זיך אַליין באַפרייען, און דער „גאָט פון אַברהם" וועט זיי קומען צו־הילף.

ביים אָנלאָדן און אויסלאָדן די שיפן ביי די ברעגן פון טייך פּרת האָבן די שיף־אַרבעטער און די משא־טרעגער גערעדט צווישן זיך וועגן דעם זון פון קעניגלעכן שר און תלמיד אין דער טעמפּל־שולע, וועלכער טראָגט זיך אַרום מיט אויסטערלישע געדאַנקען וועגן אַן אומזעבאַרן איינציקן גאָט, וואָס פאָדערט רעכט און גערעכטיקייט פאַר אַלע מענטשן. מ׳האָט גערעדט וועגן דעם אינדערשטיל, מיט שרעק, אָבער מיט בטחון: „אפשר איז ער דער דער־לייזער פון אונזערע ברידער און אפשר אויך... פון דער גאַנצער וועלט"...

וואו נאָר אַברהם איז געקומען, האָבן אים אַרומגערינגלט מחנות שקלאַפן און אַרבעטער און געשלונגען זיינע שטראָף־רייד צוזאַמען מיט זיינע טרייסט־ווערטער. ער האָט זיי געשטראָפט פאַר זייער דינען צו טויטע געטער, וועמען דער קעניג און די פּריסטערס נוצן, כדי זיי צו פאַרשקלאַפן און אונטער־דריקן, און דערנאָך האָט ער זיי געטרייסט, אַז ס׳איז נישט ווייט די צייט, ווען דער אמת׳ער און אַלמעכטיקער גאָט שדי וועט זיי באַפרייען פונעם אַכזריות׳דיקן קעניג און פון די פאַלשע געטער, און וועט זיי אויסלייזן פון די האַרצלאָזע פּריסטערס. די סומעריער וועלן קענען לעבן פריי און פריידיק אין זייער לאַנד און די קינדער פון די שעמיטן וועלן גיין צו די שבטים פון זייערע אָבות און צו די לענדער פון זייער אָפּשטאַם.

די אונטערדריקטע זיינען דאַנקבאַר געווען אַברהמ׳ען פאַר זיינע רייד פון האָפענונג.

אַברהמ׳ס רייד זיינען דערגאַנגען צו איבי־סינ׳ס פּאַלאַץ. דער קעניג האָט זיך דערוואוסט, אַז אַברהם „רייצט דאָס פאָלק" קעגן אים און קעגן דעם טעמפּל. ער האָט זיך פּלוצים דערמאָנט אין דער זעאונג פון די שטערנזעער אין דער נאַכט, ווען אַברהם איז געבוירן געוואָרן. ער האָט גערופן תרח׳ן און אים באַפוילן צו ברענגען זיין זון אַברהם צו אים.

תרח האָט איצט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי איבערגעבן זיין זון אַברהם צו נמרוד׳ן.

דער קעניג האָט דאַן צוזאַמענגערופן אַלע זיינע שרים, די שטערנזעער און די חכמים צו משפּט׳ן אַברהמ׳ען פאַר זיינע גאָט־לעסטערונגען.

אַ שטאָלצער איז אַברהם אויפגעטראָטן פאַרן קעניג און זיינע ריכטער, און מיט אַ קלינגענדיקער שטימע צו זיי אַזוי געזאָגט:

— דאָס וואָרט פון מיין גאָט איז געווען צו מיר,[4] אַז איך זאָל גיין צו דער „דריטער דינאַסטיע פון אור" און איר אַזוי זאָגן:

נידער־אַראָפּ און זיץ אין שטויב יונגפרוי, טאָכטער פון בבל;
זיץ אויף דער ערד אָן אַ טראָן, טאָכטער פון כשדים;
וואָרום מער וועט מען דיך נישט רופן איידעלע און געצערטלטע.
נעם אַ מיל און מאָל מעל, דעק־אָפּ דיין שלייער,
הויב־אויף דיין שלעפּ־קלייד, אַנטפּלעק דיינע היפטן, גיי אַריבער טייכן.
אָפּגעדעקט וועט ווערן דיין נאַקעטקייט, אויך געזען ווערן וועט דיין שאַנד;
זיץ שטיל, און גיי אַריין אין פינצטערניש, טאָכטער פון כשדים,
וואָרום מער וועט מען דיך נישט רופן האַרנטע פון קעניגרייכן.
איך האָב געצאָרנט אויף מיין פאָלק, איך האָב פאַרשוועכט מיין באַשאַף,
און זיי געגעבן אין דיינע הענט; האָסט אויף זיי קיין רחמנות נישט געהאַט;
אויף די זקנים האָסטו אַרויפגעלייגט אַ שווערן יאָך און געמיינט,
אייביק וועסטו זיין די הערשעריך, ביסט געווען זיכער אין דיין רשעות,
האָסט געזאָגט: קיינער זעט מיך נישט;
דיין חכמה און דיין קנעכטשאַפט, זי האָט דיך פאַרפירט;
און האָסט געזאָגט אין דיין האַרצן: איך, און אַחוץ מיר, איז נישטאָ מער.
אָבער קומען וועט אויף דיר אַ בייז וואָס דו וועסט נישט וויסן
ווי עס אָפּצושפּרעכן,
און אָנפאַלן וועט אויף דיר אַן אומגליק, וואָס דו וועסט נישט קאָנען באַזייטיקן.
און קומען וועט אויף דיר פּלוצלונג אַ פאַרוויסטונג, אומבאַמערקט.
זאָלן די הימל־קוקער, די שטערנזעער, די פאָראויסזאָגער פון מזלות,
אָקאָרשט אויפשטיין און דיר העלפן פון אַלץ וואָס וועט אויף דיר קומען,
זע, זיי ווערן ווי שטרוי, אַ פייער פאַרברענט זיי,
זיי וועלן זיך אַליין נישט מציל זיין פון דער מאַכט פון דעם פלאַם.[5]

דער קעניג האָט געפרעגט אַברהמ׳ען, צי ער ווייסט פאַר וועמען ער שטייט.

— איך שטיי פאַר דעם קעניג איבי־סין, וועמען מ׳רופט אויך נמרוד. דו ביסט דער זון פון כוש, אַ פּשוט׳ער מענטש, וועמען דער אַלמעכטיקער גאָט שדי האָט באַשאַפן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע באַשעפענישן — האָט אַברהם געענטפערט.

— ווייסטו, אַז מיינע אַסטראָלאָגן האָבן געזען אין די מזלות, אַז דו ביסט געבוירן געוואָרן צו באַהערשן די וועלט און אומברענגען מיין קעניגרייך? — האָט אים דער קעניג געפרעגט.

אַ ב ר ה ם: דו האָסט זיך אַליין דערקלערט פאַר אַ גאָט. דו האָסט די וועלט נישט באַשאַפן, דו ווילסט זי פאַרכאַפּן, פאַרגיסנדיק מענטשלעך בלוט, און דו וועסט זי חרוב מאַכן.

— צי ווייסטו נישט, אַז איך בין גאָט, דער באַשאַפער פון דער זון, לבנה און שטערן, דער שאַפער פונעם גאַנצן אוניווערז? — האָט נמרוד געפרעגט.

— אַדוני קעניג, איך וואָלט זייער געוואָלט גלויבן אין דיין געטלעכ־

קייט, ווען דו וואָלסט עס מיר נאָר געקאָנט באַווייזן. זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, גייט־אויף די זון אין מזרח און פאַרגייט אין מערב. פּרוביר מאָרגן אָנזאָגן דער זון, אַז זי זאָל אויפגיין אין מערב און פאַרגיין אין מזרח. אויב דאָס וועט געשען, וועל איך מודה־זיין, אַז דו ביסט טאַקע דער האַר פון דער וועלט.

און אַברהם האָט ווייטער געזאָגט צו נמרוד'ן: אויב דו ביסט טאַקע דער האַר פון דער וועלט, איז דאַך קיין זאַך פון דיר נישט פאַרבאָרגן. טאָ זאָג מיר, וואָס טראַכט איך איצט, און וואָס קלייב איך זיך צו טאָן מאָרגן?

איבי־סין איז געבליבן אַ געפּלעפּטער און זיך פאַרטראַכט. אַברהם האָט אים לאַנג נישט געלאָזט טראַכטן און צוגעגעבן:

— זאָל דיין האַרץ דיך נישט פּלאָגן. דו ביסט נישט דער האַר פון דער וועלט. אַ זון פון אַ פּשוט'ן עטיאָפּיער ביסטו. דו האָסט נישט געקאָנט ראַטעווען דיין זון פון טויט, און דו אַליין וועסט נישט קאָנען ראַטעווען זיך פון אונטערגאַנג. דיין מזל איז פאַר'חתמ'עט.

איבי־סין איז אַריינגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן און געדונערט צו אַברהמ'ען:

— דו ביסט אַ מורד־במלכות, דו שטערסט די רו פון פאָלק און לעסטערסט די געטער פון טעמפּל. ס'איז נישטאָ קיין אַנדער שטראָף פאַר דיר, ווי פאַרברענט צו ווערן אין קאַלך־אויוון.

אַברהם האָט זיך נישט דערשראָקן און געזאָגט צום קעניג: דאָס וועט נישט באַווייזן, אַז דו ביסט אַ גאָט. מיין טויט וועט נאָר פעסטשטעלן, אַז דו ביסט אַ מערדער.

איבי־סין: דאָס וועט ווייזן, אַז איך בין דער הערשער פון דער וועלט, און אין מיינע הענט ליגט דער גורל פון מענטשן. דו קאָנסט זיך נאָר ראַטעווען פון טויט, אויב דו וועסט זיך בוקן צום גאָט פון פייער.

אַברהם: איך וועל זיך שוין בעסער בוקן צום וואַסער, וואָס פאַרלעשט פייער.

דער קעניג האָט לכתחילה נישט געוואָלט טויטן אַברהמ'ען. ער האָט נאָר געוואָלט ברעכן זיין מוט און עקשנות און אים צווינגען צו אָנערקענען, אַז זיין גאָט איז נישט דער איינציקער. ער האָט כמעט מיט אַ טאָן פון געבעט געזאָגט צו אַברהמ'ען: טאָ בוק זיך צום גאָט פון וואַסער, און ראַטעווע זיך פון אַ זיכערן טויט.

אַברהם האָט אים דרייסט געענטפערט: איך וועל זיך שוין בעסער בוקן צו די וואָלקנס — זיי זיינען דאָך פול מיט וואַסער.

איבי־סין האָט מיט צאָרן געזאָגט: טאָ בוק זיך צום גאָט פון די וואָלקנס און בלייב לעבן.

— אויב אַזוי, וועל איך זיך שוין בעסער בוקן צום ווינט, וועלכער קאָן צעטרייבן די וואָלקנס — האָט אַברהם געענטפערט טראָציק.*

איבי־סין האָט איינגעזען, אַז ער וועט נישט ברעכן אַברהמ׳ס גלויבן און מוט. ער האָט זיך אָפּגעקערט זיך מיישב־צו־זיין מיט זיינע יועצים, וואָס פאַר אַ שטראָף צו געבן אַברהמ׳ען.

אַברהם האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך געווענדעט צום קעניג׳ס עלטסטע און שטערנזעער און צו זיי אַזוי געזאָגט:

— גלויבט נישט אין אָט־דעם נמרוד! ער איז נישט קיין גאָט. ער איז אַ פשוט׳ער בשר־ודם. ער איז געבוירן געוואָרן, ווי אַלע מענטשן, און ער וועט שטאַרבן און פאַרשווינדן ווי אַלע גאָט׳ס באַשעפענישן. ס׳איז דאָ נאָר איין־איינציקער גאָט, צו וועמען מיר דאַרפן אַלע דינען — דער גאָט שדי, דער אַלמעכטיקער גאָט, וואָס לעבט אייביק. ער איז דער גאָט פון הימל און ערד, פון ים און יבשה. ער איז דער גאָט פון רעכט און גערעכטיקייט, ער איז דער גאָט פון אַלע מענטשן, און נאָר אים דאַרפט איר דינען.

איבי־סין איז אויפגעשפרונגען פון זיין קעניגלעכן טראָן מיט גרויס צאָרן, און האָט באַפוילן זיינע דינער אַריינצוואַרפן אַברהמ׳ען אין תפיסה און אים פאַרברענען אין אַ קאַלך־אויוון.

ווען אַברהם איז געבליבן אַליין אין זיין תפיסה־חדר, האָט ער אין אַן אַרויסרופנדיקן טאָן געזאָגט:

מיין גאָט, מאַך מיך אַנטרינען פון דער האַנט פון רשע,
פון פויסט פון דעם פאַרברעכער און דריקער.
וואָרום דו ביסט מיין האָפענונג, גאָט,
מיין פאַרזיכערונג פון מיין יוגנט־אָן.
אויף דיר האָב איך זיך אָנגעלענט פון מוטער־לייב,
פון מיין מוטער׳ס אינגעווייד האָסטו מיך אַרויסגעצויגן;
צו דיר איז מיין לויבגעזאַנג תמיד.
ווי אַ בייזוואונדער בין איך געוואָרן ביי אַ סך,
אָבער דו ביסט מיין שטאַרקע באַשיצונג.
מיין מויל איז אָנגעפילט מיט דיין לויב,
אַ גאַנצן טאָג מיט דיין רימונג.
גאָט, זאָלסט זיך נישט דערווייטערן פון מיר;
מיין גאָט, אייל זיך מיר צו העלפן.
זאָלן פאַרשעמט ווערן, זאָלן אויסגיין
די שונאים פון מיין לעבן;
זאָלן באַדעקט ווערן מיט חרפה און שאַנד
די וואָס זוכן אויף מיר בייז.[7]

בליץ־שנעל האָט זיך איבער גאַנץ אור פאַרשפּרייט די נייעס, אַז דער קעניג האָט אַריינגעזעצט אַברהמ׳ען אין תפיסה און אים פאַר׳משפּט פאַר־ברענט צו ווערן. אַברהם איז שוין אָבער איצט נישט געווען אַליין אין זיין קאַמף מיט די פאַלשע געטער און מיט זיין קעניג־גאָט נמרוד. איבער אַלע אָרעמע קוואַרטאַלן, באַזונדערס איבער דעם לאַנגן וואַסער־ברעג, איז שוין געווען רייף דער אַנטשלאָסענער ווילן צו באַפרייען זיך פונעם שרעקלעכן

יאָך, און אַ שטאַרקער דראַנג פאַר אויפשטאַנד. ביי די „בני־עבר" האָט אויפגעוואַכט זייער אַמאָליקער שטאָלץ, זייער נאַטירלעכע העלדישקייט, זייער בענקשאַפט צו אַ פריי לעבן אין דער פרייער נאַטור. די נייעס פון אַברהם׳ס אַריינפאַלן אין תפיסה האָט געדינט ווי אַ פעכער, וואָס צעפלאַמט אַ פייער, וואָס האָט שוין לאַנג געטליעט אין די הערצער פון פאַרשקלאַפטן פאָלק.

איבער גאַנץ אור האָט זיך צעטראָגן אַ ווינט, וואָס האָט פאָראויסגעזאָגט אַ שטורעם. די ערד האָט זיך צעוויגט ווי פאַר אַן ערדציטערניש. צווישן דער באַפעלקערונג האָט זיך דערפילט אַן אויפברויז, וואָס האָט אָנגעזאָגט באַלדיקע גרויסע געשעענישן.

אַלע „אחד"־קרייזן זיינען געווען גרייט פאַר דעם גרויסן טאָג פון באַ־פרייאונג. זיי האָבן נאָר געוואַרט אויפן רוף פון אַברהמ׳ס נאָענטע מיט־קעמפער.

שרה, לוט, הרן און אליעזר, צוזאַמען מיט אַברהמ׳ס מיטקעמפער, האָבן צעשיקט שלוחים צו אַלע „אחד"־קרייזן פון די טעמפל־שול־תלמידים, צו די „אחד"־קרייזן אין די אָרעמע טעמפלען און צו אַלע „אחד"־קרייזן צווישן די שיף־אַרבעטער, און אַלע אַנדערע אונטערדריקטע און פאַרשקלאַפטע, אַז ס׳איז געקומען דער טאָג פון אויסלייזונג. ווער ס׳איז מיטן „גאָט פון אַברהם", זאָל אויפשטיין און זיך אָנשליסן אין דער „מחנה פון אַברהם" און זיך אויף אייביק באַפרייען פון שקלאַפעריי.

דאָס איז געווען אַרום א׳תשצ״ה נאָך בריאַת־העולם (1965 פק״ר), דעם צענטן טאָג פון חודש תמוז. די ברעגעס פון טייך פּרת האָבן זיך ווידעראָמאָל צעברויזט, און דאָס מאָל נישט מיט וואַסער, נאָר מיט צאָרן און טרערן פון הונדערטער יאָרן פון מענטשלעכע ליידן, וואָס האָבן פאַרשווענקט דעם קע־ניגלעכן הויף, די רייכע פּאַלאַצן און דעם הייליקן נאַנאַר־טעמפל.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיך אין דער פינצטער געצויגן מענטשן־כוואַליעס פון וואַסער־ברעג אַרויף־צו דורך די משופע׳דיקע וועגן צו דער שטאָט. זיי זיינען נישט געגאַנגען מיט קיין געבויגענע רוקנס, און נישט געשלעפט אויף זיך קיין שווערע משא פאַר די אונטערדריקער. זיי האָבן געשפּרייזט אויס־געגלייכטע, מיט זיכערע טריט, אָנגעלאָדענע מיט גליענדיקע געפילן פון זעלבסטווירדע און רעוואָלט. נאָך האַלבער נאַכט איז די שטאָט אור באַ־לויכטן געוואָרן פון אַ ים פון פאַקלען. ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ שטראָם פון ברענענדיקער לאַווע גיסט זיך פון אַ פייער־שפייענדיקן באַרג.

ס׳האָבן זיך פאַרמירט באַזונדערע מחנות. איינע אונטער דער פירער־שאַפט פונעם יונגן און ענערגישן לוט, וועלכער האָט אַטאַקירט דעם פּאַלאַץ, און אַ צווייטע מחנה אונטער דער אָנפירונג פון הרן, וועלכער האָט זיך געלאָזט צום טעמפל.

ווען הרן און זיין מחנה זיינען צוגעקומען צום טעמפל, איז נאָך דאָרט געווען ליכטיק און לוסטיק. מ׳איז נאָך דאָרט געווען פאַרנומען מיט די ווילדע

נאַכט־אַרגיעס צו „היילִיקן" די פרויען צום גאָט נאַנאַר. הרן איז אָבער גע־ווען אַ פּחדן [8] און אומזיכער אין זיינע כוחות. ער האָט צו־לאַנג זיך געגרייט צו שטורעמען דעם טעמפּל, און די טעמפּל־שומרים האָבן דערווייל געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַפעסטיקן זיך און אָנפאַלן. הרן האָט באַגעגנט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, און זיין מחנה האָט זיך געמוזט צוריקציען מיט גרויסע פאַר־לוסטן. ער אַליין איז פאַרוואונדעט געוואָרן, און איז שפּעטער געשטאָרבן אויף זיין פאָטער׳ס שויס.

אין פּאַלאַץ זיינען נאָך אָנגעגאַנגען די נאַכטיקע וואַקכאַנאַליעס. די הערשער זיינען געווען פאַר־שיכור׳ט פון זייער ווילד־צעלאָזן לעבן, און האָבן זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלן, אַז די געבראָכענע רוקנס פון די לאַסט־טרעגער קאָנען זיך אויסגלייכן און שטורעמען דעם קעניג׳ס פעסטונג.

לוט האָט אָנגעגריפן האַסטיק, מוטיק. ער האָט גיך פאַרנומען אַלע טויערן פון דער תפיסה און זיי דורכגעבראָכן. דער קאַלך־אויוון האָט שוין געפלאַ־קערט, ווען די „אחד"־מחנות האָבן זיך אַריינגעריסן אין תפיסה און באַפרייט אַברהמ׳ען.

דאָס פאָלק האָט פאַר אַ מאָמענט פאַרלאָרן דעם מוט. אין דער מחנה איז דורכגעגאַנגען אַ שרעק, אַז אַברהם איז שוין פאַרברענט געוואָרן.

ווען אַברהם איז דערשינען אין הרנ׳ס מחנה אַ לעבעדיקער און אַ שטראַ־לנדיקער פון נצחון, האָבן זיך צעברויזט אַלע איבערגעבליבענע כוחות פון פאָלק. זיי האָבן דערפילט אַ זיכערקייט, אַז דער „גאָט פון אַברהם" וועט זיי דערפירן צו אַ זיג.

אַברהמ׳ס מחנה האָט מיט גרויס קראַפט נאָכאַמאָל געשטורעמט דעם טעמפּל, געבראָכן דעם ווידערשטאַנד פון די טעמפּל־וועכטער און אונטער־געצונדן די שקלאַפן־הייזער אַרום טעמפּל און די הונדערטער געצן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען. מיילן־ווייט האָט מען געזען דעם רויך פון די ברענענדיקע אָפּגעטער. די רויך־וואָלקנס האָבן צוגעדעקט דעם גאַנצן אַרו־מיקן שטח. די טעמפּל־שומרים זיינען צעמישט געוואָרן און ניט געזען וואו אַברהמ׳ס מחנה געפינט זיך.

אַברהמ׳ס מחנות האָבן ווי שטאָלצע זיגער זיך צוריקגעצויגן צום ברעג פון טייך פרת, די אָרעמע באַפעלקערונג איז זיי אַנטקעגנגעקומען און מיט התלהבות׳דיקע אויסגעשרייען באַגריסט זייערע באַפרייער: „זאָל לעבן דער געטלעכער שליח פונעם אַלמעכטיקן גאָט שדי! זאָלן לעבן די ׳אחד׳־מחנות, וואָס גייען אין זיינע וועגן! געבענטשט זאָל זיין דער גאָט פון רחמנות און גערעכטיקייט! לויב צו דעם גאָט פון אַברהם!"

ווען די ערשטע זון־שטראַלן האָבן זיך גענומען אויסשפּרייטן אין די ווייטע האָריזאָנטן, זיינען שוין אַלע פּראַכט־שיפן, וואָס זיינען דעמאָלט גע־שטאַנען ביי די ברעגן פון טייך פרת, געווען פאַרנומען פון אַברהמ׳ס מחנות. די שיפן, אויף וועלכע דאָס אָרעמע פאָלק איז אַזוי לאַנג אונטערדריקט און

געפייניקט געוואָרן, זיינען איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שוץ־פעסטונגען פאַר אויסלייזונג און באַפרייאונג.

אויף די שיפן האָט געהערשט אַ דערהויבענע שטימונג. די אַחדות און מסירת־נפש׳דיקייט, וואָס האָבן אַרומגענומען די „אחד״־קרייזן בשעת דעם אויפשטאַנד, און די פרייוויליקע דיסציפּלין, וואָס האָט געהאָלפן דערפירן דעם אויפשטאַנד צו אַ זיג, האָבן זיך איצט אויפגעלייזט אין פריידיקע אויסרופן, טענץ און געזאַנג.

מיט לויב פאַר דעם „גאָט פון אַברהם״ און מיט דאַנקבאַרקייט צו זייער דערלייזער אַברהם, האָבן די מענטשן אין די פול־געפּאַקטע שיפן אויף אייביק פאַרלאָזט דאָס לאַנד פון זייער געפאַנגענשאַפט און איר הויפּטשטאָט אור.

די שיפן האָבן זיך באַוועגט לאַנגזאַם און מיט גרויסע שוועריקייטן. חוץ דעם וואָס זיי זיינען געווען פול־געפּאַקט, האָבן זיי געדאַרפט בייקומען דעם שטאַרקן שטראָם פון דעם טייך פרת, ווענמענס וואַסערן לויפן אין אַ פאַר־קערטער ריכטונג. כאָטש קיינער האָט נאָך נישט געוווּסט וואוהין זיי גייען, האָבן אַלע אָבער מיט גרויס ערפורכט געוואַרט אויף אַברהמ׳ס באַפעלן.

די קרוין פון דער קעניגין שוב־אַד, געפונען אין איר קבר, וואָס וואולי האָט אויסגעגראָבן אין אור־כשדים.

...וַתְּהִי שָׂרַי עֲקָרָה אֵין לָהּ וָלָד׃ וַיִּקַּח תֶּרַח
אֶת־אַבְרָם בְּנוֹ וְאֶת־לוֹט בֶּן־הָרָן בֶּן־בְּנוֹ וְאֵת שָׂרַי כַּלָּתוֹ
אֵשֶׁת אַבְרָם בְּנוֹ וַיֵּצְאוּ אִתָּם מֵאוּר כַּשְׂדִּים לָלֶכֶת אַרְצָה
כְּנַעַן וַיָּבֹאוּ עַד־חָרָן וַיֵּשְׁבוּ שָׁם׃

...און שרי איז געווען אַן עקרה, און קינדער האָט זי נישט געהאַט. און תרח האָט גענומען זיין זון אַברהמ׳ען, און זיין אייניקל לוט, דער זון פון הרנ׳ען, און זיין שנור שרי, די ווייב פון זיין זון אַברהמ׳ען, און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען מיט זיי פון אור־כשדים, צו גיין אינעם לאַנד כנען, און זיי זיינען געקומען ביז חרן, און האָבן זיך דאָרט באַזעצט.

(בראשית, י״א, ל״א)

ז

אַברהם און זיין מחנה אויפן וועג קיין חרן

דאָס איז געווען אין יאָר א׳ תת״י נאָך בריאַת־העולם (1950 פק״ר) ווען די „דריטע דינאַסטיע פון אור״ איז אונטערגעגאַנגען,[1] די סומער־אַקאַדישע אימפּעריע איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן, די קעניגלעכע שטאָט אור, אירע פּאַלאַצן און טעמפּלען זיינען פאַרברענט געוואָרן, אירע איינוואוינער האָט מען אויסגעשאָכטן אָדער פאַרקויפט אויפן שקלאַפן־מאַרק, און די סומעריער זיינען אויף אייביק פאַרשוואונדן ווי אַ זעלבסטשטענדיק פאָלק.

ווען אַברהם און זיין מחנה האָבן פאַרלאָזט אור, האָט איבי־סין נאָך פּרובירט רעאָרגאַניזירן זיין אַרמיי און אונטערדריקן דעם אויפברויז פון די אַרעמע שיכטן. דאָס פייער פון רעוואָלט האָט זיך שוין אָבער געהאַט פאַנאַנדערגעפלאַקערט און ס׳איז שוין געווען צו־שפּעט אים אויסצולעשן. דערצו איז איבי־סין געווען געצוואונגען פאַנאַנדערצושיקן זיינע בעסטע לעגיאָנען אונטערצודריקן די לאָקאַלע אויפשטאַנדן, וואָס האָבן אויסגעבראָכן אין אַלע לענדער פון דער אימפּעריע. דאָס האָט ער אָבער אויך געטאָן ווען ס׳איז שוין געווען צו־שפּעט.

פון צוויי זייטן האָבן זיך אָנגעטראָגן פאַרניכטנדיקע כוחות קעגן דער „דריטער דינאַסטיע פון אור״. פון מזרח האָט אָנגעגריפן אַ שטאַרק־באַוואָפנטע עלימיטן־אַרמיי, וואָס איז געקומען פון שושן, און פון צפון זיינען אָנגעקומען שטאַרקע כוואַליעס פון ניי־איינגעוואַנדערטע „אַמאַריטן״, וואָס האָבן צעשמעטערט אַלע גרענעץ־טורעמס און מיט אַ ריזיקער קראַפט זיך געשפּאַרט צו די טויערן פון אור. ווי צערייצטע וועלף האָבן די אָנגרייפער פון אַלע זייטן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער שטאָט און חרוב־געמאַכט אַלץ וואָס ס׳איז זיי

געקומען אין וועג. איבי־סין, וועלכער האָט 24 יאָר געהערשט מיט אַ שטאַר־קער האַנט איבער דער סומערישער אימפּעריע, איז געווען דער לעצטער מלך פון דער „דריטער דינאַסטיע פון אור". ער האָט געענדיקט זיין לעבן אין געפאַנגענשאַפט.

דער גרויסער חורבן, וואָס איז באַפאַלן סומעריע און איר הויפּט־שטאָט אור, איז באַווײנט געוואָרן פון אַ סומערישן דיכטער אין אַ יאָמער־ליד: „צו דער געטין נינגאַל":

אָ, קעניגין, ווי האָט דיין האַרץ דאָס אויסגעהאַלטן, ווי קענסטו ווייטער לעבן?
אָ, נינגאַל, ווי האָט דיין האַרץ דאָס אויסגעהאַלטן, ווי קענסטו ווייטער לעבן?
אָ, גערעכטאַרטיקע פרוי, דיין שטאָט איז חרוב, ווי קענסטו נאָך איצט לעבן!
אָ, נינגאַל, וועמענס לאַנד איז אומגעקומען, ווי האַלט דיין האַרץ דאָס אויס!
נאָכדעם ווי דיין שטאָט איז צעשטערט, ווי קענסטו נאָך איצט לעבן!
דיין שטאָט איז פאַרוויסט געוואָרן, ווי קענסטו אָנגיין מיט דיין לעבן!
דיין הויז איז געוואָרן אַ הויז פון טרערן, ווי האַלט דיין האַרץ דאָס אויס!
דיין שטאָט ליגט אין חורבות, דו ביסט מער נישט איר האַרנטע.
דיין גערעכטאַרטיק הויז איז אומגעקומען פון שפּיצהאַק, דו וואוינסט
דאָרט נישט מער,
דיין פאָלק איז געפאַלן אין שלאַכט, דו הערשסט איבער אים נישט מער,
דיינע טרערן זיינען איצט פרעמדע טרערן, דיין לאַנד וויינט נישט מער.
אָן „בענקענדיקע טרערן" וואוינט דיין פאָלק אין פרעמדע לענדער,
דיין לאַנד איז צעשפּליטערט אין פיל טיילן... זיין מויל פאַרשטייפט,
פון דיין שטאָט זיינען חורבות געבליבן, ווי האַלטסטו דאָס אויס!
דיין הויז איז פאַרוויסט, ווי קאָן דיין האַרץ דאָס ביישטיין!
אור, דיין הייליקע שטאָט איז מיטן ווינט אַוועק, ווי קענסטו איצט עקזיסטירן!
דיין געזאַנג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געוויין...
דיין טיגי־מוזיק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יאָמער־ליד...
דיין אָקס איז מער נישט אין זיין שטאַל, דו עסט נישט זיין פעטס,
דיין שעפּס איז מער נישט מיט זיין סטאַדע, דו טרינקסט נישט מער זיין מילך.

דעם פישערמאַן, וואָס פלעגט דיר פיש ברענגען, האָט אַן אומגליק באַפאַלן,
די יעגער, וואָס האָבן פאַר דיר פייגל געכאַפּט, זיינען אַליין אין געפאַנג —
דו קאָנסט קוים עקזיסטירן,
אויף דעם טייך, וואָס האָט געוויגט דיינע מאַגור־שיפלעך, וואַקסט איצט
ווילדער גראָז,
אויף דעם וועג, וואו ס'האָבן זיך געיאָגט דיינע רייטוועגענער, וואַקסן דערנער.

אָ, מיין קעניגין, דיין שטאָט וויינט פאַר דיר ווי פאַר אַ מוטער;
אור, ווי אַ פאַרלאָרן קינד אין אַ חרוב'ער שטאָט, זוכט דיך אַרום,
דאָס הויז, ווי אַ מאַן וואָס האָט אַלץ פאַרלאָרן, שטרעקט אויס די האַנט צו דיר,
אָ, מיין קעניגין, דו האָסט פאַרלאָזן דאָס הויז, דו האָסט פאַרלאָזן די שטאָט.
ווי לאַנג, איך בעט דיך, וועסטו שטיין אין אַ זייט, ווי אַ שונא?
אָ, מוטער נינגאַל, ווי לאַנג וועסטו וואַרפן שטראָף־רייד צו דער שטאָט
ווי אַ שונא?

אָ, מוטער נינגאַל, ווי דער אָקס צו זיין שטאַל, ווי דער שעפּס צו זיין סטאַדע,
ווי אַ יונג קינד צו זיין חדר, אַ דינערין (צוריק) צו דיין הויז!
מעג ען, דער קעניג פון די געטער, דיר זאָגן: „ס׳איז גענוג״.
מעג ענליל, דער מלך פון אַלע לענדער, דיר באַשטימען גוטן מזל.
זאָל ער אומקערן די שטאָט צו איר שטאַנד פאַר דיר, ווער צוריק אַ קעניגין!
זאָל ער אומקערן אור צו איר פּראַכט פאַר דיר, ווער צוריק איר געטין.[2]

אויפן וועג קיין חרן, האָט אַברהם און זיין מחנה זיך געמוזט אָפּשטעלן אין דער אַקאַדישער הויפּט־שטאָט בבל, אָדער ווי די סומעריער האָבן די שטאָט גערופן: „באַב־אילי״ און „באַב־אילאַני״, וואָס האָט געמיינט „דער טויער פון גאָט״ און „דער טויער פון די געטער״. איבי־סין האָט אויך געשיקט אַן אַרמיי קיין בבל מיט אַ דאָפּלטן צוועק: ערשטנס, צו דערשטיקן דעם דאָר־טיקן אָנגעזאַמלטן פאָלקס־צאָרן און אין דערזעלבער צייט צו פאַרצאַמען דעם וועג פאַר אַברהמ׳ען און זיינע נאָכפאָלגער. בבל האָט שוין אָבער דעמאָלט געהאַט אַ גרויסע שעמיטישע באַפעלקערונג, וואָס האָט נאָך נישט געהאַט פאַרגעסן דעם רום פון דער סאַרגאָנישער דינאַסטיע, און איבי־סינ׳ס חיילות זיינען צוריקגעטריבן געוואָרן, נאָך איידער אַברהם איז אַהין אָנגעקומען.

אין בבל איז אַברהם אויפגענומען געוואָרן ווי אַ פאָלקס־העלד.[3] מ׳האָט שוין דאָרט געוואוסט וועגן אַברהמ׳ס אויפשטאַנד און זיג איבער דעם נמרוד פון אור. וואו נאָר אַברהם איז געקומען, איז ער באַגלייט געוואָרן פון די אָרעמע און אונטערדריקטע. ער האָט געהערט בעטנדיקע אויסרופן: אַברהם אונזער האַר! ווער אונזער מלך! ווער אונזער גאָט!

אַברהם האָט שמייכלענדיק געדאַנקט די באַגריסער און זיי געזאָגט: עס פעלט נישט דער וועלט קיין גאָט און עס פעלט נישט דער וועלט קיין מלך, איר דאַרפט אים נאָר דערקענען.

די שטאָט האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרלאָרן איר פּראַכט און גלאַנץ פון די טעג פון סאַרגאָנ׳ס דינאַסטיע. בבל איז לאַנג געווען אונטערוואָרפן דעם יאָך פון די סומערישע טיראַנען, און צווישן די לאָקאַלע הערשער האָט שטענ־דיק געזידעט קנאה־שנאה און מיאוס׳ע אינטריגעס.

אַברהם האָט נאָך געפונען דעם „סאַרגאָן־דענקמאָל״ מיטן אויפשריפט, וואו סאַרגאָן באַרימט זיך מיט זיינע גרויסע דערפאָלגן.

אין דעם הייליקן „טעמענאָס״ שטאָט־פערטל, וואו ס׳איז געשטאַנען דער סאַרגאָן־דענקמאָל, זיינען נאָך געבליבן אַ סך סימנים פון אַ מעכטיקן און רייכן קעניגרייך. פאַרלאָזענע פּאַלאַצן, טעמפּלען און קעניגלעכע הויפן האָבן דער־ציילט פון דער אַמאָליקער פּראַכט פון דער סאַרגאָן־דינאַסטיע. דער איינ־ציקער טעמפּל, וואָס האָט אויפגעהאַלטן די גאַנצע פּראַכט און רייכקייט פון יענער גלאָררייכער צייט, איז געווען דער עסאַגילאַ־טעמפּל. דאָס איז געווען דער גרעסטער מקום־קדוש פאַר דעם פּאַנטעאָן פון אַלע אַקאַדישע געטער און דער גרעסטער צענטער פאַר אַלע האַנדלס־געשעפטן פון די אַקאַדישע

סוחרים. אין דעם עסאַגילאַ־טעמפּל האָט דאָס פאָלק געבראַכט זיינע קרבנות פאַר די געטער און די צינזן פאַרן קעניג און זיינע משרתים.

אין דעם טעמפּל האָט אַברהם באַגעגנט פּריסטערס, וועמענס בלאַסע פּנים׳ער און צעשראָקענע בליקן האָבן דערציילט וועגן דעם טרויעריקן מצב אין בבל און וועגן דער אויפטרייסלונג פון דער גאַנצער סומערישער אימפּעריע.

דער העכסטער גאָט אין דעם עסאַגילאַ־טעמפּל און בכלל פון באַבילאַ־נישן פּאַנטעאָן איז געווען דער גאָט מאַרדוק. וועגן אָט־דעם גאָט און זיין וועלט־באַשאַף האָט אַברהם געפונען אַ ספר מיטן נאָמען „ענומאַ עליש״ (ווען אין די הויכן).[4] וואו עס ווערט דערציילט וועגן דער באַשאַפונג פון געטער, וועלכע האָבן זיך שפּעטער פאַרפּלאָנטערט אין אינטריגעס און קריגערייען, און וועגן גרויסן גאָט, וואָס האָט די וועלט באַשאַפן. די מעשה לייענט זיך אַזוי:

„אַמאָל, ווען דער הימל אויבן האָט נאָך נישט געהאַט קיין נאָמען, און די ערד אונטן האָט מען נאָך נישט גערופן ביים נאָמען, זיינען געווען נאָר די צווויי אורשפּרינגלעכע ימ׳ען: טיאַמאַט און אַפּסו. דערנאָך זיינען אין אַ באַשטימ־טער צייט געבוירן געוואָרן עטלעכע דורות געטער. איינער פון זיי איז געווען דער גאָט עאַ (ענקי) — דער גאָט פון חכמה. מיט זייערע באַוועגונגען און קולות האָבן די געטער געשטערט די רו פון טיאַמאַט און אַפּסו. האָט אַפּסו באַשלאָסן צו פאַרניכטן די געטער. זיין ווייב טיאַמאַט האָט אים געבעטן, ער זאָל אויף זיי רחמנות האָבן. זי האָט גע׳טענה׳ט:

׳ווי אַזוי קאָנען מיר צעשטערן דאָס, וואָס מיר האָבן אַליין באַשאַפן? זייער פירונג פאַרשאַפט אונז אומרו, אָבער מיר דאַרפן זיי באַהאַנדלען מיט רחמנות׳.

האָט אַפּסו, צוליב זיין בייזקייט און שלעכטע מחשבות, דערצאָרנט אַלע געטער. זיי האָבן רעוואָלטירט אונטער דער פירערשאַפט פון דעם קלוגן גאָט עאַ. ער האָט מיט כישוף איינגעשלעפערט אַפּסו׳ן און אים דערמאָרדעט.

אָט־דער פאַרברעכערישער אַקט האָט נישט געלאָזט רוען די געטין טיאַ־מאַט. זי האָט מיט דער הילף פון דעם גאָט קינגו זיך געשטעלט קעגן אַלע געטער. דאָס האָט אויפגעבראַכט די געטער און זיי האָבן באַשלאָסן זי צו פאַרניכטן, מיט דער הילף פון כישוף־אָפּשפּרעכונגען.

נאָך אַפּסו׳ס טויט האָט עאַ זיך אויסגעבויט אַן אייגענע היים, און זיין ווייב האָט אים געבוירן דעם גאָט מאַרדוק. מאַרדוק האָט געזויגן פון די בריסטן פון געטינס, כדי ער זאָל ראוי זיין צו ווערן דער גאָט איבער געטער. מאַרדוק איז געווען אַ באַצויבערנדיקער, העלדישער גאָט. ער האָט געראַטע־וועט די געטער פון טיאַמאַט׳ס מערדערלעכע פּלענער. זי האָט שטאַרק גע־וואָלט נעמען פון זיי נקמה פאַרן טויט פון איר מאַן אַפּסו. מאַרדוק האָט זי דערמאָרדעט מיט דער הילף פון פאַררעטערישע געטער און אַ כאַפּטע גע־פערלעכע מאָנסטערס.

נאָכן גרויסן זיג האָט מאַרדוק באַשאַפן הימל און ערד פון טיאַמאַט׳ס

ריזיקן קערפּער, וועלכן ער האָט צעשפּאָלטן אויף צווייען. דערנאָך האָט ער באַשטימט באַזונדערע אַמטן פאַר יעדן גאָט; אָרגאַניזירט די שטערן־קאָנסטע־לאַציעס און אויפגעבויט טויערן, דורך וועלכע די זון זאָל קומען און אַוועקגיין און די לבנה זאָל דורכשיינען.

כדי צו באַפרייען די געטער פון פּשוט׳ער אַרבעט, האָט מאַרדוק צוזאַמען מיט זיין פאָטער עאַ, געוואָלט שאַפן דעם מענטשן. ס׳האָבן אים אָבער אויס־געפּעלט וויכטיקע שטאָפן, בפרט בלוט. האָט ער באַשלאָסן, אַז אַ זינדיקער גאָט וועט מוזן מקריב־זיין זיין לעבן, כדי צו העלפן אין באַשאַף פון דעם מענטשן. פאַר דעם צוועק האָט ער אויסגעקליבן דעם גאָט קינגו, וואָס האָט גע׳עצה׳ט דער געטין טיאַמאַט און איר געהאָלפן אין איר אויפשטאַנד קעגן די געטער. מאַרדוק האָט געטויט דעם גאָט קינגו און מיט זיין בלוט באַשאַפן דעם מענטשן.

די געטער זיינען דאַנקבאַר געווען און געלויבט דעם קלוגן גאָט מאַרדוק, זיי האָבן פאַר אים אויפגעבויט דעם גראַנדיעזן טעמפּל עסאַגילאַ״.

נישט ווייט פון עסאַגילאַ־טעמפּל זיינען נאָך געשטאַנען די רעשטלעך פון דעם באַרימטן בבל־טורעם, וועגן וועלכן אברהם האָט שוין פריער געהערט פאַרשיידענע מעשיות וועגן די טראַגישע געשעענישן, וואָס זיינען באַפאַלן די טורעם־בויער. אין טעמפּל האָט ער געפונען לוחות, וואָס האָבן אַזוי דער־ציילט די געשיכטע פון בבל־טורעם:

„דאָס איז געווען אין די גאָר אַלטע צייטן, ווען בבל איז נאָך געווען אַ גאָר קליינער ישוב. דער פרוכטבאַרער באָדן און די שפע פון וואַסער האָט אַהין צוגעצויגן וואַנדערנדיקע שעמיטישע שבטים. אין איינעם פון די טעג האָבן די געטער געשטראָפט בבל מיט אַ מורא׳דיקער טרוקעניש און הונגער. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע אויסוואַנדערונג פון יענער געגנט. האָט דער קעניג צוזאַמענגערופן די עלטסטע פון די שבטים און צו זיי אַזוי געזאָגט:

„קומט, לאָמיר מאַכן ציגל און ליים און זיי אויסברענען אין אַ ברענעריי. פון דעם לאָמיר בויען אַ שטאָט און אַ טורעם, וואָס זיין שפּיץ זאָל דערגרייכן ביזן הימל. לאָמיר זיך דאָ פאַראייניקן אונטער איין נאָמען, כדי איר זאָלט ווידער נישט צעשפּרייט ווערן אויפן פנים פון דער גאַנצער ערד״.

און דאָס פאָלק איז איינגעשפּאַנט געוואָרן צו בויען אַ טעמפּל־טורעם. דעם מלכ׳ס יועצים האָבן אָנגעגעבן דריי פאַרשיידענע סברות, צוליב וואָס מען דאַרף בויען אַזאַ הויכן טורעם. איין טייל האָט געהאַלטן, אַז מ׳מוז אַרויף אין הימל און דערקלערן קריג די געטער, וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט אין געלאָזט אויף הפקר די מענטשן אויף דער ערד. אַ צווייטער טייל האָט גע־זאָגט: לאָמיר אויפבויען דעם טורעם און דורך אים אַרויפברענגען אין הימל אונזערע אייגענע געטער, וועלכע וועלן זיין ווייליק אונז צו העלפן. און אַ דריטער טייל האָט געזאָגט: מיר מוזן דערגרייכן די הימלען און זיי צעשטערן

מיט אונזערע פייל־און־בויגנס און שפיזן. די געטער וועלן אַרונטערקומען אויף דער ערד און העלפן דעם מענטשן אין זיין נויט.

יאָרן־לאַנג האָט דאָס פאָלק געשקלאַפט, געלייגט ציגל אויף ציגל און געבויט דעם טורעם. דער טורעם איז שוין געווען אַזוי הויך, אַז ס׳האָט גע־נומען אַ סך טעג צו דערגרייכן זיין שפּיץ. די אויפזעער האָבן געטריבן די בויער און האָבן נישט געשוינט קיין מענטשלעכע לעבנס. אַ ציגל איז ביי זיי געווען טייערער פון אַ מענטשן. ווען אַ בויער איז אַרונטערגעפאַלן און דער־הרג׳עט געוואָרן, האָט קיינער נישט געשענקט קיין שום אויפמערקזאַמקייט. ווען אַ ציגל איז אַרונטערגעפאַלן, האָבן זיי באַשטראָפט דעם בויער, וואָס האָט אַרויסגעלאָזט דעם ציגל פון זיין האַנט.

די אויפזעער האָבן געטריבן זייערע שקלאַפן אָן רחמנות. די בויער זיינען אויסגעמאַטערט און צעטומלט געוואָרן פון זייער שווערן יאָך. אונטער אַזאַ צושטאַנד איז די גאַנצע בוי־אַרבעט פאַרקריפּלט געוואָרן. איינער האָט נישט געוואוסט, וואָס דער אַנדערער זאָגט. ווען די בויער פון אויבן האָבן געבעטן ליים, האָבן די בויער פון אונטן זיי דערלאַנגט ציגל. אין אויפרעגונג האָבן זיי געוואָרפן ציגל איינער אויפן אַנדערן, און אַ סך פון זיי זיינען דער־הרג׳עט געוואָרן. אין אַזאַ ווירוואַר האָבן אייניקע געשאָסן מיט זייערע פיילן אַרויף צום הימל און האָבן דער׳הרג׳עט זייערע אייגענע ברידער. ווען די פיילן זיינען אַרונטערגעפאַלן פאַרבלוטיקטע, האָבן די אויפזעער זיי איינגערעדט, אַז דאָס בלוט איז פון די דער׳הרג׳עטע געטער אין הימל. דאָס בויען פונעם טעמפּל־טורעם האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן. די מעשה האָט ווייטער דערציילט, אַז די געטער האָבן באַשטראָפט אַלע איבערגעבליבענע בויער. די וואָס האָבן געוואָלט דורכן טורעם אַרויפקומען צום הימל און דאָרט דערקלערן קריג די געטער, זיינען זיך צעלאָפן און צעשפּרייט געוואָרן איבער דער ערד. די וואָס האָבן געוואָלט אַרויפברענגען זייערע געטער צום הימל, זיינען פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין מאַלפּעס און שדים; און די וואָס האָבן געוואָלט צע־שטערן די הימלען, האָבן זיך איינע די אַנדערע אויסגע׳הרג׳עט.[5]

די איינציקע עדות פון די בבל־טורעם־געשעענישן זיינען געווען די חורבות פון דעם מאַסיוון פונדאַמענט, אויף וועלכן עס זיינען געשטאַנען די איבערבלייבענישן פון טורעם.[6]

צווישן די לוחות אין דער עסאַגילאַ־ביבליאָטעק האָט אַברהם אויך גע־פונען דעם אָנהויב פון דער לעגענדאַרישער געשיכטע וועגן דעם גאָט־קעניג גילגאַמעש, וואָס האָט זיך אַזוי געלייענט:

„גילגאַמעש, אַ מלך־בן־מלך, איז געבוירן געוואָרן אין קעניגלעכן פּאַלאַץ פון דער שטאָט ארך. ווען די געטער האָבן באַשאַפן גילגאַמעש׳ן האָבן זיי אים געבראַכט אויף דער וועלט מיט אַלע מעלות: דער זון־גאָט שמש האָט אים געגעבן שיינקייט; דער שטורעם־גאָט האַדאַד האָט אים געגעבן גבורה, און די געטין אישטאַר האָט אים באַשאַנקען מיט צערייצטער תאווה.

גילגאַמעש איז אויסגעוואַקסן אַ ריזיק־קרעפטיקער מאַן. ער איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער און געוואַגטער יעגער פון אָקסן און לייבן, אַ פאַרקאַכטער ראַנגלער און אַ העלדישער קריגס־פירער. ער איז געווען אויסערגעוויינלעך הויך און זיינע פיס זיינען געווען אַזוי שטאַרק, ווי די צעדער־זיילן ביים טויער פון קעניגלעכן פּאַלאַץ. גילגאַמעש האָט געקאָנט כאַפּן אַ צערייצטן לייב מיט דער לינקער האַנט און אים צאַמען, האַלטנדיק אַ בראָנזענעם שטעקן אין דער רעכטער האַנט. אויף זיין פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַזויפיל אכזריות, אַז ער האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף זיינע קעגנער.

אין וואָכן־טעג איז גילגאַמעש געווען געקליידט אין אַ טוניק מיט קורצע אַרבל, וואָס איז אַרונטערגעפאַלן פון זיינע אַקסלען און דערגרייכט ביז די קני. אויף זיינע הענט האָט ער געטראָגן גאָלדענע בראַסלעטן. טאָג־טעגלעך האָט ער אַרויפגעוואָרפן צוויי מאַלפּעס אויף זיינע אַקסלען און מיט זיי אַרומשפּאַצירט צווישן זיינע קריגער, און אין זיי אָנגעצונדן אַ לוסט צו ראַנגלעריי.

זיינע האָר זיינען געווען שוואַרץ, דיק און געקרייזלט, אויסגעפלאָכטן אין לאַנגע צעפּ און אַרומגענומען אַרום זיין קאָפּ, ווי אַ קרוין. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון לאַנגע אויגן־דעקלעך און פון אונטער גע־דיכטע ברעמען. זיין נאָז איז געווען לאַנג און געבויגן. זיינע ליפּן קיילעכדיק און תאווה׳דיק. זיין באָרד איז געווען אויסגעפלאָכטן אין צוועלף לאַנגע לאָקן, וואָס זיינען אַרונטערגעהאָנגען אויף זיין ברוסט און זיך געענדיקט אין אַ גלייכער שורה פון קליינע קרייזעלעך...

אין יום־טובֿ׳דיקע טעג, באַזונדערס אין דער פייערונג פון קאָרן־פרילינג, האָט זיך גילגאַמעש באַקליידט מיט אַ לאַנגן שוואַרצן מאַנטל, וואָס איז אַרונ־טערגעהאָנגען פון אַ הויכן הוט. ער האָט אויסגעזען אַזוי הויך ווי אַ גאָט, אַזוי גרויס ווי אַ באַרג און געריייצט ווי די זון־ליכט אויף די גלאָז־ווענט פון דעם טעמפּל אין ארך. דעמאָלט האָט מען אויף אים געזאָגט, אַז „ער איז דער, וואָס האָט אַלץ דערפונדן"; „אונזער האַר, וואָס זעט אַלץ".

גילגאַמעש האָט באַלאַנגט צו די „בני־אלהים". די געטער האָבן אים באַשאַפן צוויי־דריטל גאָט, און איין דריטל מענטש. דער שטערבלעכער טייל אין אים האָט געגלוסט צו פרויען. זיין תאווה האָט ער קיינמאָל נישט געקאָנט זעטיקן. זיין בלויזער אויסזען האָט געוואָרפן אַ שרעק אויף אַלע יונגפרויען פון ארך. ער האָט אַוועקגעריסן יונגע טעכטער פון זייער פאָטער׳ס הויז; אַוועקגענומען פרויען פון זייערע מענער און אַפילו כלות פון זייערע חתנים. ער האָט זיי אַרויפגעוואָרפן אויף זיינע אַקסלען און זיי געגומען פאַר ווייבער.

ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן און געכאַפּט פרויען, בפרט די מאַנדל־אויגיקע און די גראַציעזע, די טעכטער פון די גאָבל־לייט, די פערפו־מירטע, וואָס האָבן אים געריייצט...

אַזוי האָט געלעבט דער מענטש אין אים. ער פלעגט אויך אַרומלויפן

אין וואַלד, זיך געיאָגט נאָך לייבן און געזוכט אייביקייט; ער האָט געמיינט, אַז ער איז אַ גאָט.

אַן אַלטער מאַן האָט אַמאָל געטראָפן גילגאַמעש'ן אין וואַלד און האָט אים געפרעגט:

— גילגאַמעש, וואוהין יאָגסטו זיך? דאָס אייביקע לעבן, וואָס דו זוכסט, וועסטו נישט געפינען. ווען די געטער האָבן באַשאַפן דעם מענטש, האָבן זיי פאַר אים אויסגעטיילט שטערבלעכקייט — די אייביקייט האָבן זיי פאַרהאַלטן נאָר פאַר זיך. אָ, גילגאַמעש, זע דיין מאָגן זאָל זיין זאַט! זיי פריילעך! זאָל יעדער טאָג ביי דיר זיין אַ טאָג פון פרייד, טאָג און נאַכט — שפּיל און טאַנץ!

גילגאַמעש האָט דעם אַלטן מאַן נישט געפאָלגט. ער האָט פאַרגוואַלדיקט די פרויען, פאַרשקלאַפט די מענער און זיך דערקלערט פאַר אַ גאָט־קעניג, צו וועלכן אַלע דאַרפן זיך בוקן און ברענגען קרבנות.

ס'האָבן נישט געהאָלפן די געוויינען און די געבעטן פון די איינוואוינער פון ארך, אַז מ'רויבט אַוועק זייערע פרויען און מען פאַרגוואַלדיקט זייערע טעכטער. גילגאַמעש האָט זיך נישט צוגעהערט צו די געוואַלדן און פראַ־טעסטן פון זיינע מיט־בירגער, ער האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט געהאַט. נישט אין ארך און נישט אין דער גאַנצער סומערישער אימפעריע איז געווען נאָך אַ מאַן, וואָס זאָל זיין אַזוי ריזיק־שטאַרק און אַזוי ברוטאַל פאַרדאָרבן ווי דער גאָט־קעניג גילגאַמעש.

„און עס איז געווען, אַז די מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן מערן אויף דער ערד און ביי זיי זיינען געבוירן געוואָרן טעכטער, האָבן די 'מענטשן־געטער' זיך גענומען ווייבער, וועמען נאָר זיי האָבן אויסדערוויילט. די נפילים האָבן דעמאָלט געהערשט אויף דער וועלט און 'מענטשן־געטער' זיינען געקומען צו די טעכטער פון פאָלק און זיי האָבן געבוירן פון זיי. דאָס זיינען געווען די פאַרצייטיקע גיבורים, וואָס מיט זייער שטאַרקייט האָט געקלונגען די וועלט".[7]

גילגאַמעש האָט אומ'ברחמנות'דיק געפלאָגט זיין פאָלק, און פון זיין בלוט און פלייש האָט ער אויסגעבויט אַ גרויסע טורעם־וואַנט אַרום זיין קעניגלעכער שטאָט ארך.

דאָס פאָלק האָט מתפלל געווען צו דער געטין אַרורו. זי האָט רחמנות געהאַט אויף די מענער פון ארך און האָט באַשאַפן אַ צווייטן ריז, דעם איבער־מענטש ענקידו, וועלכער האָט זיך געקאָנט פאַרמעסטן אין גבורה מיטן קעניג־גאָט גילגאַמעש.

ענקידו'ס היים איז אָבער געווען דער וואַלד, און ער האָט פאַרקערט מיט די גרויסע חיות. ער האָט געגעסן גראָז צוזאַמען מיט די גאַזעלן (יונגע הירשן) און זיך פאַרמאָסטן אין כוחות מיט די ווילדע חיות ביי די וואַסער־גריבער.

איינמאָל האָט אַ יעגער באַמערקט דעם ענקידו־ריז צווישן אַ גרופּע וויל־

דע חיות, האָט ער וועגן דעם דערציילט גילגאַמעש'ן און אים געזאָגט:

„אין וואַלד האָב איך געזען אַ ריזיקן מענטשן, וואָס זיינסגלייכן האָב איך פריער קיינמאָל נישט געזען. ער לעבט אין די וועלדער און ער איז אַזוי שטאַרק ווי אַ שטערן אין הימל. ער האָט אויף מיר אַנגעוואָרפן אַ גרויס פחד".

גילגאַמעש האָט גע'עצה'ט דעם יעגער ער זאָל מיטנעמען מיט זיך אַ יונגפרוי, ווען ער וועט גיין אין וואַלד, און זי אַוועקלייגן נאָענט פונעם אָרט, וואו ענקידו וואוינט. ווען ענקידו וועט דערזען דעם רייץ פון דער פרוי, וועט זיך אין אים אויפוועקן דאָס מענטשלעכע געפיל, און ער וועט זיך אומקערן צו די מענטשן.

דער יעגער האָט אַזוי געטאָן. ער איז אַוועק מיט דער יונגפרוי אין די בערג, און ווען זיי האָבן פונוייטנס דערזען דעם ריזיקן ענקידו, האָט דער יעגער געזאָגט צו דער פרוי: „אָט קומט ער, דעק־אויף דיינע בריסטן, פרוי, שעם זיך נישט. נעם אים אויף מיט צערטלעכקייט און ווייבלעכקייט, לאָז אים זען דיין נאַקעט לייב. ליג מיט אים און ווייז אים, דעם ווילדן מענטש, די פרוילעכע שפילעוודיקייט; דיין רייץ וועט אין אים דערוועקן דעם מענטשן, און ווען עס וועט אים ציען צו פרויען־ליבע, וועלן די חיות אים פאַרשטויסן".

ס'איז אַזוי געווען. ווען ענקידו האָט דערזען די נאַקעטקייט פון דער פרוי, האָט ער פאַרגעסן וועגן זיין היים אין די בערג, און וועגן די חיות אין וואַלד. ער איז אַוועק מיט דער יונגפרוי צו די מענטשן אין שטאָט. די ווילדע חיות האָבן אים פאַרלאָזט און די גאַזעלן זיינען פון אים אַנטלאָפן.

ענקידו איז שוואַכער געוואָרן אין זיין גבורה, אָבער קליגער אין זיין שכל. די יונגפרוי האָט אים דאַן געזאָגט: „קום מיט מיר, ענקידו, איך וועל דיך ברענגען קיין ארך צום הייליקן טעמפל פון אישטאַר. דאָרט וועסטו זען דעם מלך גילגאַמעש, וועלכער איז אַזוי שטאַרק ווי דו און הערשט איבער די מענטשן, ווי אַ ווילדער אָקס".

גילגאַמעש און ענקידו האָבן זיך פאַרמאָסטן אין כוחות, און נאָכן ערשטן פאַרמעסט, זיינען זיי געוואָרן איבערגעגעבענע פריינט. זיי האָבן זיך ביידע אַוועקגעלאָזט איבער דער וועלט זוכן דעם קוואַל פון אייביקן לעבן.

נאָך לאַנגע וואַנדערונגען איז ענקידו מיד געוואָרן און געזאָגט צו גילגאַמעש'ן: ענליל, דער גאָט פון די בערג, דער פאָטער פון אַלע געטער, האָט דיר געשענקט קעניגלעכע מאַכט. דאָס איז דיין גורל. אומשטערבלעכקייט איז נישט דיין גורל. דאָס דאַרף אָבער נישט מאַכן דיין האַרץ טרויעריק, דאָס דאַרף דיך נישט ענדערן און פאַרביטערן. גאָט האָט דיר געגעבן גבורה צוזאַמענצובינדן און פאַנאַנדערצולאָזן נאַטור־כוחות; צו זיין די פינצטערניש און דאָס ליכט פון דער מענטשהייט. ער האָט דיר געגעבן אומפאַרגלייכלעכע אויבערהערשאַפט איבער מענטשן און פעלקער; ער האָט דיר געגעבן העלדישקייט אויפן שלאַכטפעלד, פון וועלכן קיינער קאָן זיך נישט ראַטעווען; מעכטיקן אַנגריף, פון וועלכן קיינער קאָן זיך נישט אומקערן. דו דאַרפסט

אָבער נישט מיסברויכן דיין מאַכט. באַהאַנדל מיט גערעכטיקייט דיינע דינער אין פּאַלאַץ; האַנדל גערעכט פאַר דעם גאָט שאַמאַש.

ענקידו ווערט קראַנק און שטאַרבט. גילגאַמעש באַקלאָגט זיין טרייען פריינט:

הערט מיך, איר, די באַרימטע אין ארץ,
איך קלאָג אויף ענקידו, מיין פריינט,
יאָמערנדיק ביטער, ווי אַ פרוי אין טרויער,
איך טרויער אויף מיין ברודער.
אָ, ענקידו, דער ווילדער אייזל און גאַזעל,
וואָס זיינען דיר געווען פאָטער און מוטער,
אַלע פירפיסיקע באַשעפענישן, וואָס האָבן מיט דיר געלעבט,
וויינען נאָך דיר.
אַלע ווילדע געוויקסן אויף די פעלדער און לאָנקעס,
אַלע שטעגן אין די צעדער־וועלדער, וואָס דו האָסט געליבט,
טאָג און נאַכט זיי מורמלען.
זאָלן די אָנגעזעענע פון ארכ׳ס שטאַרקע ווענט
וויינען נאָך דיר.
אָ, מיין יונגער ברודער ענקידו, מיין טייערער פריינט,
וואָס איז אָט דער שלאָף, וואָס האָט דיך איינגעהילט?
ביסט פאַרלוירן אין דער פינצטער, קאָנסט מיך נישט הערן.*

אַברהם האָט אין גילגאַמעש׳ן געזען אַן אָפּשפּיגלונג פון אַלע טיראַנישע הערשער, וואָס האָבן אומגעבראַכט סומעריע און וועלן חרוב מאַכן די וועלט. ער האָט אָבער אין גילגאַמעש׳עס געפילפולן טרויער נאָך זיין פריינט אויך דערקענט די איידעלע געטלעכע געפילן, וואָס ליגן באַהאַלטן טיף אין מענטשן און רייסן זיך אַרויף צום אויבערפלאַך אין אַ צייט פון רירנדיקע איבער־לעבענישן.

אַברהם האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרלאָזן דעם טעמפּל, ווען זיינע פריינט־לעכע פּריסטערס האָבן אים אַריינגעפירט אין איינעם פון די זייטיקע צימערן פון טעמפּל. דאָרט האָט ער געזען אַ סך פרויען זיצן אין רייען. זייערע אויסגעשטאַרצטע אויגן האָבן געוויזן, אַז זיי וואַרטן אומגעדולדיק אויף אַן אויסערגעוויינלעכער געשעעניש. די פּריסטערס האָבן אים געזאָגט, אַז די פרויען וואַרטן אויף אַ ריטואַל, וואָס ווערט הייליק דורכגעפירט אין אַלע טעמפּלען אין בבל.

יעדע פרוי מוז איינמאָל אין איר לעבן „געהייליקט" ווערן דורך אַ פרעמדן מאַן. זי מוז קומען אין טעמפּל, זיך אַוועקזעצן אויף אָט־דעם פּלאַץ און וואַרטן אויף איר ריי. מענער קומען און גייען דורך די ריי פרויען און קלויבן זיך אויס איינע, וואָס געפעלט זיי צום בעסטן. דער מאַן דאַרף דער פרוי צוּוואַרפן אַ שטיקל זילבער, און זי קאָן זיך מער נישט אָפּזאָגן צו גיין מיט אים און האָבן מיט אים געשלעכטלעכע באַציאונגען. ווען אַ פרוי זעצט זיך

אַוועק אין דער ריי, קאָן זי שוין מער נישט אַוועקגיין פון טעמפּל, ביז אַ מאַן האָט זי „געהייליקט".

די שענערע פרויען דאַרפן לאַנג נישט וואַרטן אויף זייער ריי אויסגע־קליבן צו ווערן, אָבער די מיאוס'ע דאַרפן אַמאָל וואַרטן אויף זייער ריי חדשים און אַמאָל יאָרן, ביז זיי האָבן די זכיה „געהייליקט" צו ווערן פאַר דער געטין פון פרוכטבאַרקייט — אישטאַר.[9]

דער באַרבאַרישער און באַליידיקנדיקער מנהג האָט אַרויסגערופן אַ סך צער און פאַרביטערונג ביי די וואַרטנדיקע פרויען, און אַ סך רחמנות און ווידערגעפיל ביי די צושויער, און דאָס איז געווען אַ „קליינִיקייט" לגבי אַ סך אַנדערע געצנדינערישע ריטואַלן אין דעם עסאַגילאַ־טעמפּל.

אַברהם האָט אָנגעהויבן צו רעדן צו די פּריסטערס וועגן אַט־די אַלע אומווירדיקייטן און וועגן זייערע געטער. אין אַ טאָן פון מיטגעפיל האָט ער צו זיי אַזוי געזאָגט: ווי עס זעט אויס, האָט זיך די לאַגע דאָ גאָרנישט געענדערט זינט די צייטן פון בבל־טורעם. די מענטשן זיינען נאָך דאָ אַלץ צעטומלט און פאַרלאָרן. זיי האָבן אַזויפיל טעמפּלען און וויסן נישט וועל־כער ס'איז הייליק. זיי האָבן אָן אַ צאָל געטער, און ווייסן נישט צו וועלכע זיך צו ווענדן. זיי פאַרשטייען נישט דעם אונטערשייד צווישן גוט און שלעכט, צווישן יושר און אומרחמנות, צווישן שיין און מיאוס. די גרויסע צאָל געטער ברענגען אומגליק פאַרן לאַנד און פאַרלוירנקייט צווישן פאָלק...

די פּריסטערס האָבן שוין אָבער פריער געהערט וועגן אַברהמ'ס אויפ־שטאַנד אין אור און וועגן זיינע גאָט־אידייען, און זיי האָבן צו אים געזאָגט: בבל לעבט איצט דורך מורא'דיקע טעג. עס הערשט דאָ אַן אומזיכערער צו־שטאַנד צווישן אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, און ס'איז נישטאָ קיין צייט פאַר נייע אידייען. דער פּשוט'ער מענטש איז צעשראָקן און מוטלאָז. ער וועט סיי־ווי נישט באַנעמען אַזעלכע אַבסטראַקטע אידייען, און דער גע־מיט פון די הערשער איז איצט צעברויזט און צערייצט. זיי וועלן אייך פאַר־פאָלגן און באַקעמפן. איר שטעלט אין סכנה אייער לעבן און די זיכערקייט פון אייערע מענטשן.

נאָך די אַלע געשעענישן האָט אַברהם פאַרזאַמלט אַלע זיינע מיטקעמ־פער און צו זיי אַזוי געזאָגט:

דער אַלמעכטיקער און גערעכטער גאָט שדי, וואָס האָט אונז באַפרייט פון די הענט פון נמרוד'ן און פון די אומווירדיקייטן פון די טעמפּל־פּריס־טערס, וועט אונז אויך אָפּהיטן אויף די וועגן, וואָס מיר וועלן זיך פאַרנעמען צו גיין. יעדערער פון אונז איז איצט פריי און קאָן זיך אויסקלייבן דעם וועג אויף וועלכן ער וויל גיין. פון דאַנען קאָנען מיר זיך אומקערן צו אונזערע שבטים, פעלקער און משפחות.

אַברהם האָט זיך אַ וויל פאַרטראַכט און דערנאָך געזאָגט:

ווען די שקלאַפן־געביידעס פון זיגוראַט־טעמפּל האָבן געברענט, האָב

איך פון דעם פלאַמען־גערויש געהערט אַ שטימע מיר זאָגן: „מיט דעם איז דיין אַרבעט נאָך נישט פאַרענדיקט. די וועלט איז פול מיט נמרוד׳ס און פאַלשע געטער. גיי איבער דער וועלט און פאַרשפּרייט דעם נאָמען פון דעם איינציקן און גערעכטן גאָט". די „אחד"־מחנה וועט פון דאַנען גיין פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד און ברענגען צו דער וועלט די געבאָטן פון דעם איינציקן און גערעכטן גאָט. דאָס וועט זיין אַ לאַנגער, געפערלעכער און שווערער וועג. די פון אייך וואָס זיינען שוואַך, אָדער האָבן מורא, זאָלן זיך אומקערן צו זייערע שבטים, צו זייערע משפחות און צו די לענדער פון זייער אָפּשטאַם. בלויז די מוטיקע און אָפּפערווילליקע, וואָס זיינען גרייט צו דינען דעם אַלמעכטיקן גאָט שדי און זיינען גרייט צו גיין מיט מיר אין זיין שליחות, זאָלן דאָ בלייבן.

אַברהמ׳ס מחנה האָט זיך צעטיילט אין דריי טיילן: די עכטע סומעריער, די וואָס זיינען געגאַנגען מיט אַברהמ׳ען אין זיין מלחמה קעגן דעם טיראַנישן נמרוד, האָבן באַשלאָסן צו בלייבן אין בבל, ענדיקן דעם אויפשטאַנד, און פּרובירן ראַטעווען סומעריע פון אונטערגאַנג.

אַ צווייטער טייל, וואָס איז באַשטאַנען פון בני־שם, וועמענס עלטערן זיינען געוועזן געפאַנגענע און פאַרשקלאַפטע אין סומעריע, זיינען דאַנקבאַר געוועזן אַברהמ׳ען און זיין גאָט, וואָס האָט זיי באַפרייט, אָבער זיינען געוועזן גערן זיך אומצוקערן צו זייערע שבטים, צו זייער שטאַם.

אַברהמ׳ס אייגענע משפחה, צוזאַמען מיט אַלע „בני־עבר", זיינען געגאַנגען מיט אַברהמ׳ען אויפן וועג קיין חרן, אין לאַנד פון פּדן־אַרם, וואו עס האָבן געלעבט תרח׳ס פאָטער נחור און זייער גרויסע משפחה פון די „בני־עבר"־שבטים.

אויפן וועג קיין חרן האָט אַברהם אויך געמוזט דורכגיין דאָס קעניגרייך פון מ אַ ר י, וואָס איז געלעגן ווייטער צו צפון, לענגאויס דעם טייך פרת.

הַאַף תִּסְפֶּה צַדִּיק עִם־רָשָׁע׃ אוּלַי יֵשׁ חֲמִשִּׁים צַדִּיקִם בְּתוֹךְ הָעִיר הַאַף תִּסְפֶּה וְלֹא־תִשָּׂא לַמָּקוֹם לְמַעַן חֲמִשִּׁים הַצַּדִּיקִם אֲשֶׁר בְּקִרְבָּהּ׃ חָלִלָה לְּךָ מֵעֲשֹׂת ׀ כַּדָּבָר הַזֶּה לְהָמִית צַדִּיק עִם־רָשָׁע וְהָיָה כַצַּדִּיק כָּרָשָׁע.

נישט־שוין וועסטו אומברענגען דעם אומשולדיקן מיט דעם שולדיקן. טאָמער זייגען דאָ פופציק אומשולדיקע אין דער שטאָט — ניט־שוין וועסטו זיי אומברענגען, און וועסט נישט פאַרגעבן דעם אָרט פון וועגן די פופציק אומשולדיקע וואָס אין איר? חלילה דיר צו טאָן אַזאַ זאַך, צו טויטן דעם צדיק מיטן רשע, און דער אומשולדיקער זאָל זיין גלייך ווי דער שולדיקער.

(בראשית, י״ח, כ״ד)

ח

אַברהם אין פדן־ארם — אין לאַנד פון די „בני־עבר״

ווען די מאַכט פון דער „דריטער די־נאַסטיע פון אור״ איז געבראָכן געוואָרן, האָבן זיך די קלענערע מלוכה־שטעט, ווי לאַרסאַ, איסין, אַשור און מאַרי, געריסן צו דער מאַכט. די שטאַרקסטע פון זיי איז דעמאָלט געווען מאַרי.[1] אמת, מאַרי איז נישט געווען גרויס גענוג צו פאַרכאַפּן די מאַכט פון דער אימפּעריע, זי האָט אָבער געהאַט כח נישט צו דערלאָזן, אַז אַן אַנדערע שטאָט זאָל קריגן די אויבערהאַנט.

אַברהם האָט שוין פון לאַנג געהערט וועגן דער שיינקייט פון דער שטאָט מאַרי, וועגן אירע הויכע טעמפּלען און רייכע פּאַלאַצן. ער האָט שוין פון פריער געוואוסט, אַז מען קומט פון ווייטע לענדער קיין מאַרי באַוואונ־דערן דעם פּרעכטיקן קעניגלעכן פּאַלאַץ, וואָס איז דער שענסטער אין דער וועלט, באַרימט סיי מיט זיין וואונדערלעכער אַרכיטעקטור, סיי מיט די בלענ־דנדיקע קאָלירן און מיטן קאָלאָסאַלן שטח, וואָס ער פאַרנעמט. דאָס וואָס אַברהם און זיינע באַגלייטער האָבן אָבער געזען אין מאַרי, האָט איבערגעשטיגן אַלע זייערע פאָרשטעלונגען.

אויף אַ שטרעקע פון אַרום צען אַקער לאַנד איז געשטאַנען דער קע־ניגלעכער טורעם־פּאַלאַץ. געווען נאָר איין טויער, דורך וועלכן מ׳האָט גע־קאָנט אַריינקומען אין פּאַלאַץ. עטלעכע לאַנגע און פאַרדרייטע קאָרידאָרן האָבן אַרויסגעפירט צו אַן אָפענעם קיילעכדיקן הויף, אַרום וועלכן ס׳איז געווען אויסגעשטעלט אַ ריי געביידעס, וואָס האָבן פאַרמאָגט 220 צימערן.

די מאַרי־מלכים זיינען געקרוינט געוואָרן אינעם גרעסטן צימער, אין דעם פּראַכטפול־באַצירטן זאַל. נאָענט פון זאַל האָט זיך געפונען דער קע־

ניגלעכער אויפנאַם־צימער. דאָרט האָט דער קעניג אויפגענומען זיינע מיניס־טאָרן און אַמבאַסאַדאָרן פון פרעמדע לענדער. אַ גאַנצער פליגל פון פּאַלאַץ איז געווען אָפּגעטיילט אויסשליסלעך פאַר רעליגיעזע צערעמאָניעס. פינף־און־צוואַנציק געטער האָט געהאַט דער מאַרי־פּאַנטעאָן. אין הויפּט־טעמפּל איז געשטאַנען אַ קאָלאָסאַלע סטאַטוע פון דער געטין עשתורת. די געטין האָט אין איר האַנט געהאַלטן אַ רער, פון וואַנען ס׳איז געפלאָסן „דאָס וואַסער פון אייביקן לעבן". פּרעכטיקע מאָלערייען אין וואַסער־פאַרבן האָבן באַצירט אַ סך ווענט פון פּאַלאַץ.

פון ביידע זייטן פון קעניגלעכן פּאַלאַץ זיינען געשטאַנען די געביידעס פון שטאַטס־מיניסטעריום, מלוכה־פּאַרוואַלטער, סעקרעטאַרן און סופרים. אַ באַזונדערע געביידע האָט פאַרנומען דאָס אויסערן־מיניסטעריום און דער האַנדלס־קאַמער. דאָ זיינען געווען באַשעפטיקט איבער הונדערט אָנגעשטעל־טע, וועלכע האָבן געדאַרפט דורכקוקן די פאַרשיידענע האַנדלס־דאָקומענטן, פאַרצייכענען דעם ווערט פון די דערהאַלטענע סחורות און צוריקשיקן אָנווייזונגען, אַז די פּראָדוקטן זיינען אָנגעקומען אין אָרדענונג. אַלע דאָקומענטן זיינען געצייכנט געוואָרן אויף ליימענע טאָוולען, אין דער סומערישער שפּראַך, מיט קליינפאָרם־אותיות. פון אָט־דער אָפּטיילונג זיינען אויך אַרויסגעשיקט געוואָרן די פייער־סיגנאַלן, וואָס האָבן איבערגעשיקט פאַראָרדענונגען צו די מאַרי־אַגענטן אין וויטע מקומות.

די אַנדערע הייזער זיינען געווען פאַרנומען דורך דעם בילדונגס־מיניס־טעריום. דאָ זיינען געווען אַנהויב־שולן, העכערע שולן פאַר שפּראַכן, מאַטע־מאַטיק, אַגריקולטור, מאָלעריי סקולפּטור, טעכנישע שולן פאַר שיף־בוי, קאַ־נאַלן, שליוזן און דאַמבעס. דאָ האָט זיך אויך געפונען אַ גרויסע ביבליאָטעק מיט אַן אומגעהויער־גרויסער צאָל ליים־טאָוולען וועגן געשיכטע, וויסנשאַפט, רעליגיעזע שריפטן און ליטעראַטור; אַ גרויסער אַרכיוו מיט אַלערליי רעגי־רונגס־דאָקומענטן, האַנדלס־קאָנטראַקטן און אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן.

מאַרי האָט כמעט אַלעמאָל באַהערשט דעם גאַנצן שטח ביז פּדן־אַרם. פּדן־אַרם איז אָבער געבליבן פריי און זיך אַנטוויקלט זעלבסטשטענדיק. די באַ־פעלקערונג איז דאָרט הויפּטזעכלעך געווען פון דעם „בני־עבר"־אָפּשטאַם. די איינוואוינער פון חרן, נחור, רעו און תרח האָבן גערעדט אַן אייגנאַרטיקן דיאַלעקט, האָבן אַנטוויקלט אַן אייגענע קולטור און געזוכט צו לעבן בשלום מיט זייערע שכנים. מאַרי איז אָבער געווען די גרעסטע און שטאַרקסטע שטאָט אויף צפון־זייט פון טייך פרת און האָט שטענדיק געפונען תירוצים, וויאַזוי אַרויסצופּרעסן צינזן פון די שכנ׳ישע לענדער.

ווען די סומערישע אויבערהערשאַפט איז זיך צעפאַלן, האָבן די מאַרי־הערשער געהאַט גרויסע אַמביציעס צו ירש׳ענען אַ טייל פון דער סומערישער אימפּעריע און געהאָפט, אַז זיי וועלן קאָנען שליסן אַ בונד מיט אַברהמ׳ס משפּחה אין חרן, וואָס זאָל זיי קומען צו־הילף. זיי האָבן, אַגב, געמיינט, אַז

אַזאַ בונד וועט זיי געבן אַ מעגלעכקייט איינצושטעלן בעסערע באַציאונגען מיט אַנדערע וואַנדערנדיקע „האַבירו" (בני־עבר) שבטים.

אין דער צייט ווען אַברהם איז געווען אין מאַרי, האָט דער קעניג דער־האַלטן ידיעות, אַז ס׳אַנטוויקלט זיך אין צפון אַ שטאַרקע באַוועגונג קעגן די מאַרי־הערשער. אייניקע „האַבירו"־שבטים פאַדערן, אַז פדן־אַרם זאָל רע־וואָלטירן און ווערן זעלבסטשטענדיק. באַריכטן פון מאַרי׳ס מיליטערישע אָפּ־טיילונגען האָבן דערציילט וועגן אַ קאָנצענטראַציע פון „האַבירו"־חיילות, וואָס זיינען שוין גרייט צו אַן אָנגריף. אין באַריכט האָט זיך געלייענט:

„צו מיין האַר — פון טום באַנום — דיין קנעכט:

„נעכטן האָב איך פאַרלאָזט מאַרי און פאַרבראַכט די נאַכט אין זורובאַן. אַלע פון דעם בנימין־שבט האָבן אָנגעצונדן פייער־סיגנאַלן, פון סאַמאַנום ביז אילום־מאַלוק און פון אילום־מאַלוק ביז מישלאַן. אַלע שטעט פון שבט בנימין פון דער טערקאַ־געגנט האָבן געענטפערט מיט פייער־סיגנאַלן. איך האָב ביז איצט נישט אויסגעפונען וואָס די סיגנאַלן באַדייטן. איך וועל איינגיכן פעסט־שטעלן וואָס די סיגנאַלן האָבן געמיינט, און איך וועל דיר, מיין האַר, לאָזן וויסן וועגן דעם. זאָל אָבער דערווייל די פאַרטיידיקונג פון מאַרי פאַרשטאַרקט ווערן, און זאָל מיין האַר נישט אַרויסגיין פון טויער".

אַ צווייטער בריוו האָט געשריבן:

„צו מיין האַר, פון טום מאַשון, דיין קנעכט:

„סינטירי האָט מיר געשריבן, איך זאָל אים וואָס גיכער שיקן הילף. איך האָב אים אָנגעיאָגט מיט מיין אַרמיי ביי שובאַט־שאַמאַש. דעם צווייטן טאָג האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז יאַפאַ־אַדאַר האָט זיך צוגעגרייט ביים ישוב זאַלול, אויף דער זייט פון פרת־טייך, און צוויי טויזנט „האַבירו"־חיילות זיי־נען שוין אין דער שטאָט."[2]

די לאַגע האָט אויסגעזען זייער שלעכט, און דער קעניג האָט פאַרגעשלאָגן אַברהמ׳ען צו שליסן מיט אים אַ בונד פון פריינטשאַפט און קעגנזייטיקער הילף. אַברהם האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז מאַרי גרייט זיך צו אַ מלחמה קעגן די בני־עבר־שבטים און ער האָט אויפגעקלערט דעם קעניג, אַז לויט די געבאָטן פון זיין גאָט שדי טאָר ער זיך נישט באַטייליקן אין קיין אָנגריף־מלחמה. בפרט, האָט ער אויף אַן העפלעכן אופן, צוגעגעבן, לוינט זיך נישט צו פאַרגיסן מענטשלעך בלוט צוליב די טויטע גאָלדענע געצן אין די רייכע טעמפּלען; פיל־געטעריי איז נישט נאָר נאַריש און אומזיניק, נאָר די געטער זיינען די דירעקטע סיבה פון אַלע מלחמות.

די מאַרי־הערשער האָבן אין אַברהמ׳ען דערזען אַ נייע סכנה, און האָבן אים געגעבן אָנצוהערן, אַז ס׳וועט זיין בעסער, ווען ער און זיין מחנה זאָלן וואָס גיכער פאַרלאָזן מאַרי.

אַברהם האָט געוואָלט אויסמיידן אַ צוזאַמענשטויס מיט די שעמיטישע שבטים און ער האָט אין איילעניש פאַרלאָזט מאַרי. ער האָט זיך אַוועקגע־

לאָזט אויפן וועג קיין חרן אין לאַנד פון פדן־אַרם, וואו עס האָבן געלעבט די בני־עבר־שבטים, און וואו זיין זיידע נחור איז געווען דער אָנערקענטער הויפּט־פּאַטריאַרך פון דער גאַנצער געגנט.

אין די יאָרן וואָס תרח האָט געלעבט אין אור־כשדים, איז פדן־אַרם גע־שטיגן עקאָנאָמיש, קולטורעל און פּאָליטיש. זי האָט זיך דערקלערט פאַר אַ זעלבסטשטענדיק פירשטנטום. חרן איז געוואָרן די הויפּט־שטאָט, און אַברהמ׳ס זיידע, נחור — איר ערשטער מלך. חרן האָט אַנטוויקלט אַ גרויסן וועלט־האַנדל און געשיקט אירע סחורות אַזוי ווייט ווי עילם אין מזרח, און דמשק אין מערב. אין פדן־אַרם האָט זיך אויך אַנטוויקלט אַ באַדייטנדיקע אינדוס־טריע און אַן אייגנאַרטיקע ציוויליזאַציע.

ווען תרח מיט זיין משפּחה איז צוריקגעקומען קיין חרן, איז שוין זיין פאָטער נחור געווען זייער אַלט און דאָס גאַנצע פאָלק פון פדן־אַרם האָט אים אויפגענומען מיט קעניגלעכן כבוד, ווי דעם יורש פון דער נחור־דינאַסטיע, און אַברהם איז באַגעגנט געוואָרן, ווי אַ העלד אין דעם פעלקער־אויפשטאַנד קעגן דער סומערישער אונטערדריקונג, און ווי דער קרוין־פּרינץ פון דעם פירשטנטום פון פדן־אַרם.

תרח און דער גרעסטער טייל פון דער משפחה האָבן נאַטירלעכערווייז באַשלאָסן צו בלייבן מיט זייער שבט און פאַרוואַנדטע אין זייער נייעם לאַנד פדן־אַרם. אַברהם האָט אָבער גלייך נאָך די פייערלעכע טעג געלאָזט וויסן זיין זיידן נחור, אַז ער קאָן לאַנג אין חרן נישט בלייבן.

די קעניגלעכע רייכע היים, די וואַרעמע משפחה־אַטמאָספערע און זיין פּרינצלעכער שטאַנד, האָבן נישט געקאָנט איינשטילן אַברהמ׳ס שטורמישן גייסט. די אָפּקלאַנגען פון אַ ליידנדיקער וועלט האָבן אין אים כסדר געוועקט אַ ווילן פאַר גרויסע מעשים. ער האָט געהערט אַן אינערלעכן רוף צו גיין צו אַלע פעלקער און שבטים און זיי ברענגען אַ בשורה פון דערלייזונג. ער האָט געבענקט נאָך דעם לאַנד פון זיין אָפּשטאַם, דאָס לאַנד, וואו זיינע אבות — שם און עבר — האָבן געלעבט. אַברהם האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן זיין משפחה און גיין אויסקוקן „דאָס לאַנד פון אַמורים״,[3] דאָס לאַנד, וואו עס לעבט דער יקטן־צווייג פון די „בני־עבר״.

אַברהם איז אַלט געווען פינף־און־זיבעציק יאָר, ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל אַוועק פון חרן.

מיט אַברהמ׳ען זיינען מיטגעגאַנגען זיין ווייב שרה, אירע צוויי דינסט־מיידלעך, הגר און קטורה, וועלכע תרח האָט זיי מיטגעגעבן ווי אַ חתונה־מתנה, אַברהמ׳ס דינער אליעזר און זיין ברודער׳ס זון, לוט. אַלע, וואָס זיינען געבליבן געטריי אַברהמ׳ס גאָט־אידייען, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער „אחד״־מחנה.

דער וועג איז געווען לאַנג און שווער. פון רעכטס האָבן זיך געצויגן הויכע בערג און טיפע טאָלן. אויף לינקס איז געלעגן אויסגעשפּרייט דער

סיריִשער מדבר. אין צווישן האָט זיך געצויגן אַ זאַמדיקער און וויסטער דורכגאַנג, וואו ס'האָבן אַרומגעבלאָנקעט רויבער־שבטים. אַברהם האָט אויס־געשטאַט זיין מחנה צו אַ בעדואינער־לעבן. אונטערוועגנס האָבן זיי געלעבט אונטערן פרייען הימל, געשלאָפן אין געצעלטן, אָנגעלאָדן זייער משא אויף די רוקנס פון אייזלען און זיך דערנערט פון זייערע סטאַדעס שאָף־און־רינדער; געגעסן פון זייער פלייש, געטרונקען זייער מילך און באַדעקט די לייבער און געצעלטן מיט זייער פעל. ווען זיי האָבן געפונען אַ שטיקל פרוכטבאַרן באָדן, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ לענגערער צייט, באַאַרבעט די ערד, געאַ־קערט און געזייט, געשניטן און איינגעזאַמלט די פרוכט.

דאָס איז געווען אַ קליינע, אָבער אַ דיסציפּלינירטע און קאָמפּלוסטיקע מחנה, וואָס איז געווען גרייט צו גיין מיט אַברהמ'ען דינען זיינע גאָט־אידייען ווען און וואו נאָר ער וועט זיי פירן. זיי זיינען געגאַנגען מיט אַברהמ'ען זוכן געטלעכקייט און שלום, אָבער זיינען געווען גענוג באַוואָפנט צו פאַרטיידיקן זייער וועג קעגן וועלכן ס'איז אָנפאַל.

דער ערשטער ישוב, וואָס אַברהם האָט אויפן וועג באַגעגנט, איז געווען כרכמיש[4] (קאַרקאַמיש), אַ קליינע שטאָט, אַרומגערינגלט מיט פרוכטבאַרן באָדן, וואָס איז געלעגן נישט ווייט פון פרת, דאָרט וואו דער טייך בויגט זיך אָמשאַרפסטן צו מערב. ער האָט דאָרטן געפונען אַ שבט, וואָס איז אים געווען פרעמד סיי מיט זיין שפּראַך, סיי מיט זיינע מנהגים. דאָס איז געווען אַ שבט פון די בני־חת (חיתים), וואָס האָבן אַהער פאַרבלאָנדזשעט פון יענע זייטן פון די צפון־מערב'דיקע בערג. די חיתים האָבן אָבער דערקענט, אַז אַברהם און זיין מחנה זיינען שלום־זוכנדיקע מענטשן און האָבן זיי באַהאַנדלט לויט אַלע דינים פון מדבר'שן הכנסת־אורחים.

פון כרכמיש איז אַברהם אַוועק ווייטער צו דרום, און איז דערגאַנגען ביזן אָאַזיס תדמור.[5] דאָ האָט אַברהם שוין געטראָפן שעמיטישע שבטים, וואָס האָבן גערעדט אַן עברי־דיאַלעקט און ס'איז געווען גרינג מיט זיי זיך צוזאַ־מענצורעדן. זיי האָבן אויך באַהאַנדלט אַברהמ'ס מחנה לויט אַלע גוטע טראַ־דיציעס פון בעדואינישער גאַסטפריינטלעכקייט. אין אָנהויב האָבן זיי געהאַט אַ שטיקל פאַרדאַכט אויף דער מחנה. קיין תדמור פלעגן זיך אָפט אַריינרייסן רויבער־באַנדעס, וואָס זיינען געקומען פון מדבר, צעפּלינדערט כלים, מכשי־רים, שאָף און רינדער. די כרכמיש־איינוואוינער האָבן זיך אָבער באַלד איי־בערצייגט, אַז זייערע געסט זיינען ערלעכע וואַנדערער. נישט נאָר האָט אַברהם ביי זיי קיין זאַך נישט פאַרנומען, נאָר האָט זיי נאָך געהאָלפן זיך פאַרטיידיקן קעגן אַנדערע אָנפאַלן. אַברהם האָט געשיקט זיינע שומרים מיט די דאָרטיקע פאַסטעכער צו באַוואַכן זייערע סטאַדעס.

די יוגנט אין תדמור האָט זיך גוט צוגעקוקט צום שיינעם לעבן פון דער „אחד"־מחנה און פאַרגליכן אירע גוטע מידות מיט די ווילדע פירונגען פון אַנדערע דורכרייזנדיקע שבטים. אַ צאָל פון זיי זיינען באַווירקט געוואָרן פון

אַברהמ׳ס געטלעכע רייד, האָבן זיך באַקערט צו דער אמונה פון אַן איינציקן גאָט, און האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער „אחד״-מחנה.

שווער איז געווען דער טרוקענער, זאַמדיקער וועג פון מדבר. גאַנץ אָפט האָט אַברהם געהערט מורמלערייען אין זיין מחנה, אַז זיי זיינען פאַר׳משפט צו שטאַרבן אין מדבר. אַברהם האָט אָבער קיינמאָל נישט פאַרלוירן זיין בטחון אין דעם אַלמעכטיקן גאָט, און מיט זיין בטחון האָט ער אויך אויפגעהאַלטן דעם גלויבן צווישן די מענטשן אין זיין מחנה. גרויס איז געווען זייער פרייד, ווען נאָך אַ צאָל ברענענדיקע טעג און שטיקנדיקע נעכט, האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן בלאָזן אַ קילער, אָנגענעמער ווינט און אין וויטן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן אַ בלויער הימל און אַ גרינע ערד. אין דעם ליכטיקן פרימאָרגן האָבן זיי דערזען פאַר זייערע אויגן אויסגעשפּרייט אַ פּרעכטיקע פּאַנאָראַמע פון לאַנגע קייטן בערג, טיפע טאָלן, ברייטע פלאַכן פון פרוכטבאַרן לאַנד און לאַנגע דורכשניטן פון פליסנדיקע טייכן.

אַברהם האָט געצויגן ווייטער צו דרום, אויפן וועג קיין דמשק.[9] וואָס נענטער די מחנה איז געקומען צו דער שטאָט, אַלץ גרינער איז געווען די ערד, אַלץ פּרעכטיקער די לאַנדשאַפט. דער גאַנצער אַרום איז געווען באַדעקט מיט פילפאַרביקע בלומען, באַלאָדענע פרוכט-ביימער, און איבער אַלעם אַ מאַט-בלויער הימל, וואָס האָט אַריינגעפירט דעם מידן וואַנדערער אין אַ פאַר׳כישוף׳טער וועלט.

אַברהם האָט זיך דערפרייט. ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז דאָס לאַנד, וואָס ער זוכט. ווען ער איז אָבער צוגעקומען צו די טויערן פון דמשק, האָט ער ווידער דערזען פאַרדאַרבנקייט און בלוט; גרינע פעלדער באַפאַרבט מיט רויט בלוט — אומעטום מענטשלעך בלוט. דער טויער איז געווען אַרומגעריגלט מיט באַלאַגערטע אַרמייען, אַזש פון סומעריע, באַבילאָניע און אַשור, אויף דער מזרח-זייט, און אַרמייען פון מצרים און חיתים-לאַנד, אויף דער מערב-זייט.

פרעמדע פעלקער האָבן זיך געשלאָגן צווישן זיך ווער עס זאָל פאַרנעמען די שטאָט. בשעת-מעשה האָבן ביידע צדדים געפּלינדערט און געמאָרדעט די איינגעזעסענע באַפעלקערונג.

ווען זיי האָבן דערזען אַברהמ׳ס איינדרוקספולע מחנה, האָט יעדער אַרמייפירער לכתחילה זיך באַמיט צו קריגן זי אויף זיין זייט. צוערשט מיט גוטן און דערנאָך מיט בייזן פּרובירט אַריינציען אַברהמ׳ען אין קריג. אַברהם האָט אָבער צו זיי גערעדט וועגן שלום און אחדות; וועגן זיין גאָט וועמענס געבאָט איז: „זאָלסט נישט מאָרדן״, אַ גאָט פון רעכט און גערעכטיקייט. אין אָט-די מלחמות — האָט ער זיי געזאָגט — וועט איר פאַרניכטן איינע די אַנדערע, און קיינער וועט די שטאָט נישט פאַרנעמען.

אַברהם האָט גערופן די פרעמדע אַרמייען צו מאַכן שלום צווישן זיך און זיך פאַראייניקן מיטן פאָלק פון דמשק קעגן זייערע אייגענע אונטערדריי-

קער. זיינע רייד פון אמת האָבן סוף־כל־סוף איבערצייגט אַלע צדדים, אַז דער בעסטער אויסוועג איז: שלום.

די באַפעלקערונג פון דמשק, וואָס איז געווען פון שעמיטישן אָפּשטאַם און האָט גערעדט אַ שעמיטישן דיאַלעקט, ענלעך צו דער שפּראַך פון דער „אחד״־מחנה, האָט באַטראַכט אַברהמ׳ען פאַר אַן אייגענעם. זי איז אים דאַנקבאַר געווען פאַר זיין ערלעכער און קלוגער פאַרמיטלונג צווישן די שטרייטנדיקע צדדים. די איינוואוינער האָבן אים געגעבן באַדן פאַר זיינע געצעלטן, און אים געבעטן בלייבן אין זייער לאַנד.

אַ לענגערע צייט איז אַברהם געבליבן אין דמשק. ער האָט געווירקט אויף די סיריער, זיי זאָלן איינפירן מער גערעכטע געזעצן אין לאַנד; ער האָט אויסגעגליכן מחלוקות צווישן די אינערלעכע פּאַטריאַרכן און געהאָלפן פאַרטיידיקן דאָס לאַנד קעגן אויסערלעכע אָנפאַלער. דאָס פאָלק איז אים געווען דאַנקבאַר פאַר זיינע גוטע מעשים און האָט אים שפּעטער געקרוינט פאַרן קעניג איבער זייער לאַנד.[7]

דמשק איז געווען אַ גרויסע, רייכע שטאָט, אַ צענטער פון אַ פאַרצווייגטן אויסטויש פון קאַראַוואַנען־הענדלער, וואָס האָבן געפירט רויע מאַטעריאַלן, ווי געהילץ און מעטאַל, פון די לענדער אין מערב, און אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן און תבואות פון די לענדער אין מזרח.

אויך דאָ איז דאָס רייכטום געלעגן אין די הענט פון אַ קליין הייפעלע גבירים־אַדירים. דאָס פאָלק איז באַשטאַנען פון אָרעמע הענדלער, באַלמעלאָכעס, פּויערים, אַרבעטער און שקלאַפן. די האַנט־אַרבעטער זיינען גראָד געווען קינסטלער אין זייערע פאַכן. זיי האָבן אויסגעאַרבעט פיינע ערדענע כלים, שיין־אויסגעשניצטע אָרנאַמענטן פון גאָלד, זילבער, עלפאַנטביין און האָלץ. זיי האָבן געשליפן איידלשטיינער, געוועבט כל׳ערליי וואָלענע סחורות פון פאַרשיידענע קאָלירן. דאָ, ווי אומעטום, זיינען פון די אַלע סחורות נאָר רייכער געוואָרן די רייכע, און דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג האָט געליטן הונגער און נויט.

די ציוויליזאַציע אין סיריע איז געווען נידעריקער, ווי אין סומער, און די מאָראַל איז דאָרט נישט געווען קיין סך העכער ווי אין אור, בבל און נינוה.

רעליגיעזע אומווירדיקייטן זיינען דאָ געווען נאָך מער פאַרשפּרייט, ווי אין די אַנדערע לענדער. אין די טעמפּלען איז אָנגעגאַנגען די פאַרגעטערונג פון דער פּרוכטבאַרקייט־געטין עשתורת. דער געשלעכט־פאַרקער פון דער געטין מיט איר געליבטן האָט געדאַרפט זיין אַן אָנווייז פאַר אַלע געבורט־פּראָצעסן אין דער נאַטור. דאָס ברענגען די בתולה״שאַפט פאַר אַ קרבן צו איינעם פון די הויכע פּריסטערס איז נישט נאָר געווען אַן אָפּפער צו דער מוטער־געטין עשתורת, נאָר אַ געטלעכע זעלבסט־אויפלייזונג, וואָס האָט געדאַרפט דינען

ווי אַ שטורמישע אָנרעגונג צו דער ערד און דערמיט העלפן דער פּרוכט־באַרקייט פון פלאַנצן, חיות און מענטשן.

עשתורת[8] איז נישט געווען די איינציקע געטין. דאָרט איז אויך געווען אַ פּאַנטעאָן פון געצן. אַ סך פון זיי זיינען געבראַכט געוואָרן פון סומער און בבל (באַבילאָניע), און אייניקע פון מצרים.

אַ לענגערע צייט האָט אַברהם אויפגעהאַלטן רו און אָרדענונג. אָבער די פּריסטערס פון די טעמפּלען זיינען נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. אַברהמ׳ס רייד וועגן אַן איינציקן אַלמעכטיקן גאָט און זיינע לעסטערונגען קעגן די אָרטיקע געטער האָבן אַרויסגערופן אומרו צווישן די טעמפּל־דינער. זיי האָבן אָנגעהויבן העצן קעגן אַברהמ׳ען, אַז ער איז אַ פרעמדער, וואָס איז געקומען מיט אַן אַרמיי פון יענער זייט פּרת, פון אַ פרעמד לאַנד און „האָט פאַרכאַפּט" דמשק.

אַברהם האָט געזוכט אויסצומיידן קריג. ער האָט פאַרלאָזט דמשק און איז ווייטער אַוועק וואַנדערן. ער האָט געצויגן ווייטער צו דרום. אויפן וועג, אָבער, האָבן אים וואַנדערנדיקע שבטים געוואָרנט, ער זאָל נישט גיין רעכטס, צו די ברעגן פון ים־הגדול, און נישט לינקס, צו מזרח־זייט פונעם טייך ירדן. אויף די ברעגן פון ים־הגדול האָבן זיך באַזעצט די בני־חם (כנענים), אַ נישט־שעמיטישער, באַרבאַרישער שבט, וואָס איז מקריב ערשט־געבאָרענע קינדער צו זיין גאָט בעל און פאַרפאָלגט אכזריות׳דיק זיינע קעגנער. לינקס, האָבן זיי אים געוואָרנט, איז ער אין געפאַר אַריינצופאַלן צו די רשעים פון סדום און עמורה.

זיי האָבן דערציילט, אַז די געגנט פון סדום איז רייך מיט גאָלד־און קופּער־מינעס, און די אָרטיקע איינוואוינער זיינען גייציק צו פאַרכאַפּן דאָס גאַנצע גאָלד פאַר זיך. זיי פאַרטרייבן דערפאַר דורכוואַנדערער און זיינען גרויזאַם צו די, וואָס פאַרבלאָנדזשען אַהין. אויסטערלישע געשיכטעס, האָבן זיי געזאָגט, גייען־אַרום וועגן די רשעות׳ן פון די סדום־איינוואוינער.

זיי האָבן דערציילט, אַז איינמאָל האָט אַ וואַנדערער פאַרבלאָנדזשעט קיין סדום, האָט מען אים דאָרט געגעבן גאָלד און זילבער, נאָר נישט קיין ברויט. ווען דער גאַסט איז אויסגעגאַנגען פון הונגער האָבן די סדומ׳ער ביי אים צוגענומען דאָס גאָלד און זילבער, אים באַגראָבן אַ נאַקעטן און זיך צעטיילט מיט זיינע קליידער.

אַ פרעמדער איז אָנגעקומען ביינאַכט קיין סדום און געבעטן אַ געלעגער. דריי מענער האָבן אים אָנגענומען ביים קאָפּ, און דריי ביי די פיס, און מיט געוואַלט אים פּרובירט אַריינפּאַסן אין בעט. איז ער געווען צו־קורץ, האָבן זיי אים אַזוי לאַנג געצויגן ביי די הענט־און־פיס, ביז ער „האָט זיך אַריינגעפּאַסט" אין בעט; איז ער אָבער געווען צו־לאַנג פאַר דעם בעט, האָבן זיי מיט צוואַנגען אים אַזוי לאַנג געמאַטערט, ביז ער איז אויסגעגאַנגען אונטער

זייערע הענט. בעת־מעשה האָבן זיי געשריען: „אַזוי וועלן מיר טאָן צו יעדן פרעמדן, וואָס וועט וואַגן אַריינצוקומען אין אונזער שטאָט".

די סדום׳ער זיינען געווען אַכזריות׳דיק נישט נאָר צו פרעמדע; זיי האָבן אויך איינע די אַנדערע באַ׳גזל׳ט און באַרויבט. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט כל׳ערליי ווילדע המצאות צו באַ׳גנב׳ענען און באַרויבן זייערע אייגענע שכנים.

זיי האָבן אַמאָל געוואָלט באַרויבן איינעם, וואָס האָט געהאַט אַ סך גאָלד, אָבער זיי האָבן נישט געוואוסט, וואו ער באַהאַלט עס. האָבן די שכנים גע־בעטן דעם רייכן, ער זאָל פאַר זיי אויסבאַהאַלטן אַ צאָל שטיקער גאָלד. איידער זיי האָבן אים געגעבן דאָס גאָלד, האָבן זיי עס באַשמירט מיט אַ שמעקנדיקן אויל. ביינאַכט האָבן זיי זיך אַריינגעג׳גנב׳עט אין דעם גביר׳ס הויז און אַדאַנק דעם ריח פון דעם אויל, האָבן זיי אויסגעפונען, וואו ער האַלט זיין פאַרמעגן, און זיי האָבן אים באַרויבט.

צווישן סדום און עמורה איז פאַראַן אַ גרויסער טאָל. איינמאָל אַ יאָר זיינען זיך די איינוואוינער פון סדום און עמורה און פון די אַרומיקע שטעט צוזאַמענגעקומען אין דעם טאָל מיט זייערע פרויען און קינדער און געפייערט אַ גרויסן יום־טוב, וואָס האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג. ביי דער פייערונג האָט מען דורכגעפירט שוידערלעכע אָרגיעס. ווען אַ פרעמדער האָט פאַר־בלאָנדזשעט אין יענעם טאָל, זיינען אים אַלע — גרויס און קליין — באַפאַלן, באַרויבט און אים געלאָזט אַ נאַקעטן. ווען דער אומגליקלעכער האָט פּראָ־טעסטירט צו איינעם פון זיי, האָט יעדער איינער אים געוויזן, אַז ער האָט נאָר גענומען אַ קלייניקייט, וועגן וועלכער עס לוינט זיך נישט צו רעדן. נאָכדעם ווי זיי האָבן ביי אים אַלץ צוגענומען, האָבן זיי אים פאַרטריבן פון געגנט.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט איז אַמאָל געקומען אַ מענטש פון עילם קיין סדום. ער האָט אין ערגעץ נישט געקאָנט געפינען קיין הויז, וואָס זאָל אים לאָזן איבערנעכטיקן. ענדלעך האָט איינער מיטן נאָמען הדאַר פאַר־בעטן דעם וואַנדערער צו זיך אין הויז אויף נאַכטלעגער. הדאַר האָט באַ־מערקט, אַז אויף זיין גאַסט׳ס אייזל איז צוגעבונדן מיט אַ לאַנגן שנור אַ זייער שיינער טעפּיך. ס׳האָט זיך אים שטאַרק פאַרגלוסט צו האָבן דעם טעפּיך. ער האָט באַהאַנדלט דעם אורח זייער גוט, און אָנשטאָט איין נאַכט, האָט ער אים פאַרהאַלטן אויף צוויי טעג. ווען דער אורח האָט שוין גע־דאַרפט אַוועקגיין, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט נישט דעם טעפּיך און דעם שנור. ווען ער האָט געבעטן זיין מכניס־אורח אים צו געבן דעם טעפּיך און דעם שנור, האָט יענער אים געזאָגט:

— דיר האָט זיך אַוודאַי גע׳חלומ׳ט וועגן אַזעלכן זאַכן. איך וועל דיר אויפקלערן דיין חלום: דער לאַנגער שנור, וואָס דו האָסט געזען אין חלום, מיינט אַז דו וועסט האָבן אַ לאַנג לעבן; און דער טעפּיך מיט די שיינע קאָלירן מיינט, אַז דו וועסט האָבן אַ שיינעם גאָרטן, וואו עס וועלן וואַקסן ביימער מיט כל׳ערליי פרוכטן.

ווען דער גאַסט האָט גע׳טענה׳ט, אַז דאָס איז נישט קיין חלום, ווייל ער האָט מיט זיך געבראַכט אַן אמת׳ן טעפּיך מיט אַ לאַנגן שנור, האָט העדאַר נישט נאָר קיין זאַך אים נישט צוריקגעגעבן, נאָר האָט נאָך געמאָנט ביים גאַסט, ער זאָל אים באַצאָלן פאַר באַשיידן דעם חלום.

זיינען זיי בײדע געגאַנגען אין סדום׳ער געריכט. דער ריכטער האָט געזאָגט דעם אָרעמען וואַנדערער, אַז העדאַר איז באַקאַנט אין שטאָט ווי אַן אויסגעצייכנטער אויסטייטשער פון חלומות, איז ער, בכן, באַרעכטיקט באַלוינט צו ווערן פאַר פּותר־חלום־זיין.

די געזעצן אין סדום זיינען שוין לכתחילה געווען באַשטימט צו זיין אומגערעכט צום אָרעמאַן. וואָס רייכער איינער איז געווען, אַלץ מער אַנזען האָט ער געהאַט אין אַנבליק פון געזעץ.

אַברהם האָט שטאַרק געצווייפלט, צי די אַלע רשעות׳דיקע מעשיות וועגן די מענטשן פון סדום און עמורה זיינען ריכטיק, האָט ער געשיקט זיין קנעכט אליעזר קיין סדום אויסצוגעפינען וואָס דאָרט טוט זיך.

ווען אליעזר איז אַריינגעקומען קיין סדום, האָט ער באַמערקט, ווי די סדום׳ער באַפאַלן אַ מענטשן און נעמען ביי אים צו זיינע קליידער. אליעזר האָט געפּרואווט זיך איינשטעלן פאַר דעם קרבן. די סדום׳ער זיינען באַפאַלן אויך אליעזר׳ן; איינער האָט אויף אים געוואָרפן אַ שטיין און צעבלוטיקט זיין שטערן. ווען דער אַנפאַלער האָט געזען ווי ס׳גיסט זיך בלוט פון אליעזר׳ס וואונד, האָט ער פון אליעזר׳ן געפאָדערט באַצאָלט פאַר אַן אָפּע־ראַציע פון „לאָזן בלוט". אליעזר האָט זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן. דער אַנפאַ־לער האָט גענומען אליעזר׳ן אין געריכט. דער סדום׳ער ריכטער האָט גע׳פּסק׳נט, אַז אין הסכם מיט די סדום׳ער דינים דאַרף אליעזר באַצאָלן פאַר דער „אָפּעראַציע".

אליעזר איז אין כעס געוואָרן, האָט אויפגעהויבן אַ שטיין און אים גע־וואָרפן אין ריכטער׳ס קאָפּ. ווען ער האָט געזען בלוט רינען פון ריכטער׳ס קאָפּ, האָט ער צו אים געזאָגט: איצט באַצאָל דו מיין אַנפאַלער, וואָס אים קומט, און גיב מיר די רעשט.

אַברהם איז אַריינגעפאַלן אין יאוש. וואָס ווייטער ער גייט, אַלץ ערגער זיינען די מענטשן. ער איז אַריינגעגאַנגען אין זיין טעמפּל־געצעלט און גע־זאָגט אַ לויב און אַ מאָנונג צו זיין גאָט:

— אַלמעכטיקער גאָט, שעפער פון הימל און ערד, האָסט דעם מענטשן געפורעמט אין דיין אייגענעם גייסט, ער זאָל געוועלטיקן איבער דיין באַשאַף. זע, דער מענטש האָט דיך פאַרלאָזן און פאַרבלאָנדזשעט. ער שאַפט פאַר זיך געטער אין זיין אייגענעם געשטאַלט, לויט זיינע שוואַכקייטן און גלוס־טונגען. ס׳איז דיין באַשאַף און דו אַליין דאַרפסט אים צוריקפירן צום דרך־הישר.

אברהם האָט דערנאָך איינגעדרימלט און אין חלום דערהערט אַ שטימע

איס זאָגן: „אַברהם וועט ווערן אַ גרויס און מעכטיק פאָלק, און אַלע פעלקער פון דער ערד וועלן זיך בענטשן מיט אים, וואָרום איך האָב אים דערקענט, כדי ער זאָל באַפעלן זיינע קינדער און זיין הויז נאָך אים, אַז זיי זאָלן היטן דעם וועג פון גאָט, צו טאָן רעכט און גערעכטיקייט. דאָס געשריי וועגן סדום און עמורה איז געוואַלדיק גרויס, זייער זינד איז באמת שווער, און גאָט וועט די שטעט אומברענגען".

ווען אַברהם האָט דערהערט דאָס וואָרט „אומברענגען", איז ער געפאַלן אויף די קני און געפאָדערט גערעכטיקייט פון זיין גערעכטן גאָט. נישט שוין־זשע — האָט ער גע'טענה'ט צו זיין גאָט — וועסטו אומברענגען דעם אומ־שולדיקן מיטן שולדיקן? טאָמער זיינען דאָ פופציק אומשולדיקע אין שטאָט, וועסטו זיי אויך אומברענגען און וועסט נישט פאַרגעבן דער שטאָט צוליב די פופציק אומשולדיקע, וואָס געפינען זיך דאָרט? חלילה דיר צו טאָן אַזאַ זאַך, צו טויטן דעם אומשולדיקן מיטן שולדיקן צוגלייך! חלילה דיר! צי וועט דער ריכטער פון דער גאַנצער ערד נישט טאָן גערעכטיקייט?

אַברהם האָט דערנאָך אין חלום געהערט אַ שטימע זאָגן: „אויב איך וועל געפינען אין סדום פופציק אומשולדיקע, וועל איך פאַרגעבן דער שטאָט פאַר זייערטוועגן"...

אַברהם האָט נישט אָפּגעלאָזט און ווייטער געבעטן: און טאָמער וועלן זיך דאָרט געפינען נאָר צען צדיקים? די געטלעכע שטימע האָט געענט־פערט: אויב איך וועל געפינען אין סדום נאָר צען צדיקים, וועל איך די שטאָט נישט חרוב מאַכן צוליב די צען...

אַברהם האָט זיך געפעדערט אינדערפרי צו דעם אָרט, וואו ער האָט מתפלל געווען. ער האָט אַראָפּגעקוקט אויף סדום און עמורה און אויף דער גאַנצער געגנט. ווען די ערשטע זון־שטראַלן האָבן זיך גענומען אויסשפּרייטן אויף דער וועלט, האָט אַברהם געזען ווי די ערד האָט זיך געשפּאָלטן און אַ רעגן פון פייער און שוועבל האָט באַגאָסן דעם גאַנצן אַרום. אַ רויך איז אויפגעגאַנגען פון לאַנד ווי דער רויך פון אַ קאַלך־אויוון. דער פייער האָט אומגעבראַכט אַלע מענטשן און אַלע שפּראָצונגען אַרום די זינדיקע שטעט.*

אַברהם האָט זיך אויסגעדרייט און געוואָלט גיין צו מערב, צו די ברעגן פון ים־הגדול (מיטללענדישן ים). דורכוואַנדערער האָבן אָבער אים געוואָרנט, אַז אויך דאָרטן איז דער גאַנג אַ געפערלעכער. אַהין האָט זיך איצט אַריינ־געריסן אַ ווילדער שבט פון די „בני־חם" (כנעני); ער האָט פאַרנומען אַ גרויסן שטח לענגאויס דעם ברעג פון ים. זיין וואוין־אָרט איז געווען ווייט אַריבער דעם ים, אין מערב. ער האָט זיך אָבער דאָרטן נישט געקאָנט איינ־לעבן מיט די אַנדערע שבטים, און האָט זיך אומגעקערט צוריק אַהער, צו דעם לאַנד וואָס איז פאַרנומען פון די „בני־שם".

אמת, די „בני־חם" האָבן זיך נישט אַריינגעריסן מיט געוואַלט; זיי האָבן זיך ביסלעכוויז, אין קליינע צאָלן, אַריינגעשלייכט אין לאַנד און זיך באַזעצט

ביים ברעג ים. זיי זיינען לכתחילה אָנגעקומען, ווי וואַנדערנדיקע בעדואי־נער, וואָס זוכן אַ צייטווייליקן אָפּרו־פּלאַץ פאַר פּאַשע און וואַסער. שפּעטער האָבן זיי זיך אָבער איינגעאָרדנט און באַפעסטיקט. אפילו ווען זיי זיינען שוין געוואָרן אַ מאַכט, האָבן זיי אויך נישט געפּרואווט אונטערדריקן די דאָרטיקע באַפעלקערונג פיזיש. זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער באַפעלקערונג, אָנגענומען זייערע מנהגים און אַפילו גערעדט זייער שפּראַך. זיי האָבן אָבער גענוצט אַן אַנדער צוואַנג אונטערצודריקן די שעמיטישע שבטים. זיי האָבן מיט פאַרפירערישע וועגן פאַרשפּרייט זייער געצנדינערייִ און צעלאָזענע ריטואַלן איבערן גאַנצן לאַנד.

אַברהם האָט איינגעזען, אַז זיין מחנה איז נאָך נישט גרייט גענוג — נישט גייסטיק און נישט מיליטעריש — בייצוקומען די רשעות פון די סדום־לייט, פון איין זייט, און די געצנדינערישע בני־חם (כנענים), פון דער אַנדערער זייט. ער האָט אין דער שטיל מתפלל געווען און געבעטן ביי גאָט: „אַלמעכטיקער באַשעפער, הלוואי זאָל אויף דעם אָרט נישט זיין מיין חלק. דאָס קאָן נישט זיין קיין הייליק לאַנד, און דאָ איז נישט קיין אָרט פאַר גאָט׳ס הויז”.

פון דורכגייענדיקע וואַנדערער האָט זיך אַברהם דערוואוסט, אַז זיין אַלטער פאָטער תרח איז קראַנק. צוליב כבוד־אָב האָט ער זיך אומגעקערט צוריק און איז אַוועק אויפן וועג קיין חרן, וואו תרח האָט געוואַרט און געהאָפט צו זען זיין בכור אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן.[10]

פינף־און־צוואַנציק יאָר איז אַברהם אַזוי געגאַנגען פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָט צו שטאָט און געזוכט צו ברענגען גאָט׳ס וואָרט צו די מענטשן, און די מענטשן צוריק צו זייער געטלעכקייט. ער האָט צו זיי גערעדט אין נאָמען פון דעם איין־איינציקן גאָט שדי, פון ליבע, שלום און גערעכטיקייט. אומעטום האָט ער אָבער געפונען דיזעלביקע זינדיקע וועלט, צעטיילט אויף אָרעם און רייך, הערשער און שקלאַפן. וואו נאָר אַברהם איז געקומען, האָבן זיך די געפייניקטע געקלאַמערט אַרום אים און זיין מחנה. זיי האָבן אויפ־מערקזאַם זיך צוגעהערט צו אַברהמ׳ס רייד, דערהערט קלאַנגען פון האָפע־נונג און דערלייזונג, און זיך אומגעקערט צו דער טרויעריקערווירקלעכ־קייט. די הערשער און פּריסטערס האָבן אין אַברהמ׳ס רייד געהערט געטער־לעסטערונג, און אין זיינע האַנדלונגען — צעשטערונג פון איינגעוואָרצלטע מנהגים און רעוואָלט קעגן איינגעפונדעוועטער מאַכט. אומעטום האָט מען אים פאַרפאָלגט און פאַרטריבן.

אַברהם איז צוריקגעקומען קיין חרן אַן אַנטוישטער, אַ באַזאָרגטער וועגן זיין געטלעכער שליחות און וועגן דער צוקונפט פון דער וועלט. זיין האַרץ איז אָבער געווען אָנגעפילט מיט האָפענונג, און בטחון.

וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־אַבְרָם לֶךְ־לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ׃ וְאֶעֶשְׂךָ לְגוֹי גָּדוֹל וַאֲבָרֶכְךָ וַאֲגַדְּלָה שְׁמֶךָ וֶהְיֵה בְּרָכָה׃ וַאֲבָרְכָה מְבָרְכֶיךָ וּמְקַלֶּלְךָ אָאֹר וְנִבְרְכוּ בְךָ כֹּל מִשְׁפְּחֹת הָאֲדָמָה׃

און גאָט האָט געזאָגט צו אַברמ׳ען: גיי דיר אַוועק פון דיין לאַנד, און פון דיין אָפּשטאַם, און פון דיין פאָטער׳ס הויז, צו דעם לאַנד וואָס איך וועל דיר ווייזן. און איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק, און איך וועל דיך בענטשן, און גרויסן דיין נאָמען, און וועסט זיין אַ בענטשונג. און איך וועל בענטשן די וואָס בענטשן דיך, און דעם וואָס פלוכט דיך וועל איך פאַרשעלטן; און מיט דיר וועלן זיך בענטשן אַלע משפחות פון דער ערד.

(בראשית, י״ב, א׳)

ט

אַברהם דערהערט אַ רוף פאַר אַ געטלעכער שליחות

דאָס איז געווען באַלד נאָכן פאַנאַנדערפאַלן פון דער „דריטער דינאַסטיע פון אור״ (1950 פק״ר),[1] ווען אַברהם און די „אחד״־מחנה האָבן זיך אומגעקערט פון זייערע לאַנגע וואַנדערונגען, און צום צווייטן מאָל אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן ביי די טויערן פון חרן. אַברהם האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט אויף אַ לענגערער צייט. נישט צו רוען, נייערט צו וואַרטן אויף דעם טאָג, ווען ער און זיינע מיטקעמפער וועלן זיין בעסער צוגעגרייט, אידייאיש און מיליטעריש, צו קאָנען באַגעגענען די גרויסע און זינדיקע וועלט, און דורכטראָגן די געטלעכע שליחות, וואָס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן. ער האָט שוין איצט גוט געקאָנט די לענדער און פעלקער, וועלכע ער וועט דאַרפן באַגעגענען פנים־אל־פנים אויף זיין לאַנגן און ריזיקאַלישן וועג.

אין יענע טעג איז דער לעבעדיקסטער און פריילעכסטער פונקט אַרום חרן געווען דער בעליקי־טאָל. אַברהם האָט דאָרט פאַרפלאַנצט אַ גאָרטן און אויפגעשטעלט פיר טויערן: אויף מזרח, מערב, דרום און צפון. פון וועלכער זייט אַ וואַנדערער זאָל האָבן געקומען, האָט ער געקאָנט גלייך אַהין אַריינגיין און איז אויפגענומען געוואָרן פון אַברהמ׳ען און זיינע דינער מיט גרויס פריינטלעכקייט.

אַן אומאויפהערלעכער שטראָם פון קאַראַוואַנען האָט אָנגעפילט די לופט מיט פריידיקע קולות אין פאַרשיידענע לשונות און דיאַלעקטן. פריילעכע

אויפנאַם־באַגריסונגען פון אַנקומענדיקע וואַנדערער און ערנסטע אַפשייד־ברכות פון די אַוועקגייענדיקע אורחים האָבן זיך אויסגעמישט און געשאַפן אַ יום־טוב׳דיקע שטימונג צווישן די רייזנדע, וואָס האָבן פאַרבראַכט אין אַברהמ׳ס באַרימטן גאַסט־הויז.

אַברהם האָט אַליין אַנגעפירט מיטן אויפנעמען און באַגלייטן די געסט. ער האָט פּערזענלעך אַכטונג־געגעבן, אַז זיינע אורחים זאָלן באַהאַנדלט ווערן העפלעך און פריינטלעך. די געסט האָבן זיך נישט געקאָנט אַפּוואונדערן ווי אַט־דער נאָבעלער פּאַטריאַרך, וואָס האָט אַזויפיל דינער און דינסטן, איז זיך אַליין מטריח און וויזט־אַרויס אַזויפיל אויפמערקזאַמקייט און ליב־שאַפט יעדן גאַסט באַזונדער.[2]

פונדערוויטנס האָט אַברהם געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ שטאָלצן און שטרענגן שבט־עלטסטן. זיינע פעסטע טריט און שטרענגע בליקן האָבן אויסגעדריקט באַפעלערישקייט און דיסציפּלין. ווען ער האָט זיך אָבער דערנענטערט צו באַגריסן זיינע געסט, זיינען זיי פאַר׳כישופ׳ט געוואָרן פון זיינע שוואַרצע פאַר׳חלום׳טע אויגן, וואָס האָבן ווי געקוקט אין דער ווייט און אין דער אייביקייט, און פון זיין שמייכל, וואָס האָט אויסגעדריקט גוט־מוטיקייט און ליבשאַפט. מיט זיין הויכן שטערן, לאַנגע ברעמען, שוואַרצער באָרד און אין אַרומגעוויקלטן טונקעלן מלבוש, האָט אַברהם דערמאָנט זיינע געסט אין די הויפּט־פּריסטערס אין די טעמפּלען בשעת זייער אַפּריכטן אַ געטלעכע עבודה.

פיל דורכוואַנדערער האָבן געגלויבט, אַז די ליבע און מיטגעפיל, וואָס שיינט אַרויס פון אַברהמ׳ס ליכטיקן פנים, היילט קראַנקע און שטאַרקט שוואַכע. אַנדערע האָבן דערציילט, אַז אַברהם טראָגט אויף זיין האַלדז אַ צויבער־שטיין, וואָס שטראַלט פון זיך אַרויס אַ היילנדיקע קראַפט.[3]

אַברהמ׳ס גאַסטפריינטלעכקייט איז שוין לאַנג געווען ווייט און ברייט באַוואוסט צווישן די נאָמאַדישע שבטים און די קאַראַוואַנען־מחנות. אויף די וואַנדער־וועגן האָבן זיי זיך אַ סך אָנגעהערט וועגן דער העלדישער „בני־עבר״־מחנה און וועגן איר גאַסטפאַרכטיקן און גוטהאַרציקן פּאַטריאַרך אַברהם, וועל־כער שמ׳ט מיט זיין מידה פון הכנסת־אורחים. אַלע האָבן געוואוסט, אַז אין אַברהמ׳ס לאַגער וועלן זיי קריגן וואַסער צו שטילן זייער דורשט; וועלן דאָרט קאָנען אַנטרינקען זייערע סטאַדעס; וועלן קריגן ברויט און מילך אונטערצולענען זייערע הערצער און אויך אַ נאַכטלעגער אויסצורוען זייערע מידע לייבער, און ווען די קליידער פון די געסט זיינען געווען אָפּגענוצט, האָט אַברהם זיי אויך באַקליידט. פאַרן אַוועקגיין האָט ער געגעבן זיינע געסט שפּייז און וואַסער מיטצונעמען אין וועג.

אַלע געסט האָבן שוין געוואוסט, אַז בשעת די מאָלצייטן, אָדער אַרום אַ שייטער־הויפן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, וועט דער גוטער אַברהם באַרויקן זייערע געמיטער מיט פאַרכאַפּנדיקע מעשה׳לעך וועגן אַן אַלמעכ־

טיקן אומזעבאַרן גאָט, וואָס האָט באַשאַפן הימל און ערד, דעם מענטשן און אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן. זיין גאָט האָט אויך באַשאַפן די זון און זי אַריינגעשטעלט אין הימל צו לייכטן בייטאָג, און ער האָט באַשאַפן די לבנה און די שטערן, זיי זאָלן שיינען ביינאַכט. ער האָט געמאַכט שפּראָצן די ערד מיט כל׳ערליי גרינסן און ביימער, פאַר דעם מענטשן און די חיות זיך צו דערנערן, און נאָך אַזעלכע פאַנטאַסטישע געשיכטעס.

צווישן די וואַנדערנדיקע געסט האָט מען דערציילט, אַז אַברהם איז נישט צופרידן, ווען מען דאַנקט אים פאַר זיין גאַסטפריינטלעכקייט. ווען זיינע אורחים דאַנקען אים פאַרן שפּייז און וואַסער, וואָס ער האָט זיי צוגעטיילט מיט אַ ברייטער האַנט, זאָגט ער זיי, אַז פאַר דעם אַלעם דאַרפן זיי דאַנקען נישט אים, נייערט דעם איינציקן אַלמעכטיקן גאָט, וואָס האָט די שפּייז באַשאַפן. ער, אַברהם, האָט די שפּייז נאָר אויפגעקליבן פון גאָט׳ס פאַרטיקן באַשאַף.*

ס׳איז אַרומגעגאַנגען אַ לעגענדע וועגן אַן אַלטן וואַנדערער, וועמען אַברהם האָט „נישט גוט באַהאַנדלט״:

אַברהם האָט אַמאָל דערזען אַן אַלטן מאַן אַנקומען פון מדבר, אָנגעלענט אויף זיין שטעקן. אַברהם איז אים געלאָפן אַנטקעגן און צו אים געזאָגט: איך בעט דיך, קום אַריין צו מיר אין געצעלט, וואַש דיינע פיס און הענט און שלאָף־איבער ביי מיר די נאַכט. דו וועסט אויפשטיין אינדערפרי, און דו וועסט זיך גיין דיין וועג.

אַברהם האָט פאַר זיין גאַסט אַוועקגעשטעלט געבאַקענע מצות, מילך און פוטער, און דער אַלטער האָט געגעסן צו זאַט.

נאָכן עסן און טרינקען האָט אַברהם געזאָגט צו זיין גאַסט: איצט לאָמיר בענטשן דעם אויבערשטן, דעם גאָט וואָס האָט באַשאַפן הימל־און־ערד, דעם, וואָס האָט אונז זאַט געמאַכט מיט זיין שפּייז.

האָט דער אַלטער מאַן געזאָגט צו אַברהמ׳ען: איך קען נישט דיין גאָט און איך וויל אים נישט בענטשן.

אַברהם איז אין כעס געוואָרן און האָט, אַן אויפגערעגטער, פאַרטריבן דעם אַלטן צוריק אין מדבר.

האָט זיך גאָט באַוויזן צו אַברהמ׳ען און אים געפרעגט: אַברהם, וואו איז דער מאַן, וואָס האָט ביי דיר איבערגענעכטיקט?

אַברהם האָט געענטפערט: איך האָב אים פאַרטריבן פון מיר. ער האָט נישט געוואָלט בענטשן און לויבן דיין הייליקן נאָמען.

האָט גאָט געזאָגט צו אַברהמ׳ען: זע, איך האָב געגעבן אָט־דעם אַלטן, זינדיקן, הונדערט און ניין־און־צוואַנציק יאָר. איך האָב אים די גאַנצע צייט געקליידט און געשפּייזט, כאָטש ער האָט פאַרביטערט מיין געמיט, און דו ביסט מיד געוואָרן, נאָכדעם ווי דו האָסט אים אויסגעהאַלטן נאָר איין נאַכט!

אַברהם איז באַלד געלאָפן אין מדבר און צוריקגעבראַכט דעם אַלטן אין

זיין געצעלט. ער האָט אים באַהאַנדלט ווי אַ גוטן גאַסט און אים מיטגעגעבן שפּייז אויפן וועג.

גאָט האָט זיך ווידער באַוויזן צו אַברהמ'ען אין חלום און אים אַזוי געזאָגט: דערפאַר וואָס דו האָסט געטאָן מיין ווילן, וועל איך שליסן מיין בונד מיט דיר און מיט דיינע קינדער נאָך דיר. איך וועל זיי שטראָפן פאַר זייערע זינד, אָבער מיין בונד מיט זיי וועל איך האַלטן און זיי וועלן אייביק בלייבן צו מיר אַ פאָלק און איך צו זיי אַ גאָט.[5]

אַברהם האָט מיט זיינע געסט נישט גערעדט וועגן לעגענדעס. ער האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס ער האָט געהאַט זיך צו טרעפן מיט די קינדער פון פאַרשיידענע שבטים און פעלקער און מיט זיי גערעדט וועגן גאָט און געטער, וועגן וועלט און מענטש, און זיי גערופן צו דינען דעם איינציקן לעבעדיקן גאָט יהוה און אָפּהיטן זיינע גערעכטע געבאָטן פון צדק און יושר.

אין הכנסת־אורחים־גאָרטן האָבן זיך באַוויזן נייע קאַראַוואַנען, וואָס זיינען נאָר־וואָס אָנגעקומען פון סומעריע, בבל און אַשור. נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען, האָט אַברהם זיי אויסגעפרעגט וועגן דעם מצב פון זייערע לענדער און זייערע טעמפּלען. די אורחים האָבן אים דער־ציילט, אַז זינט דעם פאַלן פון „דער דריטער דינאַסטיע פון אור" הערשט אומעטום אַ שרעקלעכע הפקרות. די קלענערע שטאָט־מלוכות פירן בלוטיקע מלחמות צווישן זיך. זיי באַפאַלן פּלוצלונג איינע די אַנדערע, פאַרברענען שטעט, רויבן פאַרמעגנס, שעכטן־אויס די מענער און שלעפּן־אַוועק פרויען און קינדער אין געפאַנגענשאַפט. דידאָזיקע איבערפאַלן און דאָס פאַרנעמען פרעמדע שטעט חזר'ט זיך איבער אַזוי אָפט, אַז ס'איז שווער נאָכצופאָלגן וועלכע טיילן פון לאַנד עס באַלאַנגען צו וועמען. עס בייטן זיך אַזוי אָפט די הערשער, אַז קיינער איז קיינמאָל נישט זיכער וועלכן הערשער ער דאַרף בלייבן טריי.

די וועלט — האָבן די וואַנדערער זיך באַקלאָגט — לעבט איצט איבער אַ תהו־ובהו. פעלקער פאַרניכטן איינע די אַנדערע צוליב מאַכט און רויב; ברידער טויטן ברידער צוליב קנאה און שנאה. די וועלט ווערט חרוב.

אַברהם האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פון זיינע אורחים, און אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגעגאָסן אַ טיפער טרויער. אים זיינען געוועזן גוט באַקאַנט די וועלט־געשעענישן פון זיין צייט. ער האָט שוין געהאַט דורכגע־וואַנדערט אַ גרויסן טייל פון דער וועלט און מיט זיינע אייגענע אויגן צוגעזען די אַלע אומווירדיקייטן, וואָס ווערן באַגאַנגען צווישן פעלקער.

אַברהם האָט פּרובירט אויפקלערן זיינע געסט, אַז די סיבה פון דעם תהו־ובהו אויף דער וועלט איז די גרויסע צאָל געטער, וואָס פירן מלחמות צווישן זיך, און די וואָס גלויבן אין זיי, פאַרניכטן איינע די אַנדערע אין נאָמען פון זייערע פאַלשע געטער.

מיט די קאַראַוואַנען זיינען אַלעמאָל מיטגעקומען יונגע פּריסטערס, וואָס האָבן אַכטונג־געגעבן אויף די האַנדלס־געשעפטן פון די פאַרשיידענע טעמפּ־לען. איינער פון זיי, אַ דרייסטער, וואָס האָט נישט געקאָנט פאַרנעמען אַברהמ׳ס לעסטערן די טעמפּלען און די געטער, האָט מיט שטאָלץ אויפ־מערקזאַם געמאַכט אַברהמ׳ען, אַז די גרויסע צאָל געטער האָבן געהאָלפן די גרויסע לענדער, ווי עילם, סומער, בבל, אַשור און מאַרי, צו דערגרייכן אַ בעסערן לעבנסשטייגער און אַנטוויקלען אַ העכערע קולטור.

אַברהם האָט אים פריינטלעך, אָבער שאַרף אויפגעקלערט, אַז דער הוי־כער לעבנסשטייגער פון יענע לענדער האָט נישט פאַרבעסערט דעם מצב פון זייערע פעלקער. בלויז אַ קליינער טייל, אַ רייכער שיכט, לעבט בעסער און שענער. דער גרויסער רוב פון די פעלקער לעבט, ווי אַלעמאָל, אין אָרעמקייט און דחקות. די העכערע קולטור האָט נישט אויפגעהויבן די מאָראַל פון די קעניגלעכע שררים, די טעמפּל־שמשים און רייכע הענדלער. זיי לעבן אין צעלאָזנקייט און פאַרדאָרבנקייט, און דאָס אָרעמע פאָלק איז גע־בליבן פאַרשקלאַפט און הילפלאָז.

אַברהם האָט זיך אויף אַ רגע פאַרטראַכט און דערנאָך פאָרגעזעצט: דער אַלמעכטיקער גאָט, וואָס האָט אַלע מענטשן באַשאַפן און זיי געפורעמט אין זיין אייגענעם געשטאַלט, האָט פאַר זיי געפלאַנצט אַ גאָרטן און דאָרט געמאַכט שפּראָצן אַלערליי גרינסן אוןביימער, וואָס זייערע פרוכטן זיינען צייטיק און גוט צום עסן. די פעלקער האָבן זיך אָבער אָפּגעקערט פון דעם אמת׳ן גאָט און פאַרלאָזן זיין באַשאַף. זיי האָבן פאַר זיך אויסגעפורעמט געטער לויט זייער אייגענעם געשטאַלט און גענומען בויען אַן אייגענע וועלט. זיי האָבן אויפגעשטעלט דערפער און שטעט און טעמפּלען און זיך צעטיילט אין באַזונדערע קעניגרייכן, פאַרשיידענע געטער, און אין שיכטן פון רייכע און אָרעמע, פרייע און שקלאַפן, איינגעזעסענע און פרעמדע.

די פּריסטערס זיינען דאַנקבאַר געווען אַברהמ׳ען פאַר זיין אויפריכטי־קער גאַסטפריינטלעכקייט. זיי האָט אָבער גערעגט זיין געטער־לעסטערונג. ווי ער וואָלט וועלן וואָרענען אַברהמ׳ען, האָט אים איינער פון די יונגע פּריסטערס אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אין די רייכע טעמפּלען, ווי אין די קעניגלעכע פּאַלאַצן, אין אַלע גרויסע שטעט, מורמלט מען מיט אַנטריסטונג וועגן די מעשים פון דעם „בני־עבר״־שבט בכלל און פון דער „אחד״־מחנה בפרט. דער איינדרוק צווישן די הערשער איז, אַז אונטער דער פירערשאַפט פון זייער שטורעמדיקן פּאַטריאַרך אַברהם, גרייט זיך די „אחד״־מחנה צו ענדערן דעם סדר פון דער וועלט. זיי ווילן פאַרנעמען דעם הימל פאַר אַן איין־איינציקן גאָט און די ערד פאַר אַן איין־איינציקן מלך.

גאָר אַ גרויסן שטורעם האָט אין די פּאַלאַצן און אין די טעמפּלען אַרויס־גערופן דער אויפרוף, וואָס אַברהם האָט צעשיקט צו די הויפּט־פּריסטערס און הערשער פון אַ סך לענדער, אין נאָמען פון זיין גאָט שדי. ווי אַ נביא

האָט אַברהם גערעדט אין אַ נביאים־שפּראַך און האָט אומגעפּער אין דעם רוף אַזוי געזאָגט:

דער גייסט פון גאָט איז אויף מיר,
ווייל גאָט האָט מיך געזאַלבט,
צו ברענגען אַ בשורה צו די געליטענע;
צו פאַרבינדן די צעבראָכענע הערצער,
אויסרופן פרייהייט צו די געפאַנגענע,
און לויזלאָזן די געבונדענע;

גאָט האָט געזאָגט:

איך האָב ליב גערעכטיקייט,
האָב פיינט גזילה און אומרעכט,
און איך וועל געבן די טוער פאַר אמת זייער לוין,
און אַן אייביקן בונד וועל איך מיט זיי שליסן,
און באַוואוסט ביי די פעלקער וועלן זיין זייערע קינדער
און זייער שטאַם צווישן די אומות.[9]

די פּריסטערס האָבן דערציילט, אַז אין עילם ווי אין נינוה, אין אַשור ווי אין מאַרי, האָט מען אָנגעהויבן דערפילן די ווירקונג פון אַברהמ׳ס אויפרופן. זיינע רייד האָבן אין אַ סך ערטער צעטרייסלט די געפאַלנקייט און אונטערטעניקייט פון די ליידנדיקע; אַרויסגערופן פּראָטעסט־שטימונגען ביי די אונטערדריקטע און געצונדן פרייהייט־האָפענונגען ביי די פאַרשקלאַפטע.

ביי די הערשער האָבן אָבער אַברהמ׳ס רייד אַרויסגערופן צאָרן און זיי האָבן אָנגעהויבן זוכן מיטלען וויאַזוי צו מאַכן אַ סוף צו אַברהמ׳ס גאָט־חלומות. אַברהמ׳ס גאָט, האָבן זיי פאַרשטאַנען, וואָלט נישט געהאָלפן זייער לעבנס־שטייגער, נאָר וואָלט אים צעשטערט. פאַר זיי האָט זיך בעסער געלוינט צו דערקלערן די „אחד״־מחנה פאַר גאָט־לעסטערער, און אַ געפאַר פאַר דער מלוכה און איר טעמפּל.

אַ גאַנצן טאָג, פון זון־אויפגאַנג ביז זון־פאַרגאַנג, איז אַברהם געווען פאַרנומען מיט דעם אומאויפהערלעכן שטראָם פון דורכוואַנדערער פון אַלע עקן וועלט, און ס׳איז כסדר אָנגעגאַנגען דער וויכוח צווישן אַברהמ׳ען און די פּריסטערס פון פאַרשיידענע טעמפּלען און געטער.

***

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט געהערשט אַ פאַר׳כישוף׳טע שטילקייט אין בעליקי־טאַל. דער עכאָ פון די קלאַנגען, וואָס דער שופר האָט נאָר־וואָס צעשאַלט, האָט זיך צעקייקלט אין דינענקע טענער איבער אַלע געצעלטן פונעם „אחד״־לאַגער און אָנגעזאָגט, אַז ס׳איז געקומען די צייט פאַר נאַכטיקע תפי־

לות. די ווידערקלאַנגען האָבן געשלעפּערט די מידע נאָמאַדן־אורחים, וועלכע זיינען שוין געלעגן אויף זייערע שטרוי־זעק און גע׳חלומ׳ט וועגן זייערע היי־מען אין די ווייטע לענדער.

זייערע זיסע חלומות זיינען נאָר פון צייט צו צייט איבערגעריסן געוואָרן דורך די וואָיענדיקע שאַקאַלן אין די אַרומיקע בערג. אַרום די געצעלטן איז געוואָרן שטאָק־פינצטער. נאָר אין די ווייטע הימלען האָט נאָך געמיניעט אַ דורכזיכטיקע שיין פון אַ פאַרוואַלקנטער לבנה און פון צאַנקענדיקע שטערן, און אין נאָענטן האָריזאָנט האָט נאָך געפלאַטערט אַ מאַטער אָפּשיין פון די אויל־לייכטער אין די טעמפּלען פון חרן.

די באַוואָפנטע נאַכט־שומרים זיינען שוין געווען צעשטעלט ביי אַלע טויערן, וואָס האָבן געפירט צום „אחד״־לאַגער. בייטאָג איז דער לאַגער גע־ווען באַשיצט. די „אחד״־מחנה איז געווען גוט צוגעגרייט און באַוואָפנט מיט די נייעסטע מלחמה־מכשירים, און האָט געקאָנט צוריקשלאָגן יעדן אָנפאַל. די געפאַר האָט געדראָט נאָר ביינאַכט צוליב מעגלעכע פּלוצימדיקע איבערפאַלן פון וואַנדערנדיקע רויבער.

אַברהם האָט איבערגעגעבן די אויפזיכט איבערן גאַנצן לאַגער צו זיין געטרייען דינער אליעזר; די אָנפירונג פון אַ שטאַרקער שומרים־וואַך — צו זיין מיליטער־געהילף לוט, און די אויפפּאַסונג איבער דער פרויען־און־קינדער־אָפּטיילונג האָט ער איבערגעגעבן אונטער דער השגחה פון זיין פרוי און גע־טרייער מיטאַרבעטערין, שרה. אַליין איז ער אַרויפגעגאַנגען אויפן בערגל, וואו ס׳איז געשטאַנען זיין טעמפּל־געצעלט, דאָס הייליקע אָרט פון גאָט שדי.

ביים אַריינגאַנג פון טעמפּל־געצעלט איז ער געבליבן שטיין אַ מידער, אַ צעשראָקענער. מיד איז ער געווען פונעם לאַנגן, שווערן טאָג אויפצונעמען, שפּייזן און באַגלייטן די גרויסע צאָל אורחים, און צעשראָקן פון די שוידער־לעכע ידיעות, וואָס זיינע געסט האָבן אים געבראַכט פון דער גאַנצער וועלט. די מורא, אַז גאָט׳ס צאָרן זאָל זיך ווידער ניט אויסגיסן אויף דעם זינדיקן מענטשן און אים אומברענגען, האָט אַברהמ׳ען נישט געלאָזט רוען.

פון אָט־דעם טעמפּל־געצעלט, האָט אַברהם געהאָפט, וועט ער צעקלינ־גען איבער דער וועלט די איין־איינציקייט און אַלמעכטיקייט פון גאָט און באַ־רימט־מאַכן די שיינקייט און פאָלקאָמענהייט פון זיין באַשאַף, און דורך אָט־די וואַנדערנדיקע שבטים וועט ער פאַרשפּרייטן גאָט׳ס נאָמען און זיינע געבאָטן פון רעכט און גערעכטיקייט צווישן מענטשן און שלום צווישן פעלקער.

ס׳איז געוואָרן האַלבע נאַכט. אַברהם האָט געהאַלטן ביים איינדרימלען, ווען אין די הימלען האָט זיך פּלוצלונג צעשפּילט אַ רעש׳יקע סימפאָניע. די אַרומיקע שטילקייט איז איבערגעריסן געוואָרן דורך דונער־קנאַלן, וואָס זיינען געקומען האַסטיק און שטורעמדיקער איינער נאָכן אַנדערן. די פינצטערניש איז צעשניטן געוואָרן דורך פייערדיקע בליצן, וואָס האָבן באַלויכטן דעם גאַנצן האָריזאָנט. די הימלישע טייכן האָבן זיך איבערגעגאָסן, און אַ שלאַקס־

רעגן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דעם בעליקי־טאַל. אין דעם געקלאַנג פון די רעגן־טראָפּנס, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין דעם פעל־באַדעקטן טעמפּל־געצעלט, האָט אַברהם דערהערט אַ שטימע:

„גאָט האָט געזען, אַז דאָס בייז פונעם מענטשן איז גרויס אויף דער ערד, און די טראַכטונג פון די מחשבות פון זיין האַרצן איז רק צום בייזן אַ גאַנצן טאָג. און גאָט האָט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט געשאַפן דעם מענטשן אויף דער ערד, און ער איז געווען באַזאָרגט אין זיין האַרצן. און גאָט האָט געזאָגט איך וועל אָפּמעקן דעם מענטשן, וואָס איך האָב באַשאַפן, פון דעם פּנים פון דער ערד; פון אַ מענטשן ביז אַ בהמה, ביז אַ שרץ און ביז אַ פויגל פון הימל; וואָרום איך האָב חרטה, וואָס איך האָב זיי געשאַפן".

אַברהם האָט זיך אויפגעכאַפּט אין שרעק. ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס זאָל אַמאָל נישט זיין אַ צייכן, אַז גאָט'ס צאָרן האָט זיך ווידער אויסגעגאָסן אויף דער פאַרדאָרבענער וועלט, און גאָט וויל זי ווידער חרוב־מאַכן, ווי אין די טעג פון מבול, אין דער צייט פון דור־הפלגה און בעת דער פאַרניכטונג פון סדום און עמורה. ער איז אַ פאַרציטערטער געוואָרן, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין די טראַגישע געשעענישן פון די דאָזיקע שרעקלעכע צייטן, ווי ער האָט זיי געהערט דערציילן פון זיין פאָטער תרח, לויט דעם ספר־היוחסין פון די „בני־עבר"־שבטים:

דאָס איז געווען אַמאָל, אין די טעג פון נח דעם גערעכטן. די מענטשן זיינען אין יענער צייט געווען זינדיק און פאַרדאָרבן. זיי האָבן פאַרלאָזט זייער אייגענעם גאָט און געדינט צו פרעמדע געטער. און גאָט האָט געזאָגט צו נח'ן: „זע, איך ברענג אַ מבול אויף דער ערד אומצוברענגען יעדע באַשעפעניש, וואָס אין אים איז פאַראַן אַן אָטעם פון לעבן; אַלץ, וואָס לעבט אויף דער ערד, וועט אומקומען. מאַך דיך אַ תיבה פון פּימסנהאָלץ און גיי אַריין, דו מיט דיין הויזגעזינט און מיט אַ פּאָר פון יעדן מין פון די באַשעפענישן, און דו וועסט זיין געראַטעוועט פון דעם מבול, ווייל דו האָסט געהאַנדלט גערעכט אין מיין נאָמען אין דעם איצטיקן דור".

נח איז געווען ערלעך, האָט געהאַנדלט גערעכט און איז געגאַנגען אין געטלעכע דרכים. ער האָט גערופן די מענטשן פון זיין דור, זיי זאָלן תשובה טאָן. ער האָט זיי געוואָרנט, אַז זייערע מעשים וועלן ברענגען אַ קאַטאַסטראָפע פאַר דער וועלט.[7]

די זינדיקע האָבן זיך אָבער צו אים נישט צוגעהערט. זיי זיינען געבליבן פאַרשקלאַפט צו זייערע שוואַכקייטן און גלוסטונגען. נח האָט זיי געוואָלט ראַטעווען פון אונטערגאַנג, און די מענטשן האָבן אים גע'רודפ'ט און געוואָלט אומברענגען. ער האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין שטאָט און זיך ראַטעווען.

און ס'איז געשען, אַז די וואָלקנס האָבן זיך צעשטראָלט און אַלע קוואַלן אין די הימלען און אין טיפן תהום האָבן זיך צעפּראַלט, און די וואַסערן האָבן

זיך געגאָסן איבער דער ערד פערציק טעג און פערציק נעכט, און עס איז אומגעקומען יעדע באַשעפעניש, וואָס האָט זיך באַוועגט אויף דער ערד, חוץ נח'ן מיט זיין משפחה און אַלע באַשעפענישן, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגענומען אין דער תיבה.[8]

דאָס וואַסער איז סוף־כל־סוף אָפּגעגאַנגען, אָבער די וועלט איז געבליבן וויסט און ליידיק...

ווען דער שטורעם אין בעליקי־טאָל האָט נאָכגעלאָזן, האָט אַברהם זיך באַרואיקט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין דער געשיכטע וועגן נח'ן ווערט דערציילט, אַז גאָט האָט געשוואוירן מער קיינמאָל נישט צו פאַרשעלטן די ערד צוליב דעם מענטשן, און גאָט האָט געזאָגט: „מיין בויגן האָב איך אַריינגעטאָן אין וואָלקן, און איך וועל קוקן אויף אים, כדי זיך צו דערמאָנען אין דעם אייביקן בונד צווישן גאָט און צווישן יעדן לעבעדיקן באַשעפעניש, וואָס אויף דער ערד".

אַרום דעם טעמפּל־געצעלט האָט דער ווינט זיך נאָכאַמאָל צעבלאָזן, און אין דעם רויש פון די צעוויגטע צוויגן האָט אַברהם געהערט קלאַנגען און ווערטער אין פאַרשיידענע לשונות, וואָס האָבן אויף אים אָנגעוואָרפן אַ פּחד. ס'האָט אים דערמאָנט אין דער געשיכטע פון דעם בבל־טעמפּל און דעם דור־הפלגה, ווי זי ווערט איבערדערציילט צווישן די „בני־עבר"־שבטים:

דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען מענטשן האָבן געצויגן צו מזרח, און האָבן געפונען אַ פּלוין אין לאַנד שנער, און האָבן זיך דאָרט באַזעצט. די גאַנצע ערד האָט דעמאָלט געהאַט איין שפּראַך און גערעדט דיזעלבע ווערטער.

איינמאָל האָבן זיך די מענטשן פאַרמאָסטן קעגן זייער גאָט און גענומען דינען צו פאַלשע געטער. האָט איינער געזאָגט צום אַנדערן: „קומט, לאָמיר בויען אַ טורעם מיט אַ שפּיץ אין הימל, און דאָרט אַריינזעצן אונזערע געטער. לאָמיר ווערן שטאַרק און זיך נישט צעשפּרייטן איבער דער וועלט".

ווען גאָט האָט דערזען, וואָס די זינדיקע מענטשן טוען, האָט ער זיי ווידער געוואָלט אומברענגען. ער האָט אָבער געדענקט זיין צוזאָג צו נח'ן, און ער האָט די טורעם־בויער באַשטראָפט אויף אַן אַנדער אופן. ער האָט צעמישט זייערע שפּראַכן. זיי האָבן גענומען רעדן פאַרשיידענע לשונות, און איינער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם צווייטן. אַ צעטומלעניש איז באַפאַלן די בויער, און זיי האָבן געטויט איינער דעם צווייטן און דער טורעם איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן.

דער הימל איבערן בעליקי־טאָל האָט זיך גענומען אויסלייטערן. די לבנה האָט זיך באַפרייט פון די שווערע וואָלקנס און פריי געשוועבט אויף איר הימל־וועג, באַגלייט פון מילי־מיליאָנען פינקלענדיקע שטערנדלעך. אַברהם האָט באַוואונדערט די פאַנטאַסטישע ליכט־פּאַנאָראַמע אין די ווייטע הימלען און זי

אַנגענומען פאַר אַ צייכן, אַז גאָט האָט זיך צוגעהערט צו זיין געבעט און וועט זיך מרחם־זיין אויף דער זינדיקער וועלט.

פּלוצלונג האָט זיך אַ שטערן אַנגעצונדן, און אַ פייערדיקער זייל האָט דורכגעשניטן דעם קלאָרן הימל און איז אַרונטערגעפאַלן אין ווייטן אָפּגרונט.

סדום און עמורה! — האָט אַברהם אויסגעשריגן מיט שרעק — גאָט׳ס צאָרן האָט זיך נאָך נישט איינגעשטילט. די וועלט איז זינדיק און ער וועט זי חרוב־מאַכן נישט מיט וואַסער נאָר מיט פייער און שוועבל, ווי ער האָט חרוב־געמאַכט סדום.

אַברהם האָט פאַרהייליקט גאָט׳ס גאַנצן באַשאַף און ליב געהאַט דעם מענטשן, דעם יצירה־הבחירה, דעם שיינדל פון געטלעכן ווערק. ס׳האָט אים וויי־געטאָן דעם מענטשנ׳ס דערווייטערן זיך פון גאָט, אָבער ס׳איז אים געווען אומפאַרשטענדלעך גאָט׳ס שטרענגקייט צו זיינע זינדיקע קינדער, וואָס ער האָט באַשאַפן אין זיין געשטאַלט.

אַברהם האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל און ווידער געבעטן און גע׳טענה׳ט צו גאָט: „געדענק דעם בויגן, וואָס דו האָסט אַריינגעטאָן אינעם וואָלקן, אַלמעכטיקער גאָט, שעפער פון הימל און ערד. דו האָסט געשוואוירן, די וועלט מער נישט אומצוברענגען, דו קאָנסט נישט שטראָפן דעם אומשול־דיקן צוליב דעם שולדיקן, דו קאָנסט נישט אומברענגען דעם צדיק צוליבן רשע. קאָן דען דער ריכטער פון דער גאַנצער ערד נישט טאָן קיין גערעכ־טיקייט? דער מענטש האָט פאַרבלאָנדזשעט און מ׳דאַרף אים נאָר ווייזן דעם וועג צוריק צו געטלעכקייט".

אַברהם איז אַריינגעגאַנגען אין זיין טעמפּל־געצעלט און איינגעדרימלט. אין חלום האָט ער דערהערט אַ שטימע רופן צו אים:

— אַברהם! אַברהם! גאָט האָט דערהערט דיינע רייד און פאַרנומען דיין געבעט. ער וועט האַלטן זיין שבועה און וועט מער נישט ברענגען קיין פאַר־וויסטונג אויף זיין באַשאַף. דו ביסט גערעכט, דער מענטש האָט פאַרבלאָנ־דזשעט אויף די וועגן פון פאַלשע געטער און פאַרדאָרבענע מידות. מ׳דאַרף דעם מענטשן נאָר אַרויספירן פון זיין פאַרלאָרנקייט, און אים און די וועלט ראַטעווען פון אונטערגאַנג. גאָט האָט צוגעזען דיין מי און מסירת־נפש און דיין אַרומוואַנדערן צווישן די פעלקער צו פאַרשפרייטן די דערקענטעניש פון זיין איינציקייט. גאָט האָט צוגעזען דיינע ליידן און פּיין, ווען די פעלקער האָבן זיך נישט צוגעהערט צו דיינע רייד און דיך גע׳רודפ׳ט און פאַרשטויסן. דו האָסט צו זיי געבראַכט דאָס וואָרט פון גאָט און די שיינקייט פון לעבן, און זיי האָבן אויסגעקליבן דעם וועג פון תאווה און פאַרדאָרבנקייט; דו האָסט זיי געלערנט געטלעכע מידות און שלום, און זיי איז געווען ליבער זינד און קריג. דיין פאַרנעם איז אַ הייליקער און גערעכטער, און דיין באַגער איז דער ווילן פון גאָט. דו האָסט אָבער געזען ווי דיינע שטראָף־רייד האָבן דעם מענטשן נישט געהאָלפן, פּונקט ווי ס׳האָבן אים נישט געהאָלפן גאָט׳ס שטראָף־

מיטלען. דער מענטש האָט פאַרלאָרן זיין געטלעכן געשטאַלט און זיינע אייגענע מעשים פירן אים צום אָפּגרונט. דיין רוף צו דער וועלט איז געבליבן ווי אַ קול אין דער מדבר.

די שטימע איז אויף אַ רגע שטיל געבליבן און האָט דערנאָך שטרענגער געזאָגט:

— אַברהם! זע, דיינע פּרוּוון אַרויסצופירן דעם מענטשן פון זיין פאַרלאָרנקייט און אים וויזן דעם געטלעכן וועג איז דיר ביז איצט נישט געלונגען; דיינע מיטלען צו ברענגען גאָט׳ס וואָרט צו די פעלקער האָבן נישט געווירקט; דיין וואָגלען אין פרעמדע לענדער, דיין אומוואַנדערן איבער דער וועלט, דיין לעבן אומעטום ווי אַ פרעמדער, אַן איינגעבעטענער, האָט דיך נאָר דערנידעריקט, און דעם מענטשן נישט אויפגעהויבן. דיינע רייד האָבן נישט ווייכער געמאַכט די הערצער פון די פאַרלוירענע און פאַרפירטע, נאָר נאָך האַרטנעקיקער געמאַכט די עקשנות פון די משרתים פון די גאָלדענע געטער. פון אַט־דעם טעמפּל־געצעלט וועסטו גאָט׳ס נאָמען נישט צעקלונגען; די פעלקער וועלן דיין קול נישט דערהערן. די פעלקער זיינען איצט אַזוי טויב און שטום, ווי זייערע געטער.

צעשראָקן האָט אַברהם געמורמלט: גרויסער גאָט, וויז מיר דעם וועג צום מענטשנ׳ס האַרץ, צו דער מענטשלעכער נשמה. דערהויב מיך און גיב מיר דעם כוח, איך זאָל זוכה זיין צו קאָנען ברענגען דעם זינדיקן מענטשן צוריק צו זיין געטלעכן אָפּשטאַם און אָפּשטעלן די דערנענטערונג פון וועלט־חורבן.

אַברהם האָט געהערט אים זאָגן:

— מיט ווערטער אַליין וועסטו דיין ציל נישט דערגרייכן. מען דאַרף פאַר דעם הערצער... — מיט ווערטער אַליין וועסטו דיין ציל נישט דערגרייכן.

אַברהם: גערעכטער גאָט! איז די וועלט פאַר׳משפט צו אונטערגאַנג?

די שטימע: ס׳איז נישט גענוג זיי צו דערציילן וועגן אַ געטלעכער וועלט. מ׳דאַרף זיי אַזאַ וועלט וויזן. זיי מוזן זען אַ לעבעדיקן ביישפּיל פון אַ פאָלק, וואָס לעבט מיט געטלעכע מידות פון אמת, צדק און יושר; זיי מוזן פריער זען מענטשן, וואָס זוכן צו לעבן בשלום צווישן זיך און שטרעקן־אויס אַ ברודער־האַנט צו אַנדערע פעלקער. ס׳מוז זיך געפינען איין פאָלק, וואָס זאָל זיין גרייט צו נעמען אויף זיך אַט־די געטלעכע שליחות און ווערן אַ ביישפּיל פאַר דער גאַנצער וועלט.

מיט אַ ציטער האָט אַברהם געפרעגט: און וואו איז דאָ אַזאַ מאַרטירער־פאָלק?

ער האָט דערנאָך געהערט די שטימע זאָגן:

„אַברהם וועט ווערן אַ גרויס און מעכטיק פאָלק. אַלע פעלקער פון דער ערד וועלן זיך בענטשן מיט אים, וואָרום איך האָב אים דערקענט, כדי ער זאָל באַפעלן זיינע קינדער און זיין הויז נאָך אים, אַז זיי זאָלן היטן דעם וועג פון גאָט צו טאָן רעכט און גערעכטיקייט״ [9]

אַברהם האָט ווייטער געבעטן: אַלמעכטיקער גאָט, דו ביסט דער באַ־שעפער פון אַלע וועלטן און דער פאָטער פון אַלע פעלקער, פאַרוואָס האָסטו אויסגעקליבן מיך און מיין קליינע מחנה פאַר אַזאַ גרויסער און געפערלעכער שליחות?

די שטימע: זאָלסט נישט מורא האָבן, אַברהם, איך וועל זיין דיין שיצער. דיין שכר וועט זיין גרויס.

אַברהם: גערעכטער גאָט, דו האָסט באַשאַפן די וועלט לויט דיין ווילן, און דעם מענטשן אין דיין געשטאַלט. נאָר דו אַליין קאָנסט צוימען דעם מענטשן און ענדערן די וועלט.

ווידער האָט אַברהם געהערט די שטימע אים זאָגן:

— גאָט צעשטערט וועלטן און שאַפט נייע וועלטן, ער ענדערט זיי נישט... זע, איך האָב באַשאַפן דעם מענטשן מיט דער ברירה צו טאָן גוטס אָדער שלעכטס. איך האָב אים געגעבן אַן אויסוואַל פון דער ברכה און דער קללה. די ברכה — אויב ער וועט אויספאָלגן מיינע געבאָטן און גיין אין די וועגן, וואָס איך האָב פאַר אים אָנגעצייכנט. די קללה — אויב ער וועט גיין אויף זינדיקע וועגן און דינען פאַלשע געטער. דער מענטש האָט זיך פאַרלוירן אויף די וועגן פון קללה, און ער וואַרט אויף אַ גואל אים אַרויסצופירן אויפן געטלעכן וועג.

אַברהם האָט זיך דערמאָנט אין די מורא׳דיקע טעג פון זיינע ערשטע אַרומוואָנדערונגען: אין זיין מלחמה מיט נמרוד׳ן אין אור, די צוזאַמענ־שטויסן מיט די פּריסטערס אין בבל, די קריגערישע האַלטונג פון דעם קעניג פון מאַרי, די ביטערע דערפאַרונג אין דמשק, און זיין אַנטלויפן פון דעם אַכזריות׳דיקן סדום. ער האָט צו זיך אַליין געמורמלט:

ווי אַזוי וועל איך, אָדער מיינע קינדער, קאָנען ברענגען גאָט׳ס וואָרט פון רעכט און גערעכטיקייט צו אַזאַ בלוטיקער וועלט?

אַברהם האָט געהערט אים זאָגן:

דיינע וואַנדערונגען און דיינע ליידן וועלן נישט ברענגען די גאולה פאַר דער וועלט. דו קאָנסט דאָס נאָר דערגרייכן, ווען דו און דיינע קינדער וועלן אויפשטעלן פאַר דעם גערעכטן גאָט אַ ניי און הייליק לאַנד און דאָרט אויפ־בויען אַ הייליק הויז, אַרום וועלכן עס זאָל לעבן אַ הייליק פאָלק, אונטער הייליקע געבאָטן פון רעכט און גערעכטיקייט — אַ מלוכה פון גאָט׳ס גע־זאַלבטע כהנים און גאָט׳ס אויסדערוויילטע קינדער. נאָר דאָרט וועסטו קאָנען אָנצינדן דעם ליכטיקן פאַקל, וואָס זאָל באַלייכטן דעם וועג פאַר אַלע פעל־

קער. דאָס וועט זיין אַ לאַנגער און שווערער וועג. דיינע קינדער און קינדס־קינדער וועלן מוזן דורכגיין שווערע טעג פון ליידן און יסורים, ביז זיי וועלן דערגרייכן אַ געטלעכע וועלט. די אַרבעט וועט נישט זיין קיין דאַנק־באַרע, אָבער אַ ווערטפולע; דער וועג איז נישט פאַר קיין פּריווילעגירטע, נאָר פאַר אָפּפערווויליקע; די מי וועט זיין שווער, אָבער דער שכר גרויס. דו און דיינע קינדער וועלן מתקן־זיין מיין וועלט און ווערן שותפים צו מיין באַשאַף. דורך איך וועט דער מענטש געלייטערט ווערן און די וועלט גע־הייליקט ווערן.

אַברהם האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם געטלעכן באַפעל און געמורמלט:

— גרויסער גאָט, האַר פון אַלע וועלטן, וואו איז דאָס לאַנד און ווען איז די צייט פאַר מיין שליחות?

די זון האָט זיך צעשטראַלט און אָנגעצונדן דעם גאַנצן בעליקי־טאַל מיט אַ גאָלדענעם ליכט. אַברהם האָט איינגעדרימלט. אין חלום האָט ער געהערט אַ לויטערע שטימע אים זאָגן:

„איך בין גאָט י ה ו ה, דער וואָס איז אייביק געווען און וועט אייביק זיין; דער גאָט וואָס האָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד און אַלץ וואָס אין זיי; דער גאָט וואָס האָט דיך אַרויסגעראַטעוועט פון אור־כשדים, געראַ־טעוועט פון קאַלך־אויוון און פון נמרוד׳ס הענט...

„לך־לך, גיי אַוועק פון דיין לאַנד און פון דיין שטאַם און פון דיין פאָ־טער׳ס הויז און גיי צו דעם לאַנד, וואָס איך וועל דיר ווייזן, און איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק, און איך וועל דיך בענטשן און גרויסן דיין נאָמען, און וועסט זיין אַ בענטשונג. איך וועל אויך בענטשן די, וואָס בענטשן דיך, און די וואָס שעלטן דיך וועל איך פאַרשעלטן. מיט דיר וועלן זיך בענטשן אַלע משפחות פון דער ערד... און איך וועל אויפשטעלן אַ בונד צווישן דיר און דיינע קינדער נאָך דיר, אויף דור־דורות, פאַר אַן אייביקן בונד, צו זיין דיר אַ גאָט״.[10]

אַברהם האָט זיך אויפגעכאַפּט, און ווי צו זיך אַליין געזאָגט: „גאָט שדי, גאָט פון אַלע הויכן, גאָט פון אַלע וועלטן, גאָט פון אַלע צייטן... דער גאָט וואָס איז אַלעמאָל געווען און וועט אַלעמאָל זיין... דער אַלאַרומנעמענדיקער גאָט יהוה...״

אַ דערהויבנדיק געפיל האָט אַרומגענומען אַברהמ׳ען און צעברויזט זיין געמיט. י ה ו ה! י ה ו ה! צום ערשטן מאָל האָט ער געהערט דעם געטלעכן נאָמען. ער האָט קיינעם נישט געזען, ער האָט אָבער דערפילט ווי אַ געט־לעכער גייסט שוועבט אַרום אים. ער האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן באַנעמען די פאַראַנטוואָרטלעכע און ריזיקאַלישע שליחות, פאַר וועלכער דער גאָט יהוה האָט אים און אַלע דורות, וואָס וועלן קומען פון אים, אויסדערווייילט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די געטלעכע שטימע האָט זיך אַרויסגעריסן פון די

טיפעניש פון זיין צעוויטיקט הארץ, פון זיין בענקשאַפט צו אַ גערעכטער וועלט און זיין ליבשאַפט צום מענטשן.

אַברהם איז דורכגעגאַנגען אַ סך שטרויכלונגען און נסיונות, ביז ס'האָט זיך ביי אים אויסקריסטאַליזירט די דערקענטעניש פון אַן איין־איינציקן גאָט, וואָס איז אַל־אַרומנעמענדיק און אַלמעכטיק. ער איז דורכגעגאַנגען אַ וועג פון ליידן, פאַרפאָלגונגען און אינערלעכן נשמה־אַנגסט, ביז ער איז סוף־כל־סוף דערגאַנגען צום לויטערן באַנעם, אַז גאָט איז די אַבסאָלוטע איינהייט און אַבסאָלוטע פאָלקאָמענהייט און די געבאָטן פאַר זיין באַשאַף זיינען אויך אַבסאָלוטע אַחדות און אַבסאָלוטע שלימות. ער איז דער גאָט פון אמת, צדק און יושר.

אַברהם איז אַריינגעגאַנגען אין זיין טעמפּל־געצעלט, האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די קני, אויפגעהויבן די הענט צום הימל און פּאַרכטיק־שטיל געזאָגט: „יהוה אלהינו, יהוה אחד!" — יהוה איז אונזער גאָט, יהוה איז דער איין־איינציקער גאָט!

ווען אַברהם איז אַרונטערגעקומען פון זיין טעמפּל־געצעלט, איז אויף זיין פּנים געלעגן אַ שטראַלנדיקע פרייד. זיין נאָענטע משפחה האָט גלייך דערקענט, אַז עפּעס איז דורך דער נאַכט פאַרגעקומען מיט אַברהמ'ען און אַז ער טראָגט זיך שוין אַרום מיט נייע פּלענער. איידער דער טאָג איז פאַריבער, האָבן שוין אַלע אין דער מחנה געוואוסט, אַז אַברהם גרייט זיך שוין ווידער צו פאַרלאָזן חרן און גיין צו דעם לאַנד, וואו אַ געטלעכע שטימע האָט אים גערופן צו גיין.



אַזוי האָט מען געשריבן (געצייכנט) אין אַברהמ'ס צייט אויף ליימענע טאָוולען

...וַיִּקַּח אַבְרָם אֶת־שָׂרַי אִשְׁתּוֹ וְאֶת־לוֹט בֶּן־אָחִיו וְאֶת־כָּל־רְכוּשָׁם אֲשֶׁר רָכָשׁוּ וְאֶת־הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר־עָשׂוּ בְחָרָן וַיֵּצְאוּ לָלֶכֶת אַרְצָה כְּנַעַן.

און אַ ב ר ם האָט גענומען זיין ווייב ש ר י׳ן און זיין ברודערס זון לוט׳ן, און זייער גאַנצן פאַרמעג וואָס זיי האָבן אָנגעקליבן, און די נפשות וואָס זיי האָבן זיך אָנגעשאַפט אין חרן, און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען צו גיין אינעם לאַנד כנען; און זיי זיינען געקומען אינעם לאַנד כנען.

(בראשית, י״ב, ה׳)

ו

אַברהם פאַרלאָזט זיין פאָטערלאַנד און זיין פאָטער׳ס הויז

ווען אַברהם האָט דאָס ערשטע מאָל פאַרלאָזן חרן, האָט נאָך אין סומער געהערשט דער שוואַכלינג איבי־סין, דער לעצטער קעניג פון דער „דריטער דינאַסטיע פון אור״. די מאַכט פון דער סומערישער אימפּעריע האָט זיך שוין געוואַקלט, און פדן־ארם האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו פאַרשטאַרקן איר זעלבסטשטענדיקייט.

איבי־סין איז פאַרראַטן געוואָרן דורך איינעם פון זיינע הויפּט־גענעראַלן אישבי־ערא, ווען איבי־סין האָט געשיקט איינצוקויפן שפּייז פאַר זיינע אַרמייען. אישבי־ערא האָט די שפּייז איינגעקויפט, נאָר אַנשטאָט ער זאָל דעם איינקויף ברענגען קיין אור, האָט ער זיך פאַרפעסטיקט אין איסין און געפאָדערט פון איבי־סינ׳ען ער זאָל אים באַשטימען צו זיין דער אויפזעער איבער די צוויי גרויסע שטעט — איסין און ניפּור.

צוערשט האָט אישבי־ערא געשיקט אַן אונטערטעניקן בריוו צו זיין קעניג, וואָס האָט זיך אַזוי געלייענט:

„צו איבי־סין, מיין קעניג, אַזוי רעדט צו דיר דיין קנעכט אישבי־ערא. דו האָסט מיך געשיקט מיט אַן עקספּעדיציע צו איסין און קאַזולא צו קויפן תבואה. די תבואה האָט דערגרייכט אַ פּרייז פון איין ׳גור׳ פאַר יעדן שקל. צוואַנציק זילבער־טאַלאַנטס איז שוין אויסגעגעבן געוואָרן צו קויפן די שפּייז. הערנדיק אַ באַריכט, אַז די קריגערישע מאַרטו זיינען אַריינגעדרונגען אין דיין לאַנד, האָב איך געבראַכט 72,000 גור תבואה קיין איסין. איצט, אַז די מאַרטו זיינען אַריין אין צענטער פון לאַנד, און האָבן פאַרנומען די גרעסטע פעסטונגען, קאָן איך שוין איצט נישט אַריבערפירן די תבואה. די

מאַרטו זיינען צו־שטאַרק פאַר מיר. איך האָב נישט די כוחות זיי זיך קעגנ־צושטעלן. זאָל מיין קעניג מאָביליזירן 600 שיפן מיט אַן אָנלאָדונג פון 200 אויף יעדער שיף... און נאָך אַ צאָל נויטיקע שיפן. זאָל ער זיי ברענגען צום שמאָלן דורכגאַנג פון 'באַרג־טייך' און די אויסגעגראָבענע קאַנאַלן. שטעל אונטער מיין אויפזיכט די ערטער, וואו די שיפן דאַרפן אַנקערן, און די תבואה וועט איבערגעלאָדן ווערן אין דער בעסטער אָרדענונג.

„מיין קעניג, די עלימיטן זיינען שוואַכער געוואָרן. זייער תבואה האָט זיך אויסגעלאָזט. זיי נישט געפאַלן ביי זיך. דערלאָז נישט, אַז דו זאָלסט ווערן זייער שקלאַף. גיב זיך נישט אונטער. איך האָב גענוג תבואה צו שטילן דעם הונגער פון פּאַלאַץ און פון די שטעט. מיין קעניג, מאַך מיך פאַר דעם אויפזעער איבער איסין און ניפּור".[1]

אין זיין געפאַלנקייט האָט איבי־סין נישט פאַרשטאַנען דעם פאַרראַט און אישבי־עראַ'ן געמאַכט פאַר זיין פאַרטרעטער איבער די שטעט.

אַזוי גיך אָבער ווי אישבי־עראַ איז געוואָרן דער מושל איבער איסין, האָט ער זיך פאַראייניקט מיט אַלע רעבעלירנדיקע גאָווערנאָרס און פאַרראַטן זיין קעניג. ער האָט נישט נאָר פאַרכאַפּט די מאַכט אין איסין, וועלכע ער האָט געמאַכט פאַר זיין הויפּט־שטאָט, נאָר פאַרנומען איין שטאָט נאָך דער אַנדערער פון דער סומערישער אימפּעריע.

אישבי־עראַ איז אָבער געווען צו־שוואַך צוזאַמענצוהאַלטן די אימפּעריע, און סומעריע איז צעפאַלן געוואָרן אין אַ צאָל קלענערע קעניגרייכן. איינע פון זיי איז געווען די מאַרי־קעניגרייך.

מאַרי האָט זיך קיינמאָל נישט אונטערוואָרפן אישבי־עראַ'ס הערשאַפט, און אין די פינף־און־צוואַנציק יאָר פון אַברהמ'ס אַרומוואַנדערונגען האָט דאָס מאַרי־קעניגרייך אַנטוויקלט אַ שטאַרקן האַנדל מיט ווייטע לענדער. דער האַנדלס־צענטער איז געווען חרן, וואו די האַנדלס־קאַראַוואַנען פון דער גאַנצער וועלט האָבן זיך דאָרט באַגעגנט און אויסגעטוישט מיט זייערע סחורות. מאַרי האָט דורך דער צייט אויך אויפגעשטעלט אַ פאַרצווייגטע שול־סיסטעם. די פאַרמעגלעכע יוגנט פון פדן־אַרם האָט געקראָגן איר העכערע בילדונג אין מאַרי און איז דאָרט שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער מאַרי־קולטור. אַברהם האָט שוין געהערט די יוגנט אין חרן רעדן דעם אַקאַדישן מאַרי־דיאַלעקט; ער האָט שוין געזען די יוגנט זיך פירן לויט די מאַרי־מנהגים און אַ טייל פון זיי אויך דינען די געטער פון מאַרי־פּאַנטעאָן.

מיט צער האָט אַברהם זיך צוגעקוקט, ווי די קינדער פון די „בני־עבר"־שבטים ווערן פאַרפרעמדט. זיי פאַרגעסן זייערע טראַדיציעס און זייער אָפּ־שטאַם און בוקן זיך צו פרעמדע געטער.

אַברהם האָט באַנומען, אַז אין שכנות און אונטער דער ווירקונג פון די אַלטע און אַנטוויקלטע קולטורן, וועט דאָ קיין זאַך זיך נישט קאָנען ענדערן. להיפּוך, וואָס לענגער די „בני־עבר" וועלן דאָ בלייבן, אַלץ מער וועלן זיי

באַווירקט ווערן פון די מאַרי־טעמפּלען און אַלץ אַ גרעסערע השפּעה וועט אויף זיי האָבן די געצנדינערישע קולטור. ער האָט דערזען, אַז אויף דעם יונגן דור פון פּדן־אַרם לויערט אַ געפאַר זיך אויסצומישן און פאַרשלינגען צו ווערן פון שטאַרקערע שעמיטישע שבטים. ס׳זיינען אַברהמ׳ען קלאָר געוואָרן די רייד פון דער געטלעכער שטימע, וואָס האָט אים געזאָגט צו פאַרלאָזן זיין פאָטער׳ס לאַנד און זיין פאָטער׳ס הויז און גיין צו גאָט׳ס באַשטימטן אָרט און דאָרט אויפשטעלן אַ הייליק לאַנד און אויסשמידן אַ ניי הייליק פאָלק, וואָס זאָל זיין אַ בענטשונג פאַר אַלע פעלקער.

אַברהם האָט איינגעזען, אַז נישט אַלע פון די „בני־עבר" זיינען בכלל ראוי צו נעמען אויף זיך דעם שווערן עול פון אַ געטלעכער שליחות. ער וועט מוזן אָנהויבן פון בראשית, און פון די אינגערע פון די „בני־עבר" אויסטיילן, דערציען און אויסקריסטאַליזירן אַ קערנדל, פון וועלכן עס זאָל אויפקומען אַ ניי עברי־פאָלק, אַן עם־עברי. מיט אים וועלן מיטגיין נאָר די, וואָס זיינען גרייט צו אָנערקענען די איין־איינציקייט פון גאָט יהוה, אָננעמען און אָפּהיטן זיינע געבאָטן פון צדק און יושר און זיין וויליק דורכצוגיין דעם לאַנגן, שווערן וועג צום לאַנד, וואָס גאָט וועט זיי אָנווייזן.

ווען אַברהם און זיין מחנה האָבן זיך ווידער גענומען גרייטן אין וועג אַריין, האָט דאָס אַרויסגערופן אַן איבערראַשונג נישט נאָר אין זיין נאָענטער משפּחה, נאָר איבער גאַנץ פּדן־אַרם. אומעטום האָט מען גערעדט מיט גרויס צער, אַז דער באַליבטער העלדישער פּרינץ אַברהם, דער עלטסטער זון פון פּאַטריאַרך תרח, וועט אינגיכן צוזאַמענלייגן זיינע געצעלטן און זיך ווידער אַוועקלאָזן אויף זיינע וואַנדערונגען אין ווייטע לענדער.

די גאַנצע באַפעלקערונג אין פּדן־אַרם האָט זיך געפרייט, ווען אַברהם מיט זיין מחנה זיינען צוריקגעקומען קיין חרן. אין אַזאַ געפרלעכער צייט האָט זי זיך געפילט זיכערער אונטער דעם שוץ פון אַברהמ׳ס העלדישער „אחד"־מחנה. אַלע האָבן געהאָפט, אַז אַברהם וועט זיך שוין סוף־כל־סוף באַזעצן אויפן לאַנד און לעבן נאָענט פון זיין משפּחה און זיין שבט.

מער פון אַלעמען האָט אַזוי געהאָפט תרח. אין די פינף־און־צוואַנציק יאָר, וואָס אַברהם האָט אַרומגעוואַנדערט, האָט תרח שטאַרק געבענקט נאָך זיין בכור, זיין באַרימטן זון. תרח איז אַליין אויך געווען אַ געלערנטער, אַ פאָרשער פון הימל־דערשיינונגען, אַן אַסטראָלאָג. די פּראָבלעם פון גאָט און געטער, וועלט און מענטש האָט אויך תרח׳ן נישט געלאָזט רוען. ער איז דערפאַר געווען שטאָלץ מיט זיין זון, וואָס גייט אין זיינע דרכים און זוכט צו דערגיין דעם אמת. ער האָט געוואוסט וועגן אַברהמ׳ס גוטע מידות און גוטהאַרציקייט; ער האָט זיך געפרייט מיט אַברהמ׳ס באַרימטקייט. אים האָט נאָר געשראָקן אַברהמ׳ס אַוועקשטעלן זיך איינער אַליין קעגן אַ גאַנצער וועלט.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַברהם זוכט אַ נייעם וועג, וואָס דאַרף פירן צו אַן אויסגעלייזטער וועלט און צו אַ באַפרייטער מענטשהייט; ער האָט אָבער

גוט געוואוסט, אַז דער וועג איז אויסגעלייגט מיט דערנער, אַז דער וועג איז אַ געפערלעכער און ער האָט מורא־געהאַט, אַז אַברהם וועט אַהין קיינמאָל נישט דערגיין.

תרח האָט דערפילט, אַז ער ווערט אַלט און שוואַך און וועט שוין לאַנג נישט קאָנען אָנפירן מיט זיינע פּאַטריאַרכאַלישע אויפגאַבן. אַן אַנדערער, אַ איינגערער וועט דאַרפן איבערנעמען די פירערשאַפט פון שבט. אַברהם איז זיין געזעצלעכער יורש און מיט זיינע פעאיקייטן וואָלט ער זיך וואונדערלעך אַריינגעפּאַסט אין דער ראָלע פון אַ פּאַטריאַרך. דאָס וואָלט אויך געווען אַ גליק פאַר אַלע „בני־עבר"־שבטים, וואָס געפינען זיך איבער אַלע טיילן פון ארם־נהרים, בפרט פון פדן־אַרם. די חשיבות פון חרן וואָלט שטאַרק געשטיגן אונטער דער פירערשאַפט פון אַברהמ׳ען.

תרח האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז קיין זאַך וועט אַברהמ׳ען נישט אָפּהאַלטן פון פאַרזעצן זיינע וואַנדערונגען. זיין זון טראָגט זיך אַרום מיט אַ געטלעכער אידייע און איז פעסט אַנטשלאָסן זי דורכצופירן. האָט תרח שלום־געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז ער וועט זיך איינגיכן מוזן אויף אייביק שיידן מיט זיין באַליבטן זון אַברהם.

ווען אַברהם האָט געלאָזט וויסן זיין פאָטער, אַז ער קלייבט זיך ווידער אין וועג אַריין, האָט תרח איינגעאָרדנט אַ פייערלעכן אָפּשייד־יום־טוב פאַר זיין זון און זיין „אחד"־מחנה. פון אַלע שטעט אין פדן־אַרם זיינען געקומען די עלטסטע און אָנגעזעענסטע מיטגלידער פון דעם שבט צו באַגעגענען דעם באַרימטן מיטגליד פון דער משפחה און זיך גלייכצייטיק מיט אים געזעגענען. זיי האָבן שוין אַלע געהאַט געהערט פון זיינע פאַנטאַסטישע גאָט־אידייען און זיינע חלומות פון אַ נייער וועלט. זיי זיינען געווען נייגעריק צו זען זייער באַרימטן קרוב פערזענלעך, און צו הערן זיינע געדאַנקען פון זיין אייגענעם מויל. תרח האָט צוגעגרייט אַ סעודה כיד־המלך.

אין גאָרטן פון פּאַטריאַרכאַלישן פּאַלאַץ, אונטערן שאָטן פון ברייט־פאַרצווייגטע פּאַלמען־ביימער, אויף אויסגעוועבטע בונטפאַרביקע טעפּיכער, זיינען געזעסן, אין אַ האַלבן רינג, די עלטסטע פון די פאַרשיידענע ישובים אין תרח׳ס פירשטנטום; הינטער זיי זיינען געזעסן די אינגערע אָנגעזעענע מיטגלידער פון שבט; אַרום זיי זיינען געזעסן די פרויען און קינדער, און אין דער לעצטער ריי — די דינער און קנעכט.

ס׳איז געווען אַ פייערלעכער משפחה־און שבט־יום־טוב. אַלץ איז געווען געגרייט, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ פּרינץ. אין גאָלדענע און זילבערנע כלים האָט מען סערווירט די געשמאַקסטע מאַכלים: געדעמפטע שעפסן־פלייש, געבראָטענע טויבן, קוכן־מצות געבאַקן אויף דער זון, און כל׳ערליי צייטיקע גרינסן און פרוכטן. מ׳האָט אויך געשטעלט די בעסטע ווינען און אַלערליי פרוכט־זאַפטן.

פאַרן עסן האָט אַ פּריסטער געזאָגט אַ שטילע תפילה און געבעטן פאַר דער הויפּט־שטאָט בבל און אירע טעמפּלען זיי זאָלן צוריק אויפגעבויט ווערן:

„דאָס פאָלק אין לאַנד, קליין אין צאָל וועט זיך מערן,
די קליינע ווי די גרויסע וועלן געפינען זייער וועג.
דער שוואַכער אַקאַדיער וועט באַזיגן דעם מעכטיקן סולטאַ,
איינער וועט אָוועקפירן זיבן, ווי שעפסן,
זיינע שטעט וועסטו פאַרוואַנדלען אין חורבות, זיינע בערג אין שטויב,
די געטער פון לאַנד, די דערצאָרנטע, וועסטו איינשטילן,
און זיי ברענגען צוריק אין זייערע געבעט־היימען,
ס'וועט קומען אַ ברכה פון פּי און תבואה אין לאַנד,
די פעלדער וואָס זיינען פאַרוויסט געוואָרן,
וועסטו צעבליען און זיי וועלן געבן פרוכט,
די פירשטן וועלן פון זייערע הויפּט־שטעט
ברענגען זייערע צינזן קיין בבל,
די ע י ק ו ר־טעמפּלען, וועלכע זיינען חרוב געוואָרן,
ווי די אויפגייענדיקע זון וועלן זייערע שפּיצן צעשיינען,
דער פּרת און חדקל וועלן זיך איבערפילן מיט וואַסער,
און ביז אין די ווייטע טעג וועט בבל באַהערשן די וועלט.[2]

ווען די סעודה האָט זיך געענדיקט, האָט תרח זיך געווענדט צו אַלע פאַרזאַמלטע און צו זיי אַזוי געזאָגט:

— ווי איר זעט, ווער איך אַלט און שוואַך. ס'איז געקומען די צייט, ווען אַ אינגערער דאַרף איבערנעמען מיינע פּאַטריאַרכאַלישע פליכטן. אין הסכם מיט אונזערע מנהגים דאַרף אַברהם, דער עלטסטער פון מיינע זין,[3] פאַרנעמען מיין פּלאַץ. ער איז מיין יורש, און אַלץ וואָס איך פאַרמאָג, באַלאַנגט צו אים. צו אים געהערט אויך די פירערשאַפט פון אונזער שבט. איך האָף, אַז ער וועט זיך מיישב־זיין, וועט ענדערן זיין באַשלוס און וועט אונז נישט פאַרלאָזן.

אַ ווייל זיינען אַלע געסט געבליבן שטיל און געוואַרט צו הערן, וואָס אַברהם וועט זאָגן. אויפגעשטעלט האָט זיך גאָר נחור, אַברהמ'ס אינגערער ברודער, און אַביסל אויפגערעגט געזאָגט:

— פאָטער, אַוודאי איז אַברהם דיין בכור און דיין יורש און איז באַרעכטיקט צו ווערן דיין שטעלפאַרטרעטער. מיר זיינען אָבער אַלע גוט באַקאַנט מיט זיינע חלומות, מיט זיינע אויסטערלישע גאָט־פאַרשטעלונגען און זיינע פאַנטאַזיעס וועגן אַ ניי, הייליק פאָלק. מיר ווייסן אויך וועגן זיינע צוזאַמענשטויסן מיט די פּריסטערס פון אַלע טעמפּלען און זיין אויפשטאַנד קעגן דעם קעניג פון אור. צוליב אָט־די אַלע טעמים זיינען מיר דאָך געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן אור, אַנטלויפן פון בבל, אַוועקגיין פון מאַרי. ענדלעך האָבן מיר זיך דאָ באַזעצט, איינגעבירגערט און דאָ געפונען רו. מיר לעבן דאָ אַ זעלבסטשטענדיק לעבן, בשלום מיט אונזערע שכנים. אונזערע קינדער זיינען דאָ דערצויגן געוואָרן אין דעם גייסט און אין דער קולטור פון אונזער

לאַנד. מיר פילן זיך דאָ אינדערהיים, און ס'זיינען נישטאָ קיין סיבות, פאַרוואָס מיר זאָלן דאָס אַלץ פאַרלאָזן און ווידעראַמאָל ווערן וואַנדערער. אַברהם איז אַ בעל־חלומות וועגן אַן איין־איינציקן גאָט, אַן אויסדערווילט פאָלק, אַ הייליק לאַנד און אַ וועלט פון צדק און יושר. דאָס זיינען שיינע פאַנטאַזיעס פאַר דער צוקונפט. דערווייל זיינען דאָס בלויז נאַרישע איינרעדענישן, וואָס האָבן נאָך קיינעם נישט געהאָלפן. פאַרקערט, זיי האָבן אונז שוין געבראַכט אַ סך צרות, זיי האָבן אומעטום אַרויסגערופן שנאה קעגן אַברהמ'ען אַליין, קעגן זיין מחנה און קעגן אונזער גאַנצן שבט. זאָל זיך אַברהם אַרומוואַנדערן אַזוי לאַנג ווי ער וויל; זאָל ער בויען פאַר זיך זיינע לופט־שלעסער וואו נאָר ער וויל; מיר בלייבן דאָ, אין אונזער נייער היים. מיר זיינען שוין מיד אַרומצוואָוואַנדערן. מיר האָבן זיך דאָ איינגעאָרדנט און מיר לעבן צופרידן. אַברהם וויל נישט בלייבן מיט אונז, און מיר ווילן נישט גיין מיט אים.

תרח'ן איז געווען דערווידער נחור'ס טאָן קעגן זיין ברודער. ער האָט געוואָלט זיך איינשטעלן פאַר אַברהמ'ס כבוד און האָט מיט פאָטערלעכער ליבע אַזוי געזאָגט:

— נחור איז נישט אינגאַנצן גערעכט. שוין אין זיין פריסטער יוגנט האָט אַברהם באַוויזן, אַז ער איז באַרופן פאַר אַ געטלעכער שליחות. אין דער נאַכט פון זיין געבורט האָבן די שטערנזעער געזען אין די הימלען, אַז אַברהם איז געקומען אויף דער וועלט, כדי זי צו ענדערן. אַברהמ'ס יונגע יאָרן אין דער הייל האָבן אים געבראַכט נאָענט צו די געטער און זייער באַשאַף; אַברהמ'ס דערציאונג אין די סומערישע טעמפּלען האָט אים באַוואָפנט מיט די גייסטיקע כוחות צו ווערן דער כהן־גדול פון אַ נייער אמונה און פון אַ נייעם טעמפּל. אונזער וועלט איז באמת אין אַ תהו־ובהו און נויטיקט זיך אין נייע, יושר'דיקע אידייען און אין מוטיקע מענטשן, וואָס זאָלן זיין וויליק און פעאיק די אידייען צו פאַרווירקלעכן.

אַברהמ'ס אינגערער ברודער נחור האָט זיך נישט געקאָנט קאָנטראָלירן און איבערגעריסן זיין פאָטער'ס רייד:

— זאָל ער גיין און בויען טעמפּלען פאַר זיין גאָט און באַווייזן וואונדער, וואו נאָר ער וויל, נאָר נישט דאָ, אין דעם לאַנד, וואו מיר זיינען שוין איינגעבירגערט, וואו אונזערע קינדער פילן זיך ווי אין זייער היים. אויך נייע איינוואַנדערער פון אונזער שבט קאָנען דאָ געפינען אַ מקום־מנוחה. דאָ וועלן זיינע חלומות סיי־ווי קיין קיום נישט האָבן. דער קעניג פון מאַרי און די מאַרי־טעמפּלען וועלן זיינע פלענער צעשטערן, און מיר וועלן נאָך דאַרפן טייער באַצאָלן פאַר אַברהמ'ס ווילדע פאַנטאַזיעס.

תרח האָט ווי נישט געשענקט קיין גרויס אויפמערקזאַמקייט צו נחור'ס רייד. ער האָט ווייטער מיט שטאָלץ און פרייד געשילדערט באַריכות אַברהמ'ס רעוואָלט קעגן נמרוד'ן אין אור און זיין טריאומף־דורכגאַנג אין אַלע שטעט אין אַרם־נהרים און שפּעטער אין דמשק.

די אינגערע און מער־געבילדעטע פון תרח׳ס משפחה האָבן זיך מיט גרויס נייגיר צוגעהערט צו דער קאַלירפולער געשיכטע פון אַברהמ׳ס מוטיקן געראַנגל מיט די מלכים און לענדער. זיי זיינען אַלע געוואָרן שטאָלץ מיט זייער העלדישן פרינץ, אָבער געגוי וואָס זיינע אידייען זיינען און וואָס ער וויל, האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען. דאָס זיינען געווען קינדער פון אַ דור, וואָס איז שוין געבוירן געוואָרן אין פדן־ארם. זיי האָבן געלערנט אין אַקאַדישע טעמפּל־שולן, זיינען געווען באַקאַנט מיט די געשעענישן פון זייער צייט, האָבן גוט געקאַנט די געשיכטע פון סומער און אַקאַד און גערעדט זייערע שפּראַכן. די געשיכטע פון זייער אייגענעם שבט איז זיי אָבער אינגאַנצן געווען פרעמד. זיי האָבן געהערט, אַז מ׳רופט זיי „אַמוריטן" (פרעמדע), אָבער פאַרוואָס מ׳רופט זיי אַזוי איז זיי נישט געווען קלאָר. זיי האָבן געהערט, אַז אַברהם רעדט וועגן אַן איין־איינציקן גערעכטן גאָט, נאָר נישט פאַרשטאַנען דעם אונטער־שייד צווישן אַברהמ׳ס גאָט און די סומערישע געטער. דער עיקר האָבן זיי נישט געקאָנט באַנעמען, פאַרוואָס אַברהם וויל דווקא גיין אַזוי ווייט ווי צום ים־הגדול דאָרטן אויפצובויען זיין הייליק לאַנד.

אַ דרייסטער יוגנטלעכער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, און מיט דרך־ארץ זיך געווענדט צו אַברהמ׳ען און אים געפרעגט:

— מיר שאַצן־אָפּ דיין מוטיקן קאַמף מיט די הערשער פון דער וועלט. מיר פאַרשטייען, אַז דו טראָגסט זיך אַרום מיט אַ הייליקער אידייע פון אַ גערעכטער און בעסערער וועלט, אָבער ווער ס׳איז דיין גאָט, וואו ער געפינט זיך און וואָס עס זיינען זיינע געטלעכע כוחות, דאָס ווייסן מיר נישט. מיר פאַרשטייען אויך נישט, פאַרוואָס דו ווילסט אונז פירן אין אַזאַ ווייט לאַנד, ווען דו אַליין ווייסט נישט, וואו דאָס דאָזיקע לאַנד געפינט זיך?

איידער אַברהם האָט באַוויזן צו ענטפערן, איז נחור ווידער אויפגעשפּרונגען און מיט אַ בייזן טאָן געזאָגט:

— אַברהם ווייסט נישט, ווער זיין גאָט איז. ער רעדט אַלעמאָל וועגן אַן אַלמעכטיקן און אייביקן גאָט. ער אַליין האָט אים קיינמאָל נישט געזען. ער ווייסט אויך נישט, וואו עס געפינט זיך דאָס לאַנד, וואוהין ער וויל אונז פירן; ער וואַרט, אַז זיין גאָט זאָל אים דאָס לאַנד ווייזן. דאָס זיינען אַלץ פאַנטאַסטישע חלומות, קינדערשע שפּילערייען, מיט וועלכע ער טראָגט זיך אַרום שוין פון זיין פריסטער יוגנט. ער פאַרזייט ווינט און שניידט שטורעם.

לוט, וועלכער איז געגאַנגען מיט אַברהמ׳ען, נישט אַזוי צוליב זיינע גאָט־אידייען, ווי צוליב די געוואַגטע און אָנרעגנדיקע קאַמפן, וואָס אַברהם האָט געפירט קעגן די געצנדינער, האָט מער נישט געקאָנט פאַרנעמען נחור׳ס פחדנ׳ישע רייד. ער האָט זיך אַריינגעריסן אין וויכוח און געזאָגט:

— נחור זעט נאָר דעם היינט. ער האָט פאַרגעסן דעם נעכטן און איז בלינד וועגן דעם מאָרגן. אַברהם האָט זיך פאַרטיפט אין דעם גאַנצן ענין, און איז אָן שום ספק גערעכט אין זיין אָפּשאַצן די לאַגע פון די „בני־עבר"־

שבטים צווישן די פרעמדע פעלקער און פרעמדע קולטורן. ער באַגרייפט זייער גוט די געשיכטע פון אונזער פאַרגאַנגענהייט; ער גיט זיך אָפּ אַ קלאָרן דין־וחשבון וועגן אונזער קעגנוואַרט, און די געטער האָבן אים געגעבן אַ נביאישן בליק פאַראויסצוזען וואָס אונז דערוואַרט דאָ אין דער צוקונפט. אויבנאויף זעט אַלץ דאָ אַרום אונז אויס צו זיין געמיטלעך און שטיל. מען דאַרף אָבער נישט זיין קיין שטערנזעער פאַראויסצוזען, אַז דאָס איז אַ שטיל־קייט פאַר אַ שטורעם. ווען מ׳ליגט גוט צו אַן אויער, קאָן מען גרינג דער־הערן, ווי אין אונטערגרונט קאָכט און זידט אין אַלע ווינקעלעך פון אַרם־נהרים. די „דריטע דינאַסטיע פון אור״ איז נאָך אינגאַנצן נישט פאַנאַנדער־געפאַלן, אָבער עס טראָגן זיך שוין אונטערערדישע קולות, אַ טרעמאָר פון אַ שטורמישן אויפרייס, וואָס וועט זיך באַלד צעטראָגן פון אור ביז מאַרי, פון מאַרי ביז אַשור און פון אַשור ביז מצרים. דער קעניג גונגונום פון לאַרסאָ און דער קעניג אישבי־ערא פון איסין שטייען שוין אָנגעגורט ביז די לענדן מיט שטאַרקע אַרמייען צו באַפאַלן און פאַרכאַפּן פאַר זיך וואָס מער לאַנד, און סוף־כל־סוף וועלן זיי אָנגרייפן איינע די אַנדערע. אַלע אַנדערע שטאָ־טישע הערשער פון סומעריע, אַקאַדיע און אַשור רייסן זיך צו מאַכט און שטעלן־אויף אַרמייען. די לופט איז אָנגעפילט מיט מלחמה־שטימונג, מיט בלוט. אַ פייער־שפּייענדיקער באַרג האַלט זיך אין אויפרייסן און פאַר־שפּרייטן לאַוואָ און חורבן איבער דער גאַנצער ערד.

נחור האָט אויסגעשריגן: דאָס איז פאַלשע נביאות, שוואַרצזעעריי, און דאָס וועט אונז נישט איבערשרעקן.

לוט האָט פאַרגעזעצט: אַפילו אין רואיקע צייטן וועלן מיר דאָ נישט קאָנען אָנגיין מיט אונזער לעבנסשטייגער. די וועלט איז איצט אין אַ פּליסיקן צושטאַנד. די איבערוואַנדערונג פון מדבר־שבטים גייט־אָן מיט אַ שנעלן טעמפּאָ. די אָנקומענדיקע מענטשן־כוואַליעס פון מערב וועלן אַזוי גיך נישט נאָכלאָזן. עס מערן זיך מיט בליציקער שנעלקייט נייע ישובים, נייע שטעט, נייע הערשער און נייע מלחמות. אַברהם איז גערעכט. די אַנטוויקלונג פון גרויסע שטעט ברענגט אַ טיילווייזן גליק פאַר אַ קליינער צאָל, און אַ סך אומגליקן פאַרן רוב פון פאָלק. די שטאָט שאַפט טאָקע גרויסע און רייכע אונטערנעמונגען, פּראָדוצירט געצייג פאַר דעם מענטשלעכן געברויך, בויט גרעסערע און שענערע טעמפּלען פאַר די געטער, און גאָלד־און־זילבער־באַפּוצטע פּאַלאַצן פאַר די הערשער, אָבער וואָס גרעסער די שטאָט, אַלץ פאַרשייטער די זינד; וואָס רייכער דער קעניג, אַלץ אָרעמער דאָס פאָלק; וואָס שענער די טעמפּלען, אַלץ גרעסער די קנאה־שנאה צווישן די געטער, און אַלץ פאַרביסענער די מלחמות צווישן די פעלקער. מיר האָבן דאָס געזען אויף אונזער וועג פון אור־כשדים קיין חרן, און אויפן וועג פון דמשק קיין סדום און צוריק.

— דאָס זיינען אַלץ טענות אונז אָפּצושרעקן און אָפּצופרעמדן פון אונזער

נייער איינגעבירגערטער היים, פון אונזער ניי פאַטערלאַנד — האָט נחור גע־שטורעמט. די אַלע רייד וועלן אָבער אויף אונז קיין שום השפעה נישט האָבן. מיר לעבן איצט צווישן אייגענע און מיט אייגענע. מיר בלייבן טרייע בירגער פונעם לאַנד, וואָס האָט אונז געגעבן אַלע מעגלעכקייטן און וואו מיר האָבן אַ סך דערגרייכט!

לוט האָט נישט דערלאָזט, אַז נחור זאָל אים אָפּשטעלן, און האָט ווייטער געזאָגט:

— נישט אַברהם, נאָר א י ר זייט בעלי־חלומות. דערוויַיל זעט דאָ אַלץ אויס וואויל און גוט. מיר וועלן אָבער דאָ בשום־אופן לאַנג נישט קאָנען לעבן אין מנוחה. מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט ביטערע שונאים, וואָס וואַרטן אויף דער ערשטער געלעגנהייט. בבל שאַרפט פאַר אונז אַ מעסער; מאַרי׳ס גרויסע אַמביציעס וועלן אונז אויך נישט פאַרבייגיין. די גרעסטע און נייעסטע געפאַר אָבער רוקט זיך אויף אונז פון אַשור און נינוה. דאָרטן פאַרשפרייטן זיך איצט די גוטיאַנער באַרבאַרן, וואָס זיינען אַרונטערגעקומען פון די אַרמענישע בערג. דאָס זיינען ווילדע שבטים מיט אַ מגושמ׳דיקן אויסזען. זיי האָבן לאַנגע נעזער, שווערע ליפּן, טראָגן לאַנגע בערד, און זייערע אויגן זיינען צעצונדן ווי ביי צערייצטע חיות. ווען זיי לאָזן זיך אַרונטער אויף אַ שטאָט, פאַרטיליקן זיי זי ביזן גרונט. זיי פאַרניכטן די באַפעלקערונג — מענער, פרויען און קינדער — מיט דער גרעסטער אכזריות; זיי פאַרפייניקן צום טויט די, וואָס גיבן זיך אונטער, און טראַכטן־צו די שוי־דערלעכסטע מיטלען וויאַזוי צו פאַרמאַטערן די אומגליקלעכע.

נישט לאַנג צוריק האָבן די אַסיריער באַזיגט עילם, געפאַנגען זייער מלך, אים אַראָפּגעהאַקט דעם קאָפּ, און דעם קאָפּ געבראַכט ווי אַ מתנה צו זייער קעניג אין אַשור. דער גרויסער זיג איז געפייערט געוואָרן אין דעם קעניגלעכן גאָרטן. דעם פאַרבלוטיקטן אָפּגעהאַקטן קאָפּ האָט מען אויפגעהאַנגען אויף אַ שטאַנג, און אים אַרומגעטראָגן אין דער הויף פאַר דעם פאַרגעניגן פון דער קעניגין און אַנדערע קעניגלעכע געסט. שפּעטער האָט מען דעם קאָפּ אויפגע־האַנגען אויף אַ טורעם אין נינוה פאַר דעם פאַרגעניגן פון פאָלק.

דעם עילמ׳ער גענעראַל דאַנאַנו האָבן די אַסיריער אָפּגעשונדן די הויט לעבעדיקערהייט, און דערנאָך אָפּגעצאַפּט זיין בלוט, ביז ער איז אויסגע־גאַנגען. זיין ברודער האָט מען צעשניטן אויף שטיקלעך און צעטיילט איבערן לאַנד אַלס אַן אָנדענק פון זייער בלוטיקן נצחון. די אַסיריער באַפאַלן נישט אַזוי צוליב רויב און מאַכט, ווי צוליב זייער חיה׳שן אינסטינקט און ליבע פאַר מאָרד און בלוט. זיי זיינען געבוירן געוואָרן אין די בערג, זיך דערצויגן אין שטורעם, און זייער לוסט איז פאַרניכטונג.*

תרח האָט זיך דאָ אַריינגעמישט און אָפּגעשטעלט דעם וויכוח צווישן לוט׳ן און נחור׳ן. ער האָט געוואָלט הערן, וואָס אַברהם האָט צו זאָגן. האָט ער זיך אומגעקערט צו אַברהמ׳ען און מיט אַ סך ליבשאַפט אים געפרעגט,

צי ס'איז נישט מעגלעך, אַז ער זאָל דערוויַיל בלייבן אין חרן און איבערנעמען די פּאַטריאַרכאַלישע פליכטן, און דאָ, פון זיין טעמפּל־געצעלט ביי חרן, אָנגיין מיט זיין הייליקער אַרבעט צו פאַרשפּרייטן דעם נאָמען און די געבאָטן פון זיין גאָט יהוה.

אַברהם האָט מיט אַ טיפן געפיל פון כיבוד־אָב זיך דערנענטערט צו זיין פּאָטער, געקניט און מיט אַ ציטערנדיקער אָבער שאַרפער שטימע געזאָגט:

— פּאָטער, געלויבט זאָל זיין יהוה, דער גאָט, וואָס האָט באַשאַפן הימל און ערד און אַלץ וואָס אין זיי. מיין ברודער נחור איז טיילוויַיז גערעכט: מיר טאָרן נישט פאַרגעסן אור. מיר האָבן זיך שוין אויך דאָרטן געהאַט איינגעאָרדנט, איינגעלעבט און אַ שטיקל צייט געלעבט אין מנוחה. די סומעריער האָבן אונז צורו געלאָזט אַזוי לאַנג, ווי די פּעאיקע פון אונז האָבן געדינט זייערע אינטערעסן, כל־זמן מיר האָבן געלעבט לויט זייערע מנהגים, געדינט זייערע געטער, און די אָרעמע האָבן זיי געדינט ווי שקלאַפן. זיי האָבן אָבער נישט געוואָלט דולדן, ווען מיר האָבן זיך געוואָלט פירן לויט אונזערע אייגענע מנהגים, גיין אין אונזערע אייגענע וועגן און דינען אונזער גאָט. מיר שטאַמען פון אַ נאָמאַדן־פאָלק, וואָס האָט געלעבט אין דער פרייער נאַטור אַ פריי לעבן אונטערן פרייען הימל — אַ משפּחה־לעבן פון גלייכע מיט גלייכע. אונז איז פרעמד דאָס זינדיקע שטאָטישע לעבן, וואו מענטשן זיינען צעטיילט אין רייכע, אָרעמע און שקלאַפן; אַ לעבן, וואו ס'איז נישטאָ קיין מיטלייד מיטן אָרעמאַן, קיין רחמנות אויפן יתום און קיין הילף פאַר דער אַלמנה.

תרח האָט געמאַכט זיין לעצטן פּרוּוו צו באַוועגן אַברהמ'ען, ער זאָל בלייבן מיט אים און געזאָגט:

— צוליב וואָס אַוועקוואַנדערן אַזוי וויַיט? אַרם־נהרים איז גרויס גענוג, און דו קאָנסט דאָ געפינען אַן אָרט פאַר דיין מחנה, פאַר דיינע אידייען און פאַר דיין גאָט.

אַברהם האָט מיט גרויס דרך־ארץ צו זיין פּאָטער און מיט אַ פריינטלעכן געפיל צו זיין משפּחה געציילט די ווערטער און אַזוי געזאָגט:

— דער גאָט יהוה, דער אַלמעכטיקער באַשעפער פון הימל און ערד, האָט זיך צו מיר באַוויזן און מיר געזאָגט, איך זאָל גיין פאַר אים און פאַר־שפּרייטן זיין נאָמען און זיינע געבאָטן צווישן אַלע פעלקער. פינף־און־צוואַנ־ציק יאָר האָב איך אַרומגעוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד און געפּרוּווט אויפ־וועקן די מענטשן און זיי וואָרענען, אַז זיי גייען אויף אַ סכנות'דיקן וועג, וואָס פירט צום אָפּגרונט. אַנשטאָט אַ גערעכטן גאָט, דינען זיי אַכזריות'דיקע געטער און פאַרפלייצן די וועלט מיט בלוט און וועלן זי סוף־כל־סוף אומברענ־גען. די פעלקער האָבן זיך צו מיינע רייד נישט צוגעהערט. זיי האָבן מיך געטריבן און פאַרפאָלגט. דער גאָט יהוה האָט זיך צו מיר נאָכאַמאָל באַוויזן און צו מיר געזאָגט, אַז מיינע רייד וועגן צדק און יושר צו אַ פאַרדאָרבענער וועלט זיינען אַ קול־קורא במדבר. די פעלקער הערן נישט און פאַרשטייען

נישט. די הערשער זיינען פאַר׳שיכור׳ט פון מאַכט, די רייכע זיינען איבער־געזעטיקט פון וואוילטאָג, און די פעלקער זיינען פאַרזונקען אין אָרעמקייט און דחקות. דער מענטש האָט פאַרבלאָנדזשעט אויף געפערלעכע וועגן, וואָס פירן צום תהום, און ער ווייסט נישט דעם וועג אויף צוריק, צו גאָט. מען מוז אים דעם וועג ווייזן.

נחור האָט פרובירט איבעררייסן אַברהמ׳ען און געפרעגט:

— און ווער זאָל זיין דער וועגווייזער?

אַברהם האָט מיט גרויס ווירדע געענטפערט:

— גאָט יהוה האָט מיך און מיינע קינדער נאָך מיר אויסדערוויילט פאַר אָט־דער געפערלעכער און הייליקער שליחות. דער גאָט יהוה האָט מיר באַפוילן צו גיין אין דעם לאַנד פון אונזער אָפּשטאַם און דאָרט אויפשטעלן אַ הייליק פאָלק, וואָס זאָל לעבן געטלעך און ערלעך און דינען ווי אַ ביישפּיל פאַר מענטשן און פעלקער. מיר וועלן דאָרטן מיט אונזערע מעשים אָנצינדן אַ ליכט, וואָס זאָל באַשטראַלן די וועלט און ווייזן דעם מענטשן דעם וועג צום גערעכטן גאָט. דאָ וועט זיך אַזאַ ליכט נישט צעצינדן. יעדע באַשעפעניש, ווי יעדער געוויקס, מוז האָבן איר נאַטירלעכע סביבה, איר אייגנאַרטיקן קלימאַט זיך אָנצונעמען און צעוואַקסן, און יעדע נייע אידייע מוז האָבן אַ פרוכטבאַרן באָדן זיך צו צעבליען און פאַרשפּרייטן. דער באָדן דאָ אַרום איז באַוואַקסן מיט ווילדגראָז און פול מיט טויטלעכע שלאַנגען. קיין געטלעכע אידייע קאָן דאָ נישט אויפגיין.

אַברהם האָט זיך אָפּגעשטעלט און תרח האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און אים געפרעגט:

— וויאַזוי וועט דאָס ליכט דערגרייכן אַזויפיל לענדער און פעלקער?

אַברהם האָט זיך פאַרטראַכט און דערנאָך געזאָגט: איך האָב געהערט אין חלום אַ געטלעך קול, וואָס האָט צו מיר אַזוי געזאָגט:

און עס וועט זיין אין סוף פון די טעג,
וועט שטיין פעסט דער באַרג פון הויז פון יהוה,
אויבנאָן פון די בערג,
און דערהויבן איבער די הויכן;
און אַלע פעלקער וועלן צו אים שטראָמען,
און פיל אומות וועלן גיין און וועלן זאָגן:
קומט, און לאָמיר אַרויפגיין צום באַרג פון יהוה,
צום הויז פון דעם גאָט פון אַברהם;
און ער וועט אונז לערנען פון זיינע וועגן,
און מיר וועלן גיין אין זיינע שטעגן;
און ער וועט משפטן צווישן די פעלקער,
און אָנטשיידן איבער פיל אומות,
און זיי וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס,
אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט נישט הויבן אַ שווערד,
און מען וועט מער נישט לערנען קיין מלחמה.[5]

די עלטערע פון דער משפּחה זיינען געבליבן זיצן אַביסל דערשראָקן. זיי האָבן געטראַכט, אַז ס'איז מסתמא דאָ אַ סך אמת אין אַברהמ'ס געדאַנקען, אָבער זיי אַליין זיינען שוין אַלט און מיד אַנצוהויבן אויפסניי צו וואַנדערן, און נאָך ערגער וועט זיין צו פאַרלירן די יוגנט.

תּרח האָט מיט צער שטיל געזאָגט:

— מיין קינד, דער וועג, אויף וועלכן דו לאָזט זיך, איז נישט אויסגעלייגט מיט בלומען. דאָס וועט זיין אַ לאַנגער, אַ ביטערער און געפערלעכער וועג.

— איך ווייס דאָס, פאָטער — האָט אַברהם געענטפערט — דאָס איז אָבער אַ געטלעכע שליחות, און אונזערע שבטים, די אָפּשטאַמער פון שם און עבר — האָבן שוין נישט איינמאָל באַוויזן, אַז זיי האָבן דעם מאָראַלישן כח און דעם גייסטיקן אויסדויער איבערצוטראָגן אַ סך ליידן פאַר זייער גלויבן און אייגנאַרטיקע מנהגים. מיינע קינדער וועלן ברענגען יהוה'ס גערעכטע געבאָטן צו די פעלקער, אַרויספירן דעם מענטשן אויפן גלייכן וועג און ראַטעווען די וועלט פון אונטערגאַנג. דאָס וועט זיין זייער שכר.

תּרח האָט צוגערופן אַברהמ'ען נענטער צו זיך, האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף אַברהמ'ס קאָפּ און געזאָגט:

— זאָל דיך דיין גאָט יהוה בענטשן און אָפּהיטן אויף אַלע וועגן, וואו דו וועסט גיין. ווי דער פיין פונעם בוים, ווען מען האַקט־אַרונטער זיינע צעבליטע צווייגן; ווי דער צער פונעם פויגל, ווען מ'נעמט ביי אים צו זיינע נעסט־פייגעלעך, אַזוי איז דער ווייטיק פון אַ פאָטער, ווען ער מוז זיך שיידן מיט זיין זון. דיין גאַנג איז אַ הייליקער און אַ גערעכטער. גיי, מיין זון, און פאַרזיי די זוימען פון צדק און יושר. איך בין אַלט, מיינע געדאַנקען זיינען שוין שוואַך. מיר איז שווער צו באַנעמען דיין אומזעבאַרן גאָט יהוה, אָבער ווען דו רעדסט פון אמת, צדק און רחמנות, פיל איך, אַז דאָס זיינען געטלעכע רייד, און איך גיב דיר מיין פאָטערלעכע ברכה, אַז דיין גאָט זאָל באַגליקן דיין וועג.

אַברהם האָט זיך געזעגנט מיט זיין פאָטער און מיט דער גאַנצער משפּחה, און ווענדנדיק זיך צו דער יוגנט, געזאָגט:

— ווער ס'איז פאַר יהוה, זאָל גיין מיט מיר, און די שרעקעוודיקע און שוואַכע זאָלן בלייבן דאָ.

אין יענער נאַכט איז אַברהמ'ס הכנסת־אורחים־גאָרטן געווען פייערלעך באַלויכטן פון הונדערטער פאַקלען. זייערע פלאַמען האָבן זיך געצויגן הויך צו די הימלען און געוואָרפן אַן אָפּשיין אויפן גאַנצן אַרום.

אין דער „אחד"־מחנה האָט געהערשט אַ געהויבענע און פאַרכטיקע שטימונג. פון חרן האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע ריי יוגנטלעכע מענער און פרויען צום בעליקי־טאָל, וואו אַברהם האָט אויפגענומען די מענער, און שרה — די פרויען. די יונגע מענטשן האָבן זיך פאַרנויגט, געקניט, אויפ־געהויבן די צוזאַמענגעלייגטע הענט צום הימל און מיט גרויס יראת־הכבוד

דערקלערט, אַז זיי זיינען גרייט צו גיין אין די וועגן פון אַברהמ'ען, דינען דעם גאָט פון אַברהם, היטן די גערעכטע געזעצן פונעם גאָט יהוה.

אַברהם האָט אויסגעקליבן אַלע יונגעלייט, וואָס האָבן געלערנט אין די טעמפּל־שולן און זיינען געווען באַקאַנט מיט דער חכמה פון שרייבן, און פאַר זיי אויפגעשטעלט אַ „בית־מדרש של שם־ועבר"[7], וואו ער האָט מיט זיי געלערנט די טראַדיציעס פון זייערע אָבות שם און עבר, אין זיי איינגע־פלאַנצט די אמונה אין דעם איינציקן לעבעדיקן גאָט, די ליבע צו די געטלעכע געבאָטן פון צדק און יושר, און ער האָט אין זיי געוועקט אַפּפערוויליקייט פאַר דער געטלעכער שליחות מתקן־צו־זיין די וועלט און ברענגען איר ענדלעכע אויסלייזונג. ער האָט זיינע תלמידים צוגעגרייט צו ווערן די לערער און די כהנים פון דעם נייעם „עברי"־פאָלק.

ווען ס'איז טאָג געוואָרן האָט אַברהם געזאָגט אַ מאָרגן־געבעט (תפילת־שחרית) צום גאָט פון אַלע וועלטן און אַלע פעלקער:

„האַר פון אַלע וועלטן! נישט פאַר אונזערע גערעכטע מעשים ברענגען מיר פאַר דיר אונזער געבעט, נייערט צוליב דיין גרויס דערבאַרעמדיקייט. אָ, יהוה, אונזער גאָט, דער גאָט פון אַלע צייטן — זיינען דען נישט אַלע גיבורים ווי גאָרנישט קעגן דיר? זיינען דען נישט אַלע באַרימטע מענטשן נישטיק קעגן דיר? אַלע זייערע גרויסע חכמים נאַריש און אַלע געלערנטע אומוויסנד קעגן דיר? אַלע זייערע מעשים זיינען דאָך אוממערקבאַר, און די טעג פון זייער לעבן צוועקלאָז קעגן דיין אייביקייט... דו ביסט יהוה, אונזער גאָט אין די הימלען און אויף דער ערד. ס'איז אמת, דו ביסט דער ערשטער און דער לעצטער און אויסער דיר איז נישטאָ קיין גאָט... קלייב צוזאַמען פון אַלע עקן וועלט אַלע, וואָס האָפן אויף דיר, יהוה אונזער גאָט, צו זען וואָס גיכער דיין רום פון דיין מאַכט, ווען דו וועסט אָפּשאַפן אומווירדיקייטן פון דער ערד, און די געצנדינערריי וועט אינגאַנצן פאַרשווינדן, און די וועלט וועט פאַרפולקאָמט ווערן און געפירט ווערן פון אַ געטלעכער הערשאַפט און אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן וועלן אויסרופן דיין נאָמען"...[8]

אַברהם האָט די תפילה געזאָגט אויפן הויכן קול און די גאַנצע „אחד"־מחנה האָט שטיל נאָכגעזאָגט, און ווען ער האָט געענדיקט האָבן אַלע פאַר־זאַמלטע, צוזאַמען מיט אים, אויסגעשריגן:

„יהוה אלהינו! יהוה אחד!" (יהוה איז אונזער גאָט! יהוה איז דער איינציקער גאָט!)

אַברהמ'ס מחנה איז גיך אויסגעוואַקסן. אויסער דעם אַלעם, וואָס ער האָט אַליין אָנגעקליבן האָט אים תרח צוגעטיילט זיין חלק ירושה פון דינער און דינסטן, שאָף און רינדער, אייזלען און אַנדערע הויז־חיות, צוזאַמען מיט אַלע מכשירים וואָס זיינען געווען נויטיק פאַר אַ בעדואינער־לעבן.

כדי אויסצוהיטן אַברהמ'ען פון רויבערישע באַנדעס, וואָס פלעגן אַרומ־בראָדזשען אויף די לאַנגע מדבר־וועגן, האָט תרח פאַר אים אויסגעשטאַט

אַ גוט־באַוואָפנטע און גוט־געשולטע אַרמיי, וואָס זאָל אים באַגלייטן. די אַרמיי איז באַשטאַנען פון יונגע, מוטיקע קריגער, צעטיילט אין עטלעכע אָפּטיילונגען פון פוסגייער און אייזל־רייטער. די אַרמיי איז געווען באַוואָפנט מיט שפּיזן, שווערדן, שטיין־וואַרפערס, פייל־און־בויגן, העקלעך און לאַנגע מעסערס. די מערסטע פון די מלחמה־מכשירים זיינען געווען אויסגעגאָסן פון קופּער און בראָנז.

אַברהם האָט אויסגעקליבן די פּעאיקערע פון זיין מחנה און זיי געמאַכט פאַר הויפּלייט איבערן פאָלק, פאַר עלטסטע פון טויזנט, עלטסטע פון הונ־דערט, עלטסטע פון פופציק און עלטסטע פון צען.

די גאַנצע „אחד"־מחנה מיט אַלע אירע אָפּטיילונגען און עלטסטע האָט איצט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן איינהייטלעכע און גוט־אָרגאַניזירטע מלוכה, נאָר אונטערוועגנס.

מחמת תרח׳ס קראַנקהייט און טיפן עלטער, האָט אַברהם אָפּגעלייגט זיין אַרויסוואַנדערונג אויף אַ שטיקל צייט. ער האָט געוואָלט לייכטער מאַכן די לעצטע טעג פון זיין פאָטער׳ס לעבן.

ווען תרח איז געשטאָרבן, האָט די פּאַטריאַרכאַלישע קרוין פון פּדן־אַרם גע׳ירש׳נט זיין צווייטער זון נחור. נחור האָט גענומען פאַר אַ ווייב זיין ברודער הרנ׳ס טאָכטער מלכה. זי האָט אים געבאָרן אַ זון בתואל, וועלכער איז געוואָרן דער קרוין־פּרינץ פון לאַנד. בתואל האָט געהאַט צוויי קינדער: אַ זון לבן און אַ טאָכטער רבקה.

„אַברהם האָט גענומען זיין ווייב שרה און זיין ברודער׳ס זון לוט און זייער גאַנץ פאַרמעגן, וואָס זיי האָבן אָנגעקליבן, און די נפשות, וואָס זיי האָבן באַקערט צום גאָט יהוה, און זיי האָבן זיך אַלע געלאָזט גיין אויפן וועג צום פאַרשפּראָכענעם לאַנד". [9]

ס׳איז געווען אַ זוניקער פרימאָרגן, ווען אַברהם און די „אחד"־מחנה האָבן פאַנאַנדערגענומען די געצעלטן און אויף אייביק פאַרלאָזט פּדן־אַרם, זייער משפּחה און זייער שבט. אַ קערנדל פון אַ ניי פאָלק האָט זיך אַוועק־געלאָזט זוכן פּרוכטבאַרן באָדן, וואו עס זאָל זיך קאָנען פאַרוואָרצלען און אויסוואַקסן.

ליכטיקע זון־שטראַלן זיינען אַ גאַנצן טאָג געגאַנגען פאַראויס דער מחנה און האָבן באַלויכטן דעם וועג צו מערב, צום לאַנד פון אַברהמ׳ס האָפענונגען.

...וַיַּעֲבֹר אַבְרָם בָּאָרֶץ עַד מְקוֹם שְׁכֶם עַד אֵלוֹן מוֹרֶה וְהַכְּנַעֲנִי אָז בָּאָרֶץ׃ וַיֵּרָא יְדוָֹה אֶל־אַבְרָם וַיֹּאמֶר לְזַרְעֲךָ אֶתֵּן אֶת־הָאָרֶץ הַזֹּאת וַיִּבֶן שָׁם מִזְבֵּחַ לַידוָֹה הַנִּרְאֶה אֵלָיו׃ וַיַּעְתֵּק מִשָּׁם הָהָרָה מִקֶּדֶם לְבֵית־אֵל.

...און אַברם איז דורכגעגאַנגען דאָס לאַנד ביז דעם אָרט פון שכם, ביז דעם אייכנבוים מורה. און דער כנעני איז דענסמאָל געווען אין לאַנד. און יהוה האָט זיך באַוויזן צו אַברמ׳ען, און האָט געזאָגט: צו דיינע קינדער וועל איך געבן דאָסדאָזיקע לאַנד. און ער האָט געבויט אַ מזבח צו יהוה וואָס האָט זיך באַוויזן צו אים. און ער האָט זיך איבערגעצויגן פון דאָרט צום באַרג, אין מזרח פון בית־אל.

(בראשית, י״ב, ו׳)

יא

די „בני־עבר״ פונעם יקטן־צווייג

אברהם און זיין מחנה זיינען נאָכאַמאָל דורכגעגאַנגען דעם וועג פון חרן ביז כרכמיש, פון כרכמיש ביז תדמור און פון דאָרט, דורך דעם מדבר־וועג, קיין דמשק — אַ לאַנגער, זאַמדיקער וועג. אָבער ווי נאָר זיי האָבן פאַרלאָזן דעם שווערן זאַמדיקן שליאַך, האָט זיך פאַר זיי אַנטפּלעקט אַ נייע שטראַלנדיקע וועלט. אַ צויבער־לאַנדשאַפט, געמאָלן מיט אַלע רעגנבויגן־קאָלירן, איז געלעגן אויסגעשפּרייט פאַר זיי, ווי גאָט אַליין וואָלט באַגריסט דאָס אָנקומען פון זיין אויסדערוויילט פאָלק. וואָס ווייטער די „אחד״־מחנה איז געגאַנגען, אַלץ רייכער איז געווען די פרוכטבאַרקייט פון דער ערד; אַרום־און־אַרום אַ שפע פון כל׳ערליי פרוכטביימער, אָנגעלאָדן מיט פייגן, וויינטרויבן, מילגרוימען, איילבירטן, צעדער־און־לבנון־ביימער. אַזוי ווייט ווי דאָס אויג האָט געקאָנט זען, האָבן זיך געצויגן שטרעקעס באַגרינטע פעלדער, באַדעקט מיט אַלערליי גראָזן און קוסטעס. וואַסער איז געפלאָסן פון די בערג און געשאַפן אַ גן־עדן פאַר זייערע סטאַדעס פון שאָף און רינדער.

פון דמשק איז אַברהם געגאַנגען ביז רמת־הגלעד; פון דאָרט האָט ער זיך אויסגעדרייט צו דרום ביז מחניים. דערנאָך האָט ער זיך פאַרנומען צו מערב־דרום, איז אַריבער דעם טייך יבוק, דורכגעשניטן די ישובים פנואל און סוכות, און איז אַריבער דעם ירדן־טייך. פון ירדן האָט ער געצויגן צו מערב און איז אַזוי דורכגעגאַנגען דאָס גאַנצע לאַנד ביז שכמאָמאַ (שכם), ביז די פליינען פון מורה.[1]

דאָ האָט זיך פאַר דער „אחד״־מחנה ווידער אַנטפּלעקט אַ וואונדערלעכע „אויסשטעלונג״ פון גאָט׳ס באַשאַף: הויכע בערג און טיפע טאָלן; שטראָמען־

דיקע טייכן און רואיקע אָזיערעס, צעגרינטע און צעבליטע פעלדער און געדיכטע צעצווייגטע גערטנער; אַ מאַט־בלויער הימל און הייסע זון־שטראַלן בייטאָג; אַ ליכטיקע לבנה באַגלייט פון פינקלענדיקע שטערן און לאַשטשענדיקע ווינטן ביינאַכט. אַ דערהויבענע פרייד האָט אַרומגענומען אַלע אין דער מחנה. אַברהם האָט געקניט און געזאָגט:

— אַלמעכטיקער יהוה,
די הימלען דערציילן די שיינקייט פון דיין באַשאַף,
און די שפע פון דער ערד וועגן דער רייכקייט פון דיין ווערק.

שכם [2] איז געלעגן אין טאָל, צווישן די צוויי בערג עבל און גריזים, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי שומרים, וואָס היטן דעם אַריינגאַנג צו זייער הייליקער שטאָט. צווישן די בערג איז אויך געלעגן דער שיידוועג, דורך וועלכן עס האָבן דורכגעקרייצט די צוויי הויפּט־וועגן: דער צפון־דרום־וועג, וואָס האָט זיך געצויגן ביז מצרים, און דער מזרח־מערב־ברעג, וואָס האָט געפירט ביזן ים־הגדול.

די גוט־אויסגעשטאַטע אַרמיי פון יונגע העלדישע שומרים, די גרויסע סטאַדעס פון שאָף, רינדער און אייזלען און די פרידלעכע אויפפירונג פון דער גראַנדיעזער „אחד"־מחנה האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף דעם מלך און די תושבים פון שכם. זיי זיינען איבערראַשט געוואָרן צו הערן אַ פרעמדן שבט רעדן אַ שפּראַך, וועלכע האָט געהאַט אַ שטאַרקע ענלעכקייט צו דער שפּראַך פון די שכמ'ער. די באַפעלקערונג האָט באַלד ביים אָנקומען דערפילט אַ קרובה'שאַפט צו אירע נייע געסט. אַברהם איז אויפגענומען געוואָרן מיט כבוד און גאַסטפריינטלעכקייט, און מ'האָט אים געגעבן גענוג לאַנד אויפצושטעלן זיינע געצעלטן און אַ דערלויבעניש צו פיטערן זיינע סטאַדעס אויף די פליינען פון מורה.

אַברהם האָט געוואוסט, אַז ערגעץ אויף זיין וועג דאַרפן זיך געפינען די „בני־עבר" פון יקטן־צווייג. ער האָט זיי אָבער ביז איצט נאָך נישט געזען, אָדער זיי נישט דערקענט.

לויטן אויסזען, שפּראַך און מידות פון די פאָלקס־מענטשן אין און אַרום שכם, האָט אַברהם געגומען טראַכטן, אַז דאָס מוזן זיין קינדער פון זיין „בני־עבר"־שטאַם. ער האָט געזען, ווי זיי טוען זייער אַרבעט פלייסיק און פּינקטלעך; פאַרזייען אין צייט, רייסן־אַרויס די ווילדע גראָזן, ווען מען דאַרף, און גראָבן־אַרום די ביימער ווען נויטיק. ער האָט באַמערקט, אַז זיי באַאַרבעטן די ערד בשותפות, אַלע טיילן זיך גלייך אויף גלייך מיט די פּרוכטן פון זייער מי און אַלע דינען צו איין שבט־גאָט.

„דאָס מוז זיין דאָס לאַנד, וואָס איך וועל ירש'ענען" — האָט אַברהם שטיל געזאָגט. ער האָט געקניט און געבעטן: „אַלמעכטיקער גאָט, איך האָף, אַז דאָ אין דעם לאַנד איז מיין חלק; אַז דאָ איז דאָס אָרט, וואו איך וועל אויפשטעלן דיין הייליק הויז".

פון די עלטסטע פון לאַנד האָט אַברהם צונויפגעקליבן ידיעות, וואָס האָבן אים געגעבן אַ בילד פון דעם וואַנדערן און לעבן פון די „בני־עבר" פון דעם יקטן־צווייג:

אין דערזעלבער צייט, ווען פלג מיט זיינע קינדער האָבן אַוועקגעוואַנדערט צו מזרח און זיך באַזעצט אין ארם־נהרים, זיינען יקטנ'ס קינדער אַוועק צו מערב און זיך באַזעצט צווישן מדבר און דעם ים־הגדול.[3]

יקטן האָט געהאַט דרייצן זין: אלמודד, שלף, חצרמות, ירח, הדורם, אוזל, דקלה, עובל, אבימאל, שבא, אופר, חוילה און יובב.[4] אַזוי לאַנג ווי יקטן האָט געלעבט, האָבן זיך אַלע ברידער געהאַלטן צוזאַמען, געלעבט ווי איין גרויסע משפחה און זיך געפירט לויט די גערעכטע געבאָטן פון שם־ועבר־שטאַם. ווען יקטן איז געשטאָרבן, זיינען זיך די ברידער פאַנאַנדערגעגאַנגען, און יעדערער פון זיי האָט געזוכט פּאַשע און וואַסער פאַר זיין אייגענעם שבט אויף זיין אייגענעם וועג. דער גרעסטער טייל פון די ברידער האָט ביסלעכווייז אויפ־געגעבן די אַרומוואַנדערונגען און זיך באַזעצט אויף ערד, אויפגעבויט ישובים און זיך איינגעבירגערט אין פאַרשיידענע געגנטן צווישן דעם סירישן מדבר און דעם ים־הגדול.

אַ לאַנגע צייט האָבן די אַלע ישובים געפירט אַן אייגנאַרטיקן לעבן־שטיי־גער, אַפילו נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך באַזעצט אויף לאַנד. זיי האָבן אָנגע־האַלטן די נאַטירלעכע מידות פון מדבר־אַחדות אין דעם אייגענעם שבט, און אַלעמאָל געווען גרייט פאַר קעגנזייטיקער הילף, ווען איינער פון די ברידער־שבטים איז געווען אין געפאַר. די פריער־איינגעוואַנדערטע שעמיטישע שבטים האָבן באַוואונדערט דאָס לעבן פון די „בני־עבר" און אויך אַרויסגעוויזן אַ קנאה־פיינטשאַפט. אין גוטן מוט האָבן זיי גערופן זייערע נייע שכנים „אמורים" (פּרעמדע, וואַנדערער); און ווען זיי זיינען געווען אין כעס, האָבן זיי די „בני־עבר" אויך גערופן „האַבירו", אָדער „עפירו". דאָס זיינען געווען גלייכ־צייטיק אויסדרוקן פון באַוואונדערונג פאַר זייער מוט, אויסדויער און אייגנ־אַרטיקע אויפפירונג און קנאה־שנאה צו „פרעמדע".

אייניקע פון די יקטן־ברידער האָבן זיך ביסלעכווייז איינגעלעבט מיט זייערע שכנים, אָנגענומען זייערע מנהגים, גערעדט זייער שפּראַך, געדינט צו זייערע געטער און שפּעטער זיך אויסגעמישט מיט זיי און אינגאַנצן פאַרגעסן זייער אָפּשטאַם. עס זיינען אָבער געבליבן געגנוג פאַר'עקשנ'טע „בני־עבר"־שבטים, וואָס קלאַמערן זיך אין דעם לעבנסשטייגער פון זייערע אָבות, רעדן זייער אייגענעם עברי־דיאַלעקט און זיינען שטאָלץ מיטן נאָמען „בני־עבר". די דרויסנדיקע וועלט רופט זיי „אַמורי" און זייער לאַנד: ארץ־האמורי", דאָס לאַנד פון די אַמורים.[5]

אָט־דעם טייל פון זיינע שטאַם־ברידער האָט אַברהם געזוכט. וואָס נענטער אַברהם איז צוגעקומען צום „לאַנד פון די אַמורים", אַלץ פריידיקער איז ער געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן פילן, אַז ערגעץ אויפן דאָזיקן וועג דאַרף זיך

געפינען דאָס הייליקע לאַנד, און אַז דאָ אַרום מוזן לעבן זיינע משפּחה־פאַר־וואַנדטע, די קינדער פון יקטן, די אייניקלעך פון שם און עבר.

דאָס „לאַנד פון די אֶמורים", האָט מען דערציילט אַברהמ'ען, איז צע־טיילט אין צען קליינע פירשטנטומס. צוליב דעם אייגנאַרטיקן לאַנד־כאַראַק־טער פון יענער געגנט איז די פעלקער־אַנטוויקלונג דאָרט געגאַנגען אין אַ גאַנץ אַנדער ריכטונג, ווי אין סומער אָדער מצרים. אין אַרם־נהרים און אין מצרים זיינען געווען לאַנגע שטרעקעס פלאַך־לאַנד, דורכגעשניטן פון לאַנגע טייכן, וואָס האָבן פּרוכטבאַר־געמאַכט דאָס לאַנד. כדי צו באַוואַסערן וואָס גרע־סערע שטרעקעס לאַנד, האָט מען געמוזט בויען קאַנאַלן, אויפשטעלן דאַמבעס און בכלל קאָנטראָלירן דעם אָפּפלוס פון די טייכן. אַזעלכע אונטערנעמונגען האָבן געפאָדערט אַ פאַראייניקונג פון אַלע ישובים לענגאויס די טייכן, אַ צענ־טראַליזאַציע און אַ מלוכה'שע אויפמערקזאַמקייט צו פאַרוואַלטן אַלע וואַסער־אונטערנעמונגען. דאָס האָט געפירט צו דער אַנטוויקלונג פון גרויסע פעלקער און שטאַרקע מלוכות.

אַנדערש איז געווען די לאַגע אין „לאַנד פון די אֶמורים". דאָס לאַנד איז דורכגעשניטן מיט לאַנגע קייטן בערג און טאָלן; מיט קליינע טייכן און קלענערע שטחים פלאַך־לאַנד. אַזאַ לאַנד האָט זיך געלאָזט גרינג צעטיילן, און געגעבן אַ געלעגנהייט קלענערע שבטים זיך אָפּצוזונדערן, זיך אַנטוויקלען זעלבסטשטענדיק און זיך באַנוצן מיט די נאַטירלעכע גרענעצן קעגן אריינדרינגער. אויף דעם שטייגער האָבן זיך אויסגעשיילט צען באַזונדערע פעלקער און צען זעלבסטשטענדיקע מלוכות. כאָטש דאָס לאַנד איז צעטיילט, באַשטייט אָבער די באַפעלקערונג פון כמעט אַלע מלוכות פון פאַרוואַנדטע שבטים, רעדן דיזעלבע עברי־שפּראַך און לעבן אַן ענלעכן שטייגער לעבן.*

די צען פירשטנטומס זיינען: קיני, קניזי, קדמוני, פריזי, רפאים, גרגשי, יבוסי, חיתי, אֶמורי און כנעני. יעדע מלוכה באַשטייט פון איין גרויסער שטאָט, מיט אַ צאָל קלענערע ישובים אַרום איר. יעדע שטאָט האָט אַ קעניג אָדער אַ פירשט, אַן אייגענעם הויפּט־גאָט און אַן אייגנאַרטיקן טעמפּל. אַזוי האָבן די עלטסטע געשילדערט פאַר אַברהמ'ען די לאַגע פון לאַנד.

אויבנאויף האָט עס אויסגעזען צו זיין שטיל און רואיק אין דער שיינער שטאָט שכם, ווי גאָט אַליין וואָלט זי איינגעטינקט און אַרומגערינגלט מיט בערג, זיי זאָלן זי פאַרטיידיקן קעגן פרעמדע אָנפאַלער. אַברהם האָט אָבער גיך אויסגעפונען, אַז אַ בני־חם־שבט (דער כנעני)[7] האָט זיך באַזעצט אין שטאָט און האָט מיט זיך געבראַכט זיינע פרעמדע געטער און אויסטערלישע מנהגים. זיינע פּריסטערס פאַרשפּרייטן צווישן דער יוגנט זייערע פאַרדאַר־בענע מידות און תאווה'דיקע ריטואַלן פון דער געטין עשתורת.

אַברהם האָט שוין פון פריער געוואוסט, אַז די „בני־חם"־שבטים זיינען צוריקגעקומען פון זייער נחלה אויף דער אַנדערער זייט פון ים־הגדול און האָבן ביסלעכווייז זיך אַריינגעריסן אין „לאַנד פון די אֶמורים", אין צפון־זייט, ביי

די ברעגן פון ים־הגדול. ער האָט אָבער נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס די „בני־חם" טוען אין שכם, אַ דורכאויס שעמיטישע שטאָט.

ווי אומעטום, איז אַברהם אויך דאָ געגאַנגען אין טעמפּל צו באַקאָנען זיך מיט די געטער און די תפילות, און דורך זיי מיט דער געשיכטע און מנהגים פון דעם „בני־חם"־שבט, וואָס האָט זיך באַזעצט אין שכם.

אויסער אַ גרויסער צאָל גרעסערע און קלענערע געטער, האָט דער כנעני'שער פּאַנטעאָן געהאַט דריי הויפּט־געטער: פאָטער אַ ל, „דער האַר פון דער וועלט", זיין פרוי עשתורת, די „געטין פון פרוכטבאַרקייט" און זייער זון בעל (האַדאַד), „דער גאָט פון שטורעם". ווען אַברהם האָט באַזוכט זייער טעמפּל, האָבן די כנענים דעמאָלט געפייערט דעם יום־טוב פון אָט־דער דריי־איניקייט. אַברהם האָט שוין געהאַט געזען ווילדע ריטואַלן און געצנדינערישע מנהגים. אין ערגעץ אָבער האָט ער נישט געזען אַזויפיל אויסגעלאַסנקייט, ווי אין די כנעני'שע טעמפּלען.

פאַר זון־אונטערגאַנג האָבן זיך אַלע כנעני'שע מתפללים אַרומגעקליבן אַרום אַ מזבח פון צוזאַמענגעוואָרפענע שטיינער. פּריסטערס האָבן פאַנאַנ־דערגעבלאָזן אַ פלאַמענדיקן פייער, און ווען די גרויע רויך־וואָלקנס האָבן זיך געריסן צו די הימלען, האָט אַ פּריסטער געשאָכטן אַ שעפּס און צעשפּרענקלט דאָס בלוט אויף אַלע זייטן פון שטיינערנעם מזבח. דערנאָך האָבן זיי דעם שעפּס אָפּגעשונדן, אים צעשניטן אויף שטיקער און זיי געדעמפּט אויפן פייער. דאָס איז פאַררעכנט געוואָרן ווי אַ פייער־אָפּפער (קרבן־עולה) צו די דריי געטער. אַרום מזבח האָבן נאַקעטע מענער און פרויען געטאַנצט „הייליקע" טענץ לכבוד דער געטין פון פרוכטבאַרקייט עשתורת.

נאָך די טענץ האָט דער הויפּט־פּריסטער געזאָגט און געזונגען אַ מזמור־תפילה אין וועלכער עס שפּיגלט זיך אָפּ אַ דראַמאַטישער געראַנגל צווישן אַ געטער־פאַמיליע: דער פאָטער איז דער אַלמעכטיקער גאָט אַל; דער בוהאַי, דאָס איז דער פאָטער שונעם, וואָס וואוינט ביי די קוואַלן, פונוואַנען אַלע פאַר־פלייצונגען שטראָמען; זיין ווייב אַשראַ (עשתורת), די געטין פון די ימ'ען און פון פרוכטבאַרקייט; זייער זון בעל, דער גאָט פון שטורעם, וואָס רייט אויף די וואָלקנס; זיין ברודער, דער גאָט מ אָ ט, אַ ביטערער שונא פון זיין ברודער בעל, און זייערס אַ שוועסטער אַנאַט — די געטין פון יאַגד און מלחמה.*

בעל שיקט שלוחים צו אַנאַט'ן און בעט זיך ביי איר אויפצוגעבן מלחמות און איינשטעלן אַן אייביקן פרידן. ער זאָגט צו איר, אַז ער וועט פאַר איר אויפדעקן אַלע נאַטור־סודות, אויב זי וועט קומען צו זיין וואוין־אָרט אויפן באַרג:

צו מיר לאָז דיינע טריט אין געיעג,
צו מיר לאָז דיינע פיס אין שנעלן געלאָף,
איך האָב אַ וואָרט דיר צו פאַרטרויען,
אַן עניין דיר קלאָר צו מאַכן:

די רייד פון בוים און ס׳מורמלען פון שטיין,
דעם קלאַנג פון די הימלען צו דער ערד,
פון תהום צו די שטערן.

איך פאַרשטיי דאָס בליצן, וואָס די הימלען באַנעמען נישט,
די ווערטער, וואָס מענטשן פאַרשטייען נישט.
קום, איך וועל דיר אַלץ דערקלערן
אין מיטן פון מיין באַרג, דער גאָט פון סאַפאָן,
דאָס הייליקע הויז, אין באַרג פון מיינע עלטערן,
אין דעם הייליקן אָרט, אויפן באַרג פון מאַכט.

בעל׳ס ווילִיקייט צו אַנטפּלעקן פאַר זיין שוועסטער אַזעלכע וויכטיקע סודות איז נישט געווען פאַר אומזיסט. ער וויל, זי זאָל גיין צו זייער פאָטער אַל און ביי אים פּועל׳ן, ער זאָל אויפבויען אַ קעניגלעכן פּאַלאַץ פאַר בעל׳ן.

און די יונגפרוי אַנאַט רופט אויס:

דער בוהאַי, גאָט פון מיין פאָטער, וועט נאָכגעבן,
ער וועט זיך אונטערגעבן צוליב מיר און אים,
ווייל איך וועל אים צעטרעטן ווי אַ שעפּס אויף דער ערד;
זיינע גרויע האָר וועלן נאַס זיין פון בלוט,
די האָר פון זיין באָרד — קויטיק מיט בלוט,
ביז ער וועט געבן בעל׳ן אַ הויז, ווי פאַר אַ גאָט,
יאָ, אַ פּאַלאַץ ווי ס׳פּאַסט פאַר דעם זון פון אַשעראַה.

בעל און אַנאַט בעטן זייער מוטער אַשעראַה, די געטין פון די ימ׳ען, זי זאָל גיין צו אַל׳ן און אויף אים ווירקן, ער זאָל לאָזן בעל׳ן זיך בויען אַ געטלעכן פּאַלאַץ. אַשעראַה טוט צוליב זייער פאַרלאַנג:

אָט־אָט איז זי שוין אויף איר וועג
צו אַל׳ן ביים קוואַל פון די צוויי פאַרפלייצונגען,
אינמיטן פון דער דערנענטערונג פון די צוויי ימ׳ען,
אין דעם פּאַוויליאָן פון קעניג־פאָטער שונעם.

זי בויגט זיך און קניט צו אַל׳ס פיס,
זי ווערט אים אונטערטעניק און בוקט זיך.
ווי נאָר אַל באַמערקט זי,
פאַרקרימט ער זיין מויל און לאַכט.

זיינע פיס לענט ער אָן אויף זיין שטולבענקל
און שפּילט זיך מיט זיינע פינגער.
ער הויבט־אויף זיין שטימע און ברומט:
צו וואָס איז אַשעראַה, די ים־הערשערין, געקומען,
וואָס טוט דאָ די געבירטערין פון געטער?
ביזטו געוואָרן הונגעריק אָדער שוואַך?
ביזטו דורשטיק און דיינע ליפּן זיינען טרוקן?

איך בעט דיך, עס און טרינק.
עס פון דעם ברויט וואָס אויפן טיש,
טרינק דעם וויין פון די קריגן,
דאָס בלוט פון וויינטרויבן אין די גאָלדענע בעכער.
דו זעסט, די ליבע פון דעם קעניג אַל רייצט דיך,
דעם בוהאַי׳ס ליידנשאַפטן רעגן דיך.

נאָכדעם ווי זי ווערט העפלעך אויפגענומען אין אַל׳ס פּאַלאַץ, גיט איר אַל די דערלויבעניש פאַר בעל׳ן צו בויען זיין פּאַלאַץ, און זי זאָגט:

אויך איצט וועט בעל אָפּהיטן די רעגן־סעזאָנען,
די סעזאָנען פון (קעלט) און שניי;
און וועט קראַכן די דונערן אין די וואָלקנס,
צעלויכטן די בליצן אויף דער ערד.

זיין הויז פון צעדער־האָלץ זאָל ער פאַרברענען;
דאָס הויז פון ציגל אומוואַרפן.
זאָל מען לאָזן וויסן דעם מעכטיקן בעל:
ברענג ווילדע גראָזן אין דיין הויז,
קרייטעכצער אינמיטן פון דיין פּאַלאַץ.

די בערג וועלן דיר ברענגען אַ סך זילבער,
די בערגלעך — אַן אוצר פון גאָלד;
זיי וועלן דיר ברענגען גאָט׳ס גרויסע שפע.
טאָ בוי דיר אַ הויז פון זילבער און גאָלד,
אַ הויז פון די ריינסטע סאַפּירן־שטיינער.

שפּעטער הרג׳עט מאָט זיין ברודער בעל. זיין שוועסטער אַנאַט נעמט נקמה פון מאָט׳ן אויף אַ פייערלעכן אופן:

אַ, טעג, אַפילו טעג גייען פאַרביי.
פון טעג ווערן חדשים.
אַנאַט, די יונגפרוי, האָט אים צו זיך דערנענטערט.
ווי דאָס האַרץ פון דער קו צו דער קאַלב,
ווי דאָס האַרץ פון אַ שעפּס צו איר לאַם,
אַזוי געזאָגט אַנאַט׳ס האַרץ צו בעל׳ן.

זי האָט געכאַפּט דעם געטלעכן מאָט —
מיט אַ שווערד האָט זי אים צעהאַקט.
מיט אַ פעכער צעבלאָזן די טיילן —
אין אַ פייער האָט זי אים פאַרברענט.
מיט אַ האַנט־מיל האָט זי אים צעמאָלן —
אין פעלד האָט זי אים פאַרזייט.
פייגל האָבן געגעסן דאָס איבערגעבליבענע,
האָבן פאַרצערט דאָס לעצטע פון אים,
פלאַטערנדיק אַרום דעם וואָס ס׳איז נאָך פאַרבליבן.[9]

די תפילה האָט אַברהמ׳ען געגעבן אַ קלאָר בילד וועגן דעם רעליגיעזן קולט פון די בני־חם, זייערע געטער און זייערע ריטואַלן און מנהגים.

בכלל האָבן די בני־חם (כנענים) נישט געבויט קיין גרויסע טעמפּלען, ווי די סומעריער און אַקאַדיער. וואו נאָר זיי זיינען אַריינגעקומען, אָדער זיך אַריינגעריסן, האָבן זיי אויפגעשטעלט מזבחות פאַר זייערע געטער — געווייג־לעך אויף אַ באַרג, אָדער בערגל. אויפן מזבח האָבן זיי מקריב־געווען כל׳ערליי קרבנות. אַרום די מזבחות האָבן די כנענ׳ישע פּריסטערס אָנגעפירט מיט גראַנדיעזע פאַלקס־פייערונגען, וואָס זיינען געווען רייך מיט ווילדן געזאַנג, פאַרשייטע טענץ און אויסגעלאַסענע ריטואַלן, וואָס האָבן ביי די מדבר־מענטשן אַרויסגערופן צעווילדעוועטן עקסטאַז, זינדיקע געפילן, און זיי געררייצט צו מיאוס׳ע מעשים.

ביי אַברהמ׳ען האָט די געצנדינערישע התלהבות אַרויסגערופן טרויער און גרימצאָרן. ער האָט אין דעם כנענ׳ישן ספּעקטאַקל דערזען דעם מענטשן אין זיין חיה׳שער געשטאַלט, און אַ בייזוויליקע לעסטערונג פון זיינע הייליקע און דערהויבענע גאָט־אידייען. אַברהם האָט באַמערקט, ווי דער יונגער לוט און זיינע יונגע חברים ווערן מיטגעריסן פון די פאַר״שיכור׳טע געזאַנגען און ווילדע טענץ; פון דער אומנאַטירלעכער פרייד און פאַרדאַרבענעם עקסטאַז. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דער שעדלעכער השפעה, וואָס די כנענ׳ישע מזבחות קאָנען האָבן אויף זיין יונגער „אחד״־מחנה. ער האָט איצט פאַר־שטאַנען די אויפרייצנדיקע מעטאָדן, וואָס די כנענים נוצן צו באַקערן די שע־מיטישע יוגנט צום גלויבן אין זייער געטלעכער דריי־איניקייט: פאָטער, מוטער און זון.

אַברהם האָט געקניט און מתפלל געווען צו זיין גאָט יהוה

— „אַלמעכטיקער גאָט יהוה, נישט דאָ איז דאָס אָרט, וואו דיין הייליק הויז וועט געבויט ווערן. ׳דער כנעני איז דאָ אין לאַנד׳. מיר האָבן דעם פאַרזאָג פון נח׳ן, אַז ׳פאַרשאָלטן זאָל זיין כנען׳, ׳אַ קנעכט זאָל ער זיין ביי זיינע ברידער׳. דאָ איז דער כנעני נישט קיין קנעכט. ער האָט זיך אַריינגע־ריסן און שפּרייט זיך אויס מיט זיינע געצנדינערישע אומווירדיקייטן און פאַרשקלאָפּט די ׳בני־עבר׳, דעם שטאָם פון שם״.[10]

אין חלום האָט אַברהם געהערט אַ געטלעכע שטימע אים זאָגן:

„האָב נישט מורא, אַברהם, דיינע קינדער וועלן ירש׳ענען דאָסדאָזיקע לאַנד. איך בין יהוה, וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגן פון אור־כשדים, דיר צו געבן דאָסדאָזיקע לאַנד צו ירש׳ענען״.

דערנאָך האָט אַברהם געהערט אַ שטיל געזאַנג:

„אָט איז מיין קנעכט, וואָס איך לעג אים אונטער,
מיין אויסדערווײלטער, וואָס מיין זעל באַגערט;
איך האָב אַרויפגעטאָן מיין גייסט אויף אים,
אַ משפט צו די פעלקער וועט ער אַרויסלאָזן.

ער וועט נישט שרייען און נישט הילכן,
און נישט לאָזן הערן אין גאַס זיין קול.
אַן איינגעבראָכן שטעקל וועט ער נישט צעברעכן,
און אַ טונקעלן קנויט וועט ער נישט פאַרלעשן;
לויטן אמת וועט ער אַרויסלאָזן אַ משפּט.
ער וועט נישט מאַט ווערן און נישט געבראָכן ווערן,
ביז ער וועט טאָן אויף דער ערד גערעכטיקייט;
און אינזלען וועלן וואַרטן אויף זיין תורה.
אַזוי האָט געזאָגט דער גאָט יהוה,
וואָס האָט באַשאַפן די הימלען און זיי אויסגעצויגן,
וואָס האָט אויסגעשפּרייט די ערד מיט אירע שפּראָצונגען,
וואָס גיט אָטעם דעם פאָלק אויף איר;
און אַ גייסט די, וואָס גייען אויף איר.
איך, יהוה, האָב דיך גערופן אין גערעכטיקייט,
און איך וועל אָננעמען דיין האַנט און דיך היטן,
און מאַכן אַ בונד דורך דיר מיט די פעלקער,
זיין וועסטו אַ ליכט פאַר די אומות,
צו עפענען בלינדע אויגן,
אַרויסציען פון געפענגעניש דעם געפאַנגענעם,
פון תפיסה די וואָס זיצן אין פינצטערניש.[11]

אַברהם האָט אין שכם, נאָענט פון זיינע געצעלטן, אויפגעשטעלט אַ מזבח, פון וועלכן ער האָט גערופן אין נאָמען פון גאָט יהוה.[12] ער האָט איינ־געזאַמלט אַלע פון דער מחנה אַרום דעם מזבח, און מיט זיי געפייערט אַ גרויסן און הייליקן יום־טוב צו גאָט, וואָס האָט זיי אַרויסגעצויגן פון אור־כשדים, האָט זיי דורכגעפירט בשלום אויף דעם מדבר־וועג פון חרן און וועט זיי ברענגען צום הייליקן לאַנד. מיט תפילות, געזאַנג, אין דער באַגלייטונג פון פלייטן און האַרפן, האָט ער אין זיינע יונגע עברים אַרויסגערופן געט־לעכע התלהבות און אַ מאָראַלישע דערהויבונג. אויף דעם מזבח האָט אַברהם נישט מקריב־געווען קיין קרבנות; פון מזבח האָט ער גערופן די פעלקער אין „לאַנד פון די אַמורים", די „בני־עבר", די אָפּשטאַמער פון עבר און יקטן, און האָט זיי דערמאָנט אין זייער לאַנגער טראַדיציע אָפּצוהיטן נח'ס זיבן הויפּט־מצוות און די שיינע מנהגים פון שם און עבר. ער האָט זיי גערופן זיך אָפּ־צוקערן פון די כנענ'ישע אומווירדיקייטן, נישט צו דינען קיין פאַלשע געטער און דערקענען דעם איינציקן און אַלמעכטיקן גאָט.

די בני־חם (כנענים) האָבן געצאַרנט, ווען זיי האָבן דערהערט וועגן אַברהם'ס מזבח, וועגן זיינע אויסטערלישע אידייען פון אַן אומזעבאַרן גאָט און וועגן אַ וועלט, וואו אַלע מענטשן וועלן לעבן אין פרידן. צוויי קעגנזעצ־לעכע קולטורן האָבן זיך דאָ, אין שכם, צוזאַמענגעטראָפן פּנים־אל־פּנים: אַ קולטור פון דער פאַרגאַנגענהייט און אַ קולטור פון דער צוקונפט, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס צעבליט. די כנענים האָבן שוין פריער געהערט וועגן

דער העלדישער „אחד"־מחנה און האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַברהם האָט בדעה זיך צו באַזעצן אין לאַנד און דאָ אויפבויען אַ טעמפּל פאַר זיין גאָט יהוה. זיי האָבן פאָראויסגעזען, אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי מוזן קומען אין אַ צוזאַמענשטויס מיט אַברהמ׳ען, מיט זיין גאָט און זיינע אידייען.

לכתחילה האָבן זיי אים געדולדעט. זיי האָבן נאָך אַלץ געהאָפט, אַז מיט זייערע געצנדינערישע מעשים וועלן זיי קאָנען באַזיגן אַברהמ׳ס מחנה. ווען זיי האָבן אָבער דערזען, אַז אַברהמ׳ס געטלעכע און מאָראַלישע כוחות איז נישט אַזוי גרינג בייצוקומען, האָבן זיי אויף פאַרשיידענע אופנים פּרובירט שטערן אַברהמ׳ס טעטיקייטן, און סוף־כל־סוף זיך אויך גענומען גרייטן צו פאַרפירן אַן אָפענע מלחמה מיט דער „אחד"־מחנה.

אַברהם איז אָבער געווען אַנטשלאָסן אויסצומיידן מלחמה און בלוט־פאַרגיסונג, און ער האָט פאַרלאָזן שכם און זיך איבערגעטראָגן צום באַרג, אין מזרח פון בית־אל. ער האָט אויפגעגעבן זיינע פּלענער צו גיין אין מערב, צום ברעג פון ים־הגדול. ער האָט שוין געוואוסט, אַז אַהין האָבן זיך אַריינגעקליבן די כנענים און זיי באַהערשן אַ לאַנגן פּאַס לאַנד. ער האָט זיך דעריבער פאַרנומען צו דרום און אויפגעשטעלט זיינע געצעלטן צווישן בית־אל און עי, ער האָט דאָרט אויך געבויט אַ מזבח צום גאָט יהוה, און פון אים גערופן אין נאָמען פון זיין גאָט.

אויך דאָ האָט ער נישט דערקאָנט זיינע שטאַם־ברידער. זיי האָבן אַלע געדינט צו פרעמדע געטער, און ער האָט געצויגן אַלץ ווייטער צו דרום, ביז ער איז צוגעקומען צו די פּליינען פון ממרא (אָרום חברון). אַברהם האָט זיך דערפרייט. דאָ האָט אַברהם צום ערשטן מאָל דערקענט זיינע נאָענטע שטאַם־ברידער, וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט אינגאַנצן איבערגעריסן מיטן יחוס, מיט די מידות און שיינע מנהגים פון דער שם־ועבר־טראַדיציע.

די הויפּט־פירשטן פון דעם לאַנד זיינען געווען: ממרא דער אָמורי, זיין ברודער אשכול און זיין ברודער ענר. די פירשטן האָבן זיך אויך דערפרייט מיט אַברהמ׳ען. זיי האָבן אין אים און אין זיין מחנה דערקענט, אַז דאָס זיינען אייגענע און זיי אויפגענומען בכבוד־גדול. ממרא האָט אַברהמ׳ען געגעבן גענוג לאַנד אויפצושטעלן זיינע געצעלטן און פאַשע פאַר זיינע סטאַדעס.

נאָכדעם ווי די אָמורי־פירשטן האָבן דערזען אַברהמ׳ס גרויסן פאַרמעגן, די עטישע אויפפירונגען פון זיין מחנה און דעם מיליטערישן כח פון זיין אַרמיי, האָבן זיי מיט אים געשלאָסן אַ קעגנזייטיקן צווייפאַכיקן בונד. ערשטנס, אַ מיליטערישן, וואו ביידע צדדים זאָלן זיין פאַראייניקט אין זייער פאַרטיידיקונג קעגן די כנענים און אַנדערע וואַנדערנדיקע שבטים, וואָס פלעגן אָפט באַפאַלן דאָס „לאַנד פון די אָמורים"; און דער בונד איז אויך געווען אַן אידייאישער, אַ גייסטיקער, און האָט געגעבן אַברהמ׳ען דאָס רעכט אויפצושטעלן מזבחות און באַקערן די אָמורים צום גאָט יהוה, דעם גאָט פון אַברהם.

נישט נאָר די פירשטן, נאָר אויך דאָס גאַנצע פאָלק האָט באַגעגנט

אַברהמ׳ען און זיין עברים־מחנה מיט פרייד און ברידערלעכער ליבע. אַ סך פון דער יוגנט זיינען, מיט גרויס בייגיר, געקומען הערן אַברהמ׳ס געטלעכע רייד, האָבן מיט אים געפירט לאַנגע וויכוחים וועגן דעם מהות פון גאָט און מענטשן.

די בני־חם (כנענים) זיינען שוין אָבער דעמאָלט אויך געווען טעטיק אין דעם לאַנד פון ממרא. די כנענ׳ישע פריסטערס האָבן דאָ אויך אויסגעשפרייט אַ נעץ פון מזבחות צו דינען דער געטין עשתורת און מקריב־זיין צו איר אַלערליי קרבנות.

די געטין איז אַלעמאָל באַדינט געוואָרן פון אַ געזעמל פון קדושות, „הייליקע" יונגפרויען, צו באַקערן יונגע מענער און זיי ברענגען אונטער די פליגלען פון זייער געטין.

די עברים־יוגנט איז געקומען מיט אירע טענות צו לוט׳ן, דעם קאָמאַנדיר פון דער יונגער עברים־מחנה, הלמאַי די לעבנס־באַדינגונגען אין דער מחנה ווערן שווערער און שטרענגער: אונזערע מידות זיינען שיינע, אונזערע מנהגים דערהויבענע, אָבער אונזער שטייגער לעבן איז צו־שטיל, צו־איינגעהאַלטן. ס׳שווער פאַר דער יוגנט צו זיין אַזוי איינגעצאַמט, אַזוי אָפּגעהיט. די כנענים וועקן לעבן אין זייער יוגנט מיט רעליגיעזע פייערונגען, מיט עקזאַלטירטן ריטואַל, פאַר׳שיכור׳טע געזאַנגען און פריילעכע טענץ. זיי זיינען מקריב קרבנות און געוואוינען־צו זייער יוגנט צו העלדישקייט, צו בלוט; זיי זיינען אַפילו מקריב יונגע קינדער, כדי צו שטאַרקן דעם מוט פון זייערע קינדער.

די שטענדיקע אַחדות, די ברידערלעכע געפילן און די פרייוויליקע דיס־ציפּלין, וואָס האָבן אַלעמאָל געהערשט אין דער „אחד"־מחנה, זיינען פּלוצ־לונג צעשטערט געוואָרן. לוט האָט ליב געהאַט זיין פעטער אַברהמ׳ען און איז אים אַלעמאָל געווען לאַיאַל. ער האָט זיך אָבער קיינמאָל נישט פאַרטיפט אין דעם אמת׳ן זין פון אַברהמ׳ס „אחד"־אידייע, און האָט נישט באַנומען דעם ריכטיקן מיין פון אַברהמ׳ס געדאַנקענגאַנג פון איין גאָט און איין וועלט. ער האָט מער באַוואונדערט אַברהמ׳ס העלדישקייט, ווי אַברהמ׳ס געטלעכקייט. אים איז געווען שווער זיך צו דערגרונטעווען צום פשוט׳ן אמת, אַז די צוקונפט און גליק פון וועלט און מענטש ליגט אין שלום, אין אַחדות.

לוט האָט נישט גענוי אָפּגעשאַצט דעם אמת׳ן כח פון דער עברי־אַרמיי. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז די גבורה פון דער „אחד"־מחנה איז מער אַ מאָראַלישע, אַ גייסטיקע און אַ געטלעכע. די אייניקייט פון אַלע טיילן אין דער „אחד"־מחנה, זייערע ערלעכע מידות, זייער גלויבן אין דעם אַל־מעכטיקן גאָט און זיין נביא, און זייער באַוואוסטזיין, אַז זיי זיינען באַרופן דורכצופירן אַ געטלעכע וועלט־שליחות, האָט זיי געגעבן אַ קראַפט, וואָס האָט זיך געקאָנט פאַרמעסטן מיט די כוחות פון גרויסע אַרמייען.

לוט האָט שוין דעמאָלט געהאַט זיין אייגענע גרויסע משפחה מיט שאָף

און רינדער, קנעכט און דינסטן. ער איז מיד געוואָרן פונעם שטענדיקן אַרומוואַנדערן און פון די שטענדיקע צוזאַמענשטויסן מיט די געצנדינער־רישע פעלקער. ער האָט געבענקט נאָך אַ שטאָטיש־איינגעזעסן און רואיק לעבן. ער איז געקומען צו אַברהמ׳ען מיט אַ טענה:

— מיין האַר, איך און מיינע פּאַסטעכער זיינען שוין מיד פונעם לאַנגן אַרומוואַנדערן. מיר ווילן זיך באַזעצן אויפן לאַנד, אויסמישן זיך מיט דער באַפעלקערונג פון לאַנד און לעבן אַ געמיטלעך, רואיק לעבן. מיינע מענטשן זיינען שוין אויך מיד פון דיינע חלומות צו ענדערן די וועלט, און באַקערן אַלע מענטשן צו אַן איין־איינציקן גאָט. זע, וויפל שנאה דיינע אידייען רופן־אַרויס ביי די פעלקער. זיי ווילן לעבן זייער געצנדינערישן און פרייען שטייגער לעבן, און מיר דאַרפן זיי נישט שטערן. אונזער משפחה איז אויסגע־וואַקסן, און אונזערע סטאַדעס האָבן זיך פאַרמערט. ס׳איז נישטאָ גענוג פּאַשע אויף איין פּלאַץ פאַר אַלע אונזערע שאָף און רינדער, און דיינע פּאַס־טעכער קריגן זיך אַרום מיט מיינע.

לוט׳ס טענות זיינען באמת באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַברהמ׳ס פּאַס־טעכער האָבן געפּאַשעט זייערע סטאַדעס נאָר אויף פעלדער, וואָס אַברהם האָט געקויפט אָדער געדונגען. לוט׳ס פּאַסטעכער האָבן געפּאַשעט זייערע סטאַדעס אויך אויף פרעמדע פעלדער. זיי האָבן גע׳טענה׳ט, אַז גאָט האָט געגעבן דאָס לאַנד צו אַברהמ׳ען, און לוט איז זיין געזעצלעכער יורש, און זיי האָבן אַ רעכט צו פּאַשען די שאָף אומעטום, ווייל דאָס גאַנצע לאַנד וועט סוף־כל־סוף באַלאַנגען צו לוט׳ן. די פּאַסטעכער, וואָס זיינען געווען דורכ־געדרונגען מיטן גייסט פון אַברהמ׳ס גאָט און מאָראַל, האָבן גע׳טענה׳ט, אַז דערווייל זיצט אין לאַנד דער יבוסי, דער פריזי און דער אַמורי, און דאָס לאַנד באַלאַנגט צו זיי, און פּאַשען אויף פרעמדע פעלדער איז גזילה.[13]

אַברהם האָט פאַרשטאַנען, אַז די מעשה מיט פּאַשע איז נאָר אַ תירוץ; אַז לוט איז געבליבן דערזעלבער געצנדינער, וואָס ער איז געווען אין חרן, און אַז אים ציט צום שטאָטישן זינדיקן לעבן. ער האָט דערזען, אַז לוט האָט נישט באַנומען זיינע רייד וועגן יושר און ערלעכקייט, און איז נישט גרייט צו פאַרבייטן קערפּערלעכע פאַרגעניגנס אויף מאָראַלישער דערהוי־בונג; אַז אים ציט מער צו דער צעלאָזנקייט פון דער כנענ׳ישער געצנדינעריי, ווי צו די שטרענגע געבאָטן פונעם גערעכטן גאָט יהוה.

ווען דאָס מורמלעריי אין דער מחנה האָט זיך פאַרשטאַרקט, האָט אַברהם געזאָגט צו לוט׳ן:

— איך בעט דיך, זאָל נישט זיין קיין קריג צווישן מיר און צווישן דיר, און צווישן מיינע פּאַסטעכער און דיינע, וואָרום מיר זיינען דאָך ברידער פון איין שטאַם. דאָס גאַנצע לאַנד ליגט פאַר דיר. שיידט זיך אָפּ פון מיר, איך בעט דיך, ענטוועדער אויף לינקס, און איך וועל זיך פאַרנעמען אויף רעכטס, אָדער אויף רעכטס, און איך וועל גיין לינקס.

לוט האָט אויסגעקליבן פאַר זיך די גאַנצע געגנט פון ירדן. ער האָט אָוועקגעצויגן קיין מזרח און ער האָט פאַרלאָזט זיין גאָט, זיין לערער און זיין מחנה.

לוט און זיין מחנה האָבן זיך באַזעצט אַרום סדום — אַ שטאָט, וואָס איז שוין איינמאָל חרוב געוואָרן צוליב דער רשעות, וואָס האָט דאָרט געהערשט. לוט'ן האָט געצויגן צו די גאָלד־מינען, וואָס האָבן זיך געפונען אין יענער געגנט און צו די כנען'ישע מנהגים, וואָס האָבן זיך שוין דאָרט איינגעפעס־טיקט. סדום איז געווען דער צענטער פון גאָלד און דער צענטער פון זינד. לוט האָט אויסגעזען צו זיין זייער דערפאָלגרייך. זיינע מענטשן האָבן אויפ־געבויט נייע ישובים, גרויסע טעמפלען און געזאַמלט רייכטימער. די מאָראַל פון לוט'ס מחנה האָט זיך אָבער כסדר געקייקלט באַרג־אַרונטער; רשעות, אוממאָראַלישע מידות און גזילה האָבן זיך פאַרשפרייט. די מענטשן זיינען דעגענערירט געוואָרן, געזונקען גייסטיק, אָפּגעשוואַכט געוואָרן פיזיש, און פאַרלאָרן זייער אַמאָליקן מוט.



דער בבל־טורעם (רעקאָנסטרואירט) איז צעשטערט געוואָרן פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסן. נאָר דער פונדאַמענט איז געבליבן און ער ווייזט די ריזיקייט פון דעם טורעם.

וַיְהִי בִּימֵי אַמְרָפֶל מֶלֶךְ־שִׁנְעָר אַרְיוֹךְ מֶלֶךְ אֶלָּסָר
כְּדָרְלָעֹמֶר מֶלֶךְ עֵילָם וְתִדְעָל מֶלֶךְ גּוֹיִם׃ עָשׂוּ מִלְחָמָה
אֶת־בֶּרַע מֶלֶךְ סְדֹם וְאֶת־בִּרְשַׁע מֶלֶךְ עֲמֹרָה שִׁנְאָב ׀ מֶלֶךְ
אַדְמָה וְשֶׁמְאֵבֶר מֶלֶךְ צְבֹיִים וּמֶלֶךְ בֶּלַע הִיא־צֹעַר׃

און עס איז געווען אין די טעג פון אַמרפל דעם מלך פון שנער, אַריוך דעם מלך פון אלסר, כדרלעומר דעם מלך פון עילם, און תדעל דעם מלך פון גוים, האָבן זיי געמאַכט אַ מלחמה מיט ברע דעם מלך פון סדום, און מיט ברשע דעם מלך פון עמורה, שנאב דעם מלך פון אַדמה, און שמאבר דעם מלך פון צביים, און מיט דעם מלך פון בלע, דאָס איז צער.

(בראשית, י״ד, א׳)

יב

אַברהם אויפן שלאַכטפעלד מיט פיר גרויסע מלכים

שטורמישע ווינטן האָבן זיך אין יענע טעג צעבלאָזן איבערן „לאַנד פון די אַמורים“ (כנען). דאָס גאַנצע לאַנד האָט געליטן פון אַ שרעקלעכן דרוק פון די אַרומיקע גרויסע לענדער, און די פעלקער פון לאַנד זיינען אונטערדריקט געוואָרן דורך זייערע אייגענע הערשער. די לאָקאַלע פירשטן האָבן זיך פאַראייניקט מיט די פריסטער־קאַסטעס פון די רייכע טעמפּלען און אויסגעפּרעסטביים אָרעמען פאָלק כל׳ערליי שטייערן פאַר דער מלוכה־קאַסע, מעשר פאַרן טעמפּל און קרבנות פאַר די געטער, און אויסערלעך האָבן די פעלקער געליטן פון פרעמדע אַריינדרינגער. די צען פירשטן אין דעם „לאַנד פון די אַמורים“ האָבן גע־פירט שטענדיקע מלחמות צווישן זיך אַליין פאַר מאַכט, פאַר לאַנד, פאַר וואַסער און פאַר האַנדל־מערק, און יעדערער פון זיי האָט געזוכט הילף ביי די גרויסע וועלט־מאַכטן פון מזרח און מערב. די לענדער, וואָס זיינען געלעגן אויפן מזרח פון ירדן, האָבן געזוכט שוץ און הילף פון עילם, סומער, אַקאַד און אַשור; און די לענדער, וואָס זיינען געלעגן אויפן מערב פון ירדן, האָבן געזוכט פאַרבינדונגען מיט די פּרעה׳ס פון מצרים. די שטאַרקע לענדער, וועלכע האָבע קאָנקורירט צווישן זיך צו באַהערשן דעם הויפּט־דורכגאַנג און מיטלפּונקט צווישן מזרח און מערב, האָבן אויסגענוצט די הילפלאָזיקייט פון די קליינע פירשטן, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט זיי אונטערדריקט.

וועגן דער מורא׳דיקער הילפלאָזיקייט און אונטערטעניקייט פון די קליינע שטאָט־מלכים אין „לאַנד פון די אַמורים“, זאָגן־עדות די הכנעה׳דיקע

בריוו, בקשות און מסירות איינע אויף די אַנדערע, וואָס זיי האָבן געשיקט צו אַמענהאָמעט׳ן, ערשטער קעניג פון דער צוועלפטער דינאַסטיע פון מצרים. אַלע האָבן אים פאַרזיכערט, אַז זיי זיינען וויליק צו ווערן זיינע וואַסאַלן, צאָלן היוכן ציגזן און זיין זיינע איבערגעגעבענע קנעכט, אַבי נאָר ער זאָל זיי קומען צו־הילף אין זייערע מלחמות מיט זייערע שכנים. און די שכנים האָבן געטאָן דיזעלבע זאַך.

איין בריוו האָט זיך, למשל, אַזוי געלייענט:

„צום קעניג, מיין האַר און מיין זון־גאָט, לאַביו — דיין קנעכט און דאָס זאַמד, אויף וועלכן דו טרעטסט. צו די פיס פון מיין קעניג, מיין האַר און מיין זון־גאָט זיבן מאָל און זיבן מאָל פאַל איך.

„איך האָב געהערט די ווערטער, וואָס דער קעניג האָט מיר געשיקט — און ווער בין איך, אַז דער קעניג זאָל פאַרלירן זיין לאַנד צוליב מיר? זע, איך בין אַן איבערגעגעבענער קנעכט צו מיין קעניג, און איך האָב נישט ווידערשפּעניקט און נישט געזינדיקט קעגן דיר. איך פאַרהאַלט נישט מיינע ציגזן און איך זאָג נישט אָפּ דיין שליח׳ס פאַרלאַנגען. איצט רעדן זיי אויף מיר רכילות. זאָל דער קעניג, מיין האַר, מיר נישט צושרייבן ווידערשפּע־ניקע געדאַנקען.

„נאָך מער: מיין פאַרברעכן באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס איך בין אַריין אין גזר און געזאָגט: ׳פאַרוואָס זאָל דער קעניג נעמען נאָר מיין פאַרמעגן, און נישט דאָס פאַרמעגן פון מילקילו׳ (מלכיאל)? איך ווייס אַלץ, וואָס מילקילו האָט קעגן מיר.

„דער קעניג שרייבט וועגן מיין זון. איך האָב אָבער נישט געוואוסט, אַז מיין זון איז פאַרבונדן מיט די ׳עפּירו׳ (האַבירו). איך האָב אים גלייך איבערגעגעבן אין די הענט פון אַדייאַ.

„ווייטער: ווען דער קעניג זאָל אַפילו וועלן מיין ווייב, וויאַזוי וואָלט איך זי געקאָנט צוריקהאַלטן? ווען דער קעניג זאָל מיר זאָגן: שטעך אַריין אַ בראָנזן מעסער אין דיין האַרץ און שטאַרב, וויאַזוי וואָלט איך געקאָנט זיך אָפּזאָגן אויסצופירן זיין קעניגלעכן באַפעל?״

אַ בריוו וואָס דער מלך פון מצרים האָט געשיקט צו זיין קנעכט מילקילו (מלכיאל):

„צו מילקילו, דער פּרינץ פון גזר. אַזוי שרייבט דער קעניג: איך האָב דיר געשיקט די לוחות (בריוו) דיר צו זאָגן, אַז איך שיק דיר האַניאַ, דעם ממונה פון די בויגן־שיסער, צוזאַמען מיט אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן: פון זילבער, גאָלד, לייוונטענע מלבושים, אַלערליי ווערטפולע שטיינער, שטולן פון עבען־האָלץ און אַ סך אַנדערע גוטע אַרטיקלען, אין באַטרעף פון 160 דעבען... דאָס אַלץ אין אויסטויש פאַר 40 קעפּסווייבער, פּרויען וואָס קאָנען וועבן און זיי זאָלן זיין אָן פעלערן. זאָל דער קעניג, דיין האַר, דיר זאָגן: אַזוי איז גוט, דיין לעבן איז פאַר דיר פאַרזיכערט. מעגסט אויך וויסן, אַז

דער מלך פילט גוט. דער גאָט אַמאָן האָט אויסגעלייגט דאָס אויבערשטע לאַנד, דאָס אונטערשטע לאַנד און דאָס לאַנד, וואו די זון פאַרגייט, אונטער די צוויי פיס פונעם קעניג".

נאָך אַ מסירה פון איין פירשט קעגן אַ צווייטן לייענט זיך אַזוי:

„צום מלך, מיין האַר, מיין זון־גאָט: אַזוי שרייבט שיאוואַרדאַטאַ, דיין קנעכט, דער דינער פון קעניג און דאָס מיסט פון אונטער דיינע פיס. צו די פיס פון מיין קעניג, זיבן מאָל, זיבן מאָל פאַל איך, אין דער ברייט און אין דער לענג.

„זאָל דער קעניג, מיין האַר, וויסן, אַז דער עלטסטער פון 'עפירו' (האַבירו) האָט געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן די לענדער, וואָס דער גאָט פון קעניג, מיין האַר, האָט מיר געגעבן. איך האָב אים אָבער צוריקגע־שטויסן. זאָל אויך דער קעניג, מיין האַר וויסן, אַז אַלע מיינע ברידער האָבן מיך פאַרלאָזן און נאָר איך, אַבדו־העבאַ, פיר מלחמה קעגן דעם הויפּט פון די 'עפירו'. זוראַטאַ, דער פרינץ פון עכו, און אידוראַטאַ, דער פרינץ פון אכשף, זיינען געקומען מיט פופציק רייטוועגענער מיר צו העלפן, נאָכ־דעם ווי די 'עפירו' האָבן ביי מיר אַלץ צוגענומען, אָבער זיי האָבן זיך גאָר געשטעלט קעגן מיר. זאָל דער קעניג מסכים־זיין און מיר שיקן יאַנהאַמו און לאָמיר צוזאַמען פירן אַן ערנסטע מלחמה, און זאָלן די לענ־דער פון מיין קעניג זיך אומקערן צו זייערע פריערדיקע גרענעצן".[1]

אויך דאָ, זעען מיר, זיינען עס געווען די „בני־עבר"־שבטים, פון י ק ט נ ס אָפּשטאַם, וואָס האָבן זיך אַמשטאַרקסטן קעגנגעשטעלט די מיצרי־שע הערשער. די מזרח־פעלקער האָבן גערופן די „בני־עבר" מיטן צונאָ־מען „האַבירו", און די מיצרים האָבן פאַרביטן דעם „ב" פאַר אַ „פ" און זיי אָנגערופן „עפירו". אויך דאָ איז דאָס געווען אַ באַליידיקנדיקער אויסדרוק פון שנאה קעגן די העלדישע קעמפער פאַר זעלבסטשטענדיקייט און פון קנאה פאַר זייער העלדישקייט און פעאיקייט.

אין דערזעלבער צייט האָבן די גרויס־מאַכטן פון מזרח אונטערדריקט די אַמורים־פעלקער, וואָס זיינען געלעגן אויפן מזרח־זייט פון לאַנד.

נאָך דער צעטיילונג פון דער „דריטער דינאַסטיע פון אור" זיינען אויפ־געשטאַנען אַ גאַנצע ריי פון קלענערע הערשער, וואָס האָבן זיך צעטיילט מיט דער ירושה. פון די שטאַרקערע מלכים אין מזרח און צפון־מזרח זיינען דעמאָלט געווען: אמרפל, דער מלך פון שנער (סומער); אריוך, דער מלך פון אלסר (לאַרסאַ); כדרלעומר, דער מלך פון עילם (שושן) און תדעל, דער מלך פון גוים (בני חת[2]). דער מעכטיקסטער פון זיי איז געווען כדרלעומר.

די אַלע לענדער האָבן געפירט אַ פאַרצווייגטן האַנדל מיט די לענדער אין מערב, און הויפּטזעכלעך מיט די האַנדלס־קאַראַוואַנען, וואָס זיינען גע־קומען פון מצרים. דאָס „לאַנד פון די אַמורים" איז געווען דער צענטראַלער אויסטויש־פונקט פאַר די סחורות, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן פון אַרם־

נהרים, און די סחורות, וואָס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין מצרים. די האַנדלס־טראַנספּאָרטן זיינען תמיד באַגלייט געוואָרן פון מיליטערישע אָפּ־טיילונגען, כדי זיי אויסצוהיטן פון די רויבער־באַנדעס.

אָט־די מיליטערישע אָפּטיילונגען האָבן די גרויסע מלוכות אויסגענוצט צו פאַריאָכן די קלענערע פירשטנטומס, וועלכע זיינען געלעגן אויפן וועג פון זייערע דורכוואַנדערונגען. זיי האָבן געצוואונגען די קליינע לענדער אויסצוהאַלטן זייערע מיליטער־אָפּטיילונגען פאַר דער צייט, וואָס זיי זיינען דאָרט געשטאַנען, און דערצו אַרויפגעלייגט אויף זיי שווערע צינזן פאַר פאַרטיידיקן זיי קעגן אָנפאַלן פון זייערע שכנ'ישע פירשטן.

פון צייט צו צייט זיינען אָבער די אונטערטעניקע לענדער מיד גע־וואָרן צו צאָלן די אומדערטרעגלעכע צינזן, און זיי האָבן רעוואָלטירט קעגן זייערע אונטערדריקער.

אין דער געגנט פון ירדן־טייך זיינען געווען עטלעכע קלענערע פעל־קער, וואָס זיינען אַ לאַנגע צייט געווען אונטערטעניק צו די הערשער פון מזרח. צווישן זיי זיינען געווען: ברע, דער מלך פון סדום; ברשע, דער מלך פון עמורה; שנאב, דער מלך פון אדמה; שמאבר, דער מלך פון צביים, און דער מלך פון בלע.

צוועלף יאָר נאָכאַנאַנד האָבן די פינף פעלקער געצאָלט גרויסע צינזן צו כדרלעומר, דעם מלך פון עילם (שושן). צום דרייצנטן יאָר האָט זיך דער אַפּעטיט ביי כדרלעומר'ן צעוואַקסן, און ער האָט אַרויפגעלייגט אַזעלכע שווערע צינזן אויף די קליינע מלוכות, אַז זיי האָבן דאָס מער נישט גע־קאָנט איבערטראָגן. זיי האָבן רעוואָלטירט און זיך אָפּגעזאָגט ווייטער צו צאָלן דעם שטייער צו כדרלעומר'ס אַגענטן.[3]

אין יענער צייט איז עילם געווען די שטאַרקסטע מלוכה צווישן די מזרח־לענדער, און איר קעניג כדרלעומר איז געווען דער אַכזריות'דיקסטער הער־שער. ווען ער האָט געזיגט אין אַ מלחמה, האָט ער אומ'ברחמנות'דיק פאַר־טיליקט זיין קעגנער. כדרלעומר איז געווען לײדנשאַפטלעך אַמביציעז. ער האָט געהאָפּט צו פאַרנעמען און באַהערשן די צעפאַלענע טיילן פון דער סו־מער־דינאַסטיע און אויפשטעלן אַן אייגענע אימפּעריע. זיין שטאַרקסטער קאָנקורענט איבער דעם גאַנצן „פרוכטבאַרן האַלבן קרייז" איז איצט געווען סעסאָסטריס, צווייטער קעניג פון דער צוועלפטער דינאַסטיע פון מצרים, וועלכער האָט געהאַט דיזעלבע אימפּעריאַליסטישע אַמביציעס, נאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. כדרלעומר האָט געוואָלט באַווייזן זיינע כוחות אויפן שלאַכטפעלד ערגעץ נאָענט פון מצרים.

אַ יאָר צייט האָט זיך כדרלעומר געגרייט צו זיין גרויסער שטראָף־עקס־פּעדיציע. ער האָט געשלאָסן אַ בונד מיט די גרעסערע מזרח־לענדער: מיט סומער, לאַרסאַ און גוים. אונטער כדרלעומר'ס קאָמאַנדע האָט אַ שטאַרקע

פאַראייניקטע אַרמיי זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַ שטראָף־עקספּעדיציע צו די לענדער, וואָס האָבן קעגן אים מורד־געווען.

ווען כדרלעומר מיט זיין אַרמיי זיינען אָנגעקומען אין סיריע, האָט ער באַשלאָסן צו ווייזן זיין גבורה, נאָך איידער ער טרעפט זיך מיט די אַרמייען פון זיינע מורדים אויפן שלאַכטפעלד. ווי אַ שטורעם־ווינט האָט זיך כדרלעומר׳ס אַרמיי אַ לאָז־געטאָן איבערן לאַנד און באַפאַלן און פאַרניכטעט אַ צאָל קלענערע און שוואַכע פעלקער. אין דרום איז ער אָנגעפאַלן אויף די רפאים אין עשתרות־קרנים, און אויסגעהרג׳עט די גאַנצע באַפעלקערונג.

צעפלאַמט פון ערשטן זיג, האָט כדרלעומר מיט זיין אַרמיי זיך אַ לאָז־געטאָן לענגאויס דעם ירדן און באַפאַלן די זוזים אין האָם און די אימים אין שוה קריתים. דאָ האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מערב, איז דורכגעגאַנגען די ברייט פון נגב און באַזיגט די חורים אויף זייער באַרג שעיר, און איז דער־גאַנגען ביז איל־פּארן ביים מדבר־סיני. און זיי האָבן זיך אומגעקערט ביז עין־משפּט, דאָס איז קדש־ברנע, און האָבן דאָרטן געשלאָגן דאָס גאַנצע פאָלק פון עמלק און אויך די אַמורים, וואָס זיינען געזעסן אין חצצן־תמר. אַ קליינע שטראָף־עקספּעדיציע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אומגעצאַמטער בלוט־אָרגיע. טויט און פאַרניכטונג האָבן די צערייצטע באַרבאַרן איבערגעלאָזן אויף זייער בלוטיקן וועג.

ווילד פון זיינע זיגן, האָט כדרלעומר זיך אומגעקערט צום טאָל פון שדים [4] (ים־המלח) גרייט צו באַשטראָפן די ווידערשפּעניקע מלכים. די פינף מלכים פון סדום, עמורה, צביים, אדמה און בלע האָבן זיך אָבער באַצייטנס פאַראייניקט, אויפגעשטעלט אַ גרויסע און געשולטע אַרמיי, און ווען כדרלעומר און זיין אַרמיי איז צוגעקומען נאָענט צו סדום, האָט ער באַגעגנט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד.

די פאַראייניקטע אַרמיי האָט העלדיש פאַרטיידיקט אירע פּאָזיציעס. לכתחילה זיינען די פינף מלכים געווען דערפאָלגרייך און צוריקגעשטויסן כדרלעומר׳ס אַרמייען. ווען זיי זיינען אָבער אַריין טיפער אין טאָל, איז גע־שען אַ גרויסע קאַטאַסטראָפע. דאָרטן זיינען געווען אַ סך גריבער, אָנגעפילט מיט ליים, און פיל פון די סדום־און עמורה־חיילות זיינען אַהין אַריינגעפאַלן און אומגעקומען. די לעבנגעבליבענע האָבן זיך צוריקגעצויגן פון שלאַכט און זיינען אַנטלאָפן אין די בערג.

כדרלעומר האָט בכיוון אויסגעמיטן חברון אין זיין קריג־מאַרשרוט. ער האָט גוט געוואוסט, אַז אַברהם און זיין „אחד״־מחנה האָבן דאָרטן אויפגע־שטעלט זייערע געצעלטן. ער האָט שוין לאַנג געגאַרט צו באַפאַלן אַברהמ׳ען און פאַרניכטן דעם גרעסטן שטער פאַר זיינע אַמביציעס. ער האָט אָבער נישט געוואַגט דאָס צו טאָן. כדרלעומר׳ן און זיינע פאַרבינדעטע זיינען געווען גוט באַקאַנט אַברהמ׳ס העלדישע מעשים אין סומער. ער האָט געוואוסט, אַז אַ פאַראייניקטע עברים־מחנה איז שטאַרק גענוג זיך קעגנצושטעלן וועלכן ס׳איז

אָנפּאַל. ווען ער האָט זיך אָבער דערוואוסט, אַז אַבֿרהמ׳ס מחנה האָט זיך צעטיילט, און איין טייל אונטער דער פירערשאַפט פון לוט האָט זיך באַזעצט אַרום סדום, האָט כדרלעומר גערעכנט, אַז ער וועט צוערשט באַפאַלן לוט׳ס אַרמיי און די אַרמייען פון זיינע שותפים, און נאָכדעם ווי ער וועט פאַרטיק ווערן מיט לוט׳ן, וועט ער דערנאָך קאָנען גרינג באַזיגן אַבֿרהמ׳ס הויפּט־אַרמיי און קריגן אַ פרייען וועג דורך אַלע טיילן אין דעם „לאַנד פון די אמורים״ ביז מצרים.

ער האָט אָבער אַ טעות געמאַכט אין חשבון. ער האָט נישט געוואוסט וועגן דעם געפיל פון משפחה־איניקייט און קעגנזייטיקער פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט צווישן די עבֿרים, אַפילו ווען זיי צעגייען זיך אין פאַרשיידענע ריכטונ־גען. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז דער גרויסער כח פון דער עבֿרים־אַרמיי ליגט באמת נישט אין איר פיזישער גבֿורה, נאָר דער עיקר אין איר מאָראַלי־שער דערהויבנקייט.

די פאַראייניקטע פינף מלכים האָבן געשיקט שלוחים צו כדרלעומר׳ן און אים אָנגעבאָטן שלום און אונטערטעניקייט.

דער נקמה־דורשטיקער כדרלעומר האָט אָבער נישט געוואָלט הערן פון שלום. ער איז באַפאַלן די שטעט סדום און עמורה, געמאָרדעט און געפּלינ־דערט עטלעכע טעג. ער האָט אויסגעשאָכטן מענער, פרויען און קינדער, און די לעבנגעבליבענע האָט ער גענומען אין געפאַנגענשאַפט. ער האָט פון דאָרט אַרויסגעפירט דאָס גאַנצע רייכטום און דאָס גאַנצע עסנוואַרג. פון פייער־וואַר־פערס האָט ער געשאָטן פעך־און־שוועבל און פייער־צינדערס אויף די שטעט סדום, עמורה און אַלע אַרומיקע ישובֿים און זיי פאַרניכטעט. ער האָט גענומען אַ גרויסע צאָל געפאַנגענע, צווישן זיי אויך לוט׳ן, זיינע צוויי טעכטער און אַ סך פון לוט׳ס מחנה, וועלכע האָבן פאַרלאָזט אַבֿרהמ׳ען.

אַבֿרהם איז דעמאָלט געשטאַנען מיט זיינע געצעלטן אין דעם פלאַך־לאַנד פון ממרא דעם אמורי, ווען אַ שליח איז געקומען פון שלאַכטפעלד און זיך נאָכגעפרעגט אויף „אַבֿרהמ׳ען, דעם עבֿרי״. ער האָט אים דערציילט, אַז כדרלעומר׳ס אַרמייען האָבן באַזיגט די פאַראייניקטע פינף מלכים, גענומען אין געפאַנגענשאַפט לוט׳ן און אַ גרויסן טייל פון זיין מחנה. אַבֿרהם האָט נישט פאַרלאָרן קיין צייט. ס׳איז גאָט׳ס ווילן, האָט ער געטראַכט, אַז ער זאָל ווייזן די געצנדינער דעם כח פון גאָט יהוה און דעם געפיל פון אחדות ביי די עבֿרים, וועלכע זיינען פאַראַנטוואָרטלעך איינע פאַר די אַנדערע, אַפילו ווען זיי זיינען צעטיילט.

אויך די אמורי־פירשטן ממרא, אשכול און ענר האָבן פאַרשטאַנען, אַז כדרלעומר מיט זיין זיגרייכער אַרמיי וועט זיך נישט אָפּשטעלן ביי סדום און עמורה; אַז זיין אמת׳ער ציל איז דער מאַרש צו דרום ביז מצרים. די אָפּגע־שוואַכטע לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך דעמאָלט געפונען פרעה אַמענהאָמעט פון מצרים,[5] האָט פאַרשטאַרקט כדרלעומר׳ס זיכערקייט, אַז איצט איז די צייט

צו באַפאַלן און באַזיגן מצרים. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז אויפן וועג קיין מצרים שטייט איצט אַברהם מיט זיין אַרמיי, און די ממרא־פירשטן מיט זייערע אַרמייען. כדרלעומר האָט געפּלאַנט צו אַטאַקירן און פאַרניכטן איין אַרמיי נאָך דער אַנדערער.

דאָס האָט נאָך מער דערנענטערט אַברהמ׳ען מיט די אַמורי־פירשטן. אַברהם האָט שוין געהאַט מיט זיי געשלאָסן אַ קעגנזייטיקן מיליטערישן אָפּמאַך, און זיי האָבן געשטעלט זייערע אַרמייען אונטער דער פירערשאַפט פון אַברהמ׳ען און זיינע מיליטערישע הויפּטלייט. אַברהם האָט אויסגעקליבן דריי־הונדערט־און־אַכצן פון זיינע געשולטע גיבורים, און זיי האָבן מאַבי־ליזירט עטלעכע אַרמיי־אָפּטיילונגען פון דער עברים־מחנה און עטלעכע אָפּ־טיילונגען פון דער אַמורי־מחנה, און פון זיי אויפגעשטעלט אַ גרויסן און גוט־באַוואָפנטן מיליטערישן כח.[9]

אַברהם האָט נישט געוואַרט ביז כדרלעומר וועט אַטאַקירן, נאָר ער איז אים אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן און פּלוצלונג באַפאַלן דעם שונא מיט אַ ריזיקן כח און צוריקגעשטויסן כדרלעומר׳ס אַרמיי ביז דן. ביינאַכט האָט אַברהם צעטיילט זיינע כוחות אין צוויי טיילן, געמאַכט אַ פלאַנקען־אַטאַקע, באַפאַלן כדרלעומר׳ס חיילות פון צוויי זייטן און זיי צעשלאָגן. ער האָט זיי נאָכגעיאָגט ביז חובה, לינקס פון דמשק, און דאָרט פולשטענדיק פאַרניכטעט כדרלעומר׳ס אַרמייען.

אַברהם מיט דער העלדישער עברים־אַרמיי, צוזאַמען מיט די בראַווע אַרמייען פון זיינע אַמורי־פאַרבינדעטע, זיינען צוריקגעקומען פון שלאַכט־פעלד, ווי רומפולע העלדן און זיגער. זיי האָבן צעשמעטערט די כוחות פון אַ געפערלעכן שונא, און האָבן צוריקגעבראַכט דאָס גאַנצע פאַרמעגן, וואָס כדרלעומר מיט זיינע שותפים האָבן צוגערויבט ביי די קליינע באַזיגטע פעל־קער. אַברהם האָט אויך צוריקגעבראַכט לוט׳ן מיט זיין משפחה און אַלע עברים, וואָס זיינען צוזאַמען מיט לוט׳ן אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט.

דער איבערראַשנדיקער זיג, וואָס אַברהמ׳ס פאַראייניקטע אַרמיי האָט אָפּגעהאַלטן איבער די פיר אַרמייען פון די גרעסטע מזרח־לענדער, האָט גע־מאַכט אַן אומגעהויערן רושם אויף די קליינע פעלקער אין דעם „לאַנד פון די אַמורים״. אַברהמ׳ס גאַנג צוריק פון שלאַכטפעלד איז געווען אַן אמת׳ער טריאומף־צוג. אומעטום איז ער באַגעגנט געוואָרן מיט כבוד און באַגייס־טערונג. די קליינע פעלקער האָבן אין אים דערזען אַ דערלייזער און באַשי־צער קעגן פרעמדע אונטערדריקער.

עס זיינען אַנטקעגנגעגאַנגען אַברהמ׳ען מלכים און פירשטן פון איבערן גאַנצן אַמורי־לאַנד און אים אָפּגעגעבן כבוד פאַר דעם גרויסן זיג איבער אַ געפערלעכן שונא, וואָס האָט אַ סך יאָרן געפייניקט זייערע לענדער; זיי זיי־נען אָבער אויך געקומען אויס מורא. פריער האָבן זיי באַוואונדערט און דערנאָך זיינען זיי געוואָרן איבערראַשט און צעשראָקן פון דער אומגעהויער־

גרויסער גבורה, וואָס אַברהם און זיינע אַרמייען האָבן באַוויזן קעגן כוחות, וואָס זיינען געווען אַ סך גרעסער און שטאַרקער ווי זיינע. די געצנדינערישע הערשער האָבן אָפּגעגעבן אַ סך כבוד דעם מוט פון אַברהם'ען און דער העל־דישקייט פון דער עברים־מחנה.

מ ל כ י ־ צ ד ק , דער מלך פון שלם (ירושלים), דער פּאַטריאַרך פון יבוסי־שבט און דער כהן־גדול פון זייער טעמפּל, איז אַנטקעגנגעקומען אַברהם'ען מיט ברויט און וויין, און געזאָגט: „געבענטשט זאָל זיין אַברהם פון דעם 'העכסטן גאָט' (אל עליון ׳), דער האַר פון הימל און ערד, און גע־בענטשט זאָל זיין דער העכסטער גאָט, וואָס האָט איבערגעענטפערט דיינע פיינט אין דיין האַנט".

אַברהם האָט צוערשט אָפּגעצאָלט מלכי־צדק'ן מעשר פון אַלץ, וואָס ער האָט פאַרנומען ביי די באַזיגטע פעלקער, ווי אַן אָפּצאָל פון מלוכה־ציגזן. דערנאָך האָט ער אים געפרעגט: „ווער איז און וואו איז דער העכסטער גאָט, אין וועמענס נאָמען דו האָסט מיך געבענטשט?"

מלכי־צדק האָט געענטפערט: „איך האָב דיך געבענטשט אין נאָמען פון אונזער העכסטן גאָט אַל. אין דעם פּאַנטעאָן פון אונזערע געטער איז אַל דער גאָט איבער אַלע געטער. ער געפינט זיך זייער ווייט פון דאַנען, ביי די קוואַלן פון די צוויי טייכן, אינמיטן דעם פּאַנטאָן פון די צוויי תהום'ען. די געטער מוזן אַנליגן אַ לאַנגן וועג, ווען זיי ווילן זיין עצה. אונזער גאָט איז 'דער פאָטער פון יאָרן' (אַבי שאַנימאַ), 'דער פאָטער פון מענטשן' (אַבי אַדאַ־מי), און דער 'פאָטער בוהאַי' (אָקס־באַפרוכפּערער פון די סטאַדעס). אַל האָט דריי פרויען: אַסטאַרטע, אַשעראה און באַאַלטיס — זיינע אייגענע שוועס־טער. אונזער גאָט אַל איז אַ שטרענגער און וואַרפט־אָן אַ מורא אויף אַלע אַנדערע געטער. ער האָט אַרונטערגעזעצט פון טראָן זיין אייגענעם פאָטער "Uranus" (הימל), און האָט אים קאַסטרירט; ער האָט מקריב־געווען זיין אייגציקן באַליבטן זון און אָפּגעשניטן דעם קאָפּ פון זיין טאָכטער; ער האָט באַצוואונגען צוויי פרויען, און נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַר אים געבוירן צוויי קינדער "Shalmu", („פרימאַרגן") און "Shanru" („זון־פאַרגאַנג") האָט ער די פרויען פאַרטריבן אין מדבר".

אַברהם האָט געדאַנקט מלכי־צדק'ן פאַר זיינע ברכות, און דערנאָך העפ־לעך געזאָגט: „נישט אין נאָמען פון אַן 'העכסטן גאָט' (אל עליון), בין איך געגאַנגען אין דער מלחמה מיט כדרלעומר'ן, נאָר אין נאָמען פון דעם 'אל עולם', דעם אַלמעכטיקן און איינציקן גאָט יהוה, דעם שעפער פון אַלץ וואָס איז באַשאַפן. ער האָט אָנגעפילט מיין מחנה מיט געטלעכער גבורה, וואָס האָט באַזיגט כדרלעומר'ן".

ס'איז אויך געקומען ב ר ע , דער מלך פון סדום, דער כהן־גדול פון טעמפּל פונעם גאָט בעל, און געזאָגט צו אַברהם'ען: „איך בענטש דיך אין

נאָמען פון מיין גאָט 'דער דערהויבענער', 'דער האַר פון דער ערד', 'דער הערשער איבער די געטער און די מענטשן'. בעל'ס קעניגרייך איז אייביק ביז אַלע דורות. ווי דער גאָט פון שטורעם, וועמענס קולות עס קלינגען־אָפּ אין די קנאַלן פון די דונערן, דער וואָס גיט אַלע באַשעפעניש פרוכטבאַרקייט. ער איז דער גאָט פון גערעכטיקייט, דער וואָס וואַרפט־אָן שרעק אויף די רשעים. בעל'ס געליבטע איז די געטין אַ נ אַ ט , די טאָכטער פון אַל, די שטאַם־מוטער פון פעלקער".

נאָכדעם ווי ברע האָט געענדיקט זיינע לויב־געזאַנגען פאַר זיין גאָט, האָט ער זיך געווענדט צו אַברהמ'ען און געזאָגט: „איך בעט דיך, גיב מיר מיינע מענטשן, וואָס דו האָסט צוריקגעבראַכט פון שלאַכטפעלד; דאָס פאַרמעגן, וואָס דו האָסט דאָרט פאַרנומען — נעם פאַר זיך".

אַברהם האָט מיט אַן אינערלעכן פאַרדרוס, אָבער מיט העפלעכקייט אים געענטפערט: „איך הויב־אויף מיינע הענט צו דעם גאָט פון אַלע פעלקער, צו דעם איינציקן גאָט יהוה, דעם שעפער פון הימל און ערד, און איך זאָג, אַז איך וועל נישט נעמען קיין זאַך, וואָס באַלאַנגט צו דיר, אַפילו נישט אַ פאָדים אָדער אַ שוכבענדל, כדי דו זאָלסט נישט זאָגן, אַז דו האָסט מיך רייך געמאַכט. די עברים־מחנה וועט קיין זאַך נישט נעמען אויסער דער שפּייז, וואָס אונזערע יונגע קריגער האָבן פאַרנוצט אין דער צייט פון קריג. נאָר די העלדישע יונגען פון די ענר, אשכול און ממרא־אַרמייען, וואָס זיינען מיט אונז געגאַנגען צוזאַמען און געהאָלפן פאַרטיליקן דעם שונא, נאָר זיי מעגן נעמען זייער חלק פונעם פאַרמעגן, וואָס מיר האָבן פאַרנומען. די עברים־מחנה איז נישט געגאַנגען אין קריג צוליב 'פאַרמעגן'. מיר זיינען געגאַנגען אין אַ פאַרטיידיקונגס־מלחמה, וועלכע איז אויף אונז אַרויפגעצוואונגען גע־וואָרן. מיר זיינען געגאַנגען באַפרייען אונזער ברודער לוט און אַלע פון די 'בני־עבר', וואָס זיינען געווען מיט אים. איצט זיינען זיי אַלע פריי און קאָנען גיין וואוהין זיי ווילן. די, וואָס זיינען מיט גאָט יהוה, זאָלן בלייבן מיט מיר, און די, וואָס וואָס ווילן דינען דעם גאָט בעל, זאָלן גיין מיט דיר צוריק קיין סדום".

עס זיינען אויך געקומען באַגריסן אַברהמ'ען אַנדערע, גרעסערע און קלענערע הערשער, פון נאָענט און פון ווייט.

ש מ א ב ר , דער מלך פון צביים, האָט באַגריסט און געבענטשט אַברהמ'ען אין נאָמען פון דער געטין עשתורת. „די געטין — האָט דער מלך געזאָגט — איז די געטין פון פרוכטבאַרקייט, און ווערט אַלעמאָל באַגלייט פון קדושות (הייליקע זונות). די געטין עשתורת איז די העכסטע געטין אין אונזער פאַנטעאָן פון געטער. זי איז די געטין פון שלום צווישן מענטשן, און היט זיי אויס פון קראַנקהייטן און אומגליקן. עשתורת'ס געליבטער איז דער יונגער גאָט ת מ ו ז , דער גאָט פון פעלד און פאַשע. ער שטאַרבט יעדעס יאָר אין דער צייט פון די גרויסע היצן, און גייט־אונטער אין אַראַלו (אונ־

טערשטע וועלט), אין דעם לאַנד פונוואַנען קיינער קומט נישט צוריק. דאָרט וואוינט ערעשיגאַל, עשתורת׳ס שוועסטער. זי איז דאָרט די קעניגין.

„איינמאָל, ווען תמוז איז אַוועק אין אַראַלו, האָט זיך עשתורת פאַר־בענקט נאָך איר געליבטן און אַרונטערגענידערט צו אים. איר איפּערזיכ־טיקע שוועסטער ערעשיגאַל איז זי באַפאַלן, און אויף איר געבראַכט פאַר־שיידענע קראַנקהייטן. בעת עשתורת האָט געליטן אין דער אונטערשטער וועלט, האָט זיך די פרוכבאַרקייט אָפּגעטאָן פון אַלע באַשעפענישן אויף דער ערד און פון די געוויקסן. די פרויען זיינען געקומען אין די טעמפּלען און געיאָמערט אויף זייער מזל.

„דער גאָט ע אַ, דער גאָט פון פרישן וואַסער און פון חכמה, האָט מער נישט געקאָנט צוזען דעם צער פון די פרויען און האָט רחמנות געהאַט אויף דער ליידנדיקער וועלט. האָט ער געשיקט אַ שליח, וועלכער האָט באַשפּריצט עשתורת׳ן און תמוז׳ן מיט לעבנס־וואַסער, און זיי צוריקגעבראַכט אויף דער ערד. די וועלט איז ווידער פול געוואָרן מיט ליבע און פריילעכקייט״.

ס׳איז געקומען בענטשן אַברהמ׳ען ב ר ש ע, דער מלך פון עמורה. ער האָט זיך דערנענטערט צו אַברהמ׳ען מיט אַן אויסגעשניצטן בוים, אויף וועלכן ס׳איז געווען אויסגעקריצט אַ קראָקאָדיל,[8] און געזאָגט: „אין נאָמען פון אָט־דעם גאָט פון אונזער שטאָט, בענטשן מיר דיך פאַר דיין גרויסן זיג איבער אונזערע שונאים״.

דערנאָך איז געקומען ש נ א ב, דער מלך פון אדמה, און געבענטשט אַברהמ׳ען אין נאָמען פון די גייסטער פון די פאַרשטאָרבענע עלטסטע פון זיין שבט. ער האָט געזאָגט: „אונזערע גייסטער געפינען זיך תמיד נאָענט פון אונזער שטאָט, און ווען מיר זיינען צו זיי מתפלל, היטן זיי אונז אויס פון אַלדאָס־בייז״.[9]

עס האָבן אַברהמ׳ען אויך געבענטשט פּריסטערס אין נאָמען פון זון־גאָט, פון לבנה־גאָט, פון ים־גאָט און פון אַ גאַנצער ריי גרעסערע און קלע־נערע געטער.

אַברהם האָט אויפגענומען זיינע געסט מיט כבוד, פאַר זיי געמאַכט אַ סעודה אין אורחים־גאָרטן, געבענטשט זיינע בענטשער און, ווי זיין שטייגער, אויסגענוצט די פריינטלעכע שטימונג פון זיינע געסט זיי צו באַקאַנען מיט זיינע גאָט־אידייען. ער האָט זיך אויסגעהיט נישט אָנצורירן די געפילן פון זיינע געסט, נאָר זיי פּרובירט אויפקלערן פאַרוואָס ער גלויבט, אַז ס׳איז דאָ נאָר אַן איין־איינציקער גאָט, דער גאָט יהוה, דער וועלט־גאָט, דער איינציקער גאָט פאַר אַלע פעלקער.[10]

אויס דאַנקבאַרקייט פאַר זיין העלדישקייט און אויך אויס נייגיר צו הערן וועגן דעם אומבאַוואוסטן גאָט, וואָס איז בייגעשטאַנען אַברהמ׳ען אין דער מלחמה מיט פיר גרויסע מלכים, האָבן די געסט אויפמערקזאַם זיך צוגע־הערט צו אַברהמ׳ס רייד, און ער האָט זיי אַזוי געזאָגט:

„אַלע אייערע געטער זיינען בלויז פאַרשטעלונגען, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן אין מענטשלעכן געדאַנק. אייערע געטער האָט איר גע׳ירש׳נט פון אייערע אור־עלטערן. אין די גאָר אַלטע צייטן האָבן די מענטשן גע־קוקט מיט שרעק און מיט שטוינונג אויף די פאַרשיידענע נאַטור־ענדערונ־גען, וואָס זיינען פאָרגעקומען יאָר־איין, יאָר־אויס. דאָס אַריבערגיין פון זומער אויף ווינטער; פרילינג און האַרבסט; בליאונג און פאַרוויאַנונג האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף אונזערע עלטערן און זיי גערעגט זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דער סיבה אָדער סיבות פון די ענדערונגען. זיי האָבן געזען, אַז ווען דער טייך ווערט פאַרפרוירן איז די ערד נישט פרוכטבאַר; ווען די זון טריקנט אויס די פעלדער, פאַרוועלקן די אויסשפּראָצונגען. זיי האָבן געוואוסט, אַז ס׳דערוואַרט זיי אַ הונגער־יאָר. ווער ס׳איז שולדיק אין די אַלע נאַטור־דערשיינונגען, דאָס האָבן זיי נישט געוואוסט.

„ווען אונזערע אָבות האָבן אַרומגעוואַנדערט אין די מדבריות און אויף די ברייטע און וויטע לאַנד־פלאַכן, האָבן זיי אין זייער איינזאַמקייט זיך פאָרגעשטעלט, אַז ערגעץ אַרום מוזן זיך געפינען אומזעבאַרע, איבערנאַטיר־לעכע גייסטער, וואָס קאָנטראָלירן אַלע נאַטור־ענדערונגען. זיי האָבן געגלויבט, אַז אַזעלכע גייסטער געפינען זיך אויף יעדן בערגל און ביי יעדן וואַסער־קוואַל, און פאַסיקע שפּרוכן און תפילות קאָנען באַווירקן די גייסטער צו ברענגען אַ ברכה פאַר דער געגנט, אָדער אַמווייניקסטנס עס זאָל זיי קיין בייז נישט געשען.

„די שפּעטערדיקע דורות האָבן זיך דערטראַכט, אַז ס׳מוזן זיין העכערע כוחות, וואָס ברענגען נאַטור־ענדערונגען, און האָבן די כוחות גערופן: ׳געטער׳. ווי וואַנדערער האָבן אונזערע עלטערן געלעבט צווישן הימל און ערד און זיך דערנערט פון גראָז און בוים, פון קוואַל און טייך. זיי זיינען כסדר געקומען אין דירעקטער באַרירונג מיט די נאַטור־כוחות, ווי היץ און קעלט, זון־שטראַלן און רעגן, דונערן און בליצן, פייער און וואַסער, און זיי האָבן געמיינט, אַז אָט־די כוחות זיינען אַליין געטער, וואָס באַווירקן דעם מענטשנ׳ס לעבן צום גוטן אָדער צום שלעכטן.

„נאָך שפּעטער האָבן אונזער אור־עלטערן באַמערקט, אַז די זון און די לבנה זיינען זייערע שטענדיקע באַגלייטער, טאָג־און־נאַכט, און זיי האָבן פאַרהערלעכט און פאַרגעטערט די זון און די לבנה. אַ סך פון אייך גלויבן נאָך איצט אין אַ זון־גאָט, לבנה־גאָט, גאָט פון ים און גאָט פון ווינט. איך האָב נאָכגעטראַכט און נאָכגעפאָרשט און אויסגעפונען, אַז דאָס זיינען בלויז געטער־באַגריפן, וואָס דער מענטש האָט אין זיין איינזאַמקייט אַליין באַשאַפן. ער האָט די געטער אויסגעפורעמט אין זיין אייגענעם מענטשלעכן געשטאַלט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז די געטער עסן און טרינקען, לעבן און שטאַרבן. דער מענטש האָט די געטער באַשאַפן, און ער קאָן זיי אומברענגען. איר דאַרפט אַליין פאַרשטיין, אַז דאָס זיינען פאַלשע פאָרשטעלונגען פון פאַל־

שע געטער; זיי קאָנען אייך נישט טאָן נישט קיין גוטס און נישט קיין שלעכטס. ס׳איז דאָ נאָר איין־איינציקער אַלמעכטיקער גאָט און זיין נאָמען איז יהוה. ער האָט באַשאַפן הימל און ערד און אַלץ וואָס געפינט זיך אין זיי, און דעם מענטשן האָט ער געפורעמט אין זיין געטלעכן געשטאַלט״.

מלכי־צדק איז געוואָרן אומרואיק פון אַברהמ׳ס לעסטערונגען. ער האָט אים איבערגעריסן און געזאָגט: „מיר דינען דעם שטאַרקסטן און העכסטן גאָט אַל, דער גאָט איבער אַלע געטער און דער האַר פון הימל און ערד״.

אַברהם האָט רואיק, אָבער מיט אַן אינערלעכן פייער, געזאָגט צו מלכי־צדק: „איר גלויבט, אַז אַל איז דער העכסטער גאָט; און ברע, דער מלך סדום, גלויבט, אַז בעל איז דער העכסטער גאָט; און שמאבר, דער מלך פון צביים, דענקט, אַז עשתורת איז די הייליקסטע און גרעסטע געטין, און די מזרח־מלכים האַלטן, אַז ענליל, מאַרדוק און אַשור זיינען די העכסטע געטער. די גרויסע צאָל פון אייערע געטער איז די הויפּט־סיבה פון אַלע מלחמות, און דאָס איז אויך געווען דער תירוץ פאַר דער מלחמה, וואָס מיר האָבן נאָר־וואָס דורכגעלעבט. אייערע געטער האָבן די וועלט נישט באַשאַפן, אָבער זיי קאָנען גורם־זיין איר אומקום״.

מלכי־צדק: „ווער איז אייער העכסטער גאָט?״ (אל עליון)

אַברהם: „ס׳איז דאָ נאָר איין־איינציקער גאָט, דער וועלט־גאָט, דער ׳אל עולם׳, אַלעמענס גאָט. זיין איינציקייט פאַראייניקט די וועלט און פאַר־ברידערט די מענטשן, און זיינע געבאָטן זיינען אמת און יושר״.

מלכי־צדק: „ווער האָט באַשאַפן דעם גאָט יהוה און וויאַזוי זעט ער אויס?״

אַברהם: „דעם אַלמעכטיקן גאָט האָט קיינער נישט באַשאַפן. ער איז געווען אייביק און וועט זיין אייביק. ער איז די ערשטע סיבה, וואָס האָט גורם־געווען דעם באַשאַף פון אַלץ, וואָס איז באַשאַפן. בראשית, אין אָנהויב, האָט געהערשט אַ תהו־ובהו אין דער ליידיקייט. די יסודות׳דיקע עלעמענטן[11] האָבן זיך געפונען אין אַ כאַאָטישן צושטאַנד, און זיינען אַרומגעשוואומען פריי אין חלל. אַ געטלעכער גייסט האָט זיך איינמאָל צעשוועבט איבער דעם חלל, און פון זיין אומענדלעכן און אומבאַגרענעצטן כח איז אויסגעשטראַלט און אויסגעפורעמט געוואָרן דער גאַנצער באַשאַף. אַלץ, וואָס לעבט און באַוועגט זיך, איז אַדאַנק יענער אור־אויסשטראַלנדיקער ענער־גיע, וואָס האָט געלאָזט אין אַן אייביקער קרייז־באַוועגונג אַלע ריזיקע גלגלים[12] אין הימל, און אַלע קליינינקע גלגלים אין דער מאַטעריע אויף דער ערד. זיי ציען אַלע זייער יניקה פון דער ערשטער סיבה — פון דעם אייביקן, אַל־אַרומנעמענדיקן און אַלמעכטיקן גאָט יהוה״.

מלכי־צדק: „פונוואַנען ווייסט איר, אַז ס׳איז דאָ אַזאַ גאָט, ווען מ׳קאָן אים נישט זען און מ׳קאָן אים נישט הערן?״

אַברהם: „מיר דערקענען גאָט אין זיין באַשאַף. אין דער וואונדער־

לעכער פּאַנאָראַמע און פולשטענדיקער האַרמאָניע פון די גלגלים אין הימל זעען מיר אַן אָפּשפּיגלונג פון אַבסאָלוטער שלימות פונעם שעפער, וואָס האָט זיי באַשאַפן; אין דער אומאויפהערלעכער באַוועגונג פון די הימלישע קערפּערס דערקענען מיר גאָט׳ס אייביקייט; פון דעם אומענדלעכן רוים, אין וועלכן די פּלאַנעטן באַוועגן זיך, באַגרייפן מיר גאָט׳ס אומענדלעכקייט; אין דער פּינקטלעכקייט, מיט וועלכער די ליכט־שטערן גייען־אויף און פאַרגייען, זעען מיר יהוה׳ס פּאַלקאָמענהייט; דער געבורט און דאָס אויסוואַקסן פון אַלץ, וואָס לעבט אויף דער ערד, דערציילט אונז וועגן זיין אַלמעכטיקייט. די הימלען דערציילן די פּראַכט פון געטלעכן באַשאַף און די ווערק פון יהוה׳ס שטראַלענדיקן כח זעען מיר אין הימלישן אויסשפּרייט. איר קאָנט אויך דערזען אונזער גאָט ווען איר וועט זיך דערנעטערן צו אים, און וואָס מער איר וועט זיך דערנענטערן אַלץ בעסער וועט איר אים זען... די געטער וואָס איר זעט זיינען טויטע זאַכן, וואָס קאָנען קיין זאַך נישט באַשאַפן, אָבער צוליב זיי קאָן די וועלט חרוב ווערן״.

מלכי־צדק און אַלע פירשטן און פּריסטערס האָבן מיט גרויס אינטע־רעס זיך צוגעהערט, ווי אַברהם האָט מייסטערהאַפט פאַנאַנדערגעוויקלט זיינע געדאַנקען וועגן דער אייביקייט און אַלמעכטיקייט פון דעם איין־איינ־ציקן גאָט יהוה. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען גענוי וואָס ער וויל. זיי האָבן אָבער געפילט, אַז אַברהם האָט דאָ גערעדט וועגן אַ הייליקער געט־לעכער אידייע, וואָס וויל ענדערן דעם גאַנג פון דער וועלט לטובת אַלע מענטשן. זיי זיינען אָבער נישט געווען גרייט זי אָנצונעמען. ס׳איז זיי נישט געווען גרינג אויפצוגעבן זייערע קעניגלעכע פּאָזיציעס אין די רייכע פּאַ־לאַצן, זייערע „געטלעכע״ ערטער אין טעמפּל און די ליידנשאַפטלעכע לוסט פאַר מלחמה, זיג און רויב. לכתחילה האָבן זיי זיך געפרייט מיט אַברהמ׳ס נצחון איבער כדרלעומר׳ן און זיינע שותפים. זיי האָבן געוואוסט, אַז אַברהם און זיין מחנה איז פון „בני־עבר״־אָפּשטאַם, און יעדער איינער פון זיי האָט געזוכט איינצורשטעלן פריינטשאַפט און שליסן אָפּמאַכן מיט אַברהמ׳ס העל־דישער אַרמיי. די מלכים האָבן אויסגעבויט אַ בימה פון צעדערהאָלץ און אַרויפגעזעצט אַברהמ׳ען און צו אים געזאָגט: „דו ביסט אַ געטלעכער האַר צווישן אונז, דו ביסט אַ מלך איבער אונז און דו ביסט אַ גאָט ביי אונז״. אַברהם האָט זיי געענטפערט: „די וועלט האָט איר מלך און די וועלט האָט איר גאָט״.[12] נאָכדעם ווי זיי האָבן אָבער אויסגעהערט אַברהמ׳ס גאָט־אידייען, האָבן זיי זיך דערשראָקן. זיי האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז אַברהמ׳ס פּלאַן איז צו ווערן אַ תושב אין דעם „לאַנד פון די אָמורים״, און פון דאָנען פאַרשפּרייטן זיינע אידייען איבער דער וועלט.

אַברהם האָט באַשלאָסן דורכצוגיין דאָס גאַנצע לאַנד אויפן וועג צו דרום, צו געפינען אַ ליידיק אָרט, וואו ער זאָל זיך קאָנען אָפּשטעלן מיט זיין גרוי־סער מחנה.

ווען אַברהם איז דורכגעגאַנגען די לענדערייען פון ממרא, האָט ער פאַר־שטאַנען, אַז דאָס איז דאָס לאַנד, וואו ער וועט, לויט דעם געטלעכן באַפעל, דאַרפן אויפבויען דאָס געטלעך הויז. ווען ער האָט זיך אָבער צוגעקוקט צו די מידות פון דער באַפעלקערונג, האָט ער איינגעזען, אַז די צייט פאַר זיין הייליקער שליחות איז נאָך נישט געקומען. הגם די אַמורים זיינען געווען פונעם „בני־עבר״־אָפּשטאַם און האָבן טיילוויז אָפּגעהיט די זיבן בני־נח מצוות, איז אָבער זייער יוגנט שוין געווען אָנגעזאַפּט מיט דער כנען׳ישער געצן־קולטור. די רייכע זיינען געווען פאַרזונקען אין צעלאָזנקייט און זינד, און דאָס אָרעמע פאָלק האָט זיך געמאַטערט אין פיין און נויט. דאָס לאַנד איז נאָך נישט געווען מסוגל אויפצונעמען די אַבסטראַקטע עטישע אידייען פונעם גאָט יהוה. דערצו האָט אַברהם אויך באַגריפן, אַז זיין אייגענע עברים־מחנה איז נאָך נישט גענוג פאַראַנקערט אין די יהוה־געבאָטן, און נאָך נישט גענוג צעמענטירט ווי אַ זעלבסטשטענדיק געטלעך פאָלק, וואָס זאָל זיין בכח זיך קעגנצושטעלן דעם שעדלעכן איינפלוס פון די כנענישע בעל־געטער.

דער גאָט מאַרדוך

...וְהִנֵּה אֵימָה חֲשֵׁכָה גְדֹלָה נֹפֶלֶת עָלָיו׃ וַיֹּאמֶר לְאַבְרָם יָדֹעַ תֵּדַע כִּי־גֵר ׀ יִהְיֶה זַרְעֲךָ בְּאֶרֶץ לֹא לָהֶם וַעֲבָדוּם וְעִנּוּ אֹתָם אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה׃ וְגַם אֶת־הַגּוֹי אֲשֶׁר יַעֲבֹדוּ דָּן אָנֹכִי וְאַחֲרֵי־כֵן יֵצְאוּ בִּרְכֻשׁ גָּדוֹל׃

ערשט אַן אימה, אַ גרויס פינצטערניש פאַלט אָן אויף אים. אַ גרויסע שרעק איז אים באַפאַלן.

און גאָט האָט געזאָגט צו אברמ׳ען: וויסן זאָלסטו וויסן זיין אַז דיינע קינדער וועלן זיין פרעמדע אין אַ לאַנד וואָס איז ניט זייערס, און מ׳וועט זיי פאַרקנעכטן, און מ׳וועט זיי פייניקן פיר הונדערט יאָר. און אויך דאָס פאָלק וועמען זיי וועלן דינען, וועל איך משפט׳ן; און דערנאָך וועלן זיי אַרויסגיין מיט גרויס פאַרמעג.

(בראשית, ט״ו, י״ג)

יג

די ציוויליזאַציע און קולטור פון מצרים אין די טעג פון אַברהם

דאָס איז געווען אין די טעג פון פרעה אַמענהעמעט, דער דריטער קעניג פון דער צוועלפטער מיצרישער דינאַסטיע (1904־1938 פק״ר), ווען אַברהם און זיין עברים־מחנה האָבן פאַרלאָזן די פליינען פון ממרא (חברון) און געצויגן פון דאָרט צו דרום, צום נגב־לאַנד, און מדבר־סיני, אויפן וועג קיין מצרים.

אַברהם האָט פאַרלאָזט דאָס אַמורים־לאַנד מיט אַ שווער געמיט. געקומען איז ער אַהער מיט אַ געטלעכער שליחות, אויפצובויען אַ ניי לאַנד און דערציען אַ ניי פאָלק. דאָס לאַנד איז אָבער פאַרנומען, נישטאָ קיין פרייע ערד, וואו זיך אָפּצושטעלן. דער גרעסטער טייל פון די פעלקער, וואָס וואוינען דאָרט, זיינען באמת פון די „בני־עבר״־שבטים, אָבער זיי האָבן שוין לאַנג איבערגעריסן זייער שלשלת־היוחסין און דינען פרעמדע געטער און פירן זיך ווי אַלע געצנדינער. די פרינצן און פירשטן האָבן רואינירט זייערע אייגענע מלוכות און געבראַכט אַן אומגליק פאַרן גאַנצן אַמורים־לאַנד. די פויערים און שקלאַפן האָבן זיי אַוועקגעפירט אויף די שלאַכטפעלדער און ס׳איז נישט געווען ווער עס זאָל אַקערן און זייען, און דאָס האָט דערפירט זייערע לענדער צו אַ שרעקלעכן הונגער. די רייכע האָבן זיך אַן עצה־געגעבן. זיי האָבן געהאַט אָנגעזאַמלט אין די שפייכלערס גענוג תבואה אין די זאַטע יאָרן. דאָס אָרעמע פאָלק איז אָבער געווען אויסגעשטעלט צו הונגער און נויט. אַברהמ׳ס רייד וועגן אַ גערעכטן גאָט, וועגן שלום און יושר האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין פאַרצאָרנטע הערצער און פאַרביטערטע געפילן. צו הונגעריקע מענטשן קאָן מען נישט רעדן וועגן אַן אַלמעכטיקן גאָט און וועגן הייליקע אידייען.

אַברהם און זיין מחנה האָבן געצויגן ווייטער צו דרום און האָבן גע־פונען גרויסע שטרעקעס לאַנד וויסט און פאַרלאָזן. דאָ איז געווען כדרלעומר מיט זיינע באַרבאַרישע שותפים און האָבן חרוב געמאַכט אַלץ וואָס איז זיי געשטאַנען אין וועג און אָפּגעווישט די רעשטלעך פון אַן אַלטער איינגעזע־סענער ציוויליזאַציע און קולטור. אַברהם האָט נאָר געטראָפן וואַנדערנדיקע בעדואינער־שבטים, וואָס האָבן אים אויפגענומען מיט גרויס שמחה און ער האָט זיך געפריינט מיט דער באַגעגעניש. זייער שפּראַך איז אים געווען פאַר־שטענדלעך און זייערע מידות זיינען אים געווען נאָענט. ער האָט אין זיי דערקענט ברידער פון איין שטאַם. דאָס זיינען געווען „בני־עבר"־שבטים פון יקטנ׳ס צד.

די בעדואינישע עלטסטע האָבן אַברהמ׳ען דערציילט, אַז דאָס נגב־לאַנד איז אַמאָל געווען אַן אַנטוויקלטער און רייכער ישוב. שוין אין די גאָר אַלטע צייטן האָבן דאָ געוואוינט פעאיקע און אַרבעטסזאַמע שבטים, וואָס האָבן באַאַרבעט די ערד און געמאַכט פרוכטבאַר גרויסע שטרעקעס פון לאַנד. עס זיינען געבליבן סימנים, אַז זיי האָבן דאָ אַנטוויקלט אַ שטיין־אינדוסטריע און אויסגעאַרבעט פון פלינט (האַרטער שטיין) מעסערס, פיקעס, העק און בויגן־שפּיצן. אין די שפּעטערדיקע צייטן זיינען דאָ געווען ישובים פון הויך־אַנטוויקלטע פעלקער, וואָס האָבן אין לאַנד פון נגב געפונען קופּער און שוין געוואוסט ווי צוזאַמענצוגיסן דעם קופּער מיט צין און שאַפן דעם נייעם מעטאַל בראָנז און פון ביידע מעטאַלן אויסגיסן הויז־כלים און אַלער־ליי מלחמה־מכשירים. די מענטשן האָבן זיך באַשעפטיקט מיט ערד־אַרבעט, פי־האָדעוואַניע און אויך אויסגעאַרבעט פון ערד טעפּ, וואַזעס, קרוגן און אַנדערע כלים. צווישן זיי זיינען אויך געווען וועבער, שמידן, סטאָליאַרעס און אַנדערע מינים בעלי־מלאכות.[1]

אַברהם האָט גענומען טראַכטן, אַז דער נגב איז וואַרשיינלעך דאָס לאַנד וואו גאָט וויל, אַז ער זאָל אויפשטעלן זיין הייליק הויז. דאָס לאַנד איז איצט וויסט, אָבער ס׳איז נישט קיין מדבר. ס׳וואָלט אפשר גוט געווען זיך דאָ אָפּצושטעלן און פּרובירן צוריק אויפלעבן די ערד. דאָ זיינען נישטאָ קיין שטערונגען פון פרעמדע פעלקער און נישט דער איינפלוס פון פרעמדע געטער.

אויפן וועג האָט אַברהם זיך באַגעגנט מיט אַ צווייטן באַרימטן וואַנדע־רער, אַ מיצרישער פּרינץ, מיטן נאָמען ס י נ ו ה ע, וועלכער איז אויך געגאַנגען דרום־צו, אויפן וועג צו זיין פאָטערלאַנד. סינוהע האָט אַברהמ׳ען דערציילט, פונוואַנען, וואוהין און צוליב וואָס ער האָט אַרומגעוואַנדערט אין לאַנד פון די אַמורים. ער האָט אויך אַברהמ׳ען דערציילט וואָס ער האָט געוואוסט וועגן דער אור־אַלטער געשיכטע פון מצרים און וועגן דער ציוויליזאַציע און קולטור פון זיין לאַנד אין דער נייער צייט.

ווי אַ קעניגלכער פּרינץ, האָט סינוהע דערציילט, איז ער אין די יונגע

יאָרן געווען אַן אָנגעזעענער שר אין דעם קעניגלעכן הויף פון אַמענעמהעט, דער ערשטער מלך פון דער צוועלפטער מיצרישער דינאַסטיע. אַ מ ע נ ע ־ מ ה ע ט האָט געהערשט נאָר צוואַנציק יאָר (2000—1979 פק"ר) און איז געשטאָרבן. אין יענער צייט איז זיין יורש־עצר, פרינץ ס ע ס אָ ס ט ר י ס געווען מיט אַן אַרמיי אויף די שלאַכטפעלדער אין ליביע. מ'האָט גלייך געשיקט שליחים צו סעסאָסטרי'ן, ער זאָל זיך אומקערן אַהיים איבערצונעמען די קרוין.

איידער ער איז צוריקגעקומען, האָבן זיך אין הויף אָנגעהויבן אינטריגעס און קריגערייען צווישן די אַנדערע פרינצן, וועלכע האָבן פּרעטענדירט צו זיין די אמת'ע יורשים פון טראָן.

וועגן דעם גייסטיקן און מאָראַלישן מצב אין קעניגלעכן הויף אין יענער צייט, האָט סינוהע באַמערקט, זאָגט עדות אַ צוואה, וואָס דער מלך אַמענעמהעט האָט איבערגעלאָזט פאַר זיין יורש סעסאָסטריס און פאַר אַלע קעניגלעכע יורשים:

הער זיך גוט צו, וואָס איך זאָג דיר,
כדי דו זאָלסט קאָנען זיין מלך איבער דער ערד;
כדי דו זאָלסט קאָנען זיין הערשער פון די לענדער,
און דו זאָלסט האָבן אַ מעגלעכקייט אויפצוטאָן גוטס,
זיי האַרטנעקיג מיט דיינע אונטערטאַנען.
דאָס פאָלק האָט דרך־ארץ פאַר דעם, וואָס איז שטרענג צו זיי;
גיי נישט צו זיי איינער אַליין;
האָב נישט קיין מיטלייד מיט אַ ברודער;
זיי נישט צו־נאָענט מיט קיין פריינט,
ווער מיט קיינעם נישט צו־אינטים,
ווייל צו דעם איז קיין סוף נישטאָ.

ווען דו שלאָפסט, פאַרזיכער זיך פאַר דיין אייגן האַרץ,
ווייל אַ מענטש האָט נישט קיין פריינט
אין די טעג פון אומגליק.

איך האָב געהאָלפן דעם בעטלער,
איך האָב געשפּייזט דעם יתום,
איך האָב איינגעלאַדן דעם פשוט'ן מענטשן,
פונקט ווי דעם וואָס איז געווען באַרימט;
אָבער די וואָס האָבן געגעסן מיין שפייז האָבן קעגן מיר רעוואָלטירט;
דעם, וואָס איך האָב אויסגעשטרעקט מיין האַנט, האָט אין איר
אַריינגעלייגט האָס.[2]

— אין דעם געראַנגל פאַר מאַכט — האָט פרינץ סינוהע דערציילט — בין איך פאַרמישט געוואָרן אין אַן אויפשטאַנד, און בין דערבאַך געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן מיין פאָטערלאַנד. דאָס איז אָבער נישט געווען אַזוי גרינג דורכצופירן. די גרענעץ איז געווען געשלאָסן. אַמענעמהעט האָט דאָרט

געהאַט אויפגעבויט אַ טויער, וועלכן ער האָט גערופן די „וואַנט פונעם הערשער", און אַוועקגעשטעלט אַ שטאַרקע וואַך צוריקצוהאַלטן דאָס אַריינ־דרינגען פון אַזיע־פעלקער פון צפון און וואַנדערנדיקע שבטים פון מדבר. ס'איז געווען שווער אַריינצוקומען, אָבער נאָך שווערער צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

„איך האָב אָנגעהויבן מיין רייזע ביינאַכט, און כ'האָב זיך באַהאַלטן אין קוסטעס, כדי די גרענעץ־וואַך זאָל מיך נישט זען. אינדערפרי בין איך וויי־טער געגאַנגען, און כ'האָב דערגרייכט דעם אינזל קעם־ווער. אַ שטילער דורשט האָט מיך באַפאַלן, מיין האַלז איז געווען אויסגעטריקנט און כ'האָב צו זיך געזאָגט: 'דאָס איז דער טעם פון טויט'. כ'האָב זיך געשטאַרקט און דערהערט די קולות פון שאָף און רינדער. איך האָב דערזען אַ בעדואינער־שבט. דער שעיך פונעם שבט איז אַמאָל געווען אין מצרים, און ער האָט מיך דערקענט. ער האָט מיר געגעבן וואַסער און אויפגעקאָכט מילך פאַר מיר. ער האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר זיין שבט, און די מענטשן זיינען געווען גוט צו מיר.

כ'האָב געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד, ביז כ'בין אָנגעקומען קיין ב י ב ל א ס און האָב דערגרייכט ק ד ם, אין מזרח־זייט פון דמשק. דאָרט בין איך געבליבן אַנדערהאַלבן יאָר.

דער פירשט אַמיעשני האָט מיך איינגעלאַדן און צו מיר געזאָגט: 'בלייב מיט מיר דאָ, וועט דיר זיין גוט. דאָ זיינען פאַראַן אַ סך מיצרים, און דו וועסט זיך קאָנען אויסלעבן אין דיין אייגענער שפּראַך'. אַמיעשני האָט אַליין גוט געוואוסט, ווער איך בין, און די מיצרים, וואָס האָבן מיט אים געלעבט, האָבן גערעדט מיט לויב וועגן מיר.

איך בין געבליבן מיטן פירשט, און ער האָט מיר געגעבן זיין עלטסטע טאָכטער פאַר אַ ווייב. ער האָט מיך געלאָזט אויסקלייבן זיך דאָס בעסטע לאַנד, איבער וועלכן ער האָט געהערשט. דאָס לאַנד האָט געהייסן יאַא. דאָרט זיינען געוואַקסן פייגן און ווייַנטרויבן, און ס'איז געווען מער וויין ווי וואַסער. אין לאַנד איז געווען אַ סך האָניק און אוילבירט־ביימער, און ביימער פון כל'ערליי פרוכטן: גרויפּן זיינען דאָרט געוואַקסן איבערגענוג, און דאָס לאַנד האָט פאַרמאָגט גרויסע סטאַדעס פון אַלערליי פי.

ס'האָט מיר דאָרט גאָרנישט געפעלט, ווייל דער פירשט האָט מיך שטאַרק ליב געהאַט. ער האָט מיר איבערגעגעבן די הערשאַפט איבער איינעם פון זיינע בעסטע שבטים. ברויט האָט מען פאַר מיר געבאַקן יעדן טאָג. וויין האָב איך געטרונקען וויפיל כ'האָב נאָר געוואָלט. כ'האָב געגעסן גע־קאָכטע פלייש און געבראָטענע פייגל און פליישן פון די מדבר־חיות, וואָס מיינע הינט האָבן צוזאַמענגעקליבן, ווען כ'בין געגאַנגען אויף יאַגד. די אַלע פליישן זיינען געקאָכט געוואָרן אין מילך.

כ'האָב געוואוינט מיטן פירשט אַ לענגערע צייט. מיינע זין זיינען

אויסגעוואַקסן שטאַרק און קרעפטיק, און יעדערער פון זיי איז אַליין געוואָרן אַ פירער פון אַ שבט...

אָבער די בענקשאַפט נאָך מיין היימלאַנד איז אין מיר קיינמאָל נישט פאַרלאָשן געוואָרן. איך האָב אַלעמאָל געחלומ׳ט וועגן דעם לאַנד פון מיינע אָבות. איצט איז געקומען די צייט, ווען איך קאָן פאַרווירקלעכן מיין חלום.

עס זיינען צו מיר געקומען שליחים פון סעסאָסטריס׳ן מיט דער בשורה, אַז דער קעניג וויל, איך זאָל זיך אומקערן צו מיין פאָטערלאַנד. ער שרייבט מיר: ׳עס טאָר ניט געשען, אַז דו זאָלסט שטאַרבן אין אַ פרעמד לאַנד, און אַזיאַטן זאָלן דיך מקבר זיין איינגעוויקלט אין אַ שעפסענער פעל׳.

דער קעניג האָט געשיקט אַ שיף צו ברענגען מיך אַהיים״...[3]

אַברהם האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו סינוהע׳ס מעשה און האָט זיך מתקנא־געווען אין אים, וואָס ער האָט אַן אייגענע היים, וואו ער האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט לעבן און וואו ער האָפט אַזוי רואיק צו שטאַרבן.

סינוהע האָט גע׳עצה׳ט אַברהמ׳ען, ער זאָל מיט זיין עברי־שבט גיין קיין מצרים. ער האָט אים אויפגעקלערט, אַז די באַדינגונגען אין מצרים האָבן זיך לגמרי געענדערט צום גוטן. עס הערשט דאָרט איצט אַ צושטאַנד פון אויפוואַכונג און אויפלעבונג. דער „פיראַמידן־פעריאָד״ איז פאַרשוואונדן און די פרעה׳ס פון דער צוועלפטער דינאַסטיע זוכן צו פאַראייניקן דאָס פאָלק, אויפצובויען דאָס לאַנד און אויסשפרייטן די מאַכט פון מצרים איבער די אַרומיקע פעלקער. אַזעלכע פעאיקע און אַרבעטזאַמע מענשטן ווי די עברים וועלן דאָרט אויפגענומען ווערן בכבוד גדול. דער מלך סעסאָסטריס וועט זיין זייער צופרידן פון זיין קומען. מצרים נויטיקט זיך איצט אין געלערנטע מענטשן, וואָס זאָלן אויפהויבן דעם קולטורעלן מצב פון פאָלק און אַברהמ׳ס געלערזאַמקייט וועט דאָרט שטאַרק אָפגעשאַצט ווערן.[4]

סינוהע האָט אויפגעקלערט אַברהמ׳ען, אַז די אַנטשטייאונג און אַנט־וויקלונג פון מיצרישע ישובים איז אין אַלע צייטן געגאַנגען אויף אַנדערע וועגן, ווי דער אָנהויב און די אַנטוויקלונג פון די לענדער אין אַרם־נהרים. סומער, בבל און אַשור האָבן זיך אויפגעבויט און אַנטוויקלט אַרום אַ הויפט־שטאָט, אַרום אַ פאַנטעאָן פון געטער און אַרום זייער הייליקן טעמפל. מצרים האָט זיך אַנטוויקלט און קאָנצענטרירט אַרום אַ העלדישן קעניג, אַרום אַ רייכן פאַלאַץ און אַרום אַ גוט־באַוואָפנטער אַרמיי. אין סומער, בבל און אַשור איז דער צענטער פון עקאָנאָמישן אויפשוואונג געווען דער טעמפל; די מאַכט פון לאַנד איז הויפטזעכלעך געלעגן אין די הענט פון די פריסטערס, און דער קעניג האָט געהערשט מיטן כח פון טעמפל־גאָט, אָדער געטער. דער היפוך דערפון איז געווען אין מצרים. דער צענטער פון איר עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג איז געווען דער קעניגלעכער פאַלאַץ. די מלוכה־מאַכט איז גע־

לעגן אויסשליסלעך אין די הענט פון קעניג, און דער טעמפל מיט די געטער האָבן נאָר געהאָלפן פאַרשטאַרקן דעם קעניג׳ס הערשאַפט.

די ערשטע, וואָס האָבן איינגעוואַנדערט קיין מצרים, זיינען וואַרשיינלעך אויך געווען נאָמאַדן־שבטים, צווייגן פון די „בני־חם״. צוערשט האָבן זיי זיך דערנערט פון יאָגד, פיש־פאַנג און פי־האָדעוואַניע. ביסלעכווייז האָבן זיי זיך אויך אויסגעלערנט די חכמה פון ערד־אַרבעט און האָבן אויפגעשטעלט ישובים אויף ביידע זייטן לענגאויס דעם טייך נילוס. זיי האָבן דאָרט געפונען די ערד פעט און פרוכטבאַר.

דער טייך נילוס גיסט זיך איבער איינמאָל יעדן יאָר און שלעפּט מיט זיך מיט אַ שליים פון אַלע נויטיקע מינעראַלן צו באַפרוכפערן דאָס אַרומיקע לאַנד. צוליב דער אומגעהויער לענג פון טייך זיינען די ישובים לכתחילה געווען אָפּגעזונדערט און ווייט איינע פון די אַנדערע. זיי האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו אַנטוויקלען פריי און זעלבסטשטענדיק.

דער זעלבער טייך, וואָס האָט געוויינלעך געבראַכט שפע פאַר זיינע שכנים, האָט זיך אויך גאַנץ אָפט צעבייזערט און זיי געטאָן אַ סך שאָדן: פאַרפלייצונגען, אָפּווייכונגען פון נאָרמאַלן וואַסער־לויף און טרוקעניש. די ישובים האָבן זיך פאַר דעם צוועק פאַראייניקט און אויפגעשטעלט דאַמבעס, געבויט קאַנאַלן און אַנדערע באַוואָרענישן קעגן צופעליקע קאַטאַסטראָפעס. פּאָליטיש זיינען די ישובים געבליבן זעלבסטשטענדיק. די בשותפות׳דיקע אונטערנעמונגען האָבן זיך אָבער געענדיקט אין אַ שטאַרקער פירערשאַפט, וואָס זאָל אָנפירן מיט דער אַרבעט. דאָס האָט מיט דער צייט געפירט צו דער צענטראַליזירונג פון מאַכט־הערשאַפט. אין יעדן ישוב איז אויסגעוואַקסן אַ העכערער שיכט פון „נאָבל־לייט״, וואָס האָבן אונטער דער פירערשאַפט פון אַ „נאָמאַרך״ אונטערדריקט און באַהערשט דעם ישוב (נאָם).[5]

לכתחילה האָט די אָפּגעזונדערטקייט פון די נאָמ׳ס זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט פון פרייער אַנטוויקלונג און אויסצומיידן קנאה־שנאה און קעגנזייטיקע מלחמות, וואָס האָבן צעשטערט די שטעט אין סומער און אַקאַדיע. אין אַט־דער גאָלדענער צייט איז געשאַפן געוואָרן אַ גרויסער טייל פון דער מיצרישער ציוויליזאַציע און קולטור. אין יענעם פעריאָד איז אויפגעקומען די חכמה פון שרייבן, פון מאַטעמאַטיק, אַרכיטעקטור, אַסטראָנאָמיע, געפלאַנצטע אַגריקולטור, סטאָלעריי, אאַ״וו.

די אָפּגעזונדערטקייט פון די ישובים האָט אָבער אָפּגעשוואַכט זייער ווידערשטאַנד־כח און זיי אויסגעשטעלט צו רויבערישע אָנפאַלן. דער סוף איז געווען, אַז די נאָמס זיינען איינע נאָך דער אַנדערער פאַרכאַפּט געוואָרן פון זייערע שטאַרקערע שכנים און סוף־כל־סוף זיינען אַלע נאָמס אַרונטערגעפאַלן אונטער דער מאַכט פון צוויי גרויסע נאָמאַרכס. איינער האָט באַהערשט דעם „אויבערשטן טייל״ מצרים און דער צווייטער האָט פאַרכאַפּט דעם „אונטערשטן טייל״ פון לאַנד. שפּעטער (אַרום 3400 פק״ר) איז אויפגע־

שטאַנען אַן אַמביציעזער און פעאיקער פירער מיטן נאָמען מ ע נ ע ס און באַהערשט גאַנץ מצרים. ער איז געווען דער ערשטער קעניג פון דער ערשטער דינאַסטיע פון די מיצרישע מלכים.

שוין ביים אָנהויב פון דער עגיפּטישער געשיכטע, און כמעט אין אַלע צייטן פון איר עקזיסטענץ, איז דער גרעסטער טייל פון דער מיצרישער באַפעלקערונג געלעגן אונטערן יאָך פון טיראַנישע מלכים, אָדער פרעה׳ס, וועלכע האָבן געזויגן דאָס בלוט פון זייערע אונטערטאַנען.

דער כאַראַקטעריסטישער טיראַן פונעם לאַנד פון פּיראַמידן איז געווען דער צווייטער פרעה פון דער פערטער דינאַסטיע, כ ע אָ פּ ס° (אַרום דעם אַכט־און־צוואַנציקסטער יאָרהונדערט פק״ר). ער האָט דערפירט דאָס לאַנד צו אַ שרעקלעכער אָרעמקייט, און דאָס פאָלק — צו אַ שווידערלעכער שקלאַ־פעריי. ער האָט פאַרמאַכט אַלע טעמפּלען און פאַרבאָטן צו ברענגען קרבנות צו די געטער. ער האָט פאַרוואַנדלט די גאַנצע באַפעלקערונג אין אַ שקלאַפן־אַרמיי. אַלע זיינען געווען געצוואונגען צו אַרבעטן און בויען פאַר אים אַ ריזיקע פּיראַמידע, וואָס זאָל סימבאָליזירן זיין מאַכט.

איין טייל פון דער באַפעלקערונג האָט ער איינגעשפּאַנט אויף צו האַקן שטיינער אין די סירישע בערג; אַ צווייטער טייל האָט געשלעפּט די שטיי־נער פון די בערג צום נילוס; אַ דריטער טייל האָט איבערגעפירט די שטיי־נער אויף שיפן צו דער אַנדערער זייט פון טייך. אַנדערע האָבן ווידער געשלעפּט די שטיינער צום פּלאַץ, וואו די פּיראַמידע האָט געדאַרפט אויפגע־בויט ווערן. ס׳האָבן שטענדיק געאַרבעט ניט ווייניקער ווי הונדערט טויזנט מענטשן. זיי האָבן זיך טיילוויז געביטן יעדע דריי חדשים. ס׳האָט גע־דויערט איבער צען יאָר פון שווערער אַרבעט אויפצובויען בלויז אַ גלאַטן שאָסיי פון געשליפענע שטיינער, אויף וועלכן מ׳האָט געדאַרפט שלעפּן די וואָגיקע שטיינער צו בויען די פּיראַמידע. דאָס אויפבויען די פּיראַמידע האָט גענומען צוואַנציק יאָר פון שווערער אַרבעט.

פרעה כעאָפּס איז ניט געווען דער איינציקער הערשער, וואָס האָט פאַר זיך געבויט אַ פּיראַמידע. אַנדערע פרעה׳ס נאָך אים האָבן אויך פאַר־שקלאַפט און פאַרמאַטערט זייער פאָלק. די אַרבעט איז אַלעמאָל געטאָן געוואָרן אונטער שרעקלעכע באַדינגונגען און האָט אָפּגעקאָסט אַ סך מענטש־לעכע קרבנות.

די מיצרים האָבן אויך געהאַט אַ סך געטער, אָבער זייער ״גרעסטער״ גאָט איז געווען דער גאָט ר אַ, דער ״זון־גאָט״, ״דער ליכטיקער פאָטער״, וואָס האָט ״מיט זיינע דורכדרינגלעכע שטראַלן פון היץ און ליכט באַפרוכ־פּערט די מוטער ערד״. ראַ איז געווען ״דער גרויסער באַשאַפער פון דער וועלט״.

״ווען דער זון־גאָט איז דאָס ערשטע מאָל אויפגעגאַנגען, האָט ער געזען, ווי די ערד איז וויסט און ליידיק; האָט ער זי פאַרפלייצט מיט זיינע שטראַלן

פון ענערגיע, און אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן, געוויקסן, חיות און מענטשן זיינען אַרויסגעשפּרונגען פון זיינע אויגן און זיך צעשפּרייט איבער דער וועלט.

די ערשטע מענטשן־קינדער, וואָס זיינען געווען די דירעקטע באַשאַפונג פון גאָט ראַ, זיינען געווען פולקאָמענע און גליקלעכע באַשעפענישן, אָבער ביסלעכוויז זיינען די שפּעטערדיקע דורות אַוועק אויף זינדיקע וועגן, און זיי האָבן פאַרלוירן זייער קראַפט און זייער גליק".

אין די לאָקאַלע נאָמס (פּירשטנטומס) האָבן די מיצרים געהאַט אויך לאָקאַלע געטער. זיי האָבן געדינט צו אַלערליי בעלי־חיים: צו אַן אָקס, צו אַ קראָקאָדיל, צו אַ קו, אַ ציג, אַ קאַלב, אַ הונט, אַ קאַץ, אַ שלאַנג, אאַ״וו. זיי פלעגן אין טעמפּל לאָזן אַרומלויפן זייער חיה־גאָט, און זיי האָבן מקריב־געווען פרויען צו האָבן סעקסועלע באַציאונגען מיט זייערע חיה־געטער, הויפּטזעכלעך מיטן אָקס.[7]

מיט דער אַנטוויקלונג פון לאַנד איז געוואַקסן דער פאַרמעגן פון דער מלוכה און די אַרמיי פון אַנגעשטעלטע, וואָס האָבן געדאַרפט אָנפירן מיט דער פאַרצווייגטער און פאַרפּלאָנטערטער מאַשין פון די מלוכה־אונטערנע־מונגען. אַ שוואַכער קעניג האָט געמוזט אָנקומען צו דער מיטהילף פון די לאָקאַלע נאָמאַרכס. די נאָמס זיינען געוואָרן רייכער און די מאַכט פון די נאָמאַרכס גרעסער. אַ סך פון זיי האָבן אויסגענוצט די שוואַכע לאַגע פון צענטער און זיך דערקלערט זעלבסטשטענדיק. דאָס לאַנד איז ביסלעכוויז ווידער צעטיילט געוואָרן אין צוויי־און־פערציק באַזונדערע נאָמס (פּירשטנ־טומס). אין יעדן נאָם האָט געהערשט אַ לאָקאַלער נאָמאַרך, געשטיצט פון אַ לאָקאַלן גאָט, פון די פּריסטערס פון דאָרטיקן טעמפּל און פון אַ שיכט רייכע פעאָדאַלע באַראָנען.

די פּרינצן־נאָמאַרכס זיינען געוואָרן די אומשטרייטבאַרע הערשער פון זייערע געגנטן; האָבן זיך צוגעוואוינט צו לעבן רייך און צעלאָזן און האָבן בשום אופן זיך נישט געוואָלט אונטערוואַרפן וועלכער־עס־איז צענטראַלער איבערהערשאַפט. מיט דער צייט האָבן זיי אָנגעהויבן פירן מלחמות צווישן זיך פאַר מאַכט און רויב און פאַרשקלאַפט איינע די אַנדערע.

דאָס גאַנצע מיצרים־לאַנד איז צעבראָקלט און אָפּגעשוואַכט געוואָרן און געלעבט אין אַ כאַאָטישן צושטאַנד אַרום צוויי הונדערט יאָר.

דער דערלייזער פון דעם דאַזיקן מצב איז געווען אַמענעמהעט, דער ערשטער קעניג פון דער צוועלפטער מיצרישער דינאַסטיע.

אַמענעמהעט איז געווען אַ פעאיקער אָרגאַניזאַטאָר און אַ העלדישער קריגער. ער האָט צעבראָכן דעם ווידערשטאַנד פון די פעאָדאַלע פּרינצן און צוריק אויפגעשטעלט אַ פאַראייניקט מיצריש קעניגרייך. דאָס איז אים נישט אָנגעקומען אַזוי גרינג. יעדער נאָמאַרך איז געשטיצט געוואָרן דורך זיין לאָקאַלער אַרמיי און דורך זיין לאָקאַלן „גאָט" און טעמפּל. אַמענעמהעט

האָט אָן רחמנות פאַרניכטעט איין נאָמאַרך נאָכן אַנדערן, איין גאָט נאָכן צווייטן, און אין נאָמען פונעם גרויסן גאָט „רא״ געוואָלט פאַראייניקן גאַנץ מצרים.

אַמענעמהעט האָט באַשטימט זיין זון סעסאָסטריס פאַר זיין שני־למלך, און האָט אים געשטעלט אין שפּיץ פון אַ גוט־אָרגאַניזירטער און שטאַרקער אַרמיי, אונטערצודריקן די נאָמאַרכס.

די נאָמאַרכן האָבן זיך אויך פאַראייניקט און געשטעלט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. אַמענעמהעט איז איינגעגאַנגען אויף אַ פּשרה. ער האָט גע־לאָזט די נאָמאַרכן אין זייער לאָקאַלער הערשאַפט, נאָר זיי האָבן זיך געמוזט אונטערוואַרפן זיין אויבערשטער אויטאָריטעט אַלס הערשער איבער גאַנץ מצרים.

לאַנג האָט אַמענעמהעט ניט געקענט אַנהאַלטן זיין מאַכט. צום צוואַנ־ציקסטן יאָר פון זיין קיניגן איז ער דערמאָרדעט געוואָרן. די נאָמאַרכן האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן אַרומרייסן איבער דעם טראָן. אַמענעמעט׳ס זון, דער שני־למלך סעסאָסטריס, וועלכער איז אין יענער צייט געווען אויפן שלאַכט־פראָנט אין אַ מלחמה מיט ליביע, איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַ שטאַרקער אַרמיי און איבערגענומען די מלוכה.

פּרעה סעסאָסטריס איז געגאַנגען אין זיין פאָטער׳ס וועגן, נאָר מיט מער יוגנטלעכן ברען. אויסער וואָס ער האָט פון זיין פאָטער גע׳ירש׳נט אַלע אייגנשאַפטן פון אַ פאָלקס־פירער, האָט ער זיך אַרומגערינגלט מיט פעאיקע ראַטגעבער, וועלכע האָבן אים געהאָלפן איינשטעלן אָרדענונג און אַ סדר אין אַלע זיינע אונטערנעמונגען.

אונטער סעסאָסטריס׳ הערשאַפט האָבן אויפגעהערט אין לאַנד די אי־נערלעכע שטרייטן, און אַ שטרעבונג צו שלום און אויפבוי האָט אַרומגענו־מען די גאַנצע באַפעלקערונג.

אונטער די פּרעה׳ס פון דער צוועלפטער דינאַסטיע האָט די מיצרישע קולטור געקאָנט אַנטוויקלען אויף גאָר גרויסע דערגרייכונגען: אויך דאָ, ווי אין די מזרח־לענדער, זיינען די לערן־אַנשטאַלטן אָנגעפירט געוואָרן פון די טעמפּלען.

אין די טעמפּל־שולן האָט מען, אַחוץ פּריסטערס, אויך צוגעגרייט „סופרים״ (סקראַיבס), וועלכע האָבן געפירט די ביכער פאַר דער מלוכה און פאַר פּריוואַטע האַנדלס־געזעלשאַפטן. עס זיינען אויך געווען סופרים־היסטאָריקער, וואָס האָבן פאַרצייכנט געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע גע־שעענישן. אין די העכערע שולן האָט מען געלערנט: לאַנדווירטשאַפט, אינ־זשענירעריי, מעדיצין און מעטאַלורגיע.

די מיצרים האָבן זיך צוערשט באַנוצט מיט דער הערינגליפן־שריפט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ גרויסער צאָל בילדער. יעדעס בילד האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גאַנצן געדאַנק.[8]

סעסאָסטריס האָט ניט עקספּלואַטירט די פאָלקס־כוחות, ווי זיינע פאָר־

גייער, אויף צו בויען ריזיקע פּיראַמידן און מלוכה־פּאַלאַצן, כּדי צו גלאָ־ריפיצירן זיין קעניגלעכע מאַכט. ער האָט איינגעשפּאַנט די גאַנצע פאָלקס־ענערגיע צו טריקענען זומפּן, גראָבן איריגאַציע־קאַנאַלן און בויען גרויסע דאַמבעס, כּדי פּרוכטבאַר צו מאַכן וואָס גרעסערע שטרעקעס לאַנד. ער האָט אויפגעשטעלט „קעניגלעכע גרענעץ־טורעמס" איבער דעם סועץ־האַלב־אינזל. דאָס איז געווען אַ ריזיקע שוץ־וואַנט קעגן רויבער־שבטים, וואָס פלעגן אָפט באַפאַלן און באַרויבן דאָס לאַנד. דער עיקר אָבער האָט די גרענעץ־וואַנט געדאַרפט צוריקהאַלטן די הונגעריקע וואַנדערנדיקע שבטים, וואָס האָבן זיך תּמיד געשפּאַרט צום פּרוכטבאַרן באָדן אַרום דעם טייך נילוס.

מצרים איז אויסגעוואַקסן אויף די געביטן פון אינדוסטריע, האַנדל און קולטור. מען האָט דאָרט גענומען אויסאַרבעטן מאָדערנע מלחמה־מכשירים פון קופּער און בראָנז, פאַבריצירן צירונג פון גאָלד, זילבער, טייערע שטיי־נער און פון העלפנביין. ס'האָט זיך אין מצרים פאַרפּלאַפּאַכט דער האַנדל מיט נאָענטע און ווייטע לענדער: פריער מיטן לאַנד פון די אמורים און סיריע, און שפּעטער מיט די מזרח־לענדער: סומעריע, אַקאַדיע און אַשור".

אַברהם האָט אויסגעהערט סינוהע'ס געשיכטע פון מצרים, און צוויי קעגנגעזעצלעכע שטימען האָבן זיך געריסן פון זיין האַרצן און צעריסן זיין געמיט. איינע האָט ער געהערט אים זאָגן: „גיי קיין מצרים, דאָס לאַנד איז פול מיט שפע און פאַרדאַרבנקייט . . . דאָרטן וועסטו קאָנען אויפשטעלן אַ מזבח און פון אים רופן אין נאָמען פון דיין גאָט יהוה". אַ צווייטע שטימע האָט געוואָרנט אַברהמ'ען, אַז אים און זיינע קינדער שטייען־פאַר גרויסע געפאַרן אין דעם לאַנד פון די „בני־חם": „נידער נישט קיין מצרים, וואוין אין דעם לאַנד, וואוהין גאָט האָט דיך געשיקט; האַלט זיך אויף אין דעם דאָזיקן לאַנד, און גאָט וועט זיין מיט דיר און וועט דיך בענטשן, דיר און דיינע קינדער האָט ער פאַרשפּראָכן צו געבן די אַלע לענדער".[9]

אַברהם האָט אָבער געוואוסט, אַז „דאָס לאַנד פון די אמורים" איז שוין שטאַרק אונטערן איינפלוס פון די מיצרישע הערשער[10] און ס'וועט נישט נעמען לאַנג און דאָס לאַנד וועט פולשטענדיק אַרונטערפאַלן אונטער דער מאַכט פון מצרים. דאָס לאַנד פון נגב איז אַרומגערינגלט מיט קריגערישע מדינות און עס לויערן אויף אים שונאים פון אַלע זייטן: מצרים פון דרום, גרור (פּלשתּים) פון מערב און די „בני־חם" (כּנענים) פון צפון־מערב.

ס'איז פאַר אַברהמ'ען נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה, ווי גיין קיין מצרים, איבערוואַרטן דאָרט די צייט פון הונגער אין אמורים־לאַנד, פּרובירן שליסן אַ בונד מיט דעם מלך פון מצרים, און זיך דערנאָך אומקערן צום לאַנד פון נגב און זיך דאָרט באַזעצן.

ווען די זון איז שוין געווען ביים פאַרגיין, איז אַ טיפער שלאָף באַפאַלן אַברהמ'ען. ערשט אַן אימה, אַ גרויסע פינצטערניש פאַלט־אָן אויף אים, און ער הערט אַ קול אים זאָגן: „וויסן זאָלסטו וויסן, אַז דיינע קינדער וועלן

נאָך אַ לאַנגע צייט זיין פרעמדע אין לאַנד פון די אַמורים. פרעה מלך מצרים וועט אַ טייל פון זיי פאַרקנעכטן דאָ אין אַמורים־לאַנד, איבער וועלכן ער וועט אַ לאַנגע צייט הערשן; און אַ צווייטן טייל פון דיינע קינדער וועט ער פאַרשקלאַפן און פייניקן אין זיין אייגן לאַנד, וואו זיי וועלן מוזן בויען ריזיקע פּיראַמידן. אַ סך יאָרן וועלן זיי אַזוי געפּייניקט ווערן, ביז זיי וועלן דערזען די זינלאָזיקייט פון די פאַלשע געטער. ערשט אין פערטן דור וועלן דיינע קינ־דער געלייטערט און געהייליקט ווערן און וועלן זיך אומקערן צום אַלמעכטיקן גאָט יהוה. ער וועט זיי שיקן אַ נביא, וואָס וועט זיי אויסלייזן פון די מיצרים און וועט זיי צוריקברענגען אַהער צו זייערע ברידער אינעם ׳לאַנד פון די אַמורים׳. ביז דעמאָלט וועלן די זינד פונעם אַמורי נישט זיין גרויס גענוג, אַז ער זאָל פאַרטריבן ווערן פון זיין לאַנד״.[11]

דער כנעני׳שער שטורעם־גאָט האַדאַד (בעל)

...בְּאֵר שָׁבַע כִּי שָׁם נִשְׁבְּעוּ שְׁנֵיהֶם׃ וַיִּכְרְתוּ בְרִית בִּבְאֵר שָׁבַע וַיָּקָם אֲבִימֶלֶךְ וּפִיכֹל שַׂר־צְבָאוֹ וַיָּשֻׁבוּ אֶל־אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים׃ וַיִּטַּע אֶשֶׁל בִּבְאֵר שָׁבַע וַיִּקְרָא־שָׁם בְּשֵׁם יְהוָה אֵל עוֹלָם׃ וַיָּגָר אַבְרָהָם בְּאֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים יָמִים רַבִּים׃

...צוליב דעם האָט מען גערופן יענעם אָרט באר־שבע, ווייל דאָרט האָבן זיי ביידע זיך געגעבן אַ שבועה. אַזוי האָבן זיי געשלאָסן אַ בונד אין באר־שבע. און אבימלך און פיכל, דער האַר פון זיין חייל, זיינען אויפגעשטאַנען און האָבן זיך אומגעקערט אין לאַנד פון די פלשתים, און ער האָט געפלאַנצט אַן אשל אין באר־שבע און האָט דאָרט גערופן אין נאָמען פון יהוה דעם אייביקן גאָט. און אַברהם האָט זיך אויפגעהאַלטן אין לאַנד פון די פלשתים פיל טעג.

(בראשית, כ״א, ל״ב)

יד

אַברהם שליסט קעגנזייטיקע אָפּמאַכן מיט די שכנ׳ישע פעלקער

סעסאָסטריס האָט געקיניגט איבער מצרים 34 יאָר (1970—1936 פק״ר) און זיין יורש איז געוואָרן אַמענעמהעט דער צווייטער. אַמענעמהעט II, ווי זיינע פאָרגייער, האָט געבויט הויכע און שטאַרקע ווענט, „קעניגלעכע טורעמס“, אויף אַלע מיצרישע גרענעצן און זיי באַזעצט מיט אַ באַוואָפנטער גרענעץ־וואַך צו פאַרשטעלן דעם וועג פאַר „באַרבאַרישע“ שבטים, די „שאַסו“, וואָס וואַנדערן אַרום אין מדבר, און אין הונגער־יאָרן רייסן זיי זיך צו די פרוכטבאַרע ברעגן פון טייך נילוס. אין יענע טעג איז אַברהם מיט זיין מחנה צוגעקומען צו די טויערן פון מצרים.

אַברהמ׳ס נאָמען איז אים אומעטום געגאַנגען פאָראויס. אין מצרים האָט מען שוין לאַנג געהערט וועגן דעם העלדישן פּאַטריאַרך אַברהם און וועגן זיינע אידייען פון אַן איינציקן גאָט, וואָס זאָל פאַראייניקן די וועלט. די הערשער פון דער צוועלפטער דינאַסטיע האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז דער כח פון די לאָקאַלע נאָמאַרכס ליגט אין זייערע לאָקאַלע געטער, אין וועמענס נאָמען זיי פירן זייערע מלחמות. אַלע פרעה׳ס האָבן גע׳חלומ׳ט פון אַ צייט, ווען זיי וועלן קאָנען פאַרניכטן אַלע קלענערע געטער כדי דאָס גאַנצע מיצרישע פאָלק זאָל זיך בוקן צו איין־איינציקן מיצרישן גאָט און דינען איין־איינציקן קעניג.[1] דאָס האָבן די נאָמאַרכן אויך פאַרשטאַנען און יעדער פון זיי האָט געזוכט צו פאַרשטאַרקן די אמונה פון זיינע אונטערטאַנען אין דעם אייגענעם גאָט, און אָפּשוואַכן די ווירקונג פון דעם העכסטן מיצרישן גאָט.

אַברהם האָט געהאָפט, אַז ער וועט זיין אַן אַנגעלייגטער גאַסט ביי דעם

קלוגן און געלערנטן סעסאָסטריס און נישט דערוואַרט קיין שום שוועריקייטן דורכצוגיין די „קעניגלעכע טויערן". ער איז אָבער יאָ געווען שטאַרק אומ־רואיק וועגן די אומווירדיקע מנהגים פון די מיצרים בכלל, און פון די וועכטער, וואָס האָבן געהיט די „קעניגלעכע גרענעץ־טורעמס", בפרט. זייער מנהג איז געווען צוצונעמען ביי די איינוואַנדערער זייערע שיינע פרויען און זיי אַוועקשיקן אין קעניגלעכן האַרעם. ס'איז אָבער ביי זיי געווען אַ פאַרבאָט צוצונעמען אַ פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ מאַן. אין אַזאַ פאַל האָבן זיך די געצנ־דינערישע מיצרים אַן עצה געגעבן: זיי האָבן דעם מאַן דער'הרג'עט, און דערנאָך האָבן זיי שוין „געמעגט" שיקן זיין פרוי צום קעניגלעכן האַרעם.

אַברהם איז דערפאַר געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגן די פרויען פון זיין מחנה און דער עיקר וועגן זיין פרוי שרה, וועלכע האָט גע'שמ'ט מיט איר אויסערגעוויינלעכער שיינקייט. די געפאַר איז געווען, אַז די מיצרישע שומרים וועלן אים און שרה'ן לאָזן דורכגיין דעם „קעניגלעכן טורעם" און פאַרהאַלטן זיין מחנה און זיין אַרמיי. זיין לעבן און שרה'ס ריינקייט וואָלטן דעמאָלט געווען אין גרויס געפאַר. אַברהם האָט געזוכט מיטלען דורכצופירן זיין גאַנצע מחנה דורך דעם „קעניגלעכן טורעם" און ער איז ביי זיך געווען זיכער, אַז די מיצרים וואָלטן דעמאָלט ניט געוואַגט צו פאַרפירן אַ קריג מיט זיינע באַרימטע קריגער.

אין דער מחנה האָט מען דערציילט, אַז אַברהם האָט צוערשט אויספּרו־בירט אַן המצאה און אויסבאַהאַלטן שרה'ן אין אַ קאַסטן. ער האָט געהאָפּט, אַז אַזוי אַרום וועט ער זי אויסהיטן פון די זינדיקע מיצרישע אויגן.

ווען אַברהם איז אָבער צוגעקומען צום „קעניגלעכן טורעם", האָבן די גרענעץ־שומרים אים אָפּגעשטעלט און געפרעגט, וואָס ער פירט אין קאַסטן.

— גערשטן — האָט אַברהם געענטפערט.

— ס'קאָן דאָך אָבער זיין, אַז דאָרט איז ווייץ — האָבן די שומרים געזאָגט.

— וועל איך אָפּצאָלן פאַר ווייץ — האָט אַברהם געוואָלט ענדיקן דעם ענין.

— ס'קאָן דאָך אָבער זיין, אַז דו האָסט דאָרט גאָלד.

— איך בין וויליק צו באַצאָלן דעם שטייער פאַר גאָלד.

— און אויב דו האָסט אַ פולן קאַסטן מיט זיידנס? — האָבן די שומרים געפרעגט.

— איך בין גרייט צו צאָלן פאַר זיידנס — האָט אַברהם געמיטלעך געענטפערט.

די שומרים האָבן ניט אָפּגעלאָזט און געפרעגט: אפשר האָסטו דאָרט טייערע פּערל?

ווען אַברהם איז געווען גרייט צו צאָלן פאַר פּערל, האָבן די שומרים אים גענומען חושד־זיין און אים געזאָגט: „אויב דו ביסט אַזוי גערן צו

באצאלן וויפיל נאר מיר פארלאנגען, האסטו דארט געוויס א גאנץ טייערע זאך". זיי האבן געעפנט דעם קאסטן און געפונען שרה'ן.

די שומרים האבן דערנאך דערציילט, אז ווען זיי האבן געעפנט דעם קאסטן, איז דער הימל באליכטן געווארן פון שרה'ס שיינעדיקער שיינקייט.[2]

ווען דער מיטל איז דורכגעפאלן, האט אברהם פרובירט אן אנדער וועג דורכצוגיין דעם „קעניגלעכן טויער".

אונטערן איינפלוס פון די חוריער (חורים), וואס האבן זיך אין אברהמ'ס צייט באזעצט אין חרן, איז דארט געווען א מנהג, ספעציעל צווישן די רייכע, אז דער חתן האט זיין כלה אויך אדאפטירט ווי א שוועסטער. דאס איז געטאן געווארן שטארקער צו מאכן דעם בונד צווישן מאן און ווייב און זיי געבן מער געזעצלעכע רעכט איינער איבערן צווייטן. דאס ברעכן דעם „שוועס־טער"־קאנטראקט איז געווען א סך שווערער ווי ברעכן די חתונה־כתובה. אזא אפמאך האט אויך געגעבן דער פרוי מער סאציאלן אנזען. דער „פרוי־שוועסטער"־קאנטראקט האט געגעבן דעם מאן א געזעצלעכע רעכט איבער דער ירושה, וואס די פרוי האט געקראגן פון איר פאטער. די זעלבע רעכט האט געקראגן די פרוי.

אזא „ווייב־שוועסטער"־קאנטראקט האט אברהם געהאט מיט שרה'ן און איז אים איצט שטארק צונוץ־געקומען. ער האט אנגעזאגט שרה'ן, אז אויב די גרענעץ־שומרים וועלן זי געפינען אין קאסטן, זאל זי זיי ניט זאגן, אז זי איז זיין ווייב, נאר זיי בלויז זאגן, אז זי איז זיין שוועסטער. די שומרים וועלן זי ווארשיינלעך פארהאלטן, אבער זיי וועלן אים און זיין גאנצע מחנה אויך דורכלאזן. ער וועט דערנאך קומען און זי באפרייען.[3] אזוי איז טאקע געשען:

ווען שרה האט געזאגט די גרענעץ־וועכטער, אז זי איז אברהמ'ס שוועס־טער, האבן זיי זי צוגענומען, און אברהמ'ען מיט זיין מחנה דורכגעלאזט. זיי האבן זיך אבער באלד דערשראקן פאר אברהמ'ס גרויסער מיליטער־אפטיילונג, און האבן וועגן דעם געלאזט וויסן אין פאלאץ.

פרעה האט געשיקט א שטארקע מיליטערישע וואך צו ברענגען שרה'ן,[4] און האט באפוילן אריינצולאזן אברהמ'ען מיט כבוד. ער האט נאך געשיקט מתנות, שאף און רינדער, אייזלען און קנעכט, דינסטן און קעמלען, אים צו פארגיטיקן פאר זיין שוועסטער.

אברהם האט מתפלל־געווען און געזאגט: „אלמעכטיקער גאט יהוה, איז דאס דער שכר פאר מיין בטחון אין דיר? שרה איז מיט מיר געגאנגען דעם לאנגן, שווערן וועג און מיטגעהאלפן פארשפרייטן דיין נאמען. באפריי שרה'ן פון די טמא'דיקע הענט פון די מיצרים. טו דאס צוליב דיין מידה פון רחמנות און גערעכטיקייט, און זאל מיין האפענונג אויף דיר ניט פארשעמט ווערן".[5]

אזוי שנעל ווי די „אחד"־מחנה איז אריבער דעם טויער, האט אברהם

געשיקט אַ שליח צו פּרעה׳ן, און אין נאָמען פונעם אַלמעכטיקן גאָט יהוה פון אים פאַרלאַנגט, ער זאָל גלייך באַפרייען שרה׳ן און זי צוריקשיקן צו איר מאַן אַברהם. אויב ניט, וועט ער אין נאָמען פונעם איין־איינציקן גאָט באַ־שטראָפן פּרעה׳ן און זיין הויז־געזינט מיט גרויסע פּלאָגן צוליב דעם כבוד פון שרה׳ן.

פּרעה אַמענעמהעט דער צווייטער האָט אין יענער צייט נישט געוואָלט קיין מלחמה. דאָס לאַנד האָט זיך גענויטיקט אין שלום און אויפבוי. דערצו האָט ער געמיינט, אַז ער קאָן אַ סך מער געווינען, ווען ער וועט שליסן אַ קעגנזייטיקן בונד מיט אַברהמ׳ען. זיין אַמביציע און סטראַטעגיע איז געווען צו באַהערשן די פעלקער פון אַמורים־לאַנד מיט פרידלעכע מיטלען, אַזוי ווייט ווי ס׳וועט זיך לאָזן, און ער האָט גע׳חשבונ׳ט, אַז אַברהם קאָן אים אין דעם אַ סך אַרויסהעלפן.

אַמענעמהעט דער צווייטער האָט געלאָזט רופן אַברהמ׳ען און צו אים געזאָגט: „וואָס האָסטו געטאָן צו מיר? פאַרוואָס האָסטו באַלד נישט געזאָגט, אַז שרה איז אויך דיין ווייב? פאַרוואָס האָט שרה בלויז געזאָגט, אַז זי איז דיין שוועסטער? אָט איז דיין ווייב אַזוי ריין ווי זי איז געקומען. דו קאָנסט זי נעמען און פאַרלאָזן דאָס לאַנד״.

אַברהם האָט זיך נישט געאיילט צו פאַרלאָזן מצרים. ער איז אַהער געקומען מיט אַ געטלעכער שליחות, צו ברענגען די „אחד״־אידייע צו די געצנדינערישע מיצרים. ער האָט זיך צוגעקוקט צום לעבן פון די מיצרישע פאָלקס־מאַסן און געזען, אַז די אַנטוויקלטע ציוויליזאַציע פון די מיצרים האָט, ווי אומעטום, געבראַכט גליק נאָר צו די אויבערשטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. די ברייטע מאַסן האָבן, פּונקט ווי אין די מזרח־לענדער, געליטן פון אָרעמקייט און שקלאַפעריי. די דאַמבעס און אַלע אַנדערע באַוואַ־סערונג־איינריכטונגען האָבן רייכער געמאַכט די רייכע אייגנטימער, אָבער מער פאַרשקלאַפּט און פאַראָרעמט די פּויערים. דער גרעסטער טייל פונעם באָדן האָט באַלאַנגט צום קעניג, און נאָר אַ קליינער טייל איז אָפּגעגעבן געוואָרן צו די פּויערים אין אַרענדע.

די פּויערים זיינען געווען געצוואונגען אָפּצוגעבן דער מלוכה צוואַנציק פּראָצענט פון זייערע פּראָדוקטן, און דאָס איבעריקע האָבן זיי געמוזט פאַר־קויפן צו האַנדלס־ספּעקולאַנטן בחצי־חנם. יעדער פּויער האָט אַחוץ דעם געמוזט אָפּגעבן אַ טייל פון זיין צייט פאַר דער מלוכה: בויען קאַנאַלן, שאָסייען, באַאַרבעטן די מלוכה־לענדערייען, בויען טעמפּלען פאַר די געטער און פּאַלאַצן פאַר די מאַגנאַטן. אַ סך פון זיי האָבן געאַרבעט אין דער מעטאַל־אינדוסטריע. מ׳האָט זיי געשיקט אין טיפע און געפערלעכע מעטאַל־מינעס אויסצוגראָבן קופּער, זילבער און גאָלד. אַהין זיינען אויך פאַרשיקט גע־וואָרן אַרעסטאַנטן, שולדיקע ווי אומשולדיקע; מלחמה־געפאַנגענע און גע־קויפטע שקלאַפן. אַלע זיינען געשיקט געוואָרן אין די געפערלעכע מינען־

גריבער צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער. דאָרט האָבן זיי געהאָ־רעוועט, הונגעריקע און נאַקעטע, פון זון־אויפגאַנג ביז זון־פאַרגאַנג. די אויפזעערס האָבן זיי באַהאַנדלט מיט דער גרעסטער אכזריות. קראַנקע און שוואַכע, אַלטע און קינדער האָבן געמוזט אַרבעטן ביז זיי האָבן אויסגעהויכט די נשמה.

די פּריסטער פון די רייכע טעמפּלען האָבן איינגערעדט דעם פאָלק, אַז פּרעה איז דער זון פונעם גאָט ראַ, דער גאָט איבער אַלע געטער, און פּרעה איז האַלב־מענטש און האַלב־גאָט, און זיי האָבן געטרייסט די שקלאַפן, אַז זייער בלוט און שוויס זיינען הייליקע קרבנות צום גאָט און צום קעניג, זיין פאַרטרעטער אויף דער ערד.

אַברהם האָט אין אַ מיצרישן טעמפּל זיך צוגעהערט צו אַ תפילה וועגן אַ בלוטיקער מלחמה צווישן די שטאַרקע געטער: דער גאָט סעטה האָט דער־הרג׳עט דעם הויפּט־גאָט אַסיריס, פאַרבאַהאַלטן זיין קערפּער און פאַרנומען זיין טראָן. די געטין איסיס, אַסיריס׳עס שוועסטער, האָט נישט געקאָנט רוען, ביז זי וועט נישט נעמען נקמה פאַר איר ברודער׳ס בלוט. זי לאָזט זיך אַרויס איבערן לאַנד זוכן איר ברודער׳ס קערפּער. ווען זי געפינט אים, בלאָזט זי אין אים אַריין אַ רוח־חיים און פאַרשווענגערט פון אים מיט אַ זון, ה אָ ר ו ס, אַ געזעצלעכער יורש פאַר זיין טראָן. זי פאַרבאַהאַלט איר קינד ביז ער ווערט גרויס און שטאַרק. זי ברענגט אים דעמאָלט אין פּאַלאַץ צו פאַרנעמען דעם טראָן פון זיין פאָטער. ה אָ ר ו ס פאַרטיליקט די יורשים פון זיין פאָטער׳ס מערדער און פאַרנעמט זיין פאָטער׳ס טראָן. דער תפילה־געזאַנג האָט זיך אַזוי געלייענט:

„אַ לויב צו דיר, אָ, אָ ס י ר י ס, האַר פון דער אייביקייט, קעניג פון די געטער.
אַלמעכטיקער, ערשטער פון זיינע ברידער, עלטסטער פון די אור־אַלטע געטער,
ווער ס׳האָט איינגעשטעלט מאַאַט (געזעץ) לענגאויסביידע זייטן פון טייך,
ווער ס׳האָט אַרויפגעזעצט דעם זון אויפן טראָן פון זיין פאָטער,
וועמען זיין פאָטער ג ע ב לויבט און זיין מוטער נ ו ט האָט ליב,
ער באַווייזט גבורה ווען ער זעצט־אַרונטער דעם קעגנער,
מעכטיק זיינע הענט ווען ער טויט זיין שונא...
דער וואָס האָט גע׳ירש׳נט ג ע ב׳ס מלוכה פון די „צוויי לענדער״,
ער (געב) האָט געזען זיינע פעאיקייטן, ער האָט אים איבערגעגעבן
די פירערשאַפט פון די לענדער,
אַז די קומענדיקע געשעענישן זאָלן זיין פריילעכע,
ער האָט געפורעמט זיין לאַנד (מצרים) מיט זיינע הענט,
זיינע וואַסערן, זיין ווינט, זיינע גראָזן, אַלע זיינע סטאַדעס,
און אַלץ וואָס פליט אין דער לופט, און באַוועגט זיך אויף דער ערד,
די קליינע ווערים און די קליינע חיות פון מדבר,
איז מיט רעכט געגעבן געוואָרן צום זון פון נ ו ט, און די „צוויי לענדער״ זיינען געווען צופרידן פון דעם,

דער וואָס דערשיינט אויף זיין פאָטער׳ס טראָן ווי גאָט ר אַ,
ווען ער צעשטראַלט זיך אין האָריזאָנט און ברענגט ליכט
אין אָנגעזען פון פינצטערניש.
ער צעשטראַלט די זון־ליכט מיט זיינע פעדערן און פאַרפלייצט די
„צוויי לענדער" ווי די מאָרגן־שטראַלן פון דער זון.
זיין קרוין שניידט־דורך דעם הימל און מישט זיך אויס מיט די שטערן, —
דער פירער פון אַלע געטער, פריי פון באַפעלן.
זיין שוועסטער פאַרטיידיקט אים, זי וואָס האָט צוריקגעשטויסן די שונאים
און מיטן כח פון מויל פאַרטריבן די ביזוויליקע.
זי וואָס איז אויסגעצייכנט מיט איר צונג, ווענמענס ווערטער זיינען
ווירקזאַם. זי, וואָס איז שאַרף אין אירע באַפעלן,
א י ס י ס, די מעכטיקע, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט פאַר איר
ברודער, האָט אים אומדערמידלעך געזוכט,
זי האָט זיך אַרומגעיאָגט איבער מצרים ווי דער (יאָמערדיקער)
שפּאַרבער אָן רו, ביז זי האָט אים געפונען,
די וואָס האָט באַשאַפן שאָטן מיט אירע פעדערן און צעבלאָזן
אַ ווינט מיט אירע פליגלען,
זי האָט געבראַכט פייערלעכקייטן און געבראַכט איר ברודער רואיקייט,
האָט געקרעפטיקט זיין שוואַכקייט ווען זיין האַרץ איז געווען מיד,
איז באַפרוכפּערט געוואָרן פון זיינע זוימען און אים געגעבן אַ יורש,
זי האָט געזויגן דאָס קינד אין איינזאַמקייט, קיינער האָט ניט געוואוסט וואו.
זי האָט אים צוריקגעבראַכט אין פּאַלאַץ פון ג ע ב, ווען זיין אָרעם
איז געוואָרן שטאַרק.
זיי געבענטשט, אָ, זון פון אָ ס י ר י ס, ה אָ ר ו ס, מוטיק האַרץ,
דו ביסט פאַרגיטיקט,
זון פון איסיס, יורש פון אָסיריס,
די קרוין פון זיין פאָטער האָט מען אים צוריקגעגעבן.
ער איז דערשינען טראָגנדיק די קעניגלעכע לענטע און דעם
סצעפּטער פון געב.
ער האָט איבערגענומען די הערשאַפט איבער ביידע ברעגן טייך,
די ווייסע קרוין פאַרזיכערט אויף זיין קאָפּ.

די ערד איז באַטראַכט געוואָרן ווי זיין אייגנטום.
הימל און ערד זיינען געווען אונטער זיין באַפעל.
די מענטשנקינדער, פשוט׳ע מענטשן, איידעלע מענטשן, און בכלל
די גאַנצע מענטשהייט איז אים אָנגעטרויט געוואָרן.
מצרים, די צפון־געגנטן און וואו די זון קרייזט אַרום, זיינען געווען זיין מאַכט,
און דער צפון־ווינט, דער טייך, די באַוואַסערונג, דיביימער פון לעבן
און אַלע גרינע געוויקסן...
אַלע זיינען פול מיט פרייד, הערצער קוועלן, זיי זיינען פול מיט פאַרגעניגן.
אַלע זיינען פריילעך, אַלע פאַרהערלעכן זיין שיינקייט.
ווי זיס איז זיין ליבע אין אונזער אויגן.
זיין פראַכט שניידט־דורך הערצער און זיין ליבע פילט־אָן יעדן גוף,
ווען זיי האָבן אויסגעשטרעקט די קרוין צום זון פון איסיס.
זיין שונא איז געפאַלן צוליב זיין פאַרברעכן, שטראָף איז געגעבן דעם רשע.

דער וואָס האָט געטאָן רשעות איז געצאָלט געוואָרן מיט רשעות.
דער זון פון איסיס האָט נקמה־גענומען פאַר זיין פאָטער, ער איז
צופרידן און זיין נאָמען איז פאַרהערלעכט...״

דער נביאישער גייסט האָט צעברויזט אַברהמ׳ס געמיט און אים אונטער־געזאָגט: „גיי צום מיצרישן פאָלק און ברענג אים אַ וואָרט פון טרייסט און האָפענונג. רוף צו אים „אין נאָמען פונעם אַלמעכטיקן גאָט יהוה, דער גאָט פון רחמנות, צדק און יושר״.

אַברהם האָט אויפגעשטעלט זיינע געצעלטן אַרום גושן, און פון זיין טעמפל־געצעלט גערופן די קעניגלעכע קאַסטע אין פּאַלאַץ, די פּריסטערס אין די טעמפלען און די רייכע אַריסטאָקראַטיע צו פאַרלאָזן זייערע פאַרדאָרבענע מנהגים און אכזריות׳דיקע מעשים קעגן זייערע אָרעמע מיטמענטשן. ער האָט אויך גערופן די אונטעריאָכטע און פאַרשקלאַפטע אַרונטערצוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון זייערע אונטערדריקער, נישט גלויבן אַז חיות, פייגל אָדער בהמות זיינען געטער, און נישט האָפן אויף זייער הילף. ער האָט זיי געזאָגט, אַז ס׳איז דאָ נאָר איין גאָט, וואָס האָט באַשאַפן הימל און ערד, און זיינע אייגנשאַפטן זיינען גערעכטיקייט, שלום און רחמנות, און נאָר ער קאָן זיי געבן די כוחות זיך צו באַפרייען.

ווען פּרעה אַמענעמהעט דער צווייטער האָט דערהערט וועגן אַברהמ׳ס אידייען און טעטיקייטן, האָט ער זיך דערשראָקן. ער האָט מורא געהאַט, אַז אַברהם וועט אונטערגראָבן די הויפּט־יסודות, אויף וועלכע ס׳האָט זיך גע־האַלטן די מאַכט פון דער צוועלפטער דינאַסטיע.

די הערשער פון דער צוועלפטער דינאַסטיע זיינען נאָך נישט געווען שטאַרק גענוג באַפעסטיקט אין זייער מאַכט. די נאָמאַרך־פירשטן האָבן נאָך אינגאַנצן נישט שלום־געמאַכט מיט זייער אונטערטעניקייט צום קעניג, און דאָס לאַנד איז נאָך דעמאָלט געווען אין אַן אומרואיקן צושטאַנד.

אַמענעמהעט דער צווייטער האָט ניט פאַרגעסן זיין זיידנ׳ס באַרימטע צוואה, זיך נישט צו פאַרטרויען צופיל אַפילו צו נאָענטע פריינט. ער האָט געפירט די מלוכה מיט אַ שטאַרקער האַנט. ער האָט אָבער נישט געזוכט קיין נייע אַוואַנטורעס. ער האָט געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען אָנצוהאַלטן פרידלעכע באַציאונגען מיט זיינע שכנים און געזוכט אויסצוהיטן דאָס לאַנד פון אינערלעכע רייסערייען.

אַברהם האָט גוט אָפּגעשאַצט די לאַגע און באַשלאָסן אויסצונוצן דעם גינסטיקן מאָמענט און שליסן מיט אַמענעמהעט II אַ קעגנזייטיקן בונד לטובת זיין פּלאַן אויפצושטעלן אַן עברי־לאַנד פאַרן עברים־פאָלק, אין לאַנד פון נגב.

אַברהם האָט געמאַכט אַ חשבון־הנפש פון זיינע אַרומוואַנדערונגען, פון זיינע באַמיאונגען, דערגרייכונגען און דורכפאַלן: ער איז שוין אויסגעווען אַלע לענדער און שטעט אין אַרם־נהרים, אין אַלע ישובים פון מדבר־ראַנד,

אין אַלע שטעט פון סיריע און אין לאַנד פון די אֱמורים, דעם גאַנצן וועג ביז מצרים און צוריק. אומעטום האָט ער געהאַט דיזעלבע דערפאַרונג: ער האָט אויפגעשטעלט מזבחות און גערופן אין נאָמען פון גאָט יהוה צו שלום און גערעכטיקייט, און אומעטום באַגעגנט געוואָרן מיט פאַראַכטונג און פאַר־פאָלגונג; ער האָט גערעדט פון יושר און רחמנות, און אומעטום געפונען שקלאַפעריי און אַכזריות. אַברהם האָט איינגעזען, אַז ער מוז סוף־כל־סוף באַזעצן זיין מחנה אויף לאַנד און אויף אַן אָרט, וואָס איז נאָך נישט באַ־וואוינט פון געצנדינערישע שבטים, וואו די כנעניִשע עשתורת־קולטור און די מיצרישע „רא״־און אָסיריס־געטער האָבן נאָך קיין שליטה נישט. ס׳איז געקומען די צייט אויפצושטעלן פאַר זיין עברים־פאָלק אַ שטענדיקע היים, וואָס זאָל זיך קאָנען דערציען אומגעשטערט אין גייסט פון די געבאָטן פונעם אַלמעכטיקן גאָט יהוה.

אַברהם האָט געלאָזט וויסן אַמענעמהעט׳ן, אַז ער איז גרייט צו פאַרלאָזן מצרים בתנאַי, אַז ער זאָל מיט אים שליסן אַ קעגנזייטיקן בונד, און אים נישט שטערן אויפצושטעלן זיינע געצעלטן אין דעם לאַנד פון נגב און זיך דאָרט באַזעצן.

אַמענעמהעט׳ן איז דער פּלאַן שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער איז געווען צופרידן צו האָבן אַ פאַרבינדעטן אויפן גרענעץ צווישן מצרים און די אֱמורי־פעלקער. ער האָט געשלאָסן מיט אַברהמ׳ען אַ בונד פון פריינטשאַפט און שלום, און ווי אַ צייכן פון אויפריכטיקייט האָט ער אים מיטגעגעבן אַ פאַרמעגן פון שאָף און רינדער, אייזלען און קנעכט, דינסטן און קעמלען.[7]

און אַברהם איז אַרויסגעגאַנגען פון מצרים. „ער איז געגאַנגען פון דרום ביז בית־אל, ביז דעם אָרט וואו זיינע געצעלטן זיינען פריער געשטאַנען, צווישן בית־אל און עי, דאָרטן וואו ער האָט שוין געהאַט אויפגעשטעלט אַ מזבח און פון אים גערופן אין נאָמען פון גאָט יהוה״.

אַברהם און זיין עברים־מחנה האָבן געמאַכט אַלע צוגרייטונגען צו גיין צום לאַנד פון נגב און זיך דאָרט באַזעצן. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז אויף מערב־זייט, ביי די ברעגן פון ים־הגדול, האָט זיך באַזעצט אַ שבט פון די „בני־חם״ (פלשתים), וואָס קאָן זיין אַ געפאַר פאַר זיינע פּלענער. אַברהם האָט געהאָפט, אַז ער קאָן אויך שליסן אַ בונד מיטן הערשער פון יענעם שבט און פאַרזיכערן די מערב־גרענעצן פון נגב־לאַנד.[8]

און אַברהם איז געגאַנגען אויפן וועג צום לאַנד פון נגב, און האָט זיך באַזעצט צווישן קדש־(ברנע) און צווישן שור, אין דעם לאַנד פון גרר.

ווען אַברהם איז צוגעקומען צו די טויערן פון גרר, האָבן די גרענעץ־באַאַמטע געפרואווט איבער׳חזר׳ן די געשיכטע, וואָס איז געשען מיט שרה׳ן ביי די טויערן פון מצרים. ווען די גרענעץ־שומרים פון גרר האָבן דערזען שרה׳ס שיינקייט, האָבן זיי זי אַוועקגעפירט צו אַבימלכ׳ס קעניגלעכן פּאַלאַץ.

דאָ איז שוין די לאַגע געווען אַ סך אַ גרינגערע. אַברהם און די גאַנצע

עברים־מחנה זיינען שוין געווען אין לאַנד, און אַבימלכ׳ס מיליטערישע כוחות זיינען געווען קליין.

ווען די גרענעץ־באַאמטע האָבן צוגענומען שרה׳ן, האָט אַברהם גלייך נאָכגעשיקט אַ שליח, וואָס האָט אין נאָמען פון אַברהמ׳ען און זיין גאָט יהוה געוואָרנט אַבימלכ׳ן און צו אים אַזוי געזאָגט: „זע, וועסט שטאַרבן צוליב שרה׳ן, וואָס דו האָסט פאַרנומען, וואָרום זי איז דאָס ווייב פון אַ מאַן. זי איז אַברהמ׳ס ווייב״.

אַבימלך האָט זיך דערשראָקן און פאַרענטפערט, אַז שרה האָט געזאָגט זיינע דינער, אַז אַברהם איז איר ברודער און ער האָט איר געגלויבט. „אין דער ערלעכקייט פון מיין האַרצן און אין דער ריינקייט פון מיינע הענט האָב איך דאָס געטאָן״.

דער שליח האָט אַבימלכ׳ן געזאָגט, אַז שרה האָט געמוזט אַזוי זאָגן צוליב דער רשעות פון די גרענעץ־שומרים, ווייל קיין מורא פאַר גאָט איז נישטאָ ביי זיי: „אַברהם איז דער פאָטער פון אונזער שבט און דער נביא פון גאָט יהוה. ער האָט מיך געשיקט דיר זאָגן: קער־אום דאָס ווייב פון אַ מאַן, און ער וועט מתפלל־זיין פאַר דיר צו גאָט און דו וועסט בלייבן לעבן; אויב אָבער דו קערסט זי ניט אום, זיי וויסן, אַז שטאַרבן וועסטו שטאַרבן, דו און אַלע וואָס געהערן צו דיר״.

אַבימלך האָט זיך געפעדערט אינדערפרי און האָט צונויפגערופן אַלע זיינע יועצים און זיי דערציילט וועגן אַברהמ׳ס מלחמה־וואָרנונג. די דינער האָבן זיך דערשראָקן. אַבימלכס מלחמה־שר פיכל האָט שוין פון פריער זיך אָנגעהערט וועגן אַברהמ׳ס זיגן איבער נמרוד׳ן אין סומער, וועגן זיין זיג איבער די מלכים אין דמשק, וועגן זיין בונד מיטן פרעה פון מצרים. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז נישט אַבימלך האָט די כוחות פאַר דעם און נישט אים לוינט זיך צו גיין אין מלחמה מיט אַברהמ׳ען. ער וועט מער געווינען, ווען ער וועט אים מקרב־זיין, אים העלפן זיך באַזעצן אין שכנות און געווינען אַ פאַרבינדעטן פריינט. פיכל האָט געראָטן אַבימלכ׳ן צו שליסן מיט אַברהמ׳ען אַ קעגנזייטיקן בונד און אים העלפן זיך צו באַזעצן אין ליידיקן לאַנד פון נגב. אַבימלך האָט אַזוי געטאָן. ער האָט גערופן אַברהמ׳ען און צו אים אַזוי געזאָגט: „אָט איז מיין גאַנץ לאַנד אָפן פאַר דיר. וואו נאָר דו ווילסט, קאָנסטו זיך באַזעצן״. ער האָט געגעבן אַברהמ׳ען שאָף און רינדער, דינער און דינסטן, און שרה׳ן האָט ער געגעבן טויזנט זילבער־שטיק פאַר באַלעס־טיקן זי.*

אַברהם האָט אויפגעשטעלט זיינע געצעלטן ווייטער צו מזרח, צעאַקערט דאָס לאַנד, געגראָבן ברונעמער און פאַרפלאַנצט גרינס אוןביימער. מיט איבערגעגעבנקייט צו זיין אידעאַל און מיט ליבע צו זיין אַרבעט האָט די אַברהם־מחנה געהאַט גרויס דערפאָלג. ס׳האָט נישט גענומען לאַנג, און דאָס עברים־פאָלק האָט גענומען שניידן וואָס ער האָט פאַרזייט: די ערד האָט

אנגעהויבן ארויסגעבן געגוג פאשע פאר די סטאדעס, שפייז פאר די מענטשן, און די ברונעמער האבן געגעבן געגוג וואסער צו באפרוכפערן די פעלדער.

ווען אבימלך האט דאס דערזען, האט ער זיך דערשראקן פאר אברהמ׳ס דערפאלג און פאר זיין אויסשפרייטונג איבערן לאנד. צוזאמען מיטן שר פון זיין חייל פיכל איז ער געקומען צו אברהמ׳ען און צו אים אזוי געזאגט: „מיר האבן געזען, אז דיין גאט איז מיט דיר אין אלעם וואס דו טוסט. מיר ווילן, דו זאלסט שווערן ביי גאט, אז דו וועסט האלטן דעם אפמאך מיט מיר, מיט מיינע קינדער און מיינע אייניקלעך. אזוי ווי דער חסד, וואס איך האב געטאן צו דיר, זאלסטו טאן צו מיר און צום לאנד, וואו דו האלטסט זיך אויף״.

האט אברהם געזאגט: איך בין גרייט צו שווערן, אבער דיינע מענטשן האלטן זיך נישט פריינטלעך צו מיין מחנה; דיינע קנעכט האבן צוגע׳גזל׳ט דעם ברונעם, וואס מיר האבן געבויט.

האט אבימלך געזאגט צו אברהמ׳ען: איך ווייס נישט, ווער ס׳האט דאס געטאן, ווארום נישט דו האסט מיר וועגן דעם געזאגט, און נישט איך האב עס צומאל געהערט אחוץ היינט.

האט אברהם גענומען שאף און רינדער און געגעבן אבימלכ׳ן און זיי האבן באנייט זייער קעגנזייטיקן בונד. דערנאך האט אברהם אוועקגעשטעלט זיבן לעמער פון די שאף באזונדער, און ער האט געזאגט צו אבימלכ׳ן:

— די זיבן לעמער מוזסטו נעמען פון מיין האנט, כדי דאס זאל זיין פאר מיר אן עדות, אז איך האב געגראבן דעם דאזיקן ברונעם. צוליב דעם האט אברהם גערופן דאס ארט באר־שבע. דארט האבן זיי ביידע, אברהם און אבימלך, געשלאסן א בונד פון פריינטשאפט, און זיי האבן ביידע זיך געגעבן א שבועה אנצוהאלטן דעם בונד פאר דור־דורות.

אבימלך און פיכל, דער האר פון זיין חייל, זיינען אויפגעשטאנען און האבן זיך אומגעקערט אין לאנד פון די פלישתים.[10]

אברהם איז געווען זייער צופרידן פון דעם בונד, וואס ער האט געשלאסן מיט אבימלכ׳ן און האט זיך גענומען גרייטן צו באזעצן זיך אין „לאנד פון נגב״.

אברהמ׳ס ליכטיקע הימלען זיינען אבער גיך ווידער פארוואלקנט געווארן. די יונגע עברים, וואס אברהם האט באקערט צום גאט יהוה אויף זיין לאנגן מדבר־וועג, האבן נישט געקאנט אזוי גרינג זיך איינלעבן מיט אברהמ׳ס אב־סטראקטע גאט־אידייען און מיט די שטרענגע יהוה־געבאטן. יעדעס אומ־גינסטיק ווינטל אין דער מחנה איז געווען א גענוגנדיקע סיבה צו צעבלאזן א שטורעם אין די רייען פון די צארטע, נאך־נישט־גענוג איינגעווארצלטע יונגע עברים־ביימלעך.

ס׳איז צו אברהמ׳ען דערגאנגען א שטארקע מורמלעריי פון זיין מחנה וועגן דעם לאנד, אין וועלכן אברהם האט זיי געבראכט. די יונגע עברים האבן אנגעהויבן זוכן חסרונות אויפן נגב־לאנד. זיי האבן גע׳טענה׳ט, אז דאס

לאַנד איז מדבר, די ערד טרוקן, קיין טייכן אָדער אַנדערע וואַסער־קוואַלן זיינען נישטאָ, רעגן פאַלט זייער זעלטן און זייער ווייניק. וואָס ווייטער צו דרום, אַלץ ווייניקער רעגן פאַלט. וואו וועט די מחנה נעמען וואַסער און פּאַשע פאַר די סטאַדעס און שפּייז פאַר די מענטשן? דאָס איז אַ וויסט און פאַרלאָזן לאַנד און מ׳קאָן דאָ גאָרנישט בויען. דאָ איז נישט קיין אָרט פאַר אַ יונג פאָלק, וואָס דאַרף זיך ערשט צעבליען און אַנטוויקלען. דאָס נגב־לאַנד איז געוויס נישט קיין אָרט פאַר אַברהמ׳ס פאַנטאַסטישע אידייען אויפצובויען אַ הייליק לאַנד, וואָס זאָל זיין אַ ביישפּיל פאַר דער וועלט.

די מורמלערייען האָבן זיך גיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער מחנה און צעבראָכן די געוויינלעכע געמיטלעכקייט, וואָס האָט געהערשט אין עברים־לאַגער.

כדי צו באַרואיקן די אומרואיקע, האָט אַברהם אַרויסגעשיקט אַ צאָל מרגלים, אויסצוקוקן דאָס לאַנד און זיך באַקענען מיט די נאַטירלעכע אייגנ־שאַפטן און די מעגלעכקייטן דאָרט זיך צו באַזעצן.

די מרגלים זיינען דורכגעגאַנגען דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט און זיינען געקומען צום פאָלק און אַזוי געזאָגט: „דאָס לאַנד איז באמת חרוב און פאַרלאָזן, אָבער עס איז נישט קיין מדבר. מיר האָבן אומעטום געפונען געענוג סימנים, וואָס ווייזן, אַז אין דעם דאָזיקן וויסטן נגב־לאַנד האָט אַמאָל געלעבט אַן אַנטוויקלט פאָלק, וואָס האָט דאָ אויפגעבויט דערפער און שטעט און האָט דערגרייכט אַ העכערע מדרגה פון אַנטוויקלונג. מיר האָבן געפונען חורבות פון הייזער און טעמפּלען; קופּער און ברענ־אויוונס, וואו דער קופּער איז געגאָסן געוואָרן; פאַרשידענע וואָפן־מכשירים, ווי שטיין־וואַרפערס, פּיקעס, העק, פייל־שפּיצן, שפּיזן און אַלערליי הויז־כלים, ווי וואַסער־קרוגן, און אַנדערע פיין־געגלייזטע ערדענע כלים, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין אַ צייט, ווען דאָס לאַנד איז געווען אַנטוויקלט".

דער „נגב" — האָבן די מרגלים ווייטער דערציילט — איז אַ לאַנד פון אַ סך הויכע און ברייטע בערג. איין קייט בערג ליגט אויפן מערב־ברעג און לאָזט זיך אַרונטער צו די טאָלן פון ים־ברעג, און אַ צווייטע קייט בערג ליגט צו מזרח און לאָזט זיך אַראָפּ צו די מדבר־טאָלן. ס׳איז אמת, אַז אין נגב־לאַנד פאַלט זייער ווייניק רעגן; וואָס ווייטער צו דרום, אַלץ ווייניקער. דער רעגן, וואָס פאַלט, קומט נישט אַרונטער טראָפּנוויז, נאָר אין איין „שיינעם" טאָג פאַרדעקן די הימלען די וואָלקנס און אַ שלאַקס־רעגן קומט מיט רעש אַרונטער און דויערט נאָר אַ שעה אָדער צוויי. דערנאָך שיינט אויף די זון, און חדשים־לאַנג רעגנט מער נישט.

ס׳איז אמת — האָבן זיי געזאָגט — אַז דער נגב איז אַ „לאַנד פון שאַרפע קאָנטראַסטן": עס זיינען דאָ שטרעקעס ערד, וואָס קאָנען זיין פּרוכטבאַר, און שטרעקעס פון זאַמדיקן מדבר; אַ לאַנד, וואו עס וואַקסן איידעלע בלומען און ווילדע, שטעכיקע קוסטעס; וואו עס פאַלט זעלטן רעגן, אָבער אָפט

נידערט אַראָפּ אַ שווערער נאַסער טוי; גרויסע היצן בייטאָג און אַ ביטערע קעלט ביינאַכט; אַ סך טייכן־גרובן („וואַדיס") וואו מ'זעט זעלטן וואַסער און פלוצלונג ווערן די „וואַדיס" פאַרוואַנדלט אין וואַסער־קוואַלן. דאָס נגב־לאַנד איז גרויס מיט ברייטע האָריזאָנטן און קאַליר־פאַרביקע שטחים ערד, וואָס בעטן זיך מ'זאָל זיי צוריקבררענגען צום לעבן.

מיר האָבן אויך באַגעגנט אַרומוואַנדערנדיקע בעדואינער־שבטים — האָבן די מרגלים דערציילט — וואָס לעבן כמעט אונטער די זעלביקע באַדינגונגען, ווי עס האָבן געלעבט די מענטשן אין די אַלטע צייטן. זיי ווייזן ווי צו אַנט־וויקלען, אונטער שווערע באַדינגונגען, די פאַרבאַהאַלטענע רייכטימער פון לאַנד. מיט דעם נויטיקן ווילן קאָנען מיר דאָס אויך באַווייזן. דער איצטיקער חרוב'דיקער מצב פון לאַנד איז נישט קיין רעזולטאַט פון נאַטור־אייגנשאַפטן און נישט פון קיין נאַטור־קאַטאַסטראָפעס, נייערט פון רויבערישע אָנפאַלן. דאָס לאַנד איז איצט חרוב, אָבער ס'איז נישט קיין וויסטעניש. דאָס לאַנד איז פריי, און מיר קאָנען זיך דאָ באַזעצן.[11]

דער גינסטיקער באַריכט פון די מרגלים האָט אויף אַ לענגערער צייט איינגעשטילט די געמיטער אין דער מחנה. אַברהם האָט גערעדט צום פאָלק אין נאָמען פון גאָט יהוה און אים אַזוי געזאָגט: „איר זייט די ערשטע, פון גאָט אויסדערוויילטע, צו לייגן דעם פונדאַמענט פאַר גאָט'ס הויז, וואָס וועט באַלייכטן די וועלט; איר זייט דער ערשטער רינג אין אַ לאַנגער קייט פון דורות, וואָס וועט צינדן אַ געטלעך ליכט צו באַלייכטן די וועלט און הייליק מאַכן גאָט'ס נאָמען".

מיט פרייד האָט דאָס עברים־פאָלק צעאַקערט די נגב־ערד, איינגע־זאַמלט רעגן־וואַסער און „ציסטערנעס",[12] געגראָבן ברונעמער און באַוואַסערט גרויסע שטרעקעס לאַנד. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע, אָבער דער שכר גרויס. די נגב־ערד איז באַדעקט געוואָרן מיט גראָזן און גרינסן, קוס־טעס אוןביימער, בלומען און פרוכטן. ביסלעכווייז האָט די ערד געגעבן אַ גרויסע שפע פון שפּייז פאַר די מענטשן, און פאַשע פאַר זייערע שאָף און רינדער. פון די קליינע געצעלטן־ישובים זיינען אויסגעוואַקסן גרויסע דער־פער, און פון די דערפער האָבן זיך צעבליט נייע שטעט. דאָס „לאַנד פון נגב" איז געווען דאָס ערשטע לאַנד, און באר־שבע די ערשטע שטאָט, וואו אַברהם און זיין עברים־מחנה האָבן זיך באַזעצט אויף ערד און אָנגעהויבן לעבן אומגעשטערט ווי אַ פאָלק. דאָ איז אַברהם געוואָרן דער פאָטער פון זיין פאָלק, דער מלך פון זיין לאַנד, דער כהן־גדול פון זיין טעמפּל און דער נביא פון דעם גאָט יהוה. „און אַברהם האָט געלעבט אין נגב אַ סך יאָרן".

אַברהם האָט פאַרוואַנדלט זיין מלוכה פון אונטערוועגנס אין אַ לאַנד־רעגירונג, האָט איינגעשטעלט אַ מלוכה־אָרדענונג און איינגעפירט געזעצן און משפטים, וואָס זיינען געווען נויטיק פאַר דעם נייעם לעבנסשטייגער. פאָלק און לאַנד האָבן זיך פאַנאַנדערגעבליט און צעוואַקסן.

בְּרִיתִי תִשְׁמֹר אַתָּה וְזַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ לְדֹרֹתָם׃ זֹאת בְּרִיתִי
אֲשֶׁר תִּשְׁמְרוּ בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם וּבֵין זַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ הִמּוֹל
לָכֶם כָּל־זָכָר׃ וּנְמַלְתֶּם אֵת בְּשַׂר עָרְלַתְכֶם וְהָיָה לְאוֹת
בְּרִית בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם׃ וּבֶן־שְׁמֹנַת יָמִים יִמּוֹל לָכֶם כָּל־זָכָר.

מיין בונד זאָלסטו היטן, דו און דיין זאָמען נאָך דיר, אויף זייערע דור־דורות. דאָס איז מיין בונד וואָס איר זאָלט היטן צווישן מיר און צווישן אייך, און צווישן דיין זאָמען נאָך דיר: ביי אייך זאָל גע׳מל׳ט ווערן איטלעכער מאַנספּאַר־שוין. און איר זאָלט גע׳מל׳ט ווערן אין דעם פלייש פון אייער פאָרהויט, און עס וועט זיין אַ צייכן פון בונד צווישן מיר און צווישן אייך. צו אַכט טעג זאָל גע׳מל׳ט ווערן יעדער זכר.

בראשית, י״ז, י׳)

טו

אַברהם און זיין עברים־פאָלק באַזעצן זיך אין לאַנד פון נגב

אין לאַנד פון נגב (ארץ־הנגב) האָט אַברהם דערזען די ערשטע שפּראָצונג פון זיין געטלעכער שליחות; אין באר־שבע — דאָס ערשטע קערנדל פון וועלכן עס וועט זיך צעוואַקסן אַ הייליק לאַנד; אין דער יונגער עברים־מחנה — דעם ערשטן שניט פון זיינע פאַר־זייטע גאָט־אידייען.

אַברהם האָט אין באר־שבע פאַרפלאַנצט אַן „אשל", אַ גאָרטן מיט טאַ־מאַריסקן־ביימער.[1] דער גאָרטן האָט געהאַט פיר טויערן, אויף אַלע פיר זייטן, און די טויערן זיינען אַלעמאָל געווען אָפן פאַר אַלע דורכוואַנדערער, פון וועלכער זייט זיי זאָלן האָבן געקומען. אַברהם האָט אַלע געסט אויפגענומען מיט ליבע און פריינטשאַפט. ער האָט זיי געגעבן עסן, טרינקען און אַ נאַכט־לעגער.

אין גאָרטן האָט אַברהם אויפגעשטעלט אַ מזבח, נישט פאַר קרבנות, נאָר פון אים צו רעדן צו די פעלקער פון דער וועלט אין נאָמען פון גאָט יהוה.

איבער דער גאַנצער לענג פון „פרוכטבאַרן האַלבן קרייז", פון סומער ביז מצרים, איז שוין אַברהם געווען באַרימט נישט נאָר פאַר זיין גבורה און חכמה, נאָר אויך פאַר זיין געלערזאַמקייט. מלכים און שרים זיינען געקומען צו אַברהמ׳ען פון אים צו לערנען די חכמות פון שרייבן, אַריפמעטיק, אינזשע־נירינג, מעדיצין און אַלע אַנדערע וויסנשאַפטן, וואָס זיינען געווען באַקאַנט אין יענער צייט.

אַרום דעם מזבח האָט אַברהם איינגעזאַמלט זיין מחנה און מיט איר

געלערנט די טראַדיציאָנעלע מצוות און מנהגים פון זייערע אָבות שם און עבר, און די געבאָטן פון דעם גאָט יהוה. אין די יונגע פון דער מחנה האָט ער איינגעפלאַנצט אַ באַוואוסטזיין, אַז זיי טראָגן מיט זיך אַ געטלעכע שליחות צו ווערן אַ הייליק פאָלק, וואָס זאָל זיין אַן „אור לגויים״, אַ שיינענדיקער ביישפּיל פאַר אַלע פעלקער.

אויבנאויף האָט עס אויסגעזען, אַז אַברהם און שרה זיינען צופרידן מיט זייערע דערגרייכונגען און זיינען גליקלעך מיט זייער שטאַנד. די גאַר נאָענטע מענטשן האָבן אָבער באַמערקט, אַז גאַנץ אָפט ווערט אַברהמ׳ס ליכטיק פּנים פאַרצויגן מיט אַ וואָלקן פון שווערן געמיט, פון אַן אינערלעכן צער. אין אַזעלכע מאָמענטן האָבן זיך זיינע אויגן האַלב פאַרמאַכט, זיין שטערן האָט זיך צעקנייטשט און זיינע ליפּן האָבן זיך פריער צוזאַמענגעפּרעסט און דערנאָך לייכט באַוועגט, ווי ער וואָלט שטילערהייט געזאָגט אַ תפילה. זיין באַגלייטערין שרה פלעגט דעמאָלט אַריינפאַלן אין אַ שטימונג פון זאָרג און אומרו.

דאָס פאָלק האָט פאַרשטאַנען און מיטגעפילט דעם טיפן צער, מיט וועלכן אַברהם און שרה האָבן זיך אַרומגעטראָגן. מ׳האָט אָבער וועגן דעם נישט גערעדט. קיינער האָט נישט געוואָלט אַרויפּברענגען אויף די ליפּן אַן ענין, וועגן וועלכן אַברהם און שרה האָבן קיינמאָל נישט דערמאָנט: גאָט יהוה האָט זיי געגעבן פון אַלדאָס גוטס, אויסער אַ קינד, אַ יורש, וואָס זאָל איבערנעמען פון אַברהמ׳ען די מלוכה, די כהונה און די נבואה, און ווייטער טראָגן די געטלעכע אידייע. שרה איז אַן עקרה, און קאָן קיין קינדער נישט האָבן...

אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַברהם איז נישט באַזאָרגט וועגן אַ יורש פאַר זיין גרויס פאַרמעגן. אַברהם האָט שוין לאַנג צוריק אַדאָפּטירט זיין קנעכט אליעזר צו פאַרוואַלטן די ווירטשאַפט אין זיין לעבנס־צייט און אים ירש׳ענען נאָכן טויט.

לויט די מנהגים אין אַרם־נהרים האָט מען געזעצלעך נישט געטאָרט פאַרקויפן קיין לאַנד־אייגנטום. מ׳האָט זיך אָבער אַן עצה געגעבן מיט אַ מין „אַדאָפּטירונג״־קאָנטראַקט. ווען איינער האָט געוואָלט פאַרקויפן לאַנד, האָט ער דעם קויפער אַדאָפּטירט אַלס זיין „זון״ און אים אָפּגעגעבן דאָס לאַנד ווי אַ ירושה, און דער „זון״ האָט פאַרגיטיקט דעם פאַרקויפער מיט אַ „פאָטערלעכער מתנה״. מיט אָט־דער המצאה האָבן זיך באַנוצט רייכע הענדלער, וועלכע האָבן זיך געלאָזט „אַדאָפּטירן״ און אויף דעם אופן אויסגעקויפט פון די אָרעמע פאַרמערס זייער לאַנד בחצי חנם.

ס׳זיינען אָבער אויך געווען ערלעכע אַדאָפּטירונגען, באַזונדערס ביי די וואָס האָבן נישט געהאַט קיין לייבלעכע יורשים. אַזאַ איינער האָט אַדאָפּטירט אַ קינד, ערשטנס, צו האָבן עלטערנס־פאַרגעניגן; צווייטנס, כדי צוזאַמענצוהאַלטן די גאַנצקייט פון דער משפחה; און, דריטנס, צו האָבן אַ יורש. אין הסכם מיט אָט־די ירושה־געזעצן האָט אַ קינדערלאָזער מאַן געקאָנט אַדאָפּטירן אַ פרעמדן, אַפילו אַ שקלאַף, ווי זיין „פאַרוואַלטער־יורש״. די התחייבות׳ן

פונעם יורש זיינען געווען צו פֿאַרוואַלטן דעם „פּאַטער׳ס״ געשעפֿטן אַזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט, אים אויסהאַלטן אויף דער עלטער, דורכפֿירן אַ פּאַסיקע לוויה נאָכן טויט און אָנהאַלטן דעם משפּחה־נאָמען און דעם משפּחה־יחוס. די פּריוואַטע „הויז־געטער״ (תרפים) זיינען שטאַרק פֿאַרהייליקט געוואָרן ביי אַלע פֿעלקער, און דאָס באַזיצן די געטער איז געווען אַ באַווייז פֿון באַזיצן דאָס גאַנצע הויז־פֿאַרמעגן. דער יורש האָט דערפֿאַר פֿריער פֿון אַלץ גע־ירש׳נט די הויז־געטער.

אין דעם אָפּמאַך מיט אַ פֿאַרוואַלטער־יורש איז אויך געווען פֿאַרצייכנט, אַז אויב נאָכן שליסן דעם דאָזיקן אָפּמאַך וועט ביים אייגנטימער געבוירן ווערן אַן אייגענער זון, ווערט דער זון אויטאָמאַטיש דער הויפּט־יורש, און דער אַדאָפּטירטער פֿאַרוואַלטער פֿאַרנעמט אַ צווייטראַנגיק פּלאַץ אין דער משפּחה.[2]

אַזאַ מין אָפּמאַך האָט אַברהם געהאַט מיט אליעזר׳ן.

אליעזר איז נאָך אַלס אַ יונג איינגל געבראַכט געוואָרן קיין אור־כשדים פֿון דמשק, צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע מלחמה־געפֿאַנגענע. דער סומערישער קעניג האָט אים אָוועקגעגעבן, אַלס מתנה, צו זיין קריגס־שר תרח. אליעזר האָט זיך דערצויגן און איז אויסגעוואַקסן צוזאַמען מיט אַברהמ׳ען אין תרח׳ס הויז, און איז אים דאָס גאַנצע לעבן געבליבן אַ געטרייער קנעכט. ער איז געווען אַברהמ׳ס פּערזענלעכער דינער און אַן איבערגעגעבענער מיטאַרבע־טער אין אַלע אַברהמ׳ס אונטערנעמונגען צו פֿאַרשפּרייטן דעם נאָמען פֿונעם גאָט יהוה.

אַברהם האָט שטאַרק ליב געהאַט אליעזר׳ן און צו אים געהאַט אַ סך צוטרוי. ער האָט אים אַדאָפּטירט צו זיין דער פֿאַרוואַלטער פֿון זייןווירט־שאַפֿט ביים לעבן און ירש׳ענען זיין פֿאַרמעגן נאָכן טויט. ער האָט אָבער קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן די געטלעכע שטימע, וואָס האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז: „איך וועל אויפֿשטעלן מיין בונד צווישן מיר און צווישן דיר און צווישן דיינע קינדער און קינדס־קינדער נאָך דיר״, און ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט געמיינט קינדער פֿון זיין בלוט און פֿלייש. אליעזר איז אַ קינד פֿון דמשק און ער איז געזעצלעך באַרעכטיקט צו ירש׳ענען זיין פֿאַרמעגן, אָבער גייסטיק נישט ראוי צו ירש׳ענען זיין געטלעכע ירושה; אליעזר איז אַן איבערגעגע־בענער דינער, אָבער וועט נישט זיין בכח דורכצוטראָגן די גאולה־שליחות.

אַברהם איז געווען זיכער, אַז זיין גאָט וועט אים נישט אַנטוישן און שרה וועט אים געבוירן אַ זון. אויסער איר זעלטענער שיינקייט איז שרה פֿון איר פֿריסטער יוגנט געווען פֿאַר אַברהמ׳ען אַ קוואַל פֿון באַגייסטערונג און דער־מוטיקונג. זי האָט אים באַגלייט און מיטגעהאָלפֿן אין אַלע זיינע אונטער־נעמונגען צו פֿאַרשפּרייטן גאָט׳ס נאָמען. און זי האָט אויף איר אייגענעם חשבון געטאָן אַ סך צו פֿאַרשפּרייטן גאָטס נאָמען.[3] דערצו איז שרה געווען זיין ברודער׳ס טאָכטער — אַ משפּחה וואָס האָט אָפּגעהיט די שם־עבר־טראַדי־

ציעס. איר אמת׳ער נאָמען איז געווען יסכה. אַברהם האָט זי מיט ליבשאַפט גערופן שרה (פּרינצעסין).[4]

אַברהם האָט אָפט געַ׳טענה׳ט צו זיין גאָט יהוה: „אַלמעכטיקער האַר, ווי אַזוי קאָן איך זיין דער פאָטער פון אַ סך פעלקער, אַז איך האָב נישט קיין קינד? ווי אַזוי וועל איך קאָנען דורכפירן דיין הייליקע שליחות, אַז איך האָב נישט קיין גייסטיקן יורש, וואָס זאָל זיין ראוי די שליחות איבער־צונעמען?"

אין חלום האָט אַברהם געהערט אַ געטלעכע שטימע זאָגן: „נישט אליעזר וועט דיך ירש׳ענען, נאָר איינער וואָס וועט אַרויסקומען פון דיין אינגעווייד. טו אַקאָרשט אַ קוק אויפן הימל און צייל די שטערן, אויב די קאָנסט זיי איבערציילן, אָט אַזוי וועלן זיך מערן דיינע קינדער און קינדס־קינדער. שרה וועט געבענטשט ווערן און וועט געבוירן אַ זון. איך וועל אויפשטעלן מיין בונד מיט אים פאַר אַן אייביקן בונד צו זיינע קינדער און קינדס־קינדער נאָך אים".[5]

אַברהם האָט אַ קוק געטאָן אויפן קלאָרן הימל, וואָס איז געווען באַ־לויכטן מיט מילי־מיליאָסן פינקלענדיקע שטערן, און האָט געמורמלט: האַר פון אוניווערז, איך האָב נאָכגעפאָלגט די שטערן און געפאָרשט דעם גאַנג פון די מזלות, אָבער איך האָב דאָרט נישט געזען קיין שום סימן, וואָס זאָל עדות־זאָגן, אַז שרה וועט מיר געבוירן אַ זון, וואָס זאָל זיין מיין יורש.

האָט אַברהם געהערט אין חלום אים זאָגן: אומזיסט דיין זוכן אין די שטערן. זיי האָבן קיין ווירקונג נישט אויפן מזל פון מענטשן; זיי באַוועגן זיך לויטן באַפעל און ווילן פונעם באַשעפער, וואָס האָט געלאָזט אין גאַנג אַלע גלגלים אין זייער אייביקן אַרומקרייז אין דעם אוניווערז. דיינע קינדער וועלן נישט לעבן לויטן גאַנג פון די מזלות, נאָר לויט דעם ווילן פונעם אַל־מעכטיקן גאָט יהוה.[6]

דעמאָלט האָט אַברהם געטרייסט און באַרואיקט שרה׳ן. ער האָט איר דערציילט, אַז ער האָט ווידער געהערט די געטלעכע שטימע זאָגן, אַז זי וועט געבענטשט ווערן און געבוירן אַ זון. מיין בטחון אין דעם אַלמעכטיקן גאָט יהוה האָט מיך נאָך ביז איצט נישט אַנטוישט — האָט אַברהם געזאָגט.

שרה האָט אויסגעוויינט אירע אויגן אין תפילות און אין שטילן געבעט צום געדעכטן גאָט, אַז ער זאָל צו איר אַרויסווייזן זיין מידה פון רחמנות און אָפּטאָן פון איר די שאַנד פון קינדערלאָזיקייט. ווי ס׳איז די נאַטור פון אַלע פרויען, האָט שרה זיך געפילט שטאַרק פאַרשעמט, וואָס זי איז אַן עקרה.

שווער געווען איז איר געווען צו טראָגן איר אייגענעם צער, אָבער נאָכמער האָט זי נישט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם פיין פון איר מאַן און לערער אַברהם. זיין מעכטיקער אידייע־בנין פון איין געדעכטן גאָט, פון איין יושר׳דיקער וועלט און פון איין שלום׳דיקער מענטשהייט, איז אין אַ געפאַר פאַנאַנדערצופאַלן. ווער וועט צו דער וועלט ברענגען זיין „אחד"־

אידייע? נישטאָ ווער עס זאָל זיין ראוי און וויליק צו נעמען אויף זיך אָט־די שווערע געטלעכע שליחות.

שרה האָט געוואוסט פון אַלע גרויסע פאַרשפּרעכונגען און האָפענונגען, וואָס אַברהם האָט דערוואַרט פון דעם גאָט יהוה. קיין זאַך איז אָבער נאָך ביז איצט נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן, און שרה האָט זיך אָנגעהויבן מייאש זיין. זי האָט שטאַרק געליטן פון דעם, וואָס זי איז אַ שטער אין אַברהמ׳ס לעבנס־וועג. אַברהם מוז האָבן אַ יורש, און זי קאָן אים קיין יורש נישט געבן. שרה האָט זיך דערפילט הילפלאָז און פאַרצווייפלט, און האָט זיך דערטראַכט צו אַ באַשלוס — אַ פּיינלעכער באַשלוס, קעגן וועלכן זי האָט זיך געווערט אַ לאַנגע צייט.

שרה׳ן איז געקומען צו־הילף דער סומערישער געזעץ, אונטער וועלכן אַברהם און שרה האָבן חתונה געהאַט. לויט דעם געזעץ איז געווען פאַר־שריבן אין דער כתובה, אַז די פרוי דאַרף געבוירן קינדער פאַר איר מאַן. אויב זי איז אַן עקרה, האָט ער אַ רעכט זי צו גט׳ן און זיך נעמען אַן אַנדערע פרוי. אַ קינדערלאָזע פרוי האָט אָבער אַ רעכט צו געבן דעם מאַן איר דינסט פאַר אַ פּילגש, ער זאָל מיט איר האָבן קינדער. דער מאַן קאָן זי אין אַזאַ פאַל נישט גט׳ן, און טאָר נישט נעמען קיין פרעמדע פרוי פאַר אַ ווייב. ער מוז נעמען די דינסט. די קינדער פון דער פּילגש צוזאַמען מיט זייער מוטער באַלאַנגען צום ערשטן ווייב, און דער ערשטער זון, וואָס ווערט געבוירן פון דער פּילגש, ווערט דער געזעצלעכער יורש פונעם פאָטער.[7]

בעת תרח האָט חתונה געמאַכט זיין אייניקל שרה, האָט ער איר געגעבן אין נדן צווי יונגע דינסטמיידלעך, הגר און קטורה, און אין דער כתובה איז איינגעשריבן געוואָרן, אַז אין פאַל שרה וועט זיין אַן עקרה, טאָר אַברהם זי נישט גט׳ן און נישט נעמען קיין אַנדערע פרוי, נייערט מוז נעמען איינע פון די דינסטמיידלעך פאַר אַ פּילגש.

ווען אַברהם איז איינמאָל געקומען צו שרה׳ן אַן אומרואיקער און ווידער אָנגעהויבן צו רעדן מיט איר וועגן זיינע האָפענונגען אויף אַ יורש, האָט שרה אים געזאָגט: „ווי דו זעסט, האָט גאָט מיך געמאַכט פאַר אַן עקרה. קום־זשע צו מיין דינסט הגר, אפשר וועל איך אויפגעריכט ווערן דורך איר. זי וועט האָבן אַ זון, און איך וועל אים מחנך זיין ער זאָל זיין ראוי איבערצונעמען דיין געטלעכע שליחות".

אַברהם האָט זיין בטחון אין זיין גאָט יהוה נישט פאַרלוירן. שרה איז געווען אַ סך אינגער פון אַברהמ׳ען און ער האָט אַלץ געהאָפט, אַז שרה וועט סוף־כל־סוף אים געבוירן אַ זון. ער האָט אָבער איר געוואָלט צוליב־טאָן, און האָט זיך צוגעהערט צו אירע רייד...

גרויס איז געווען הגר׳ס פרייד, ווען זי האָט דערפילט, אַז זי איז פאַר־גאַנגען אין טראָגן פון איר האַר אַברהם. אויסער דעם נאַטירלעכן גליק־לעכן געפיל, וואָס אַ פרוי לעבט־איבער ווען זי דערפילט, אַז זי טראָגט

אונטערן האַרצן אַ קינד, האָט זיך אין הגר׳ן אויך צעלויכטן אַ האָפענונג, אַז זי וועט ברענגען אויף דער וועלט דעם אויסגעבענקטן יורש, אויף וועלכן אַברהם בויט אַלע זיינע האָפענונגען פאַר וועלט־אויסלייזונג. הגר האָט פון איר פריסטער יוגנט שטאַרק פאַרערט איר האַר אַברהם. עס האָט זי אימפּאָנירט זיין גבורה, זיין העלדישקייט, און זי האָט פאַרהערלעכט זיינע גאָט־אידייען און זיינע שיינע מעשים. זי האָט געהאָפט און אויסגעקוקט די אויגן אויפן גליקלעכן טאָג, ווען זי וועט ווערן דאָס ווייב פון איר געליבטן אַברהם, און זי האָט געשטראַלט פון פרייד, ווען דער טאָג איז ענדלעך געקומען.

הגר׳ס פריידיקע געפילן האָבן אָבער אַרויסגערופן צער אין שרה׳ס געמיט. שרה איז דאָך געווען אַברהמ׳ס יוגנט־געליבטע, זיין פרוי און זיין שותפ׳טע אין זיינע גאָט־דערקענטענישן און אין זיין קאַמף קעגן דער געצנ־דינערישער וועלט. זיי האָבן צוזאַמען גע׳חלומ׳ט וועגן די קינדער און פעל־קער, וואָס וועלן פון זיי אַרויסקומען, און וועגן דער נייער וועלט, וואָס זייערע קינדער וועלן אויפשטעלן. איצט זעט זי, ווי אירע חלומות ווערן צערונען, אירע האָפענונגען פאַרשוואונדן. ניט איר זון וועט זיין אַברהמ׳ס יורש, נאָר דער זון פון איר דינסט. די האָפענונגען, וואָס האָבן זי פאַר־בונדן מיט אַברהמ׳ען, ווערן שוואַכער, און איר אָנזען ביי אַברהמ׳ען ווערט געמינערט. הגר׳ס נאַטירלעכע מוטערלעכע פרייד איז פאַר שרה׳ן געוואָרן אַ קוואַל פון קנאה און פיין.

שרה האָט אויסגעגאָסן איר ביטער האַרץ פאַר אַברהמ׳ען און אים גע־זאָגט: „איך האָב געגעבן מיין דינסט אין דיין רשות צו געבוירן פאַר דיר אַ זון, אָבער ניט צו ווערן דיין ווייב. ווי נאָר זי האָט דערפילט, אַז זי איז טראָגעדיק, האָט זי זיך אָנגעהויבן פירן, ווי זי וואָלט געווען די האַרנטע און האָט גענומען מיך גרינגשעצן״.

אַברהם האָט מיטגעפילט שרה׳ן אין איר צער. ער האָט געפּרואווט זי טרייסטן און האָט איר געזאָגט: „הגר איז נאָך אַלץ דיין דינסט, און דו קאָנסט מיט איר טאָן וואָס דו ווילסט. אירע קינדער וועלן זיין דיינע קינ־דער, און אַ יורש פון איר וועט אויך זיין דיין יורש״.

שרה האָט זיך אָבער נישט געפילט געטרייסט. זיינע רייד האָבן נאָך מער פאַרביטערט איר געמיט. זי האָט געזאָגט: „ניט הגר, נאָר דו ביסט שולדיק אין מיין טרויער. איך האָב געמעגט דערוואַרטן, אַז דו וועסט זיך איינשטעלן פאַר מיר. פאַר דיינעטוועגן האָב איך פאַרלאָזן מיין היימלאַנד, מיין פאָטער׳ס הויז און כ׳בין מיט דיר געגאַנגען אין ווייטע לענדער צווישן פרעמדע פעלקער. ווי דו, האָב איך געגלויבט און געהאָפט, אַז יהוה אונזער גאָט וועט אונז פירן און אָפּהיטן. ווען מיר זיינען געקומען קיין מצרים, האָב איך געזאָגט, אַז איך בין דיין שוועסטער, כדי עס זאָל דיר קיין שלעכטס ניט געשען. ווען כ׳האָב געזען, אַז איך קאָן דיר קיין יורש ניט געבן, האָב

איך גענומען מיין שפחה, די מיצרישע פרוי, און זי דיר געגעבן פאַר אַ ווייב. איך האָב זיך געטרייסט מיטן געדאַנק, אַז איך וועל קאָנען דערציען דיינע קינדער אין דרך־הישר און זיי צוגרייטן פאַר דיין געטלעכער שליחות. איצט באַהאַנדלט מיך הגר מיט גרינגשעצונג אין דיין קעגנוואַרט. אָ, זאָל דער אַלמעכטיקער גאָט דערזען די אומרעכט, וואָס איז געטאָן געוואָרן צו מיר. זאָל ער משפט'ן צווישן דיר און מיר, און רחמנות האָבן אויף אונז, און אומקערן דעם שלום־בית אין אונזער היים. זאָל ער אונז געבן אַ יורש פון דעם שם־ועבר־אָפּשטאַם און נישט פון די מיצרישע געצנדינער".

דער אייביקער שלום־זוכער אַברהם האָט אויף אַ שטילן און איידעלן אופן אויפמערקזאַם געמאַכט הגר'ן אויף שרה'ס צער און אַז הגר דאַרף זיך אויסהיטן נישט צו פאַרגרעסערן שרה'ס פּיין. אַברהמ'ס רייד האָבן אָבער נאָך מער צעוויטיקט הגר'ס שטאָלצע געפילן.

הגר האָט מיטגעפילט דעם פּיין פון איר האַרנטע שרה, און פאַרשטאַנען דעם געראַנגל אין אַברהמ'ס נשמה. ס'איז איר שווער געוואָרן צו פאַרנעמען שרה'ס ביטערע בליקן, און אַברהמ'ס שטילן עגמת־נפש. זי האָט דערפילט, אַז די הויז־סביבה ווערט ענג פאַר איר, זי מוז אַנטלויפן אין אַ רואיק אָרט, וואו זי וועט קאָנען געבוירן איר קינד אין אַ שטילן געמיט. זי איז אַוועק אין דעם נאָענטן מדבר, און האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ וואַסער־קוואַל.

אין פאַרצווייפלונג האָט זי איינגעדרימלט. אין חלום האָט זי דערהערט אַ שטימע איר זאָגן: „גיי צוריק צו דיין מאַן און צו דיין הויז. זע, דו ביסט טראָגעדיק און דו וועסט געבוירן אַ זון. רופן זאָלסטו אים ישמעאל".

הגר האָט געבענטשט דעם נאָמען פונעם גאָט יהוה און האָט זיך אומגעקערט צוריק צו געבוירן אַ זון פאַר אַברהמ'ען. ווען איר זון איז געבוירן געוואָרן, האָט אים אַברהם גערופן ישמעאל.[8]

גרויס איז געווען אַברהמ'ס שמחה, ווי די פרייד פון יעדן פאָטער מיט זיין ערשט־געבוירענעם זון. ער האָט געבעטן ביי גאָט: אפשר איז מעגלעך, אַז ישמעאל זאָל לעבן פאַר דיר, אפשר זאָלסטו אים בענטשן און ער זאָל איבער־נעמען מיין געטלעכע שליחות און רופן צו דער וועלט אין דיין נאָמען. ער איז דאָך מיין בכור, דער זון פון מיין פילגש, און ער איז, לויט אונזערע מנהגים, מיין געזעצלעכער יורש?

אין חלום האָט אַברהם געהערט די געטלעכע שטימע אים זאָגן: וועגן ישמעאל'ן האָב איך זיך צוגעהערט צו דיר. זע, איך האָב אים געבענטשט, און איך וועל אים מערן: צוועלף פירשטן וועלן פון אים אַרויסקומען. איך וועל אים אויך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק; פון אים וועלן אַרויסקומען אויך מלכים און פעלקער און איך וועל זיי בענטשן, אָבער מיין שליחות צו ראַ־טעווען די וועלט פון אונטערגאַנג וועט ער נישט קאָנען דורכטראָגן; און מיין אייביקן בונד, דעם בונד צווישן דעם גאָט יהוה און זיין אויסדערוויילט

פאַלק, וועל איך אויפשטעלן נאָר מיט שרה׳ס זון יצחק, מיט זיינע קינדער און קינדס־קינדער אויף אַלע דורות.[9]

אַברהמ׳ס צער האָט זיך אָבער פון אים נישט אָפּגעטאָן. ער האָט גע־זען, אַז סיי ער, סיי שרה, ווערן עלטער און קיין קינדער האָבן זיי נישט. ער איז אויך נישט געווען זיכער, צי די שטימע, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געהערט, איז געווען אַ געטלעכע, אָדער אפשר האָט גאָר דער שטן פון אים געלאַכט.

שרה האָט פאַרשטאַנען אַברהמ׳ס אומרואיקייט און פאַרצווייפלונג. זי האָט שוין לאַנג פריער געטראַכט, אַז די שטימע, וואָס זאָגט אַברהמ׳ען, אַז זי וועט נאָך געבוירן אַ יורש, איז אפשר אַ שפּיל פון שטן, וואָס לאַכט און חוזק׳ט פון זיי ביידע.[10] אויב נישט ישמעאל, בלייבט דאָך אַברהם ווידער אָן אַ יורש. האָט שרה געזאָגט צו אַברהמ׳ען:

— גיי צו מיין צווייטער דינסט קטורה, אפשר וועט זי האָבן אַ זון פון דיר, וואָס וועט יאָ ראוי זיין צו ירש׳ענען דיין געטלעכע שליחות, און איך וועל אויפגעריכט ווערן דורך איר.

קטורה האָט געשטאַמט פון די בני־חת. זי איז, ווי הגר, געבראַכט גע־וואָרן אין תרח׳ס הויז ווי אַ שקלאַפין, ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד. זי האָט זיך דערצויגן צוזאַמען מיט אַברהמ׳ען און איז אים שפּעטער געוואָרן אַן איבערגעגעבענע דינערין, און האָט תמיד באַוואונדערט אַלע זיינע מעשים. זי האָט פאַרערט איר האַר אַברהמ׳ען און אַלעמאַל געהאָפט צו ווערן זיין פילגש.

און אַברהם איז געקומען צו קטורה׳ן און זי האָט אים געבוירן אַ זון, און אַברהם האָט אים גערופן ז מ ר ן. אַברהם האָט זיך געפרייט מיט זיין זון זמרן און געהאָפט, אַז ער וועט אפשר זיין דער אמת׳ער יורש פון זיין געט־לעכער שליחות. ער האָט ווידער געבעטן ביי גאָט יהוה: אַלמעכטיקער גאָט, אויב שרה האָט נישט קיין זון און הגר׳ס זון איז נישט ראוי מיך צו ירש׳ענען, איז אפשר זאָל זמרן, דער זון פון קטורה, גיין פאַר דיר און ברענגען דיין געטלעך וואָרט צו דער וועלט.

אַברהם האָט ווידער אין חלום געהערט אַ שטימע אים זאָגן: זע, איך האָב אויך קטורה׳ן געבענטשט, און זעקס פירשטן וועלן פון איר אַרויס־קומען. פון זיי וועלן אַרויסקומען גרויסע פעלקער און איך וועל זיי בענטשן, אָבער מיין אייביקן בונד, דעם בונד צווישן גאָט יהוה און דעם פאַלק, וואָס וועט זיין וויליק צו שליחות׳ן אויסצולייזן די וועלט, וועל איך אויפשטעלן נאָר מיט די קינדער פון שם־עבר־שטאַם. מיט דעם זון, וואָס שרה וועט געבוירן, און מיט זיינע קינדער לדור־דורות, וועל איך שליסן אַ בונד.

קטורה האָט געבוירן נאָך פינף זין צו אַברהמ׳ען און ער האָט זיי גע־רופן: יקשן, מדן, מדיך, ישבק און שוח[11].

און אַברהם און שרה האָבן ווידער געוואָרט און געהאָפט, אפשר וועט דער אַלמעכטיקער אויף זיי זיך מרחם זיין.

אַברהמ׳ס פיינלעכע אַנטוישונגען געבענטשט צו ווערן מיט אַ גייסטיקן יורש זיינען נאָך פאַרגרעסערט געוואָרן מיט זיינע אומדערפאָלגרייכע באַמיאונגען איינצושטעלן אמתע אחדות אין די רייען פון זיין מחנה.

אין דער יונגער עברים־מחנה זיינען אַלעמאָל געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט באַפרייט פון זייערע געצנדינערישע געוואוינהייטן. אַ סך פון די גרים זיינען נאָך געווען אַנגעזאָפּט מיטן גייסט פון פרעמדע געטער און פרעמדע קולטורן. זיי האָבן זיך נישט געלאָזט אַזוי גרינג באַאיינפלוסן פון די אָפּגעהיטענע און איינגעהאַלטענע מידות פון די יהוה־געבאָטן. די יוגנט אין דער עברים־מחנה האָט נאָך נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו שלאָגן טיפע וואָרצלען אויף דער נייער עברים־ערד און אין איר נייעם לעבנס־שטייגער. ס׳האָט זיי געצויגן צום מדבר־לעבן. ווידער איז אין דער מחנה אַנטשטאַנען אַן אומצופרידענע מורמלעריי, וואָס האָט אַרויסגערופן אומרו צווישן דער יוגנט און געבראַכט אַברהמ׳ען שווערע טעג פון פּיין. צוערשט איז דאָס געווען דער פאַל פון אַברהמ׳ס קריג מיט זיין ברודער׳ס זון לוט און זיינע נאָכפאָלגער. שפּעטער האָט זיך אין דער מחנה צעוויגט די מורמלעריי וועגן דעם נגב־לאַנד; און איצט זיינען צו אַברהמ׳ען דערגאַנגען טענות און מורמלערייען וועגן די עברים־יום־טובים אין פאַרגלייך מיט די גרויסע יום־טוב־צערעמאָניעס און פייערונגען, וואָס די אַרומיקע געצנדינערישע פעלקער פירן־דורך אַרום זייערע מזבחות, בשעת זיי זיינען מקריב אַלערליי קרבנות ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

אין שכם האָט די מחנה געזען אַ גראַנדיעזע פייערונג לכבוד דעם גאָט ב ע ל: אַ גרויסער עולם האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַרום אַ שטיינערנעם מזבח. כנעני׳שע פּריסטערס האָבן אַנגעצונדן אַ גרויס פייער און די פלאַמען האָבן זיך געצויגן הויך צו די הימלען. אַ גאַנצע נאַכט האָבן אַרום דעם צעפלאַקערטן פייער געזונגען און געטאַנצט יונג־און־אַלט אונטער די טענער פון פלייטן און האַרפן, וואָס האָבן צעשטורעמט זייערע לייבער. די נאַכט האָט זיך געענדיקט מיט אַ וואַקכאַנאַליע פון צעלאַזנקייט און זינד. ביים זונאויפגאַנג האָבן די פּריסטערס געשאַכטן אַן אָקס און דאָס בלוט צעשפּרענקלט אויף אַלע פיר זייטן פון מזבח. דאָס פלייש האָבן זיי געדעמפּט אין דעם אייגענעם פעטס און בלוט, און אַלע האָבן געגעסן דאָס פלייש מיטן בלוט.

אין גרר האָבן די יונגע עברים צוגעזען ווי געצנדינערישע פּריסטערס האָבן מקריב־געווען אַ יונג ציגעלע צו בעל׳ס ווייב, די געטין אַנאַט. דאָ זיינען אויך דורך דער נאַכט דורכגעפירט געוואָרן זינדיקע מעשים, און ווען די ערשטע שטראַלן פון דער זון זיינען אַרויסגעקומען פון אונטער די בערג, האָבן זיי געשאַכטן דאָס יונגע ציגעלע און עס געקאָכט אין דעם מילך פון זיין מוטער. בשעת־מעשה האָבן זיי אונטער דער באַגלייטונג פון פּויקן, פלייטן

און טאַנצן, געטאַנצט און געזונגען אַ ליבּ צו דער געטין אַנאַט פאַר אירע העלדישע מעשים אין די מלחמות מיט אירע שונאים:

און אַ, אַנאַט שטרייט מיט שטורעם,
זי טויט די זין פון די צוויי שטעט,
זי פירט אַ קריג מיט די פעלקער פון ים־ברעג (מערב),
זי ברענגט־אום די מענטשהייט פון זון־אויפגאַנג (מזרח).

אונטער איר פליען קעפּ, ווי רויב־פייגל,
איבער איר פליען הענט, ווי היישעריקן,
זי בראָדזשעט איבער די קני אין בלוט פון העלדן,
איבערן האַלדז אין פאַרגליווערטן בלוט פון די קריגער.
זי האָט זיך געשלאָגן מיט קראַפט
אין קריג מיט די זין פון די צוויי שטעט,
זי האָט געוואָרפן שטולן אויף די זעלנער,
טישן אויף די אַרמייען, פוס־שטולן אויף די קריגער.
זי קעמפט לאַנג און קוקט,
מאָרדעט און האַלט די אויגן אָפן,
אַנאַט׳ס לעבער קוועלט־אָן פון געלעכטער,
איר האַרץ איז פול מיט פרייד,
ווייל אין די הענט פון אַנאַט איז זיג.
זי בראָדזשעט איבער די קני אין פאַרגליווערט זעלנער־בלוט,
איבערן האַלדז אין פאַרגליווערט זעלנער־בלוט,
ביז זי איז איבערגעזעטיקט.
זי שלאָגט זיך אין פאַלאַץ,
קעמפט צווישן די טישן.
זי וואַשט דערנאָך אירע הענט אין בלוט פון די זעלנער,
אירע פינגער אין פאַרגליווערט בלוט פון אַרמייען.[13]

נאָך דער תפילה האָבן אַלע מתפללים געגעסן דאָס ציגעלע, וואָס איז געווען געקאָכט אין דעם מילך פון זיין אייגענער מוטער.

אין גושן (מצרים) האָבן די יונגע עברים געהאַט אַ געלעגנהייט צוצוזען אַ ריטואַל, ווי פּריסטערס האָבן אָפּגעשניטן קלענערע און גרעסערע טיילן פון דעם מענלעכן אָרגאַן פון יונגע מענער אין פאַרשיידענעם עלטער און די טיילן מקריב־געווען צו זייערע געטער פון פּרוכטבאַרקייט.[15] דערביי האָבן זיי דורכגעפירט לוסטיקע פייערונגען.

אַבֿרהם האָט פאַרשטאַנען, אַז ס׳זיינען דאָ ערנסטע סיבות פאַר די אָפּטע אויפּבּרויזן פון דער הייס־בלוטיקער מדבר־יוגנט אין זיין מחנה. ער האָט באַגריפן, אַז לויט דער נאַטור פונעם מענטשן, איז פאַר אים אוממעגלעך איבערצוגיין פּלוצלונג פון איין עקסטרעם צו אַ צווייטן און ס׳איז שווער פאַר אַ מענטשן אויפצוגעבן מיטאַמאָל אַלע זיינע אַלטע געוואוינהייטן.[16] די בייזע גרים האָבן נאָך נישט געהאַט פאַרגעסן מיט וואָס פאַר אַ פרייד און ענטוזיאַזם זייערע עלטערן האָבן מקריב־געווען קרבנות צו זייערע געטער,

און די התלהבות פון די גרויסע פייערונגען און פאַרשטעלונגען, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן בעת די פריסטערס האָבן געברענט דעם קרבן. זיי האָבן פאַרלאַנגט פון אַברהמ'ען מער פייערלעכקייט, מער צערעמאָניאַל; נישט סתם גייסטיקע רייד אַרום מזבח וועגן אַן אומזעבאַרן גאָט, נאָר פּראַקטישע מעשים, הייליקע קרבנות, וואָס זאָלן אויפהויבן זייער געמיט און באַווייזן זייער אָפּ־פּערווייליקייט פאַר דעם גאָט יהוה.

אַברהם האָט אָנגעהויבן איינזען, אַז פאַר די נאָך־נישט־איינגעוואָרצלטע גרים איז געווען גרינגער צו באַנעמען אַ פּרימיטיוון געטער־קולט פון קרבנות און בלוט־פאַרגיסונג, ווי אויפצונעמען אַבסטראַקטע געדאַנקען פון אַן אומזע־באַרן איינציקן גאָט, פון „אחד״־אידייען און פון צדק און יושר־געבאָטן. די יונגע גרים בענקען נאָך זייערע יוגנט־געוואוינהייטן און מ'קאָן נישט דער־וואַרטן, אַז זיי זאָלן זיך מיט איינמאָל באַפרייען פון זיי און זיך צוגעוואוינען צו נייע, פאַר זיי פרעמדע, מנהגים. מ'קאָן אָבער זייערע געוואוינהייטן פאַר־קערעווען אויף אַ הייליקן וועג, נאָכגעבן טיילוויז די אַלטע פאָרמען פון זייערע ריטואַלן, נאָר אין זיי אַריינלייגן אַ נייעם תוכן.

אַברהם האָט שלום־געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז ער וועט מוזן איינגיין אויף פּשרות און איינפירן אין זיין מחנה יום־טוב'דיקע צערעמאָניאַלן, עקזאַל־טירטע ריטואַלן, וואָס זאָלן געבן דער יוגנט אַ געלעגנהייט זיך צו באַפרייען פון איר געצאַמטער ענערגיע. די ריטואַלן מוזן אָבער זיין אין גייסט פון הייליקע אידייען און מיט זיך פאַרשטעלן דעם הייליקן בונד צווישן גאָט יהוה און זיין עברים־פאָלק אויף דור־דורות.

אין חלום האָט אַברהם געהערט אַ קול אים זאָגן:

— איך בין דער אַלמעכטיקער גאָט יהוה, גיי פאַר מיר און פאַרשפּרייט רעכט און גערעכטיקייט, און איך וועל פאַרשניידן מיין בונד מיט דיר און מיט דיינע קינדער נאָך דיר אויף דורות, פאַר אַן אייביקן בונד צו זיין אייער גאָט. דו און דיינע קינדער און קינדס־קינדער זאָלן אָבער אָפּהיטן מיין בונד. איך וועל דיך פרוכפּערן זייער און זייער, אַ סך פעלקער און מלכים וועלן אַרויס־קומען פון דיר. מיין בונד וועל איך אָבער פאַרשניידן נאָר מיט דיר און מיט דיינע קינדער נאָך דיר אויף דור־דורות. אַלס סימן פון מיין בונד, וואָס איר זאָלט היטן, זאָל ביי אייך גע'מל'ט ווערן איטלעכער מאַנספּאַרשוין. איר זאָלט גע'מ'לט ווערן אין דעם פליש פון אייער פאַרהויט, און דאָס וועט זיין אַ צייכן פון אַ בונד צווישן מיר און צווישן אייך. צו אַכט טעג זאָל גע'מל'ט ווערן יעדער מאַנספּאַרשוין, און מיין בונד זאָל זיין אין אייער פליש פאַר אַן איי־ביקן בונד.[15]

ווען אַברהם האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט ער זיך לכתחילה דערשראָקן. ער איז נישט געווען זיכער, צי דאָס איז געווען אַ געטלעך קול, אָדער אַ קול פון שטן, וואָס רעדט אים צו צו פאַרגיסן בלוט. אַן אינערלעכע שטימע האָט אים אָבער געזאָגט: דאָס איז ניט קיין בלוט־פאַרגיסונג צו

ברענגען טויט, נייערט אַ צייכן פון געבורט, פון לעבן, אַ צייכן פון אַ בונד צווישן גאָט און מענטש.

אַברהם האָט איינגעלאַדן די עלטסטע פון זיין אייגענער מחנה און די עלטסטע פון זיינע פאַרבינדעטע אַמורי־שבטים ממרא, אשכול און ענר און זיי אַזוי געזאָגט: ווי אַ צייכן פון אייניקייט צווישן אונזערע שבטים און ווי אַ צייכן פון אַ בונד צווישן גאָט יהוה מיט זיין אויסדערוויילט פאָלק, וועלן מיר פייערן אַ גראַנדיעזן פאָלקס־יום־טוב. יעדער מאַנספאַרשוין, וואָס וועט אין יענעם טאָג דערקענען דעם איין־איינציקן אַלמעכטיקן גאָט, וועט ברענגען זיין אייגן בלוט ווי אַ קרבן אויפן מזבח פון גאָט יהוה. ער וועט פאַרשניידן דאָס פלייש פון זיין פאָרהויט. דאָס וועט אים הייליקן און אים ברענגען אונטער די פליגלען פון גאָט פון די עברים.

ענר האָט אָפּגערעדט אַברהמ׳ען פון זיין פּלאַן. ער האָט אים געזאָגט: דו אַליין ביסט שוין צו־שוואַך דורכצומאַכן אַזאַ אָפּעראַציע, און דו וועסט נאָך אַרויסרופן דעם ווידערווילן פון דער יוגנט און זיי פאַרשאַפן אומזיסטע ווייטיקן.

אשכול האָט אויך אָפּגערעדט אַברהמ׳ען פון זיין נייעם „פאָלקס־צייכן“. ער האָט אים דערמאָנט, אַז ער איז אַרומגערינגלט מיט שונאים; זיי קאָנען נאָך אויסנוצן די צייט, ווען די מענער וועלן זיין קראַנק, און באַפאַלן די עברים־מחנות.

ממרא׳ן, דאַקעגן, איז שטאַרק געפעלן געוואָרן דאָס פאַרשניידן אַ בונד צווישן דעם גאַנצן פאָלק מיט דעם גאָט יהוה דורך אַזאַ גוף־צייכן. ער האָט געזאָגט צו אַברהמ׳ען: דאָס פאַרגיסן דאָס אייגענע בלוט וועט נישט נאָר באַווייזן אַלע געצנדינער די גרויסע אָפּפערווילִיקייט פון די עברים־מחנות צו זייער גאָט יהוה, נאָר ס׳וועט אויך שטאַרקן דעם מוט פון דער עברים־יוגנט. דאָס וועט זי נאָך מער צובינדן צו איר פאָלק און צו איר גאָט. האָב נישט קיין מורא, אַברהם, פאַר אויסערלעכע שונאים. דער גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגעראַטעוועט פון קאַלד־אויוון, פון דעם אָנפאַל פון כדרלעומר׳ן און פון פרעה׳ן, וועט דיר אויך איצט ביישטיין קעגן אַלע דיינע שונאים.[16]

אַברהם האָט איינגעזאַמלט דאָס גאַנצע פאָלק אַרום דעם באַרג וואו ס׳איז געשטאַנען דער הייליקער מזבח, פון וועלכן ער האָט גערופן אין נאָמען פון דעם גאָט יהוה. אין יענעם טאָג האָט די „אחד“־מחנה געפייערט דעם יום־טוב פון דעם בונד, וואָס אַברהם האָט געשלאָסן מיט זיין גאָט. ס׳איז געווען אַ יום־טוב פון פרייד: פויקן און האַרפן האָבן געשפּילט, די יוגנט האָט געזונגען און געטאַנצט און דאָס גאַנצע פאָלק איז געווען אין גרויס התלהבות און זיך געבוקט צו דעם איינציקן גאָט און זיין נביא אַברהם. ווען די בלוטן פון די גרים האָבן זיך צעוואָרעמט, האָבן זיי געבראַכט אַ לאַם, אָנגעצונדן אַ פייער אויפן מזבח און זיינען געווען גרייט מקריב־צו־זיין צו דעם גאָט פון אַברהם.

אַברהם האָט זיי אָפּגעהאַלטן און מיט פאָטערלעכער ליבע צו זיי אַזוי געזאָגט:

דער גאָט יהוה וויל נישט און דאַרף נישט קיין קרבנות און אים איז דערווידער דאָס פאַרגיסן בלוט פון לעבעדיקע באַשעפענישן. דער אַלמעכ־טיקער גאָט יהוה וויל אייך אַליין, דאָס בלוט פון אייער אייגן לייב אַלס סימן פון אייער אָפּפערווייליקייט צו טאָן זיין ווילן. אַ געטלעכע שטימע האָט מיר באַפוילן אייך אַזוי צו זאָגן: „אַלס צייכן פון מיין בונד זאָל ביי אייך געמל׳ט ווערן איטלעכער מאַנספאַרשוין. און מיין בונד זאָל זיין אין אייער פלייש פאַר אַן אייביקן צייכן. דער וואָס וועט זיך ניט מל׳ן, זאָל פאַרשניטן ווערן פון זיין פאָלק..."[17]

נישט אַלע פון דער מחנה זיינען געווען גרייט פאַר אַזאַ זעלבסט־קרבן, און אַברהם האָט גענומען זיין זון ישמעאל און אַלע זיינע הויז־געבאָרענע דינער און אַלע זיינע געקויפטע פאַר געלט, יעטוועדן מאַנספאַרשוין צווישן די הויזלייט פון אַברהמ׳ען, און ער האָט געמל׳ט דאָס פלייש פון זייער פאָר־הויט אין דעם דאָזיקן אייגענעם טאָג.

אָט־דער מילה־קרבן האָט שטאַרק אויפגעהויבן דאָס אַחדות־געפיל אין דער מחנה. מיט זייער אייגן בלוט האָבן זיי פאַרצייכנט זייער אייניקייט. אַלע געמל׳טע האָבן זיך געפילט ווי איין גרויסע משפחה, אויסדערוויילט פון דעם איינציקן גאָט צו ברענגען אחדות און שלום צו דער וועלט.

נאָך דער מילה־פייערונג האָט אַברהם ווידער גע׳טענה׳ט צו גאָט:

— אַלמעכטיקער גאָט. דו האָסט נאָר־וואָס געשלאָסן אַן אייביקן בונד מיט מיר, מיט מיינע קינדער און קינדס־קינדער אויף אייביקע דורות. דו קאָנסט מיך אָבער נישט בענטשן און שטראָפן אין דערזעלבער צייט. הגר׳ס זון ישמעאל, מיין בכור, איז נישט ראוי מיך צו ירש׳ענען; קטורה׳ס זון, זמרן, מיין צווייטער זון, וועט נישט וועלן מיך ירש׳ענען; און שרה האָט נאָך נישט געבוירן קיין זון, טאָ ווער וועט אויספירן דעם אייביקן בונד, וואָס מיר האָבן נאָר־וואָס אויף אַזאַ פייערלעכן אופן געשלאָסן?

גאַנצע זיבן יאָר האָבן נאָך אַברהם און שרה געדאַרפט וואַרטן, ביז גאָט וועט זיך אויף זיי מרחם־זיין. דער טאָג איז ענדלעך געקומען.

אין איינעם פון אַברהמ׳ס זיסע חלומות, האָט ער ווידער געהערט די געטלעכע שטימע צו אים רעדן: „גאָט האָט געבענטשט שרה׳ן, און זי וועט אין פאַרלויף פון אַ יאָר געבוירן אַ זון צו אַברהמ׳ען. זיין נאָמען זאָל זיין יצחק, ווייל די גאַנצע וועלט וועט זיך פרייען מיט אים."[18]

ווען יצחק איז געבוירן געוואָרן, האָט אַברהם אים גע׳מל׳ט צו אַכט טעג, אַזוי ווי גאָט האָט אים באַפוילן. ווען יצחק איז אָנטווינט געוואָרן, האָט אַברהם געמאַכט אַ גרויסע סעודה. ער האָט צעעפנט אַלע טירן פון זיין גרויסן גאָרטן, האָט איינגעלאַדן אַ גרויסע צאָל פון זיינע אייגענע מחנות און פון די דורכוואַנדערנדיקע געסט, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך מיטגעפרייט מיט

אַברהמ׳ען און שרה׳ן אין זייער גרויסער שמחה, וואָס גאָט האָט זיך אויף זיי דערבאַרעמט.

***

אַברהמ׳ס אַלע זין האָבן זיך דערצויגן אונטערן איינפלוס פון זייערע אייגענע מוטערס, און האָבן גאַנץ פרי אַרויסגעוויזן סימנים פון דריי גאַנץ פאַרשיידענע נייגונגען.

שרה האָט געכאָוועט איר אויסגעוויינטן זון יצחק מיט צאַרטער מוטער־לעכער ליבע און מיטן באַוואוסטזיין, אַז זי דאַרף אים צוגרייטן איבערצונעמען די פירערשאַפט פון דער עברים־מלוכה און ירש׳ענען די געטלעכע שליחות פון אַברהמ׳ען. זי האָט אים דערצויגן אין גייסט פון דער שם־ועבר־טראַדי־ציע פון גייסטיקער דערהויבנקייט און שיינע מידות.

הגר האָט אויך דערצויגן איר זון ישמעאל מיט מוטערלעכער ליבע און מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט זיין דער פאָטער פון פיל פעלקער. הגר האָט געשטאַמט פון מצרים און האָט דערצויגן איר קינד אין גייסט פון די מיצרים און אים געלערנט, ווי צו אַנטוויקלען קערפּערלעכע שיינקייט און גבורה, ווי צו זיין פלינק מיט פייל־און־בויגן. זי האָט אָבער קיינמאָל נישט אויפ־געגעבן די האָפענונג, אַז ישמעאל וועט ירש׳ענען אַברהמ׳ען.

קטורה האָט געשטאַמט פון די חיתים און האָט דערצויגן איר עלטסטן זון זמרן אין גייסט פון די בני־חת. זי האָט אים געלערנט ווי אַנצוגיין מיט תכסיסי־מלחמה און געהאַפט, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ העלדישער קריגס־פירער. זי האָט אויך נישט אויפגעגעבן די האָפענונג, אַז זמרן וועט סוף־כל־סוף ירש׳ענען אַברהמ׳ס טראָן.

די דריי ברידער האָבן נישט אַלעמאָל געלעבט בשלום צווישן זיך. לכתחילה זיינען דאָס געווען קינדערישע שפּילערייען און די ברוגז׳ע ברי־דער האָבן זיך גיך איבערגעבעטן. ביסלעכוויז זיינען אָבער די שפּאָסן פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין ערנסטע קריגערייען. ס׳האָט זיך אַנטוויקלט ביי זיי אַ קנאה־שנאה וועגן אַברהמ׳ס פאָטערלעכער ליבע.

יצחק האָט גע׳טענה׳ט, אַז ער איז מער באַליבט ביי זייער פאָטער, ווייל אים האָט מען גע׳מל׳ט צו אַכט טעג, לויטן געטלעכן געבאָט.

ישמעאל האָט געענטפערט יצחק׳ן, אַז ער איז מער אָנגעזען ביי זייער פאָטער, ווייל אים האָט מען גע׳מל׳ט, ווען ער איז שוין געווען דרייצן יאָר אַלט און געהאַט אַ ברירה זיך נישט צו לאָזן.

זמרן איז געוואַקסן ריזיק און קרעפטיק און האָט געמיינט, אַז צוליב זיין העלדישקייט איז ער פון גאָט אַליין באַשאַפן געוואָרן צו זיין דער פירער פון זיין שבט.

די קינדערישע רייד זיינען שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מעשים: גאַנץ אָפט האָט ישמעאל געצילט מיט זיין פייל־און־בויגן אין דער ריכטונג

פון יצחק׳ן, און זמרן האָט אַרויסגערופן זיין שוואַכערן ברודער יצחק זיך צו פאַרמעסטן אין כוחות.

אַט־די קינדערשע רייד און שפּילערייען האָבן גורם־געווען אַן ערנסטע צעטיילונג אין אַברהמ׳ס משפּחה, און צעטיילט דאָס גאַנצע עברים־פאָלק אין דריי קריגערישע מחנות. עס האָבן זיך אויסגעטיילט דריי באַזונדערע צדדים אַרום אַברהמ׳ס דריי פרויען און זייערע קינדער, אַברהמ׳ס דריי פּרינצן.

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן מורמלערייען און קריגערייען, דאָס מאָל אַרום דער פראַגע, ווער ס׳איז אַברהמ׳ס געזעצלעכער יורש. אַברהם האָט אָנגענומען פאַרשיידענע מיטלען אָפּצושטעלן דעם ברודער־קריג אין דער מחנה, אָבער וואָס ווייטער איז דער קריג נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן.

אַברהם האָט פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז געקומען די צייט, אַז ער זאָל פאַר זיינע זין, פאַר דעם עברי־פאָלק און פאַר דער גאַנצער וועלט פעסטשטעלן ווער ס׳איז זיין געזעצלעכער יורש, וואָס וועט איבערנעמען די געטלעכע שליחות און פאַרשפּרייטן דעם נאָמען פון אַלמעכטיקן גאָט יהוה און זיינע גערעכטע געבאָטן.

ער האָט צונויפגעזאַמלט דאָס גאַנצע פאָלק אַרום זיין הייליקן מזבח און צו זיי אַזוי גערעדט: „אין חלום האָב איך געהערט אַ געטלעך קול, וואָס האָט מיר געזאָגט, אַז: פון די קינדער פון ישמעאל און זמרן וועלן אַרויסקומען גרויסע פעלקער און מלכים, אָבער זיי וועלן נישט האָבן דעם ווילן צו טראָגן אויף זיך דעם שווערן יאָך פון וועלט־דערלייזערס און וועלן נישט האָבן דעם מאָראַלישן כח אויסצושטיין אַלע יסורים, וואָס אַזאַ געטלעכע שליחות וועט אויף זיי ברענגען. דאָס קול האָט מיר ווייטער געזאָגט: זיי וויסן, אַז דיין לעבן פון אַרומוואַנדערונגען און פאַרפאָלגונגען, און שווערן געראַנגל מיט די געצנדינער, איז בלויז אַ פאַרשפּיל, אַ ביישפּיל פון דעם לאַנגן און ביטערן קאַמף, וואָס דיינע קינדער און קינדס־קינדער וועלן דורכגיין ביזן טאָג פון דער וועלט־גאולה. נישט הגר׳ס קינדער, און אויך נישט די קינדער פון קטורה׳ן, וועלן האָבן דעם גייסטיקן כח זיך אַנטקעגנצושטעלן דער גאַנצער זינדיקער וועלט. נאָר די קינדער, וואָס וועלן אַרויסקומען פון שרה׳ן, וואָס שטאַמט פון אַן אויספּרובירטער קייט פון שם־עבר־דורות, וועלן מיט זייער בטחון אין גאָט און זייער ליבע פאַר גערעכטיקייט קאָנעןביישטיין אַלע שטרויכלונגען, כל׳ערליי רדיפות און וועלן אָנצינדן דאָס ליכט, וואָס וועט ווייזן אַלע פעלקער דעם וועג צו גאָט. נאָר מיט די קינדער פון יצחק׳ן וועל איך אויפשטעלן מיין אייביקן בונד״.

וַיְהִי אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וְהָאֱלֹהִים נִסָּה אֶת־אַבְרָהָם
וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַבְרָהָם וַיֹּאמֶר הִנֵּנִי׃ וַיֹּאמֶר קַח־נָא אֶת־
בִּנְךָ אֶת־יְחִידְךָ אֲשֶׁר־אָהַבְתָּ אֶת־יִצְחָק וְלֶךְ־לְךָ אֶל־אֶרֶץ
הַמֹּרִיָּה וְהַעֲלֵהוּ שָׁם לְעֹלָה עַל אַחַד הֶהָרִים.

און עס איז געווען נאָך די דאָזיקע געשעענישן, האָט גאָט געפּרוּווט אַברהמ׳ען און האָט צו אים געזאָגט: אַברהם! האָט ער געענטפערט: דאָ בין איך. האָט ער געזאָגט: נעם דיין זון, דיין איינאיינציקן, וואָס דו האָסט ליב, יצחק׳ן, און גיי דיר אינעם לאַנד מוריה, און ברענג אים אויף דאָרטן פאַר אַ בראַנדאָפּפער אויף איינעם פון די בערג.

(בראשית, כ״ב, א׳)

טז

אַברהם פּרוּבירט־אויס נאָכאַמאָל זיין בטחון אין גאָט יהוה

אַברהם האָט געהאָט אַ גוטע עלטער. כמעט אַלע זיינע יוגנט־חלומות זיינען מקויים געוואָרן: ער האָט באַזיגט נמרוד׳ן און צעבראָכן זיינע געטער; ער האָט דערקענט די איין־איינציקייט און אַלאַרומנעמענדיקייט פון דעם אַלמעכטיקן גאָט יהוה; ער האָט אויפגעשטעלט אַ ניי עברים־פאָלק, וואָס האָט אויף זיך גענומען די התחייבות צו ברענגען גאָט׳ס געבאָטן פון צדק און יושר צו אַלע פעלקער אין אַלע דורות; שרה האָט אים געבוירן דעם גייסטיקן יורש, וואָס זאָל אָנהאַלטן דעם אייביקן בונד מיט גאָט און טראָגן ווייטער זיין געטלעכע שליחות; דאָס נייע עברים־פאָלק האָט זיך סוף־כּל־סוף באַזעצט אויף לאַנד און פאַרוואַנדלט דאָס פאַרוויסטע נגב־לאַנד אין בליענדיקע ישובים; די ערשטע שפּראָצונגען פון זיין געטלעכער נבואה וועגן אַן אויסדערוויילט פאָלק אין אַ הייליקן לאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן.

אַברהם האָט זיך גענומען גרייטן פאַרן טאָג, ווען יצחק וועט איבערנעמען זיינע פּאַטריאַרכאַלישע פליכטן און ווערן דער פירשט פון דעם נייעם עברים־לאַנד. אַברהמ׳ס וואונטש איז געווען, אַז יצחק זאָל איבערנעמען די פירערשאַפט איבערן יונגן עברים־פאָלק נאָך ביי זיין לעבן. ער האָט געהאָפט, אַז יצחק וועט, ווי אַ יונגערמאַן, בעסער פאַרשטיין די מענטשן פון זיין דור, בעסער באַגרייפן די שטרעמונגען און פאַרלאַנגען פון דער יוגנט, וואָס האָט נישט מיטגעמאַכט דעם שווערן וואַנדער־וועג, און ער וועט בעסער קאָנען

צוזאַמענהאַלטן די פאַרשיידענע עלעמענטן אין דער מחנה און צעמענטירן די אַחדות פונעם יונגן עברים־פאָלק.

איבערן גאַנצן לאַנד פון נגב האָט מען זיך געגרייט צו גרויסע פייערונגען לכבוד דעם יונגן פרינץ יצחק. אַברהם האָט פאַר אים געמאַכט אַ גרויסע סעודה, צו וועלכער ער האָט איינגעלאַדן פירשטן און פרינצן פון גאַנצן לאַנד און פאַר זיי פאַרגעשטעלט זיין יורש־עצר. יצחק האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט די קומענדיקע הערשער פון די שכנ׳ישע לענדער, מיט וועלכע ער וועט שפּעטער דאַרפן פאַרהאַנדלען מלוכה׳שע ענינים.

דער גרויסער יום־טוב האָט אַרויסגערופן פרייד און דערהויבונג צווישן יצחק׳ס אָנהענגער, אָבער האָט אין דערזעלבער צייט אַרויסגערופן קנאה־שנאה צווישן די נאָכפאָלגער פון די פילגשים־פרינצן. אויך אליעזר, אַברהמ׳ס געטרייער דינער, האָט געהאַט אַ צד אין דער מחנה, וואָס האָט געהאַלטן, אַז ער איז אַברהמ׳ס אמת׳ער יורש. אליעזר איז דאָך געווען דער געשעפט־פאַרוואַלטער פון אַברהמ׳ס אַלע אונטערנעמונגען און איז אַלעמאָל געשטאַנען אין נאָענטער פאַרבינדונג מיטן גאַנצן פאָלק. ער איז אויך געווען שטאַרק באַליבט צווישן אַלע צדדים אין דער מחנה. אַברהם אַליין האָט אים יאָרנלאַנג באַטראַכט ווי זיין געזעצלעכן יורש, און אליעזר האָט געהאָפט, אַז ער וועט אויך זיין אַברהמ׳ס גייסטיקער יורש.

ס׳האָט אויסגעבראָכן אַ נייע צערודערונג אין פאָלק. דאָס מאָל זיינען אַלע פיילן געווען געצילט קעגן יצחק׳ן. די הויפּט־טענה איז געווען, אַז דערווייל האָט זיך נאָך יצחק מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט, נישט פאַר זיין פאָלק און נישט פאַר זיין גאָט, אַז ער זאָל זאָל זיין ראוי צו אַברהמ׳ס פירשטלעכן טראָן. די פרינצן פון די שכנ׳ישע פעלקער ברענגען גרויסע קרבנות פאַר זייערע געטער און פאַר זייערע פעלקער. זיי זיינען אַפילו מקריב זייערע ערשט־געבאָרענע קינדער, און מיטן וואַרעמען בלוט „הייליקן" זיי דאָס פאָלק. מ׳האָט אויך אויפגעוואָרפן אַברהמ׳ען, אַז צו דער גרויסער סעודה, וואָס ער האָט געמאַכט לכבוד יצחק׳ס געבורטסטאָג, האָט ער איינגעלאַדן אַלע פירשטן און שררים און זיי מכבד־געווען מיט כל־טוב, אָבער פאַר זיין גאָט יהוה האָט ער אַפילו קיין יונגע טויב נישט מקריב־געווען. ער האָט פאַרשאַפט אַ סך פרייד פאַר זיך, פאַר שרה׳ן און פאַר זייער יורש יצחק, אָבער אין זיין גאָט האָט ער פאַרגעסן...

די נייע מורמלערייען האָבן אויפסניי צערודערט אַברהמ׳ס געמיט. ער האָט שוין אָנגעהויבן צווייפלען, צי ער וועט ווען־עס־איז קאָנען קלאָר מאַכן זיינע געטלעכע אידייען צום ערב־רב, וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין זיין מחנה. ער האָט נישט געזען קיין סוף צו די אָפּטע „טענות־ומענות", וואָס ברעכן־אויס צווישן די יונגע גרים.

אַברהם האָט אָבער איינגעזען, אַז אין די טענות פון די אומצופרידענע

זיינען דאָ שפּורן פון אמת. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז די סעודה, וואָס ער האָט געמאַכט לכבוד יצחק׳ס געבורטסטאָג, איז באמת געווען אַן אויסדרוק פון פּערזענלעכער פרייד. ער און שרה זיינען גליקלעך געווען, וואָס זייער לעבנסלאַנגער חלום איז פאַרווירקלעכט געוואָרן — אַ שמחה, וואָס דערפרייט די הערצער פון אַלע עלטערן. אַברהם האָט געזאָגט שטילע תפילות און געדאַנקט דעם אַלמעכטיקן גאָט פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט מיט אים געטאָן. ער האָט אָבער גאָרנישט געטאָן, וואָס זאָל דינען זיינע „אחד"־וועלט־אידייען; קיין זאַך נישט, וואָס זאָל האָבן באַוויזן זיין אָפּפערווילקייט פאַר דעם גאָט יהוה; גאָרנישט, וואָס זאָל גרייט־מאַכן יצחק׳ן צו ברענגען קרבנות פאַר דער געטלעכער שליחות, וואָס ער דאַרף איבערנעמען; ער האָט נישט געטאָן קיין שום זאַך, וואָס זאָל מאַכן אַ רושם אויף זיין אייגן פאָלק און אויף די פעלקער פון דער וועלט.

אַברהם האָט זיך גענומען גרייטן צו אַ גרויסן צווייפאַכיקן יום־טוב. ראשית, זאָל דאָס זיין אַ טאָג, ווען צום ערשטן מאָל זאָל פון באר־שבע, די נייע הויפּט־שטאָט פון דעם נייעם עברי־לאַנד, אויסגערופן ווערן די איינציקייט און אַלמעכטיקייט פון דעם גאָט יהוה, און די גערעכטיקייט פון זיינע געבאָטן; שנית, זאָל אין דעם טאָג יצחק געקרוינט ווערן, ווי דער נייער פּאַטריאַרך פון זיין שבט און דער פירשט פונעם נייעם עברים־פאָלק. דער יום־טוב זאָל זיין אַזוי פייערלעך און איינדרוקספול, אַז עס זאָל לדור־דורות בלייבן אין זכרון פון דער וועלט, אַז גאָט האָט אויסדערווילט יצחק׳ן און זיינע קינדער צו זיין די טרעגער פון אַ געטלעכער שליחות און די וועג־ווייזער צו אַ וועלט־גאולה. אַברהם האָט געוואָלט געווינען די הערצער פון גאַנצן פאָלק פאַר דעם גרויסן הייליקן יום־טוב. אַברהם האָט פאַרשטאַנען די אומצופרידנקייט פון זיינע יונגע גרים. זיי זיינען צו אים געקומען פון פאַרשיידענע שבטים און פאַרשיידענע לענדער. זיי זיינען דערצויגן געוואָרן מיט אַ קינדער׳שן גלויבן אין אַלערליי פאַלשע געטער; זיי זיינען געוואוינט צו זען פייערלעכע ריטואַלן מיט מזבחות, קרבנות, טענץ און געזאַנג. אַברהם האָט באַשלאָסן נאָכצוגעבן טיילווייז דער יוגנט און אין דעם טאָג פון דער גרויסער פאָלקס־פייערונג מקריב־צו־זיין אַ שעפּס אויף דעם מזבח פון גאָט יהוה און דערמיט דערנענטערן די יונגע גרים צום אמת׳ן לעבעדיקן גאָט.

די צעפלאַמטע מדבר־יוגנט האָט אָבער פּרובירט באַווען אַברהמ׳ען צו מאַכן דעם יום־טוב אַזוי פייערלעך, ווי ס׳זיינען די פייערונגען פון די אַרומיקע פעלקער אין די יום־טובים פאַר זייערע הויפּט־געטער.

די גרים, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער „אחד"־מחנה בשעת אַברהם איז געווען אין שכם, האָבן מיט גרויס התלהבות פאַר אים געשילדערט דעם הייליקן יום־טוב, וואָס די כנענים פייערן יעדן יאָר אויסצודריקן לויב און אָפּפערווילקייט צו זייער העכסטן גאָט א ל. בלויז די כהנים גדולים פון כנעני׳שן טעמפּל האָבן געהאַט אַ צוטריט צום מעכטיקן גאָט.

דאָס פּשוט׳ע פאָלק האָט מתפלל־געווען צום גאָט ב ע ל, דער גאָט פון דער זון און צו זיין ווייב עשתורת, די געטין פון דער לבנה. אין די וואָכעדיקע טעג האָבן די כנענים מקריב־געווען שעפּסן און רינדער צו זייערע געטער, אָבער אין דעם פייערלעכן טאָג פאַר דעם גאָט א ל, דער העכסטער גאָט, וואָס האָט מקריב־געווען זיין איינציקן באַליבטן זון ווי אַ בראַנדאָפּפער צו די הימלען,[1] האָבן די כנענים געבראַכט זייערע ערשט־געבאָרענע קינדער מקריב־צו־זיין אויף דעם מזבח פון גאָט א ל. זיי האָבן געהאָפט, אַז פאַר די גרויסע קרבנות וועלן זיי באַלוינט ווערן און זייערע שפּייכלערס וועלן אַלעמאָל זיין פול, זייערע פּרויען וועלן לייכט פאַרשווענגערן און פאַר זיי געבוירן אַ סך זין, זייער צעאַקערטע ערד וועט אַרויסגעבן אַ סך געוויקסן, די סטאַדעס וועלן זיך מערן און זייער נײַ־געבויט הויז וועט האָבן מזל און ברכה.

דער יום־טוב פון די קינדער־קרבנות איז דורכגעפירט געוואָרן מיט גרויס פייערלעכקייט: די עלטערן פון די קינדער־קרבנות זיינען געקומען אָנגעטאָן אין יום־טוב׳דיקע קליידער. דער פּאַטער האָט אַרויפגעפירט דאָס קינד אויף אַ בערגל און אים אַרויפגעלייגט אויף אַ מזבח. דער הויפּט־פּריסטער האָט געשאָכטן דאָס קינד און אָנגעצונדן דאָס האָלץ, וואָס איז געלעגן אַרום מזבח. דער ווײַ־געשריי פון די אומשולדיקע קינדער איז פאַרטויבט געוואָרן אין שאַלן פון טרומייטן און אין די ווילדע קולות פון די צעפלאַמטע געצנדינער. די פּריסטערס האָבן איינגערעדט די אָרעמע גלויביקע, אַז פייער האָט אַזאַ שטאַרקן רייניקונגס־כח, אַז עס פאַרברענט אַלע זינד, הייליקט דעם קרבן און די אַלע, וואָס האָבן אים מקריב־געווען.[2]

יונגע גרים, וואָס האָבן געשטאַמט פון וואַנדערנדיקע שבטים ביי די ברעגן פון ים־הגדול, האָבן געשילדערט פאַר אַברהמ׳ען די קינדער־קרבנות פייערונגען פאַר דעם גאָט מ ו ל ך און די ריטואַלן מיט וועלכע זיי ווערן באַגלייט:

די געצנדינער גיסן־אויס פון קופּער אַ ריזיקע סטאַטועס, וואָס דאַרף מיט זיך פאַרשטעלן דעם גאָט מולך. די סטאַטועס האָט דעם אויסזען פון אַ מענטש־חיה. דער גוף איז אין דער פאָרם פון אַ מענטשן, און דער קאָפּ — פון אַן אָקס. די הענט זיינען אַזוי צונויפגעלייגט, אַז ס׳איז אין זיי דאָ פּלאַץ אַריינ־צולייגן אַ קינד. די קופּערנע סטאַטוע ווערט אינערלעך אָנגעהייצט פון אַ מורא׳דיקן פייער. די פּריסטערס זאָגן בשעת־מעשה תפילות צו זייער גאָט מולך, און אין אַ מאָמענט פון גרויס התלהבות וואַרפן זיי אַריין אַ יונג קינד אין די אָרעמס פון זייער גאָט און דאָס עופ׳עלע ווערט לעבעדיקערהייט פאַרברענט. דאָס פאָלק פאַלט־אַריין אין אַ ווילדן עקסטאַז, טאַנצט, זינגט און לויבט זיין גרויסן גאָט...

אַברהמ׳ס פּנים האָט זיך געקרימט פון צער און צאָרן. די צעפלאַמטע יוגנט האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט און מיט גרויס התלהבות געשילדערט

אַזאַ צערעמאָניאַל פון קינדער־קרבנות ביי די צידונים, וואָס האָבן זיך באַזעצט ביי די צפון־ברעגן פון ים־הגדול:

פון איין וואַנט פונעם מולך־טעמפּל האָט מען געמוזט אַרונטעררייסן אַן אויבערשטן טייל, כדי מען זאָל קאָנען אַרויסנעמען דעם קופּערנעם אָפּגאָט און דערביי נישט אָנרירן דאָס פּעטס פון מזבח. ווען די זון איז אויפגעגאַנגען, האָבן די „הייליקע״ יונגען (קדושים) אים אַרויסגעשטופּט און געבראַכט צום פרייען פּלאַץ פון דעם זון־גאָט ה א מ אָ ן.

דער געריוך פון די געווירצן האָט זיך פאַרשפּרייט איבער די גאַסן פון דער שטאָט. אַלע טעמפּלען האָבן זיך מיטאַמאָל אויפגעעפנט און מ׳האָט פון דאָרט אַרויסגעפירט קאָסטנס און זיי אַרויפגעלייגט אויף טראָג־ברעטלעך, וואָס זיינען געטראָגן געוואָרן פון פּריסטערס.

דערנאָך האָט מען דעם מולך געבראַכט ביזן מיטן פון אַ פרייען פּלאַץ. די פּריסטערס האָבן אַוועקגעשטעלט אַרום אים אַ שייד־וואַנט פון שטענגלעך און נישט צוגעלאָזט דעם המון נאָענט פון זייער גאָט. באַלד האָט זיך צעפלאַקערט אַ פייער פון אַלעאָן־האָלץ, צעדער־האָלץ און לאַרבער־האָלץ צווישן די פיס פון ריזיקן געץ און די עקן פון זיינע לאַנגע פליגלען האָבן זיך געטונקט אין פלאַמען.

אַרום דעם שטיינערנעם פּעדעסטאַל זיינען באַוועגלאָז געשטאַנען קינדער, אָנגעטאָן אין שוואַרצע קליידער. די אויסערגעוויינלעך־לאַנגע הענט פון דעם ריז האָבן זיך געצויגן צו די קינדער, ווי זיי וואָלטן זיי געוואָלט כאַפּן און אַרויפברענגען צו די הימלען.

די פירשטן, די עלטסטע, די פרויען און בכלל דער המון זיינען געקומען און זיך געשפּאַרט צו די פּריסטערס און פאַרנומען אַלע אַרומיקע דעכער... אייניקע האָבן גע׳חלש׳ט; אַנדערע זיינען געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט, דורכגענומען מיט הייליקע געפילן. אַן אומענדלעכער פּיין האָט פאַרקלעמט אַלע הערצער. דער געטומל האָט זיך איינגעשטילט, און דער המון איז געבליבן שטיין אָטעמלאָז, אין דערוואַרטונג פון באַלדיקע געשעענישן.

דערנאָך האָט דער כהן־גדול פון אָפּגאָט מולך אַרונטערגעלאָזט זיין האַנט צו די קינדער און האָט פון יעדן שטערן אָפּגעריסן עטלעכע לאָקן און זיי אַריינגעוואָרפן אין די פלאַמען. דעמאָלט זיינען דערשינען מענטשן אין פּורפּור־קליידער און האָבן אויסגעשאָלט אַ געזאַנג פון אַ הייליק ליד. זייערע קולות זיינען דערטרונקען געוואָרן אין הילכיקן דונערן פון שפּיל־אינסטרומענטן, וואָס האָבן אַלע געשפּילט צוזאַמען, כדי צו דערשטיקן און פאַרטויבן די קולות פון די קרבנות.

די הייליקע האָבן מיט אַ גרויסער האַק געעפנט די זיבן קעמערלעך, וואָס האָבן זיך געפונען איינער איבערן אַנדערן אין דעם גוף פון דעם קופּערנעם אָפּגאָט. אין אויבערשטן קעמערל האָבן זיי אַריינגעלייגט מעל, אין צווייטן — צוויי טויבן, אין דריטן — אַ מאַלפּע, אין פערטן — אַ לאַם, אין פינפטן —

אַ שעפּס, אין זעקסטן — אַן אָקס אָדער אַ פּעל פון אַן אָקס, און דאָס זי־בעטע קעמערל איז געבליבן ליידיק און אָפן...

די פּריסטערס זיינען אַרומגעגאַנגען און מיט זייערע אויגן געפּאָרשט דעם המון. ס'איז געווען נויטיק, אַז דער ערשטער קרבן זאָל זיין אַ פריי־וויליקער. פּאַר אַ שטיקל צייט האָט זיך קיינער נישט אָפּגערופן. ווען ערמוטיקן דעם עולם, האָבן די פּריסטערס אַרויסגעצויגן שטעכערס פון זייערע גאַרטלען און געשטאָכן זייערע אייגענע פּנים'ער.

ביסלעכווייז האָט דער המון זיך דערנענטערט אין רייען און אַריינגע־וואָרפן אין פלאַם: פּערל, גאָלדענע קריגן, בעכער, לייכטער, און וואָס נאָר זיי האָבן פאַרמאָגט. וואָס ווייטער האָבן זיך די מתנה־קרבנות פאַרמערט און באַשטאַנען פון מער קאָסטבאַרע זאַכן. צום סוף איז צוגעקומען אַ מאַן מיט אַ ציטערדיקן גאַנג. זיין פּנים איז געווען בלאַס און האָט געציטערט פון שרעק. ער האָט פאַראויס געשטופּט אַ קליין אינגל. פּלוצלונג האָט מען דערזען צווישן די הענט פונעם קופּערנעם גאָט אַ קליין שוואַרץ פּעקעלע, וואָס האָט געשטעקט אין דעם אָפענעם זיבעטן קעמערל... די פּריסטערס האָבן געקניט, זיך געבויגן צו דער ערד און געשאָלט אַ ניי געזאַנג — אַ געזאַנג פון ליבע און דערהויבונג פאַר דער פריידע פון טויט.

קינדער זיינען אַרויפגעהויבן געוואָרן איינער נאָכן אַנדערן, און ס'האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן פאַרשוואונדן אין אַ וואָלקן־זייל, וואָס האָט זיך געקנוילט און איז אַרויף צום הימל. די קינדער זיינען אָבער געבליבן ליגן באַוועגלאָז. זיי זיינען געווען געבונדן הענט־און־פיס, און אַ שוואַרצער שלייער האָט זיי פאַרדעקט, אַז זיי זאָלן גאָרנישט זען און מ'זאָל זיי נישט קאָנען זען.

די געטלעכע קופּערנע הענט זיינען אַלעמאָל געווען אויסגעשטרעקט און גרייט פאַר זייערע קרבנות. ווען מ'האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט אַ קינד, האָבן די פּריסטערס זיך דערנענטערט צו זייער גאָט און אים איבערגעגעבן די זינד פון פאָלק. זיי האָבן צו אים מתפּלל געווען און דערביי אויסגע־שריגן: „דאָס זיינען נישט קיין מענטשן, נאָר קי!" און דער המון האָט גע־ענטפערט: „קי! קי!"

צו דעם גאָט'ס תאווה צו עסן האָט נישט גענומען קיין סוף. ער האָט געוואָלט מער און מער. כדי אים צו זעטיקן, האָט מען אַרויפגעלייגט אויף זיינע הענט עטלעכע קינדער מיטאַמאָל, און כדי זיי זאָלן נישט אַרונטער־פאַלן, האָט מען זיי געהאַלטן אויף אַ שווערער קייט פון אויבן.

דאָס האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע צייט, ביז אין אָוונט. צום סוף האָט זיך דאָס פייער פון די אינערלעכע ווענט פון אָפּגאָט אויסגעלאָשן, און דעמאָלט האָט מען דערזען, אַז פליש ברענט אויפן פייער. דער מולך איז דעמאָלט געווען אינגאַנצן רויט, ווי אַ ריז, וואָס איז באַדעקט מיט בלוט; דאָס שמעקנ־דיקע פעטס האָט זיך געגאָסן ווי שוויס אויף זיינע קופּערנע איברים; זיין

קאָפּ פאַרוואָרפן אויף אונטן, האָט ער זיך געשאָקלט ווי אַ שיכור, פאַר־שיכורט פון בלוט.[3]

מ'האָט אַברהמ'ען דערציילט, אַז אין משך פון אַ קורצער צייט זיינען בלויז אין איין שטאָט פאַרברענט געוואָרן מער ווי הונדערט קינדער אַלס קרבנות צום גאָט מולך. די געצנדינער זיינען יונגע קינדער מקריב אויך ביי אַנדערע געלעגנהייטן און אויף אַנדערע אופנים: זיי זיינען מקריב אַ קינד ביי דער געלעגנהייט פון בויען אַ נייַ הויז, און לייגן עס אַריין אין דעם ווינקלשטיין. דאָס עופ'עלע ווערט לעבעדיקערהייט אַריינגערוקט מיט קעפּל פאַראויס אין אַ קרוג און איינגעמויערט אין פונדאַמענט. דאָס זעלבע טוען די געצנדינער, ווען זיי הויבן־אָן אַ פאַרטיידיקונגס־וואַנט אַרום אַ שטאָט.[4]

אַברהם איז שוין געווען מיד פון די שוידערלעכע „קינדער־מעשיות״. די יונגע גרים האָבן באַמערקט, אַז אַברהם ווערט געריירט פון זייערע שיל־דערונגען און האָבן אים דערציילט וועגן דער הייליקער פּייערונג ביי שבטים, וואָס האַלטן זיך אויף אַרום דער שטאָט ביבלוס. דאָרט פירן זיי דורך יעדן יאָר אַ רעליגיעזן יום־טוב צו דערמאָנען דאָס שטאַרבן פון גאָט אַדאָניס און לכבוד זיין ווידערגעבורט. די פייערונג קומט פאָר אין דער שטאָט ביבלוס, אין דעם טעמפּל פון דער געטין עשתורת; אין די פרילינג־טעג, אין דער צייט ווען דער טייך אַדאָניס ענדערט זיין קאָליר. אין יענע טעג וואַשט דער רעגן אַרונטער די רויטע ערד פון די בערג; און די וואַסערן, וואָס פליסן־אַריין אין טייך, האָבן אַ רויטן קאָליר. די פּריסטערס רעדן־איין דעם פאָלק, אַז דאָס איז בלוט פון דעם גאָט אַדאָניס, וועלכער ווערט יעדעס יאָר אין דער זעלבער צייט טויטלעך פאַרוואונדעט דורך דעם עבער־חזיר אויף די לבנון־בערג. די פּריסטערס פאַרזיכערן אויך, אַז דער „אַנאַמאָן״ (ווינט־בלום) איז רויט פון אַדאָניס'עס בלוט. זיי דערקלערן, אַז דאָס שטאַרבן און ווידערגעבורט פון גאָט אַדאָניס איז פאַרבונדן מיט בליען און שפּראָצן פון אַלע געוויקסן אין די וואַרעמע טעג, און מיטן שטאַרבן און פאַרוועלקן פון אַלע פרוכטן און גרינסן אין די האַרבסט־טעג.

די, וואָס האָבן צוגעזען דעם אַדאָניס־יום־טוב, האָבן אים אויספיר־לעך אויסגעמאָלן פאַר אַברהמ'ען:

דער ערשטער טאָג פון דער פייערונג איז געווען אַ טאָג פון טרויער. אין דעם טאָג איז דער גאָט אַדאָניס געשטאָרבן. די פּריסטערס האָבן גע־זאָגט טרויער־תפילות, און דאָס פאָלק (בפרט די פרויען) האָבן געיאָמערט, געקלאָגט, זיך געקלאַפּט אין די בריסטן. די קולות זיינען באַגלייט געוואָרן פון פּויקן און פליטן.

אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט האָבן די פּריסטערס געבראַכט אַ מיסטעריעז ליכט צום פּלאַץ. זיי האָבן געעפנט דעם קבר פונעם יונגן גאָט אַדאָניס, און מיט טריאומף אויסגערופן, אַז דער גאָט אַדאָניס איז לעבעדיק

געוואָרן. זיי האָבן אָנגעריירט מיט אַ ווייךווייך די ליפּן פון די אָנוועזנדע און זיי צוגעזאָגט, אַז אויך זיי וועלן אַמאָל אויפשטיין פון קבר.

די געצנדינער האָבן געגלויבט, אַז אין דעם צווייטן טאָג פון זייער יום־טוב ווערט אַדאָניס צוריק לעבעדיק, און אין זייער קעגנוואַרט גייט ער צוריק אַרויף אין הימל. צוערשט האָבן זיי זיך געפרייט מיט זיין לעבעדיק־ווערן, און דערנאָך זיינען זיי צוריק אַריינגעפאַלן אין אַ טרויער, וואָס זייער גאָט האָט זיי איבערגעלאָזט אויף דער ערד. די מענער האָבן זיך אָפּגעגאָלט די קעפּ, און די פרויען האָבן אָפּגעשוירן זייערע לאַנגע צעפּ. יענע פרויען, וואָס האָבן נישט געוואָלט מקריב־זיין זייערע האָר, האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט פרעמדע מענער, און דעם שכר האָבן זיי אַוועקגעשענקט דער געטין עשתורת.

די פּריסטערס האָבן געטאַנצט מיט ווילדע, תאווה׳דיקע באַוועגונגען, האָבן געזונגען מיט באַנומענע קולות, און ווען זיי זיינען אַריין אין אַ פייערדיקן עקסטאַז, האָבן זיי מיט מעסערס געשניטן זייערע אייגענע לייבער.

אַ סך מענער, וואָס זיינען מיטגעריסן געוואָרן פון דער ווילדער באַגייסטערונג און צערייצטער שטימונג, האָבן זיך אויסגעטאָן נאַקעט און זיך אַליין אויפן אָרט קאַסטרירט — ווי אַ נדר פאַר לעבנסלענגלעכער איבערגעגעבנקייט צו זייער גאָט.[5]

אַברהם איז נאָך די אַלע שילדערונגען געבליבן זיצן ווי צעטומלט.

די ווילדע, בלוטיקע ריטואַלן האָבן אויפגערודערט אַברהמ׳ס געמיט און אין אים אויפגעוועקט צוויי קעגנזעצלעכע געפילן, וואָס האָבן צעריסן זיין נשמה. פאַר זיינע אויגן האָבן זיך אַנטפּלעקט צוויי איינדרוקספולע מאָמענטן: די משונה׳דיקע, אויסגעלאַסענע ריטואַלן פון איין זייט, און די ווילד־התלהבות־דיקע קרבן־גרייטקייט פון דער צווייטער זייט. פון איין זייט האָט ער זיך דערפילט דערנידעריקט און באַליידיקט; ער האָט דערזען, צו וואָס פאַר אַ טיפע אָפּגרונטן דער מענטש, גאָט׳ס באַליבטער באַשאַף, איז געזונקען; דער געטלעך־אויסגעפורעמטער מענטש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צערייצטער בלוטיקער חיה. גאָט האָט די קינדער געגעבן לעבן, און דער געפאַלענער מענטש וואַרפט זיי אין די אָרעמס פון טויטע געטער און ברענגט אַליין אויף זיי אומקום.

פון דער אַנדערער זייט איז אַברהם נתפעל געוואָרן פון דער אַבסאָלוטער אמונה, וואָס אָט־די געצנדינער האָבן אין זייערע געטער. אויף אַברהמ׳ען האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק די אומבאַשרייבלעכע התלהבות, די פריידיקע און עקזאַלטירטע שטימונג, די גרענעצלאָזע קרבנות־גרייטקייט, וואָס די הילפלאָזע מענטשן האָבן אַרויסגעוויזן אין זייער אומענדלעכער אמונה אין זייערע געטער. מיט שמחה האָבן זיי פאַרברענט זייערע אומשולדיקע קינדער אויפן מזבח פון גלויבן אין אַן אויסגעטראַכטן גאָט.

מיט אַ ווירוואַר פון געדאַנקען און אַ שטורעם פון געפילן, וואָס האָבן

געיאָגט איינע די אַנדערע, איז אַברהם אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג, וואו ס׳איז געשטאַנען זיין טעמפּל־געצעלט. ער האָט געקניט און שטיל געזאָגט:

„גרויסער גאָט יהוה, האַר פון דער וועלט! ניין מאָל האָב איך שוין אויספּרובירט מיין בטחון אין דיין אַלמעכטיקייט און אין דיין גנעדיקייט; ניין מאָל האָב איך אין מיין פאַרלוירנקייט געקערט מיין פּנים צו דיר.[6] אין די ווייטע הימלען האָב איך געזוכט די אומענדלעכקייט פון דיין באַשאַף, און אין די טיפענישן פון מיין נשמה — דעם תהום פון מיין אמונה אין דיין גערעכטיקייט. איך האָב דיך אַלעמאָל געפונען און נישט געשטרויכלט גע־וואָרן. העלף מיר איצט אין מיין פּיין און פאַרלוירנקייט! וויז מיר דעם וועג צו דיין געטלעכן אמת! גיב מיט דעם שם־המפורש פאַנאַנדערצובלאָזן דעם געטלעכן פונק אין די הערצער פון דער זינדיקער וועלט!“

מיד און פאַרצווייפלט איז אַברהם אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף. אין חלום האָט ער געהערט קולות, וואָס האָבן זיך צו אים דערטראָגן ווי אַן עכאָ פון ווייטע וועלטן. אין דעם געררויש האָט ער געהערט אַ שמועס צווישן גאָט און דעם שטן:

גאָט: פון וואַנען קומסטו איצט?

שטן: איך האָב אַרומגעוואַנדערט אויף דער ערד צווישן מענטשן.

גאָט: דאָס שענסטע פון מיין באַשאַף.

שטן: דער מענטש האָט פאַרלאָזן זיין באַשעפער און דינט פרעמדע געטער.

גאָט: איך האָב אים געפורעמט אין מיין אייגענעם געטלעכן געשטאַלט.

שטן: זיין געשטאַלט האָט זיך געביטן לויט די געטער, וועלכע ער דינט.

גאָט: איך האָב דעם מענטשן געגעבן די בחירה, זיך אויסצוקלייבן צווישן דער ברכה און דער קללה.

שטן: ער האָט אויסגעקליבן די קללה.

גאָט: איך האָב אים באַשאַפן מיט אַ געטלעכן שכל.

שטן: ער איז פאַרפירט פון תאווה און זינד.

גאָט: איך האָב אים אויסגעפורעמט אין גייסט פון גערעכטיקייט.

שטן: ער איז פאַרפירט פון לוסט פאַר מאַכט.

גאָט: איך האָב אים באַשאַפן מיט אַ האַרץ פאַר רחמנות.

שטן: דיינע מענטשן־קינדער פירן בלוטיקע מלחמות פאַר רייכטום, אַ ברודער טויט אַ ברודער

גאָט: וואָס טוען זייערע מלכים?

שטן: יעדער מלך דינט זיין אייגענעם גאָט, און פאַרזייט האַס צו די אַנדערע געטער און אַנדערע פעלקער.

גאָט: וואָס טוען זייערע נביאים?

שטן: זיי רעדן פאַלשע רייד אין נאָמען פון זייערע פאַלשע געטער.

גאָט: און וואָס טוט דאָרט מיין אויסדערוויילטער נביא אַברהם?

שטן: ער וואַנדערט־אַרום פון לאַנד צו לאַנד און רעדט און רופט אין דיין נאָמען אַלע פעלקער פאַר שלום, יושר און גערעכטיקייט.

גאָט: און די פעלקער זיינען אים דאַנקבאַר?

שטן: זיי פאַרפאָלגן און פאַרטרייבן אים פון זייערע לענדער. ער איז אַ שטער פאַר זייערע שלעכטע מחשבות און פאַרדאָרבענע מעשים.

גאָט: און וואָס טוען די געצנדינערישע פריסטערס אין זייערע טעמפּלען?

שטן: חוץ די געוויינלעכע קרבנות, זיינען זיי אויך מקריב ניי־געבוירענע קינדער אויף די מזבחות פון זייערע פאַלשע געטער.

גאָט: אַברהם האָט אויך געבראַכט אַ גרויסן קרבן. ער האָט פאַרשניטן זיך און זיין משפחה און זיין גאַנצע מחנה פאַר מיינעטוועגן.

שטן: און ער האָט געמאַכט אַ גרויסע סעודה און זיך שטאַרק משמח־געווען אין יצחק'ס געבורטסטאָג, דער זון וואָס דו האָסט אים געשענקט אין זיין טיפן עלטער. אין דיר האָט ער אָבער פאַר־געסן. ער האָט פאַר דיר נישט מקריב־געווען אַפילו אַ יונגע טויב.

גאָט: אַברהם האָט צוליב מיינעטוועגן גע'מל'ט זיין ניי־געבוירענעם זון יצחק, און מיטן בלוט געהייליקט אונזער בונד.

שטן: די כנענים דערציילן, אַז זייער גאָט אל האָט מקריב־געווען זיין איינציקן זון ווי אַ קרבן צו די הימלען.

גאָט: וואָלט דאָס זיין מיין ווילן, וואָלט אַברהם מקריב געווען זיין באַ־ליבטן זון פאַר מיר.

שטן: איך בין נישט זיכער, צי ער וואָלט געווען גרייט צו דערשטיקן די ליבע צו זיין איינציקן באַליבטן זון צוליב דער ליבע צו זיין איינ־ציקן גאָט.

גאָט: לאָמיר אים אויספּרובירן.

שטן: לאָמיר.

אַברהם האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענער און געמורמלט: „האַר פון דער וועלט, איך בין גרייט דיר צו דינען מיט מיין גאַנצן האַרצן, מיט מיין גאַנץ פאַרמעגן און מיט דאָס טייערסטע פון מיין לעבן, אויב נאָר דאָס איז דיין ווילן". ער האָט ווידער איינגעדרימלט און געהערט אַ שאַרפע שטימע אים זאָגן:

אַברהם! אַברהם! נעם דיין זון... דיין איינציקן... וואָס דו האָסט ליב... יצחק'ן... גיי מיט אים אין לאַנד מוריה... ברענג אים אַרויף דאָרטן... מקריב צו זיין אַ בראַנדאָפּפער... אויף איינעם פון די בערג... וואָס איך וועל דיר אָנווייזן...

אַברהם האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ צעטומלטער. ער איז נישט געווען זי־כער, צי ער האָט נאָר־וואָס גע'חלום'ט אַ געטלעכן חלום און געהערט געט־לעכע רייד, אָדער דאָס איז געווען אַ בייזער קאָשמאַר און דער קול איז געווען פון שטן.[7]

אַברהם האָט אָנגעהויבן דערפילן, אַז זיין גאַנצער גערדאַנקען־פלאָנטער איז בלויז אַן עכאָ פון די געצנדינערישע פייערונגען, פון די ווילדע קולות, ווען זיי האָבן געוואָרפן ערשט־געבוירענע קינדער אין די פייערן פון זייערע מזבחות. ער האָט דערזען, אַז ער איז מיטגעריסן געוואָרן פון דער גרענעצלאָזער אמונה און פון דער אומבאַשרייבלעכער התלהבות, וואָס די געצנדינער האָבן אַנטפּלעקט אין זייערע אויסטערלישע ריטואַלן. די אַלע געשעענישן האָבן צעטרייסלט זיין געמיט, צערודערט זיין גלייכגעוויכט, צעשטורעמט זיינע געפילן, און אים אַריינגעוואָרפן אין אַ תהום פון ספיקות.

אַברהם איז אַריינגעפאַלן אין אַ הילפלאָזן טראַנס.[8] אַ מורא׳דיקער געראַנגל האָט אויסגעבראָכן אין זיין נשמה, און ער האָט באַשיינפּערלעך געהערט צוויי קולות זיך רייסן פון זיין האַרצן:

שטן: די שטימע האָט דיר געזאָגט „נעם דיין זון יצחק, גיי צו דעם לאַנד מוריה און ברענג אים דאָרטן אויף פאַר אַ קרבן עולה".

בת־קול: חלילה! די שטימע האָט דיר נאָר געזאָגט: נעם מיט דיין זון יצחק אויף איינעם פון די מוריה־בערג וואָס איך וועל דיר אָנווייזן און ברענג דאָרט אַ קרבן עולה.

שטן: דו האָסט געהערט זאָגן: נעם אים און ברענג אים אויף פאַר אַ קרבן.

בת־קול: דו האָסט געהערט נאָר זאָגן: „נעם אים" (קח־נא) און נישט „טויט אים"; האָסט נאָר געהערט זאָגן „ברענג אים אַרויף" (והעלהו), און נישט „שעכט אים".[9]

שטן: גאָט וויל אויספּרובירן דיין אמונה אין אים און אין זיינע געבאָטן.

בת־קול: גאָט יהוה ווייס פון פאָראויס אַלע געשעענישן אין אַלע צייטן.[10]

שטן: גאָט וויל ווייזן דער וועלט, אַז דו ביסט זיין פאַרטרויטער נביא.

בת־קול: קינדער־קרבנות וועלן פאַראומרייניקן זיין הייליקטום און פאַרשוועכן דעם נאָמען פון יהוה.

שטן: גאָט וויל די וועלט זאָל זען דיין אומבאַגרענעצטע קרבן־גרייטקייט פאַר דיין גלויבן.

בת־קול: דו האָסט אין דיינע וואַנדערונגען אַ סך מאָל באַוויזן דיין אומבאַגרענעצטע אָפּפערווילִיקייט פאַר דיין גאָט און זיינע געבאָטן.

שטן: פעלקער זיינען מקריב זייערע ערשט־געבוירענע קינדער צו באַווייזן זייער אַבסאָלוטע אמונה אין זייערע געטער.

בת־קול: דאָס זיינען אומווירדיקע געצנדינערישע מנהגים, וואָס ברענגען לעבעדיקע קרבנות צו טויטע געטער.

שטן: דער קרבן פון דיין באַליבטן זון פאַר דעם גאָט יהוה וועט צעקלינגען און גרויס־מאַכן זיין הייליקן נאָמען איבער דער גאַנצער וועלט.

בת־קול: ווער וועט אָנצינדן דאָס געטלעכע ליכט צווישן די פעלקער? מיט יצחק׳ס טויט וועט די וועלט בלייבן פינצטער און וועט חרוב ווערן.

שטן: דער פייער וואָס וועט פאַרברענען דעם הייליקן קרבן וועט אויף אייביק באַלייכטן די וועלט.

בת־קול: דיין קינד איז ריין פון זינד, זיין טויט וועט ברענגען דער וועלט אייביקן טרויער.

שטן: מיט זיין טויט וועט ער מכפר־זיין די עבירות פון אַלע מענטשן אין אַלע צייטן.

בת־קול: די וועלט איז פול מיט קרבנות. כדי אויסגעלייזט צו ווערן, דאַרף די וועלט אַ תיקון, און גאָט האָט דיך און דיינע קינדער אויסדערוויילט מתקן־צו־זיין די וועלט און ברענגען איר גאולה.

שטן: דיינע קינדער וועלן דאַרפן מקריב־זיין אַ סך קרבנות, ביז דער טאָג פון אויסלייזונג וועט קומען.

בת־קול: דו האָסט מקריב־געווען דיין גאַנץ לעבן צו דערקענען דעם גאָט פון רחמנות, דעם גאָט פון חסד. יצחק׳ס טויט וועט אין איין רגע אים פאַרוואַנדלען אין אַ גאָט פון נקמה, אין אַ גאָט פון רציחה.

שטן: איך קום פון די הימלען, און גאָט׳ס ווילן איז, אַז דו זאָלסט מקריב־זיין דיין זון יצחק.

בת־קול: דער הימל איז פאַר גאָט, די ערד האָט ער געגעבן צו די מענטשן. נישט די טויטע וועלן לויבן גאָט, און נישט די אַלע וואָס נידערן אין שטילן קבר.

אַברהם האָט זיך אויפגעכאַפּט און מיט שרעק אויסגעשריגן: „אַלמעכ־טיקער גאָט! אויב מיינע קינדער דאַרפן געשאַכטן ווערן, כדי צו ראַטעווען די וועלט, וואָלט שוין בעסער געווען, איך זאָל בלייבן קינדערלאָז. פריער האָסטו מיר געזאָגט: ׳אויף יצחק׳ן וועלן גערופן ווערן דיינע נאָכקומענדיקע דורות׳, און איצט האָב איך גאָר געהערט: ׳ברענג אים אַרויף פאַר אַ קרבן׳.[11] חלילה, דיר צו טאָן אַזאַ זאַך, חלילה דיר! זאָל דער ריכטער פון דער גאַנצער ערד ניט טאָן קיין גערעכטיקייט?״

ווען אַברהם האָט ווידער איינגעדרימלט, זיינען צו אים דערגאַנגען קולות פון ווילדן געזאַנג, באַגלייט פון פויקן, פלייטן, און דעם ריטם פון צעפלאַמטע טענץ. אין גערויש האָט זיך דורכגעריסן אַ יאָמער־געוויין פון אַ קינד, וואָס איז נאָך עטלעכע גסיסה־געשרייען אַנטשוויגן געוואָרן.

אַן אַנגסט איז באַפאַלן אַברהמ׳ען און ער האָט, האַלב אין וואַך און האַלב אין שלאָף, אויסגעשריען:

האַר פון אַלע וועלטן!

מיינע קינדער וועלן זיך דאָ אויסמישן מיט די כנענים
און זיך אָפּלערנען זייערע מעשים,
זיי וועלן דינען זייערע געצנבילדער,
וואָס וועט זיי אומווירדיק מאַכן,

און זיי וועלן שעכטן זייערע זין
און זייערע טעכטער צו די שדים,
און וועלן פֿאַרגיסן אומשולדיק בלוט,
דאָס בלוט פון זייערע זין און טעכטער,
וואָס זיי וועלן שעכטן צו די געצן פון כנען.
דאָס לאַנד וועט זינדיק ווערן דורך בלוט,
און וועט אומריין ווערן דורך זייערע מעשים.[12]

דערנאָך האָט אַברהם געהערט אַ שטימע אים זאָגן:

— זאָלסט נישט מורא האָבן, אַברהם, איך וועל געבן דיר און דיינע קינדער נאָך דיר דאָס גאַנצע לאַנד פֿאַר אַן אייביק אייגנטום און איך וועל זיין זייער גאָט.

דער גרעאַנגל אין אַברהמ׳ס נשמה האָט אומרואיק געמאַכט די גאַנצע עברים־מחנה. דער פֿאַטערלעכער אַברהם, וואָס האָט אַלעמאָל מיט זיך גע־בראַכט שטראַלנדיקע פרייד און אויפמונטערנדיקע רייד, איז איצט אַרומ־געגאַנגען אַ פֿאַרטראַכטער און צעדודערטער. קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס ס׳איז געשען מיטן גוטמוטיקן און ליבהאַרציקן אַברהם.

מ׳האָט יאָ באַמערקט, אַז באַלד נאָך דער פייערלעכער סעודה, וואָס אַברהם האָט געמאַכט לכבוד יצחק׳ס געבורטסטאָג, איז עטוואָס געשען, וואָס האָט צעדודערט אַברהמ׳ס גלייכגעוויכט. מ׳האָט צום ערשטן מאָל געזען אַברהמ׳ען אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו אַ שאַרפֿן צוזאַמענשטויס. קיינער האָט אָבער נישט חושד־געווען, אַז דאָס מאָל וועט עס זיין נישט אַ מלחמה מיט די פֿאַלשע געטער, נייערט אַ שטרייט מיט זיין אייגענעם גאָט יהוה.

שרה האָט אַ סך מאָל געזען אַברהמ׳ען אַ צעברויזטן און שטורעמדיקן אין די אַלע געפעכטן, וואָס ער האָט געפירט מיט דער וועלט און מיט די פרעמדע געטער, אָבער אַזוי צעטראָגן און פֿאַרלוירן האָט זי אים נאָך קיינמאָל נישט געזען. זייער זעלטן האָט זי אים געשטערט אין זיינע שטורעמדיקע טאָטן, אין זיינע גרעאַנגלען מיט גאָט און מענטש, אָבער דאָס מאָל האָט אַברהמ׳ס אויפפירונג שטאַרק געשראָקן שרה׳ן.

שרה׳ס מוטערלעכער שאַרפֿער חוש האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז אַברהמ׳ס אומרואיקייט איז פֿאַרבונדן מיט אַ געפֿאַר פֿאַר איר אויסגעבעטענעם זון יצחק. זי האָט געוואוסט, אַז נאָך אַזאַ אויפברויז וועט אַברהם איבערגיין צו מעשים, און זי האָט אים געלאָזט אַליין גובר־זיין די שוועריקייטן. זי האָט אָבער דאָס מאָל דערפילט, אַז ס׳איז דאָ אַ סכנה אין אַברהמ׳ס טראַכטענישן און זי האָט מיט אַ שטאַרקן נייגיר נאָכגעפֿאָלגט זיינע האַנדלונגען.

ווען שרה האָט דערזען, אַז אַברהם גרייט זיך אין וועג אַריין, און גרייט אויך צו יצחק׳ן אים צו באַגלייטן, האָט זי דערפילט, אַז איר מורא איז אַ באַרעכטיקטע, אַן עפּעס אַ געפֿאַר לויערט אויף איר איינציק קינד. זי האָט

שוין מער נישט געקאָנט שווייגן און געפרעגט אַברהמ׳ען, וואוהין ער גייט און צוליב וואָס ער נעמט־מיט יצחק׳ן.

אַברהם האָט זיך אין ערשטן מאָמענט פאַרלוירן. ער האָט אַליין נאָך נישט געוואוסט גענוי, וואוהין ער גייט און צוליב וואָס ער גייט. זאָל ער איר דערציילן וועגן דעם בת־קול און זיין באַפעל מיטצונעמען יצחק׳ן צום באַרג מוריה, און וועגן די שטורמישע איבערלעבונגען, וואָס דער באַפעל האָט גורם־געווען — האָט ער מורא־געהאַט אַז שרה וועט זיך דערשרעקן און וועט אים נישט לאָזן מיטנעמען יצחק׳ן; זאָל ער אַוועקגיין מיט יצחק׳ן אָן איר וויסן — האָט ער ווידער מורא־געהאַט, אַז שרה וועט נישט איבער־טראָגן דעם צער און די בענקעניש נאָך איר איינציק קינד.

נאָכדעם ווי שרה איז שטאַרק צוגעשטאַנען צו אַברהמ׳ען, האָט ער זי פּרובירט באַרואיקן און צו איר געזאָגט:

— דו ווייסט, אַז ווען איך בין אַלט געווען דריי יאָר, האָב איך שוין דער־קענט מיין באַשעפער. יצחק איז שוין באַלד דרייצן יאָר אַלט[13] און וועט אינגיכן אַרויסגיין פון מיין רשות, ווערן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע איי־גענע מעשים. מאָרגן וועל איך אים אַוועקפירן אין דעם לאַנד פון מוריה, וואו ער וועט לערנען די געשיכטע פון אונזערע אָבות שם און עבר, זייערע מעשים־טובים, און וועגן דער איינציקייט פון גאָט און זיינע געבאָטן פון צדק און יושר.

שרה׳ן האָט אָבער נישט צופרידנגעשטעלט אַברהמ׳ס ענטפער. פאַר־עקשנ׳ט האָט זי געמאָנט פון אַברהמ׳ען, ער זאָל איר זאָגן גענוי, וואוהין ער נעמט זייער איינציקן אויסגעבעטענעם יורש, זייער זון יצחק.

אַברהם האָט פּרובירט נאָכאַמאָל זי צו באַרואיקן און איר געזאָגט, אַז אַ מלאך פון גאָט יהוה האָט זיך צו אים באַוויזן אין חלום און אים באַפוילן צו גיין מיט יצחק׳ן צום לאַנד מוריה, און דאָרט — אויף איינעם פון די בערג — וועט ער פייערלעך זאַלבן יצחק׳ן פאַר דעם יורש פון זיין געט־לעכער שליחות. אויפן באַרג וועט יצחק זען דאָס אָרט, וואו גאָט׳ס הייליק הויז וועט שטיין; די לענדער, וואָס זיינע קינדער וועלן ירש׳ענען; און פון דעם באַרג וועט יצחק אויך זען די אַרומיקע זינדיקע וועלט, צו וועלכער זיינע קינדער וועלן דאַרפן ברענגען דאָס געטלעכע ליכט.

שרה האָט אָבער געהאַט אַ פאַרדאַכט וועגן דער סיבה, וואָס האָט אַזוי באַאומרואיקט אַברהמ׳ען און צעשטורעמט זיין געמיט. נישט איינמאָל האָט ער פאַר איר אויסגעדריקט זיין גרויס צער וועגן די יונגע גרים, וואָס ווערן מיטגעריסן פון דער פייערלעכקייט און התלהבות פון די כנעני׳שע געצנ־דינער, ווען זיי זיינען מקריב ערשט־געבוירענע קינדער אויפן מזבח פון זייער גאָט אל.

אַ גאַנצע נאַכט האָט אַברהם זיך באַמיט צו באַרואיקן שרה׳ן, אַז ער נעמט־מיט יצחק׳ן נאָר כדי מיט אים צו לערנען די געטלעכע געבאָטן און

אים מאַכן ראוי איבערצונעמען די געטלעכע שליחות. שרה האָט אים גע־גלויבט. זי האָט אָבער געפילט, אַז אין אַברהמ׳ס מח פּלאָנטערן זיך אויס־טערלישע געדאַנקען. זי האָט מתפלל־געווען צו גאָט און געזאָגט:

— גרויסער גאָט, האַר פון דער וועלט, דו ביסט געווען לייטזעליק צו מיר און מיר געגעבן אַ זון אויף מיין עלטער! היט אים אָפּ, זאָל קיין שום בייז מיט אים נישט געשען. יצחק איז מיין איינציק קינד, און מיט זיין טויט וועט אונטערגיין מיין וועלט. יצחק איז אויך דיין איינציקער זון, און מיט זיין אומקום וועט אויך דיין וועלט קיין קיום נישט האָבן.

איידער די ערשטע זון־שטראַלן האָבן זיך באַוויזן אויף די בערג, איז אַברהם אויפגעשטאַנען. ער האָט צעהאַקט האָלץ און אָנגעזאָטלט זיין אייזל. ער האָט מיט זיך מיטגענומען זיינע דריי יונגען: זיין עלטערן זון ישמעאל, דעם זון פון הגר; זיין אינגערן זון זמרן, דעם זון פון קטורה; און זיין יורש יצחק, דעם זון פון שרה׳ן. ער האָט זיך מיט זיי געלאָזט גיין צום אָרט, וואָס דער בת־קול האָט אים געזאָגט.

דריי טעג האָט אַברהם געוואַנדערט מיט זיינע דריי זין צום לאַנד מוריה. דריי טעג האָט ער געבלאָנקעט איבער בערג און טאָלן, איבער גלייכע און קרומע וועגן, און דריי טעג האָט ער זיך געראַנגלט מיט זיינע געדאַנקען וועגן דעם זין פון זיין גאַנג; וועגן די הייליקע און גערעכטע וועגן פון דעם גאָט יהוה און די צעקרומטע און שטעכיקע וועגן פון די כנענ׳ישע געטער.

אויפן דריטן טאָג האָט אַברהם אויפגעהויבן זיינע אויגן און האָט פון וויטן דערזען דעם באַרג, וואו ער האָט געדאַרפט אַרויפגיין. ער האָט געזאָגט צו ישמעאל און צו זמרן: איר בלייבט דאָ מיטן אייזל; איך און יצחק וועלן אַרויפגיין אויפן באַרג. מיר וועלן דאָרט מתפלל־זיין צו גאָט יהוה און דער־נאָך וועלן מיר זיך ביידע אומקערן צו אייך.[14]

מיט זייערע בליקן האָבן אַברהמ׳ס צוויי זין אים געפרעגט, פאַרוואָס זיי דאַרפן בלייבן דאָ און נישט מיטגיין אויפן באַרג.

אַברהם האָט אין אַ פאַטערלעכן טאָן צו זיי געזאָגט:

— מיינע קינדער, איר ביידע דאַרפט נישט קלעטערן באַרג־אַרויף. אייער לעבנסוועג וועט זיין אַ גראַדער און אַ ברייטער. איר וועט האָבן די ברירה צו לעבן בשלום צווישן זיך און מיט דער גאַנצער וועלט, און אויס־שפרייטן אייער וועג מיט בלומען, אָדער איר וועט אויסקלייבן אַ לעבן פון שנאה און מלחמות און באַפאַרבן אייער וועג מיט בלוט. איר האָט אויף זיך נישט גענומען קיין שום שליחות און קיין שום אחריות. איר דאַרפט זיך פאַר קיין זאַך נישט מקריב־זיין; אייערע קינדער און קינדס־קינדער וועלן זיך נישט מוזן מקריב־זיין צו ראַטעווען די וועלט. איר נעמט נישט אויף זיך קיין התחייבות — נישט צו גאָט און נישט צו דער וועלט. אַנדערש איז מיט יצחק׳ן. ער מוז אַרויפגיין אַהין, צום אָרט וואָס איז נענטער צו גאָט. דאָרט וועט ער זען, וואָס עס מיינט קרבנות־גרייטקייט, און פון דאָרט וועט ער זען

די וועלט, פאַר וועלכער ער און זיינע קינדער וועלן זיך מוזן מקריב־זיין. איך האָב געשלאָסן אַן אייביקן בונד מיטן אַלמעכטיקן גאָט, אַז יצחק און זיינע קינדער פון אַלע דורות וועלן לעבן לויט זיינע הייליקע געבאָטן, וועלן מתקן־זיין דעם געטלעכן באַשאַף און ברענגען דער וועלט אויסלייזונג — די גאולה שלימה. איך און יצחק וועלן דאָרטן מקריב־זיין אַ קרבן־עולה, און דערנאָך וועלן מיר זיך אומקערן און צוזאַמען וועלן מיר צוריקגיין — איר צו באַהערשן די וועלט מיט אייער גבורה, מיט דער שווערד, און ער — צו באַהערשן די וועלט מיט גאָט׳ס וואָרט. נאָכדעם ווי יצחק׳ס קינדער וועלן דורכגיין אַ לאַנגן וועג פון פאַרפאָלגונג, פאַרקנעכטונג און מסירת־נפש, וועט איר, אַלע מיינע קינדער, ווידער זיך צוזאַמענטרעפן און לעבן בשלום אונטער די הייליקע געבאָטן פון דעם איינציקן גאָט.

יצחק איז געוואָרן אויפפאַלנד וואוהין זיין פאָטער פירט אים. אַברהמ׳ס צעטראָגנקייט האָט אין אים דערוועקט אַ פאַרדאַכט. דער צעברויזטער גע־ראַנגל, וואָס אַברהם האָט געפירט מיט זיך אַליין, האָט אונטערגעזאָגט יצחק׳ן, אַז עס מוזן זיין ערנסטע סיבות, וואָס האָבן צערודערט דעם גלייכגעוויכט פון זיין פאָטער׳ס קלאָרן דענקען. ביסלעכווייז האָט ער זיך גענומען אָנ־שטויסן, וואָס עס מאַטערט זיין פאָטער׳ס האַרץ, און אַז אין געראַנגל ליגט אַ גרויסע געפאַר פאַר זיין אייגן לעבן.

מיט שטאַרקער ליבע און גרויס יראת־הכבוד האָט יצחק אַלעמאָל אַרויפגעקוקט צו זיין פאָטער אַברהם. ער האָט באַוואונדערט זיין פאָטער׳ס מאַיעסטעטישע האַלטונג, זיין גוטמוטיקע הנהגה אין דער מחנה, זיין פאָ־טערלעכע ליבע צו זיין משפחה און זיין גרויס איבערגעגעבנקייט צו זיין גאָט־אידייע. יצחק האָט געוואוסט, אַז ער וואָלט זיך נישט געקאָנט קעגנ־שטעלן זיין פאָטער׳ס ווילן, אַפילו ער זאָל וועלן. זיין ווילן איז געווען כמעט ווי אויפגעלייזט אין זיין פאָטער׳ס ווילן. דערצו איז ער אַליין גרייט געווען זיך מקריב־צו־זיין אויף קידוש־השם, ווען דאָס וואָלט געווען נויטיק. יצחק האָט אָבער בשום־אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי זיין פאָטער איז געקומען צו אַזעלכע אויסטערלישע געדאַנקען. אַלע זיינע אָבות — האָט אים אַברהם דערציילט — האָבן אַלעמאָל אָפּגעהיט דעם וויכטיקסטן פון נח׳ס זיבן געבאָטן: „זאָלסט נישט הרג׳ענען"; זיין גאַנצן לעבן האָט ער געזוכט דעם גאָט פון רחמנות און גערעכטיקייט; איצט, ווען ער האָט דערקענט דעם גערעכטן גאָט און האָט ביי אים אויסגעבעטן אַ יורש פאַר זיין געטלעכער שליחות, זאָל ער וועלן אין איין אויגנבליק חרוב־מאַכן זיין אייגענע וועלט, מיין מוטער׳ס וועלט, מיין וועלט און דערפירן גאָט׳ס וועלט צום תהום פון אונטערגאַנג?

ווען יצחק האָט דערזען ווי זיין פאָטער האַלט אַ שלאַכטמעסער שטייף איינגעקלאַמערט אין זיין האַנט, האָט ער זיך מער נישט געקאָנט צוריק־

האַלטן און געפרעגט: „פאַטער, איך טראָג דאָס האָלץ, און דו טראָגסט דאָס שלאַכטמעסער — וואו איז דער לאַם פאַרן קרבן־עולה?"

אַברהם האָט גיך באַהערשט זיין צעטראָגנקייט און רואיק געענט־פערט: „גאָט וועט שוין זען, אַז עס זאָל זיין אַ לאַם פאַר אַ קרבן־עולה, מיין זון"...

אויפן וועג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט רוען, און אַברהם איז איינגעשלאָפן. אין חלום האָט ער דערזען דעם שטן אָנקומען אין געשטאַלט פון אַן אַלטן מאַן, וואָס האָט אים געפרעגט:

— וואוהין גייסטו, אַברהם? [15]

אַברהם: איך פיר מיין זון אויפן באַרג מוריה, וואו ער וועט לערנען די געבאָטן פון גאָט יהוה.

שטן: צו וואָס דאַרפסטו האָלץ, פייער און אַ שלאַכטמעסער?

אַברהם: מיר וועלן זיך דאָרט פאַרזאַמען לענגער, און מיר וועלן דאַרפן שעכטן, קאָכן און באַקן זיך צו דערנערן.

שטן: דו האָסט פאַרלוירן דיין באַוואוסטזיין און ביסט צעטומלט. דו גייסט פאַרגיסן אומשולדיק קינדיש בלוט, פונקט ווי די כנענים.

אַברהם האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס רעדט צו אים דער שטן און האָט זיך פון אים אָפּגעקערט. דעמאָלט האָט זיך דער שטן אויסגעדרייט צו יצחק'ן, שוין אין געשטאַלט פון אַ יונגן מאַן, און האָט מיט אים איינגעטענה'ט:

שטן: וואוהין גייסטו, יצחק?

יצחק: איך גיי לערנען די געבאָטן פון גאָט יהוה און די מעשים פון שם און עבר.

שטן: דו מיינסט, אַז דו וועסט לערנען ביי דיין לעבן אָדער נאָך דיין טויט?

יצחק: נאָר לעבעדיקע קאָנען דינען דעם לעבעדיקן גאָט.[16]

שטן: אומגליקלעכער זון פון אַן אומגליקלעכער מוטער! וויפיל תעניתים האָט דיין מאַמע געפאַסט צוליב דיר, איידער דו ביסט געבוירן געוואָרן! דער אַלטער איז אַראָפּ פון זינען און גייט דיך שעכטן אומזיסט־און־אומנישט. הער זיך נישט צו צו אים, און לאָז אים נישט אומברענגען דיין שיינעם גוף און לויטערע נשמה!

יצחק (צו אַברהמ'ען): פאָטער, דו האָסט געהערט, וואָס דער יונגער־מאַן האָט מיר געזאָגט?

אַברהם: דאָס איז דער שטן, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט. הער זיך נישט צו צו זיינע פאַרפירערישע רייד!

שטן: דיין אמונה איז אַ קוואַל פון אומענדלעכע ליידן פאַר דיר און פאַר דיינע קינדער נאָך דיר.

אַברהם: דער שכר וועט דערפאַר זיין זייער גרויס. מיינע קינדער

וועלן פאַרגיטיקט ווערן מיט אומענדלעכער פרייד אין די טעג פון דער וועלט־גאולה.

שטן: דאָס וועט זיין אַ לאַנגער וועג, אַ מאַרטירער־גאַנג, פול מיט יסורים און קרבנות. זיי וועלן דאָס נישט קאָנען איבערטראָגן.

אַברהם: זייער אומבאַגרענעצטע אמונה, זייער שטאַרקער בטחון און זייער טיפע האָפענונג, אַז דער טאָג וועט סוף־כל־סוף קומען, וועט זיי געבן דעם כח איבערצוטראָגן אַלע ליידן.

שטן: איך האָב אונטערגעהערט, ווי מען האָט גערעדט אין הימל, אַז ס'איז צוגעגרייט פאַר דיר אַ שעפּס צו ברענגען פאַר אַ קרבן־עולה.

אַברהם: ס'קאָן זיין, אַז דאָס איז אמת, אָבער דאָס איז שוין די שטראָף פאַר אַ ליגנער, אַז ווען ער זאָגט שוין אַמאָל דעם אמת, גלייבט מען אים אויך נישט."[27]

אַברהם האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און צוזאַמען מיט יצחק'ן איז ער דערגאַנגען צום העכסטן אָרט אויפן באַרג. אַברהם האָט אָנגעקליבן שטיינער און אויפגעשטעלט אַ פיר־עקיקן מזבח. ווען ער האָט דערזען דעם מזבח אַ פאַרטיקן, איז ער אַליין געבליבן שטיין אַ פאַרשטיינערטער. ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די קני און מתפלל־געווען: „אַלמעכטיקער גאָט יהוה, שעפער פון הימל און ערד! זאָל דיין הערלעכער נאָמען זיך היינט צעקלינגען איבער דער וועלט! זאָלן די געצנדינער דערזען, אַז דו ביסט דער איינציקער גאָט, און איך, דיין קנעכט, בין גרייט צו טאָן דיין רצון, וואָס ער זאָל נישט זיין... זאָלן די פעלקער דיך היינט דערקענען, ווי דעם גאָט פון רחמנות און באַרמהאַרציקייט"...

אַברהם האָט אויסגעלייגט דאָס האָלץ אויפן מזבח, געבונדן זיין זון און אים אַרויפגעלייגט אויפן האָלץ, און איז געפאַלן אין אָנמאַכט. ער האָט דערהערט רעש'יקע קולות קומען פון די ווייטע הימלען. ער האָט געהערט ווי מלאכים יאָמערן און טענה'ן צו גאָט: „זע, וואָס עס טוט זיך דאָרט אויף דער ערד! אַברהם קלייבט זיך שוין שעכטן זיין זון יצחק'ן; אַברהם וועט פאַרלירן זיין אויסדערוויילטן יורש, און דו וועסט פאַרלירן דיין אויסדער־ווילט פאָלק; אַברהם וועט פאַרלירן זיין אמונה אין זיין דערקענטן גאָט, און דו וועסט פאַרלירן דעם נביא פון דיינע הייליקע געבאָטן; אַברהם טויט זיין איינציקן יורש, און דו טויטסט זיין בטחון אין דעם איינציקן גאָט; דו ברענגסט אום זיין וועלט, און אָן אים וועט דיין וועלט קיין תקומה נישט האָבן!"

אַברהם האָט אין זיין באַוואוסטלאָזיקייט געזען ווי די מלאכים האָבן געוויינט, און זייערע טרערן האָבן זיך געגאָסן אויפן מזבח. אַברהם האָט אַריינגעקוקט אין יצחק'ס אויגן, און זיינע טרערן האָבן זיך אויסגעמישט מיט יצחק'ס טרערן, און די טרערן פוןביידע האָבן זיך אויסגעמישט מיט

די טרערן פון די מלאָכים, און דער מזבח איז איינגעטונקען געוואָרן אין אַ ים פון טרערן...

אַברהם האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין אָנמאַכט און דערזען אין זיין האַנט דאָס שלאַכטמעסער, און אין גלאַנץ פונעם מעסער — די אָפּשפּיג־לונג פון יצחק׳ס האַלדז. אַ גרויסער פּחד איז באַפאַלן אַברהמ׳ען, און דער פּחד האָט אין אים באַפרייט אַלע פאַרבאָרגענע כוחות, וועלכע האָבן אים געהאַלטן געפּענטעט אין אַן אומברחמנות׳דיקער הילפלאָזיקייט. ווי אַ לייב האָט ער ארויסגעברומט: „אַלמעכטיקער גאָט יהוה! דו האָסט מיט מיר און מיט מיינע קינדער געשלאָסן אַ הייליקן בונד אויף דור־דורות צו זיין אונזער גאָט, און מיר — דיין פאָלק. מיט יצחק׳ס טויט ווערט בטל אונזער בונד. צום צענטן מאָל און לעצטן מאָל פּרואוו איך איצט אויס מיין בטחון אין דיין אַלמעכטיקייט! איך בין גרייט צו ברענגען אין דיין נאָמען דעם גרעסטן קרבן, איך בין גרייט צו טאָן דיין רצון — איז דאָס באמת דיין רצון?!״

אין דעם מאָמענט האָט אַברהם דערפילט, ווי די רייפן, וואָס האָבן געהאַלטן איינגעקלאַמערט זיין גוף און זיין נשמה דורך דער גאַנצער צייט פון זיין גערანגל מיטן שטן, האָבן פלוצלונג אָפּגעלאָזן, און אים באַפרייט פון אַ מורא׳דיקן קאָשמאַר. פון די טיפעניש פון זיין האַרצן האָט ער איצט דערהערט אַ קלאָר קול אים רופן: „אַברהם! אַברהם! זאָלסט נישט אויסשטרעקן דיין האַנט מיטן מעסער אויפן אינגל, און זאָלסט אים גאָר־נישט טאָן! דער גאָט יהוה וויל נישט קיין קרבנות. ער וועט אָפּהיטן זיין בונד מיט דיר, און פון יצחק׳ן וועט אַרויסקומען זיין אויסדערוויילט פאָלק. נעם דעם לאַם, וואָס שטייט דאָרט אונטערן בוים, און ברענג אים פאַר אַ קרבן־עולה״.

„און אַברהם האָט זיך אומגעקערט צו זיינע יונגען, און זיי זיינען אויפ־געשטאַנען, און זיינען געגאַנגען באַנאַנד קיין באר־שבע. און אַברהם איז געבליבן אין באר־שבע״.

...וַיְהִי הַשֶּׁמֶשׁ בָּאָה וַעֲלָטָה הָיָה וְהִנֵּה תַנּוּר עָשָׁן
וְלַפִּיד אֵשׁ אֲשֶׁר עָבַר בֵּין הַגְּזָרִים הָאֵלֶּה׃ בַּיּוֹם הַהוּא
כָּרַת יְהוָה אֶת־אַבְרָם בְּרִית לֵאמֹר לְזַרְעֲךָ נָתַתִּי אֶת־
הָאָרֶץ הַזֹּאת מִנְּהַר מִצְרַיִם עַד־הַנָּהָר הַגָּדֹל נְהַר־פְּרָת׃

און עס איז געווען ווי די זון איז אונ־טערגעגאַנגען און עס איז געוואָרן שטאָק פינסטער, ערשט אַן אויוון מיט רויך און אַ פלאַם פייער וואָס איז דורכגעגאַנגען צווישן דידאָזיקע שטיקער. אין יענעם טאָג האָט גאָט געשלאָסן אַ בונד מיט אַברהמ׳ען, אַזוי צו זאָגן: צו דיינע קינדער האָב איך געגעבן דאָסדאָזיקע לאַנד, פון דעם טייך אין מצרים ביז צום גרויסן טייך, דעם טייך פרת.

(בראשית, ט״ו, י״ז)

יז

דער בונד פון עברים־פאָלק מיט זיין גאָט יהוה

אויפן באַרג מוריה האָט אַברהם דער־גרייכט דעם העכסטן שטאַפּל אין זיין דערקענטעניש פון דעם איינציקן גאָט יהוה און אין דער גערעכטיקייט פון זיינע געבאָטן. אינעם עקדה־געראַנגל האָט אַברהם באַנומען די גרויסע געפאַרן וואָס ליגן אויפן וועג פון זיין געטלעכער שליחות און די גרויסע אחריות די שליחות דורכצופירן.

אויפן באַרג מוריה איז יצחק געוואָרן אַ שותף צום געטלעכן בונד און מקבל־געווען די קרבנות־גרייטקייט, וואָס זיינע קינדער און קינדס־קינדער וועלן דאַרפן ברענגען אויפן מזבח פון דער וועלט־גאולה.

ישמעאל און זמרן, די קינדער פון הגר און קטורה, זיינען אויפן באַרג נישט געווען, און זיינען קיין שותפים צום געטלעכן בונד נישט געוואָרן, און די גאַנצע עדה פון נייעם עברים־פאָלק איז אַפילו נאָענט פון באַרג נישט געשטאַנען, גאָט׳ס קול נישט געהערט און נישט געהאַט קיין חלק אין אַברהמ׳ס בונד מיט גאָט.

נייע מורמלערייען האָבן זיך פאַרשפּרייט אין דער מחנה: „גאָט יהוה איז אין די הימלען, אַברהמ׳ען און יצחק׳ן האָט ער אויסדערוויילט פאַר זיינע נביאים אויף דער ערד, צום פאָלק האָט ער זיך ניט באַוויזן, זיין קול האָבן מיר נישט געהערט, מיט אונז האָט ער קיין בונד נישט פאַרשניטן".

אַברהם איז געווען גרייט פאַר אַלע פשרות, כדי צו באַזייטיקן דעם פרעמדן, געצנדינערישן איינפלוס אויף זיין מחנה, אַפילו ווען ער איז נישט געווען זיכער צי זיי זיינען אין גייסט פון דעם גאָט יהוה. ער האָט געוואָלט דערציען זיין יוגנט בהדרגה׳דיק און זיי ביסלעכוויז דערנענטערן צום אמת׳ן גאָט און צו זיינע געטלעכע געבאָטן.

אַברהם האָט אָנגעהויבן איינזען, אַז די טענות פון דער יוגנט זיינען נישט אינגאַנצן קיין אומגערעכטע און האָט גענומען זוכן אַ וועג אַריינצו־ברענגען דאָס גאַנצע פאָלק אין שותפות צום בונד, וואָס ער האָט געשלאָסן מיט גאָט.

לויט די מנהגים פון די אַרומיקע געצנדינערישע פעלקער, ווען צוויי שבטים אָדער צוויי משפחות האָבן געשלאָסן אַ בונד פון שלום צווישן זיך, האָבן זיי צעשניטן אַן אָקס אָדער אַ שעפּס אין צווייען, אַוועקגעלייגט איין העלפט אויף איין זייט, און די אַנדערע העלפט אויף דער צווייטער זייט, און ביידע צדדים זיינען דורכגעגאַנגען צווישן די צעשניטענע טיילן פון קרבן. אַזאַ ריטואַל האָבן זיי אויך דורכגעפירט בשעת אַ מגפה אָדער אַן אַנדער אַלגעמיינער קאַטאַסטראָפע. יעדע משפחה האָט מקריב־געווען אַ שעפּס; דעם שעפּס האָט מען צעשניטן אין צווייען און אויפגעהאַנגען די האַלבע שטיקער אויף ביידע זייטן פון זייער געצעלט. די גאַנצע משפחה איז דורכגעגאַנגען צווישן די צוויי שטיקער, גלויבנדיק אַז דאָס איז אַ סגולה צו פאַרטרייבן די שדים, וואָס האָבן געבראַכט דעם אומגליק אויפן שבט.

ס׳זיינען געווען געצנדינער, וואָס האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט אַן אָקס אָדער אַ שעפּס. כדי איינצושטילן דעם גרימצאָרן פון זייערע געטער אָדער שדים, האָבן זיי געבראַכט פאַר אַ קרבן אַן ערשט־געבוירן קינד. זיי האָבן צעשניטן דאָס יונגע קערפּערל אין צווייען און אויפגעהאַנגען אויף צוויי זייטן. דער שבט אָדער די משפחה איז דורכגעגאַנגען אינמיטן.

אָט־דעם ריטואַל האָבן די געצנדינער גערופן: „ברית בין הבתרים״, אַ בונד צווישן די שטיקער. די צעשניטענע טיילן האָבן געדאַרפט זיין אַ וואָר־נונג, אַז דער שלום טאָר קיינמאָל נישט איבערגעריסן ווערן, און אין אַ צייט פון אַ קאַטאַסטראָפע, איז דאָס געווען אַ קרבן צו די געטער און אַ מיטל איינצושטעלן זייער גרימצאָרן.[1]

אַברהם האָט גענומען טראַכטן, אַז אַזאַ „ברית בין הבתרים״, אַ פייערונג פון אַ „בונד צווישן די שטיקער״, אַ בונד צווישן גאָט יהוה און זיין אויסדער־ווײלט פאָלק, וועט מאַכן יעדן יחיד פון עברים־פאָלק פאַר אַ גלייכן שותף און אַרויפלייגן אויף יעדן איינעם די זעלבע אחריות פאַר דער געטלעכער שליחות פון עברים־פאָלק.

אַברהם איז אַריינגעגאַנגען אין זיין טעמפּל־געצעלט און מתפלל־געווען: „גערעכטער גאָט! דאָס פאָלק איז יונג, פול־בלוטיק און אומרואיק. ער איז אויפן באַרג מוריה נישט געווען, און דעם עקדה־געראַנגל נישט געזען. דאָס פאָלק איז נישט געווען קיין שותף צו אונזער בונד. זיי האָבן אויף זיך נישט גענומען קיין שום התחייבות׳ן צו מאַכן ירש׳ענען צו זייערע קינדער. ווי אַזוי זאָל איך וויסן, אַז דאָס דאָזיקע פאָלק וועט מיך ירש׳ענען און אַז זייערע קינדער וועלן ראוי זיין צו ירש׳ענען דאָס לאַנד?[2]״

האָט אַברהם שפּעטער אין חלום געהערט אַ געטלעכע שטימע אים אַזוי זאָגן: „איך בין יהוה, וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגן פון אור־כשדים, דיר צו געבן דאָס דאָזיקע לאַנד צו ירש׳ענען. נעם אַ דריי־יאָריקע קו און אַ דריי־יאָריקע ציג און אַ דריי־יאָריקן לאַם, אַ טוירטל־טויב און אַ יונגע טויב און פאַרשנייד אַ בונד צווישן מיר און מיין פאָלק״.

און עס איז געווען, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען, און ס׳איז געוואָרן שטאָק־פינצטער, האָט אַברהם גענומען די אַלע באַשעפענישן און זיי איבער־געשניטן אינמיטן און אַוועקגעלייגט איין העלפט קעגן דער אַנדערער. ערשט האָט זיך באַוויזן אַ וואָלקן פון רויך, און אַ פלאַם־פייער איז דורכגעגאַנגען צווישן די שטיקער. אין יענעם טאָג האָט גאָט יהוה געשלאָסן אַ בונד מיט זיין פאָלק, אַזוי צו זאָגן: „צו אַברהמ׳ס קינדער און קינדס־קינדער וועל איך געבן דאָס דאָזיקע לאַנד, פון דעם טייך מצרים ביזן גרויסן טייך, דעם טייך פרת״.[8] דער „בונד צווישן די שטיקער״ (ברית בין הבתרים) האָט אויף אייביק פאַרבונדן דאָס אידישע פאָלק מיט דעם גאָט יהוה און מיט זיינע געבאָטן און איז געוואָרן דער סימבאָל פון אַחדות צווישן עברים־פאָלק לדור־דורות.

אַ דערהויבנדיקע שטימונג האָט איצט געהערשט אין דער עברים־מחנה. יעדער איינציקער עברי האָט דערפילט, אַז ער איז אַ שותף צום בונד, וואָס אַברהם האָט פאַרשניטן מיט זייער גאָט יהוה. סוף־כל־סוף איז געקומען אַ צייט פון שלום און אַחדות צווישן אַלע צדדים פון דעם נייעם עברי־פאָלק.

אַברהם וואָלט שוין געווען צופרידן מיט דער רואיקייט אין פאָלק און זיכערקייט פון לאַנד, ווען אַ נייע געפאַר וואָלט זיך נישט גענומען דערנענ־טערן צו די ברעגן פון נגב־לאַנד. אין יענע טעג איז אַרונטערגעקומען פון די צפון־בערג דער נישט־שעמיטישער „בני־חת״־שבט און זיך גענומען אויס־שפּרייטן אין דעם לאַנד פון די אמורים.

די בני־חת זיינען אינגאַנצן נישט געווען ענלעך צו די סומעריער אָדער די מיצרים — נישט אין אויסזען און נישט אין שטייגער־לעבן. זיי זיינען געווען קליין־געוואַקסיק, ברייט־פּלייציקע, פלאַכע שטערנס, קורצע קינבאַקנס און לאַנגע נעזער. זיי האָבן גערעדט אַ נישט־שעמיטישע שפּראַך. נאָר זייערע געטער זיינען געווען ענלעך צו די געטער פון די מזרח־לענדער. זייער הויפּט־גאָט איז געווען עשתורת, די געטין פון פרוכטבאַרקייט. פון זייער האַלטונג און קליידונג האָט מען געקאָנט דערקאָנען, אַז דאָס זיינען בערג־בעווטשן.

די בני־חת האָבן גע׳שמ׳ט פאַר קריגערישע שבטים, וואָס האָבן אויסגע־נוצט יעדע געלעגנהייט צו באַפאַלן און באַהערשן שוואַכערע לענדער. זייער מעטאָד איז נישט געווען ווי דער כנעני׳שער צו פאַרשפּרייטן זייער געטער־קולט, נאָר זיי האָבן פריער איינגעשטעלט האַנדלס־באַציאונגען מיט אַ פרעמד לאַנד, געקויפט דאָרט אַ סך ערד און באַזעצט אַזויפיל משפּחות וויפיל ס׳האָט

זיך געלאָזט און ביי דער ערשטער מעגלעכקייט באַפאַלן און אונטערדריקט דאָס לאַנד.

אין יענע טעג האָבן די בני־חת זיך גענומען אויסשפּרייטן אין דעם לאַנד פון די אָמורים און זיך ביסלעכווייז אויסגעשפּרייט צו דרום.

ווי אַלעמאָל, האָט אברהם זיך באַקענט מיט דער געשיכטע און כאַראַק־טער פון אַ פרעמדן שבט דורך זיינע געטער, טעמפּלען, תּפילות און ריטואַלן. אַברהם איז אַריינגעגאַנגען אין אַ טעמפּל פון די בני־חת און זיך צוגעהערט צו אַ תּפילה־געזאַנג:

„אַ נעפּל האָט פאַרדעקט די פענצטער, רויך האָט אָנגעפילט דאָס הויז;
אין פייער־ווינקל האָבן זיך די שפּענער געקלייעט,
אויף די פּעדעסטאַלן זיינען די געטער געשטאַנען דערשלאָגן,
אין שטייג זיינען די שעפּסן געשטאַנען צעשראָקן,
אין שטאַל זיינען די קי געווען צעטומלט.
דער שעפּס האָט פאַרשטויסן דעם לאַם, די קי האָט אָפּגעשטויסן
דעם קאַלב. גערשטן און עמער־ווייץ וואַקסן נישט מער.
שאָף, רינדער און פּרויען שוואַנגערן נישט מער.
אַפילו די וואָס שוואַנגערן ברענגען נישט קיין געבורט.
די בערג זיינען אויסגעטריקנט, ביימער פאַרדאַרט,
קיין שום זאַך האָט זיך נישט פאַנאַנדערגעבליט.
די לאָנקעס זיינען פאַרוויאַנעט און די קוואַלן טרוקן,
דער גרויסער זון־גאָט האָט פאַרגרייט אַ סעודה און געלאַדן די טויזנט געטער.
זיי האָבן געגעסן און נישט געזעטיקט זייער הונגער,
האָבן געטרונקען און נישט געזעטיקט זייער דורשט.
דער פאָטער פון שטורעם־גאָט האָט געזאָגט צו די געטער:
'מיין זון איז דאָרט נישטאָ, ער איז דערצאָרנט געוואָרן,
ער האָט מיטגענומען אַלץ וואָס וואַקסט, אַלץ וואָס איז גוט.
די גרויסע געטער און די קליינע געטער האָבן זיך געלאָזן
זוכן דעם שטורעם־גאָט'.
דער זון־גאָט האָט אַרויסגעשיקט דעם פלינקן אָדלער, זאָגנדיק:
'גיי, זוך אין די הויכע בערג, זוך אין די נידעריקע טאָלן,
זוך אין די טונקל־בלויע כוואַליעס'.
דער אָדלער איז געפלויגן און האָט דעם שטורעם־גאָט פון הימל נישט געפונען.
איז דער פאָטער פון שטורעם־ווינט געגאַנגען צו זיין פאָטער און געבעטן:
'ווער האָט געזינדיקט, וואָס די קערנער זיינען פאַרטריקנט און קיין
זאַך לעבט נישט מער?'
דעם שטורעם־גאָט'ס עלטער־פאָטער האָט געענטפערט:
'קיינער האָט ניט געזינדיקט, דו אַליין האָסט געזינדיקט'.
דעם שטורעם־גאָט'ס פאָטער האָט געזאָגט: 'דאָס וועל איך אונטערזוכן,
אויב דו ביסט שולדיק וועל איך דיך טויטן.
איצט גיי און געפין דעם שטורעם־גאָט'.
איז דער פאָטער פון שטורעם־גאָט געגאַנגען צו דער מוטער־געטין
חאַנאַהאַנאַ פון גולטאַס,

איר דערציילט, וואָס זיין פּאָטער האָט אים באַפוילן.
'האָב ניט מורא, האָט אים חאַנאַהאַנאַ געזאָגט;
איך וועל אים איבערגעבן אין דיינע הענט.
גיי און ברענג מיר די בין און איך וועל איר וויזן וואו
צו געפינען דעם גאָט פון שטורעם'.
די בין איז געפלויגן איבער לויפנדיקע טייכן, איבער מורמלענדיקע
וואַסער־קוואַלן.
זי האָט דעם שטורעם־גאָט געפונען אויף אַ פעלד, אין אַ וועלדל ביי ליהזינאַ,
זי האָט אים געביסן אין האַנט און אין פוס און אים אויפגעוועקט,
מיט וואַקס האָט זי אויסגעווישט זיינע אויגן און אים גערייניקט.
דער שטורעם־גאָט איז צוריקגעקומען, און די וועלט האָט דערוואַכט".[4]

אַברהם האָט געוואוסט, אַז שוין לאַנג, נאָך פאַר זיינע צייטן, זיינען פון וויטן צפון געקומען וואַנדערנדיקע נישט־שעמיטישע שבטים און זיך אָפּ־געשטעלט אויפן הויך־לאַנד פון די „טאַורוס־בערג". צען שבטים זיינען זיי געווען און יעדער שבט האָט געפירט אַ באַזונדער, אייגנאַרטיק לעבן און מיט דער צייט אויפגעשטעלט צען באַזונדערע פירשטנטומס, יעדער מיט זיין הויפּט־שטאָט, זיין הערשער, זיין גאָט און זיין טעמפּל.

שפּעטער איז אויפגעשטאַנען דער העלדישער פירשט פּיטכאַנא, דער הער־שער פון קוסאַרא, און צוזאַמען מיט זיין זון אַניטאַס האָבן זיי באַזיגט אַלע אַנדערע פירשטן און פאַראייניקט דאָס חיתים־לאַנד (ארץ בני־חת) אונטער זייער הערשאַפט. די צען פירשטנטומס זיינען טיילווייז געבליבן זעלבסט־שטענדיק אונטער דער הערשאַפט פון זייערע לאָקאַלע הערשער, נאָר געווען אונטערוואָרפן דעם קעניג פון לאַנד אויף אייניקע געביטן: דער קעניג איז געווען דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון אַלע אָפּטיילונגען פון דער אַרמיי, דער הויפּט־ריכטער פון אַלע לאַנד־געריכטן און דער כהן־גדול פון אַלע טעמפּלען.

אויך אין רעליגיע זיינען די פירשטנטומס געבליבן זעלבסטשטענדיק. זיי האָבן געדינט צו זייערע לאָקאַלע געטער, און האָבן געהאַט זייערע אייגענע טעמפּלען. נאָר איין מאָל אַ יאָר איז דער קעניג, ווי דער הויפּט־פּריסטער פון לאַנד, געקומען צו די לאָקאַלע טעמפּלען און מיטגעפּייערט מיט זיי דעם יום־טוב פון זייער לאָקאַלן גאָט.

אין חיתים־לאַנד האָבן אַלע לענדערייען באַלאַנגט צום שטאַט, און יעדער פּויער האָט געקראָגן לאַנד צום באַאַרבעטן. דער קעניג האָט באַשטימט די שכירות פאַר דער אַרבעט און דעם פּרייז פאַר די פּראָדוקטן.

בכלל האָט דער קעניג געזוכט צו לעבן בשלום מיט זיינע אונטערטעניקע פירשטן. אַזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט, זיינען זיי אים געווען געהאָרכזאַם און געדינט געטריי. ווען ס'איז אָבער געקומען צו דערוויילן אַ נייעם קעניג, האָבן די פירשטן געפאָדערט אַ דעה, און דאָס איז געווען אַ גאַנץ אָפטע סיבה פאַר מלחמות צווישן די פירשטן.

אונטער דער הערשאַפט פון פּיטכאַנאַ און זיין זון אַניטאַס האָבן זיך די

חיתים אַנטוויקלט און פּראָדוצירט ערדענע און מעטאַלענע כלים און מלחמה־מכשירים. זיי האָבן פּראָדוצירט אַרטיקלען פון גאָלד, זילבער, קופּער, בראָנז און בליי. זיי זיינען געווען געשולטע מעטאַל־אַרבעטער און די ערשטע אויס־צוגעפינען דעם מעטאַל אייזן און אים אַנטוויקלען. זיי האָבן פאַרבונדן אַ גרויסן האַנדל מיט די אַסיריער אין מזרח, און מיט מצרים אין דרום. אין ביידע פאַלן האָבן זיי געזוכט צו פאַרשטאַרקן זייערע פּאָזיציעס און באַפאַלן און אונטערדריקן די לענדער. מיט מצרים האָבן די חיתים געפירט אַ גרויסע האַנדלס־קאָנקורענץ. זייערע סוחרים האָבן זיך באַגעגנט מיט די מיצרישע קאַראַוואַנען־הענדלער אויף אַלע מאַרקן פון וועלט־האַנדל. דאָס האָט אַנט־וויקלט אַ גרויסע שנאה צווישן ביידע לענדער. די חיתים האָבן אַ לאַנגע צייט גע'חלומ'ט וועגן דער צייט, ווען זיי וועלן קאָנען באַפאַלן און באַזיגן מצרים. זיי זיינען אין קליינע גרופּן אַרונטערגעקומען פון די בערג, זיך באַזעצט אַרום דמשק און זיך גענומען אויסשפּרייטן צו דרום, אויפן וועג צו מצרים. צוערשט זיינען זיי געקומען ווי הענדלער, און ביסלעכוויז האָבן זיי זיך באַזעצט און באַפעסטיקט.[5]

ווי אַלע אַרומיקע פעלקער, האָבן די חיתים מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט נאָכגעפאָלגט אַברהמ'ס אונטערנעמונגען און די אַנטוויקלונג פון עברים־פאָלק אין לאַנד פון נגב, ביי די גרענעצן פון מצרים. די חיתים האָבן שטאַרק געוואָלט האָבן אַברהמ'ען און דאָס עברים־לאַנד אויף זייער זייט אין פאַל פון אַ מלחמה מיט מצרים. אַמווייניקסטנס האָבן זיי געהאָפט, אַז אַברהם זאָל זיין נייטראַל אין אַזאַ צוזאַמענשטויס. די חיתים האָבן צוליב דעם געזוכט אַלערליי געלעגנהייטן צו שליסן אַ בונד פון פריינטשאַפט מיטן נייעם עברים־פאָלק. אַברהם האָט אויך שטאַרק געוואָלט האָבן אַזאַ קעגנזייטיקן בונד. ערשטנס, צו פאַרזיכערן די גרענעצן פון נגב־לאַנד קעגן די געפערלעכע אַריינדרינגער פון וויטן צפון, און צווייטנס, טאַקע אַליין צו ווערן אַ באַלאַנס־כח קעגן מצרים.

אין יענע טעג איז שרה, נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט, געשטאָרבן אין דער שטאָט חברון. שרה האָט צוזאַמענגעבראָכן באַלד נאָכדעם ווי אַברהם און יצחק זיינען אַוועק צום באַרג מוריה. שרה איז געווען פאַרצווייפלט וועגן איר קינד'ס גורל. דערצו האָט זי אין חלום געהערט דעם שטן זאָגן: „וויסטו וואָס אַברהם האָט געטאָן צו דיין איינציקן זון? ער האָט אים אַרויפגעפירט אויף אַ באַרג און אים דאָרט מקריב־געווען צו זיין גאָט יהוה. יצחק האָט געוויינט און געבעטן רחמים. אַברהם האָט אָבער אויף דיין קינד קיין רחמנות נישט געהאַט".

דער מוטערלעכער אינסטינקט האָט אָבער אונטערגעזאָגט שרה'ן, אַז איר זון לעבט. זי האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף דעמזעלבן וועג, אויף וועלכן אַברהם איז געגאַנגען מיט יצחק'ן, ביז זי איז אָנגעקומען קיין חברון. זי האָט ביי אַלעמען געפרעגט, צי זיי ווייסן וואָס ס'איז געשען מיט איר זון. קיינער האָט

איר אָבער גאָרנישט געקאָנט זאָגן. ווען שרה איז אַ מידע איינגעשלאָפן, איז דער שטן ווידער געקומען צו איר אין חלום און איר געזאָגט: „איך האָב דיר געזאָגט אַ ליגן. דער אמת איז, אַז אַברהם האָט נישט געטויט דיין זון, און יצחק לעבט. שרה האָט זיך אויפגעכאַפּט. איר האַרץ האָט אָבער מער נישט געקאָנט איבערטראָגן די אויפרעגונג. זי איז סכנות'דיק קראַנק געוואָרן און איז שפּעטער געשטאָרבן אין קרית־ארבע, אַ פאָרשטאָט פון חברון.

אין חברון איז שוין אין יענער צייט געזעסן אַ גרויסע צאָל פון די בני־חת, וועלכע האָבן פאַרמאָגט אַ סך לאַנד. אַברהם איז געגאַנגען צו די בני־חת און זיי אַזוי געזאָגט: „אַ פרעמדער, אָבער אַ תושב בין איך שוין ביי אייך. פאַרקויפט מיר אַן אָרט פאַר אַ קבר, וואו איך זאָל קאָנען מקבר־זיין מיין פרוי שרה".

די בני־חת האָבן זיך דערפרייט מיט דער געלעגנהייט, וואָס זיי קאָנען ווייזן אַברהמ'ען זייער פריינטשאַפט. זיי האָבן אים אָפּגעגעבן אַ סך כבוד און אים געזאָגט: „הער אונז אויס, אונזער האַר! אַ געטלעכער פירשט ביסטו צווישן אונז. אין דעם בעסטן פון אונזערע קברים באַגראָב דיין טויטן. קיינער פון אונז וועט עס דיר נישט שטערן".

אַברהם האָט באַדאַנקט די בני־חת און זיי געזאָגט: „אויב עס איז אייער ווילן מיר צו לאָזן מקבר־זיין מיין טויטן, הערט מיך אויס און בעט פאַר מיר ביי עפרון, דעם זון פון צוהר, ער זאָל מיר פאַרקויפן די הייל פון מכפלה, וואָס געפינט זיך אין עק פון זיין פעלד. איך וועל באַצאָלן דעם גאַנצן ווערט פון דעם טייל פעלד".

האָט עפרון דער חיתי געזאָגט צו אַברהמ'ען: „ניין, מיין האַר, הער זיך צו, דאָס פעלד שענק איך דיר, און די הייל, וואָס איז דאָרטן, שענק איך דיר. פאַר די אויגן פון די קינדער פון מיין פאָלק שענק איך עס דיר. ברענג דיין טויטן צו קבורה". די חיתים האָבן ניט געוואָלט פאַרקויפן קיין לאַנד צו אַברהמ'ען און אים נישט געבן קיין דריסת־הרגל אינעם לאַנד פון די אַמורים.

אַברהם האָט פאַרשטאַנען דעם מיין פון די חיתים. ער האָט אָבער אָפּגע־היט זיין מנהג נישט צו נעמען ביי קיינעם קיין זאַך מיט געוואָלט, און קיין שום זאַך אַלס געשאַנק. ער האָט עפרונ'ען, אין קעגנוואָרט פון גאַנצן פאָלק, געזאָגט מיט האַרבע ווערטער: „הער זיך צו צו מיר! איך גיב דיר דאָס געלט פאַרן פעלד, נעם דאָס פון מיר, און איך וועל מקבר־זיין מיין טויטן".

אַברהם האָט אָפּגעוואויגן פיר הונדערט זילבערנע שקלים, און דאָס פעלד פון עפרונ'ען און די הייל פון מכפלה, וואָס איז דאָרט געווען, און דיביימער אויפן פעלד, זיינען געוואָרן אַברהמ'ס אייגנטום. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אויף אַ געזעצלעכן אופן אין קעגנוואָרט פון די בני־חת, פאַר די אויגן פון אַלע איינגייער אין דעם טויער פון שטאָט.

אַברהם האָט געבראַכט צו קבורה זיין ווייב שרה אין דער הייל פונעם פעלד פון מכפלה (מערת המכפלה).

אַברהם האָט אויסגענוצט די פריינטלעכע האַנדלונג פון די בני־חת און געשלאָסן אַ קעגנזייטיקן שלום־בונד צווישן די חיתים און די עברים, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ סך יאָרן.

***

נאָך די אַלע געשעענישן האָט אַברהם אָנגעהויבן איינצושטעלן אַן אמת'ע מלוכה־אָרדענונג אין לאַנד פון נגב, אין גייסט פון דעם גאָט יהוה און אין איינקלאַנג מיט דעם לעבן פון אַ פאָלק, וואָס האָט אויפגעגעבן זיינע וואַנדערונגען און זיך באַזעצט אויף ערד אין זיין אייגענער היים.

ביסלעכווייז האָט זיך דאָס עברים־לאַנד צעבליט און צעוואַקסן. די הויפּט־שטאָט באר־שבע איז געוואָרן אַ וויכטיקער האַנדל־צענטער צווישן מצרים און דעם חיתים־לאַנד אין מערב, און צווישן סומער, בבל און אַשור אין מזרח. אַברהם האָט אויסגענוצט זיינע פאַרבינדונגען מיט די אַלע לענ־דער צו לעבן מיט זיי אַליין בשלום און צו פאַרמיטלען אַ שלום צווישן די גרויסע קאָנקורירנדיקע מאַכטן.

דאָ, אין נגב, האָט גענומען אויפגיין אַ ציוויליזאַציע און אַ קולטור, וואָס איז געווען דורכאויס אַנדערש, ווי די ציוויליזאַציעס און קולטורן פון אַלע אַרומיקע פעלקער.

אַברהם, שרה און זייער גאַנצער משפחה האָבן זיך דערצויגן אויף דער סומערישער קולטור, און די גרים, וואָס זיי האָבן באַקערט, זיינען געקומען פון פאַרשיידענע לענדער און פעלקער און האָבן זיך דערצויגן אויף פאַרשיי־דענע קולטורן. פאַר דער „אחד"־אידייע איז געווען נויטיק אַן איינהייטלעכע קולטור פאַר אַלע עברים; אַ קולטור, וואָס זאָל אויסשמידן אַ ניי הייליק פאָלק, וואָס זאָל אָנצינדן אַ ליכט צו באַלייכטן די וועלט.

אַברהם האָט אַוועקגעזעצט געלערנטע סופרים אין זיין שם־ועבר בית־המדרש, זיי זאָלן פאָרשן, סיסטעמאַטיזירן און אָפּקלייבן דאָס בעסטע פון די פרעמדע קולטורן און עס איבערגיסן אין אַ פאָרם, וואָס זאָל זיין אין גייסט און לויט די עטישע געבאָטן פון דעם גאָט יהוה.*

אַברהם האָט געדענקט דעם שפּל'דיקן מצב פון די פאַרשקלאַפטע פעלקער אין סומער, אַקאַדיע, דמשק און בפרט אין מצרים, וואו דאָס רוב פון דער באַפעלקערונג האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער, פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג, יעדן טאָג אין יאָר. אויך אין זיין איי־גענער מחנה, וואו קיין עברי איז נישט פאַרשקלאַפט צו אַ צווייטן, זיינען אויך אַלע שטענדיק פאַריאָגט אין שווערער אַרבעט פאַר זיך און פאַרן פאָלק. די איינציקע צייט, וואָס ער קאָן צו זיי רעדן וועגן גאָט און געטלעכקייט, איז בשעת זיי עסן אָדער פאַרן שלאָפן. אונטער אַזעלכע באַדינגונגען האָבן זיי נישט די צייט און נישט דאָס געמיט אויסצוהערן, און נישט די מנוחה זיך צו קאָנען פאַרטיפן אין גייסטיקע ענינים. אַ פאָלק, וואָס זאָל זיין ראוי צו

טראָגן מיט זיך אַ געטלעכע שליחות, מוז האָבן אַ צייט פאַר אַרבעט און אַ צייט פאַר געמיטלעכקייט, אין וועלכער ער זאָל קאָנען קאָנצענטרירן זיינע געדאַנקען און טראַכטן וועגן גאָט און געטלעכקייט, וועגן דעם שעפער און זיין באַשאַף.

די גרים אין דער מחנה, וואָס האָבן געשטאַמט פון בבל, האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אַ טראַדיציע פון אַ „רו־טאָג", וואָס איז שטאַרק פאַרהייליקט געוואָרן פון בבל'שע פריסטערס. דער יום־טוב איז געווען פאַרבונדן מיט דער צייט, ווען זיי האָבן דערזען אַ פול לבנה („שאַבאַטום") און מיט דעם ציפער זיבן (7), וואָס זיי האָבן פאַרהייליקט. יעדער 7טער, 14טער, 21טער און 28טער טאָג אין חודש האָבן זיי אָפּגעהיט ווי אַ יום־טוב. אין דעם טאָג איז דעם קעניג געווען פאַרבאָטן צו עסן געבראָטן פלייש און בכלל שפייז, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך פייער. ער האָט נישט געטאָרט רייטן אויף זיין רייטוואָגן, נישט בייטן זיינע קליידער און נישט פאַרהאַנדלען קיין שום מלוכה'שע געשעפטן. די פריסטערס האָבן זיך נישט געטאָרט ווענדן צו זייערע „אוראַקלס" פאַר נביאות, און די דאָקטוירים האָבן אין די טעג נישט געטאָרט היילן קיין קראַנקע.

דאָס זיינען אייגנטלעך נישט געווען קיין אמת'ע יום־טובים, נאָר טעג פון שלעכטן מזל, אין וועלכע מ'האָט געדאַרפט באַרואיקן דעם צאָרן פון די געטער און זיי בעטן פאַר אַ בעסער מזל. די פייערונגען זיינען אויך נישט פאַרגעקומען אין אַלע חדשים פון יאָר.

אַברהם האָט איבערגענומען די אידייע פון פאַרהייליקן דעם זיבעטן טאָג און אים פאַרוואַנדלט אין אַ שטענדיקן הייליקן רו־טאָג, אין דעם יום־טוב שבת.

אַברהם האָט דערהערט אַ געטלעכע שטימע אים זאָגן: „זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן אַלע דיינע מלאכות. אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת צו יהוה דיין גאָט. זאָלסט נישט טאָן קיין מלאכה, דו און דיין זון, און דיין טאָכטער, און דיין אָקס, און דיין אייזל, און אַלע דיינע בהמות, און דער פרעמ־דער וואָס אין דיינע טויערן, כדי דיין קנעכט און דיין דינסט זאָלן רוען אַזוי ווי דו".

אין דעם טאָג שבת האָט די עברים־מחנה גערוט, נאָך זעקס טעג פון שווערער אַרבעט. דער טאָג איז געוואָרן דער פייערלעכסטער טאָג ביים נייעם עברים־פאָלק. שבת איז אָבער אויך אויסגענוצט געוואָרן צו לערנען מיטן פאָלק אַלץ וואָס די סופרים האָבן צוגעגרייט פאַר דער צוזאַמענגיסונג פון אַן איינהייטלעכער קולטור.

זייער ערשטע אויפגאַבע איז געווען איינצושטעלן אַן איינהייטלעכע שפּראַך. אויסער סומעריש, אַקאַדיש און אַנדערע שפּראַכן, וואָס די גרים האָבן מיט זיך געבראַכט, האָט מען אין דער מחנה אויך גערעדט אויף פיל דיאַ־

לעקטן פון דער עברי־שפּראַך, וועלכע איז געווען די שפּראַך פון אַלע שע־מיטן. נישט אַלע מאָל האָט זיך די עברים־מחנה געקאָנט צוזאַמענרעדן. די סופרים האָבן געהאַט די שווערע אויפגאַבע צוזאַמענצוגיסן, אויסלייטערן און אויסקריסטאַליזירן פון די אַלע איין עברים־שפּראַך.[8]

די צווייטע גרויסע אויפגאַבע פון די שם־ועבר־סופרים איז געווען איינ־צושטעלן אַן איינהייטלעכע און לייכטע שריפט. עס זיינען נאָר געווען צוויי סאָרטן שריפט, מיט וועלכע די סופרים האָבן זיך געקאָנט באַנוצן: 1) די סו־מעריש־קלינפאָרם שריפט; 2) די מיצריש־היראָגליפישע שריפט.

די חכמה פון לייענען און שרייבן אין אַברהמ׳ס צייטן איז בכלל געווען אַ פאַרוויקלטע און שווערע. נאָר יחידי־סגולה, קינדער פון רייכע עלטערן, האָבן געהאַט די צייט און די מעגלעכקייט זיך אויסצולערנען איינע פון די צוויי שריפטן, וואָס זיינען באַנוצט געוואָרן אין יענע צייטן.

אין סומער און אין אַ סך אַנדערע לענדער האָט מען זיך באַנוצט מיט דער קלינפאָרם־שריפט, וואָס האָט געהאַט מער ווי 600 קאָמבינאַציעס פון די קלין־שטעקעלעך, און דער שרייבער האָט געמוזט נוצן אַ צאָל פון אָט־די קאָמבינאַציע צו פאַרצייכענען אַ זילבע אָדער אַ וואָרט.



היראָגליפישע שריפט

אין מצרים האָט מען זיך באַנוצט נאָר מיט דער היראָגליפישער שריפט. די שריפט האָט געהאַט נאָענט צו פינף הונדערט בילדער און צייכנס, און כדי אויפצושרייבן אַ וואָרט אָדער איבערגעבן אַ געדאַנק, האָט דער שריי־בער זיך געמוזט באַנוצן מיט אַ גרויסער צאָל קאָמבינאַציעס פון די בילדער און צייכנס.

ס׳איז דערפאַר נישט קיין וואונדער, וואָס די וואָס האָבן געקאָנט שרייבן און לייענען, זיינען באַטראַכט געוואָרן ווי די אַריסטאָקראַטיע פון דער גע־זעלשאַפט. יעדער סופר („סקראַיב״) איז אַלעמאָל געווען אַ קרוב־למלכות.

דאָס שפּל'דיקע פאָלק האָט נישט געוואוסט וואָס די צייכנס מיינען און וואָס די שריפטן אויף די ליימענע לוחות אָדער פּאַפּירוס־מגילות באַדייטן.

אַברהם האָט אָבער געוואָלט רעדן צום גאַנצן פאָלק. ער האָט געוואָלט ברענגען גאָט'ס וואָרט און די געטלעכע געבאָטן צו אַ ל ע מענטשן, צוערשט צו זיין אייגן פאָלק און שפּעטער צו אַלע פעלקער. פאַר דעם צוועק איז געווען נויטיק אַן „אלף־בית", וואָס זאָל זיין לייכט זיך אויסצולערנען און מיט וועלכן מ'זאָל קאָנען גיך איבערגעבן און קלאָר־מאַכן אַ געדאַנק.

די עברים־סופרים האָבן לאַנג געזוכט, געפאָרשט און סוף־כל־סוף דערפונדן אַ נייעם אלף־בית פון בלויז 30 אותיות. צוערשט האָבן זיי דעם אלף־בית צוזאַמענגעשטעלט פון אַ צאָל קלינפאָרם־קאָמבינאַציעס און געשריבן אויף ליימטאָוולען[8א]. אין מצרים און אין די שכנותדיקע לענדער האָט מען אָבער געשריבן אויף פּאַפּירוס מיט טינט און די סופרים האָבן ביסלעכווייז אַנטוויקלט אַן אלף־בית פון גלייכע ליניעס. צוערשט פון בילדער־צייכנס און דערנאָך פון פּשוטע אותיות. יעדער אות האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט איין



אַזוי האָט זיך פון „כתב־עברי" אַנטוויקלט דער איצטיקער „לאַטיינישער" אלף־בית

באַשטימטן קלאַנג, און עטלעכע קלאַנגען האָבן אויסגעדריקט אַ זילבע און אַ וואָרט. דער נייער שריפט, וועלכן אַברהם האָט גערופן „כתב־עברי", האָט געעפנט פאַרן עברים־פאָלק אַלע אוצרות פון דער וועלט־ליטעראַטור.[9]

אַלע פעלקער, וואָס האָבן דעמאָלט געוואוינט ביי די ברעגן פון ים־הגדול און האָבן גערעדט איינעם פון די עברי־דיאַלעקטן, האָבן גיך איבערגענומען פון די עברים דעם „קלאַנג־אלף־בית" און אים אַנטוויקלט אויף זייער אייגענעם שטייגער.

די סופרים האָבן אויך איינגעזאַמלט דאָס בעסטע פון די ליטעראַטורן, וואָס זיי האָבן געלערנט אין די טעמפּלען פון זייערע וואַנדערונגען: די פאַרשיידענע נוסחאות פון וועלט־באַשאַף, פון די פאַרפּלייצונגען, פון דור־הפלגה, רעליגיעזע תפילות, עטישע לידער, עלעגיעס און לעגענדעס. זיי האָבן דעם

גאַנצן מאַטעריאַל איבערגעקליבן, איבערגעשריבן און איבערגעגאָסן אין דעם גייסט פון נייעם עברים־פאָלק און אין איינקלאַנג מיט אַברהמ׳ס גאָט־אידייען.

אַ ניי לאַנד און אַ ניי פאָלק האָט אויך געמוזט האָבן נייע געזעצן, וואָס זאָלן זיין אין איינקלאַנג מיט די געבאָטן פון גאָט יהוה און דעם לעבנס־שטייגער פון אַ הייליק פאָלק.

אין אייניקע לענדער, וואו אַברהם האָט געלעבט אָדער דורכגעוואַנדערט, האָבן שוין עקזיסטירט „געזעץ־קאָדעקסן״ (ביכער וועגן חוקים און משפטים), וואָס האָבן געדאַרפט דינען ווי אַ וועגווייזער פאַר דער אויפפירונג פון זייערע פעלקער:

1) „אור־נאַמו־קאָדעקס״. דער ערשטער קעניג פון דער „דריטער דינאַסטיע פון אור״, אור־נאַמו, האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ „געזעץ־קאָדעקס״, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַזעלכע געזעצן, ווי: „עס זאָל אָפּגעהיט ווערן אַן ערלעכע וואָג און ערלעכע מאָס״, „קיינער זאָל מיט מאַכט נישט אַוועקנעמען ביי אַ צווייטן אָקסן, שעפּסן אָדער איזלען״, „שטראָף־געזעצן וועגן קערפּערלעכע שאָדנס״, „אַן אלמנה און יתומים זאָלן נישט אונטערדריקט ווערן פון די שטאַרקע״, און „דער מענטש וואָס פאַרמאָגט איין שקל זאָל נישט אונטערוואַרפן ווערן צו דעם, וואָס פאַרמאָגט איין מינא (60 שקלים)״ אאַז״וו.

2) נאָך דער צעפאַלונג פון דער „דריטער דינאַסטיע פון אור״ איז נאָך געמאַכט געוואָרן אייניקע פּרואוון צו פאַראייניקן און צוריק־אויפשטעלן די אימפּעריע. איינער פון די הערשער וועמען ס׳איז געלונגען טיילווייז צו פאַראייניקן די אימפּעריע איז געווען ליפּיט־אישטאַר, אַ יורש פון דער איסין־דינאַסטיע. ער האָט זיך אַליין גערופן „דער קעניג פון סומער און אַקאַדיע״. ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ געזעץ־בוך מיטן נאָמען „דער קלוגער פּאַסטעך״,[10] וועגן וועלכן די געטער אַנו און ענליל האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז: „די שיינקייט פון לאַנד, וואָס וועט איינשטעלן גערעכטיקייט צווישן די מענטשן, וועט אָפּשאַפן קריוודעס, פאַרטרייבן שנאה, פאַרמיידן באַוואָפנטע אויפשטאַנדן און ברענגען גליק פאַר די סומעריער און אַקאַדיער״. דאָרטן זיינען געווען פאַרשריבן געזעצן וועגן דינגען שיפן, וועגן אומבאַוועגלעכן פאַרמעגן, וועגן שקלאַפן, צינזן, חתונה, ירושה.

3) ליפּיט־אישטאַר האָט אָבער אויך לאַנג נישט אויסגעהאַלטן און די מאַכט פון סומער איז אַריבער צו די הערשער פון די גרויסע שטעט. איינע פון די שטעט איז געווען עשנונאַ, וואָס איז געלעגן אין מזרח־צפון־זייט פון אַרם־נהרים, ביים טייך חדקל. דער הערשער פון עשנונאַ־קעניגרייך האָט אויך צוזאַמענגעשטעלט אַ „געזעץ־קאָדעקס״. ער האָט געבאָרגט אַ סך פון דעם „אור־נאַמו־קאָדעקס״, אָבער ער האָט אויך געשאַפן אייגענע נייע געזעצן, ווי למשל: פעסטגעשטעלטע פּרייזן פאַר גרונט־אַרטיקלען: גרויפּן, אויל, וואָל, זאַלץ און קופּער. אַלץ איז געשאַצט געוואָרן לויט דעם מאַרק־

ווערט פון זילבער; פאַרשריפטן וועגן שכירות פאַר אַרבעטער; וועגן רעגולירן שכירות לויט דער הויך פון פרייזן אאַז״וו.

אַברהם מיט זיינע סופרים האָבן צונויפגעזאַמלט אַלע שוין־עקזיסטירנדיקע געזעצן, זיי אויסגערייניקט פון געצנדינערישן איינפלוס, זיי איבערגעגאָסן אין געזעצן וואָס זאָלן זיין אין גייסט פון נייעם עברי־פאָלק און אָנגעהויבן די אַרבעט צוזאַמענצושטעלן אַן אייגענעם „אַברהם־קאָדעקס״.

אין אָנהויב האָבן זיי פאַרשריבן די „זיבן גרונט־געזעצן פון די בני־נח״, וואָס האָבן שוין לאַנג געווירקט אין דער עברים־מחנה. דערנאָך די געזעצן וואָס אַברהם האָט, אין נאָמען פון גאָט יהוה, איינגעפירט אין דער מחנה:

א) דעם געבאָט פון מילה. — „צו אַכט טעג זאָל איטלעכער מאַנספּאַרשוין אין דעם פלייש פון זיין פאָרהויט גע׳מל׳ט ווערן״.

ב) עבודה־זרה. — „זאָלסט נישט האָבן קיין אַנדערע געטער; זאָלסט נישט מאַכן קיין אויסשניצונגען אָדער געשטאַלטן פון זאַכן, וואָס זיינען אין הימל אָדער אויף דער ערד; זאָלסט זיך נישט בוקן צו זיי און זאָלסט זיי נישט דינען״.

ג) שבת. — „זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן, אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת; זאָלסט נישט טאָן אין דעם טאָג קיין מלאכה״.

דאָס עברים־פאָלק האָט שוין איצט געלעבט אין זיין אייגן לאַנד, האָבן געבויט שטעט, און אויסער ערד־אַרבעט און פי־האָדוואָניע, האָבן זיי פּראָדוצירט אַלערליי האַנט־אויסאַרבעטונגען און געפירט אַ גרויסן האַנדל. פאַר אַזאַ לעבן איז שוין נויטיק געווען פּאַסיקע פירונגען און געזעצן.

אַברהמ׳ס סופרים האָבן געפונען אַ טייל פון אַזעלכע געזעצן אין די שוין־עקזיסטירנדיקע געזעץ־קאָדעקסן, ווי למשל:[11]

א) „ווען אַ בירגער האָט באַשולדיקט אַ צווייטן און אים פאַרקלאָגט, אַז ער איז באַגאַנגען אַ מאָרד, און ער האָט נישט קיין באַווייזן, זאָל דער באַשולדיקער פאַר׳משפט ווערן צום טויט״.

ב) „ווען אַ בירגער האָט גע׳גנב׳עט אַן אָקס אָדער אַ שעפּס, אַן אייזל, אַ חזיר אָדער אַ שיפל, איז אויב ער האָט גע׳גנב׳עט פון טעמפּל אָדער פון דער מלוכה, זאָל ער באַצאָלן דרייסיק מאָל דעם ווערט פון דער גנבה; אויב ער האָט באַ׳גנב׳עט אַ פּריוואַטן בירגער, זאָל ער באַצאָלן צענפאַך דעם ווערט פון דער גנבה. אויב דער גנב קאָן נישט באַצאָלן, זאָל ער באַצאָלן מיט זיין לעבן״.

ג) „אַז אַ בירגער גיט זיין חבר תבואה צו האַלטן אין זיין שפּייכלער, און עס געשעט אַ שאָדן מיט דער תבואה, אָדער דער חבר לייקנט, אַז ער האָט בכלל דערהאַלטן די תבואה, זאָל דער אייגנטימער אָנגעבן אַלע איינצלהייטן אין קעגנוואַרט פון גאָט (ריכטער), און ווען געפונען שולדיק, זאָל ער באַצאָלן צוויי מאָל אַזויפיל וויפיל ער האָט געקראָגן.

ד) „אויב אַ בירגער צעברעכט אַ ביין ביי אַ צווייטן בירגער, זאָל מען ביי אים צעברעכן אַ ביין; אויב ער צעשטערט אַן אויג, זאָל ער באַצאָלן מיט אַן אויג; אויב ער צעברעכט אַ ביין אָדער צעשטערט אַן אויג ביי אַ מענטשן פון אַ נידעריקן שטאַנד, זאָל ער באַצאָלן אַ מינא אין זילבער; אויב דער גע־ליטענער איז אַ שקלאַף, דאַרף ער נאָר באַצאָלן אַ העלפט פון זיין ווערט; אויב אַ בירגער האַקט אויס אַ צאָן ביי אַ צווייטן בירגער פון זיין שטאַנד, זאָל ער באַצאָלן אַ צאָן פאַר אַ צאָן; אויב ביי איינעם פון נידעריקן שטאַנד, זאָל ער באַצאָלן אַ דריטל פון אַ מינא אין זילבער".[12]

ה) ווען דער אייגנטימער פון אַן אָקס איז געוואָרנט געוואָרן, פון דער שטאָט־רעגירונג, אַז זיין אָקס איז געפערלעך און ער האָט גאָרנישט געטאָן צו מאַכן דעם אָקס אומשעדלעך, און דער אָקס האָט געטויט אַ מענטשן, זאָל דער אייגנטימער באַצאָלן אַ האַלבע מינא אין זילבער; אויב דער דער'הרג'ע־טער איז אַ שקלאַף, דאַרף ער באַצאָלן נאָר איין דריטל מינא אין זילבער.[13]

נאָך אַ סך געזעצן פון דעם מין האָבן די אַברהם־סופרים צוזאַמענגע־קליבן, זיי איבערגעשליפן אין יהוה־גייסט און פאַרצייכנט אויף ליימענע טאָוו־לען. אָט־די „געזעץ־ספרים" האָט אַברהם שפּעטער איבערגעגעבן צו יצחק'ן, ער זאָל זיי איבערגעבן צו זיינע קינדער לדור־דורות.

די נייע עברים־קולטור האָט דערהויבן דעם גייסט און געקרעפטיקט דעם אַחדות־געפיל אין דער עברים־מחנה. אַברהם האָט באַשיינפּערלעך געזען די אויפשפּראָצונג פון זיין פאָלק און לאַנד און די פאַרווירקלעכונג פון זיינע גאָטלעכע חלומות. די אַרומיקע שבטים האָבן באַוואונדערט די דערגרייכונגען פונעם יונגן עברים־פאָלק, אָבער אין דער זעלבער צייט געקוקט אויף אים מיט קנאה. אַברהם האָט געוואָלט פאַרזיכערן זיין לאַנד פון אויסערלעכע שונאים און געזוכט שלום־אָפּמאַכן מיט אַלע שכנות'דיקע לענדער. ער האָט שוין גע־האַט געשלאָסן אַזעלכע אָפּמאַכן מיט די אַמורי־פירשטן אשכול, ממרא און ענר, אין צענטער פון לאַנד; מיט דעם יבוסים־פירשט מלכי־צדק — אין צפון־זייט פון נגב־לאַנד; מיט דעם מלך פון מצרים, אין דרום־זייט פון לאַנד; מיט אבימלכ'ן פון גרר, אויף דער מערב־זייט; אויף דער מזרח־זייט זיינען געווען נאַטירלעכע שוץ־ווענט — די לאַנגע שורה בערג און דער גרויסער מדבר.

***

נאָך די אַלע געשעענישן האָט אַברהם דערפילט, אַז ער ווערט אַלט און שוואַך, און אַז דער סוף פון זיינע טעג איז נאָענט. ער האָט קיין טענות צו גאָט נישט געהאַט. אַלע זיינע יוגנט־חלומות זיינען מקויים געוואָרן, און ער איז געווען דערפאַלגרייך אין אַלע זיינע אונטערנעמונגען צו פאַרזיכערן פאַר אַ לענגערער צייט די גרענעצן און די צוקונפט פון זיין פאָלק און זיין לאַנד. ס'איז אָבער נאָך געבליבן איין־איינציקע זאַך, וואָס האָט אַברהמ'ען נישט גע־

געבן קיין מנוחה: ער האָט זיך געשראָקן, אַז יצחק, ווי אַלע זיינע קינדער, זאָל נעמען פאַר אַ ווייב אַ טאָכטער פון איינעם פון די אַרומיקע געצנדינער־רישע פעלקער, און יצחק׳ס קינדער זאָלן חס־וחלילה דערצויגן ווערן נישט אין דער טראַדיציע פון שם און עבר און נישט אין דעם גייסט פון דעם גאָט יהוה. אַלע אַרומיקע הערשער האָבן געקוקט מיט באַוואונדערונג און גלייכ־צייטיק מיט קנאה־שנאה אויף אַברהמ׳ס גרויסע דערגרייכונגען אין לאַנד פון נגב; אַלע אַרומיקע פּרינצן האָבן זיך מתקנא געווען אין דעם יונגן גע־לערנטן פּרינץ יצחק, און אַלע פּרינצעסינס פון די שכנ׳ישע לענדער האָבן גע׳חלומ׳ט וועגן דעם שיינעם און העלדישן יונגן עברי־פּירשט יצחק. ס׳האָט געדראָט אַ געפאַר, אַז אַברהמ׳ס לעבנסלאַנגע מי צו דערציען יצחק׳ן אין אַ געטלעכן גייסט און אים גרייט־מאַכן איבערצונעמען זיין געטלעכע שליחות זאָל אין איין אויגנבליק צעשטערט ווערן דורך איינער פון די געצנדינערישע פּרינצעסינס. זעענדיק, אַז זיי וועלן אַברהמ׳ען נישט קאָנען אַזוי גרינג באַזיגן מיט מאַכט, האָבן די געצנדינערישע הערשער געזוכט אים צו באַזיגן מיט זייערע זינדיקע מיטלען.

האָט אַברהם אַריינגערופן זיין געטרייען קנעכט אליעזר, דעם פאַרוואַל־טער פון זיין הויז, און צו אים אַזוי געזאָגט: „טו, איך בעט דיך, דיין האַנט אונטער מיין דיך, און איך וועל דיך באַשווערן ביי יהוה, דעם גאָט פון הימל און דעם גאָט פון דער ערד, אַז דו זאָלסט נישט נעמען אַ ווייב פאַר מיין זון פון די טעכטער פון די געצנדינערישע פעלקער, וואָס איך זיץ צווישן זיי. נייערט צו מיין פאָטערלאַנד, צום לאַנד פון מיין אָפּשטאַם זאָלסטו גיין, און דאָרט נעמען אַ ווייב פאַר מיין זון, פאַר יצחק׳ן".

אַברהם האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן זיין משפחה און דעם שבט פון זיין אָפּשטאַם, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין חרן. דורך די האַנדל־קאַראַוואַנען, וואָס האָבן זיך געצויגן פון מצרים קיין סומער, בבל, פדן־ארם און צוריק, איז אַברהם געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די בני־עבר, וואָס ער האָט איבער־געלאָזט אין חרן. ער האָט צו זיי שטענדיק גערעדט אין נאָמען פון דעם גאָט יהוה, זיי זאָלן פאַרלאָזן פדן־אַרם און קומען אין דעם לאַנד פון דעם עברים־פאָלק, און זיין משפחה האָט אים גערופן אין נאָמען פונעם גאָט פון שטורעם הַ אַ דַ אַ דְ, אַז ער זאָל זיך אומקערן אַהיים, אין דעם לאַנד וואו זיין משפחה און זיין שבט לעבן אין רחבות. אַלע בני־עבר־שבטים האָבן דאָרט גענוג לאַנד און פאַשע און פאַרמאָגן אַ שפע פון סטאַדעס שאָף און רינדער. פדן־אַרם איז צו קיינעם נישט אונטערטעניק, און די יוגנט אַנטוויקלט זיך אונטער די אַלטע גרויסע קולטורן פון סומער און אַקאַדיע.

אָט־די גאָלדענע עפּאָכע אין פדן־אַרם האָט אָבער לאַנג נישט אָנגע־האַלטן. אַברהמ׳ס נבואה וועגן דער צוקונפט פון די בני־עבר אין אַ פרעמדן לאַנד און צווישן פרעמדע קולטורן איז סוף־כל־סוף מקויים געוואָרן.

פדן־אַרם האָט סוף־כל־סוף פאַרלוירן איר זעלבסטשטענדיקייט און איז

געוואָרן אַ ציל־ברעט פון די שטרייטנדיקע צדדים. זי איז גאַנץ אָפט אי־בערגעגאַנגען פון איין מאַכט צו דער אַנדערער און האָט נישט געהאַט דעם כח און דעם מוט זיך קעגנצושטעלן. נחור איז נאָמינעל נאָך געווען דער פּאַטריאַרך פון לאַנד, אָבער ער האָט מער נישט געהאַט קיין שום ווירקונג אויף זיין אייגן פאָלק און וויניק אַנזען צווישן די פעלקער.

דערצו איז אויפגעשטאַנען אַ נייער כח, וואָס האָט געדראָט דעם שלום אין פדן־אַרם. אַשור און נינוה זיינען געוואַקסן אין מאַכט, די אַסירישע אַרמייען זיינען געווען אכזריות׳דיקע קריגער. זייער דראַנג איז געווען, פון איין זייט, קיין מצרים, און פון דער אַנדערער זייט, צום לאַנד פון די חיתים. איןביידע פאַלן האָבן זיי געמוזט דורכגיין חרן און ס׳איז נישט געווען קיין מאַכט, וואָס זאָל זיי קאָנען פאַרשטעלן דעם וועג.

אין יענע טעג האָבן זיך אין פדן־אַרם אויך גענומען פאַרשפּרייטן שע־מיטישע איינוואַנדערער פון די „בני־ארם״, אָפּשטאַמער פון אַרם, דער זון פון שם. אָריגינעל איז דאָס געווען אַ שעמיטישער נאָמאַדן־שבט, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אין אַראַבישן מדבר. מיטן גרויסן שטראָם פון שעמיטישער איבערוואַנדערונג, זיינען אויך די „בני־ארם״ צוגעקומען צום טייך פרת און זיך דאָרט ביסלעכווייז באַזעצט, הויפּטזעכלעך אַרום חרן און כרכמיש. זייער הויפּט־גאָט איז געווען הדד (אַדאַד), דער גאָט פון שטורעם, וועלכן מ׳האָט אויך גערופן רימאָן, דער גאָט פון דונערן און בליצן. רימאָנ׳ס ווייב איז געווען די געטין אַטאַגאַטוס. אויסער די הויפּט־געטער האָבן די בני־אַרם אויך געהאַט אַ פּאַנטעאָן פון לאָקאַלע געטער. אַרום אָט־די שטעט און אַרום זייער גאָט הדד, האָבן זיך די קינדער פון אַרם (אָדער אַרמעניער, ווי זיי האָבן זיך שפּעטער גערופן) אַנטוויקלט ווי אַ זעלבסטשטענדיק פאָלק און מיט אַן אייגנאַרטיקן דיאַלעקט.[14]

די אַרמעניער זיינען בכלל געווען אַ שלום־זוכנדיק פאָלק. זיי האָבן אויס־געמיטן מלחמות, אָבער מיט זייער האַנדל און קולטור האָבן זיי באַהערשט די פעלקער מיט וועלכע זיי זיינען געקומען אין באַרירונג.

אַברהמ׳ס משפּחה איז פאַר דער צייט אויסגעוואַקסן: זיין ברודער נחור האָט גענומען שרה׳ס שוועסטער מלכה פאַר אַ ווייב און זי האָט אים געבוירן אַכט זין: עוץ, בוז, קמואל, כשד, חזו, פלדש, ידלף און בתואל. בתואל האָט שפּעטער געהאַט אַ זון לבן און אַ טאָכטער רבקה.

דער רוב פון נחור׳ס קינדער זיינען באַווירקט געוואָרן פון דער אַראַמיי־אישער קולטור און אייניקע פון זיי זיינען שוין אַפילו געווען פּריסטערס אין דעם טעמפּל פון גאָט הדד. קמואל איז געווען דער הויפּט־פּריסטער אין טעמפּל פון חרן און אויך לבן איז שפּעטער געוואָרן אַ כהן אין דעמזעלבן טעמפּל.[15] אַ קלענערער טייל פון אַברהמ׳ס משפּחה האָט זיך אָבער נאָך אַלץ געקלאַמערט צו דער טראַדיציע פון שם־ועבר, געדינט זייער אייגענעם שבט־גאָט און אָפּגעהיט נח׳ס זיבן מצוות.

ווען אַברהם האָט געבעטן אליעזר'ן ער זאָל גיין קיין חרן און דאָרטן געפֿי־נען אַ מיידל וואָס זאָל זיין ראוי צו זיין יצחק'ס ווייב, האָט אליעזר אים גע־פרעגט: „טאָמער וועט דאָס מיידל נישט וועלן גיין מיט מיר צום לאַנד פון נגב, זאָל איך דעמאָלט צוריקשיקן דיין זון צום לאַנד, פון וועלכן דו ביסט אַרויסגעגאַנגען?"

האָט אַברהם צו אים געזאָגט: „זאָלסט נישט אומקערן מיין זון אַהין. יהוה, דער גאָט פון הימל, האָט מיך אַרויסגענומען פונעם הויז פון מיין פאָטער און פונעם לאַנד פון מיין געבורט, און האָט צו מיר גערעדט און האָט מיר געשוואוירן, אַזוי צו זאָגן: 'צו דיינע קינדער און קינדס־קינדער וועל איך געבן דאָסדאָזיקע לאַנד'. ער וועט שיקן זיין מלאך דיר פאָראויס, און דו וועסט קריגן דאָרט אַ ווייב פאַר מיין זון. אויב די פרוי וועט נישט וועלן גיין מיט דיר, וועסטו זיין פריי פון דער דאָזיקער שבועה מיינער, אָבער אין קיין פאַל זאָלסטו נישט אומקערן מיין זון אַהין".[16]

אליעזר איז געגאַנגען קיין אַרם־נהרים, צו דער שטאָט פון נחור'ן. ווען ער איז געקומען נאָענט פון שטאָט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים וואַסער־ברונעם. דאָס איז געווען אין אָוונט־צייט, ווען די שעפֿערינס גייען־אַרויס אָנ־טרינקען זייערע סטאַדעס. אליעזר האָט תפילה־געטאָן און געזאָגט: „יהוה, גאָט פון מיין האַר אַברהם, שיק מיר צו היינט, איך בעט דיך, אַ טראַף, און טו חסד מיט מיין האַר אַברהמ'ען. אָט שטיי איך ביים קוואַל וואַסער, און די טעכטער פון די שטאָטלייט קומען־אַרויס שעפּן וואַסער; זאָל זיין אַז דאָס מיידל, וואָס איך וועל צו איר זאָגן: 'בויג־איין, איך בעט דיך, דיין קרוג, און לאָמיך טרינקען' און זי וועט זאָגן: 'טרינק, און אויך דיינע קעמלען וועל איך אָנטרינקען', וועט עס מיינען, אַז זי האַלט זיך ביי די טראַדיציעס פון שם־ועבר און אַז דו, גאָט, האָסט זי באַשערט פאַר דיין קנעכט יצחק'ן".[17]

און ס'איז אַזוי געשען, אַז איידער ער האָט נאָך געענדיקט די תפילה, ערשט ס'איז אָנגעקומען רבקה, די טאָכטער פון בתואל און אַן אייניקל פון נחור. זי האָט געטראָגן אַ קרוג אויף איר אַקסל. דאָס מיידל איז געווען זייער שיין אין אויסזען. זי האָט אַראָפּגענידערט צום קוואַל און האָט אָנגע־פילט דעם קרוג. אליעזר איז איר געלאָפן אַנטקעגן און צו איר געזאָגט: „לאָז מיר אַ זופּ־טאָן אַביסל וואַסער פון דיין קרוג". האָט זי געזאָגט: „אויך פאַר דיינע קעמלען וועל איך אָנשעפּן", און זי האָט אויך די קעמלען געגעבן צו טרינקען. אליעזר האָט זי געפרעגט: „וועמענס טאָכטער ביסטו?" האָט זי אים געזאָגט: „איך בין די טאָכטער פון בתואל, דער זון פון מלכה און נחור".

אליעזר האָט אַרויסגענומען אַ גאָלדענעם נאָז־רינג, וואָס זיין וואָג איז געווען אַ בקע, און צוויי אָרעמבענדער, וואָס זייער וואָג איז געווען צען גאָלדשטיק, און האָט עס געגעבן רבקה'ן. רבקה איז געלאָפן אַהיים און האָט דערציילט פאַר איר הויזגעזינט, וואָס מיט איר האָט געטראָפן. רבקה'ס ברו־

דער, לבן, האָט איינגעלאַדן אליעזר׳ן אין הויז און האָט אים אויפגענומען ווי איינעם פון דער משפחה.

ווען אליעזר האָט דערציילט דער משפחה צוליב וואָס ער איז געקומען, האָט איר פאָטער בתואל מסכים־געווען צו דעם. ער האָט זיך נאָך געהאַלטן ביי די טראַדיציעס פון שם און עבר און איז געווען צופרידן, וואָס זיין טאָכטער וועט ווערן די ווייב פון אַברהמ׳ס יורש יצחק. לבן איז שוין אָבער געווען אַן אַראַמי (אַרמייער) און ער האָט נישט שטאַרק חשק־געהאַט צו לאָזן זיין יונגע שוועסטער גיין צום לאַנד פון אַברהמ׳ס חלומות און דינען דעם „פּאַנ־טאַסטישן" גאָט יהוה און ווערן יצחק׳ס ווייב. ווען לבן האָט דערזען דעם נאָז־רינג און די אָרעמבענדער, און דערנאָך ווי אליעזר האָט אים געזאָגט, אַז „דער גאָט יהוה האָט געבענטשט מיין האַר, און ער איז געוואָרן רייך, און ער האָט אים געגעבן שאָף און רינדער, און זילבער און גאָלד, און קנעכט און דינסטן, און קעמלען און אייזלען", דעמאָלט איז לבן ווייכער געוואָרן און האָט מסכים־געווען מיט איר פאָטער בתואל, און זיי האָבן ביידע געזאָגט: „די זאַך קומט פון אייער גאָט יהוה. מיר קאָנען נישט זאָגן שלעכטס אָדער גוטס. אָט איז רבקה פאַר דיר, נעם זי און גיי, און זאָל זי זיין אַ ווייב צום זון פון דיין האַר, אַזוי ווי גאָט יהוה וויל".

אליעזר האָט אַרויסגענומען זילבערנע זאַכן, און קליידער, און געגעבן רבקה׳ן, אויך איר ברודער און איר מוטער האָט ער געגעבן טייערע מתנות.

ווען זיי האָבן שוין געהאַלטן ביים גיין, האָט לבן ווידער חרטה געקראָגן און צוזאַמען מיט איר מוטער האָט ער גע׳טענה׳ט: „זאָל דאָס מיידל בלייבן ביי אונז אַ יאָר אָדער צען חדשים, דערנאָך וועט זי גיין". אליעזר איז אָבער באַשטאַנען, אַז זי זאָל גלייך גיין. איז געבליבן, אַז מ׳זאָל רופן רבקה׳ן און זי פרעגן, צי זי וויל גיין. רבקה איז געווען יונג, און די קולטור פון אַרם האָט נאָך נישט געהאַט אויף איר קיין גרויסע השפּעה. זי האָט אין דער משפחה געהערט אַ סך וועגן אַברהמ׳ס גאָט־זוכעניש און זיינע חלומות וועגן אַ געטלעך פאָלק און אַ געטלעך לאַנד, און זי איז מיט גרויס פרייד און האָפענונגען מיטגעגאַנגען מיט אליעזר׳ן.

יצחק האָט אַריינגעבראַכט רבקה׳ן אין דעם געצעלט פון זיין מוטער שרה׳ן, און ער האָט זי ליב געהאַט. זי איז אים אויך געווען אַ טרייסט פאַר דעם פאַרלוסט פון זיין מוטער.

***

ווען ישמעאל האָט איינגעזען, אַז ער האָט פאַרלאָרן אַלע אויסזיכטן צו ירש׳ענען אַברהמ׳ען, און אַז עס דערנעענטערן זיך די טעג, ווען יצחק וועט ווערן דער מלך און דער כהן פונעם עברים־פאָלק, האָט ער גענומען זיין מוטער הגר און איז מיט איר אַוועק אויפן וועג קיין מצרים.

אונטערוועגנס האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט ביי אַן אָאַזיס. ישמעאל האָט

דאָרט אַנגעפילט זיינע לאָגלען מיט וואַסער, און זיי זיינען פון דאָרטן אַוועק צום מדבר פּרן. דאָרט האָט ישמעאל אויפגעשטעלט זיינע געצעלטן און געלעבט דאָרט אַ לענגערע צייט. ער האָט גענומען אַ פרוי פון ערבות־מואב, איר נאָמען איז געווען עיסאַ. ער האָט באַארבעט די ערד, אָנגעזאַמלט אַ סך שאָף און רינדער, איז געווען רייך און האָט מיט גרויס כבוד אויסגעהאַלטן זיין מוטער הגר.

וועגן אַברהמ׳ס ליבע צו אַלע זיינע קינדער האָט מען אין באר־שבע דערציילט, אַז איינמאָל האָט אַברהם זיך שטאַרק פאַרבענקט נאָך זיין גע־ליבטער פרוי הגר און זייער זון ישמעאל. ער האָט גענומען עטלעכע דינער און אויף קעמלען זיינען זיי אַוועק צום מדבר פּרן צו געפינען ישמעאל׳ס געצעלטן. נאָך אַ האַלבן טאָג וואַנדערן איז אַברהם אָנגעקומען צום אָרט, וואו עס האָט גערוט ישמעאל׳ס מחנה.

ווען אַברהם איז צוגעקומען צו ישמעאל׳ס געצעלט, האָט ער דאָרט געפונען ישמעאל׳ס ווייב און זייערע קינדער; ישמעאל אָבער און זיין מוטער זיינען דאָרט נישט געווען. האָט אַברהם געפרעגט ישמעאל׳ס ווייב, וואו ס׳איז ישמעאל, האָט זי אים געזאָגט, אַז ער איז געגאַנגען אויף יאַגד. אַברהם האָט דאַן געבעטן די פרוי, זי זאָל אים געבן וואַסער צו טרינקען, ווייל ער איז דורשטיק און מיד פון זיין לאַנגער רייזע.

ישמעאל׳ס ווייב עיסאַ האָט געזאָגט צו אַברהמ׳ען, אַז זי האָט נישט קיין וואַסער און האָט נישט קיין ברויט. זי איז אַפילו נישט אַרויסגעגאַנגען פון געצעלט און האָט נישט געשענקט קיין שום אויפמערקזאַמקייט צו אַברהמ׳ס רייד. זי האָט אים אַפילו נישט געפרעגט ווער ער איז.

אַברהם איז נישט אַרונטערגעגאַנגען פון זיין קעמל, אָבער פונדערווייטנס האָט ער געהערט, ווי זי האָט גערעדט שלעכטע רייד צו די קינדער און האָט זיי געשלאָגן. זי האָט געשאָלטן די קינדער און זייער פאָטער ישמעאל און האָט אויך גערעדט שלעכטס וועגן אים.

אַברהם האָט דעמאָלט געבעטן ישמעאל׳ס ווייב, זי זאָל אַרויסקומען פון געצעלט. ער האָט איר געבעטן, אַז ווען ישמעאל וועט קומען אַהיים, זאָל זי אים זאָגן, אַז דאָ איז געווען אַן אַלטער מאַן פון דעם לאַנד פון די פלשתים, ער האָט געוואָלט אים זען און אים זאָגן, אַז ער עצה׳ט אים צו בייטן די שוועל ביי זיין טיר.

אַברהם איז אַוועק צוריק אַהיים, און איז געווען שטאַרק באַזאָרגט, אַז זיין זון ישמעאל לעבט ניט גליקלעך.

ווען ישמעאל איז געקומען אַהיים, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער אַלטער מאַן איז געווען זיין פאָטער. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס אַברהם האָט געמיינט מיט זיין עצה צו בייטן די שוועל פון זיין געצעלט.

ישמעאל׳ס ווייב עיסאַ איז באמת געווען אַ מרשעת און ער האָט זי גע׳גט, צוריקגעשיקט זי צו אירע עלטערן קיין ערבות־מואב. נאָכדעם האָט ער גע־

שיקט זיין מוטער הגר, אַז זי זאָל אים ברענגען אַ ווייב פון איר פאָטער׳ס הויזגעזינט. איר נאָמען איז געווען פטומה.

מיט דריי יאָר שפּעטער האָט אַברהם זיך ווידער פאַרבענקט נאָך זיין זון ישמעאל, און ער איז ווידער אַוועק אין מדבר. נאָך אַ האַלבן טאָג רייזע אויף זיין קעמל איז ער אָנגעקומען צום אָרט, וואו עס זיינען געשטאַנען ישמעאל׳ס געצעלטן. פון איינעם פון די געצעלטן איז אַרויסגעקומען ישמעאל׳ס ווייב פטומה, און זי האָט אַזוי געזאָגט צו אַברהמ׳ען:

— מיין האַר איז אַוועק אויף יאַגד און צו שפּייזן די קעמלען. קום אַריין אין געצעלט, עס אַ שטיקל ברויט און טרינק אַביסל וואַסער. דו מוזט אַוודאי זיין מיד פון אַזאַ לאַנגער רייזע.

אַברהם האָט איר געזאָגט, אַז ער האָט ניט קיין צייט זיך אָפּצושטעלן, אָבער ער האָט איר געבעטן אַביסל וואַסער צו שטילן דעם דורשט. די פרוי איז שנעל געלאָפן אין געצעלט און געבראַכט וואַסער און ברויט, אים דאָס דערלאַנגט און אים געבעטן צו עסן און טרינקען.

האָט זיך אַברהם געפרייט פאַר זיין זון ישמעל, און איידער ער איז אַוועק, האָט ער געבענטשט גאָט און געזאָגט צו ישמעאל׳ס ווייב: ווען ישמעאל וועט קומען אַהיים, זאָג אים, אַז אַן אַלטער מאַן פונעם לאַנד פון די פלשתים איז דאָ געווען און האָט געזאָגט, אַז די נייע שוועל ביי דער טיר איז גוט.

אַברהם איז אַוועק אַ צופרידענער, וואָס זיין זון ישמעאל לעבט שוין איצט גליקלעך.

***

נאָך די דאָזיקע געשעענישן האָט אַברהם איינגעלאַדן זיינע זין פון די קעפּס־ווייבער, האָט זיי געבענטשט און צו זיי אַזוי געזאָגט:

דער אַלמעכטיקער גאָט יהוה האָט מיר געבענטשט איך זאָל זיין דער פאָטער פון אַ סך פעלקער. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איר וועט זיך מערן און מערן און פון אייך וועלן אַ סך מלכים און פעלקער אַרויסקומען. איך האָב פאַרשניטן אַ בונד מיט דעם אַלמעכטיקן גאָט יהוה צו גיין פאַר אים און דורכפירן אַ שווערע און געפערלעכע שליחות. איך זע, אַז איר זייט נישט גרייט אויף זיך צו נעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר מיין בונד. איר זייט דאַרום פריי און איר קענט זיך אַליין אויסקלייבן דעם וועג אויף וועלכן איר ווילט גיין. איר טראָגט מיט זיך מער נישט קיין שום התחייבות, נישט צו גאָט און נישט צו דער וועלט. איר דאַרפט נאָר אָפּהיטן די ירושה פון אונדזערע אָבות, די „זיבן גרונט־געבאָטן פון די בני־נח״; איר, אייערע קינדער און קינדס־קינדער.

אייער ברודער יצחק איז יאָ וויליק איבערצונעמען פון מיר די געטלעכע שליחות און זי טראָגן פון דור צו דור ביז דער וועלט־גאולה. מיר דאַרפן איצט, מיינע קינדער, זיך שיידן. איר גייט צוריק צו מזרח, דאָרט וואו ס׳איז

דאָ אַ סך וואַסער און פּרוכטבאַר לאַנד, און יצחק וועט בלייבן דאָ, אין דעם לאַנד פון נגב, מקיים צו זיין דעם בונד, וואָס איך האָב געשלאָסן מיט מיין גאָט.

אַברהם האָט דעמאָלט צעטיילט זיין גאַנץ פאַרמעגן צווישן אַלע זיינע קינדער, און די קינדער פון די קעפּפּס-ווייבער האָט ער צוגעטיילט ספּעציעלע מתנות אין וועלכע זיי וועלן זיך נויטיקן אין די טעג פון זייער איבערוואַנדערונג.

אויך זיין קנעכט אליעזר'ן האָט אַברהם פאַרגיטיקט. ער האָט אים געגעבן זיין חלק ווי אַ געזעצלעכער יורש און ווי דער לעבנסלענגלעכער פאַרוואַלטער פון זיין פאַרמעגן; און פאַר זיין פעאיקער דורכפירונג די שליחות צו ברענגען רבקה'ן פון חרן, האָט אַברהם אויף אייביק באַפרייט אליעזר'ן פון קנעכטשאַפט.

דערנאָך האָט אַברהם איינגעזאַמלט די עלטסטע פון פאָלק אַרום זיין מזבח און אין זייער קעגנוואַרט האָט ער זיך געזעגנט מיט יצחק'ן און צו אים אַזוי געזאָגט:

„מיין זון, מיין יורש, גאָט אַליין האָט דיר אויסדערווײלט צו פירן דאָס ניי עברים-פאָלק צו זיין ציל. מיר האָבן שוין געמאַכט אַ גוטן אָנהויב. דו און אַ סך דורות נאָך דיר וועלן אָבער נאָך דאַרפן ברענגען אַ סך קרבנות ביז דער פאַרווירקלעכונג פון דער געטלעכער „אחד"-אידייע. איר מוזט קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם בונד וואָס מיר האָבן פאַרשניטן מיט אונזער גאָט יהוה: אויפצושטעלן אַ הייליק לאַנד וואו דאָס עברים-פאָלק זאָל לעבן אַ הייליק לעבן און זיין אַ ביישפּיל פאַר אַלע פעלקער, אַן 'אור לגוים'. נישט צו לערנען דער וועלט איז אונזער שליחות, נאָר צו זיין אַ לעבעדיקער ביישפּיל וויאַזוי אַ געטלעך פאָלק דאַרף לעבן. נעם פון מיר די הייליקע לוחות, אויף וועלכע עס זיינען אויסגעקריצט די געבאָטן פון צדק און יושר און גיב זיי איבער צו דיינע קינדער, און זיי — צו זייערע קינדער, ביז אַלע דורות. געדענק, אונזער שליחות וועט נישט זיין געענדיקט ביז די וועלט וועט אָנערקענען די איינציקייט פון גאָט יהוה און די איינציקייט פון זיין גאַנצן באַשאַף".

אין יענע טעג איז מצרים, אונטער דער הערשאַפט פון אַמענעמהעט II, רייכער און שטאַרקער געוואָרן. אַמענעמהעט II האָט געזוכט דורכצוקומען מיט די הערשער פון די לאָקאַלע נאָמאַרכס, אין לאַנד האָט געהערשט אַ צייטווייליקער שלום און ער האָט ביסלעכווייז אויסגעשפּרייט זיין מאַכט צו צפון און צו דרום. ער האָט צוריק געעפנט די גאָלד-מינען אין נוביא און די קופּער-מינען אין סיני. אַמענעמהעט דער צווייטער, ווי אַלע פּרעה'ס פון דער צוועלפטער דינאַסטיע, האָט ניט געזוכט קיין קריג, אָבער וואו נאָר ער האָט געקענט, האָט ער געשיקט זיינע אַגענטן און דורך פאַרשיידענע אָפּמאַכן אַרויפגעלייגט צינזן אויף אַלע שוואַכע שכנות'דיקע לענדער און ביסלעכווייז פאַרשקלאַפט אַ טייל פון פאָלק אין זייער אייגן לאַנד און אַ טייל פאַרנאַרט קיין מצרים און זיי דאָרטן פאַרוואַנדלט אין אייביקע שקלאַפן.

אַברהם האָט פאַראויסגעזען די געפאַר וואָס לויערט אויף זיין פאָלק און לאַנד, און ער האָט געוואָרנט יצחק'ן ער זאָל זיך היטן פאַר די בני־חם (מצרים), ער זאָל זיך אַלעמאָל האַלטן פון דערווייטנס פון דעם לאַנד פון פּיראַמידן און שקלאַפעריי, ער זאָל קיינמאָל ניט גיין קיין מצרים, אַפילו אין אַ צייט פון הונגער און נויט.

אַברהם איז געשטאָרבן אין אַ גוטן עלטער. ער האָט דערלעבט צו זען זיין לעבנס־חלום טיילוויז פאַרווירקלעכט. ער איז באַגראָבן געוואָרן אין דער הייל פון מכפלה, דאָרט וואו ס'איז געלעגן זיין ווייב שרה.

אין דעם טאָג ווען אַברהם איז געשטאָרבן האָבן אַלע פעלקער פון דער וועלט געזאָגט: „ווי איז צו אַ וועלט, וואָס האָט פאַרלוירן איר פירער און ווי איז צו אַ שיף, וואָס האָט פאַרלוירן איר קאַפּיטאַן."[19]

און גאָט האָט זיך באַוויזן צו יצחק'ן אין חלום און צו אים אַזוי געזאָגט: „זאָלסט נישט נידערן קיין מצרים, האַלט זיך אויף אין דעם דאָזיקן לאַנד, און איך וועל זיין מיט דיר, און וועל דיך בענטשן; וואָרום צו דיר און צו דיינע יורשים וועל איך געבן די אַלע אַרומיקע לענדער, און איך וועל מקיים זיין די שבועה, וואָס איך האָב געשוואוירן צו דיין פאָטער אַברהמ'ען... און בענטשן וועלן זיך מיט דיינע קינדער און קינדס־קינדער אַלע פעלקער פון דער ערד, דערפאַר וואָס אַברהם האָט זיך צוגעהערט צו מיין קול, און האָט געהיט מיינע פאַרזאָגן, מיינע געבאָטן, מיינע געזעצן און מיין תורה."[20]

י־חסן בילד, געמאָלן אויף אַ וואַנט אין אַ קעניגלעכן קבר אין מצרים, ווערט געשאצט, אַז ער שטאַמט
יאָר 1892 פק״ר (אַברהמ׳ס תקופה). די צייכענונג שטעלט מיט זיך פאָר אַ קליינעם שעמיטישן שבט, מענער,
ויען און קינדער, וואָס וואַנדערן פון עבר־הירדן קיין עגיפּטן. די מענער און פרויען טראָגן וואָלענע מאַנטלען מיט
רייפן פון פאַרשיידענע קאָלירן. די מענער טראָגן סאַנדאַלן, און די פרויען — הויכע לעדערנע שיך. אייניקע
נער טראָגן לאַנגע ווייסע מאַנטלען. זיי זיינען באַוואָפנט מיט פייל־און־בויגנס, וואַרף־שטעקנס און שפּיזן.
נער פון זיי טראָגט אַ לירע. לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן זיינען דאָס וואַנדערנדיקע מעטאַל־אַרבעטער. דאָס
ד בכלל גיט אַן אויסגעצייכנטע אילוסטראַציע צו דער דערציילונג אין תנ״ך וועגן למכ׳ס משפּחה: „און
ה האָט געבאָרן יבל׳ען. ער איז געווען דער פאָטער פון די וואָס זיצן אין געצעלטן און האָבן פי. זיין ברודער
ל איז געווען דער פאָטער פון אַלע די, וואָס האַלטן אַ פלייט. און צלה האָט געבאָרן תובל־קינ׳ען, דעם
אויסשלייפער פון אַלערליי קופּער־און אייזנגעצייג״ (בראשית, י״ט, כ״ב).

3

אַרכעאָלאָגישע אויפקלערונגען און ביבליאָגראַפיע



יוסף בן מתתיהו (יוסיפוס פלאַוויוס) דערציילט, אַז ווען די רוימער האָבן חרוב געמאַכט ירושלים, האָט זיך די פעסטונג „מסדה“ בשום אופן נישט געוואָלט אונטערגעבן. די העלדישע פאַרטיידיקער זײַנען געווען גרייט צו שטאַרבן פאַר זייער פאָלק און לאַנד און זיי האָבן זיך געשלאָגן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. ווען די טויזנט אידישע קריגער, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין דער „מסדה“־פעסטונג, האָבן איינגעזען, אַז זיי וועלן סוף־כל־סוף פאַרלירן, האָבן זיי באַשלאָסן בעסער צו שטאַרבן איידער זיך אונטערצוגעבן און אַריינפאַלן אין די הענט פון די אכזריות׳דיקע רוימער. זיי האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט צו טויטן איינע די אַנדערע צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער. זיי האָבן אויסגעקליבן צען קריגער, וואָס האָבן אומגעבראַכט אַלע זייערע חברים און דערנאָך האָבן די צען אויסגעקליבן איינעם, וואָס האָט געטויט זײַנע ניין מיטקעמפער און איז דערנאָך באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. Josephus Flavius, *The Wars of the Jews*, ch. 9.

עס זײַנען געווען היסטאָריקער, וואָס האָבן געמיינט, אַז אויך די מעשה איז אַ פאַנטאַסטישע דערציילונג, וואָס נאָר אַ דיכטער האָט געקאָנט אויסטראַכטן. זײַנען אָבער לעצטנס געקומען די אַרכעאָלאָגן און אונטער דער פירערשאַפט פון דעם באַרימטן ישראל־דיקן אַרכעאָלאָג יגאל ידין, האָבן זיי אויסגעגראָבן די „מסדה“־פעסטונג און דאָרט געפונען „לעבעדיקע“ באַווייזן וואָס באַשטעטיקן די געשיכטע פון די אומגעקומענע טויזנט העלדן.

אַרכעאָלאָגישע אויפקלערונגען און ביבליאָגראַפיע

(אַריינפיר)

1. יעדע איינע פון אָט־די השערות האָט געהאַט אירע פּאַרטיידיקער צווישן די היסטאָריקער. די אַרכעאָלאָגישע וויסנשאַפט העלפט אונז זיך פאַנאַנדערצוקלייבן אין דעם היסטאָרישן פּלאָנטער.

2. דאָס וואָס די אַרכעאָלאָגן האָבן ביז איצט אויסגעגראָבן און דעשיפרירט, איז נאָר אַן אָנהויב. אַרכעאָלאָגיע האָט זיך נאָר־וואָס צעבליט און איז טעטיק אין אַ סך לענדער. ס׳ווערט געשאַצט, אַז שוין איצט זיינען דאָ אַרום דרייסיק טויזנט ליימענע טאָוולען, וואָס דאַרפן נאָך איבערגעלייענט און אָפּגעשאַצט ווערן, וועלכע וועלן זיכער וואַרפן נאָך אַ שטאַרקערע ליכט אויף דער היסטאָרישקייט פון דער תורה בכלל און אויף די אָבות־מעשיות בפרט.

די וויכטיקסטע אַרכעאָלאָגישע געפינסן, וואָס האָבן אַ שייכות צו אונזער ענין, זיינען:

א. די שטאָט אור־כשדים. אין די יאָרן 1922—1934 האָט דער ענגלישער אַרכעאָלאָג סיר לעאָנאַרד וואולי אויסגעגראָבן די שטאָט אור־כשדים און דאָרט געפונען אַן אוצר פון מאָנומענטן און פאַרצייכנטע דאָקומענטן, וואָס וואַרפן אַ ניי ליכט נישט נאָר אויף דער שטאָט, נאָר אויף דער געשיכטע און קולטור פון סומער, אַ לאַנד וועגן וועלכן מ׳האָט ביז איצט גאָרנישט געוואוסט, ווי אויך נישט פון דער תקופה אין וועלכער אַברהם האָט געלעבט.

ב. דאָס מאַרי־קעניגרייך. אין 1935 האָט דער פראַנצויזישער געלערנטער, אַנדרע פּאַראָט, אויסגעגראָבן דעם פּאַלאַץ פון דעם קעניג זימרי־לי פון דער שטאָט מאַרי, אַ מיטל־פּונקט אויפן טייך פּרת (אופרייט). אַ סך פון די דאָקומענטן, וואָס מען האָט דאָרט געפונען אין דער באַבילאָנישער שפּראַך, זיינען איבערזעצט געוואָרן פון דעם באַרימטן אַרכעאָלאָג וו. פ. אָלבראַיט און ער זאָגט, אַז די פּערזענלעכע נעמען, די שפּראַך און די מנהגים, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין די דאָקומענטן, רעפלעקטירן די קולטור פון דער אָבות־עפּאָכע.

ג. טעל־על אַמאַרנא טאָוולען. אין 1887 האָט אַ פּויערטע געפונען אַ ליימענעם טאָוול מיט אויסגעקריצטע צייכנס, לעבן דעם דאָרף טעל־על אמארנא אין עגיפּטן. באַלד נאָכדעם האָט מען דאָרט געפונען עטלעכע הונדערט אַזעלכע טאָוולען. די טאָוולען זיינען געווען „פאַרשריבן״ מיט דעם סומערישן קלינפאָרם־שריפט. ווען מ׳האָט דעשיפרירט דעם אינהאַלט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זיינען אָפיציעלע בריוו, וואָס דער מיצרישער פּרעה אַמענהעטאפּ (איכנאַטאָן), אין פערצנטן יאָרהונדערט פק״ר, האָט געשיקט צו זיינע אונטערטעניקע מלכים. דער אינהאַלט פון די בריוו וואַרפט אַ ליכט אויף דער תקופה פון די אָבות.

ד. די אוגאריט (ראס שאמרא) טאָוולען. אין פרילינג פון 1928 האָט אַ סירישער פּויער זיך אָנגעשלאָגן מיט זיין אַקעראייזן אין אַ גרויסן שטיין. אונטערן שטיין האָט מען געפונען אַ קבר אין וועלכן עס זיינען געלעגן אַ סך ערדענע כלים און וואַזעס. דער פראַנצויזישער אַרכעאָלאָג קלאוד פ. א. שאפער האָט פון דאָרטן אויסגעגראָבן אַ גרויסע ביבליאָטעק פון פאַרצייכנטע ליימטאָוולען. די צייכענונגען זיינען געווען אין אַן אומבאַקאַנטער קלינפאָרם־שריפט. ווען מ׳האָט די צייכנט דעשיפרירט, האָט מען אויסגעפונען, אַז די „שרייבער״ האָבן זיך באַנוצט מיט אַן אלף־בית פון 30 קלאַנג־אותיות, וועגן וועלכע מ׳האָט פריער נישט געוואוסט. מ׳האָט אין די טאָוולען אַנטדעקט אַן אוצר פון דער כנענישער ליטעראַטור: געטער, געשיכטע און פילאָזאָפיע. די טאָוולען שטאַמען פון פערצנטן יאָרהונדערט פק״ר, וועלכע שפּיגלען אָפּ די כנענישע וועלט פון יענער עפּאָכע און וואַרפן אַ ליכט אויף דער תקופה פון די אָבות.

ה. די „נוזי־טאָוולען". אין 1925—1931 האָט פּראָפ. עדוואַרד טשיעראַ, מיט אַ גרופּע געלערנטע פון דער „אַמעריקען סקול אָוו אָריענטאַל ריסורטש", אויסגעגראָבן אין דער אַמאָליקער אַסירישער שטאָט נוזי (יאַרגהאַן טעפּע), צוואַנציק טויזנט „פאַרשריבענע" ליימ־טאָוולען. די צייט פון די דאָקומענטן ווערט צוגעשריבן צום פופצנטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, דאָס מיינט אַרום פיר הונדערט יאָר נאָך אַברהמ׳ס צייט. סאָציאַלע איינשטעלונגען און מנהגים האַלטן אָבער אָן הונדערטער יאָרן און די „נוזי־טאָוולען" גיבן אונז דערפאַר וויכטיקע באַווייזן וועגן דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און געזעצן, וואָס האָבן שוין עקזיסטירט אין אַברהמ׳ס צייטן. ס׳איז אויך וויכטיק צו געדענקען, אַז די שטאָט נוזי האָט זיך געפונען אין צפון־מזרח מעסאָפּאָטאַמיע, אין שכנות מיט פדן־אַרם, די היים וואו אַברהמ׳ס משפחה האָט געלעבט.

„ווען די ׳נוזי־טאָוולען׳ זיינען איבערגעזעצט געוואָרן, האָט מען אויסגעפונען אַ פּאַראַלעלע ענלעכקייט צווישן די מנהגים אין דער דאָזיקער שטאָט און די מנהגים פון די אָבות ווי זיי זיינען פאַרשריבן אין דער תורה". זעה:
J. A. Thompson, *The Bible and Archaeology*, pp. 25-35.

3. די ענלעכקייט פון די נעמען „האַבירו" (ח׳אברו), „עפּירו" מיט דעם נאָמען „עברי", האָט אַרויסגערופן אַ גאַנצע שקלא־וטריא צווישן די אַרכעאָלאָגישע געלערנטע. דער ענין ווערט אָבער אַ סך קלאָרער ווען מ׳טיילט פאַנאַנדער דעם נאָמען „בני־עבר" מיט דעם נאָמען „עברי" (עברים). צו די „בני־עבר" האָבן באַלאַנגט פאַרשיידענע שעמיטישע שבטים און צווישן זיי אויך די „האַבירו"־שבטים. מיט אַברהמ׳ען הויבט זיך אָבער אָן די געשיכטע פון אַ ניי עברים־פאָלק („עם־עבר"), וואָס אַנטוויקלט אַ זעלבסטשטענדיקע קולטור אַרום אָן איינאיינציקן גאָט, וועמענס געבאָטן זיינען רעכט און גערעכטיקייט. זע: פּראָפ. שמואל ייבין, „עיונים בתקופת האָבות, בית מקרא", כתבי־עת של החברה לחקר המקרא בישראל", אדר, תשכ״ג, ירושלים, W. F. Albright, *The Archaeology of Palestine*, p. 206; *From Stone Age to Christianity*, p. 240.

„אין אָנפאַנג פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט פק״ר (אַברהמ׳ס צייט) האָט מען אין אַרם־נהרים אידענטיפיצירט דעם נאָמען ׳אַמורי׳ מיט דעם נאָמען ׳עברי׳". א. ראובני, „קדמת העברים", חלק שני.

4. דאָס, זעט אויס, איז אויך געווען דער טעם פאַרוואָס משה האָט נאָך אין מדבר אויפגעשטעלט אַ משכן, אַ באַוועגלעכן בית־המקדש פאַר דעם גאָט יהוה, אַרום וועלכן ער האָט אויפגעלעבט און צעמענטירט דאָס באַפרייטע עברים־פאָלק.

5. אין אַברהמ׳ס צייטן איז די שטאָט אור נישט געווען קיין כאַלדייאישע (כשדים). עס זיינען נאָך דאַרטן נישט געווען קיין כאַלדייער. ערשט אַרום טויזנט יאָר שפּעטער האָבן זיך די כאַלדייער פון סיריע אויסגעשפּרייט און באַהערשט סומער און אַקאַדיע. די שפּעטערדיקע היסטאָריקער האָבן די שטאָט גערופן „אור־כשדים", לויט די געשעענישן פון זייער צייט.

6. Sir Leonard Woolley, "*Abraham*," p. 18.

7. Foxwell Albright, *From The Stone Age to Christianity*, p. 236.

7א. Cyrus H. Gordon, *The World of the Old Testament*, p. 117.

8. וואָס איז דערגאַנגען ביז משה׳ן, וועלכער איז געווען פון שבט לוי.

9. משנה תורה להרמב״ם, הלכות עבודת כוכבים, פ״א.

10. רבי משה בן מימון (רמב״ם), מורה־נבוכים, חלק ג׳, פרק כ״ט.

11. The Works of Philo Judaeus, ch. "*Abraham*,"

12. יהודה הלוי, ספר הכוזרי, ב׳, נ״ו.

12א. שמואל דוד לוצאטו: „יסודי התורה", פרק א׳; „שיעורים בעיקרי הדת היהודית", פרק א׳.

13. יומא כ״ח („קיים אַברהם אָבינו כל התורה כולה").

14. רודאָלף קיטעל, „תנ״ך־פאַרשונג", אידיש: ש. ראָזענפעלד, וואַרשע.

15. Heinrich Graetz, *History of the Jews*, p. 5.

16. שמעון דובנאָוו, „אידישע געשיכטע“, ז. 34.

17. Josephus Flavius, *Antiquities of the Jews*, Ch. 7.

18. כתובים אחרונים (ספרים חיצונים), יהודית ב׳.

19. Ernest T. Renan, *Studies in Religious History*, p. 65.

20. Will Durant, *Our Heritage of the Orient*.

21. Harry M. Orlinsky, *Ancient Israel*, p. 7.

22. *Prolegomena to the History of Ancient Israel*, Julius Wellhausen. („פּראָלעגאָמענאַ צור געשיכטע איזראַעלס“, 1878).

23. Teophile James Meek, *Hebrew Origins*, pp. 51-55-81.

24. W. F. Albright, *From Stone Age to Christianity*, p. 241.

James B. Pritchard, *Archaeology and the Old Testament*.

26. Leonard Woolley, *Abraham*, p. 22, 26.

27. שמעון דובנאָוו, „אידישע געשיכטע“ (הוספות צום ערשטן באַנד פון נייער אויסגאַבע (אידישער קולטור־קאָנגרעס) ז. 395.

28. יחזקאל קויפמאַן, „תולדות האמונה הישראלית“, ז. 1, 26.

28א. W. F. Albright, *From Stone Age to Christianity*, p. 2.

29. Samuel Noah Kramer, *The Sumerians*, p. 292.

30. מ. ד. קאַסוטאָ, „מנח עד אַברהם“, ז. 27—25.

„אגב, דאָס וואָרט „אלהים“, אין מערצאָל, איז אַ ירושה פון די כנענים, וועלכע האָבן רעדענדיק וועגן איינעם פון זייערע הויפּטגעטער, אים אָפּגעגעבן כבוד דערמיט וואָס זיי האָבן אים גערופן מיט אַ מערצאָל־נאָמען, ווי ער וואָלט מיט זיך פאָרגעשטעלט זייער גאַנצן פּאַנטעאָן פון געטער. זיי האָבן געזאָגט „עשתורות“ אנשטאָט „אַשטאַראַט“, „אַנאַטהס“ פאַר „אַנאַטאַס“. W. F. Albright, *From Stone Age*, p. 214.

31. Nelson Glueck, *Rivers in the Desert*, pp. 68-69.

32. Josephus Flavius, *The Wars of the Jews*, Ch. 9.

33. R. Kittel, Geshichte des Volkes Israel , אידיש: חיים שויס, „די גרויסע אידישע געשיכטע“, ערשטער באַנד, ז. 142.

34. די אסיים האָבן געקוקט אויף זיך ווי אַ קלאַס פון „הייליקע“, און האָבן שטרענג אָפּגעהיט די געזעצן פון קערפּערלעכער ריינקייט. מערסטנטייל פלעגן די אסיים אַוועקגיין אין די מדבריות און דאָרט געלעבט אין קליינע געמיינדעס אָדער ברודערשאַפטן, ווי נזירים. זיי האָבן זיך געטיילט מיט זייער פאַרמעגן. זייער באַשעפטיקונג איז געווען ערד־אַרבעט און האָבן געגעסן בלויז ברויט און גרינסן און נישט געטרונקען קיין ווייַן. יעדן טאָג האָבן זיך די אסיים געבאָדן אין טייך און געטראָגן ווייסע קליידער.

35. „די פירשטן פון די אומות האָבן זיך איינגעזאַמלט, דאָס פאָלק פון דעם גאָט פון אַברהם“ (תהלים מ״ז). ס׳ווערט נישט געזאָגט „דער גאָט פון יצחק און יעקב“, נאָר „דער גאָט פון אַברהם“. ווייל אַברהם איז געווען דער ערשטער זיך מגייר צו זיין“ (סוכה מ״ט).

36. ר׳ סעדיה גאון, „אבן הפילוסופים“ (ר׳ משה בוטריל); ר׳ יהודה הלוי, „ספר הכוזרי“, ד׳ ,כ״ה).

37. משה העס, „פון רוים ביז ירושלים“, צווייטער בריוו.

38. די וויסנשאַפט צו דערקענען דעם עלטער און דעם ווערט פון ערדענע כלים האָט זיך איצט אַנטוויקלט צו אַזאַ הויך, אַז פון צעבראָכענע שערבלעך אַליין, וועלכע מען געפינט כמעט אַלעמאָל אויף דער אויבערפלאַך פון יעדן אַלטערטימלעכן ישוב, קאָן אַ קאָמפּעטענטער אַרכעאָלאָגישער פאָרשער באַשטימען מיט גרויס פּינקטלעכקייט די צייט און די ציוויליזאַציע, אין וועלכער די כלים זיינען געמאַכט געוואָרן. די ערדענע כלים, וואָס מ׳האָט אַמאָל געמאַכט פון ליים, געמישט מיט קליינע שטיינדלעך, אָדער ראַקעס־שאָלעכץ (שעלם) און גרינטלעך אויסגעבאַקן אין אַ קאַלך־אויוון, זיינען אפשר דער דויערנדיקסטער מאַטעריאַל, וואָס מענטשן האָבן ווען־עס־איז באַשאַפן. זע:

Nelson Glueck, *Rivers in the Desert*, p. 2-8.

מ׳האָט שוין אויך דערפונדן און ס׳האַלט זיך אין אַנטוויקלען אַ נייער וויסנשאַפטלעכער מעטאָד, מיט וועלכן מ׳וועט קאָנען באַשטימען דעם עלטער פון אַרכעאָלאָגישע געפינסן. דר. ווילאַרד פ. ליבי, פון אינסטיטוט פאַר „נוקליער״ פאָרשונג, אין שיקאַגער אוניווערזיטעט, איז דער דערפינדער פון דעם „ראַדיאָקאַרבאָן־מעטאָד״, מיט וועלכן מ׳וועט קאָנען באַשטימען דעם עלטער פון זאַכן, וואָס האָבן ווען עס איז עקזיסטירט אין פאַרלויף פון די פאַרגאַנגענע צוואַנציק טויזנט יאָר. די עלטער ווערט באַשטימט לויט דער מאָס „קאַרבאָן־14״, וואָס איז נאָך געבליבן אין דעם געפונענעם קעגנשטאַנד. ס׳איז בכלל אַ קאָמפּליצירטער ענין און אייניקע אַרכעאָלאָגן מיינען, אַז דער „קאַרבאָן־14״ מעטאָד איז דערווייל נאָך נישט אינגאַנצן פאַרלעסלעך. ס׳זעט אָבער אויס, אַז מיט דער צייט וועט דער „ראַדיאָקאַרבאָן״ מעטאָד רעוואָלוציאָניזירן די אַרבעט פון דער וויסנשאַפטלעכער אַרכעאָלאָגיע. זע:
Donald Collier, *The Biblical Archaeology*, G. E. Wright, Ed. ch. 20.

קאַפּיטל א

1. די אידישע צייט־ציילונג פון בריאַת־העולם (ה׳תשכ״ו—5726) לאָזט זיך סינכראָניזירן מיט דער צייט פון דער גרויסער פאַרפלייצונג (מבול) צווישן די טייכן פּרת און חדקל. סער לעאָנאַרד וואולי, דער אויסגראָבער פון אור־כשדים, האָט אין דער טיפעניש געפונען אַ נאַסע שיכט ערד, וואָס שטעלט פעסט, אַז אַ קאַטאַסטראָפאַלע פאַרפלייצונג איז דאָרט פאָרגעקומען אַרום פיר טויזנט יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג און האָט אין יענעם געגנט חרוב־געמאַכט די אַלטע וועלט. אויב די וואַנדערנדיקע שבטים האָבן זיך אָנגעהויבן ווידער צו באַזעצן אַרום צוויי הונדערט יאָר נאָכן מבול, דאָס הייסט אַרום 5756 יאָר צוריק, שטימט עס מיט דער צייט־ציילונג פון בריאַת־העולם. אגב, שטימט דער חשבון אויך מיט דעם מאמר חז״ל, אַז „הקב״ה בונה עולמות ומחריבן״ (גאָט בויט וועלטן און מאַכט זיי חרוב — מדרש רבה, פ״ג).

אין „ספר הכוזרי״ געפינען מיר, אַז „אויב איינער וואָס גלויבט אין דער תורה, מוז מסכים זיין, אַז ס׳האָבן פריער עקזיסטירט אַנדערע וועלטן, שוואַכט דאָס נישט אָפּ זיין גלויבן, אַז די איצטיקע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אין אַ געוויסער עפּאָכע״ (יהודה הלוי, „ספר הכוזרי״, פ״א, ס״ז).

2. א. אין דער תנ״ך־דערציילונג איז אַברהמ׳ס נאָמען צוערשט אַברם (אָן אַ „ה״). מיר נוצן אומעטום זיין פולן נאָמען „אַברהם״. דאָס שטימט אויך מיט אַ מאמר חז״ל: „כל הקורא לאַברהם אַברם, עובר בלאו, שנאמר ולא יקרא עוד את שמך אַברם״ (דער וואָס רופט אַברהמ׳ען „אַברם״ באַגייט אַ זינד, ווייל די תורה זאָגט: „דיין נאָמען זאָל מער נישט זיין אַברם״ — ברכות י״ג).

ב. אַלע ציטאַטן פון תנ״ך ברענגען מיר לויט דער יהואָש־איבערזעצונג, חוץ דאָרטן וואו ס׳איז נויטיק אַן ענדערונג צוליב דער קלאָרקייט פון דער שפּראַך אָדער סיפּור־המעשה.

ג. די כראָנאָלאָגיע פון די תנ״ך־דערציילונגען ווערט טיילווייז איבערגעשטעלט צוליב דער קאָנטינואיטעט פון די היסטאָרישע פּאַסירונגען און די פאַרבינדונגען מיט די אַרכעאָלאָגישע דאָקומענטן. דאָס שטימט אַגב, אויך, מיט אַ מאמר חז״ל: „אין מוקדם ואין מאוחר בתורה״ (נישטאָ קיין פריער און קיין שפּעטער אין דער תורה״ — פסחים ו׳).

ד. אין דער אַרכעאָלאָגישער כראָנאָלאָגיע פאָלגן מיר נאָך בכלל די שיטה פון פּראָפ. וויליאַם פאַקסוויל אָלבראַיט.

ה. די פאַרקריסטלעכע צייטרעכענונג באַצייכענען מיר מיט די ראשי־תיבות פ ק ״ ר.

ו. אַ טייל אגדות, וואָס מיר האָבן אַריינגעוועבט אין דער אַברהם־געשיכטע, זיינען גענומען פון בראשית רבה, ספר האגדה על־יד ח. נ. ביאליק וח. רבניצקי און Louis Ginsberg, *The Legends of the Jews.* וועגן אַלע אַנדערע ווערט אָנגעגעבן דער מקור.

3. דער לאָקאַלער גאָט פון אור־(כשדים) איז געווען דער לבנה־גאָט נאַנאַ־סין. אָבער

דער העכסטער גאָט פון סומערישן געטער־פּאַנטעאָן איז געווען דער לופט־גאָט ענליל, וועמענס טעמפּל איז געשטאַנען אין דער שטאָט ניפּור. „אַלע געטער און מלכים האָבן געמוזט האָבן די הסכמה און די ברכה פון דעם גרויסן גאָט ענליל. ווען נאַנאַ־סין האָט געוואָלט זיין זיכער מיט אַ דערפאָלג, האָט ער אָנגעפילט אַ שיף מיט אַ סך מתנות און זיי אָוועקגעפירט קיין ניפּור".

4. אין די אַלטע צייטן האָט מען די זיבן „וואַנדערנדיקע" שטערן (זון, לבנה, ווענוס, יופּיטער, מאַרס, מערקיור און סאַטורן) גערופן „פּלאַנעטן", אין קעגנזאַץ צו די „שטיי־ענדיקע" שטערן. זע : Ralph Turner, *The Great Cultural Tradition*, p. 104

דער גלויבן אין „מזלות" (אַסטראָלאָגיע), אין דער ווירקונג פון די שטערן אויף דעם מענטשנ׳ס מזל, איז שטאַרק באַקעמפּט געוואָרן פון די נביאים, מחמת דאָס וואָלט געווען אַ סתירה צום ריינעם מאָנאָטעאיזם און צום פּרינציפּ פון פריען ווילן. אייניקע פון די בעלי־התלמוד האָבן יאָ געגלויבט אין אַסטראָלאָגיע. די הערשנדיקע מיינונג איז אָבער געווען, אַז לכל־הפּחות בנוגע אידן האָבן די שטערן קיין שליטה נישט. פון דאַנען דאָס פאָלקס־ווערטל : „אין מזל לישראל" (נדרים, ל״ב).

5. Samuel Noah Kramer, *The Sumerians*, p. 120. („לאַפּיס־לאַזולי" — אַ בלויער שטיין, וועלכן די עגיפּטער און סומעריער האָבן גענוצט ווי אַ טייערע צירונג).

6. ס׳איז דעמאָלט נאָך נישט געווען קיין פּאַפּיר און די סומעריער האָבן געשריבן (געצייכנט) אויף ליימטאָוולען מיט אַ שטיפט אָדער אַ ביין, וואָס איין ברעג האָט געהאַט די פאָרעם פון אַ קלין.

7. דער „קינג־ליסט" איז שטאַרק ענלעך צום צעטל פון די ערשטע תנ״ך־מענטשן (פון אָדם ביז נח׳ן), וואָס האָבן אויך דערגרייכט אַן אויסערגעוויינלעכן עלטער („מתושלח׳ס יאָרן").

8. דאָס איז די זעלבע שושן וואו ס׳האָבן שפּעטער געלעבט אסתר און אחשורוש. זע : Sir Leonard Woolley, *Excavation of Ur*, p. 125.

9. בראשית, ב׳, ט׳.

10. אין פאַרלויף פון די יאָרן האָט דער טייך פּרת געענדערט זיין וועג, און דאָס אָרט וואו ס׳איז פריער געשטאַנען די שטאָט אור, געפינט זיך איצט אויף דער מערב־זייט פון טייך.

11. אין אַברהמ׳ס צייטן איז דער אייזל געווען דער הויפּט־משא־טרעגער. מ׳האָט זיך דעמאָלט באַנוצט מיט אייזל־קאַראַוואַנען. קעמל־קאַראַוואַנען זיינען אויפגעקומען שפּעטער. זע : W. F. Albright, *From Stone Age to Christianity*, p. 165.

12. ס׳איז נישט פעסטגעשטעלט וואו ס׳איז פריער אַנטוויקלט געוואָרן דער מעטאַל בראָנז — אין עגיפּטן אָדער אין סומער.

13. זע : S. N. Kramer, *History Begins at Sumer*.

14. „קוניפאָרם" מיינט אַ צייכן וואָס האָט דעם אויסזען פון אַ קלין (ווערדזש). אין אידיש האָט מען דאָס וואָרט איבערזעצט אויף „פלעקלשריפט" אָדער „שטעקלשריפט", מיר מיינען, אַז „קלינפאָרם" איז אַ מער־פּאַסיקע איבערזעצונג.

15. דער מצב פון די סומערישע פאָלקס־מאַסן בכלל איז דעמאָלט געווען אין אַ שפּל׳דיקן צושטאַנד און אַברהם האָט געפונען אַ פּרוכטבאַרן באָדן פאַר זיינע רעוואָלוציאָנערע רייד.

16. אָט־דעם נוסח וועגן מבול האָבן ענגלישע אַרכעאָלאָגן געפונען אין אַסיריע, אין דעם פּאַלאַץ פון קעניג אַשורבאַניפּאַל. געפונען האָבן זיי נאָר צעבראָכענע און שווין אָפּגעריבענע שערבלעך. נאָך שווערער מי איז געלונגען דעם אַרכעאָלאָג סמיט און אַנדערע געלערנטע פון בריטישן מוזיי צוזאַמענצוקלעפּן אַ טייל פון די שערבלעך. און ווען מ׳האָט דעשיפרירט די קלינפאָרם־שפּראַך, וואָס איז אויף זיי געווען אויסגעקריצט, האָט מען געפונען אָט־דעם נוסח פון דער מבול־געשיכטע ווי אַ טייל פון דער גילגאַמעש־עפּיק.

17. דער נאָמען „אוט־נאַפּישטים" פון דעם גילגאַמעש־העלד איז לויט אַן אַקאַדישן נוסח. לויט דעם סומערישן נוסח איז דער נאָמען פון דעמזעלביקן העלד „זיוסודרא".

די וויכטיקסטע אונטערשיידן צווישן דער מבול־געשיכטע ווי זי ווערט דערציילט אין דער גילגאַמעש־שילדערונג און אין תנ״ך זיינען: אוט־נאַפישטים דערציילט אַליין וועגן זיינע איבערלעבונגען אין דער צייט פון מבול, און אין בראשית רעדט זיך וועגן נח׳ן אין דער דריטער פערזאָן. אין דער גילגאַמעש־געשיכטע ווערן אַרויסגעבראַכט אומעטישע מאָטיוון פון די געטער חרוב צו מאַכן די וועלט, און אין חומש ווערן אָנגעגעבן עטישע מאָטיוון פאַר דעם קומען פון מבול; אין דער גילגאַמעש־דערציילונג האַנדלען אַ סך געטער, און אין בראשית האַנדלט דער אייניאיינציקער גאָט יהוה; אין דער גילגאַמעש־געשיכטע ווערט דער גאָט ענליל אויפגעבראַכט ווען ער דערזעט, אַז דער מענטש האָט זיך געראַטעוועט, און אין חומש דערפרייט זיך גאָט ווען דער מענטש האָט זיך געראַטעוועט פון אומקום און ער זאָגט צו נח׳ן און זיינע זין: „פרוכפערט אייך און מערט אייך, און פילט אָן די וועלט״.

קאפיטל ב

1. „עס לאָזט זיך באַווייזן, אַז שוין אונטער סאַרגאָן פון אַקאַד (2360 פק״ר) זיינען שעמיטן באַצייכנט געוואָרן אַלס „אַמורו״, וואָס איז דאָסזעלביקע ווי די אַמורים פון תנ״ך... אָנהויבנדיק פון אַביסל אַ שפעטערער צייט שטימען אַלע אויסגעגראָבענע אויפשריפטן, אַז דאָס „לאַנד פון אַמורי״ איז די געגנט אַרום לבנון, דרום־סיריע ביז אַריבער די גרענעץ אין פאַלעסטינע. דאָסזעלביקע זאָגן די נייע טאָוולען, וואָס מ׳האָט אויסגעגראָבן אין באָגהאַזקאַי, די אַלטע הויפטשטאָט פון די חיתים אין קליין־אַזיע.

„דערמיט האָבן מיר באַקומען דעם שליסל. מיר זעען די אַמורים אין באַבילאָניע גופא אַלס אַ שעמיטישן פאָלקס־שטאַם, וואָס איז אַנדערש פון די אמת׳ע באַבילאָניער. אָבער זינט דער ערשטער העלפט פון דריטן יאָרטויזנט פק״ר ביז אין דער ביבלישער צייט אַריין זיינען זיי באַזונדערס פאַרבונדן מיט סיריע און פאַלעסטינע. די סברא איז דעריבער מחייב, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ שיכט פון שעמיטן, וועלכע זיינען וואַנדערנדיק פון סיריש־אַראַבישן מדבר, אַריינגעדרונגען אין מעסאָפאָטאַמיע פון איין זייט און אין סיריע און פאַלעסטינע פון דער אַנדערער זייט. אַ לענגערע צייט האָבן זיי געהאַט זייער מיטלפונקט אין די געגנטן פון לבנון און ווייטער אַראָפ ביז מיטל־פאַלעסטינע.

„ס׳איז קיין ספק נישט, אַז דאָס אויפטרעטן פון די אַמורים אין סיריע פאַרן מיטן פון דריטן יאָרטויזנט פק״ר איז אַ רעזולטאַט פון אַ געוואַלדיקער פעלקער־וואַנדערונג, וועלכע האָט זיך געשפאַרט פון אַראַבישן מדבר קיין צפון און צפון־מערב. פאַר אונז האָבן די אַמורים אַ באַזונדערע באַדייטונג, ווייל מיר דערקענען אין זיי באַשיינפערלעך יענעם שיכט פון שעמיטן, צו וועלכן עס געהערן נישט בלויז די כנענים און די פעניקער, נאָר אויך די עברים גופא. דער שפעטערדיקער שטאַרקער קאָנטראַסט צווישן די אידן און זייערע פאָרגייער אין לאַנד, די אַמורים און די כנענים, דאַרף אונז נישט ברענגען צו קיין טעות וועגן דעם. פאַקטיש געהערן די אידן צו דערזעלביקער גרויסער עפאָכע ווי יענע, און עס האַנדלט זיך דאָ נאָר וועגן פאַרשיידנע עטאַפן אין איין און דעמזעלביקן פראָצעס״. (ר. קיטעל „די אַמורים אין מערב־לאַנד״; אידיש פון ח. שויס: „די גרויסע אידישע געשיכטע״, באַנד 1, ז. 66־67).

2. מיט דער אַנטוויקלונג פון דער „קלינפאָרם־שריפט״ האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפאָכע אין דער מענטשלעכער געשיכטע, די עפאָכע פון „פאַרשריבענער געשיכטע״. דער „סקראַיב״ (סופר, שרייבער) האָט פאַרנומען אַ זייער אָנגעזען אָרט אין טעמפל און אין דער מלוכה. „דער אָנהויב פון דער ליטעראַטור אין אַזיע איז געווען אין סומער שוין אַזוי פרי ווי אַרום 3000 פק״ר. סומעריע איז געוואָרן די קלאַסישע שפראַך אין גאַנץ מעסאָפאָטאַמיע און אין די שכנות׳דיקע לענדער. נאָך 1800 פק״ר איז סומעריש אונטערגעגאַנגען ווי אַ גערעדטע שפראַך און איר אָרט האָט פאַרנומען אַקאַדיש. זי איז אָבער געבליבן די קלאַסישע שפראַך פון גאַנץ מערב־אַזיע, מיט וועלכער די סופרים האָבן זיך באַנוצט נאָך ניינצן הונדערט יאָר״. זע:

C. H.Gordon, *The World of the Old Testament*, p. 17.

3. דער אויסדרוק „סעמיט" קומט פון דעם נאָמען „שם", איינער פון נח'ס דריי זין. פאַר די קינדער פון שם („בני־שם") ווערן פאַררעכנט: די עברים, די פעניציער, די כאַלדייער (כשדים) און די אַראַבער. מיר מיינען, אַז אין אידיש קלינגט אַ סך בעסער און ס'איז ריכטיקער צו שרייבן „ש ע מ י ט".

4. זע: „ספר היובלים". איינער פון די ספרים אחרונים (אַפּאָקריפן), שטאַמט פון דריטן יאָרהונדערט פק"ר, וואו די תנ"כ'ישע מעשיות ווערן דערציילט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן. אין תנ"ך: „די וואָס פאַרגיסן דאָס בלוט פון אַ מענטשן, זאָל דורך אַ מענטש זייער בלוט פאַרגאָסן ווערן, וואָרום אין דער געשטאַלט פון גאָט האָט ער באַשאַפן דעם מענטשן" (בראשית, ט', ו').

5. וועגן נח'ס זיבן מצוות זע: סנהדרין, נ"ו.

6. אין אָנהויב פון סאַרגאָנ'ס הערשאַפט איז אַגאַד געווען זיין הויפּטשטאָט און איז ביסלעכווייז געוואָרן די רייכסטע און רעש'דיקסטע שטאָט אין דער וועלט. שיפן פון אַלע עקן וועלט האָבן געבראַכט און פאַנאַנדערגעפירט אַלערליי סחורות. דער גרעסטער טייל פון אירע איינוואוינער זיינען געווען שעמיטן. אין תנ"ך ווערט די שטאָט דערמאָנט ווי אכד (אַקאַד). די שטאָט רופט מען אַקאַד און די באַפעלקערונג אַקאַדיער. גענוי וואו די שטאָט איז געווען ווייסט מען נאָך נישט.

7. „לוגאַל" מיינט אַ קעניג און איז דער ערשטער טייל פון אַ סך נעמען פון סומערישע מלכים.

8. אָט־דעם מלך פון אַקאַד רופט מען איצט „סאַרגאָן דער ערשטער", ווייל שפּעטער איז געווען אַ באַבילאָניער קעניג מיט דעם זעלבן נאָמען און ער ווערט באַצייכנט ווי „סאַרגאָן דער צווייטער".

9. כלח איז שפּעטער געוואָרן איינע פון די גרעסטע שטעט אין אַסיריע. דאָס אָרט וואו די שטאָט איז אַמאָל געשטאַנען רופט מען איצט: „תל־נמרוד" (דאָס בערגל פון נמרוד).

10. James B. Prichard, *The Ancient Near East*, p. 85.
שוואַרץ־קעפּיקע מיינט מען די סומעריער, וועלכע ווערן אַזוי אָנגערופן אין אַ סך ערטער.

11. S. N. Kramer, *Mythologies of the Ancient World*, p. 127.

קאַפּיטל ג

אַלע שעמיטישע שבטים (בני־שם) זיינען אין די פאַר־היסטאָרישע צייטן געווען נאָמאַדן. זיי האָבן נישט געהאַט קיין שטענדיק וואוין־אָרט. זיי האָבן געוואָנדערט, אַלס פּאַסטעכער, מיט זייערע סטאַדעס פון שאָף און רינדער פון איין אָרט צום צווייטן. דאָרט וואו זיי האָבן געפונען גוטע פּאַשע־פעלדער צו פיטערן זייערע בהמות האָבן זיי אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן. ווען די פּאַשע איז געוואָרן מאָגער, האָבן זיי ווייטער געוואָנדערט און געזוכט אַ ניי אָרט. אַ לאַנגע צייט האָבן זיי אַרומגעוואָנדערט ביי די ברעגן פון סירישן מדבר. שפּעטער האָבן זיי זיך אויסגעשפּרייט איבערן „פרוכטבאַרן דרייעק". איין טייל איז אַוועק צו מזרח און אַ צווייטער טייל צו מערב. זיי האָבן זיך באַזעצט אויף דער ערד און אויפגעשטעלט ישובים.

2. דער בעליקי (בעליך) טייך פאַראייניקט זיך מיטן פרת (אופראַט) אין צפון, דאָרט וואו דער פרת דרייט זיך אויס צו מערב.

3. תרח איז געווען נמרוד'ס שר־החייל (קריגס־מיניסטער). זע: „ספר הישר" און „ספר עולם", פרשת נח.

4. אמתלאי, די טאָכטער פון כר־נבו (בר־נבו?) — (בבא בתרא, ע"א).

5. אין תנ"ך: „דיין נאָמען זאָל זיין אַברהם, וואָרום פאַר דעם פאָטער פון אַ סך פעלקער האָב איך דיך געמאַכט" (בראשית, י"ז, ה').

6. פון דער אָבות־דערציילונג אין בראשית איז נישט קלאָר וואו אַברהם איז געבאָרן געוואָרן. פריער ווערט געזאָגט: „תרח האָט געבאָרן אַברהמ׳ען, נחור׳ן און הרנ׳ען... און הרן איז געשטאָרבן אין לאַנד פון זיין געבורט, אין אור־כשדים" (בראשית, י״א); שפּעטער זאָגט גאָט צו אַברהמ׳ען אין חרן: „גיי אַוועק פון דיין לאַנד און פון דיין אָפּשטאַם"... (בראשית, י״ב); דערנאָך זאָגט גאָט צו אַברהמ׳ען: „איך בין יהוה, וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגן פון אור־כשדים" (בראשית, ט״ו). כמעט אַלע אַרכעאָלאָגן זיינען איצט מסכים, אַז אַברהם האָט געלעבט אין אָנהויב פון צווייטן יאָרטויזנט פק״ר. זע: William Foxwell Albright, *From Stone Age to Christianity*, p. 236: *The Archaeology of Palestine*, p. 83: Nelson Glueck, *Rivers in the Desert*, p. 68.

7. „נמרוד", זעט אויס, איז געווען אַן אַלגעמיינער צונאָמען פאַר אַלע טיראַנישע מלכים אין סומער און בכלל פאַר אַלע רשעים. דעריבער ווערט געזאָגט: „אַזוי ווי נמרוד, אַ מעכטיקער יעגער" (בראשית, י׳, י׳).

8. לויט די חז״ל איז אַברהם אַלט געווען דריי יאָר ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַרטראַכטן און פאַרשן ווער ס׳איז דער באַשעפער און מנהיג פון דער וועלט (נדרים, ל״ב).

קאַפּיטל ד

1. „פּרוכטבאַרער האַלבער קרייז", אין ענגליש: Fertile Crescent — אַ לאַנגער, שמאָלער שטח, וואָס ציט זיך, אין דער פאָרעם פון אַ האַלבער לבנה, פון פּערסישן ים־אויסגוס אין צפון, דורך איראַק, סיריע, לבנון, ארץ־ישראל ביז מצרים. דער צענטער ליגט צווישן אַ קרייז פון הויכע בערג אין איר צפון־זייט און דער גרויסער אַראַבישער מדבר אויף איר דרום־זייט. נאָך אירע מאָגערע רעגנס אין ווינטער ווערן לאַנגע שטחים באַדעקט מיט אַ דינעם שיכט גראָז און אין פרילינג ווערט דער געגענט פאַרוואַנדלט, אויף אַ קורצער צייט, אין פּרוכטבאַרן באָדן (זע די מאַפּע אין אָנהויב פון בוך).

2. בראשית, י׳, א׳.

3. זע וועגן דעם: א. ראובני, „קדמת העברים", ז. 95.

4. W. F. Albright, *From the Stone Age to Christianity*, p. 237.

5. Werner Keller, *The Bible as History*, Ch. 5.

6. אין די „נוזו־טאָוולען" זיינען דאָ מעשיות וועגן די „האַבירו" אָדער „עפּירו", וועלכע פּלעגן זיך פאַרקויפן צו דינען אין פרעמדע אַרמייען און אויך פאַר שקלאַפן. אייניקע פון זיי האָבן זיך אויך אַנגעשלאָסן אין רויבער־באַנדעס. די „היסטאָריקער", וואָס זיינען שטאַרק „פאַרליבט" אין אידישן פאָלק, האָבן זיך דערפרייט מיט דעם אוצר. דער באַרימטער אַרכעאָלאָג סיירוס גאָרדאָן זאָגט וועגן דעם, אַז:

„דער גרעסטער טייל פון די ׳נוזו־דאָקומענטן׳ זיינען פון אַ פּריוואַטן און משפּחה־כאַראַקטער. די לײמטאָוולען דערציילן, אַז די ׳האַבירו׳, וואָס האָבן זיך פאַרקויפט פאַר שקלאַפן, האָבן דאָס געטאָן נישט ווי אַ שבט, נאָר ווי אינדיווידועלע פּערזאָנען, וואָס האָבן געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט אַ רייכן אייגנטימער צו פאַרבלייבן אין זיין הויז ווי אַ שקלאַף דאָס גאַנצע לעבן. דער צוועק איז פּשוט געווען עקאָנאָמישע פאַרזיכערונג. צווישן דידאָזיקע ׳האַבירו׳ איז נישטאָ קיין שפּור פון אַ נאָמען אָדער די רעליגיע פון די עברים". Cyrus H. Gordon, *The World of the Old Testament*, p. 113.

זע אויך: James Henry Breasted, *The Conquest of Civilization*, Ch. 5.

7. סיר לעאָנאַרד וואולי, דער אויסגראָבער פון אור־כשדים, האָט נישט ווייט פון זיגוראַט־טעמפּל אויסגעגראָבן אַ גרויסן בית־עולם. די קברים זיינען געווען טיף אין דער ערד, און אויסער די רעשטלעך פון די סקעלעטן האָט מען אין זיי געפונען שיסלען, קרוגן, געצייג און אַנדערע כלים, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון ערד אָדער מעטאַל, לויט דעם פאַרמעגן פון פאַרשטאָרבענעם.

אויסער די געוויינלעכע קברים, האָט וואולי דאָרט אויך אויסגעגראָבן 16 „קעניגלעכע

קברים״, וואָס זיינען געווען אינגאַנצן אַנדערש ווי די געוויינלעכע קברים. דאָס זיינען געווען אויסגעבויטע קעמערלעך פון שטיין און ציגל. אין אַ דערבייאיקן גרוב פון איינעם פון די קברים האָט וואולי געפונען ליגן זייט־ביי־זייט פינף קערפּערס און יעדערער פון זיי האָט געטראָגן אַ קופּערנעם מעסער אין זיין גאַרטל. עטוואָס אָפּגערוקט האָט ער געפונען נאָך צען קערפּערס, וואָס זיינען געלעגן אין צוויי רייען. די אַלע זיינען געווען פרויען און האָבן געטראָגן האָר־אָרנאַמענטן און האַלזבענדער פון גאָלד, לאזולי און קאַר־נעליאַן־שטיינער און דערביי איז געלעגן דאָס איבערגעבליבענע פון אַ שיינער האַרף, באַפּוצט מיט רויטע און בלויע שטיינער און ווייסן שאָל. נעבן דער האַרף זיינען געלעגן די ביינער פון דעם האַרפּיסט, מיט אַ גאָלדענער קרוין אויפן קאָפּ. ביים אַריינגאַנג האָט וואולי געפונען דאָס איבערגעבליבענע פון אַ רייטוואָגן און די ביינער פון צוויי אייזלען. דערביי זיינען געלעגן צוויי קערפּערס פון די שטאַל־דינער. אַלע קעניגלעכע קברים זיינען געווען אָנגעפּילט מיט טייערע זאַכן, געצייג און וואָפן, געמאַכט פון גאָלד, אַלאַבאַסטער, מאַרמאָר און טייערע שטיינער. אין איינעם פון די גריבער האָט וואולי געפונען דעם קבר פון דער קעניגין שוב־אַד און איר קרוין. זע:

8. Sir Leonard Woolley, *Excavation at Ur*, Ch. 3

James B. Prichard, *The Ancient Near East*, p. 80.

9. בראשית, ד׳, ג׳.

10. Albert Champdor, *Babylon*, p. 88.

קאַפּיטל ה

1. די אגדות וועגן אַברהמ׳ס צעברעכן די אויסגעשניצטע געצן, וואָס זיין פאָטער און ברידער האָבן געמאַכט, זיינען אָפּשפּיגלונגען פון אמת׳ער געשיכטע, וואָס דאָס פאָלק האָט געטראָגן אין זיין זכרון פון דור צו דור; פון אמת׳ע מלחמות וואָס אַברהם און זיין עברים־מחנה האָבן געפירט מיט די געצנדינער.

2. עילם איז צוערשט געווען אַ נישט־שעמיטיש לאַנד. מיט דער גרויסער שעמיטישער איבערוואַנדערונג פון מערב איז שפּעטער דער רוב פון דער באַפעלקערונג אין עילם געווען שעמיטיש.

3. ווען סער וואולי האָט אויסגעגראָבן די הייזער אין אור־כשדים, האָט ער געפונען איין צימער, וואָס האָט נישט געהאַט קיין דאַך און אונטערן דיל זיינען געלעגן באַגראָבן די עלטערן פון די איינוואוינער. ער האָט נאָך געפונען די סקעלעטן פון די לעצט־באַגראָ־בענע. דאָס איז געווען דער פאַמיליע־טעמפּל, וואו די סומעריער האָבן מתפלל געווען צו זיי־ערע געטער און אויך צו זייערע עלטערן, וועלכע זיי האָבן אויך באַטראַכט פאַר געטער. זע:
Sir Leonard Woolley, *Abraham*, p. 211.

4. אַברהם האָט שוין געהאַט דערקענט גאָט׳ס אַלמעכטיקייט, אָבער זיין נאָמען האָט ער נאָך נישט געוואוסט.

5. דער ערשטער נביא איז געווען אַברהם. גאָט זאָגט צו אַבימלכ׳ן: „קער אום דאָס ווייב פון דעם מאַן, וואָרום ער איז אַ נביא, און ער וועט מתפלל־זיין פאַר דיר״ (בראשית, כ׳, ז׳).

6. די סומעריער זיינען געווען די ערשטע אין כמעט אַלע צווייגן פון דער וויסנשאַפט:
Samuel Noah Kramer, *History Begins at Sumer*.

7. די געשיכטע מיט קטורה׳ן אין תנ״ך איז נישט קלאָר. עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז נאָך שרה׳ס טויט, ווען זי איז שוין אַלט געווען 125 יאָר, און נאָכדעם ווי עס ווערט וועגן אים געזאָגט, אַז: „אַברהם זקן בא בימים״, זאָל ער נעמען אַ ווייב און מיט איר האָבן זעקס זין. רש״י־ן, זעט אויס, איז אויך שווער געווען דער ענין, און ער וויל דערפאַר אַריינטייטשן, אַז קטורה איז הגר. דער אבן עזרא וויל דאָס נישט אָננעמען, ווייל עס שטייט ווייטער: „ולבני הפלגשים נתן אברהם...״ (צו די זין פון די קעפּסווייבער

האָט אַברהם געגעבן מתנות" — (בראשית, כ"ה, ז'). מ'מוז דאָ אויך אָנווענדן דעם מאמר: „אין מוקדם ואין מאוחר בתורה".

8. "שדי" — דער גאָט פון די בערג .Albright, *From Stone Age,* p. 244
„שדי" — דער גאָט פון מאַכט .Martin Buber, *Moses,* p. 51
„שדי" — „גענוג", פון וואָרט „די". אין זיין געטלעכקייט איז דאָ גענוג פאַר אַלץ וואָס איז באַשאַפן (רש"י, בראשית, י"ז, א').

9. דער מלבים מיינט, אַז ווען גאָט זאָגט צו אַברהמ'ען: „התהלך לפני והיה תמים" (גיי פאַר מיר און זיי פּערפעקט), וויל ער אים זאָגן, אַז זיין באַשאַף וועט נישט זיין אינ־גאַנצן פאַרענדיקט ביז דער מענטש וועט קומען און אים מתקן־זיין. גאָט האָט געגעבן דעם מענטשן די בחירה זיך אויסצוקלייבן צווישן גוט און שלעכט. און גאָט זאָגט אָן אַברהמ'ען: „גיי פאַר מיר און וויז דעם מענטשן אַביישפּיל פון פאָלקאָמענהייט און ערלעכקייט, ברענג צו אים צוריק דעם 'צלם אלהים' (געטלעך געשטאַלט) אין וועלכער פאָרעם ער איז באַ־שאַפן געוואָרן, וויז אים דעם וועג צו אַ וועלט פון שלימות" (מלבים, בראשית, י"ז).

קאַפּיטל ו

1. אין אַרם־נהרים (מעסאָפּאָטאַמיע) זיינען געווען וויניק שטיינער. די רייכע האָבן געבויט זייערע הייזער פון ציגל און די אָרעמע פון בלאָטע און וואַסער־ריטלעך.

2. דומזי (תמוז) — דער גאָט פון גרינס און פרוכטבאַרקייט, דער פּאַסטעך.
Mythologies of the Ancient World, Ed. S. N. Kramer, p. 110.

3. ארפכשד קלינגט נישט ווי אַ שעמיטישער נאָמען. עס קאָן אויך זיין, אַז דער נאָמען באַשטייט פון צוויי טיילן „ארפ"־„כשד", וואָס קאָן מיינען די „טעריטאָריע פון כשד" (כשדים). (זע ענגלישע תנ"ך־איבערזעצונג פון י. ה. הערץ).

4. דאָס זיינען אַברהמ'ישע גרונט־געדאַנקען, וועלכע זיינען שפּעטער פון די נביאים איבערגעגאָסן געוואָרן אין אַ פּאָעטישער פאָרעם.

5. ישעיה, מ"ז.

6. „ספר האגדה", ח. נ. ביאליק וי. ח. רבניצקי, עמ' מ"ב.

7. תהלים, ע"א. די חז"ל זאָגן, אַז „דוד האָט געשריבן דעם ספר תהלים דורך צען זקנים און איינער פון זיי איז געווען אַברהם". רש"י אויפן אָרט זאָגט, אַז דאָס מיינט, אַז דוד האָט אויסגעזונגען געדאַנקען וואָס זיינען שוין פריער געזאָגט געוואָרן פון די צען זקנים (בבא בתרא, י"ד).

אָלבראַיט זאָגט אַזוי: „די פּאָעטישע ליטעראַטור פון תנ"ך ווערט ביי אַלטע טראַ־דיציאָנעלע געלערנטע צוגעשריבן צו פאַרשיידענע פּאַזן אין דער אידישער געשיכטע, און די 'ביבל־קריטיקער' ווילן צושרייבן דאָס רוב פון דער ליטעראַטור צו דער צייט פון נאָכן גלות־בבל. אין ליכט פון דער כנעני'שער רעליגיעזער ליטעראַטור, וואָס מ'האָט אויס־געגראָבן אין אוגאַריט, מוז מען אַ סך קאַפּיטלעך תהלים צושרייבן צו אַ גאָר פריערדיקער צייט אין דער אידישער געשיכטע, אַלענפאַלס נישט שפּעטער ווי דעם צענטן יאָרהונדערט פק"ר". W. F. Albright, *The Archaeology of Palestine,* p. 226.

קאַפּיטל ז

1. דער אונטערגאַנג פון „דער דריטער דינאַסטיע פון אור" איז נישט געשען מיט איין מאָל. די סומער אימפּעריע האָט זיך געקייקלט באַרג־אַראָפּ אין פאַרלויף פון די 24 יאָר, וואָס איבי־סין האָט דאָרט געהערשט. הונגער, מגיפות און בלוט־פאַרגיסונג האָבן באַגלייט זיין הערשאַפט. אין 1950 פק"ר האָט סומער אויף אייביק פאַרלוירן איר מאַכט. אָלבראַיט זאָגט, אַז: „אַברהמ'ס אַנטלויפן פון אור־(כשדים) אין דער צייט ווען אַט־די

הויפטשטאָט איז פאַרניכטעט געוואָרן פון די עילאמיטן, אַרום 1950 פק״ר, זעט אויס צו זיין אַן אויסגעצייכנטע היסטאָרישע געשעעניש״. W. F. Albright, *From Stone Age to Christianity*, p. 236.

.2 S. N. Kramer, *The Sumerians*, p. 142.

.3 אין אַברהמ׳ס צייט איז בבל געווען אַ קליינע שטאָט. ערשט אַרום סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט פק״ר, אונטער דער הערשאַפט פון קעניג האַמוראַבי, איז בבל צוריק אויסגעוואַקסן ווי די הויפטשטאָט פון אַ גרויסער אימפּעריע.

.4 זע: Cyrus H. Gordon, *The World of the Old Testament*, p. 43.

.5 אַלע זיגוראַט־טעמפּלען זיינען געבויט געוואָרן אויף דעם זעלבן סטיל: „אַ טורעם, געבויט פון ציגל, וואָס זיין שפּיץ דערגרייכט דעם הימל״. די געלערנטע מיינען אָבער, אַז דער „בבל־טורעם״ פון תנ״ך באַציט זיך צום „עסאַגילאַ״־טעמפּל אין בבל, וואָס די אַקאַדיער האָבן אויפגעבויט פאַר זייער הויפט־גאָט מאַרדוק. אין דער עפּיק וועגן וועלט־באַשאַף, „ענומאַ עליש״, לייענען מיר, אַז:

„אַ גאַנצן יאָר האָבן זיי געמאַכט ציגל / ווען דער צווייטער יאָר איז געקומען, / האָבן זיי אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון עסאַגילאַ־טעמפּל אַזוי הויך ווי די טיפקייט פון אַפּסו, / זיי האָבן געבויט אַ טאַראַסן־טורעם אַזוי הויך ווי אַפּסו און האָבן געמאַכט אַ היים פאַר די געטער מאַרדוק, ענליל און עאַ״. זע: *Anchor Bible, Genesis*, Ed. S. P. Spiser,

.6 דער עסאַגילאַ־טעמפּל איז צעשטערט געוואָרן פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסן. אַלץ וואָס איז פון אים געבליבן איז זיין מאַסיווער פונדאַמענט, וועלכן לעאָנאַרד וואולי האָט אויסגעגראָבן. זע: Sir Leonard Woolley, *Excavation of Ur*, pp. 41, 78.

.7 ס׳איז דאָ אַ שטאַרקע ענלעכקייט צווישן די מעשים פון גילגאַמעש און די מעשים פון די „בני אלהים״ אין חומש (בראשית, ו׳, א׳).

.7 די גאַנצע גילגאַמעש־געשיכטע איז געשריבן אין אַן עפּישער פאָרעם: זע: James B. Prichard, Ed., *The Ancient Near East Anthology*.

.8 זע: *The History of Herouotus*, p. 75. דער גריכישער היסטאָריקער הע־ראָדאָטוס האָט געלעבט אין אַ סך אַ שפּעטערדיקער צייט (484—425). אַזעלכע מנהגים זיינען אָבער נישט געבליבן פלוצלונג. ס׳נעמט אַ לאַנגע צייט זיי זאָלן זיך איינבירגערן אין אַ טעמפּל־ריטואַל.

קאַפּיטל ח

.1 דאָס מאַרי־לאַנד האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט, אַזוי פּינקטלעך ווי מ׳האָט געקאָנט דערוואַרטן — אַ מערב־שעמיטיש פאָלק, וואָס האָט אָנגענומען די אַקאַדישע קולטור און גערעדט אַ שפּראַך וואָס איז שטאַרק ענלעך געווען צו דער עברית־שפּראַך פון די אָבות. די געבראַכטע בריוו זיינען אַ טייל פון די דאָקומענטן, וואָס מ׳האָט געפונען אין דעם מאַרי־פּאַלאַץ. זע: James B. Prichard, *The Ancient Near East*, pp. 260-262.

.2 דער גרויסער מיליטערישער כח און די העלדישקייט פון די „האַבירו״ באַווייזט, אַז דאָס זיינען געווען אַלטגעזעסענע פעלקער אין דעם „לאַנד פון די אַמורים״, און נישט ווי אייניקע געלערנטע ווילן האָבן, אַז זיי זיינען געווען צופעליקע קליינע אָרגאַניזירטע באַנדעס אָדער גרופּן.

.3 וועגן די „אַמורו״ און דאָס „לאַנד פון די אַמורים״ זע די הוספות צו קאַפּיטל ב, נומ. I.

.4 כרכמיש איז אין די אור־אַלטע צייטן געווען פאַרנומען פון די חיתים. די שטאָט ווערט דערמאָנט אין דברי הימים ב׳, ווען נכו דער מלך פון מצרים גייט אַרויס איינצו־נעמען כרכמיש און דער מלך יאשיהו שטעלט זיך אים קעגן. יאשיהו ווערט דער׳הרג׳עט אין מגדו.

.5 תדמור. אַן אָאַזיס, אַ שטח אין סירישן מדבר וואו ס׳איז דאָ וואַסער און דער באָדן איז פרוכטבאַר.

6. דמשק (דימישק־עס־שאם), די הויפטשטאָט פון סיריע אין איר גאַנצער געשיכטע, ווערט באַטראַכט פאַר דער עלטסטער שטאָט אין דער וועלט.

7. Josephus Flavius, *Antiquities of the Jews,* Book 2, Ch. 7.

8. די דריי געטינס: עשתורת (אסטארטא), אשרה (אשערראה) און אַנאַטה ווערן אין פאַרשיידענע ערטער און אין פאַרשיידענע צייטן פאַרביטן איינע פאַר דער אַנדערער. אין תנ״ך ווערט אַמאָל עשתורת און אַמאָל אשרה דערמאָנט אין שייכות מיט דעם גאָט בעל. אַלע דריי געטינס זיינען הויפּטזעכלעך פאַרבונדן מיט געשלעכט און מלחמה. אין אַן עגיפּטישער שריפט פון דרייצנטן יאָרהונדערט פק״ר, ווערן אַנאַטה און עשתורת אָנגערופן: „די גרויסע געטינס, וועלכע פאַרשווענגערן אָבער געבאָרן נישט״. דאָס מיינט, אַז זיי זיינען אייביק פרוכטבאַר, נישט פאַרלירנדיק זייער בתולה׳שאַפט. אַ צווייטער בליק אויפן געשלעכטלעכן לעבן, ווי דאָס ווערט אילוסטרירט פון די דריי געטינס, איז מער אַ תאווה׳דיקער ווי אַ מוטערלעכער. אַנאַטה ווערט געוויינלעך גערופן: „די בתולה אַנאַטה״ אין דער אוגאַריטישער מיטאָלאָגיע. „הייליקע פּראָסטיטוציע״ איז געווען אַן אומפאַרענדערלעכע אייגנשאַפט פון די כנעני׳ישע געטינס. ס׳קלינגט מאָדנע, אָבער ס׳איז אַ פאַקט, אַז אַ „הייליקע פּראָסטיטוטקע״ האָבן די כנענים גערופן „קדושה״. זע:

W. F. Albright, *Archaeology and the Religion Israel,* p. 74.

9. ווייניק תנ״כ׳ישע דערציילונגען זיינען אַזוי פּאָפּולער ווי די געשיכטע פון סדום און עמורה, ווי גאָט האָט אומגעבראַכט די צווי שטעט און דעם גאַנצן געגנט אַרום, און ווי לוט׳ס ווייב האָט זיך אומגעקוקט און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיק זאַלץ. דאָך ווייסט מען נאָך ביז איצט נישט וואו די חורבות פון די שטעט געפינען זיך און אויף וועלכן אופן די שטעט זיינען אומגעבראַכט געוואָרן. וועגן דעם ענין גייט־אָן אַ שקלאַ־ טריא צווישן די געלערנטע. דער אַרכעאָלאָג דזש. פּענראָז הארלאנד און אַנדערע מיינען, אַז דער „טאָל פון שידים״ איז אַמאָל געווען אַ פרוכטבאַרער באָדן, און סדום, עמורה און צוער זיינען דאָרט געשטאַנען. שפּעטער איז דער טאָל פאַרפלייצט געוואָרן און אַ טייך פון געזאַלצן וואַסער האָט צוגעדעקט די שטעט. די באַשרייבונג אין תנ״ך, אַז „גאָט האָט געמאַכט רעגענען אויף סדום און אויף עמורה שוועבל און פייער... און ער האָט איי־ בערגעקערט די דאָזיקע שטעט״ (בראשית, י״ט, כ״ב) איז אַן אויסגעצייכנטע שילדערונג פון אַן ערד־ציטערניש. זע:

J. Penrose Harland, *The Biblical Archaeology Reader,* Ed. by G. E. Wright and D. N. Freedman.

10. „ספר הישר״, פרשת נח: „אין יענער צייט האָט אַברהם זיך אומגעקערט און איז געגאַנגען קיין חרן צו זען זיינע עלטערן און זיין משפּחה און ער האָט זיך פאַרווײַלט אין חרן פינף יאָר״.

קאַפּיטל ט

1. די „דריטע דינאַסטיע פון אור״ האָט עקזיסטירט פון 2060 ביז 1950 פק״ר.

2. ס׳איז נישט געווען קיין גרענעץ צו אַברהמ׳ס עניוות. כאָטש ער איז געווען אַזוי פּראָמינענט און האָט געהאַט קנעכט און דינסטן, האָט ער פונדעסטוועגן אַליין באַדינט זיינע געסט כדי זיי צו ווייזן ווי ליב ס׳איז אים זייער באַזוך (קדושין, ל״ב).

3. ר׳ שמעון בן יוחאי זאָגט: אַ טייערער שטיין איז געהאנגען אויף אַברהמ׳ס האַלדז און יעדער קראַנקער, וואָס האָט אויף אים אַ קוק־געטאָן, איז גלייך געזונט געוואָרן. ווען אַברהם איז געשטאָרבן האָט גאָט אויפגעהאנגען דעם שטיין אויף דער זון (בבא בתרא, ט״ז).

4. נאָכדעם ווי אַברהמ׳ס געסט האָבן אָפּגעגעסן, האָבן זיי אים געוואָלט דאַנקען, האָט ער צו זיי געזאָגט: איר האָט דען געגעסן מיינס? פון דעם אייביקן גאָט׳ס באַשאַף האָט איר געגעסן און אים דאַרפט איר דאַנקען (סוטה, י׳).

5. ר׳ נחמן קראָכמאַל, „מורה נבוכי הזמן״.

6. די פּאָעטישע פאָרם פון די רייד באַלאַנגען צום נביא ישעיה (ס״א), אָבער דער תוכן, דער רוף צו דער וועלט, אַז גאָט האָט געזאָלבט אַברהמ׳ען און זיינע קינדער צו

ברענגען צו דער מענטשהייט אַ בשורה פאַר די ליידנדיקע און אַן האָפענונג, אַז גאָט וועט באַלוינען די פאַרטיידיקער פון אמת, איז אַ ריין־אַברהמ׳ישער. דאָס איז דער יסוד פון אַברהמ׳ס גאָט־אידייע, וועלכע ישעיה האָט שפּעטער איבערגעגאָסן אין אַ נביאישער פאָרעם.

7. זע : „ספר היובלים״ (אַפּאָקריפן), פרשת נח.

8. יאָזעפוס פלאַוויוס (יוסף בן מתתיהו) שרייבט, אַז אין דעם 96טן בוך פון דעם היסטאָריקער ניקאָלאַס פון דמשק ווערט געבראַכט, אַז : „ס׳איז דאָ אַ גרויסער באַרג אין אַרמעניע מיטן נאָמען ׳באַריס׳ און עס זיינען דאָ ידיעות, אַז אין דער צייט פון מבול האָבן זיך אַ סך מענטשן געראַטעוועט אויף דעם באַרג. און איינער, וואָס האָט זיך געראַטעוועט אויף אַ שיף, האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויפן שפּיץ פון באַרג. עד היום זיינען נאָך דאָרט פאַראַן רעשטלעך פון דער הילצערנער שיף (תיבה)״. זע :

Josephus Flavius, *Antiquities of the Jews,* Ch. 3.

9. בראשית, י״ח, י״ט.

10. בראשית, י״ב, א׳.

ק א פּ י ט ל י

1. פון דער בריוו־וועקסלונג, וואָס איבי־סין האָט אָנגעהאַלטן מיט זיינע גובערנאַטאָרן אין די פּראָווינץ־לענדער, קריגן מיר אַן אויסגעצייכנט בילד פון דעם צעטומלטן און פאַרלאָרענעם הערשער, פון זיינע אינטריגעס און אַמביציעס און אויך פון די פאַררעטערישע האַנדלונגען פון זיינע משרתים. זע :

S. N. Kramer, *The Sumerians,* p. 70.

2. *Mythologies of the Ancient World,* S. N. Kramer, Ed.

3. אַברהם איז געווען עלטער פון נחור׳ן אַ יאָר און פון הרנ׳ען צוויי יאָר (סנהדרין ס״ט).

4. H. S. Williams, *Maspero,* p. 53.

5. ישעיה ב׳. דאָ איז אויך דער תוכן די נבואה, אַז ס׳וועט קומען אַ צייט ווען פעלקער וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס, אַ ריין־אַברהמ׳ישע — דער גרונט־געדאַנק פון זיין גאָט־אידייע. ישעיה האָט דעם געדאַנק נאָר איבערגעגאָסן אין אַ פּאָעטישער פאָרעם.

6. אַברהם אָבינו האָט מגייר־געווען די מענער און שרה האָט מגייר־געווען די פרויען (בראשית רבה, ל״ט).

7. „פון די ערשטע טעג פון אונזערע אָבות האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו זיין ישיבות ביי אידן : זיינען זיי געווען אין מצרים, האָבן זיי דאָרטן געהאַט ישיבות; זיינען זיי געווען אין מדבר, האָבן זיי דאָרט געהאַט מיט זיך ישיבות. ווען אַברהם איז אַלט געוואָרן איז ער געזעסן אין אַ ישיבה און מקיים־געווען די גאַנצע תורה״ (יומא, כ״ח).

8. די גמרא זאָגט, אַז אַברהם אָבינו האָט מתקן־געווען תפילת־שחרית (ברכות, כ״ו).

9. בראשית, י״ב, ה׳. פולבראַיט זאָגט, אַז : „די מיטלבראָנז־פּעריאָדע (די צייט ווען מ׳האָט זיך באַנוצט מיט דעם מעטאַל בראָנז (קיין אייזן איז נישט געווען) אַנטשפּרעכט דער פּאַטריאַרכאַלישער (אָבות)־תקופה פון חומש״. כאָטש ס׳איז נאָך נישט מעגלעך אָנצואווייזן די גענויע דאַטע ווען אַברהם האָט אויסגעוואַנדערט פון מעסאָפּאָטאַמיע, איז דעם שרייבער׳ס (אָלבראַיט׳ס) מיינונג, אַז די צייט ווען די תרח־פאַמיליע האָט פאַרלאָזט אור אויפן וועג קיין חרן און דערנאָך אַברהמ׳ס גיין פון חרן צו מערב, איז פאָרגעקומען אין צוואַנציקסטן און נײַנצנטן יאָרהונדערט פון דער איצטיקער צייטרעכענונג״.

W. F. Albright, *The Archaeology of Palestine,* p. 83.

ק א פּ י ט ל י א

1. דעם זעלבן וועג איז שפּעטער יעקב דורכגעגאַנגען ווען ער איז צוריקגעקומען פון חרן קיין כנען (בראשית, ל״ב, ל״ג). דאָס איז געווען אַ מין אינטערנאַציאָנאַלער דורכפאָרוועג.

2. אַן אַמעריקאַנער אַרכעאָלאָגישע עקספּעדיציע, אָנגעפירט פון פּראָפ. ערנעסט ראַיט, פון האַרוואַרד־אוניווערזיטעט, האָט אין אויגוסט, 1965, אויסגעגראָבן די שטאָט שכם (נאַב־לוס) מיט אירע היכל ווענט און גרויסע טויערן, וואָס זיינען געבויט געוואָרן אין 18טן און 17טן יאָרהונדערט פק״ר (אין דער צייט פון די אָבות). די געפינסן ווייזן, אַז שכם איז דעמאָלט געווען די הויפּט־שטאָט פון אַ מלוכה, וואָס האָט פאַרנומען אַרום טויזנט סקווער מייל.

3. דאָס וואָס די היסטאָריקער רופן איצט „מזרח־אַמורים" און „מערב־אַמורים" שטימט אויסגעצייכנט מיט דער צעטיילונג פון עבר׳ס קינדער, פלג און יקטן. פלג האָט זיך באַזעצט אין מזרח און יקטן אין מערב.

4. צווישן די צפון־און דרום־אַראַבישע שבטים געפינט מען נעמען, וואָס זיינען ענלעך צו די נעמען פון די קינדער פון הגר און קטרה און יקטנ׳ס קינדער. זע: W. F. Albright, *From Stone Age*, p. 239. די נעמען פון יקטנ׳ס קינדער טרעפן מיר צווישן די נעמען פון אַראַבישע שבטים און ישובים. זע: מ. ד. קאַסוטו, „מנח עד אברהם", ז. 151.

5 „די ערשטע שבטים וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף דעם שטח וואָס מ׳האָט שפּעטער גערופן ׳סיריע׳, זיינען געווען שעמיטן, וועמענס ריכטיקער נאָמען איז נישט באַוואוסט. מ׳ווייסט יאָ, אַז די סומעריער האָבן זיי גערופן „אַמורים" (מערב׳דיקע). זיי האָבן וואַר־שיינלעך אַרומגעוואַנדערט אין סירישן מדבר מיט זייערע סטאַדעס, און אַרום 2500 יאָר פק״ר האָבן זיי אויסגעוואַנדערט צו צפון־סיריע און צפון־מעסאָפּאָטאַמיע און זיך דאָרט באַזעצט". Philip K. Hitti, *"Syria,"* p. 32. מער וועגן די „אַמורים" זע: הוספות, קאַפּיטל ב.

6. אין סומעריע און אין אַקאַדיע האָט מען דעמאָלט דאָס לאַנד גערופן „ארץ־המורים", דאָס לאַנד פון די המורים. אויך אין תנ״ך ווערט דאָס לאַנד אָפט גערופן „ארץ המורים". מיר וועלן אויך דאָ רופן דאָס גאַנצע לאַנד פון די צען קעניגרייכן — „ארץ־המורים". זע טור־סיני, „הלשון והספר", דריטער באַנד.

7. „והכנעני אז בארץ" (בראשית, י״ב, ו׳). „אַ סך היסטאָריקער רופן די אַמאַליקע מערב־שעמיטן מיטן נאָמען ׳כנענים׳ און זייער שפּראַך — כנעניש. אין דער אמת׳ן ווערט אין ערגעץ (חוץ אין תנ״ך) נישט דערמאָנט כנען אָדער כנענים ביז אינמיטן פון צווייטן יאָרטויזנט פק״ר (דאָס הייסט אַרום פינף הונדערט יאָר נאָך אַברהמ׳ס צייטן)". א. ראובני, „קדמת העברים", מבוא.

8. James B. Prichard, *Archaeology of the Old Testament,* p. 111.

9. S. N. Kramer, *Mythology of the Ancient World,* Ed. p. 200.

10. בראשית, ט׳, כ״ה.

11. דאָס איז אַן אויסגעצייכנטער „מזמור לאַברהם", וואָס דריקט אויס אַברהמ׳ס בטחון אין גאָט יהוה און גאָט׳ס צוטרוי צו זיין נביא אַברהם. ישעיה האָט עס אויסגע־זונגען אין זיין נביאישער שפּראַך (ישעיה, מ״ב).

12. אַברהם האָט געבויט מזבחות נאָר כדי צו ברענגען די בשורה, אַז דאָ וועט אויפגעבויט ווערן דאָס הייליקע לאַנד. ביי דעם מזבח האָט ער אָנגעהויבן מגייר צו זיין גרים און זיי אַריינברענגען אונטער די פליגלען פון דער שכינה (בראשית רבה, ל״ט). ביז דער עקדה איז אין תנ״ך נישטאָ, אַז אַברהם זאָל האָבן מקריב־געווען קרבנות.

13. „ויסע לוט מקדם" — לוט האָט זיך צעטיילט מיט אַברהמ׳ען נישט נאָר מיט די סטאַדעס, נאָר ער האָט זיך אויך אָפּגעקערט פון דעם קדמון פון דער וועלט און ער האָט געזאָגט: „איך וויל ניט אַברהמ׳ען און איך וויל ניט זיין גאָט" (בראשית רבה, מ״א, ז׳).

קאַפּיטל יב

1. אַט־די קאָרעספּאָנדענץ צווישן דעם מיצרישן קעניג אַמענהעטאָפּ און זיינע אונ־טערטעניקע הערשער אין די שכנות׳דיקע קליינע לענדער איז אַ טייל פון די „טעל־על אמארנא־טאָוולען", וואָס וואַרפן אַ ליכט אויף דער תקופה פון די אָבות. זע: James B. Prichard, *The Ancient Near East.*

2. אין דער געשיכטע פון די בני־חת ווערט דערמאָנט אַ מלך מיט אַ נאָמען, וואָס איז ענלעך צו דעם נאָמען „תדעל״.
3. בראשית, י״ד.
4. דאָרט וואו ס׳געפינט זיך איצט דער ים־המלח איז אַמאָל געווען אַ טיפער טאָל מיט טיפע גריבער פון נאַסן ליים (בלאָטע). דער טאָל איז שפּעטער אָנגעפילט געוואָרן מיט שטאַרק־געזאַלצן וואַסער און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן טייך, אין „ים־המלח״ (טויטער ים).
5. מער וועגן אַמענעמהעט און די געשיכטע פון מצרים אין קאַפּיטל יג.
6. פון אַברהמ׳ס רייד: „ניט מיר, נאָר דאָס וואָס די יונגען האָבן געגעסן און דעם חלק פון די מענטשן, וואָס זיינען געגאַנגען מיט מיר — אשכול, ממרא און ענר — זיי מעגן נעמען זייער חלק״. פאַרשטייט מען, אַז אַברהם איז נישט געגאַנגען אין מלחמה בלויז מיט זיינע 318 „איינגעלערנטע״ (חניכיו) יונגען, נייערט מיט אַ גרויסער אַרמיי פון עברים און אַמורים, וועלכע די 318 געשולטע קריגסלייט האָבן מאָביליזירט און אויסגעשטאַט.
7. „אל־עליון״. די מלכים האָבן גערעדט צו אַברהמ׳ען אין נאָמען פון אַן „אל־עליון״, מיינענדיק דעם הויפּט־גאָט פון זייער פאַנטעאָן פון געטער. אַברהם האָט זיי אויף דעם געענטפערט, אַז ער רעדט אין נאָמען פון גאָט יהוה, נישט קיין הויפּט־גאָט, נאָר דער איינאיינציקער גאָט, דער גאָט פון אויבן, וואָס האָט באַשאַפן הימל און ערד.
8. „טאָטעמיזם״. די פאַרהייליקונג פון אַ נאַטור־קעגנשטאַנד, געווײנלעך אַ חיה, וואָס די ווילדע פעלקער האָבן באַטראַכט ווי אַן עמבלעם פון זייער שבט, און צו זיי געדינט.
9. „ספּיריטיזם״. דער גלויבן, אַז גייסטער פאַרקערן מיט מענטשן און אַז די מענטשן ווערן באַווירקט פון זייער גוטן אָדער שלעכטן ווילן.
10. דאָס איז געווען נאַטירלעך פאַר אַברהמ׳ען, ווען ער האָט אויפגענומען געסט, ספּעציעל מלכים פון אַ סך פעלקער, מיט זיי צו פאַרפירן אַ וויכוח וועגן דער וועלט און די געטער.
11. איצט ווייסט מען, אַז אין דער נאַטור זיינען דאָ אַזעלכע 103 יסודות׳דיקע עלע־מענטן און אַז דער גאַנצער באַשאַף איז צוזאַמענגעשטעלט פון אָט־די עלעמענטן.
12. בראשית רבה, מ״ג, ה׳.

קאַפּיטל יג

1. „צווישן 21טן און 19טן יאָרהונדערט האָט דאָס אַמורים־לאַנד געבליט אונטער אַ הויכער ציוויליזאַציע, ביז ס׳איז געקומען כדרלעומר מיט די אַנדערע מזרח־מלכים און האָבן אויף אַן אכזריות׳דיקן אופן אַלץ פאַרניכטעט, ווי עס ווערט דערציילט אין בראשית און ווי עס ווערט איצט באַשטעטיקט פון אַרכעאָלאָגיע״. Nelson Glueck, *Rivers of the Desert,* p. 11.
2. W. A. Fairservis, *The Ancient Kingdom of the Nile,* p. 89.
3. די סינוהע־דערציילונג האָבן די אַרכעאָלאָגן געפונען אין פאַרשיידענע נוסחאות, געשריבן אויף פּאַפּירוס. דאָס איז געווען אַ קלאַסישע טעמע אין דער אוראַלטער עגיפּ־טישער ליטעראַטור. די געלערנטע דענקען, אַז דער עיקר־המעשה איז אַ רעאַליסטישע געשעעניש, וואָס פּאַסט זיך גוט אַריין אין דער געגעבענער צייט — אין דער צייט פון פּרעה סעסאָסטריס (סענסאָרעט) דעם ערשטן (1971—1928 פק״ר). Nelson Glueck, *Rivers of the Desert,* p. 103.
4. די מיצרישע פּריסטערס האָבן שטאַרק באַוואונדערט אַברהמ׳ען פאַר זיין לומדות און פאַר זיין חכמה. נישט נאָר וואָס ער האָט אַליין געוואוסט, נאָר פאַר זיין אויסער־געוויינלעכער פעאיקייט צו קענען מסביר־זיין פאַר זיינע תלמידים די חכמות פון אַריטמע־טיק און אַסטראָנאָמיע, מיט וואָס די מיצרים זיינען נישט געווען באַקאַנט ביז אַברהמ׳ען״. Josephus Flavus, *Antiquities of the Jews,* Ch. 8.
5. „נאָמאַרך״, אַ גריכישער נאָמען פאַר אַ גאָווערנאָר, און „נאָם״ — פאַר אַ פּראָ־ווינץ אָדער פּירשטנטום.

6) פרעה כעאָפּס, דער צווייטער מלך פון דער פערטער דינאַסטיע (2550—2450). *The History of Herodotus*, p. 124.

7. איבער צוויי טויזנט פרימיטיווע געטער זיינען פאַרצייכנט געוואָרן און עס זיינען װאַרשיינלעך געווען אַ סך מער. אייניקע פון זיי זיינען: דער זון־גאָט ראַ, האָרוס, אַמאָן, און אָסיריס, דער גאָט פון טויט, און זיין שוועסטער איסיס.

8. „היעראָגליף" מיינט אַ הייליקער צייכן. די גריכן האָבן דעם נאָמען געגעבן צו דעם אוראַלטן סיסטעם פון „בילדער־כתב". די מיצרים האָבן געשריבן אויף פּאַפּירוס, אַ וואַסער־פלאַנץ, וואָס איז געוואקסן ביים נילוס. זיי האָבן פון דעם פלאַנץ געמאַכט אַ מאַטעריאַל אויף וועלכן מ׳האָט געקאָנט שרייבן מיט טינט.

9. לויטן חומש האָט גאָט דאָס בפירוש געזאָגט נאָר צו יצחק׳ן, אָבער אַברהם האָט געהערט אַן אינערלעכן קול, אַז ער זאָל נישט גיין קיין מצרים. אייניקע מפרשים ווילן האָבן, אַז אַברהמ׳ס קינדער זיינען פאַרשקלאַפט געוואָרן אין מצרים צוליב דעם חטא.

10. „פון דאָקומענטן וואָס מ׳האָט געפונען אין 1926—1939, האָט מצרים אין יענער צייט קאָנטראָלירט אַ גרויסע אימפּעריע, אין וועלכער עס זיינען געווען איינגעשלאָסן שטעט און שבטים פון פּאַלעסטינע, דרום־סיריע און צפון־עבר־הירדן".
W. F. Albright, *From the Stone Age*, p. 161.

11. „כי גר יהיה זרעך" (בראשית, ט״ו, י״ג). רש״י זאָגט אויפן אָרט, אַז די פיר הונדערט יאָר האָבן זיך אָנגעהויבן מיט יצחק׳ס געבורט און האָבן זיך געענדיקט מיט יציאַת־מצרים. יצחק, יעקב און די שבטים האָבן געלעבט אין נגב, וועלכער איז שטאַרק קאָנטראָלירט געוואָרן פון די מיצרישע הערשער. דאָס מאַכט אויך קלאָר די געטלעכע רייד צו אַברהמ׳ען, אַז ער קאָן נאָך נישט פאַרניכטן דאָס גאַנצע אֶמורים־לאַנד „כי לא שלם עון האמורי", ווייל טיילן פון די „בני־עבר" (אָמורי) האָבן נאָך דעמאָלט אָפּגעהיט די טראַדיציעס פון שם־ועבר.

קאַפּיטל יד

1. פרעה אַמענהאָטעפּ דער פערטער (איכנאטאָן, 1375—1358) האָט געוואָלט איינפירן אין מצרים אַ געוויסע פאָרעם פון מאָנאָטעאיזם. ער האָט אָנערקענט נאָר דעם גאָט אַטאָן און האָט געביטן זיין נאָמען אויף איכאַנטאָן, וואָס האָט געמיינט „דער זון־גאָט איז צופרידן". ער האָט פאַרמאַכט אַלע טעמפּלען, פאַרטריבן די פּריסטערס און אויסגעמעקט די נעמען פון אַלע אַנדערע געטער. ער האָט געצוואונגען אַלע זיינע אונטערטאַנען צו פאַרלאָזן זייערע לאָקאַלע געטער און דינער נאָר דעם זון־גאָט אַטאָן. איכאַנטאָן האָט געבויט אַ נייע שטאָט „האָריזאָנט פון אַטאָן". אויף דעם פּלאַץ וואָס הייסט איצט „טעל־על־אמארנא". אַטאָן איז ניט געווען קיין וועלט־גאָט, נאָר אַ מיצרישער גאָט, צו וועלכן עס האָבן זיך געדאַרפט בוקן אַלע אונטערטאַנען פון דער מיצרישער אימפּעריע. מיט איכאַנטאָנ׳ס טויט איז אויך אונטערגעגאַנגען זיין „גאָט".

2. בראשית רבה, מ״ה; מדרש תנחומא, לך־לך; ספר הישר, לך־לך.

3. וועגן דעם פּרוי־שוועסטער מנהג זע: *The Anchor Bible*, Genesis — E. A. Speiser, Comment on "Abraham and Sarah in Egypt."
וועגן די „חוריאַנער" (חרים פון תנ״ך) אין דער אַברהם־עפּאָכע זיינען דאָ ווייניק ידיעות. אין 15טן יאָרהונדערט האָבן זיי זיך באַזעצט אין סיריע און אין טיילן פון ארץ־ישראל.

4. לויט יאָזעפוס פלאַוויוס האָט פרעה געשיקט אַ שטאַרקע אַרמיי צו ברענגען שרה׳ן אין פּאַלאַץ. Josephus Flavius, *Antiquities of the Jews*, book 1, ch. 8.

5. מדרש תנחומא, פ׳ לך־לך.

6. S. N. Kramer, *Mythologies of the Ancient World*, p. 83.

7. דאָס מאַכט קלאָר פאַרוואָס פרעה האָט געגעבן אַברהמ׳ען אַזאַ רייכטום.

8. די דערמאָנונג פון די פלשתים אויף דעם אָרט, ווערט בכלל באַטראַכט ווי אַן אַנאַכראָניזם (שטימט נישט מיט דער צייט), ווייל עס ווערט אָנגענומען, אַז די פלשתים

האָבן איינגעוואַנדערט פון כפתור ערשט אַרום 1200 פק״ר. מ׳ווייסט אָבער יאָ, אַז כוואַליעס פון „ים־מענטשן״, צו וועלכע עס וועלן אויך צוגערעכנט די פלשתים, האָבן אָנגעהויבן אַריינוואַנדערן קיין כנען און אויפגעשטעלט „כפתור״־ישובים, נאָך פאַר 1915 פק״ר.
Cyrus H. Gordon, *The World of the Old Testament*, p. 121.

9. בראשית, כ׳, א׳—כ״ג.

10 בראשית, כ״א, כ״ב. דער אויסדרוק „אבימלך און פיכל זיין קריגס־מיניסטער האָבן זיך אומגעקערט צום לאַנד פון די פלשתים״, מיינט אַז ער האָט מסכים־געווען צו לאָזן אַברהמ׳ען און זיין מחנה זיך באַזעצן אין לאַנד פון די עברים.

11. Nelson Glueck, *Rivers in the Desert*, p. 76.

12. ציסטערנעס — אַן אויסגעקלעפּטער גרוב מיט צעמענט, וואָס קאָן דינען ווי אַ רעזערוואואַר אויפצוהאַלטן וואַסער.

קאַפּיטל טו

1. אין אַברהמ׳ס צייטן איז די שטאָט באר־שבע געשטאַנען אַרום פיר און אַ האַלב קילאָמעטער ווייטער צו מזרח פון דעם אָרט וואו די שטאָט געפינט זיך איצט. די באר־שבע פון היינט איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין יאָר 900 פון די טערקן, ווי אַן אָנשפּאַר־פּונקט פון וואַנען צו „האַלטן אַן אויג״ אויף די אַרומוואַנדערנדיקע בעדואינער פון נגב.

שוין אַרום אַ טויזנט יאָר פאַר אַברהמ׳ס צייט האָט אין נגב געלעבט אַ פאָלק, וואָס האָט זיך דערנערט פון אַגריקולטור, פי־האָדוואַניע, קופּער־אינדוסטריע און האַנדל, און האָט עקזיסטירט עטלעכע הונדערט יאָר. זע: פּראָפ. ש. ייבין, „מחקרים בתולדות ישראל וארצו״, פרק ג׳ Yaakov Morris, *Masters of the Desert*.

„ויטע אשל בבאר־שבע״ (בראשית, כ״א, ל״ג). ר׳ יהודה זאָגט: אַז „אשל״ מיינט אַ פּרוכט־גאָרטן פון פייגן, ווייַנטרויבן און מילגרוימען; ר׳ נחמן זאָגט, אַז „אשל״ מיינט אַן אכסניה, וואו מ׳קריגט ברויט, פליש, ווייַן און אייער״ (סוטה, י׳).

2. אָט־די געזעצן האָט מען געפונען פאַרצייכנט אויף די „נוזי־טאָוולען״.

3. שרה׳ס אמת׳ער נאָמען איז געווען יסכה, ווייל זי האָט געזען (סכה, זען) מיטן רוח־הקודש (סנהדרין, ס״ט).

4. אַברהם האָט גערופן יסכה׳ן מיט אַ באַשיינטן נאָמען שרה — פּרינצעסין (מגילה, י״ד).

5. בראשית, ט״ו, ד׳.

6. דער רמב״ם רעדט וועגן איין גרויסן גלגל דורך וועלכן גאָט האָט געשטעלט אין באַוועגונג אַלע גלגלים פון דער נאַטור. אָט־דער געדאַנק פון אַן אייביקער אַלאַרומנע־מענדיקער גלגל־באַוועגונג איז זייער נאָענט צו דעם, וואָס די וויסנשאַפט ווייסט שוין איצט, אַז אַלץ אין דעם אוניווערז באַוועגט זיך אין אַן אייביקן אַרומקרייז: אין הימל באַ־וועגן זיך די שטערן אַרום זייערע זונען, און אויף דער ערד באַוועגן זיך אין אַן אייביקן אומקרייז די „עלעקטראָנען״ אַרום זייערע ניוקלוסן אין יעדן אַטאָם.

7. לויט די „ליפּיט־אישטאַר״־געזעצן איז דאָס אָוועקשיקן הגר׳ן געווען אַ טובה פאַר איר, ווייל דורכדעם איז זי באַפרייט געוואָרן פון איר שקלאַפן־שטאַנד.
Cyrus H. Gordon, *The World of the Old Testament*, p. 123.

8. בראשית, י״ג, א׳.

9. בראשית, י״ז, י׳—כ״ב.

10. בראשית, י״ח, י״ג.

11. בראשית, כ״ה.

12. S. N. Kramer, *Mythologies of the Ancient World*, p. 197.

13. די מיצרים האָבן שוין פריער געהאַט דעם מנהג פון מילה. מ׳האָט געפונען די „סאַקאַראַ״־צייכענונג״, אויף וועלכן אַ מאַן האַלט אַ אינגל ביי די הענט, אויסגעדרייט פון הינטן און אַ פּריסט פירט דורך די מילה־אָפּעראַציע. זע: *The History of Herodotus*, p. 125.

14. דער רמב״ם זאָגט, אַז: „לויט דער נאַטור פון מענטשן איז אוממעגלעך פאַר אים צו גיין פלוצלונג פון איין עקסטרעם צו אַ צווייטן און ס׳איז אים שווער פלוצלונג אויפצוגעבן מנהגים צו וועלכע ער איז לאַנג צוגעוואוינט. די אידן האָבן אין די אוראַלטע צייטן געלעבט צווישן פעלקער, וואָס האָבן מקריב־געווען קרבנות אין זייערע טעמפלען. גאָט האָט דערפאַר נישט פאַרבאָטן קרבנות, נאָר פאַרקירעוועט דעם מנהג פון קרבנות אויף אַ גוטן וועג: מקריב צו זיין נישט פאַר פאַלשע געטער נאָר פאַר דעם איינציקן אמת׳ן גאָט; מקריב צו זיין נישט כדי אונטערצוקויפן די געטער, נאָר זיך צו פאַרבינדן מיט דעם באַשעפער; אנשטאָט ברענגען קרבנות מיט פאַלשע כוונות, אַריינטאָן אין דעם הייליקע כוונות (רמב״ם, „מורה נבוכים״, פרק ג׳, ל״ב).

15. בראשית, י״ז, ט׳.

16. בראשית רבה, מ״ב.

17. בראשית, י״ז.

18. בראשית, כ״א.

קאַפּיטל טז

1. לויט די כנענישע לעגענדעס, האָט זייער גאָט אֵל מקריב־געווען זיין באַליבטן זון און זיי האָבן נאָכגעטאָן זיין ביישפּיל. זע:

W. F. Albright, *The Religion of Israel,* p. 73.

2. וועגן מענטשלעכע קרבנות זע S. Macalister, *The History of Civilization.*

3. די צידונים, ווי אַלע אוראַלטע פעלקער, זיינען געווען געצנדינער, און קינדער־קרבנות איז געווען אַ טייל פון זייערע ריטואַלן. די שילדערונג איז פון פראַנצויזישן שריפטשטעלער ג. פלאָבער, געבויט אויף אַ סך היסטאָרישע מאַטעריאַלן, וואָס מ׳האָט געפונען אין קאַרטאַגע, איבערזעצט פון פראַפ. נ. שלושץ אין עברית.

„יעטווידער מאַן פון די קינדער פון ישראל, אָדער פון דעם גר, וואָס האַלט זיך אויף אין ישראל, וואָס וועט געבן פון זיינע קינדער צום מולך, זאָל געטויט ווערן, דאָס פאָלק פונעם לאַנד זאָל אים פאַרוואַרפן מיט שטיינער. און איך וועל קערן מיין פנים קעגן יענעם מענטשן, און וועל אים פאַרשניידן פון צווישן זיין פאָלק, ווייל ער האָט געגעבן פון זיינע קינדער צום מולך, כדי צו פאַראומרייניקן מיין הייליגטום, און צו פאַרשוועכן מיין הייליקן נאָמען״ (ויקרא, כ׳, א׳—ו׳).

4. „אין זייערע אוממאַראַלישע אויפפירונגען זיינען די כנענים געזונקען טיפער און טיפער ביז זיי האָבן זיך אַליין דעגענערירט און דעגענערירט אַלע פעלקער אַרום זיי״.

Nelson Glueck, *Rivers in the Desert,* p. 61.

אין 1965 האָט די אַמעריקאַנער אַרכעאָלאָגישע עקספּעדיציע געפונען אַרום שכם אַ גרויסן מזבח אויף וועלכן ס׳איז געלעגן אַ ריזיקער שטיין איבער אַ קבר פון אַ קליין קינד, וואָס איז געלעגן אין אַן ערדענעם קרוג.

5. James George Frazer, *The New Golden Bough.*

6. צען מאָל האָט אַברהם אויספּרובירט זיין בטחון אין גאָט יהוה: א) ווען ער איז געראַטעוועט געוואָרן פון קאַלך־אויוון; ב) ער האָט באַזיגט נמרודן; ג) ער האָט פאַרלאָזט חרן; ד) זיין זיג איבער כדרלעומר׳ן; ה) געראַנגל מיט פּרעה׳ן; ו) דער זיג איבער אבימלכ׳ן; ז) דער בונד צווישן די שטיקער; ח) דאָס מל־זיין דאָס גאַנצע פאָלק; ט) דאָס געבורט פון יצחק׳ן; י) דער געראַנגל ביי דער עקדה.

7) אַז „שטן און יצר־הרע איז די זעלבע זאַך״ און וועגן שמועס צווישן שטן און גאָט וועגן דער עקדה זע: סנהדרין, פ״ט, ע״ב.

8. דער אברבנאל ברענגט, אַז: „לויט געוויסע מפרשים איז דער גאַנצער ענין פון דער עקדה נישט געווען מער ווי אין אַ חלום און איז נישט פאָרגעקומען אין דערווירקלעכקייט״.

9. „והעלהו שם לעולה״. רש״י זאָגט, אַז גאָט האָט נישט געזאָגט אַברהמ׳ען ער זאָל

שעכטן יצחק'ן; עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז גאָט זאָל אים וועלן שעכטן. ער האָט נאָר געזאָגט, אַז ער זאָל אים אַרויפברענגען אויפן באַרג און דאָס זאָל אים פאַררעכנט ווערן ווי אַ קרבן־עולה (בראשית, כ"ב).

10 „מ'דאַרף נישט דענקען, אַז מיט דער עקדה האָט גאָט געוואָלט אויספּרובירן אַברהמ'ען, אַז גאָט האָט געוואָלט אויסגעפינען אַ זאַך וואָס ער האָט שוין פריער במילא געוואוסט" (רמב"ם, „מורה נבוכים", ג', כ"ד).

11. אַברהם האָט געפרעגט ביי גאָט: „נעכטן האָסטו מיר געזאָגט: 'אויף יצחק'ס נאָמען וועלן גערופן ווערן דיינע קינדער'; דערנאָך האָסטו מיר געזאָגט: 'נעם דיין זון' און איצט זאָגסטו מיר: 'זאָלסט נישט אויסשטרעקן דיין האַנט צום אינגל'. און גאָט ענטפערט אים: 'איך האָב דיר נישט געזאָגט, אַז דו זאָלסט אים שעכטן, איך האָב דיר נאָר געזאָגט דו זאָלסט אים אַרויפברענגען און דו האָסט אים אַרויסגעבראַכט. איצט ברענג אים אַרונטער'" (בראשית רבה, נ"ו, ח').

12. זע: תהלים, ק"ו.

13. „ס'לייגט זיך אויפן שכל, אַז ער איז געווען קרוב צו 13 יאָר" (אבן עזרא, וירא, כ"ב).

14. „ויקח את שני נעריו" (בראשית, כ"ב, ג') — און ער האָט גענומען מיט זיך זיינע צוויי יונגען. מפרשים ווילן האָבן, אַז דאָס מיינט מען ישמעאל און אליעזר. אַברהם איז דעמאָלט אַלט געווען 113 יאָר און זיין לעבנסלענגלעכער קנעכט האָט שוין דעמאָלט אויך ניט געקאָנט זיין קיין יונגערמאַנטשיק. „אליעזר עבד אברהם זקן ויושב בישיבה היה" — אַברהמ'ס קנעכט אליעזר איז געווען אַלט און געזעסן אין דער ישיבה" (יומא, כ"ח). ס'לייגט זיך מער אויפן שכל, אַז ער האָט מיטגענומען זיינע אייגענע צוויי „יונגען" צו באַגלייטן זייער ברודער.

„ויאמר אברהם אל נעריו שבו לכם פה עם החמור". איך און דאָס אינגל וועלן אַרויפגיין אויפן באַרג און מיר וועלן זיך בוקן און זיך אומקערן צו אייך. אַברהם האָט פאַר־אויסגעוואוסט, אַז ער און זיין זון וועלן זיך אומקערן בשלום (בראשית רבה).

15. זע: ילקוט שמעוני.

16. „די טויטע קאָנען ניט לויבן גאָט" (תהלים, י"ז).

17. ח. נ. ביאליק וי. רבניצקי, ספר האגדה, „עקדת יצחק".

קאפּיטל יז

1. Sir James George Frazer, *Folk-Lore in the Old Testament*, p. 154.

2. במה אדע... (בראשית, ט"ו). ירמיהו הנביא פאַררופט זיך אויף דעם „ברית בין הבתרים" ווי אַ בונד, וואָס גאָט האָט געשלאָסן מיטן גאַנצן פאָלק: „די מענטשן וואָס האָבן איבערגעטראָטן מיין בונד, וואָס האָבן נישט מקיים געווען די ווערטער פון בונד, וואָס זיי האָבן געשלאָסן פאַר מיר, ביי דעם קאַלב, וואָס זיי האָבן צעשניטן אין צווייען, און זיינען דורכגעגאַנגען צווישן זיינע שטיקער — די הויפּדינער, און די כהנים און דאָס גאַנצע פאָלק פון לאַנד, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען צווישן די שטיקער פון דעם קאַלב — איך וועל זיי געבן אין דער האַנט פון זייער פיינט"... (ירמיהו, ל"ד, י"ח).

3. „מנהר מצרים עד הנהר הגדול נהר פרת" (בראשית, ט"ו). אין דער צייט פון שלמה המלך האָבן זיך די ארץ־ישראל־גרענעצן אויסגעשפּרייט כמעט לויט דעם צוזאָג וואָס גאָט האָט געגעבן אַברהמ'ען. „און שלמה האָט געוועלטיקט איבער אַלע קעניגרייכן פון דעם לאַנד פון דעם טייך פרת ביז דעם לאַנד פון די פלשתים און ביז דער גרענעץ פון מצרים" (מלכים, א', ח').

4. S. N. Kramer, *Mythologies of the Ancient World*, p. 144.

5. חיתים (בני־חת). אין 1870 האָט מען אין סיריע געפונען אַ שטיין מיט אַן אומ־פאַרשטענדלעכן היעראָגליפישן אויפשריפט. די אַרכעאָלאָגן האָבן זיך גענומען צו דער

אַרבעט און אין 1907 איז אויסגעגראָבן געוואָרן אַ גאַנצע שטאָט נעבן באָגאַזקעי, אין אַנאַטאָליע. דאָרטן האָט מען געפונען גענוג אינפאָרמאַציע וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ גרויסער חיתּים־אימפעריע און וועגן די בני־חת אין אַברהמ׳ס צייטן, וועגן זייער שפּראַך און זייער קולטור. O. R. Gurney, *The Hittites.*

6. „די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, וואָס זייַנען געמאַכט געוואָרן אין דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, באַווייזן אַז ס׳איז נישט געווען קיין איין פּעריאָד אין דער אידישער געשיכטע, אין וועלכן מ׳זאָל נישט קאָנען פאַרשרייבן די געשעענישן פון יענער צייט״.

Sir Leonard Woolley, *Abraham*, p. 22.

„די עברים האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך פון זייער אָריגינעלער היים אין מעסאָפּאָטאַמיע די הייליקע קאָסמאָגאָנישע מעשיות, וועלכע זיי האָבן דאָרטן געלערנט״.

W. F. Albright, *The Archaeology of Palestine*, p. 224.

„אַברהם און זייַנע אָבות זייַנען, ווי עס ווייַזט אויס, געווען באַקאַנט מיט דער סומערישער ליטעראַטור און מ׳קאָן נישט זאָגן, אַז ס׳איז אוממעגלעך, אַז ער אָדער אַנדערע מיטגלידער פון דער משפּחה האָבן מיטגעבראַכט סומערישע פּאָעזיע און דערציילונגען קיין ארץ־ישראל און דאָס איז געוואָרן אַ טייל פון די טראַדיציעס און קוואַלן, וועלכע די געלערנטע עברים האָבן שפּעטער אויסגענוצט בשעת דעם צוזאַמענשטעל פון דער ביבל״.

S. N. Kramer, *Mythologies of the Ancient World*, p. 292.

7. זע : Abraham Millgram, *Sabath*, p. 338.

די אַרכעאָלאָגן האָבן געפונען צוויי באַבילאָנישע ליימטאָוולען. אין איינעם איז פאַרצייכנט דאָס וואָרט „שאַבאַטום״, וואָס ווערט דערקלערט ווי „אַ טאָג צו פאַרגיטיקן די געטער״ און אין צווייטן ווערט קלאָר, אַז „שאַבאַטום״ איז פאַרבונדן מיט פייערטעג פון 7טן, 14טן, 21טן און 28טן טאָג אין חודש.

ס׳זייַנען דאָ געלערנטע, וואָס האַלטן, אַז דער אידישער שבת האָט נישט קיין שייכות מיטן באַבילאָנישן „שאַבאַטום״, נאָר איז לכתחילה געווען אַן אָריגינעלע אידישע איינפירונג.

אַז אַברהם אָבינו האָט איינגעפירט דעם שבת איז דערווייל בלויז אַן היפּאָטעזע (השערה), וואָס האָט שוין אָבער אַ סך באַווייזן אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן : א) שבת איז אַ ריין־אידישע דערפינדונג; ב) שבת האָבן אידן אָפּגעהיט לאַנג פאַר מתּן־תּורה. שוין דער לשון פון תּנ״ך : „געדענק דעם טאָג פון שבת אים צו האַלטן הייליק״, ווייַזט, אַז שבת איז שוין געווען איינגעפירט פריער און דער פאַרזאָג איז נאָר געווען „אים צו האַלטן הייליק״; ג) שוין אין אָנהויב פון וועלט־באַשאַף, דערציילט דער חומש, „האָט גאָט גערוט אויפן זיבעטן טאָג פון זייַן גאַנצער אַרבעט, וואָס ער האָט באַשאַפן״; ד) ווען די אידן האָבן געוואַנדערט אין מדבר איז זיי שוין דערמאָנט געוואָרן וועגן דער הייליקייט פון שבת; ה) שבת זעט אויס צו זייַן פאַרבונדן מיט אַברהמ׳ס גרונט־אידייע פון אַן איינציקן גאָט.

8. „אין אָנהויב פון דער פאַטריאַרכאַלישער עפּאָכע, אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון צווייטן יאָרטויזנט פק״ר, איז דער אונטערשייד צווישן די פאַרשיידענע שעמיטישע דיאַלעקטן נישט געווען קיין סך גרעסער ווי די אַראַבישע דיאַלעקטן הייַנט־צו־טאָג״.

W. F. Albright, *Archaeology of Palestine*, p. 180.

8א. דאָס איז די קלינפאָרם־שריפט, וואָס מ׳האָט געפונען אויף די „אוגאַריט־טאָוולען״.

I. J. Gelb, *The Study of Writing*, p. 129.

9. דער געדאַנק, אַז אַברהם אָבינו און זייַנע סופרים האָבן אַנטוויקלט אַן אלף־בית פון עטלעכע־און־צוואַנציק אותיות און יעדער אות, האָט אויסגעדריקט אַ באַשטימטן קלאַנג, איז נאָך דערווייל אַן השערה, אָבער שטיצט זיך שוין אויף אַ סך וויכטיקע פאַקטן, ווי למשל :

א) אָלבראַיט זאָגט, אַז : „מיר מוזן נאָכאַמאָל אונטערשטרייכן דעם פאַקט, אַז דאָס שרייבן מיטן העברעאישן אלף־בית איז באַנוצט געוואָרן אין כּנען און אין די שכנות׳דיקע געגנטן שוין פון די צייטן פון די אָבות, און ס׳איז זיכער, אַז דער העברעאישער אלף־בית איז געשריבן געוואָרן מיט טינט און איז באַנוצט געוואָרן אין אַלטעגלעכן אומגאַנג אין

15טן און 14טן יאָרהונדערט פק״ר. די אָפטע ענדערונגען אין דעם אויסזען פון די אותיות באַווייזן קלאָר, אַז מ׳האָט זיך מיט זיי שטאַרק באַנוצט״.
W. F. Albrihgt, *From Stone Age,* p. 253.

ב) „די סומערישער האָבן געשריבן מיט קלינפאָרם־שריפט און די עגיפּטער האָבן גענוצט דעם היעראָגליפישן כתב... ס׳איז נישטאָ קיין שום באַווייז, אַז די עברים האָבן ווען עס איז גענוצט קלינפאָרם־שריפט אָדער היעראָגליפן־שריפט. אַזוי ווייט צוריק ביז דער צייט פון ווען ס׳זיינען דאָ פאַרשריבענע דאָקומענטן, האָבן די עברים זיך באַנוצט מיט אַ שריפט, וואָס האָט אַן אמת׳ן אלף־בית. קיין דערגרייכונג האָט ניט געמיינט אַזויפיל פאַר דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט ווי די דערפינדונג פון אלף־בית, אין 1900 פק״ר, אין דעם סיני האַלב־אינזל״.

Elmer W. K. Mould, *Essentials of Bible History,* p. 203

ג) „אַברהם׳ס וואַנדערונגען אין נגב (און אין סיני) האָבן ניט געקאָנט זיין שפּעטער ווי אין ניינצנטן יאָרהונדערט פק״ר״. Nelson Glueck, *Rivers in the Desert,* p. 76.

ד) „דער היסטאָרישער אלף־בית פון 22 אותיות, ווי ער איז צוערשט אַנטוויקלט און גענוצט געוואָרן ביי די עברים און אַראַמייער, איז געשאַפן געוואָרן אין ארץ־ישראל צו פאַרשרייבן די אידישע געזעצן און שטעלן מיט זיך פאָר ווי אַ טייל פון דער אידישער טראַדיציע. דער אלף־בית ווי ער איז באַנוצט געוואָרן ביי די פּריסטערס אין סאַמע אָנהויב, איז אַ רעליגיעזער דאָקומענט מיט וועלכן ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די אייגנציקייט פון גאָט. אין אַנדערע ווערטער: דער כנענישער אלף־בית — דער אָנהויב און דער פונדאַמענט פון לערנען און וויסן — איז די שאַפונג פון דער אידישער געניאַליטעט״ (טור־סיני, „הספר והלשון״, דריטער באַנד).

10. „ליפּיט־אישטאַר״, דער פינפטער הערשער פון דער איסין־דינאַסטיע, האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ נייעם סומערישן געזעץ־בוך (קאָוד), וועלכער איז געווען דער מוסטער פאַר דעם האַמוראַבי־קאָדעקס, כאָטש דער האַמוראַבי־קאָדעקס איז געשריבן געוואָרן אין אַקאַדיש און ניט אין סומעריש״. S. N. Kramer, *The Sumerians,* p. 72.

אָלבראַיט זאָגט, אַז: „די אַלע קאָדעקסן שטעלן מיט זיך פאָר די זעלביקע גרונט־סטרוקטור ווי די געזעצן פון דער תורה, און עס ווערט אַלץ מער וואַרשיינלעך, אַז די מאָראַל־געזעצן, וואָס זיינען פאַרצייכנט אין דער ביבל, נעמען זיך פון אַ סך פריערדיקע מנהגים און געזעצן...״ W. F. Albright, *From Stone Age,* p. 15.

11. פאַרגלייכט די עשנונאַ־געזעצן מיט ענלעכע געזעצן אין האַמוראַבי־קאָדעקס און אין תורת משה. זע: J. B. Pritchard, *The Ancient Near East,* p. 133-164.

12. „אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן״, ווערט אין תלמוד פאַרטייטשט, אַז דאָס מיינט, אַז דער שולדיקער דאַרף באַצאָלן דעם שאָדן מיט געלט (בבא־קמא, פ״ד). די עשנונאַ־און האַמוראַבי־געזעצן מאַכן אַן אונטערשייד פון אַ העכערן און נידעריקערן שטאַנד. אַ רייכן באַצאָלט מען מיט „אַן אויג פאַר אַן אויג״ און אַן אָרעמען מיט געלט.

13. דעם „האַמוראַבי־קאָדעקס״ (געזעץ־בוך) האָט מען געפונען אין שושן אין 1901. ביז נישט לאַנג צוריק האָט מען געמיינט, אַז האַמוראַבי, דער קעניג פון באַבילאָניע, האָט געלעבט אין דער צייט פון אַברהם. און אַזוי ווי אַ סך פון די געזעצן אין תורת־משה געפינט מען אויך אין דעם האַמוראַבי־קאָדעקס, האָבן „געלערנטע״ ספּעקולירט, אַז משה האָט גענומען די געזעצן ביי האַמוראַבי׳ן. איצט ווייסט מען, אַז האַמוראַבי איז געווען דער מלך אין באַבילאָניע אַרום 1728—1686 פק״ר. דאָס מיינט אַרום דריי הונדערט יאָר נאָך אַברהם׳ען און ס׳לייגט זיך אויפן שכל, אַז האַמוראַבי האָט גענומען פון אַברהם׳ען. און אויב משה האָט געדאַרפט פון וועמען נעמען, האָט ער עס אויך גענומען פון אַברהם׳ען.

14. Philip K. Hitts, *History of Syria,* p. 43.

15. „את קמואל אבי ארם״ (בראשית, כ״ב, כ״א). זעצט איבער יונתן בן עוזיאל: „קמואל רב קסומיא דארמאי״ (קמואל דער הויפּט־פּריסטער פון די אַראַמייער); „לבן בן בתואל הארמי״ (לבן דער זון פון בתואל דער אַראַמייער). (בראשית, כ״ח, ה׳).

16. בראשית, כ״ד, א׳—ס״ז.

17. אליעזר האָט געטראַכט, אַז רבקה׳ס האַנדלונג וועט אים ווייזן צי זי גייט נאָך אין די וועגן פון שם־ועבר.

18. „אַברהם האָט אין זיי איינגעפּלאַנצט די עיקרים וועגן גאָט און זיינע געבאָטן. אַברהם האָט דאָס פאַרשריבן אין ספרים און זיי איבערגעגעבן צו זיין זון יצחק, און יצחק האָט זיי איבערגעגעבן צו זיין זון יעקב, און יעקב האָט זיי איבערגעגעבן צום שבט לוי, וואָס מיינט צו משה׳ן, ווּעלכער האָט באַלאַנגט צום שבט לוי...״ (זע דעם רמב״ם אין אַריינפיר). די חז״ל זאָגן אויך, אַז: „תורה מגילה מגילה ניתנה״ — די תורה איז געגעבן געוואָרן ביסלעכווייז (גיטין, ס׳). „אַברהם האָט געשריבן ספרים און אין זיי זיינען געווען פיר הונדערט פּרקים וועגן עבודה־זרה״ (עבודה־זרה, י״ד, ע״ב).

19. בבא בתרא, צ״א.

20. מ׳דאַרף געדענקען, אַז אַרכעאָלאָגיע איז אַ נייע וויסנשאַפט, וואָס האָלט זיך איצט אין פאַנאַנדערבליען. אין אַלע טיילן פון דער וועלט גייט איצט אָן אַ פיבערישע טעטיקייט אויסצוגראָבן אוראַלטע ישובים און אַנטדעקן נייע דאָקומענטן, וואָס זאָלן באַלייכטן די געשעענישן פון דער אַלטער פאַרגאַנגענהייט; אין די גרויסע וועלט־מוזעאומס זיצן געלערנטע און שטודירן און דעשיפרירן אַלטע שפּראַכן און קולטורן. ספּעציעל זיינען די אַרכעאָלאָגן טעטיק אין נאָענטן מזרח, אַריינגערעכנט מדינת־ישראל, וואו כמעט אַלע געפינסן באַלייכטן די געשיכטע פון אידישן פאָלק. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען די געפינסן פון די מגילות ביים ים־המלח; די אויסגראָבונגען אין „קירבעט קומראן״ אין יענעם געגנט; דאָס אַריינדרינגען אין דער „מסדה״־פעסטונג; די אויסגראָבונגען אַרום שכם און אַנד. אַ דאַנק נייע אַנטדעקונגען וועלן אַ סך היסטאָרישע ידיעות נאָך מער באַשטעטיקט ווערן און אַנדערע וועט מען וואַרשיינלעך דאַרפן ענדערן. ס׳איז אָבער שוין איצט קלאָר, אַז אַרכעאָלאָגיע איז איצט דער וויכטיקסטער פאַקטאָר צו באַלייכטן אוראַלטע געשעענישן.